על אף עייפותה, היתה חשה בסיפוק כי הגישה עזרה לאורחים ואיפשרה להם להכיר וליהנות מארצנו.

7) עזרה לילדים חלשים בלימודים. בנכונותה האופיינית נענתה למפעל עזרה־לתלמיד וקיבלה על עצמה לקדם תלמידים חלשים. בבואם אליה מצאו בית חם ואוהב ופתוח. היתה עוזרת להם בראש וראשונה להכין את שעוריהם, ולאחר מכן יושבת אתם ליד השולחן ודואגת להאכילם ולהשביעם. נוסף לכך, היתה נוהגת להכין להם חבילה הביתה — אוכל ובגדים. היא אף ביקרה בבתיהם והביאה להם מתנות. הם ראו בה ידידה קרובה ומעידים על כך מכתבי התודה.

8) רגישותה לבעיות העולה החדש. אחת החובות המוטלות עלינו, טענה חיה, היא להכין בית חם לעולה החדש. ובעצמה הגשימה חובה זו. היתה דואגת להגיע לעולה שטרם הסתדר בעבודה ולהביאו לביתנו. טיפלה בו עד שמצא עבודה והשתכן בדירה משלו; או שהיתה קושרת קשרים עם משפחות עולים, פותחת את ביתנו לפניהם, מעניקה להם חפצים ודברים החסרים להם.

מקרים אלה, הם רק דוגמאות מספר מפועלה הרב, שכלל עשרות מקרים נוספים. חיה פעלה רבות בחייה למען הנזקק, החלש — למען הכלל.

ד. בעלת הכרה ועמדה

יחד עם טוב לבה ורגישותה לאדם, היתה בעלת הכרה עצמית בולטת. לאחר ששקלה בדבר מסויים, ונוכחה כי היא צודקת, היתה עומדת בתוקף

על דעתה, ומגינה על כך בהחלטיות ובבהירות. עם זאת, היתה נוהגת לשמוע את הדיעה האחרת, ואם השתכנעה שאינה צודקת, היתה מקבלת את הדין בפשטות ובכנות. דעתה היתה, שאחד מעקרונות החברה, הוא קבלת הכרעת הרוב. ואכן, אם הוחלטה החלטה מסויימת בניגוד לעמדתה, היתה מקבלת את הכרעת הרוב בהדגישה, כי חיים אנו במשטר דמוקרטי ועלינו לכבדו. היא היתה חדורת הכרה, שהמשטר הדמוקרטי הוא המתאים והטוב ביותר בחברה האנושית ויש לקיימו.



חיה, הנכדה אופירה ובעלה יהודה בחתונת הנכדה — אוגוסט 1971

מחלתה של חיה

באוקטובר 1971 הרגישה חיה כאבים ברגלה השמאלית ובגבה. בחודש נובמבר הורע המצב, אך ללא צל של תחושה כי האסון הגדול והמאיים עומד על הסף. ביום ראשון ה־21.11.71 נלקחה חיה לבית־החולים רמב"ם וכעבור יומיים נותחה. 38 ימים שכבה בבית־החולים. וכל אותם ימים היתה דעתה צלולה ונוהגת היתה לקבל את אורחיה, כשהיא מתעניינת בהם ובבני־משפחתם. אף פעם לא שמע איש הערה על חוליה, או על מכאוביה. גם כל ערש דווי, נשארה חיה אמיתית לעצמה ולתכונותיה היפות, המשיכה להתעניין בזולת ורצתה להקל עליו. האורחים, יתר החולים, הרופאים וכל הסובבים אותה, היו משתאים מאופיה המיוחד של חיה. כיצד ניסתה להנעים לכל אחד את שהותו לידה ולהרחיק ממנו כל דאגה וחרדה.

38 הימים האחרונים לחייה של רעייתי היקרה והאהובה היו ימי קירבה ועצב. מצד אחד היו אלה ימים מיוחדים במינם בעבורי. הייתי נוהג להיות במחיצת אשתי האהובה שעות על שעות בקירבה ובנעימות, ומצד שני נקרעתי מדאגה וכאב. מה נפעם הייתי כאשר הייתי בא בבוקר לבית־החולים ומוצא את אשתי שוכבת במיטה, כשעיניה פקוחות, ערניות ולעיתים גם חייכניות. נוהג הייתי לשבת לידה, מלטף את ידיה הברוכות, שביצעו כל ימי חייה פעולות

יפות וטובות, הן למען משפחתה, הן למען הציבור הנזקק לעזרה, והן למען המולדת, ולמרות חוליה, קיננה בי ההרגשה שהנה תחזורנה ידיים אלה לפעילותן המסורה.

ושם ליד מיטתה סקרתי את עברנו היפה והעשיר, כשצעדנו יד ביד, דרך ארוכה. ולבי פעם בתפילה, אולי יאיר לנו מזלנו ואשתי האהובה תבריא ותחזור למסלול חייה הרגיל ונמשיך לצעוד יחד.

על אף הכאב והסבל, חשתי באותם ימים קשים רגשות עמוקים של תודה על שניתן לי עוד לשבת ליד מיטתה, כשעיני מופנות אליה, אך ורק אליה, ולהתבודד עם האדם שידעתי עמו רק אושר. וכל מחשבותי ומעייני היו



חיה ובעלה בחנוכת המוסך בצפת

אך ורק אל רעייתי האהובה. אך מה נקרעתי מכאב ויאוש, כשבמשך כל שעות היום הייתי עד לכאבה ולמצבה, כשנוכחתי כיצד גופה הבריא והמלא פעילות וחיים, הולך ונחלש ונהרס מיום ליום, וכיצד היסורים הנוראיים אינם מרפים ממנה. במיוחד, כשידעתי כי לסבלה הנורא אין כל תקנה ותקווה. רגליה הזריזות, שבעבר עלו על הרים ובקעות בקלות, ושתמיד היו מוכנות לרקוד, לטייל, היו עתה רתוקות למיטת־חוליה. וכשהייתי מסתכל באשתי האהובה, שהיתה חלק מחיי ומאושרי במשך ארבעים ושמונה שנים, ורואה כיצד היא סובלת, היה לבי נשבר מכאב וצער. ורק מחשבה אחת קיננה בי, כיצד להקל עליה ולהרחיק את הכאבים האיומים האלה.

נורא הוא, כשאתה מביט על אשתך והיא מחוסרת־ישע ואין לך כל אפשרות לעזור לה במאומה, אף לא להקל ולו במעט על יסוריה הנוראים. כאשר לא יכולתי לשאת עוד צער זה, הייתי יוצא לפרוזדור הארוך ובוכה וזועק בחשאי, „אנא, אנא, הצילו, הצילו את אשתי שהיא אושרי!" אך לשוא, אין מציל ואין עוזר.

הסוף הנמהר

בערב יום ג' בשבוע, י' טבת תשל"ב, יום מר ונמהר, השיבה אשתי האהובה את נשמתה הזכה, כשליד מיטתה מקיפים אותה בעלה, בתה, אחיותיה וקרוביה. לפתע חשך עלי עולמי ונותרתי בדד.

עם מותה של חיה, הסתלקה מן הזירה הציבורית דמות בלתי רגילה. פועלה של חיה בתחום זה, יבטיח לה מקום כבוד בתולדות העיירות פיעסק ומוסט. אולם היא תזכר לטוב לא רק בשל פעולותיה הרבות והטובות, אלא גם בשל סגולותיה האישיות, אשר הקנו לה מעמד, כאשה רחבת אופקים, ונעימת הליכות. צירוף תכונות אלו, ישאיר חלל ריק בחברתנו.

כך נעקרה מאתנו בטרם עת יקירתנו, אהובת נפשנו.
זכרה חרוט בליבנו עד עולם.

יהודה רוז'נסקי

במלאות שלושים לפטירת יקירתנו
חיה בורובסקי ז"ל

במחשבתנו, את מתהלכת בינינו חיה, בת עיירתנו היקרה ואהובה.

אנו זוכרים אותך מימי ילדותך בעיירה פיעסק, כשאביך היקר והאהוב שרגא ז"ל נהרג באופן טראגי. הוא היה מנהל ומורה ב„תפארת בחורים" בפיעסק. בגיל עשר התייתמת ועול משפחתך הועמס על כתפיך, כי היית הבת הבכורה.

זוכרים אנו איך רצת לבית־הכנסת בפיעסק, להגיד קדיש אחרי אביך היקר, שרגא ז"ל.

ידעת יגון בנעוריך, בפיעסק, וגם כאן, בארצנו, כשבנך היקר והאהוב, שרגא ז"ל, טבע במצולות־ים ומקום קבורתו לא נודע. לבך הטהור ידע את היגון הנורא, אך הצלחת לנחם את משפחתך.

שבע שנים של עבודת פרך, רעב ומחלת מלריה־צהובה עברו עליך בעיר העתיקה בעכו. כל בני העיירה חיו חיים שיתופיים, כששתי משפחות ורווק מתגוררים בחדר אחד, והאחרים במרפסת פתוחה.

היית הראשונה שהלכה לבקש כי חנוונים ערבים בעכו ימכרו לנו אוכל בהקפה. קיבלנו מזון קלוקל, מעורב בתולעים, אך במשך חדשים פחדנו לעבור על פני חנויות־עכו בגלל החוב. את הלכת לבקש כי ימשיכו לתת לנו בהקפה, כדי שנוכל להתגבר על המצב הקשה.

הודות לך ניתן לבעלך יהודה להמשיך בעבודתו הציבורית, לבתך צפרירה לסיים את לימודיה האקדמאיים, ולאחיותיך ובניהן להסתדר בארץ. באיזו מסירות טיפחת את נכדיך. סבתא מסורה ונאמנה כמוך תזכר לנצח.

כיצד אפשר לנחם את משפחתך הענפה, שכה מסורה היית לה בחייך?

חיה יקרה, ביתך היה מקלט. כל עולה חדש מעיירת פיעסק קיבל בו עזרה. ולא רק בני עיירתך. כל מי שפנה אליך, לא הושבו פניו ריקם. והכל בצנעה שלא על מנת לקבל פרס.

חיה יקרה, חייצ'ה בת עיירתנו האהובה, נבכה אותך ולא נחדל כל ימי חיינו.

יהי זכרך ברוך.

מרי בנדור

לזכר אחותי חיה ליום השלושים

עברו חלפו שלושים יום. אני עומדת ליד קברך הרענן והלב ממאן להאמין. האמנם שוב אינך אתנו? כרעם ביום בהיר הגיעה בשורת איוב, שאת, אחותי היקרה, חולה אנושה. אבל קוינו לנס, ביודענו את אופייך, סבלנותך ואומץ לבך. נהגת כגיבורה. נמנעת מלספר על עצמך, מכאוביך ויסוריך. ואנו עמדנו יום יום ליד מיטתך, וראינו אותך נאבקת עם המחלה האיומה.

בעלך היקר יהודה יבל"א עזב את כל עיסוקיו ולא סר ממיטתך. בתך יחידתך צפרירה, מאור עיניך, לא ידעה מנוחה. כל שעה, כל רגע, כשרק התפנתה מעבודתה הרבה והאחראית באוניברסיטה בירושלים, באוניברסיטה על הכרמל או בבית־הספר התיכון, ספגה כמה שרק אפשר ממבטך הרך, כי כבר קשה היה לך לדבר. נכדתך החמודה והאהובה אופירה, היתה באה אליך, מחבקת ומנשקת את גופך ואומרת: „סבתא'לה, תחיי אתנו, רק תחיי". גם יתר בני המשפחה לא פסחו על יום אחד של ביקור. אנחנו האחיות רצנו אליך יחד עם גיסתך המסורה ברוריה, שכה אהבת אותה. ומשפחותינו מקרוב ומרחוק, יום יום באו אליך.

חשבנו מה לעשות כדי להקל עליך ולו במעט. טובי הרופאים הוזמנו אליך, קיבלת את הטיפול היעיל והמודרני ביותר. ולא עלה בידינו להצילך.

וכך הצטרפת אל שרגא ז"ל. שרגא העדין, אציל הנפש והכשרוני, שנסע בשליחות לאומית כה חשובה, לפתוח נתיב מים למדינתנו המתחדשת, וניספה. על יהודה האומלל, שטרם הגלידו פצעיו, הונחתה מהלומה נוספת באבדו אותך, את הרעיה האהובה, המסורה והשותפה בכל. מה רב שברו. ומה רב שברה של צפרירה הנושאת כל השנים בלבה את הכאב העמוק והגעגועים לאחיה יחידה.

חיה יקרה, כאשר שרגא נלקח ממך, בכה לבך במסתרים כדי לא לצער אותנו. עד יומך האחרון היית כה מסורה לנו. ולאבד אותך — קשה מנשוא.

בכל חג, בכל אירוע, היינו מבקרים בביתך המרווח והנאה. תמיד דאגת לאיחוד המשפחה, ובדרכך נמשיך. הבית הגדול עומד מיותם, ואנו מבכים את מותך בטרם עת.

חיה אחותנו היקרה, בלבנו לנצח תחיי.

חנה דיכטר

לעילוי נשמתה של אחותנו חיה

זה ימים מלווה אותי תפילתו האחרונה של שמשון: „ה׳ אלוהים, חזקני נא אך הפעם הזאת״, שאוכל להאיר את מעשיה של אחותנו חיה.

לא אני האדם המסוגל לתאר את אישיותה של אחותי חיה. לשם כך דרוש אמן. הוא היה מחבר ספר עב־כרס, המגולל את כל קורות חייה. אולם אני, שלא כאמן, הייתי פותחת את הספר בשני מזמורי תהילים.

מזמור א׳

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים
ובדרך חטאים לא עמד
ובמושב לצים לא ישב,
כי אם בתורת ה׳ חפצו
ובתורתו יהגה יומם ולילה.

מזמור ט״ו

ה׳, מי יגור באוהליך, מי ישכון בהר קודשיך?
הולך תמים ופועל צדק
ודובר אמת בלבבו.
לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה.
נבזה בעיניו נמאס ואת יראי ה׳ יכבד.
נשבע להרע ולא ימיר.
כספו לא נתן בנשך ושוחד על נקי לא לקח.
עושה אלה לא ימוט לעולם.

כל אלה היו תכונותיה של אחותי חיה, שבחרה בדרך ה׳, היא הגשימה אחת לאחת את מצוות־עשה, כצדיקה תמימה. וכל מה שעשתה, בסתר עשתה. מרשעים התרחקה, בין ליצים לא ישבה ובנושאים של רכילות מאסה. רק באמת דבק לבה. ולאור אמת זו צעדה כל ימי חייה. ביתה היה פתוח לכולם, לבני משפחה, קרובים מכרים, ידידים. מהמעט שהיה לה הפרישה כדי להביא

אחים מהגולה ולעזור להם להתבסס. כך הביאה את אחותנו בלה, שהיתה קטנה וצעירה מכדי לעבוד בבית־חרושת לגפרורים בעכו. לכן הפרישו לה חיה ובעלה מפרוטותיהם ורשמו אותה לבית־הספר החקלאי בנהלל. פה תקנה דעת ומקצוע לעתיד, אמרו.

חיה, בעלה יהודה ובנם הרך שרגא גרו בעכו הערבית, בדירה קטנה וצרה. לילד לא היתה מיטה מתאימה לשינה ומנוחה, לא די מזון, ואפילו לא פינה משלו. חיה נשאה את עיניה לארון. מעט המטלטלים שהביאה מביתה היו מפוזרים בחדר הצר. ארון היה משליט קצת סדר ומקל על הדוחק. ערב אחד חזר יהודה מהעבודה ובידו חמש לירות. חיה קפצה משמחה. סוף סוף הגיעה השעה לקנות ארון. אבל, מיד נזכרה באחותה, הלומדת בקורס האחרון שבסמינר ואין לה במה לשלם שכר־לימוד. למחרת נשלח מכתב לגולה ובו שכר הלימוד בעבור חנה. אחר כך הביאה חיה ארצה את אחותנו מרי, את אחותנו שרה׳לע ז״ל, את אחותו של יהודה, ברוריה, ואת בן־הדוד חיים. כולם נתקבלו בדירה באהבה, ללא תלונה על שצר המקום.

ימים קשים הגיעו לישוב היהודי הקטן בעכו. סכנת מוות ריחפה על האנשים. לבסוף נפלה ההחלטה: הנשים והטף יעברו לפי שעה לנווה־שאנן. והמקום הררי וריק מתושבים. הנשים נתנסו בסבל, והדאגה לגורל הבעלים כירסמה את ליבותיהן. הגורל המשותף איחד כמה זוגות לחבורה: יהודה רוז׳נסקי, זיידל ריידבורד, שמעון דומשביצקי, ליסובסקי, יהודה וחיה, מאיר בורובסקי ז״ל.

לאחר זמן יצאו כולם להקים בתים בקרית־חיים. שם נפרדה החבורה, כאשר כל משפחה מקבלת בית, גינה ומשק־עזר, כדי להתחיל בחיים משלה.

דאגה חדשה החלה מקננת בלבה של חיה: עוד מעט יגיעו האחיות והקרובים לפרקם. והיכן יחוגו את חתונותיהם? מאחר וביתה קטן היה, החליטה לשתול דשא בחצר. רבים השתוממו, אף התלוצצו: מדוע להשקיע כוחות כה רבים בטיפוח דשא? אולם על הדשא חגגו את חתונתה של האחות בלה. בעלה של בלה טוען: „עד היום אינני מבין מדוע חגונו את חתונתנו שם. הורי התגוררו בנהלל. כמו כן היו לי בני משפחה מבוססים רבים בארץ". אבל חיה גידלה את בלה בפרוטות האחרונות, לכן סירבה להוציא את השמחה מביתה.

כך החל מעגל השמחות. על הדשא נערכו חתונותיהם של אחותנו מרי, של ברוריה אחות יהודה, של בן־הדוד חיים ושל צפורה ליכטנשטיין, בת ידידים שמוצאה מכפר הקרוב לפיעסק.

הבית בקרית־חיים התרחב משני חדרים לארבעה. לאחר השואה החלו ניצולים להגיע. שני בני־דודים של יהודה, זלמן קפלן וראובן ברזילי. אתם הגיע גם קרוב־רחוק של בעלי המנוח, שמואל ליפשיץ. כולם מצאו בית אצל חיה. היא דאגה למזון, לבגד, למנוחה וכסף־כיס. בחדר הגדול ביותר, שנועד להיות חדר־אורחים, שוכנו האחות ברוריה ובעלה, שיצאו בוקר בוקר לעבודה. חיה גידלה את בנם אבנר. היא שלחה את הילד לגן שבע ומצוחצח וגם

היתה חוגגת עמו את כל החגיגות. אבנר גדל, אך הקשר עם דודתו לא נותק. היה בא אליה, מספר לה על מעשיו והיא קרנה מאושר.

באותו יום שלישי מר, חזר אבנר ממילואים. בטרם סר לביתו רץ לבית־החולים לראות את דודתו חייטשה, כפי שקרא לה. היא הכירה אותו וגם מילמלה שלום אחרון.

אבנר אינו דברן מטבעו, אבל בדרכו מבית־החולים הביתה עלו בליבו זכרונות. כיצד התכוננה חיה לקבל את פני. באחד הימים קיבלה חיה ידיעה, שעזבתי את מחנות גרמניה בדרכי לישראל. היא לבשה חג. והימים ימי מלחמת השחרור. בחיפה אי־אפשר לעבור. כדורים עפו מעל ראשי האנשים. כל זה לא מנע בעד חיה ויהודה לשבת במכונית המשוריינת ולהגיע לנמל. כך שוכנתי בביתם. הם מסרו לי את חדר־הילדים. צפירה ושרגא היו כבר גדולים. מהיום יארחו את ידידיהם במרפסת. בחורף, בחדר־האוכל. הם לא סירבו, להיפך, קיבלו זאת באהבה וברצון. עתה היו במטבח הקטן שלוש עקרות בית. אבל חיה פנתה אלי: „לא, אחותי, עליך להתבסס. אני אמלא את הדרוש למשפחתך". היא ערכה את הקניות והודות לעזרתה חסכנו פרוטה לפרוטה ויכולנו לרכוש לנו דירה משלנו. כך הקלה עלי את יסורי הקליטה. הסוכנות עמדה לתת לנו דירה מהרכוש הנטוש בחיפה. חיה לא הסכימה. המלחמה רק החלה. ובגלל דירה נסכן את חייכם? לא! אצלנו תגורו ואתנו תחיו. זמן רב חלף עד שעברנו לדירתנו־אנו.

אני זוכרת כי באחד הערבים הראשונים בביתה הזמינה אותי חיה לשכב לידה במיטה. סירבתי. כיצד יכולתי לשכב במיטה כה נקיה ולבנה ואני עדיין מכוסה באבק המחנות והנדודים! היום אינני סולחת לעצמי על שהחמצתי שעה זו. חיה רצתה לשוחח עמי. 24 שנים עברו מאז נפרדנו מבית אמא. מה רציתי לספר לה הכל. ביחוד על החבילות שהיתה שולחת לי בדרך לא דרך. אני יודעת, אחותי, שהיית משוטטת בין המשרדים הרבים, כדי למצוא דרך להעביר אלינו בגד או נעל. יכולתי לספר לך שהצלת אותנו מרעב, מזוהמה ומחרפת עירום במחנות המוות. מאז לא מצאנו הזדמנות לשיחת־אחיות. אני זוכרת ולא אשכח, איך לווית אותי לדירתנו, לווית אותי כאמא טובה. מאז ביקרת אותי שבוע שבוע, ובלילות שישי ישבנו כולנו יחד.

למרות הכל, לא מיצינו עד תום פגישות אלה. תמיד לא היה די זמן, תמיד הפריע משהו. הסוף בא פתאום ואני חזרתי לעולמי הבודד.

חיה נותנת יד לנצולי עיירתנו

שנת 1950. ניצולי השואה החלו להגיע והם שרידים אחרונים מעיירתנו. חיה הושיטה יד לכל אחד. תמכה, עודדה, ביקרה, הזמינה אליה, עזרה ודאגה עד שהסתדרו יפה. אף פעם לא התבטאה: „עזרתי להם להסתדר". רק השמחה העידה על הסיפוק הנפשי.

באחד מימי מלחמת השחרור קיבלה מכתב מאחותה בלה בהרצליה: הם חוגגים את הבר־מצווה של בנם הבכור שי. הדרך מחיפה לתל־אביב

היתה בחזקת סכנה. איש אינו יוצא ואינו בא. רק חיה ויהודה נסעו והגיעו. שם נפגשו עם אשה אחת, שסיפרה להם שבמעברה של קרית־שמואל מתגוררת קרובתה. בנה של זו הגיע לבר־מצווה, אך אין באפשרותה לערוך את השמחה. חיה אפתה עוגה, לקחה בקבוק יין וממתקים ופנתה למעברה. שם חיפשה ומצאה את האשה. נכנסה במאור פנים ואמרה: ,,באתי לחוג אתכם את הבר־מצווה של בנכם". האשה נדהמה. מה? איך? מאין את? וכיצד נודע לך? חיה סיפרה לה על הפגישה עם קרובתה. מיד פרסה את העוגה והכינה את השולחן. האשה רצה אל השכנים, הזמינה אותם וכולם חגגו את הבר־מצווה כדת וכדין. לימים הופיעה האשה בלווית חיל. האשה עמדה בפתח ואמרה: ,,זהו הבן שחוגגת את הבר־מצווה שלו". חיה לא הוזילה דמעה כדרך נשים. אלא לחצה את ידי החיל באהבה ואמרה: ,,אתה ודאי זוכר את ברכתי, שתגדל ותהיה ליהודי טוב ובעת מצוקה תגן עלינו. הנה קיימת את ברכתי". זמן רב שוחחו השניים. כך מצאה חיה דרך להרבה עולים. התעניינה במצבם ושיתפה בכך את בעלה.

חזון אבינו התגשם

עם קום מדינת היהודים הרגישה חיה, שחזון אבינו ז"ל התגשם. חזון זה נשאה עמה מגיל 7. הכמיהה לגאולת ישראל נתעוררה אצלה על־ידי האב, לא בסיפורים כי אם במעשים. אבא אהב לקחת אותה לכל מפגש ואסיפה. באותה תקופה נסתמנו ברחוב היהודי שני זרמים חדשים: ,,הבונד" וה,,סוציאליזם". והם משכו את הנוער אליהם. אבא הרגיש בסכנה. מיד אירגן ותכנן תנועת־נוער וקרא לה ,,תפארת־בחורים". הוא מסר ספר תורה לבית פרטי והזמין לשם את הנוער. הפגישות העיקריות התקיימו בשבת. מתפילות השבת עברו לשירי־נוער. כאן נשבתה חיה בקסם החזון של אבינו.

האושר לא האריך ימים. אבינו נספה בתאונת דרכים. האסון המחריד הפך את חיה לאדם מבוגר בן לילה. מיד נרתמה לעול הבית והפרנסה. עזרה לאמא, טיפלה באחיות הקטנות ממנה. כל השבוע עבדה, אך ביום השבת בבוקר נעלמה מן הבית. היא רצה ל,,תפארת־בחורים". שם הצטרפה אל המתפללים. שם מצאה צעירים מלוכדים סביב רעיון הגאולה.

הגיעה שנת 1917 ועמה ,,הצהרת בלפור". חיה, שגדלה והתבגרה, היתה בין הראשונים שנרשמו ל,,חלוץ". שם פגשה את בעלה לעתיד. השניים התכוננו לבנות את חייהם המשותפים בארץ האבות. חיה ויהודה נישאו. כך נעקרה מביתנו. עולמה של אמא חשך שנית. כי באופיה של חיה ראתה אמא, את כל אישיותו של אבא.

הנכד הבכור

חיה נישאה שנה לפני העלייה ארצה. לתקופת השנה נולד בן. חיה ילדה אותו בביתנו. לתינוק ניתן שם אבינו: **שרגא.** אמא זכתה לנענע את עריסתו של נכדה הראשון. אמא ידעה שאושר זה ימשך לרגע קט. במלאת לילד שנה

יצאה חיה לדרך — לבעלה ולארץ ישראל. יהודה נסע לפניה. כאן לא חיכו לה לא דירה, לא ריהוט, לא אם ואחות. אך את אושרה השיגה. מעתה יהיו יחד ויגדלו את בנם היפה והענוג. היה זה בשנת 1925. לאב הצעיר היה חדר קטן והוא הרוויח כדי פרנסת משפחתו „אבל", אמר יהודה, „באנו לבנות בית לכל היהודים". אז הוחלט להקים גרעין יהודי בעכו. למטרה זו התארגנו כמה זוגות צעירים וגם רווקים ויצאו לעכו. במקום זה עברו עליהם שבע שנים קשות. שבע שנות סבל, רעב, בדידות, עבודה מפרכת. חיה הצליחה ליצור קשר עם הערבים. היא מצאה חנות שבעליה הסכים לתת להם בהקפה. כסף מזומן היה בימים ההם יקר מציאות. החוב בחנות גדל. החנווני הפסיק לתת את המצרכים המינימליים. חיה הורידה את טבעת הקדושין והלכה לשוק. בשובה, היה לכולם אורז לאכול. החיים בעכו הפכו קשים ומסוכנים. לכן מצאו מפלט בנוה־שאנן, אבל רק נשים וילדים. הגברים נשארו בעכו. שם, על שפת הים, היה מקור פרנסתם. הם עבדו מעלות השחר ועד צאת הכוכבים בהובלת זיפזיף. כעבור זמן לא רב החלו לבנות את קרית־חיים. יהודה וחבריו יצאו ליישר את החולות. פעם אמר יהודה אל חיה: „שבע שנים חיינו בעכו, זה היה שגעון וטירוף הדעת". חיה שיסעה אותו, „לא, יהודה, אינך צודק. לא שיגעון היה זה, כי אם חזון". היא ראתה בחזון ליבה, שכאן על חוף ימה של עכו, על ידי הובלת הזיפזיף, הונח היסוד לתחבורה הישראלית „אגד".

ראשונים בקרית־חיים

חיה היתה בין תושביה הראשונים של קרית־חיים. ארבעים שנה התגוררה שם ונשארה נאמנה לרעיון השיתופי. על אף שצמחו חנויות בסביבה, ובהם קל היה לקנות בלי תורים ובלי ביזבוז זמן, לא שמה לב לכל החידושים. היא תמכה ברעיון הצרכניה והמשיכה לקנות רק בצרכניה. כך חינכו רבים מתושבי קרית־חיים את ילדיהם ואלה מילאו את תנועות הנוער, הפלמ"ח והקיבוצים בכל חלקי הארץ.

מלחמת השחרור

הכל התכוננו לקרב אחרון — לשחרור המולדת מידי זרים. ב־1948 פרצה מלחמת השחרור כל משפחת בורובסקי גוייסה. האב אירגן את התחבורה לקרב. הבת צפירה, בת ה־18, היתה פעילה בשורות הפלמ"ח. הבן שרגא ז"ל עסק בהצלת הנוער העזוב והמשוטט ברחובות חיפה. האם עזבה את הבית והתנדבה לעבור קורס בעזרה ראשונה, כדי למלא תפקיד של אחות.

הבת וקבוצתה לוחמים ליד מבצר מלכיה. מכתבים ממנה אין הדואר מביא, אף לא דרישת שלום. לבסוף הגיעה הבת לחופשת־שבת. האם המאושרת, רצה ומכינה מטעמים, מכבסת ומגהצת את בגדיה. והכל בזריזות, כי עם צאת השבת עליה לחזור. נקודת המפגש היה קיבוץ יגור. הערב ירד. האב לקח אוטובוס „אגד" וההורים מלווים את הבת ליגור. ליד שער הקיבוץ נפרדו. האם נשקה את בתה היחידה נשיקה חטופה. האם יודעת, שבעוד שעה־

שעתיים תצא השיירה לגליל העליון — למלכיה, והדרך בחזקת סכנה. חיילים בריטיים שומרים על כל דרך ושביל, ואתם משוטטים ערבים צמאי דם.

חיה ויהודה חזרו הביתה. יהודה עמד לצאת לשמירת לילה ולא הבחין כיצד חיה נעלמה מעיניו. היא נכנסה להחליף בגדים והופיעה בבגדי חאקי, „אני אצא הלילה לשמור במקומך, עליך לנוח". השומרים קיבלו אותה ללא התנגדות. הם ידעו שתמלא את התפקיד כהלכה. עם בוקר חזרה הביתה ובמשנה מרץ מילאה את תפקידיה.

מלחמת השחרור פרצה. לבתי־החולים החלו מגיעים פצועים ראשונים. חיה סיימה קורס לעזרה ראשונה. עתה התייצבה בפני הרופאים בחדר־הניתוחים.

יום לפני חג העצמאות הראשון, נסעה חיה לחיפה. היא נסעה לבחור דגל. בשובה הניפה אותו מעל ביתם ובעצמה יצאה לשמוח ולרקוד ברחובות קרית־חיים.

חיה שילמה את המחיר המלא בעבור תקומת ישראל. בנה היחיד בן ה־25 נסע לפלס דרך לצי הימי של ישראל, ולא חזר. העלם תכנן יחד עם חבריו להניח יסוד לתחבורה ימית. הוא, שרגא, העלה את הרעיון הזה. „אבי יסד אזנ התחבורה היבשתית ואני איסד את התחבורה הימית", אמר. בדמיונו ראה איך אניות ישראל שטות בנמלי העולם ומעליהן מתנוסס דגל ישראל. שרגא יצא להביא את האוניה הראשונה לנמל הבית. בדרך צלל עמה אל התהום. האם לא האמינה באובדן בנה. ימים ישבה על חוף הים ועיניה תרות את האופק. הוא מוכרח לשוב! איש לא הבחין באם בודדת ששוטטה לאורך החוף, כשדמעותיה מתערבות בגלי הים. האם לא התלוננה. לא על הגורל ולא על המפעל אשר בשמו נשלח הבן. היא החניקה את הכאב בלבה.

מפנה חל בחייה. היא החלה לבקר בבית־הכנסת. כל חג ומועד היתה מאריכה שם בתפילה.

חיה עזרה לבעלה לעסוק בעבודה צבורית. היא היתה יושבת ערבים ארוכים ומחכה לשובו, כי רצתה לקדם את פניו במטעמים שהכינה למענו. בשעות אלה של ציפיה לא התבטלה. ידיה תמיד עסקו במלאכה. פעם סרגה סוודר חם לנכדה ופעם לבעלה. והרדיו פתוח והיא מאזינה, נהנית ולומדת.

עם מותו של שי עגנון החלה לקרוא את יצירותיו. היא בחרה ב„הכנסת כלה". ביצירה זו מצאה הווי יהודי של העבר הרחוק, בעיירות פולין. אני מצטערת, שלא קראה את היצירה „קדושת השבת". שם היתה מוצאת את עצמה ועולמה. עגנון דיבר בשם משה רבנו, שאמר, „אדם המתרחק מרכילות ועוסק במלאכה אפילו בשבת, השבת מאירה עליו ועל ביתו כל ימות השבוע".

חיה'לע אהבה לשיר. והזמר האהוב עליה היה: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד". וכלל לא ידעה, שזמר זה נוצר כדי להלל את שלום־הבית שלה. השלום והאהבה ששררו בינה ובין בעלה לא היה כדוגמתם. עתה

הנציח בעלה את מסירותם זו לזו בקבר משותף. הוא מצא חלקה עשירה בעצים ופרחים. שם נכרה הקבר והמצבה המפוארת תספר על חיים שעברו בפעילות מתמדת ובתוכן רב.

יקירתי, שתי שמחות גזל הגורל ממך. לא תזכי להיות באולם האוניברסיטה בירושלים עת יעניקו לבתך צפרירה את התואר דוקטור. אבל היא יודעת כי את התואר הנכבד הזה הענקת לה את — האם. ולעוד שמחה אחת ציפית בכל ליבך: להכין את שמחת הבר־מצווה של נכדך, ילד־טיפוחייך. על סף השמחה הלכת מאתנו.

ועתה ניקח קרן אור מדמותך והיא תאיר עלינו ועל ביתך.

יהודה בורובסקי

צום אנדענק פון חיה בורובסקי ז״ל

אַ שווערער אומגליק איז אַראָפּ אויף מיין הויז. אַ שווערער אומגליק איז אַראָפּ אויף דער פּיעסקער משפחה. עס איז אַוועק פאַר דער צייט חיה, מיין פרוי, דער טייערער מענטש און איינע פון די גרויסע געשטאַלטן פון פּיעסקער הויז. און דורך דעם היל פון אומעט און טרויער, וואָס נעמט מיך אַרום און שטיקט מיך, רייסט זיך אַרויס פון מיר די נויטווענדיקייט צו שילדערן די געשטאַלט פון חיהן און איר געשיכטע אַלס אַ לעבעדיקן אָנדענק פאַר אונדזער הייליקן בוך.

אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט די דאָזיקע אויפגאַבע, ווייל חיה איז, דורך איר לעבנס־וועג אין אונדזער שטעטל און באַזונדערס אין אונדזער לאַנד, געווען איינע פון די צענטראַלע, פּאָזיטיווע און בויערישע געשטאַלטן אין דעם צוזאַמענגעבונדענעם קאַפּיטל פון לעבן פון די פּיעסקער לאַנדסלייט. און די געשיכטע פון איר לעבן און פערזענלעכקייט בילדן אַ וווּנדערבאַרן לעבנס־בוך פון אַ טאַכטער זון אונדזער שטעטל, וואָס האָט באַוויזן צו פאַר־ווירקלעכן מיט איר פערזענלעכקייט און מיט איר לעבנס־וועג דאָס בעסטע און שענסטע וואָס עס זענען געווען אונדזר שטעטל און אונדזער געזעלשאַפט. אַזוי אַרום האָט זיך איר לעבן פאַרוואַנדלט פון אַ קאַפּיטל פּריוואַט לעבן אין אַ סימבאָל פון דערהויבענע אויפגאַבן און פאַרווירקלעכונג פון יענעם ציבור־מענטשן, וואָס איז פאַרבליבן פון שטעטעלע פּיעסק.

חיה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905 ביי אירע עלטערן שרגא און רחל צין ז״ל אין שטעטעלע פּיעסק, גראָדנער גובערניע אין ווייס־רוסלאַנד. אין דער פאַמיליע זענען געווען זעקס טעכטער, די עלטסטע פון זיי, חיה. איר פאָטער שרגא ז״ל האָט געהאַט אַ שניידעריי, אין וועלכער עס האָבן געאַר־בעט פּערמאַנענט 10—12 אַרבעטער. די דאָזיקע שניידעריי האָט געאַרבעט פאַר די איינוווינער פון שטעטל און באַזונדערס פאַר די גוטבאַזיצער אַרום פּיעסק. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ גוטע. באַזונדערס איז געווען איר פאָטער בולט אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. ער האָט געגרינדעט אַ בית־כנסת „תפארת בחורים״ און איז געווען זיין ערשטער פירער. אויסער דעם האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דער „גמילות־חסדים״־קאַסע, וואָס האָט געבראַכט פיל נוצן די נויטבאַדערפטיקע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער

פרנסה פון אלמנות און יתומים, האָט געזאָרגט חתונה צו מאַכן יתומים, וואָס זענען געוואָרן דערוואַקסן און האָט אויך געזאָרגט פאַר יתומים זיי זאָלן לערנען אין חדר, אין תלמוד־תורה. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער פאָטער שרגא איז אומגעקומען אין אַ פּאָרפאַל אין די וועגן אין יאַנואַר 1914 אין עלטער פון בלויז פינף און דרייסיק יאָר און די פאַמיליע איז געבליבן אָן פרנסה.

מיטן טויט פון קאָפּ פון דער משפחה איז דער גאַנצער עול פון אויס־האַלטן די משפחה געפאַלן אויף דער מוטער רחל און אויף דער עלטסטער טאָכטער חיה (חייטשע, ווי מען האָט זי גערופן ביז איר לעצטן טאָג), וועלכע האָט זיך שוין פון אַ יונגן עלטער אויסגעצייכנט מיט אירע פעאיקייטן און מיט אירע אייגנשאַפטן. די מוטער און די עלטסטע צען־יאָריקע טאָכטער האָבן אָנגעהויבן זוכן קוועלעס פון פרנסה פאַר דער פאַמיליע. זיי האָבן געעפנט אַ שפּייז־קראָם אין הויז, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון די קונים זענען געווען די גוט־באַזיצער; זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פלאַנצן טאַ־באַק, וועלכן זיי האָבן פאַרזייט אויף דעם באָדן פון די קריסטן אין שטעטל און אין די אַרומיקע דערפער; מיט ערד־אַרבעט אויף זייער פלאַץ פון 10 דונאַם, וווּ זיי האָבן פאַרזייט תבואות און קאַרטאָפל. און אַזוי האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס הויז אונטער דער לייטונג פון דער מוטער און דער עלטס־טער טאָכטער ווי אַ וואַרעמע נעסט מיט אירע יונגע טייבעלעך, און זייער הויפּט־זאָרג איז געווען ווי אַזוי אויפצוהאָדעווען און דערציען די דאָזיקע קינדער ביז זיי וועלן קאָנען שטיין פעסט אויף זייערע פיס און זיין זעלב־שטענדיק.

אין יאָר 1914 איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג און די עקאָ־נאָמישע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. די מוטער און די עלטסטע טאָכטער זענען אַוועק אין די דערפער, כדי צו באַקומען אַ ביסל תבואה פון די קריסטן. ביידע האָבן געשלעפּט אויף זייערע פלייצעס אויף אַ מרחק פון 6—7 קילאָ־מעטער ביי 15—20 קילאָ תבואה, כדי צו דערנערן זייער פאַמיליע.

אין סעפּטעמבער 1915 זענען די רוסן אָפּגעטרעטן און עס איז אַריין די דייטשע אַרמיי. מען האָט פּראָקלאַמירט אַ מיליטערישן צושטאַנד און די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. די 11־יאָריקע חיה האָט אָנגע־הויבן לערנען ווי אַזוי צו דיסטילירן אַלקאָהאָל פון תבואות און האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויסאַרבעטן שאַרפן בראַנפן. דאָס יונגע, קלוגע און וואַכזאַמע מיידל איז געפאָרן און געגאַנגען צופוס פון שטעטל צו שטעטל, דיסטאַנצן פון 50—60 קילאָמעטער, כדי צו לערנען מענטשן ווי צו דיסטי־לירן שאַרפן בראָנפן, ווייל דאָס איז געווען אַ פאַרלאַנגטער אַרטיקל. זי האָט שיין פאַרדינט און פלעגט ברענגען דער מוטער אירע פאַרדינסטן. אַזוי אַרום האָבן זיי געקאָנט קויפן אַ ביסל שפּייז צום עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן פאַר די קליינע שוועסטערס. איך געדענק רחלען ז״ל דערציילן, אַז „אַזאַ גע־לונגען מיידעלע ווי חייטשענקע איז נישטאָ אויף דער וועלט". איך האָב

זיך איבערצייגט, אַז די מוטער איז געווען גערעכט. עס זענען נישט געווען אַ סך אַזעלכע געלונגענע ווי חיה. דאָס דאַזיקע איידעלע קינד האָט געשלעפּט צוזאַמען מיט דער מאַמען דעם עול פון דר פאַמיליע ביז די קליינע זענען אויפגעוואַקסן און האָבן מיטגעהאָלפן דער מוטער און עלטערער שוועסטערביים טראָגן דעם יאָך פון דער משפחה. די מיידלעך האָבן געלערנט, האָבן זיך דערצויגן לויט דער טראַדיציע פון פאָטער און מוטער (די צין־מאַפּיליע איז געווען פון די בעסטע אין שטאָט).

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען פאַרגרעסערט אין דער אומגעגנט די טאַבאַק־פלאַנצונגען. די 15־יאָריקע חיה האָט מאָביליזירט אירע קליינע שוועסטער פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, און זיי האָבן געפלאַנצט גרויסע שטחים מיט טאַבאַק. די טעכטער פון דער פאַמיליע צין האָבן באַוויזן צו באַקומען אַ גרעסערע פּראָדוקציע פון די משפחות, וועלכע האָבן געהאַט זין, און די משפחה האָט זיך אויסגעהאַלטן בכבוד. דאָס אַלץ אונטער דער פירונג פון דער פעאיקער חיה. אַזוי איז געווען חיה אין אירע קינדער־און יופנט־יאָרן, און אַדאַנק דער עלטסטער טאָכטער און דער איידעלער מוטער האָט זיך די משפחה אַנטוויקלט פאַר אַ ביישפּיל. נאָך דעם, מיט דער איניציאַטיוו פון דע גרויסער שוועסטער, וועלכע איז אין צווישנצייט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, זענען עולה געווען אויך די אַנדערע טעכטער און האָבן אויפגעשטעלט שיינע משפחות. ביז איר לעצטן טאָג האָט חיה געזאָרגט פאַר אירע יינגערע שוועסטער אַזוי ווי זי האָט געזאָרגט פאַר זיי, ווען זיי זענען געווען קליין, און שטענדיק איז זי געווען די פירערין פון דער משפחה צין.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט חיהן: אין יאָר 1920 האָב איך אָנגעהויבן באַזוכן דאָס הויז פון רחל צין ז״ל, איך בין דאַן געווען 18 יאָר אַלט. איך האָב געקענט חיהן, ווייל מיר האָבן געוווינט נישט ווייט פון זיי, אָבער עס איז מיר נישט אויסגעקומען אַריינצוגיין צו איר אין הויז. איך בין אָבער געווען באַאיינדרוקט פון דעם יונגן 10־יאָריקן מיידעלע, וואָס איז געגאַנגען אין בית־הכנסת זאָגן קדיש נאָכן פאָטער. חיהס קלאָרע שטימע קלינגט נאָך אָפּ אין מיינע אויערן פונקט ווי איך וואָלט זי נאָר וואָס געהערט. איך פלעג שטיין נעבן איר. איך פלעג באַוואונדערן ווי אַזוי אַ מיידעלע וואַגט צו זאָגן קדיש אין בית־הכנסת. ווייזט אויס, אַז שוין אין מיינע קינדער־יאָרן האָט מיר מיין הארץ אָנגעזאָגט, אַז דאָס שיינע און חנעוודיקע מיידעלע וועט זיין אין דער צוקונפט מיין פרוי, און מיר וועלן צוזאַמען אויפשטעלן אַ גוטע משפחה, בויען אונדזער לעבן און זיין גליקלעך מיט אונדזער גורל. פון יענעם טאָג אָן ווען מיינע פיס האָבן באַטרעטן די שוועל פון הויז פון רחל צין ז״ל, די איידעלע מוטער, און איך האָב געזען די שיינע חנעוודיקע חיה, די עלטסטע טאָכטער, און אירע פינף קלענערע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך געהאַדעוועט און געוואַרעמט אין דעם זיכערן „נעסט״ פון דר גוטער מאַמע רחל, האָב

איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך גיי אַנטקעגן אַ ליכטיקער צוקונפט און אַ גרויסער אויפגאַבע. און ווען נאָך פיל בקשות האָט דאָס מיידל מסכים געווען צו זיין מיין פּערמאַנענטע חברטע, האָב איך געשפּירט, אַז איך בין שוין נאָענט צו דערגרייכן מיין גליק. דער דערהויבענער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט און אין פאַרלויף פון דער צייט איז מיין שיינע חברטע חיה געוואָרן מיין פרוי. און ווי איך האָב פאָרויסגעזען, האָבן מיר ווייטער גע־שפּרייזט צוזאַמען.

אָנהייב 1924, נאָך אַ באַקאַנטשאַפט פון איבער דריי יאָר, האָבן מיר באַשלאָסן חתונה צו האָבן און אָנהייבן צו בויען אַ געמיינזאַם לעבן. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז עס איז נישט געווען פשוט אויפצושטעלן אַ פאַ־מיליע־לעבן אין שטעטל. אונדזער ציל איז געווען צו פאַרווירקלעכן די דער־ציאונג, וואָס מיר האָבן באַקומען אין „החלוץ" און עולה זיין קיין ארץ־ישראל פאַר דער חתונה. אָבער אין צווישנצייט האָט די מאַנדאַט־רעגירונג אָפּגעשטעלט די עליה־סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל און די וועגן זענען פאַר־מאַכט געוואָרן.

עמעצער פון די מיטגלידער פון דער משפחה האָט געגעבן אַ נייעם פּלאַן: מיר זאָלן עמיגרירן קיין אַרגענטינע. מיר האָבן זיך לאַנג געפּלאָגט און צום סוף האָבן מיר אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק און באַשלאָסן צו וואַרטן ביז עס וועלן זיך עפענען די טויערן פון לאַנד, מיר וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט בויען אונדזער לעבן און צוקונפט און נישט אין קיין שום אַנדער פּלאַץ. עס איז אונדז לייכטער געוואָרן ווען מיר האָבן ענדלעך באַ־שלאָסן און מיר האָבן געוווּסט וועלכן וועג פאָרצוזעצן און דאָס איז — ישראל.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָבן מיר באַשלאָסן חתונה צו האָבן אין גלות, און אין משך פון דער צייט וועלן מיר פאָרן צוזאַמען קיין ארץ־ישראל. עס זענען געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען צו דער חתונה, און ווי עס איז געווען דער מנהג אין די קליינע שטעטלעך, האָבן מיר זיך געריכט אויף דער באַטייליקונג פון אַלע איינוואוינער פון שטעטל. נאָך אַלעמען איז דאָס געווען די טאָכטער פון פייוועל דעם שניידער ז״ל, און זי אַליין איז אויך געווען באַליבט ביי אַלעמען.

פרייטיק, דעם 15טן מערץ 1924, איז פאָרגעקומען די חתונה מיט פיל פראַכט. און ווירקלעך, האָבן זיך אַלע איינוואוינער פון שטעטל באַטייליקט אין דער שמחה. אַ לאַנגע פּראָצעסיע האָט באַגלייט די חתן־כלה צום ברו־נעם, דער באַשטימטער פּלאַץ פון דער חופּה. אַ גרופּע טענצערקעס, אין שפּיץ מיט דער מומען חיה־הודעס, האָט געטאַנצט לענגאויס דעם גאַנצן וועג צו דער חופה און צוריק.ביידע רבנים פון שטעטל האָבן געגעבן חופה וקידושין. די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן פרייטיק מיטן זון־אונטערגאַנג און האָט זיך געענדיקט מוצאי־שבת פאַרטאָג. די פייסקער יוגנט האָט יענע נאַכט געטאַנצט ביז עס זענען איר אויסגעגאַנגען די כוחות. די לעבנספרולע בחורים

און מיידלעך האָבן נישט אויפגעהערט צו טאַנצן, און מיר, די חתן־כלה, זענען געווען די גליקלעכסטע פון אַלע.

אַן ערך אַ חודש פאַר דער חתונה האָט די ענערגישע חיה גענומען די ביידע אַוועק אין דער קרייז־שטאָט וואַלקאָוויסק, מיר האָבן באַשטעלט ענינים אין אירע געבענטשטע הענט און האָט געמאַכט אַ פּלאַן. מיר זענען דאָס ביסל מעבל, וואָס איז נויטיק פאַר איין צימער און נאָך אַ פּאָר זאַכן וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ פאַרהייראַט פּאָרל. מיר ביידע האָבן געשטראַלט פון שמחה. מיר האָבן געהאָפט אויפצושטעלן אַ משפחה, בויען אַ געמיינזאַם לעבן און זיין גליקלעך. און ווירקלעך, אַזוי איז געווען ביזן לעצטן טאָג.

נאָך דער חתונה זענען מיר געבליבן שטיין פאַר אַ גרויסן פּראָבלעם. אַן אויסרייזע־דערלויבעניש קיין ארץ־ישראל האָבן מיר נהך נישט באַקומען, מיר האָבן נישט געוווּסט ווען מיר וועלן זי באַקומען, אין דער נאָענטסטער צוקונפט אָדער אין גאַנצן נישט. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ נישט קלאָרן און אַ גאַנץ שווערן מצב. קיין פאַך האָב איך נישט געהאַט און כדי אָנצור־הייבן מיט מסחר איז געווען נויטיק אַ סומע געלט. מיר האָבן נישט גע־ווּסט ווי אַזוי אָנצוהויבן אַ ניי לעבן אָן מיטלען. אָבער אַדאַנק דער חכמה און ענערגיע פון חיהן איז אונדז געלונגען גובר צו זיין דעם קריזיס, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. חיה, וואָס איינע פון אירע געבענטשטע אייגנ־שאַפטן איז געווען ווייטזעעוודיקייט, האָט מיר געגעבן מוט און מיר איינ־גערעדט איך זאָל זיך נישט זאָרגן.

חי האיז שטענדיק געווען אַן אָפּטימיסטין. ענדלעך האָבן מיר באַ־שלאָסן צו עפענען צייטווייליק אַ שפּייז־קראָם, שטיצנדיק זיך אויף די ווײ־ניקע מיטלען, וואָ סמיר האָבן פאַרמאָגט און אויף חיהס אייגנשאַפטן. מיר האָבן געעפנט אַ קראָם אין צענטער שטעטל, אויפן מאַרק־פּלאַץ. חיה איז אַוועקגעפאָרן מיט מיר אין דער קרייז־שטאָט וואַלקאָוויסק, ווו זי האָט גענומען סחורה אויף באָרג. די געשעפטסלייט האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט צוטרוי, און האָבן נישט מורא געהאַט טאָמער וועט זי זיי נישט אומ־קערן דאָס געלט אין באַשטימטן טערמין. מיר האָבן געבראַכט די סחורה און געעפנט אַ קראָם פול מיט כל־טוב. די לאַגע האָט זיך צייטווייליק פאַר־לייכטערט, אָבער נאָך דעם איז זי צוריק געוואָרן ערנסט, ווייל אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן האָבן די קונים אויסגעליידיקט די קראָם, ווייל זיי האָבן גענומען סחורה אויף באָרג, און מיר זענען געווען געצוווּנגען צו זאָרגן פאַר אומזאַץ־קאַפּיטאַל, כדי צו ברענגען נייע סחורה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט דער וועג, און אַז די איינציקע לייזונג איז עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. און איך האָב זיך אָפּגעגעבן דאָס פאַרשנעלערן דעם טער־מין פון דער נסיעה קיין ארץ־ישראל. איך האָב באַקומען דעם סערטיפיקאַט פאַר עליה, אָבער די לאַגע האָ טזיך געענדערט. חיה איז געווען פאַרן געבורט. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע ווי אַזוי וועט זי קאָנען מיטמאַכן די רייזע. איר מוטער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט, אַז חיה זאָל אַרויס אין

וועג אין אַזאַ מצב. עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אפשר איז בעסער אָפּצולייגן די נסיעה אויף עטלעכע חדשים, ביז נאָכן געבורט. חיה האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט מיטן אַרגומענט, אַז קאָן זיין אַז נאָך דעם וועלן מיר נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַט און איז אָנגעשטאַנען, אַז איך זאָל פאָרן אַליין און זי מיטן קינד וועלן שפּעטער נאָכקומען. אַזוי אַרום האָב איך אַנטדעקט אין איר נאָך איין אייגנשאַפט: מוט. עס איז אונדז געווען שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק פון צעשיידונג, אפילו צייטווייליק, אָבער דיווירקלעכקייט האָט פאַרפּליכטעט אַזאַ שריט. צוליב אַן אָפּהאַלט וואָס איז געשען אין דער רייזע, האָב איך געהאַט דאָס מזל צו זיין נעבן מיין פרוי בשעת דעם געבורט.

פרייטיק פאַרטאָג, דעם 12.12.24, איז געבוירן געוואָרן אַ גרויסער און שיינער זון. דאָס הויז איז געווען פול מיט שמחה און גליק. די באָבע רחל האָט געשיינט און האָט געמאָלדן אויפן קול: „אָט איז געבוירן געוואָרן און איז צוריקגעקומען שרגא. ער וועט הייסן שרגא־פייוול אויפן נאָמען פון זיידן, וואָס איז אַוועק פאַר דער צייט". און אַזוי האָט מען געגעבן דעם קינד דעם נאָמען שרגא. די פאָרמאַליטעטן פון דער רייזע זענען געוואָרן פאַרענ־דיקט און איך בין אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל דעם 25.1.25, צען חדשים נאָך דער חתונה, ווען שרגא איז אַלט געווען זעקס וואָכן. חיה און שרגא זענען נישט מיטגעפאָרן, צוליב דעם יונגן עלטער פון שרגא. די צעשיידונג איז געווען שווער, אָבער מיר האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין דער האָפענונג, אַז אין גיכן וועל איך זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל. איך בין אַרויס אין וועג צעבראָכן און פאַרזאָרגט. אויפן גאַנצן וועג, און באַזונדערס אויף דער שיף, האָב איך זיך געהאַלטן איינזאַם אין אַ וואַנקל אויפן דעק, געטראַכט און געוויינט פון גרויס בענקשאַפט נאָך חיהן און שרגאן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד, האָב איך גאַנץ שנעל געהאַט אַנ־טוישונגען. אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט, אַ לוין, וואָס איז נישט געווען אימשטאַנד צו געבן פרנסה אפילו איין מענטש. פאַרשידענע קראַנקהייטן. דער שטראָם פון ירידה קיין חוץ־לארץ איז געווען גרעסער פון דער עליה קיין ארץ־ישראל. יעדע שיף, וואָס איז צוריקגעפאָרן פון לאַנד, האָט נישט געקאָנט אַריינגעמען אַלע מענטשן, וואָס פאַרלאָזן זי. אויך איך בין קראַנק געוואָרן. אַ גאַנצן חודש בין איך געלעגן אין שפּיטאָל און בין אַרויס פון דאָרט שוואַך און אָן כוחות. און די בענקשאַפט נאָך חיהן און שרגאן האָט מיך געפערלעך געמאַטערט.

איך האָב זיך גענומען אין די הענט און האָב באַשלאָסן צו פאַרשנעלערן זייער קומען אין לאַנד. איך האָב אָנגעהויבן מאַכן שריט, כדי צו באַקומען די פאָדערונג פאַר זיי. עס האָט מיר צוגעשפּילט דער מזל, און אין פאַרלויף פון בלויז דריי וואָכן האָב איך באַקומען די פאָדערונג. איך האָב אַרויסגע־שיקט די מיטטיילונג און דאָס געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט מיט פיל מי. חיה האָט מיר געשריבן, אַז ווען זי האָט באַקומען די מעלדונג

וועגן דער פאָדערונג קיין ארץ„ איז איר פרייד געווען אַזוי גרויס, ווי איר פרייד אין טאָג פון אונדזער חתונה.

עס איז אָנגעקומען די גרויסע שעה אין מיין לעבן און איך שטיי שבת, דעם 12.12.25 אין יפוער פּאָרט און וואַרט אויף מיינע טייערע. דאָס שיפל דערנענטערט זיך און חיה הויבט אויף שרגאן אויף די הענט. נאָך איידער דאָס שיפל האָט פאַרוואָרפן דעם אַנקער, און נאָך איידער חיה איז אַרויפ־געטרעטן אויפן ברעג, האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין האַלדז אַ געשריי: „אָט פאַראייניקט זיך די משפחה, מיר זענען ווי אין חלום!". צו אונדזער גליק און פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ. פאַרבייגייערס האָבן געקוקט אויף אונדז ווי אויף משוגעים ווען איך בין באַפאַלן ביידע — חיהן און שרגאן. עס זענען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, ווי אַזוי וואַגט אַ מענטש צו ברענגען אַ משפחה אין אַזעלכע שרעקלעכע טעג אין אַ לאַנד, וואָס פרעסט אויף אירע איינוווינער. פרייטיק ביינאַכט האָבן מיר גענעכ־טיקט ביי חנהן און איר מאַן דוד אין תל־אביב. די גאַנצע נאַכט זענען מיר נישט געשלאָפן און לאָבן זיך דערציילט וועגן די שווערע טעג און וועגן דעם וואַרטן אויף דעם אויסגעבענקטן צוזאַמענטרעף. אויף צומאָרגנס זענען מיר אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן קיין חיפה. די נסיעה איז געווען ווונדערבאַר. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז מיר געפינען זיך צוזאַמען און אַז דאָס איז נישט קיין חלום. אין חיפה האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן בלויז אַ פּאָר טעג, מיר האבען געשפרונגען איבער פלעטער און געלאַכט פון גליק צו די מענטשן.

מיר זענען געפארן מיט דער באן פון חיפה קיין עפולה אין חיפה האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן עטלאכע טעג כדי אָפּצונעמען דעם באַגאַזש וואס איז געוואָרן איבער געשיקט פון יפו.

איך געדענק, איז מיר האָבן געטאַנצט אין די גאַסן מיר זיינען גע־ווען גליקלעך און געשטראַלט פון שמחה. יענער געפיל איז נאָך נישט אַריבער ביז היינט אין זיין טעם. און מיין תפילה איז געווען, אַז מער זאָלן מיר זיך נישט צעשיידן. אין עפולה האָב איך צוגעגרייט אַ צימער אין אַ צריף, וועלכן מירר האָבן אויפגעשטעלט פּאַר פיר משפחות, אין דעם קוואַר־טאַל פון צריפים ביי דער באַן־סטאַציע. אַ צימער אין דער גרויס פון 14 קוואַדראַט־מעטער האָט אונדז געדינט אַלס שלאָף־צימער, קיך, עס־צימער, וואַש־ווינקל, און אין מיטן זענען געשטאַנען אַ טיש און בענק פון ברעטער און צוויי בעטן, וועלכע מיר האָבן געקויפט אין חיפה. שרגא איז געשלאָפן מיט אונדז, און עס איז געווען אַ גלענצנדיק געפיל און אַ מאַקסימאַלע צופרידנקייט. חיה פלעגט טאַנצן אויף יעדער ברעט אין דעם דיל, און נאָך דער אַרבעט פלעגט זי אויך מיך אַריינציען צום טאַנצן. איך ווייס נישט צי אויף דער גאַנצער וועלט זענען נאָך געווען אַזעלכע גליקלעכע מענטשן ווי מיר. פּאַקטיש איז דאָס געווען דער ערשטער שריט, וולכן מיר האָבן געמאַכט צוזאַמען.

אין עפולה, אין דעם קוואַרטאַל פון די צריפים ביי דער באַן־סטאַציע, האָבן זיך קאָנצענטרירט די מערהייט חברים פון די קיבוצים, וועלכע האָבן

געזאָלט זיך באַזעצן אויף זייערע סטאַבילע פלעצער אין עמק יזרעאל. אין די אָוונטן פלעגט מען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע מן האָט באַהאַנדלט די ברענענדיקע פראַגן פון לאַנד, ווי: ווהין גייט דער אַרבעטער — אין שטאָט אָדער אין דאָרף, אַ סאָציאַליסטישעש אָדער אַ בורזשואַזע מדינה, אַ דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרעם אָדער נישט. נאָך די פאַרזאַמלונגען פלעגט מען אָפּהאַלטן טאַנצן ביז אין דער פרי. הויפּטזעכלעך פלעגט מען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען פרייטיק צו נאַכטס. אין די דאָזיקע אַלע אימפּרעזעס האָט חיה גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און האָט זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס און אין די טענץ. איך פלעג זי איבערלאָזן ביי דעם פייער און צוריקגיין אין צריף, כדי אַכטונג צו געבן אויפן קינד. חיה איז שטענדיק געווען גליקלעך און צופרידן מיט איר גורל.

עפולה האָט אונדז אַנטוישט: מיר האָבן קאָנצענטרירט אין דער דאָזיקער שטאָט די מערהייט חברים, וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ פון אונדזער שטעטל יענעם יאָר, 1925, כדי צו אַרבעטן אין דער שטאָט און אין דער אומגעגנט, און זיך אָרגאַניזירן אַלס אַ קבוצה, וואָס גייט אַרויף אויף דער ערד. עס איז נאָך נישט געווען באַשלאָסן צי מיר וועלן שאַפן אַ קאָלעקטיווע קבוצה אָדער אַ מושב עובדים. אָבער אַלס קאָנצענטראַציע־פּלאַץ איז באַשטימט געוואָרן עפולה, ווו עס זענען געווען גרויסע אויסזיכטן צו באַקומען אַרבעט. פּלוצלונג האָט זיך איבערגעריסן די בוי־אַרבעט אין עפולה צוליב פאַרשידענע טעמים און עס האָט זיך געשאַפן אַ מצב פון אַרבעטסלאָזיקייט. אָפטמאָל האָבן מיר באַקומען איין טאָג אַרבעט אין דער וואָך פאַר אַ חבר, און אַמאָל דאָס אויך נישט. חיה האָט זיך זייער שיין איינגעלעבט אין עפולה. זי האָט זיך באַפריינדעט מיט די חברטעס פון די קיבוצים, געקומען צו זייערע פאַרזאַמלונגען, ווו מען האָט באַהאַנדלט איר אָנשליסן זיך אין קיבוץ אָדער אין דער ארץ־ישראלדיקער געזעלשאַפט. אין יענער צייט האָט זי זיך אויך אויסגעלערנט פון זיי ווי צו פירן אַ הויז־ווירטשאַפט און אַ קיך, ווייל אין גלות האָט זי די דאָזיקע מלאכה נישט געלערנט. איין מאָל, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז זי מיר געלאָפן אַנטקעגן מיט אַ פרייד און מיר אָנגעזאָגט, אַז זי האָט באַקומען אַ לעקציע אין קאָכן פון דער חברטע צפורה פון קיבוץ גבת און אַז מאָרגן וועט זי האָבן אַ לעקציע ביי דער חברטע דבורה פון רמת־דויד. זי האָט פאַרענדיקט מיט התלהבות: „דו וועסט זען וואָס פאַר אַ מיטאָג איך האָב היינט אָפּגעקאָכט. ער וועט שוין נישט זיין צוגעברענט אַזוי ווי דער נעכטיקער". און חיה גרייט צו ווי געוויינלעך דעם טיש, זינגט און טאַנצט און זעצט פאָר: ׳איך האָב גערעדט מיט אַ חברטע פון קיבוץ מזרע, זי וועט מיך לערנען ווי צו וואַשן וועש. דו וועסט זען ווי איך מאַך פאַרשריט. ריכטיק? זאָג אַ גוט וואָרט". און איך שטיי איבעראַשט און שטראַל פון שמחה. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז ווען זי איז עולה געווען קיין ארץ, האָט זי אַפילו נישט געוווּסט ווי מען קאָכט אויף אַ גלאָז טיי. און אין משך פון דער צייט

איז זי געוואָרן אַ גלענצנדיקע בעל־הביתטע און געפירט אַ מוסטערהאַפט הויז.

נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען און נאָך דעם ווי מיר האָבן איינגעזען, אַז עס האָט נישט קיין זין צו בלייבן אין עפולה, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון דער אָפטיילונג פאַר קאָלאָניזאַציע, אַריבער־גיין קיין עכו און דעראָבערן דעם צוויַיג פון זיפזיף ביז מיר וועלן אַריבער אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע. אין יאַנואַר 1926 האָבן מיר פאַרלאָזט עפולה. די פיעסקער גרופע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קבוצת זיפזיף אין עכו, און מיר האָבן באַשלאָסן צו זיין אַ קאָלעקטיווע קבוצה: געמיינזאַמע אַרבעט און א געמיינזאַמע קיך. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ גאָר שלעכטע. וואָס אַן אמת איז געווען פיל אַרבעט ביים פירן זיפזיף, אָבער קיין מינימאַלער קיום איז נישט געווען. מיר האָבן געשיקט די מייד־לעך אַרבעטן אין די ווירטשאַפטן פון די אַראַבער פאַרן לוין פון 5 גרוש אַ טאָג. דער מצב איז דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז די קרעמער, ביי וועלכע מיר פלעגן נעמען אויף בארג, האָבן אויפגעהערט אונדז צו פאַרקויפן שפּייז. די ענערגישע און קלוגע חיה, וועלכע האָט זיך שנעל אויסגעלערנט אַראַביש, און איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אין דער קבוצה, איז נישט געווען פאַרצווייפלט. זי האָט צוגעגעבן מוט די חברים, וועלכע זענען געווען האַלב פאַרצווייפלט און געלעגן אין די בעטן ביז מיטאָג. זי. וועלכע איז אימשטאַנד געווען צו זען ענינים אויף אַ וויַיטן דיסטאַנץ, פלעגט זאָגן די חברים: „מיר זענען מחויב גובר צו זיין די שווערע לאַגע. און אויב מיר וועלן האָבן געדולד און אַ לאַנגן אָטעם, וועלן מיר אין פאַרלויף פון דער צייט אַרויף אויפן הויפּט־וועג".

חיה האָט גערעדט אין יענע שווערע טעג ממש ווי אַ נביאה. נאָר אַזאַ וואונדערבאַרע פרוי ווי חיה איז געווען אימשטאַנד צו שילדערן די ענינים אַזוי ווי זי האָט דאָס געטאָן און באַצייכענען יענע צייט ווי אַ תקופה פון „וויזיע". זי פלעגט ברעכן אירע פיס פון איין קרעמער צום צווייטן, בעטן און איבערצייגן, זיי זאָלן נישט אויפהערן אונדז צו געבן שפּייז־אַרטיקלען, פלייש און גרינס. זי האָט זיך פאַרפליכטעט פאַר זיי, אַז זי אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, וועט זיי ברענגען דאָס געלט פאַרן חוב און פאַר די לויפנדיקע סחורות. און נאָר אויפן סמך פון איר צוזאָג האָבן די קרעמער נישט אויפ־געהערט צו געבן שפּייז דער גרופע.

חיה האָט געהאַלטן אירע פאַרפליכטונגען און האָט אָפּגעצאָלט די חובות די קרעמער. אַזוי האָט זי געזאָרגט פאַר חברים זיי זאָלן נישט זיין הונגעריק, זיי זאָלן זיך נעמען געדולד און זאָלן זיך נישט מייאש זיין. אויב זיי האָבן געדאַרפט עפּעס ברענגען פון חיפה, פלעגט זי גיין צופוס פון עכו קיין חיפה, מיטן וועג אויפן ברעג ים, וויַיל די נסיעה מיט דער באַן אַהין און צוריק האָט געקאָסט 10 גרוש (דער לוין פון אַ טאָג פאַר אַ חבר איז געווען 10 גרוש און פאַר אַ חברטע — 5 גרוש). חיה פלעגט אויסטאָן די שיך און גיין באָרוועס, און נאָך זיך באַרימען, „איך בין אַ חלוצה". אַזוי

איז געווען חיה, נישט צעפיעשטשעט נאָך פון אירע קינדער־יאָרן. קיינמאָל האָט זי זיך נישט באַקלאָגט אויף יענער שווערער צייט, נאָר פלעגט זאָגן מיט פיל סאַטיספאַקציע, „ חברים, מיר בויען אַ נאַציאָנאַלע היים און אַ מדינה". אַט זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן חיהס ווערטער.

ווייט אויס, אַז מען האָט גוזר געווען אויף אונז צו וואַנדערן: אין יאָר 1925 האָבן מיר פאַרלאָזט חיפה און מיר זענען געקומען קיין עפולה. אין יאָר 1926 האָבן מיר פאַרלאָזן עפולה און זענען אַריבער קיין עכו. און אין יאָר 1933 האָבן מיר פאַרלאָזן עכו און זענען אַריבער קיין קרית־חיים. עכו האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן, טראָץ דעם וואָס מיר זענען אַהין געקומען כדי צו דעראָבערן די יידישע אַרבעט. מיר האָבן דאָרט געלעבט זיבן יאָר און געליטן פיל צרות, קאָנקורענץ מיט די אַראַבער, קרבנות פון מאַלאַריע. מיר האָבן געאַרבעט גאַנצע זיבן יאָר, זיבן יאָר אַרבעט צו 12—14 שעה אַ טאָג, און מיט שוועריקייט האָבן מיר זיך אויסגעהאַלטן.

איין שיינעם פאַרטאָג האָבן מיר איינגעשפּאַנט די פערד און מויל־אייזלען אין די וועגענער, מיר האָבן אָנגעלאָדן אויף זיי דאָס ביסל גראַטעס, און אונדזער טייערסטן פאַרמעגן, די פרויען און קינדער, און מיר זענען אַרויס אַ גאַנצע קאַראַוואַנע פון עכו אין דער ריכטונג פון דער נייער שכונה צווישן עכו און חיפה, קרית־חיים, דעמאָלט „שכונת העובדים". מיר זענען געווען פון די ערשטע איינוווינער. די בערגלעך זאַמד זענען געווען פיל העכער פון די קליינינקע הייזער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי קעסטעלעך אין דער וויסטעניש, אָן אַ קשאַק און אָן אַ בוים. זאַמד־שטורעמס האָבן געוואָרפן די קינדער און זיי אַראָפּגעשליידערט פון שמאָלן הויפט־שאָסיי אין זאַמד אַריין. אין יאָר 1933 האָבן מיר געציילט בלויז ביי הונדערט און צוואַנציק משפחות. מיר זענען געווען ווי אַ מין קליינע קבוצה, איבערגעגעבן און פאַראייניקט. אין די נעכט האָבן מיר געהיט לויט אַ ריי די דריי און האַלב גאַסן, וועלכע זענען געלעגן אין אַ ים פון מדבר. מיר פלעגן גיין פון גאַס צו גאַס און היטן יעדעס הויז אין משך פון די נעכט.

חיה האָט גלייך געפונען איר פּלאַץ אין דעם נייעם ישוב. זי האָט אָנגעקניפּט שטאַרקע פאַרבינדונגען מיט אַלע איינוווינער און איז געווען פאַרמישט מיט יעדן ענין אין דער דאָזיקער קליינער שכונה. די ליבע און ענערגישע חיה איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן צו פאַרפלאַנצן ביימער אין די אַלייעס **און** נעבן די הייזער, כדי צו באַקעמפן די וויסטעניש און די זאַמד־שטורעמס. זי האָט אויפגעטאָן אַ סך און עס זענען געווען פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אויסער דעם האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע פאָלגנדע געביטן: א) ערשטע הילף, ב) קעגנזייטיקע הילף, ג) מגן דוד אדום, ד) ארגון אמהות עובדות, ה) אויפנעמען און זאָרג פאַר נייע עולים, ו) הגנה.

ביי דעם אַלעמען האָט זי געאַרבעט טאָג און נאַכט און האָט זיך איי־בערגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש, מיט אַן אומבאַשרייבלעכער מסירות. די טעטיקייט אין דער הגנה האָט פאַרנומען ביי איר דעם ערשטן פּלאַץ. זי

האָט זיך גוט אויסגעלערנט אַלע געזעצן, וואָס פאַרפליכטן יעדן חבר אין די רייען פון דער הגנה, און צום אַלעם ערשטן „אַן אייזערנע דיסציפלין". זי האָט דורכגעמאַכט אַ סך קורסן, האָט זיך געאיבט אין שיסן פון יעדן געווער: אַלע מינים רעוואָלווערן, ביקסן, און האָט זיך אויסגעצייכנט אין וואַרפן גראַנאַטן. ווען מיר פלעגן אַרויסגיין קיין כורדני, כדי זיך צו איבן ביים וואַרפן גראַנאַטן, פלעגט זי איבערשטייגן פיל בחורים (מיך זיכער). חיה פלעגט אַרויסגיין היטן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך, איבערלאָזן די קינדער אין הויז, אונטערשטרייכנדיק, אַז ביי אונדז איז אַן אויסנאַמס־צייט און מען טאָר זיך נישט פיעשטשען. זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט צו היטן אין דעם וואַסער־טורעם אויף דער גאַס נר. ד'. אָנגעטאָן אין כאַקי, אַ בלוזקע און לאַנגע הויזן, געזונט, קרעפטיק און מונטער, די ביקס אויפן אַקסל, פלעגט זי פלינק אַרויפגיין אויפן הויכן וואַסער־טורעם. און זי פלעגט נאָך זאָגן אין שפאַס, ווען איך האָב זי צייטנווייז באַגלייט ביזן וואַסער־טורעם: „נו, יהודה, פרווו אויך דו אַרויפקלעטערן ווי איך אויף דעם הויכן טורעם". נאָך דעם פלעגט זי אַראָפשרייען פון אויבן: „זע נאָר, איך בין שוין אויבן". און אין האַרצן בין איך געווען שטאָלץ מיט דער דאָזיקער געלונגענער פרוי. זייער אַקטיוו איז זי געווען אין דער ערשטער הילף. כדי זיך אויסצולערנען גוט דעם באַרוף האָט זי זיך פרייוויליק געמאָלדן צו אַרבעטן אַ חודש צייט אין ראָטשילד־שפיטאָל, און פלעגט געטריי העלפן אין אָפעראַציע־זאַל.

די לעצטע יאָרן האָט זי אַוועקגעגעבן איר בעסטע צייט פאַר פראָבלעמען פון דעם קאָאָפעראַטיוו און איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אַ חברטע אין קאָמיטעט פון דעם קאָאָפעראַטיוו, ווו זי האָט געאַרבעט מיט דער איבערגעגעבנקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר איר.

מיטן אָנקומען פון די ערשטע עולים פון דער עליה ב' און דעם קומען פון די שיפן צו די צפון־ברעגעס פון לאַנד, איז חיה געווען פון די ערשטע, וואָס פלעגן אַרויס ביינאַכט, כדי אָפצוּוואַרטן די אָנקומענדיקע לענגאויס דעם ברעג, פון מפרץ חיפה ביז נהריה. זי פלעגט אויפנעמען די נייע עולים פון דער שיף, זיי ברענגען קיין קרית־חיים און זיי פאַרטיילן גרופעסווייז אין די הייזער פון דער קריה. און פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע גרופע פלעגט זי ברענגען צו זיך, געבן זיי קליידער, האַלטן זיי אַ לאַנגע צייט אין הויז, טעג און וואָכן, ביז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי אַרבעט. און אַזוי האָט זי פאַרגעזעצט אויך אין דער תקופה פון אונדזער באַפרייטער מדינה. זי פלעגט אָנקניפן מיט די עולים ענגע באַציאונגען, זיי ברענגען צו זיך אַהיים, מאכן באַזוכן ביי זיי, צוגרייטן פאַר זיי קליידונג און מעבל, באַשטעלן אַ לאַסט־אויטאָ און אויף אים אַרויפלאָדן די טישן און די בענקלעך, און זיך אָפגעבן מיט זייערע פראָבלעמען בלב ונפש, מיט דער איבערצייגונג, אַז מיר זענען מחויב צו העלפן מיט אַלעמען, כדי זיי זאָלן שפירן, אַז זיי זענען געקומען אין זייער פאָטערלאַנד.

דער שוואַרצער שבת: ווען דאָס בריטישע מיליטער און די פּאָליציי האָבן באַלאַגערט דע סמשק יגור און קאָנפיסקירט דאָס ביסל געווער, וואָס איז געווען אין אונדזער רשות פאַר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, האָט חיה אָנגעטאָן דעם ווייסן כאַלאַט פון מגן דוד אדום, איז אָנגעקומען פון די ערשטע דורך כפר־אתא קיין משק יגור, און האָט דערטיילט ערשטע הילף די מענטשן פון משק, וועלכע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך דעם בריטישן מיליטער און פּאָליציי. חיה האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר די דראָאונגען פון די בריטישע זעלנער אַז זיי וועלן זי אַוועקטרייבן מיט כוח, אָדער זיי וועלן זי אַרעסטירן, ווייל זי איז געווען מוטיק און האָט געליובט אין דער גערעכטיקייט פון געדאַנק. ווען זי איז צוריקגעקומען אַהיים מיד און אָן כוחות, האָט זי געזאָגט: „יהודה, איך האָב זיך היינט באַטייליקט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, און דו ווייסט, מיר וועלן גובר זיין אויך דאָס".

גרינדונג
פון דער קאָאָפּעראַטיוו־קאָמוניקאַציע
אין מפרץ חיפה און אין גליל מערבי

מיט דער אַנטוויקלונג פון ישוב אין די קריות און אין מפרץ חיפה, איז געוואָרן נויטווענדיק צו שאַפן אַן אויטאָבוסן־דינסט פאַר דעם אַרבעטנדיקן ישוב אין חיפה און אין דער אומגעגנט. מיר, די קבוצת זיפזיף, וועלכע זענען געקומען פון עכו, האָבן געאַרבעט אויפן פּלאַץ מיט זעקס נייע לאַסט־אויטאָס ביים ליפערן בוי־מאַטעריאַלן אַלע אונטערנעמער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קריות און אין דער אומגעגנט, און מיר האָבן באַקומען אַ נאָמען אַלס אַ פאַראַנטוואָרטלעכע גרופּע. אויפן גרונט פון אונדזער גוטן נאָמען האָט אונדז פאָרגעלייגט דער ועד פון קרית־חיים, אַז מיר זאָלן איבערנעמען דעם אויטאָבוסן־דינסט. פריער האָבן מיר מורא געהאַט אַרויפצולייגן אויף אונדזערע פּלייצעס די שווערע לאַסט, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הלוואות. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מיר וועלן דאָס נישט קאָנען אויסהאַלטן. אונדזער אינערלעכער געראַנגל איז געווען גרויס.

חיהס מיינונג איז געווען אַ פּאָזיטיווע: „איר וועט זען" — האָט זי געזאָגט — „וואָס פאַראַ גרויסע אונטערנעמונג עס וועט אויפשטיין, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער אויטאָבוסן־דינסט". דער פאַקט אַז מיר זענען געווען אַ קליינע גרופּע, בלויז אַכט חברים, האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין דער אַנטשיידונג זאָלן זיך באַטייליקן אויך די חברות. חיה האָט משפיע געווען אויף די חברות אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין די, וואָס אונטערשטיצן דעם פּלאַן פון די אויטאָבוסן.

און אַזוי איז געשען, אַז די שטימעס פון די חברות האָבן אַנטשיידט. אַלע פאַרהאַנדלונגען און דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען אין חיהס הויז,

און די פאַרהאַנדלונגען זענען נישט געווען קיין לייכטע. חיה האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די וויכוחים און האָט באַהויפּטעט, אַז עס וועט אַנטשטיין אַ גרויסע שטאָט פון צענער טויזנטער איינוווינער, און דעריבער איז געווונטשן, אַז מיר זאָלן נעמען דעם מאָנאָפּאָל אין אונדזערע הענט. איר גרויסער גלויבן האָט משפּיע געווען אויף די חברים זיי זאָלן אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון ועד אויפצושטעלן דעם דינסט. אַ סך געשפּרעכן האָט חיה מיט מיר געפירט, און אַזוי ווי איך האָב אונטערשטיצט דעם פּלאַן פון די אויטאָבוסן, האָט חיה איבערגענומען פון מיר אַלץ מער און מער פּאָזי־טיווע פונקטן. זי האָט באַוויזן אַריינצודרינגען טיף אין פּראָבלעם און האָט פאָרויסגעזען אַ ליכטיקע צוקונפט פאַר אונדז און אונדזערע קינדער.

אויף מיר האָט מען אַרויפגעלייגט דאָס מאָביליזירן געלטער, און חיה האָט מיך דערמוטיקט די גאַנצע צייט. צום סוף זענען פעסטגעשטעלט גע־וואָרן אַלע יורידישע און טעכנישע פּאַראַגראַפן אין אָפּמאַך. חיה האָט צוגעגרייט כיבוד, האָט צעשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש, און אַרויפ־געשטעלט פלעשלעך ווײַן. דער אָפּמאַך וועגן איבערנעמען דעם אויטאָבוסן־דינסט איז אונטערגעשריבן געוואָרן אויף איר טיש. זי האָט געשטראַלט פון גליק און יעדע ווײַלע איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „ווען דו האָסט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך האָב איך זיך איינגעקוקט אין דיר און געזען, אַז דו ביסט געווען בלאַס ווי קאַלך. זאָרג נישט, דו וועסט זען וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג עס וועט אַנטשטיין אין רעזולטאַט פון דעם באַשלוס".

זינט עס איז געוואָרן אונטערגעשריבן דער אָפּמאַך, איז חיה געווען טעטיק און פאַרמישט אין די ענינים פון טראַנספּאָרט, און זי פלעגט מיר העלפן אין דער לייזונג פון די פּראָבלעמען. שטענדיק פלעג איך זיך צוהערן צו אירע ווערטער. אירע עצות און דערמוטיקונג זענען פאַר מיר געווען אַ גרויסע הילף.

חיה האָט זוכה געווען צו זען אין איר לעבן די גרויסע ישראל־קאָמו־ניקאַציע, וועמענס יסודות מען האָט געלייגט אין איר הויז, בשעת זי איז געווען איינע פון די איניציאַטאָרינס פון איר אַנטשטייאונג. זי האָט באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניקאַציע ביזן סוף פון איר לעבן. חיה האָט פאָרויסגעזען די צוקונפט אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. פאַר צוויי יאָרן, אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פענסיאָנערן אין אַמפיטעאַטער אין קיסריה, האָט חיה דערציילט אין אַן אינטערעסאַנטער רעדע, ווי אַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרן די קאָמוניקאַציע אין צפון פון לאַנד, און דאָס ריזן־פובליקום איז געווען אונטערן טיפן איינדרוק פון אירע רייד.

חברת מפעלי תחנות בע"מ

אין יאָר 1954 האָט די לייטונג פון „אגד" מיך באַאויפטראָגט צו־צוגרייטן אַ פּלאַן אויפצושטעלן צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציעס איבערן

גאַנצן לאַנד. דעם פּלאַן האָב איך צוגעגרייט ביי מיר אין דער היים. חיה האָט געזאָגט, „איך ווייס וואָס פאַרא קרבן דו ווערסט דאַרפן ברענגען, כדי אויפצושטעלן אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג, אָן פינאַנסיעלע מיטלען. אָבער די דאָזיקע וויכטיקע אויפגאַבע שטייגט איבער אַלע אַנדערע זאַכן. גיב זיך אָפּ דער דאָזיקער אַרבעט און איך וועל מתפלל זיין פאַר איר דערפאָלג״. און ווידער האָבן מיך פאַרפלייצט געפילן פון התפעלות פאַר דער דאָזיקער לעבנס־באַגלייטערין. זי האָט געוווּסט, אַז איך וועל דאַרפן ווידמען דער אַרבעט טעג און נעכט, און דאָס וועט זיין אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער משפחה. אָבער חיה האָט געזען פאַר אַלעמען די געזעלשאַפטלעכע זייט, און ווייניקער די פּריוואַטע זייט. זי האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן, נאָר דערמוטיקט און געהאָלפן, שטענדיק האָב איך געוווּסט, אַז זי איז דאָ נעבן מיר.

חיה האָט באַגלייט די געזעלשאַפט פון די סטאַציעס פון ערשטן טאָג אָן ביז איך האָב פאַרענדיקט מיין אַמט אַלס גענעראַל־דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט אין יאָר 1966 — ד״ה 12 יאָר. אַלע די יאָרן איז זי געווען נאָענט צו דער אונטערנעמונג. יעדע סטאַציע אָדער גאַראַזש ווו מען האָט געלייגט דעם גרונטשטיין, יעדע אויטאָבוסן־סטאַציע, וועלכע מען האָט גע־עפנט, אויף יעדער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, סימפּאָזיום אָדער באַנקעט פון דער געזעלשאַפט, איז חיה געווען פאַרבונדן מיט דעם וואָס געשעט. חיה האָט זיך באַטייליקט אין דער דערעפענונג פון ניינצן צענטראַלע סטאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד, און פון אַ גרויסער צאָל גאַראַזשן. אַלע האָבן זי געקענט, פון די דירעקציע־חברים ביז די אינזשינירן, און זיי פלעגן זאָגן, אַז חיה און די געזעלשאַפט פון די סטאַציעס איז איינס. זי איז געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען מען האָט אויסגעאַרבעט די פּלענער, ביז דעם טאָג, ווען זי איז קראַנק געוואָרן. און זי איז געווען שטאָלץ וואָס אין אונדזער לאַנד זענען געוואָרן אויפגעשטעלט אַזעלכע פּראַכטפולע סטאַציעס. אַ גרויסער שאָד, וואָס זי האָט נישט זוכה געווען צו באַגלייטן ווייטערדיקע סטאַציעס, וועלכע ווערן אויסגעבויט די גאַנצע צייט.

חיה האָט געזאָלט זיך מאָביליזירן אין דער ענגלישער אַרמיי

אין יענער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָבן גערופן דעם ישוב זיך צו מאָביליזירן אין דער ענגלי־שער אַרמיי, האָט חיה געשפּירט, אַז עס איז איר פליכט זיך צו באַטיי־ליקן אין דער אָנשטרענגונג און זי האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורופן. איך האָב זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן שריט, ווייל מיר האָבן געהאַט צוויי קינדער,

און איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיי. מיט שוועריקייט האָב איך זי איבערצייגט זי זאָל מבטל מאַכן דעם דאָזיקן באַשלוס. זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע טאָכטער פון פאָלק.

שרגא אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים
אַ ים־קאָאָפּעראַטיוו

אונדזער זון שרגא, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פון פּלאָט, האָט געגרינדעט אַ ים־קאָאָפּעראַטיוו, נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון פּלאָט. ער האָט באַהויפּטעט ענטוזיאַסטיש, אַז אונדזער לאַנד איז קליין, איז אַרומגערינגלט מיט פיל שונאים און די גרענעצן זענען פאַרמאַכט. דער דאָזיקער שריט איז נייטיק, כדי צו עפענען אַ ים־וועג צו דער גרויסער וועלט. מיר האָבן אויפגענומען זיין באַשלוס מיט אָנערקענונג. שרגא האָט געבראַכט אַהיים אַ גרופּע חברים. חיה האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, זיי געגעבן צו עסן און זיי באַדינט אַ פּאָר חדשים ביז דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך פאַרשאַפן אַ שיף, וועלכע האָט געהייסן „מסדה". שרגא האָט געזאָלט אַרויף אויף איר אין איטאַליע. ער האָט פאַרפּאַקט זיינע זאַכן און איז אַוועק צום פלוג־פּלאַץ אין לוד אין דער באַגלייטונג פון זיין מוטער. ביים אַוועקגיין האָט זי אים געזאָגט: „זון טייערער, פאָר געזונט און זיי מצליח אין דיין שיינעם פּלאַן". זי האָט אים געקושט און דאָס איז געווען דער לעצטער קוש. מער האָט זי איר איינציקן זון נישט געזען. די שיף איז אַראָפּ אין אָפּגרונט צוזאַמען מיטן שיינעם און ברייט־האַרציקן שרגא. און אַזוי אַרום האָט זיך חיה אָנגעשלאָסן אין דער לאַנגער שורה פון די פאַריתומטע ישראל־מאַמעס. חיה האָט געוויינט אויף איר איינציקן זון ביז איר לעצטן טאָג.

די אָבסערוואַציע פון די משפחה־מיטגלידער
און פון די לאַנדסלייט

חיה האָט געזאָרגט פאַרן איינאָרדענען פון אירע משפחה־מיטגלידער. קיין איינער פון זיי האָט נישט געדאַרפט אָנקומען צו דער עליה־אָפּטיילונג. זי פלעגט שטיין אין חיפהער פּאָרט און נעמען צו זיך אַהיים איר שוועסטער, קרובים און לאַנדסלייט, צוזאַמען מיט זייערע קינדער. זיי פלעגן וווינען ביי איר אין הויז פיל חדשים ביז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי אַרבעט. עס זענען געווען צייטן, ווען עס האָבן זיך געפונען דריי פרויען אין דעם קליינעם קיכל פון הויז. זי פלעגט אַרבעטן ביז נאָך האַלבער נאַכט, ברענגען אין אָרדענונג דאָס הויז און מאַכן פלענער פאַר דעם מאָרגן־

דיקן טאָג, כדי אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג און די געסט זאָלן זיין צופרידן. ווי שיין האָט זי געהאַנדלט מיט שמואליקן, דעם קרוב פון שוואָגער יצחק ז״ל. זי האָט אים איינגעאָרדנט אין שרגאס צימער און האָט זיך מיט אים פאַרנומען 10 חדשים. ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין די אָוונטן מיט שרגאן און זיינע חברים האָט זי געזאָרגט אויך פאַר טאַשן־געלט און געזאָגט: ,,נעם, נעם, און דו וועסט זיך פילן גוט אַזוי ווי די חברה״.

זי פלעגט איינאָרדענען פאַר אַלע די חתונות אין איר הויז און הויף, געזאָרגט פאַר די קניות און פאַרן איינריכטן פון די טישן. שטענדיק פלעגט זי זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערע מצווה ווי חתונה צו מאַכן אַ בחור אָדער אַ מיידל און אַז זי איז מקיים די דאָזיקע מצוות מיט פיל גליק און זייער גערן.

מיר האָבן אַ פאַרצווייגטע משפ.חה אין לאַנד, און יעדן ערב יום־טוב פלעגן אונדזערע קרובים קומען אין חיהס הויז און זאָגן: ,,מיר זענען געקומען באַזוכן די גוטע מאַמע, וועלכע האָט אונדז אויפגענומען, ווען מיר זענען געקומען אין לאַנד״. און חיה פלעגט דערלאַנגען כיבוד, אין דער צייט וואָס יעדער איינער האָ טנאָכאַמאָל דערציילט ווענן זיין גוטן געפיל, ווען זיינע פיס האָבן דאָס ערשטע מאָל איבערגעטרעטן די שוועל פון איר הויז. די דאָזיקע דערצייטונגען, וועלכע זיי פלעגן ווידעראַמאָל דערציילן אַזוי ווי די דערציילונגען פון יציאת־מצרים, האָבן גורם געווען חיהן פרייד און צו־פרידנקייט. זי איז געווען בכוח זיי צו העלפן אין דער ריכטיקער צייט.

פסח פלעגט פאָרקומען ביי איר אין הויז אַ סדר פאַר צענדליקער מענטשן, קרובים און לאַנדסלייט. גלייך נאָך פורים האָט זי אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַלץ וואָס איז נייטיק צו דער סדר־נאַכט. דעם סדר פלעגט זי איינאָרדענען לויט דער בעסטער טראַדיציע פון איר היים אין חוץ־לארץ ביי איר פאָטער ז״ל, וועלכער איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש. יעדער סדר איז געווען באַזונדערס איינדרוקספול. עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן איר נאָכצופאָלגן און זען מיט וואָס פאַראַ התלהבות און פרייד זי האָט אַלץ געטאָן.

באַזוכן ביי קרובים און לאַנדסלייט

חיה האָט געהאַט אַ באַשטימטע אָרדענונג פאַר באַזוכן אין משך פון גאַנצן יאָר ביי די קרובים און לאַנדסלייט. די טערמינען פון די באַזוכן האָט זי געדענקט גענוי, ווי זי וואָלט זיי געהאַט פאַרשריבן אין אַ קאַרטאָטעק. זי האָט אויך געוווסט צוצופאַסן די מתנה און אויסקלייבן דאָס וואָס איז נייטיק פאַר יעדער בעל־הביתטע. ביים סוף פון באַזוך פלעגט זי זאָגן: ,,זאָג מיר מיין טייערע, אמת אַז איך האָב געוווסט וואָס צו ברענגען?״ שטענדיק האָט זי געוואָלט, אַז דער צווייטער זאָל זיין צופרידן. יעדער באַזוך פון דעם

מין פלעגט געמאַכט ווערן צוזאַמען מיט מיר. אַנהויב יעדן חודש פלעגט זי נעמען מיין קליינעם קאַלענדאַר און פאַרשרייבן אין אים די טעג פון די באַזוכן.

לאַנדסלייט־פאַראיין
פון פיעסק און מאַסטי

חי ההאַט קאָנצענטרירט ביי זיך אין הויז די לאַנדסלייט פון פיעסק און מאַסטי. אונדזערע לאַנדסלייט, וועלכע פלעגן קומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון אַרגענטינע אויף אַ באַזוך אין ישראל, פלעגן ווערן אויפגענומען דורך חיהן אויף גוט צוגעגרייטע באַנקעטן. די צאָל באַטייליקטע אויף די באַנקעטן איז דערגאַנגען בדרך כלל צו 50—60. יעדער באַנקעט אַזאַ האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן איינדרוק. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם פלעגן אַלע רעדן וועגן באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי חייטשען. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן זיך די לאַנדסלייט צוגעבונדן צו חיהן און צו איר הויז. איר הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע, און אַזוי ווי איך האָב געהאַט פאַרבאַנדונגען מיט אַ סך מענטשן און אינסטיטוציעס, פלעגט חיה איינלאַדן פון צייט צו צייט מענטשן מיט פּראָבלעמען, כדי איך זאָל זיי העלפן. און שטענדיק האָט זי געזאָרגט, אַז איך זאָל דאָס מאַכן ווי צום שנעלסטן. אין חיהס ויגן זענען אַלע מענטשן געווען גוטע. קיין שלעכטע מענטשן האָבן נישט עקזיסטירט לויט איר מיינונג. זי פלעגט זאָגן, אַז מען דאַרף אַלע העלפן. זי האָט שטאַרק געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן נישט ליידן. צייטנווייז האָב איך זיך איינגעקוקט אין חיהס אויגן און אַנטדעקט ווי גליקלעך זי איז געווען ווען עס איז איר געלונגען עמעצן צו העלפן.

חיה איז געווען דער כוח, וואָס האָט צוזאַמענגעשלאָסן דעם פאַראיין פון פיעסק און מאַסטי. איר הויז האָט געדינט אַלס לאָקאַל פאַר אונדזערע לאַנדסלייט. שטענדיק איז זי געווען פריי פאַר זיי. איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט זענען געווען אַ שם־דבר. איך וועל נישט איבערטרייבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז מיט איר גוטהאַרציקייט און איר זאָרג פאַרן צווייטן איז זי געווען פון די צדיקות הדור.

איר טעטיקייט פאַרן „יזכור“־בוך

חיה איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן אַ בוך פון פיעסק און מאַסטי. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט זי זיך ביי מיר געבעטן, „גיב זיך אָפּ מיטן צוגרייטן פון מאַטעריאַל. דו פאַר־

נעמסט זיך מיט הונ׳ערט און צוואַנציק אַנדערע זאַכן, און פאַרן בוך טוסטו גאָרנישט״. און זי פלעגט צוגעבן: ,,זאָלסט וויסן, אַז איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז איך וועל זען אַ טעטיקייט״. און נאָך מער ווי דאָס — עס איז נישט געווען קיין פיעסקער צוזאַמענטרעף אָדער באַנקעט ביי אונדז און אויסער אונדזער הויז, ווו זי זאָל נישט האָבן גערעדט וועגן דעם ענין און נישט האָבן געבעטן פון אַלע זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיטן צוגרייטן פון מאַטעריאַל. זי האָט אונטערגעטריבן אַלע, און באַזונדערס איר שוועסטער חנה און יהודה רוזשאַנסקי. זי פלעגט זאָגן צו יהודה רוזשאַנסקי, ,,דו ביסט דאָך דער קאַסירער פון פאַראיין. גרייט צו, ביטע, אַ סך געלט״. איר אַקטיווע טעטיקייט האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן אונטערשרייבן פון אָפּמאַך מיטן פאַרלעגער אברהם עמיקם, נאָך דעם ווי אייניקע חברים האָבן זיך פאַרפליכטעט צו שפּענדן גרויסע סומעס. אויך דאָ איז געווען קענטיק די געבענטשטע האַנט פון חיהן. אַ געוויסן שבת, דעם 27.9.1969, איז גערופן געוואָרן אַ חברים־פאַרזאַמלונג מיט דער באַטייליקונג פון אברהם עמיקם. חיה האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש אויף דער גרויסער וועראַנדע, און אויפן טיש האָט זי דערלאַנגט כיבוד און וויין, און האָט געמאָלדן מיט אַ הויכער שטימע: ׳קינדערלעך, אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה, היינט שרייבט מען אונטער אַן אָפּמאַך מיט אברהם עמיקם וועגן אַרויסגעבן פון ,,יזכור״־בוך פון אונדזערע שטעטלעך. איך פריי זיך וואָס איך האָב נישט געלאָזט צורו מיין מאַן. יעדן טאָג, יעדע שעה, בין איך אים דערגאַנגען די יאָרן, ער זאָל פאַרענדיקן דעם דאָזיקן קאַפּיטל. און איך בין גליקלעך וואָ סדער אָפּמאַך וועט היינט ווערן אונטערגעשריבן, ביי מיר אין הויז און אויף מיין טיש״.

איר ענערגיע און ענטוזיאַזם האָבן מיך אָנגעשטעקט. איך האָב זיך פאַרנומען מיט שרייבן יעדן טאָג פון אַכט אַזייגער אין אָוונט ביז האַלבער נאַכט, און זי האָט אַכטונג געגעבן, אַז איך זאָל שרייבן פּערמאַנענט. איך האָב אַריינגעטאָן אין שרייבן צענדליקער און הונדערטער שעהן. אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט געשפּירט חיה, ווען איך פלעג איר פאָרלייענען דעם מאַטעריאַל. זי האָט ליב געהאַט צו הערן די היסטאָרישע פראַגמענטן און די שילדערישע קאַפּיטלעך. ווען זי האָט געהערט וועגן שיינעם טייכל זעלעוויאַנקע, פלעגט זי אויפהייבן דעם קאָפּ און באַמערקן מיט אַ זיסן שמייכל: ,,געדענקסטו, יהודה, ווי מיר פלעגן פאָרן אין אַ לאָדקע אויפן טייכל 5—6 קילאָמעטער ביז מיר זענען אָנגעקומען צום אינדזל אין מיטן וואַלד. ווי שיין און רירנדיק איז דאָס געווען״.

דאָס ,,יזכור״־בוך וועט אינגיכן דערשיינען, אָבער דער ביטערער גורל האָט געוואָלט, אַז חיה וועט נישט זוכה זיין עס צו זען. זי, וועלכע האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן און אַריינגעלייגט אַזוי פיל מי און געדאַנק, און אַ דאַנק איר האָט די אַרבעט געמאַכט פאָרשריט. ווי טראַגיש און גרויזאַם איז דאָס, אַז די דאָזיקע פרוי, וועלכע איז געווען איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן לייב

און לעבן אונדזערע לאַנדסלייט, האָט נישט זוכה געווען צו זען און הנאה צו האָבן פון דעם ווערק, וואָס איז געוואָרן איר לעבנס־ווערק.

חיה האָט ליב געהאַט צו לייענען

פון איר פריסטער יוגנט אָן האָט חיה ליב געהאַט צו לייענען. שטענדיק איז געווען נעבן איר אַ בוך, און אין יעדער פרייער מינוט פלעגן אירע אויגן אַריינקוקן אין אים. חיה האָט איבערגעלייענט די מערהייט ביכער פון טאָלסטאָי. בעיקר איז זי געווען באַאיינדרוקט פון „אַננאַ קאַרענינאַ". זי פלעגט לייענען דאָס בוך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און געוויסע שטעלן פון אים פלעגט זי מיר פאַרלייענען. זי האָט אויך געלייענט די מערהייט ביכער פון עגנון, און פיל פראַגמענטן האָט זי געקענט אויף אויסווייניק. אָבער באַזונדערס האָט זי ליב געהאַט שלום־עליכם, און אָפט פלעגט זי ברענגעןביישפילן פון זיינע שריפטן. חיה האָט געלייענט פיל צייטונגען, וואָכן־בלעטער און מאָנאַט־שריפטן, איינשליסלעך צייטונגען אין יידיש, וועלכע זי פלעגט באַקומען פון אַמעריקע. איך געדענק נישט קיין איין טאָג, אין וועלכן זי זאָל נישט האָבן געלייענט אַ פּאָר שעה. אַ טאָג אָן לייענען איז לויט איר מיינונג געווען ווערטלאָז און איז אַריבער אָן הנאה.

ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען
און באַזוכן אין טעאַטער

צו ראַדיאָ־פּראָגראַמען פלעגט זי זיך צוהערן יעדן טאָג, באַזונדערס אין די שעהן, אין וועלכן זי האָט געאַרבעט אין קיך. זי איז געווען באַהאַוונט אין יעדער טעמע. באַזונדערס האָט זי זיך אינטערעסירט מיט די אָפּגעשטאַנענע לענדער ווי אינדיע און פּאַקיסטאַן, און זי פלעגט זיך באַקלאָגן אויף די פאַרגעשריטענע לענדער, וועלכע העלפן נישט הונגעריקע מענטשן. אין דר טעלעוויזיע פלעגט זי זען ווי אַזוי די קינדער לעבן אין ביאַפראַ, נאַקעטע און מיט געשוואָלענע בייכער, און זי האָט געשטורעמט קעגן דעם. זי פלעגט זאָגן, אַז ווען די פירער פון די רייכע לענדער וואָלטן געוואָלט אויסבעסערן די הימל־שרייענדיקע עוולה, וואלטן זיי דאָס געטאָן. אָבער עס איז זיי לייכטער אונטערצודריקן מער ווי אַ האַלבע וועלט. איר פאַראינטערעסירונג אין פילמען האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס לויט איר מיינונג דאַרף מען זיך פאַרטיפן אין יעדן פּראָבלעם. זי האָ טזיך אויך אינטערעסירט מיט די פּראָגראַמען „מוקד". אַ באַזונדערע ליבע האָט זי געהאַט צום טעאַטער. מיר פלעגן גיין פערמאַנענט אויף פאָרשטעלונגען. זי פלעגט צוגרייטן בילעטן אַ לאַנגע צייט פאַר דער פאָרשטעלונג. און אַזוי פלעג איך אויך באַזוכן אַדאַנק

איר, טראַץ מיין אַרבעט און די פיל באַשעפטיקונגען און האָב הנאה געהאַט פון די דאָזיקע קולטורעלע אימפּרעזעס.

מוזיק

חיה האָט ליב געהאַט מוזיק. באַזונדערס די שאַפונגען פון טשײַקאָווסקי, און עס איז איר געלונגען צו וועקן די דאָזיקע ליבע אויך ביי אירע קינדער. זי האָט געקויפט אַ פּיאַנאָ, טראָץ דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. זי האָט געאַרבעט אין הויז־ווירטשאַפט און האָט אויסגעצאָלט אין מאָנאַטלעכע ראַטעס דעם פּיאַנאָ. אַזוי אַרום האָט זי דערמעגלעכט אירע קינדער צו לערנען שפּילן פּיאַנאָ. זיי זענען אויך געגאַנגען מיט איר אויף אַ סך קאָנצערטן. שרגא פלעגט זאָגן, אַז בלויז אַדאַנק דער מאַמען האָט ער זיך באַקענטע מיט דער וועלט פון מוזיק. ביז היינט געפינט זיך דער פּיאַנאָ אין אונדזער הויז און אויך די אייניקלעך האָבן באַקומען אַ מוזיקאַלישע דערציאונג.

איר וואַכזאַמקייט לגבי איר משפחה, איר הויז און איר גאָרטן

זי איז געווען די, וואָס האָט באַשלאָסן אין הויז און קיינער האָט זיך נישט געמישט אין אירע וועגן. אַלץ איז ביי איר געווען פּלאַנירט פון פאָרויס, לויט אַ סדר, וועלכן זי האָט פעסטגעשטעלט. זי האָט באַשלאָסן וואָס מען קויפט פריער און וואָס שפּעטער, וואָס מען בויט און וואָס מען פאַריכט אין הויז. פאַר זיך אַליין האָט זי געהאַט קליינע פאַרלאַנגען און שטענדיק איז זי געווען צופרידן מיט דעם וואָס זי האָט געהאַט. גלייכצייטיק האָט זי זייער מקפיד געווען אויף איר קליידונג, זי זאָל פּאַסן און אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון דער צייט, אָבער זאָל אויך זיין באַשיידן.

איר ליבע צום גאָרטן האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גרויסער זאָרג פאַר אים און מיט דער פלעגע פון די ביימער, גראָז און בלומען. זי האָט געזאָרגט פאַר די צייטן פון באַוואַסערן, גראָבן א.אַ.וו. אין אונדזער גאָרטן האָבן מיר אַ סך ביימער: ציטרוס־ביימער, אייל־ביימער און אַסקודיניעס. באַזונדערס האָט זי ליב געהאַט דאָס גראָז. זי האָט זיך פאַרנומען מיט איבערגעגעבנקייט און זאָרגפעליקייט מיטן פראָנט פון הויז און מיט זיין הינטערשטן טייל. דאָס איז געווען אַ בליענדיקער גאָרטן, אַ גן־עדן אויף דער ערד. לויט אירע רייד האָט אַ הויז אַ גרויס און אַ שיינס ווי אונדזערס, זיך געניטיקט אין אָרדענונג, אַרבעט און זאָרג, דעריבער האָט זי שטענדיק געהאַנדלט לויט אַ פּלאַן אויסגעאַרבעט פון פאָרויס, ווי אַ געניטער אַגראָ־

נאָם. אירע געבענטשטע הענט זענען געווען קענטיק אומעטום, ביים פלאַנירן, ביי דער אויספירונג און ביי דער זאָרגפעליקער וואַכזאַמקייט.

און אויב זי האָט געפירט איר הויז מיט אַ געניטער און שטאַרקער האַנט, איז זי לגבי די מענטשן אין הויז געווען טאָלעראַנט, ווייך און פול מיט פאַרשטענדעניש. שטענדיק האָבן איר מאַן, קינדער און אייניקלעך גע־ ווּוסט, אַז זי האָט אַן אויער וואָס הערט אויס, אַ וואַרעם און עמפינדלעך האַרץ, און אַ קלוגע עצה.

אין איר איז מקויים געוואָרן דער פסוק : „כבדוה בת־מלך פנימה״.

צו חיהס כאַראַקטער

אין חיהן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן וויכטיקע און דערהויבענע מעלות, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין איר פערזענלעכקייט און אין אירע געבענטשטע מעשים. עס זענען צו ענג די ראַמען, כדי צו שילדערן אירע אייגנשאַפטן, איך וועל זיך אָבער אָפּשטעלן אויף אייניקע פון די וויכטיקסטע.

א) מענטשן־ליבע

איינע פון די בולטסטע אייגנשאַפטן אין חיהן איז געווען מענטשן־ ליבע אין ברייטסטן זין פון וואָרט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן ערנסטן און פאַראַנטוואָרטלעכן צוגאַנג צוזאַמען מיט געטריישאַפט צו פרינ־ ציפּיעלע ווערטן, מיט רעכענען זיך מיטן צווייטן מיט זיין אָנערקענונג, מיט אַן אמתדיקער פאַראינטערעסירונג מיט אים און מיט זיינע מעשים, און מיט אַ גרייטקייט צו קומען אים שטענדיק אַנטקעגן.

ב) זי איז געווען עמפינדלעך פאַר גלייכקייט צווישן מענטשן

איר עיקר־זאָרג איז געווען צו פאַרקלענערן דעם אָפּגרונט צווישן איין מענטשן און צווייטן, כדי די מענטשהייט זאָל לעקזיסטירן אין געמיינזאַמער פאַרשטענדעניש. זי האָט געווייטיקט דאָס וואָס שטאַרקע באַווולהן די שוואַכע, און האָט באַהויפּטעט, אַז אַלע דאַרפן זיך באַטראַכטן און זיך פירן אין אַלעם ווי מענטשן. זי אַליין האָט זיך שטענדיק דערנענטערט צו געדריקטע, צו עלנטע און האָט געפּרוּווט זיי געבן זיכערקייט און לעבנס־ פרייד.

ג) אומבאַגרענעצטע הילף דעם נויטבאַדערפטיקן

אויס אָנערקענונג פאַרן מענטש ווייל ער איז אַ מענטש, האָט זי גע־ ווידמעט אויפמערקזאַמקייט דעם שוואַכן. זי פלעגט זאָגן, אַז דער שטאַרקער און באַפעסטיקטער זאָרגט פאַר זיך אַליין און נויטיקט זיך נישט אין שטיצע פון אַנדערע. אָבער דער שוואַכער און מיטללאָזער דאַרף באַקומען

די פולע הילף ביז ער וועט שטיין שטאַרק אויף די פיס. און ווירקלעך האָט זי מקיים געווען דעם דאָזיקן מענטשלעכן צוגאַנג אין אירע מעשים, ווי עס זאָגן עדות די פאָלגנדע ביישפּילן:

1) אַ פרוי, וואָס איז געוואָרן אַן אלמנה, און איז געווען אין אַ דע־פּרעסיע און קראַנק. זי איז תיכף געקומען איר צו הילף. זי האָט זי גענו־מען צו אונדז אין הויז, און ווען די פרוי איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי געזאָרגט זי צו באַזאָרגן מיט די נויטיקע אַרטיקלען. חיה האָט געקאָכט פאַר איר, האָט געוואַשן און זיך פאַרנומען מיט איר און מיט איר קליינער טאָכטער, ביז די פרוי, וואָס איז געשטראָפט געוואָרן דורכן גורל איז צוריק־געקומען צו זיך און איז געזונט געוואָרן. אויך נאָך דעם האָט זי נאָכגעפאָלגט נאָך איר אין משך פון יאָרן און זי איז געווען אַ חברטע פאַר איר מיט ראַט און טאַט. די דאָזיקע פרוי פלעגט קומען אָפט צו חיהן און זיך אָנוואַרעמען נעבן איר ליכט.

2) אַ יתום, אויף וועלכן חיה האָט אויסגעשפּרייט איר שוץ. זי האָט אים דערלאַנגט די פולע הילף, האָט אים דערנענטערט צו איר הויז, האָט אים באַזאָרגט מיט עסן און אַ מלבוש. און ער איז געוואָרן אַ בן־בית ביי איר.

3) אַן אלמנה, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין הילף פון די אינסטי־טוציעס און האָט זי נישט באַקומען. חיה האָט גלייך אויסגעאיבט איר דרוק אויף מיר, און האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, ביז דער ענין איז געוואָרן דערליידיקט. זינט דאַן פלעגט זי מיר אַלע מאָל דאַנקען פאַר מיין הילף פאַר דער דאָזיקער אומגליקלעכער אלמנה.

4) חיה האָט זיך דערוווּסט וועגן די געלט־שוועריקייטן פון אַ געווי־סער משפחה. זי איז גלייך געקומען צו הילף און האָט אָנגעהויבן צונויפ־זאַמלען די נויטיקע סומע דורך הלוואות ביי שכנים און באַקאַנטע, און זי אַליין האָט געגעבן אַ גרויסע סומע. די משפחה האָט באַקומען הילף, האָט געלייזט אירע פּראָבלעמען, און האָט נישט פאַרגעסן די גוטהאַרציקע חיה.

5) זי האָט געהאַט אַ מנהג אונטערצושטיצן מיטללאָזע קינדער. באַ־זונדערס איז זי געווען עמפּינדלעך לגבי זייער נויט, ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט אין עקסקורסיעס. ווען אַ גרופּע קינדער פלעגט אַרויספאָרן אויף אַן עקסקורסיע, און איינס פון די קינדער האָט נישט געהאַט קיין געלט, כדי זיך צו באַטייליקן, פלעגט זי באַצאָלן פון איר קעשענע פאַרן קינד.

6) זי איז געווען זייער עמפּינדלעך לגבי געסט פון חוץ־לארץ. זי האָט געשפּירט אַ טיפע פליכט זיי אויפצונעמען און זיי ווייזן אונדזער לאַנד, און האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און געלטער. זי פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי און אַרויס מיט זיי. ווען זי איז צוריקגעקומען ביינאַכט פלעגט זי, טראָץ איר מידקייט, שפּירן אַ סאַטיספאַקציע, אַז זי האָט געגעבן הילף די געסט און זיי דערמעגלעכט צו באַקענען און הנאה האָבן פון אונדזער לאַנד.

7) הילף פאַר קינדער, וואָס זענען שוואַך אין די לימודים. מיט איר

הילף פאַרן שילער און האָט גענומען אויף זיך צו העלפן שוואַכע תלמידים. כאַראַקטעריסטישער גרייטקייט האָט זי זיך אָפּגערופן פאַר דער אַקציע פון ווען זיי זענען געקומען צו איר האָבן זיי געפונען אַ וואַרעם, ליבנדיק און אָפן הויז. זי פלעגט זיי העלפן קודם־כל צוגרייטן זייערע לעקציעס, נאָכדעם פלעגט זי זיך זעצן מיט זיי צום טיש און זאָרגן זיי געבן צו עסן און זיי זאַט מאַכן. אויסער דעם פלעגט זי זיי צוגרייטן אַ פּעקל אַהיים — שפּייז און קליידונג. זי פלעגט אויך באַזוכן ביי זיי אין הויז און זיי ברענגען מתנות. זיי האָבן אין איר געזען אַ נאָענטע פריינדין און אויף דעם זאָגן עדות די דאַנק־בריוו.

8) איר עמפּינדלעכקייט אויף די פּראָבלעמען פון נייעם עולה. איינע פון די פּליכטן, וואָס ליגן אוי ףאונדז, האָט געטענהט חיה, איז צוצוגרייטן אַ וואַרעם הויז פאַרן נייעם עולה. און אַליין האָט זי פאַרווירקלעכט די דאָזיקע פליכט. זי פלעגט זאָרגן אָנצוקומען צום עולה, וועלכער האָט זיך נאָך נישט איינגעאָרדנט ביי אַרבעט און אים ברענגען צו אונדז אַהיים. זי האָט זיך מיט אים פאַרנומען ביז ער האָט געפונען אַרבעט און איז אַריין אין זיין אייגענער וווינונג; אָדער זי פלעגט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט משפחות פון עולים, עפענען אונדזער הויז פאַר זיי, זיי שענקען זאַכן און אַר־טיקלען, וועלכע האָבן זיי געפעלט.

די דאָזיקע פאַלן זענען בלויז אייניקע ביישפּילן פון איר גרויסער אַק־טיוויטעט, וועלכע האָט אַרומגענומען נאָך צענדליקער פאַלן. חיה האָט אַ סך אויפגעטאָן אין איר לעבן פאַרן נויטבאַדערפטיקן, פאַרן שוואַכן — פאַרן כלל.

ד) אַ פּרוי מיט אַ זעלבסטבאַוווסטזיין און שטעלונג

צוזאַמען מיט איר גוט האַרץ און איר עמפינדלעכקייט פאַרן מענטשן, איז זי געווען אַ פרוי מיט אַ בולטן זעלבסטבאַוווסטזיין. נאָכדעם ווי זי האָט באַטראַכט אַ געוויסע זאַך, און זי איז געקומען צו דער מסקנה, אַז זי איז גערעכט, פלעגט זי קאַטעגאָריש באַשטיין אויף איר מיינונג און זי פאַר־טיידיקן ענערגיש און קלאָר. גלייכצייטיק האָט זי זיך נוהג געווען אויס־צוהערן די אַנדערע מיינונג, און אויב זי האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז נישט גערעכט, האָט זי אָנגענומען דעם דין פשוט און אָפנהאַרציק. איר מיינונג איז געווען, אַז איינער פון די פּרינציפּן פון דער געזעלשאַפט איז אָנצונעמען די אַנטשיידונג פון דער מערהייט. און ווירקלעך, אויב מען האָט אָנגענומען אַ געוויסן באַשלוס אין קעגנזאַץ צו איר שטעלונג, האָט זי אָנגענומען די אַנטשיידונג פון דער מערהייט, אונטערשטרייכנדיק, אַז מיר לעבן אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים און מיר דאַרפן זיך באַציען צו אים מיט כבוד. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז דער דעמאָ־קראַטישער רעזשים איז דער פּאַסיקסטער און דער בעסטער אין דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט און מען דאַרף אים אויפהאַלטן.



חיהס קראַנקהייט

אין אָקטאָבער 1971 האָט חיה דערשפּירט ווייטיקן אין איר לינקן פוס און אין איר פלייצע. אין נאָוועמבער האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט, אָבער עס איז נישט געווען קיין שאָטן פון פאָרגעפיל, אַז דער גרויסער און מוראדיקער אומגליק שטייט אויפן שוועל. זונטיק, דעם 21.11.1971 איז חיה אַוועקגענומען געוואָרן אין רמב״ם־שפּיטאָל און נאָך צוויי טעג האָט מען זי אָפּערירט. 38 טעג איז זי געלעגן אין שפּיטאָל, און אין משך פון דער גאַנצער צייט איז איר געדאַנק געווען קלאָר און זי פלעגט אויפנעמען אירע געסט און זיך אינטערעסירן מיט זיי און מיט די מיטגלידער פון זייערע משפחות. קיינער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון איר אַ באַמערקונג וועגן איר קראַנקהייט אָדער וועגן אירע ליידן. אויך אויפן קראַנקן־בעט איז חיה געבליבן געטריי זיך און אירע שיינע אייגנשאַפטן, האָט ווייטער זיך אינטערעסירט מיטן צווייטן און געוואָלט אים פאַרלייכטערן. די געסט, די איבעריקע קראַנקע, די דאָקטוירים און אַלע, וואָס זענען געווען אַרום איר, האָבן זיך געוווּנדערט אויף חיהס אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. ווי אַזוי זי האָט זיך באַמיט צו פאַרוויילן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געפונען נעבן איר און דערווייטערן פון אים יעדע זאָרג און שרעק.

די 38 לעצטע טעג פון לעבן פון מיין טייערער און געליבטער פרוי זענען געווען טעג פון דערנענטערונג און אומעט. פון איין זייט זענען דאָס געווען אייגנאַרטיקע טעג פאַר מיר. איך האָב זיך נוהג געווען צו זיין מיט מיין געליבטער פרוי שעהן איבער שעהן אין דער דערנענטערונג און פאַר־געניגן, פון דער צווייטער זייט איז מיין האַרץ צעריסן געוואָרן פון זאָרג און ווייטיק. ווי איבעררעשט בין איך געווען, ווען איך פלעג קומען אין דער פרי אין שפיטאָל און טרעפן מיין פרוי ליגן אין בעט, מיט אָפענע, וואַכ־זאַמע און צייטנווייז אַפילו שמייכלענדיקע אויגן. איך פלעג זיצן נעבן איר, גלעטן אירע געבענטשטע הענט, וועלכע האָבן אויסגעפירט אין משך פון איר גאַנץ לעבן שיינע און גוטע טאַטן, סיי פאַר איאר משפחה, סיי פאַרן ציבור, וואָס האָט זיך געגויטיקט אין הילף, סיי פאַרן פאָטערלאַנד. און טראָץ איר קראַנקהייט האָט עקזיסטירט אין מיין האַרץ דאָס געפיל, אַז אָט וועלן ווידער די דאָזיקע הענט זיך צוריקקערן צו זייער געבענטשטער טעטיקייט.



און דרט נעבן איר בעט האָב איך געמאַכט אַן איבערבליק איבער אונדזער שיינער און רייכער פאַרגאַנגענהייט. ווען מיר האָבן געשפּרייזט האַנט ביי האַנט אַ לאַנגן וועג. און אין מיין האַרץ האָט געשעפּטשעט אַ תפילה, אַ זאפשר וועט אונדז צולויכטן דער מזל און מיין געליבטע פרוי וועט געזונט ווערן און זיך אומקערן צו איר געוויינלעכן וועג פון לעבן און מיר וועלן ווייטער שפּרייזן צוזאַמען ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט.

טראָץ דעם ווייטיק און ליידן האָב איך געשפּירט אי ןיענע שווערע טעג טיפע געפילן פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם וואָס עס איז מיר געגעבן געוואָרן נאָך צו זיצן נעבן איר בעט, ווען מיינע אויגן זענען געווענדט צו

איר, און בלויז צו איר, כדי צו בלייבן אַליין מיט דעם מענטשן, מיט וועלכן איך האָב געקענט בלויז גליק. און אַלע מיינע געדאַנקען און געפילן זענען געווען געווענדט בלויז צו מיין געליבטער פרוי. אָבער וויפיל בין איך צע־ריסן געוואָרן פון ווייטיק און יאוש, ווען אין משך פון אַלע שעהן פון טאָג בין איך געווען אַן עדות צו אירע ליידן און איר מצב. ווען איך האָב זיך איבערצייגט ווי איר גוזונטער און לעבנספולער קערפער ווערט וואָס אַמאָל מער אָפּגעשוואַכט און צעשטערט פון טאָג צו טאָג, און ווי די מוראדיקע יסורים לאָזן זי נישט אָפּ. באַזונדערס, ווען איך האָב געוווּסט, אַז צו איר מוראדיק ליידן איז נישטאָ קיין היילונג און האָפענונג. אירע פלינקע פיס, וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געשפרייזט אַזוי לייכט איבער בערג און טאָלן, און וועלכע זענען שטענדיק געווען גרייט צו טאַנצן, צו שפּאַצירן, זענען איצט געווען צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט.

און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין מיין געליבטער פרוי, וועלכע איז געווען אַ טייל פון מיין לעבן און גליק אין משך פון אַכט און פערציק יאָר, און געזען ווי זי ליידט, האָט זיך מיין האַרץ צעבראָכן פון ווייטיק און צער. בלויז איין געדאַנק איז געווען ביי מיר, ווי אַזוי איר צו פאַרלייכטערן און דערוייטערן די דאָזיקע שרעקלעכע ווייטיקן.

עס איז שרעקלעך ווען דו קוקסט אויף דיין פרוי און זי איז היפּסלאָז און דו האָסט נישט קיין מעגלעכקייט איר צו העלפן מיט עפּעס, אַפילו נישט צו פאַרלייכטערן מיט וואָס עס איז אירע מוראדיקע יסורים. ווען איך האָב שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם דאָזיקן צער, פלעג איך אַרויסגיין אין דעם לאַנגן קאָרידאָר און וויינען און שרייען אין דער שטיל, „האָט רחמנות, ראַטעוועט, ראַטעוועט מיין פרוי, וועלכע איז מיין גליק!״ אָבער אומזיסט, נישטאָ קיין רעטער און נישטאָ קיין העלפער.

דער ביטערער סוף

די נאַכט אויף דינסטיק, י׳ טבת תשל״ב, אַ ביטערער טאָג, האָט מיין געליבטער פרוי צוריקגעגעבן אי רריינע נשמה, ווען אַרום איר בעט זענען געווען איר מאַן, איר טאָכטער, אירע שוועסטער און קרובים. פלוצלונג איז מיין וועלט פינצטער געוואָרן און איך בין געבליבן איינזאַם.

מיט חיהס טויט איז אַוועק פון דער פּיעסקער געזעלשאַפטלעכער אַרענע אַן אומגעווייגלעכע געשטאַלט. חיהס ווערק אויפן דאָזיקן געביט וועט איר פאַרזיכערן אַן ערן־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון די שטעטלעך פּיעסק און מאָסטי. זי וועט אָבער געדענקט ווערן צום גוטן נישט נאָר צוליב אירע פילע גוטע מעשים, נאָר אויך צוליב אירע פערזענלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן איר פאַרשאַפט אַן אַלגעמיינע פּאָזיציע, אַלס אַ פרוי מיט ברייטע


האָריזאָנטן, אויף אַלע געביטן אין אונדזער לאַנד, אַ פרוי מיט אַן אָנגענעם באַנעמען, אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פון אייגנשאַפטן, וואָס וועט בלייבן לייזיק אין אונדזער געזעלשאַפט נאָך איר אַוועקגיין.

אַזוי איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז פריצייטיק אונדזער טייערע, אונדזער באַליבטע.

איר אָנדענק בלייבט אויסגעקריצט אין אונדזער נשמה אויף אייביק.

פיעסק און מוסט

יזכור בוך



געבראכט צום דרוק ביי דער בוך רעדאקציע
תשל״ה 1975

פ א ר וו א ר ט

טייערע לאנדסלייט,

אויף אט דעם בוך, אין וועלכן איר קוקט יעצט אריין, האט איר זייער לאנג געווארט ביז צו זיין ערשיינונג. פיעל פון אייך האבן שוין זיכער נישט געגלויבט אז ער וועט ווען עס איז ארויסגעגעבן ווערן, אנדערע האבן געמיינט אז עס וועט נעמען פיעל צייט ביז ער וועט פארטיג ווערן.

אבער, טראץ אלע פארשפעטיקונגען און נישט קוקנדיק אויף דער לאנגער צייט וועלכע איז געוועזן נויטיק אים צו פארבערייטן, אט ליגט ער פאר אייער אויגן און פיעל גרעסערע שטעט פון פיעסק און מאסט, ווואלטן זיך נישט געדארפט שעמען מיט אזא בוך, אין הינזיכט פון אויסערליכן פארמאט, פון דער צאל זייטן און פון דער קוואליטעט פון איינהאלט. דאס איז א רעזולטאט פון יארן ארבייט, זארגן, צווייפלען און זוכן פון מאטעריאל.

מעהרערע פון אייך האבן געוויס פארגעסן דעם אנפאנג, ווען מיר האבן זיך געדארפט בעטן ביי מענשן זיי זאלן שרייבן. איך געדנק גוט די ווידערהאלטע, פארזארגטע פראגע פון יהודה בורובסקי : ״צו וועלן מיר דערגרייכן 200 זייטן ?״ יא, מיר האבן דערגרייכט 200 זייטן און פיעל מעהר...

געוויס געפינען זיך אין בוך פעהלערן. מעגליך, אז נאך אייער נישטערונג וועט איר אויך געפינען זאכן וועלכע וועלן אייך נישט געפעלן ווערן. אבער אין יעצטיקן מאמענט, פארקלערט זיך איבער דער מעכטיקער ארבייט וואס איז אין אים אריינגעלייגט געווארן, געדיינקט אז דאס איז א פרוכט פון נישט־אונטערבראכענער אנשטריינגונג און גרויסער פינאנציעלער אינוועסטיציע.

ווען איך האלט דאס בוך אין האנט, זעה איך די לאנגע וועג וואס מיר האבן דורכגעמאכט ביז יעצטיקן מאמענט : יהודה בורובסקי וועלכער האט טאג און נאכט געווידמעט דער זאמלונג פון מאטעריאל און עס ארויסברייינגען אין שריפט. דעם פארווארט וואס ער האט געשריבן — וועלכער בילדעט א באסיס און פונדאמענט פאר אט דעם פרעכטיקן בוך — קענט איר נישט געפינען זיין גלייכן אין מעהרערע יזכור ביכער ; חנה דיכטער וועלכע האט אונערמידליך געזאמלט דאס מאטעריאל, האט עס דורגעקוקט איין מאל און נאך א מאל, האט געראטן און געזוכט וועגן צו פארבעסערן און פארפארביגן די פארשידענע ארטיקלען ; משה שחורי, וועלכער טראץ זיין געפינען זיך אין א וייטן קבוץ, האט ער רעדאגירט דאס מאטריאל, עס בעארבעט און געזאמלט ; זלמן קפלן, דער פארשטייער פון קהילת מאסט ; עוזר שבח, מיט זיין ווארעם אידיש הארץ ; און דער אנגעזעהנסטער צווישן זיי, דער קאסירער יהודה רוז׳אנסקי, מיט זיינע העלפערינס אין ישראל און זיינע שליחים אין אויסלאנד, וועלכער האט גענומען אויף זיך א קאלאסאלן פינאנציעלן יאך, האט עס.געטראגן מיט א שמייכל און האט דערברייינגט אט דער מעכטיגער ליטערארישער אונטערנעמונג צו אט דער ערפאלגרייכער פארענדיגונג.

און זאלן נישט פארגעסן ווערן די אלע וועלכע האבן באשיידן און רוהיג געשפענדעט זייער צייט, ענערגיע און קראפט, אום צו פארענדיקן דער אונטערנעמונג ; און אלערערשט וועלן מיר נישט פארגעסן חיה בורובסקי ז״ל, וואס ביי איר אין הויז איז אונטערגעשריבן געווארן דער אפמאך. זי

האט אויסגעאיבט א דרוק אז עס זאל אונטערשריבן ווערן, זי האט געטאן אלעס וואס איר איז נאר געווען מעגליך פאר דאס ערפאלג פון בוך, נאר צו אונזער גרויסן באדויערן — האט זי נישט זוכה געווען צו זעהן די פארווירקליכונג פון דיזען טרוים אין לעבן. איר אנדיינקען וועט אייביק פארבלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון און מיינע באזוכן אין איר הויז — א אונפארגעסליכער איינדרוק.

דער ארויסגעבער

עמיקם אברהם



אופירה בן־ברק (אייניקל פון חיה און יהודה באַראַווסקי)

מיין זיידע פון פיעסק...

אַ ווינט אין דרויסן. אַ ווינטערדיקער ווינט.

איך זינק אין געדאַנקען. אין דרויסן הערשט ווינטער.

דער זיידע, ווייט אין דער היים, שרייבט אַ בוך.

אַ בוך, וואָס איז מיר נישט פרעמד.

איך בין שוין איצט נישט קיין קינד.

ווייט פון דער היים און ווער אַנטשלאָפן ביינאַכט אַן דערציילונגען.

אַמאָל, אין די ווייטע ווינטערס, ווען אויפן פענס־טער איז געהאַנגען אַ קאָלדרע, כדי עס זאָל נישט אריין קיין ווינט, אין דעם ריזן־בעט פון זיידן מיט דער באָ־בען, האָב איך געלעבט די דערציילונגען.

היינט שרייבט מען וועגן דעם ווייטן שטעטל, איצט איז פאַראַן אַ בוך, היינט זענען פאַראַן דערינערונגען. אַמאָל האָט מען געלעבט אין אים.

איך האָב עס געלעבט אין די ווינטער־נעכט. אַלס אַ מיידעלע, געראַנגלט זיך מיטן שלאָף, און האָב גע־שלונגען דערציילונגען.

דער זיידע האָט נישט דערציילט.

דער זיידע האָט געלעבט פון דאָס ניי די מינוטן, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט.

איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אים אין וואַלד, וועל־כער איז געווען פינצטער און נאַס, צווישן בוימער און פאַרפלאָנטערטע קלעטערנדיקע צווייגן, און האָב גע־קעמפט מיט וועלף מיט דער הילף פון שטעקנס. ביי־נאַכט פלעגן מיר אָנצינדן צוזאַמען אַ פייער קעגן דער קעלט און אָוועקטרייבן בייזע חיות און קעמפן מיט די קינדער פון די גויים, וועלכע האָבן געוואָגט אריינצו־דרינגען אין אונדזער תחום און אונדז שטערן.

דער ווינטער איז געווען אַנדערש, נישט אַזוי ווי דאָ. מיט פיל שניי, ווייסן און האַרטן, אומבאַגרייפלעכע



אייניקל אופירה מיט חיה און יהודה באַראַווסקי

שטחים פון ווייס. מיר זענען געפאָרן אין אַ שליטן, ווייט אין די געפרוירענע פעלדער. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן שנעל איבער כאַטעס פון פויערים, וואָס זענען פאַרגראָבן ביז דער העלפט אין שניי. און צייטנווייז האָבן מיר געזען בלויז די שוואַרצע קוימענס אויף דעם ווייסן בלישטשענדיקן הינטערגרונט און דאָס שטרוי, וואָס האָט פאַרשטאָפּט די שפּאַלטן אין די פענצטערס.

מיר האָבן זיך געגליטשט פון באַרג, מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין שניי, פאַרלירנדיק דאָס געפיל פון צייט און מיר האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אים.

ווען מיר זענען געווען גוטע קינדער, האָט מען אונדז גענומען אויף אַ באַזוך ביי דער מומע חנה אין קרימניצי.

מיר פלעגן איינשפּאַנען דעם „בולאַן" און פאָרן. „בולאַנען" האָב איך ליב געהאַט מער פון אַלע. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז ער איז ווי אַ קעמל, געל און ריזעדיק און מיט יעדן שריט האָט ער דורכגעמאָסטן אַ האַלבן וואַלד.

און איין נאַכט, ווען עס איז געווען זייער פינצטער, און מיר זענען געשלאָפן אין שייער, זענען מיר כמעט ווי געהרגעט געוואָרן, ווען עס איז אַראָפּגעפאַלן די גרויסע און שווערע אייזערנע טיר.

די באָבע האָט אונדז געבראַכט אין „חדר" אַריין צו לערנען ביים רבין. מיר זענען געווען זייער קליין.

און אַז דער רבי נפתלי האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און האָט אונדז געיאָגט איבערן גאַנצן צימער, כדי אונדז צו דערלאַנגען, ווייל מיר האָבן נישט גוט דעקלאַמירט, האָט די באָבע געדראָט מיטן פינגער און האָט געזאָגט, ער זאָל נישט וואָגן אונדז אָנצורירן.

בשעת די פויזעס פלעגן מיר זיך שפּילן מיט אַ באַל.

ווינטער פלעגן מיר מאַגאַזינירן קאַרטאָפל אונטער די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, כדי מיר זאָלן האָבן צו עסן אין משך פון דער גאַנצער לאַנגער און שווערער צייט.

מיר האָבן געשפּירט דעם פרילינג, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן צו צעגיין און דאָס ווייסע האָט זיך אויסגעמישט מיט בלאָטע, און מיר האָבן אים מער נישט ליב געהאַט.

מיר האָבן געוואַרט אויפן פרילינג.

דער פרילינג איז געווען פאַר אונדז די נאָרעס אין וואַלד די מלחמות מיט די „שקצים", דער טייך, די קאַרשן און דאָס געפיל פון פרייהייט.

מיר האָבן זיך נישט פאַרמאַכט ווי בערן אין דער נאָרע און מיר האָבן נישט געשפּירט דעם געוויכט פון דעם שניי אויפן דאַך. מיר זענען געווען מיט זיך, אָן אַ צוים, צוריק געהערט צו אַלץ, וואָס מיר האָבן ליב געהאַט. מיר זענען נישט געווען פאַרשפּאַרט.

דעם טייך האָבן מיר ליב געהאַט.

אַ מין געווירבל פון גרין און בלוי. ער האָט געהאַט אין זיך די קראַפט פון שטראָמענדיקן וואַסער, וואָס הערשט און דערגייט אין ווייטע, נישט פאַרשטענדלעכע ערטער. מיר זענען געבליבן פון הינטן, בלויז געקוקט.

שעהן לאַנג האָבן מיר געקאָנט קוקן אין וואַסער. ווינטער איז עס געווען ווי אַ ווייסע סטעזשקע. און אין פרילינג — זענען געשווומען אויף אים שטיקער אייז, גרויסע, געפערלעכע. און נאָך דעם אייז, האָבן מיר ווידעראַמאָל געזען דאָס וואַסער, וועלכעס מיר האָבן ליב געהאַט.

דאָס איז געווען אַ טייך פון שוואַנען. אַ טייך, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די בוימער און וואָלקנס. אַ טייך, איבער וועלכן מען האָט געקאָנט רודערן אָן אַ סוף, כדי צו שפּירן, אַז מען רייסט זיך אָפּ פון דער גרויער ערד און מען ווערט געטראָגן מיטן וואַסער.

איצט זענען מער נישטאָ קיין דערציילונגען. אַלץ געהערט צו אַן אַנדער וועלט.

— איצט זענען די נעכט אָן דערציילונגען. איצט שרייבט דער זיידע אַ בוך.

געווען אַמאָל אַ שטעטל, געווען אַמאָל קינדעריאָרן. געווען אַמאָל אַ טייך און אַלץ איז אוועקגעשווומען מיט אים.

יהודה בורובסקי

די געשיכטע פון פּיעסק

דאָס שטעטל פּיעסק געהערט צו ווייס־רוסלאַנד (ביעלאָרוסיאַ), אַ רעפּובליק אין מערב־טייל פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. דער שטח פון דער רעפּובליק איז 207,600 קוו. קילאָמעטער און די צאָל פון אירע איינוווינער איז ביי אַ 10 מיליאָן (1947).

ווייס־רוסלאַנד ליגט צווישן צפון־פּאַראַלעל 51 גראַד מיט 15 מינוט — 56 גראַד מיט 8 מינוט און מזרח־מעריד‏יאַן 23 גראַד מיט 10 מינוט — 32 גראַד מיט 43 מינוט.

אין מזרח און צפון־מזרח גרענעצט זי זיך מיט רוסלאַנד. אין צפון — מיט לעטלאַנד. אין צפון־מערב — מיט ליטע. אין מערב — מיט פּוילן. אין דרום — מיט אוקראַינע.

בלויז אַ קליינער טייל פון דער גרענעץ פון ווייס־רוסלאַנד איז אַ נאַטירלעכער — דער טייך בוג פון דרום־מערב און דער טייך דניעפּר — פון דרום־מזרח.

די פּאָליטישע גרענעץ איז כמעט אידענטיש מיט דער עטנאָגראַפישער גרענעץ, ווייל אין די יאָרן 1919—1939 איז זי געוואָרן צוגעפּאַסט צו דעם תחום פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער ווייס־רוסישער שפּראַך. זי איז ברייטער פון דער היסטאָרישער גרענעץ פון ווייס־רוסלאַנד (פון די יאָרהונדערטער 14—18) און נעמט אַרום שוואַרץ־רוסלאַנד (באַצירקן פון נאָוואָגרודעק, סלאָנים, וואָלקאָוויסק א. א.) און אַנדערע שטחים.

קרייז גראָדנע

אַן ערך 80 קילאָמעטער פון שטעטל פּיעסק. אַ באַצירק און אַ שטאָט אין דער ווייסרוסישער רעפּובליק פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אין צפון־מערב ווייסרוסלאַנד. גרענעצט אין צפון מיט ליטע און אין מערב מיט פּוילן. זיין שטח איז 21,000 קוו. קילאָמעטער. ליגט גאַנץ נידעריק. זיין העכסטער פּונקט איז 182 מעטער איבערן באַלטישן ים. דעם באַצירק שניידן דורך די טייכן, בוג, נאַרעוו, ניעמאַן און בובר. עס זענען אויך פאַראַן אין אים עטלעכע אָזיערעס.

וואָלקאָוויסק

די קרייז־שטאָט פון שטעטל פּיעסק.

ליגט אויפן טייך רוס (פאַלט אַריין אין ניעמאַן). ביי 90 קילאָמעטער מזרחדיק פון ביאַליסטאָק, אויף דער באַן־ליניע פון דער שטאָט קיין מינסק. די צאָל פון אירע איינוווינער — ביי 16,000 (1958). ליגט אין אַ סביבה, וואָס האַלט זיך אויס הויפּטזעכלעך פון לאַנדווירטשאַפט, פּי־צוכט און וועלדער. מען באַאַרבעט אין איר די פּראָדוקציע פון דער אומגעגנט. עס געפינען זיך אין איר פאַבריקן פון בוי־מאַטעריאַלן און מעטאַל.

וואָלקאָוויסק האָט שוין עקזיסטירט אין דעם 11טן יאָרהונדערט. אין יענער צייט האָט זי געדינט אַלס פעסטונג, כדי צו פאַרטיידיקן די מערב־גרענעץ פון קיעווער רוסלאַנד.

אין דער צווייטער העלפט פון פון 12טן יאָרהונדערט איז זי פאַרנומען געוואָרן פון צייט צו צייט דורך די פירשטן פון וואָלין און ליטע.

אין מיטן פון 13טן יאָרהונדערט האָט זי שוין געהערט — צו ליטע, שוועדן, און האָט זיך געפונען אין די הענט פון פּוילן, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט ליטע אין יאָר 1569. אַזוי איז זי געבליבן ביז 1795. דאַן איז זי אַנעקסירט געוואָרן דורך רוסלאַנד. אין 1920 האָט זי

זיך צוריקגעקערט צו פּוילן, אָבער אין יאָר 1939 איז זי ווידער אָנעקסירט געוואָרן דורך רוסלאַנד.

יידן ווערן דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אין וואָל־קאָוויסקער קרייז אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1577.

געאָגראַפישער און עקאָנאָמישער מצב פון פּיעסק

דאָס, שטעטל פּיעסק ליגט אין אַ פּלאַכן געביט אַרומגערינגלט פון אָזיערעס און וועלדער, אַ געדיכטע נעץ פון טייכלעך און טייכן, ווילדע געוויקסן, בוימער און פּרוכט־גערטנער פון אַלע מינים.

אין איר צענטער פליסט דאָס טייכל זעלעוויאַנקע, איר מזרחדיקער און צפונדיקער טייל ליגט אין דער ני־דער, דאַקעגן איר דרומדיקער טייל ליגט אויף אַ באַרג. אין דעם טייל ליגט אויך דער נעפּאָלעאָן־באַרג.

מען דערציילט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט באַפוילן די איינ־וווינער פון דער געגנט אָנצושיטן אַ וואַל, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם ריקצוג פון מאָסקווע, און אַזוי אַרום האָט דער באַרג באַקומען זיין נאָמען.

אויף אַ נאַטירלעכן אופן טיילט זיך פּיעסק אויף דריי טיילן, און יעדער איינער פון זיי געפינט זיך נעבן וואַסער.

די געגנט פון שול־הויף

זיין דרום־מזרח־טייל ליגט לענגאויס דעם אויסגע־גראַבענעם קאַנאַל, פון דער מיל, בית־המרחץ, לענג־אויס דעם גאַנצן וואַסער ביז דער „טאַמע". פון צפון־מזרח געפינט זיך דער „אַטץ" און נעבן אים דער יידי־שער בית־הקברות. זיין צפון־מזרח־טייל, נעבן דער שול, הויבט זיך אָן פון דעם הויז פון מלכה שבח (די שניידערקע), ציט זיך פון דעם ברונעם לענגאויס דער גאַנצער גאַס און דערגייט ביזן טייכל זעלעוויאַנקע, וואָס דרייט זיך אַוועק און שטראָמט אין דער ריכטונג פון בריק פּערעקאָפּ און דעם שטעטל מאָסטי.

געגנט פון פּערעקאָפּ

דאָס דאָזיקע געביט הויבט זיך אָן ביי די מילן. זיין דרומדיקער טייל איז נישט גרויס און געפינט זיך ביי דעם אויסגעגראַבענעם קאַנאַל. זיין צפונדיקער טייל — פון דעם פּלאַץ פון די ירידים, די פּראַוואָסלאַוונע צערק־ווע און די גאַנצע לענג־גאַס, וואָס איז געווען באַוווינט דורך קריסטן, ביז דעם בריק פּערעקאָפּ, וואָס פירט קיין מאָסטי — ליגט נישט ווייט פון דעם טייכל זעלעוויאַנקע.

געגנט פון זאַרעץ

זיין דרום־מזרח־טייל ציט זיך פון דעם ברונעם צו מזרח ביז דעם דאָרף טורי און ליגט אויפן ברעג פון דעם אויסגעגראַבענעם קאַנאַל. זיין דרום־מערב־טייל ציט זיך פון דעם ברונעם צו מערב ביז דעם קריסט־לעכן בית־הקברות און ליגט נעבן דעם אויסגעגראַבע־נעם קאַנאַל. אין דער דאָזיקער געגנט ליגט דער וועג, וואָס פירט קיין וואָלקאָוויסק.

פּיעסק — אַ קרייצונג פון וועגן

אויף מזרח פון פּיעסק געפינען זיך די שטעט: זעל־וואַ, דערעטשין, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, מינסק.

אויף מערב געפינען זיך די שטעט: וואָלפּ, ראָש, לונאַ, סקידעל, גראָדנע.

אויף צפון ליגן די שטעט: מאָסטי, ראָזאַנקי, סטו־טשין, לידע, ווילנע.

אויף דרום ליגן די שטעט: וואָלקאָוויסק, סוויס־לאָטש, ביאַליסטאָק, וואַרשע.

געאָגראַפישע לאַגע פון פּיעסק

פּיעסק איז אַרומגערינגלט פון וועלדער, נאַטירלעך גרינס, פּרוכט־גערטנער און בוימער. זי איז אויך אַרומ־גערינגלט פון וואַסער פון אַלע זייטן; און זי געפינט זיך אויף אַ שייד־וועג:

א) ווילנע — וואַרשע;

ב) גראָדנע — מינסק.

די געאָגראַפישע לאַגע האָט גורם געווען דערצו, אַז אין אַלע מלחמות פלעגט מען באַפעסטיקן די געגנט און עס פלעגן אין איר פאָרקומען שווערע שלאַכטן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן פאַרברענען פון די שטעט־לעך, איינגעשליסלעך פּיעסק.

— שוין אין אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט, איידער עס זענען געווען שאָסייען צווישן פּיעסק און די פּראָווינץ־שטעט, און די באַן־סטאַציע האָט זיך געפונען אין אַ מרחק פון 12 קילאָמעטער פון שטעטל, האָט זיך פּיעסק

אַנטוויקלט עקאָנאָמיש אַלס רעזולטאַט פון איר לאַגע אויף דער קרייצונג פון פאַרשידענע וועגן. עס האָט אין איר עקזיסטירט אַ שטאַרקע באַוועגונג. מענטשן פלעגן דורכגיין, זיך פאַרהאַלטן און ווייטער גיין. אַנדערע זענען פאַרבליבן. צווישן די זענען געווען הויפּטזעכלעך סוחרים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין ירידים און מערק.

פּיעסק ליגט פון ביידע זייטן טייכל זעלעוויאַנקע, וואָס איז 100 קילאָמעטער לאַנג. זי גייט אַרויס פון די קוואַלן ביי דער שטאָט ראַזינוי, און פאַלט אַריין אין דעם טייך ניעמאַן ביי דעם שטעטל זעלעוויאַן. דער מרחק פון פּיעסק ביזן ניעמאַן איז 7 קילאָמעטער.

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס בויען פון פּיעסק האָט זיך אָנגעהויבן אין דער געגנט פון שול־הויף, נישט ווייט פון טייכל זעלעוויאַנקע, מיט וועמענס וואַסערן מען האָט זיך באַנוצט. דאָס איז געווען וואַרשיינלעך אין סוף פון 13טן אָדער אין אָנהויב פון 14טן יאָרהונדערט. ווייל אין יזכור־בוך פון וואָלקאָוויסק (ערשטער באַנד, זייט 39) ווערט דערמאָנט צווישן ניין גאַסן, וואָס זענען דאָרט געווען אין יאָר 1507, אַ גאַס מיטן נאָמען פּיעסק.

דאָס גראָבן פון קאַנאַל

אין סוף פון 18טן אָדער אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט איז געגראָבן געוואָרן אַ קאַנאַל מזרחדיק פון שטעטל אין דער ריכטונג צו מערב. זיין לענג — 4.5 קילאָמעטער, די ברייט 60—70 מעטער און די טיף 3—5 מעטער. דער דאָזיקער קאַנאַל האָט צעטיילט דאָס שטעטל אויף צוויי. דער צפון־טייל האָט געהייסן פּערעקאָפּ, וואָס באַדייט „פון דער אַנדערער זייט גראָבונג"; און דער דרום־טייל האָט זיך גערופן זאַרעץ, דאָס הייסט „פון דער אַנדערער זייט טייך".

מען דערציילט, אַז דער קאַנאַל איז געגראָבן געוואָרן דורכן גראַף פּאָטאָצקי אַליין, אָדער דורך עמעצן פון די מיטגלידער פון זיין משפחה, ווייל די גאַנצע ערד פון דער אומגעגנט האָט געהערט צו דער דאָזיקער משפחה.

ישראל שבח ז"ל, דער נגיד פון פּיעסק, האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין פינאַנסירן ביים ענדיקן דאָס גראָבן פון קאַנאַל. און נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעשטעלט די מילן אויפן בריק פון קאַנאַל, זענען זיי אַריבער צו אים אין אַרענדע און פאַרבליבן ביי זיין משפחה ביזן יאָר 1920 בערך.

דאָס גראָבן פון קאַנאַל האָט געהאַט צוויי צילן:

דער ערשטער: פאַרביליקערן דאָס טראַנספּאָרטירן פונעם האָלץ פון די וועלדער פון מזרח צום ניעמאַן. ווייל פאַר דעם פלעגט מען פירן דאָס האָלץ מיט וועגענער אויף דער יבשה, און דאָס איז געווען זייער טייער.

דער צווייטער: אויפבויען מילן. נאָכדעם ווי עס איז געוואָרן אויסגעגראָבן דער קאַנאַל, האָט מען אויף אים אויפגעשטעלט אַ בריק, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט דורכגיין פון איין טייל שטעטל צום צווייטן. נעבן בריק האָט מען געשאַפן אַ וואַסערפאַל, וועלכער האָט באַוועגט צוויי מילן.

די מילן זענען געווען לעבנסוויכטיק פאַר פּיעסק, וועמענס באַפעלקערונג איז געוואַקסן אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט און איז דערגאַנגען ביז 2,500 נפשות. די דאָזיקע מילן האָבן באַדינט אויך די גאַנצע סביבה, וועלכע האָט אַרומגענומען צענדליקער דערפער מיט טויזנטער איינוווינער.

די געשיכטע פון פּיעסק

מען איז זיך משער, אַז פּיעסק האָט עקזיסטירט שוין אין 12—13 יאָרהונדערט און האָט געדינט אַלס פעסטונג, וואָס האָט פאַרטיידיקט די מערב־גרענעץ פון קיעווער רוסלאַנד. נאָכדעם ווי די קיעווער מדינה איז זיך צעפאַלן, אין דער צווייטער העלפט פון 12טן יאָרהונדערט, איז פּיעסק געווען פאַרנומען, צוזאַמען מיט דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק, פון צייט צו צייט דורך די פירשטן פון וואָלין און ליטע.

אין מיטן 13טן יאָרהונדערט האָט זי געהערט צו ליטע, שוועדן און האָט זיך געפונען אין די הענט פון פוילן, וועלכע האָט זיך פאַראייניקט מיט ליטע אין 1569. זי איז געבליבן אין די פוילישע הענט ביזן יאָר 1795, דאָס הייסט ביז דער דריטער צעטיילונג פון פוילן, און איז אַנעקסירט געוואָרן דורך רוסלאַנד. אין יאָר 1920 האָט זיך פּיעסק אומגעקערט צו פוילן, אָבער אין יאָר

1939 איז זי ווידעראמאל אנעקסירט געווארן דורך רוסלאנד.

פיעסק האט זיך וואָרשיינלעך אנטוויקלט אין 13—14טן יאָרהונדערט, ווייל אין יענער תקופה ווערט גראַד־נע דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אלס גובערניע־שטאָט.

אין די צייטן פון די פירשטן פון ליטע און פוילן האָט מען אָנגעהויבן באַזעצן די גאַנצע גראָדנער גובערניע וואָלקאָוויסק, אלס קרייז־שטאָט, האָט שוין עקזיסטירט אין 11טן יאָרהונדערט. פון דאַנען לאָזט זיך משער זיין, אַז אין יענער צייט האָט מען אויפגעשטעלט ישובים אויף צפון און מערב פון וואָלקאָוויסק ביזן ניעמאַן און פון דער אַנדערער זייט ניעמאַן, אַ טייך וואָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר די הערשערס. דער מרחק צווישן וואָלקאָוויסק און צווישן ניעמאַן ביים שטעטל מאָסטי איז 30 קילאָמעטער. דאָס שטעטל פיעסק געפינט זיך אין מיטן וועג צווישן וואָלקאָוויסק און מאָסטי, דעריבער איז זייער וואָרשיינלעך, אַז דאָס שטעטל פיעסק איז גע־שאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט די ערשטע ישובים פון דעם קרייז.

די געשיכטע פון די יידן אין פיעסק און אין וואָלקאָוויסקער קרייז

אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1577 ווערן דערמאָנט דאָס ערשטע מאָל יידן אין דער געגנט פון וואָלקאָוויסק. אַזוי ווי פיעסק איז דאָס ערשטע שטעטל, וואָס ליגט אויף צפון־מערב פון וואָלקאָוויסק, אין אַ מרחק פון בלויז 22 קילאָמעטער; און אַזוי ווי צווישן פיעסק און וואָל־קאָוויסק געפינט זיך נישט קיין יידישער ישוב פון צפון־מערב, קאָן מען אָננעמען, אַז די יידן, וואָס ווערן דער־מאָנט אין דעם דאָקומענט פון יאָר 1577, נעמען אַרום אויך די פון פיעסק.

און נאָך עפּעס: אין דעם פנקס פון ועד־ארבע־הארצות ווערט דערמאָנט אין דעם טאָג־באַפעל פון 23־סטן יוני 1533, אַז דער קעניג זיגמונט דער ערשטער בעט פון אַלע מאַכט־אָרגאַנען אין דעם ליטווישן פירשטנטום צו העלפן דעם קאָמערציעלן אַגענט פון דער קעניגין. אַ ייד מיטן נאָמען בן־מתתיהו, וואָס איז געווען פאַר־מישט אין אַ געוויסן סכסוך. פון דאַנען לאָזט זיך דרינ־גען, אַז די יידן האָבן זיך באַזעצט אין דער גאַנצער סביבה, איינשליסלעך דאָס שטעטל פיעסק, און אַז די באַציאונג פון קעניג צו זיי איז געווען אַ גוטע.

לויט קוואַלן פון „רעגעסטער אי זאַפּיסקי”, איז באַ־שלאָסן געוואָרן אין יאָר 1577 אויפצומאָנען, צוליב דער געפאַר פון מלחמה, 12 גראָשן פון יעדן יידן.

אין דעם פנקס פון ועד־ארבע־הארצות ווערט דער־מאָנט דער שטייער, וועלכן מען האָט אויפגעמאָנט פון יעדן יידן און מען האָט איבערגעוויזן צום ליטווישן „קניאַזש” אין די יאָרן 1680—1693. לויט יענעם קוואַל איז די צאָל יידן אין יאָר 1766 אין קרייז וואָלקאָוויסק געווען 4,781.

אין יאָר 1847 איז די צאָל יידן אין וואָלקאָוויסקער קרייז דערגאַנגען ביז 5,946, און האָט זיך פאַרטיילט צווישן די פאָלגנדיקע ישובים:

וואָלקאָוויסק	1,429
סוויסלאָטש	997
זעלעוויאַן	856
פיעסק	662
יאַלאָוקע	372
אַמסטיבווע	303
פּראַזעווע	397
איזאַבעלין	297
ראָש	287
ליסקאָווע	232
לאַ פּיניצע	88
נאָווידוואָר	53

די דאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז נאָך דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק איז פיעסק געווען די דריטע שטאָט לויט דער צאָל יידן.

אין יאָר 1897 איז די צאָל פון דער אַלגעמיינע־באַפעלקערונג און די צאָל יידן אין די וויטערדיקע ישו־בים געווען אַ פאָלגנדיקע:

	אַלגעמיינע באַפעלקערונג	יידן
סוויסלאָטש	3099	2086
זעלווע	2083	1844
פּיעסק	2396	1615
פּאַרזעווע	2028	931
יאַלאָווקע	1311	743
ליסקאָווע	876	658
איזאַבעלין	963	454
אַמסטיבווע	1228	389
נאָווידוואָר	1481	183
זעלעוויאַן	600	81

אין יאָר 1847 איז די צאָל יידן אין פּיעסק דערגאַנגען צו 622, אין דער צייט ווען אין 1897 איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז 1615. דאָס הייסט, אַז אין פאַרלויף פון 50 יאָר איז דיצאָל יידן געוואַקסן מיט 60 פּראָצענט. דער דאָזיקער פאַקט באַווייזט, אַז דער סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז געווען אַ תקופה פון אויפבלי פון פּיעסק.

אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט איז געוואַקסן דער דרוק פון דער מאַכט אויף די פּיעסקער יידן, אַלס רעזולטאַט פון דער נישט־געלונגענער איבערקערעניש אין 1905 יאָר. אַ סך יידן אין פּיעסק און מאָסטי, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פּרווו פון דער איבערקערעניש, זענען געוואָרן אַרעסטירט און פאַרטריבן קיין סיביר. אַ סך יונגעלייט זענען אַנטלאָפן קיין מערב־אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין יאָר 1906 איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק. עס איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז ער איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער מאַכט. יידיש בלויט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און אַ סך האָבן געזוכט וועגן ווי צו אַנטלויפן פון דעם גרויזאַמען רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד. אַ טייל פון די יידן האָט עמיגרירט קיין מערב־אייראָפּע, אַ טייל קיין דרום־אַפריקע און אַ טייל קיין צפון־אַמעריקע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די עמיגראַנטן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שווערע קייטן פון אינטעגראַציע, זיי האָבן אָבער געגלויבט, אַז זייער מצב וועט זיך פאַרבעסערן און זיי האָבן זיך באַמיט אַריבערצונעמען זייערע פאַמיליעס צו זיך און נישט צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד.

אין משך פון 23 יאָר, פון 1897 ביז 1920, האָט זיך פאַרערגערט דער מצב פון די יידן אין רוסלאַנד אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער הינזיכט. פּאַראַלעל צו דעם איז אַראָפּ די צאָל יידן אין פּיעסק מיט אַן ערך 30 פּראָצענט און איז דערגאַנגען פון 1,615 ביז 1,162. און דאָס, טראָץ דעם וואָס דער נאַטירלעכער צוווּקס ביי די יידן אין יענער תקופה איז געווען גאַנץ גרויס און כמעט אין יעדן הויז האָבן זיך געפונען 6—8 קינדער.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען די צאָל פון יידישע ישובים בלויז 14. דאָס הייסט, אַז דער מצב האָט זיך נישט געענדערט אין משך פון די לעצטע 100 יאָר. דאַקעגן האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל קריסטלעכע ישובים און איז דערגאַנגען ביז 1,000.

די יידן זענען דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז זיי האָבן נישט קיין פּלאַץ אין רוסישן גלות. דעריבער האָבן זיי ווייטער עמיגרירט אין פאַרשידענע לענדער, זיי האָבן אָבער געפונען נאָך אַ לעזונג: עס האָט זיך געשאַפן אַ חלוצישע באַוועגונג, וועמענס חברים עס האָבן אָנגעהויבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

די פּיעסקער און מאָסטער יוגנט אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען

די פּיעסקער און מאָסטער יוגנט איז געווען טעטיק אין דער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט אונטערצוגראָבן דעם בייזן רעזשים אין דער צאַרישער רוסישער מדינה און דורכפירן אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש צווישן דעם געפּלאָגטן און געפּייניקטן רוסישן פאָלק.

אין יאָר 1905, קעגנאיבער דער מאַכטלאָזיקייט פון דער פּאָליציי, איז געבראָכן געוואָרן די דיסציפּלין אין די אָרגאַנען פון דער מאַכט. עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער פון הפקרות און די פּאַרטייען זענען געווען אימשטאַנד צו פירן אַן אָפענע אַגיטאַציע.

מייסטנטייל פלעגט זיך די יוגנט פֿאַרזאַמלען אין די וועלדער אַרום דעם שטעטל. אונטער די ברייטע צווייגן פלעגן זיי לייענען דעם לייען־מאַטעריאַל און די אינסטרוקציעס, וואָס פלעגן אָנקומען פון וואָלקאָוויסק און גראָדנע, און אויסאַרבעטן טעטיקייטס־פּלענער.

די חברים פון די קעגנערישע פּאַרטייען פלעגן זיך צונויפקומען אין דער צייט פון ירידים און מאַרק־טעג אויפן פּלאַץ, קעגן דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע.

יעדע פּאַרטיי פלעגט צונויפנעמען אירע אָנהענגער אַרום זיך און פירן אירע דיסקוסיעס. אין יענעם פּלאַץ פלעגט מען אויך קאָנצענטרירן דעם לייען־מאַטעריאַל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָק און ווילנע. די הויפּט־צייטונגען זענען געווען די „אַרבעטער־שטימע" פון „בונד" און דער „נייער וועג" פון דער ס.ס.־פּאַרטיי.

טראָץ די חילוקי־דעות און די קריגערייען, זענען אַלע געווען חברים אין דער אַרבעט און עס האָט געהערשט צווישן זיי אַ גייסט פון פּאַרברידערונג. נאָך אַלעמען איז זייער ציל געווען איינער: אַראָפּוואַרפן דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פון דעם צאַר.

די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע געדאַנקען זענען דערגאַנגען אויך צו די מאַסן, צו די בתי־מדרשים און בתי־כנסת, און די, וואָס האָבן זיי געפּרעדיקט, האָבן גערעדט פאַר אַ קהל איינגעוויקלט אין טליתים. דער שול־הויף האָט געדינט אַלס צענטראַלער פּאַרזאַמלונגס־פּלאַץ. מען האָט אָבער דערציילט, אַז עס איז דאָרט אויך געווען אַ באַהעלטעניש פון געווער, פאַר זעלבסט־פּאַרטיידיקונג.

אין יאָר 1905, דעם צווייטן טאָג פסח, זענען געקומען פּאַרטיי־מיטגלידער פון פּיעסק און מאָסטי אויפן שול־הויף, און האָבן אַרומגערינגלט דעם קהל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון די שולן. מען האָט געהאַלטן פּלאַמענדיקע רעדעס קעגן דעם צאַר און דער דיקטאַטור־הערשאַפט. אַ וואָך פון די פּאַרטייען איז אַרומגעגאַנגען מיט רעוואָלווערן און אַפילו געשאָסן אין דער לופט, און די פּאָליציי איז געשטאַנען פון דער ווייטנס.

צום ערשטן מאַי 1905 האָט מען באַפוילן די פּאַרטיי־חברים קומען אין דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק דעמאָנסטרירן. אָבער צוליב די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך באַנייט אין דער מדינה מיט דער אונטערשטיצונג פון די מאַכט־אָרגאַנען, איז דער פּלאַן נישט רעאַליזירט געוואָרן. די חברים פון „בונד" זענען בכלל נישט געפאָרן קיין וואָלקאָוויסק, און די חברים פון דער ס.ס.־פּאַרטיי זענען צוריקגעקומען קיין פּיעסק און דורכגעפירט אַ פּאַרזאַמלונג אין סטרובניצער וואַלד. נאָכדעם האָבן זיי דורכמאַרשירט אין די גאַסן פון שטעטל. אַ פּאַרשטאַרקטע וואָך פון דער פּאָליציי האָט געהיט די אָרדענונג, האָט אָבער נישט געשטערט די דעמאָנסטראַנטן.

דער פּאָטער פון שרייבער פון די שורות, וואָס האָט געדינט אין דער אַרמיי 4.5 יאָר, פלעגט דערמאָנען מיט צער און ווייטיק ווי אַזוי ער האָט געוואָלט נישט דערלאָזן די יונגעלייט און יונגע מיידלעך נישט צו רעוואָלטירן. ער איז געקומען אין סטרובניצער וואַלד און דערציילט וועגן דער שטאַרקער אַרמיי פון צאַר, די קאַוואַלעריע און אַרטילעריע. לויט זיין מיינונג זענען די האָפענונגען אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי פון זיין טראָן, געווען נישט מער ווי פּאַנטאַזיעס.

וועגן וואָס עס איז פּאַרגעקומען אין יענע טעג האָט אויך דערציילט אַ ליטווישער טוריסט, וואָס איז געקומען אין יאָר 1925 אויף אַ באַזוך אין ארץ־ישראל. מרדכי נאָרדאָווסקי ז"ל האָט געבראַכט דעם טוריסט צו דער פּיעסקער קבוצה אין עפולה, ווו ער האָט פּאַרבראַכט דריי וואָכן.

דער טוריסט האָט געהייסן בנימין לעוו, אָבער גערופן האָט מען אים „נומקע דער יתום פון שטעטל מאָסטי". אין יאָר 1905 איז ער אַלט געווען 16 יאָר און האָט געלערנט אין פּיעסק. ער איז געווען אַ געזונטער בחור און האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אָרגאַניזאַציע „שוועסטער און ברידער". דער באַגעגענונגס־פּלאַץ פון די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אויפן מיטן וועג צווישן פּיעסק און מאָסטי. אונטער אַ ריזן־בוים, הונדערט יאָר אַלט, וועלכער איז פּונקט ווי פּאַרפּלאַנצט געוואָרן פאַר דעם צוועק.

נומקע איז געווען אַ פּעאיקער בחור און איז געווען טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע און אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אים איינגעלאַדן אין הויז פון נוח באָראָווסקי, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַ־

ציע. דאָרט האָט מען אים געזאָגט, אַז ער דאַרף פּאָ־דערן פון קאַפּל וויינשטיין, דעם גביר פון שטעטל, 500 רובל פאַר דער קאַסע פון דער אָרגאַניזאַציע.

נומקע איז אַריין אין פּאַלאַץ פון גביר, נאָכדעם ווי ער האָט באַהערשט זיין פּחד, און האָט איבערגעגעבן די מעלדונג. די רעאַקציע איז געווען שטוינונג און צאָרן. ווי אַזוי וואָגט מען זיך צו ווענדן מיט חוצפּה צו אַ גביר, וואָס הערשט אין דער גאַנצער סביבה און די פּאָליציי פּאָלגט אים בלינד, און פאַרלאַנגען 500 רובל?

קאַפּל וויינשטיין האָט גערופן זיין עלטערע טאָכ־טער און איר געהייסן רופן דעם קאָמענדאַנט פון שטעטל, ער זאָל אַרעסטירן נומקע דעם יתום, וועלכער איז גע־ווען באַקאַנט אין פּיעסק און האָט אַפילו געגעסן גע־וויסע טעג ביים גביר אַליין.

און דאָ איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע זאַך. דאָס יינגל האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און געזאָגט רואיקערהייט אָבער זייער קלאָר דעם גביר, אַז ער וועט זיך נישט אָפּהאַלטן פון שיסן. פאַרשטענדלעך, אַז די טאָכ־טער האָט גלייך געבראַכט די 500 רובל.

די דאָזיקע דערציילונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּיעסקער און מאָסטער יוגנט, וואָס האָט אויפ־געמאָנט מיט כוח געלטער פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

בנימין לעוו האָט דערציילט טויזנטער געשיכטעס. דאָס געמיינזאַמע אין זיי איז געווען די איבערגעגעבנ־הייט צום אידעאַל, די שטרעבונג צו גרינדן אַ בעסערן און גערעכטערן רעזשים, אַ סאָציאַליסטישע וועלט, וואָס וועט מאַכן אַ סוף דעם הונגער פון די מאַסן.

די יוגנט פון פּיעסק און מאָסטי האָט געטון אַלץ, וואָס מעגלעך פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זי איז אָבער דורכגעפאַלן, אַרעסטירט און צעבראָכן גע־וואָרן. די פּאָליציי האָט געבראַכט פּאָלקן מיט קאָזאַקן, וואָס האָבן דורכגענישטערט די וועלדער און זענען אַריין אין יעדן הויז. די פירער זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין סיביר. אַ טייל האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון אַרעסט, אַריבערצוגיין די גרענעץ און אָנקומען אין אַנדערע לענ־דער. וועגן אַ צווייטן טייל האָט מען שוין מער קיינמאָל נישט געהערט.

היינט, אַז מען קוקט זיך אַרום צוריק, קאָן מען אָפּשאַצן פולשטענדיק דעם טרוים פון דער יוגנט פון פּיעסק און מאָסטי, וועלכע האָט פאַר אים מקריב געווען אַזוי פיל.

איינער פון די פירער פון דער ס.ס.־פּאַרטיי אין פּיעסק איז געווען יעקב אָסטרינסקי ז״ל, דער פעטער פון דבורה רייטבורד.

אָסטרינסקי איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דערפער אַרום פּיעסק. ער פלעגט פאָרן צו די גויים און פּרווון זיי באַוועגן אַראָפּצוואַרפן די דיקטאַטאָרישע הער־שאַפט פון דעם צאַר.

דער מצב פון יענע קריסטן איז געווען גאָר שלעכט. באַזונדערס די לאַגע פון די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די פּריצים, און זענען געווען פאַרשקלאַפט און עקספּלאָ־אַטירט, ממש אַזוי ווי אין מיטלאַלטער.

אָסטרינסקי האָט זיי דערקלערט די פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, ווי אַזוי מען קאָן אַר־בעטן ווייניקער און עקזיסטירן שענער אויף דער וועלט. אַלץ, וואָס זיי דאַרפן טון, איז אַראָפּוואַרפן די הער־שאַפט פון די דעספּאָטן.

אַלס ביישפּיל האָט ער געבראַכט פאַר די באָדנ־לאָזע פויערים דעם פּריץ ביספּינג. וואָלט מען פאַר־טיילט זיין ערד, וואָלטן הונדערטער פויערים געהאַט פון זיי זייער פּרנסה מיט כבוד.

די פויערים האָבן פאַרערט אָסטרינסקין און האָבן געזאָגט, אַז מענטשן ווי ער וואָלטן געקאָנט ברענגען די גאולה זיי און די קומענדיקע דורות. זיי זענען געווען גרייט צו גיין נאָך אים אין פייער און אין וואַסער.

אַ געוויסן טאָג, נאָך אַ פייערדיקער רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אויפן יריד, איז אַריינגעקומען אָסטרינסקיס פאָטער אין הויז און געזאָגט: „מיין טייע־רער זון, מיר זענען אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע פּאָ־ליציאַנטן. אויב דו וועסט פּרווון אַנטלויפן, וועט מען דיך שיסן. בעסער דו זאָלסט זיך אונטערגעבן״.

יעקב אָסטרינסקי האָט פאַרמאָגט אַ גלענצנדיקן מוח, ער איז אָבער געווען נידעריק און זייער דאַר. ער האָט געבעטן זיין פרוי זי זאָל אָנטון אַ ברייט קלייד, זאָל זיך זעצן אויף אַ שטול אין ווינקל און שטריקן. זי האָט דערפילט זיין בקשה און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער איר קלייד. צום סוף איז אַריינגעקומען די פּאָ־ליציי אין הויז, האָט געזוכט אין יעדן פּלאַץ, האָט אי־

בערגעקערט דאָס שטרוי אויפן בוידעם און אין די שרענק און האָבן גאָרנישט געפונען.

ביינאַכט האָט זיך אָסטרינסקי אַרויסגעגנבעט פון הויז, און איז אַוועק צופוס צו דער באַן־סטאַציע אין מאָסטי, ער איז געפאָרן קיין גראָדנע, איז אַריבערגע־גאַנגען די רוסישע גרענעץ איז אָנגעקומען קיין מזרח־פּרייסן, און פון דאָרט איז ער אַוועק אין די פאַראייניק־טע שטאַטן, ווו ער האָט זיך באַזעצט.

די געגנט פון שול־הויף

די דאָזיקע געגנט, וואָס איז געווען פאַרשידן פון די צוויי אַנדערע געגנטן, און וועלכע איז די ערשטע אויפגעבויט געוואָרן אין שטעטל, האָט געציילט 404 יידישע נפשות אין יאָר 1920.


די געגנט איז געווען אַן אַלטע, אַן אָנגענעמע און האָט געצויגן דאָס אויג. איר יחוד איז געווען אין דעם, וואָס דאָרט האָבן זיך געפונען אַלע בתי־כנסת און דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט די קולטור פון שטעטל. די היי־זער, טראָץ דעם וואָס זיי זענען געווען געפלעגט און גאַנץ, זענען טיילווייז געווען איינגעזונקען אין דער ערד און אַלט. אין די דאָזיקע הייזער זענען די טירן געווען נידעריקע און די פענצטער קליין. די געסלעך זענען געווען ענג.

די דאָזיקע געגנט איז געווען זייער באַליבט אויך צוליב דעם, וואָס די קינדער פון אירע ערשטע איינוווי־נער האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין מוטיקע יונגעלייט, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דאָס קליינע שטעטל און פאַרגעזעצט די טראַדיציע פון יידנטום.

אין דער תקופה פון די ערשטע איינוווינער האָט מען נאָך נישט געהאַט געגראָבן דעם קאַנאַל. דעריבער פלעגט מען ברענגען וואַסער פון דעם טייכל זעלעוויאַנקע און האַלץ צום הייצן — פון נאָענטן וואַלד.

דער שול־הויף און די בתי־כנסת

דער שול־הויף איז געווען אַ פּירקאָנטיקער שטח, וואָס איז באַשטאַנען פון 10—12 דונאַם ערד. אויף מזרח פון פלאַץ איז געשטאַנען די פּיעסקער שול, אַ גרויסע און פּרעכטיקע געביידע פון האָלץ, ממש אַ פּאַלאַץ. מען



די שול

פלעגט דאָרט דאַווענען זומער, באַזונדערס אין די ימים־נוראים. די צימערן זענען געווען זייער באַקוועמע און האָבן געקאָנט אַריינעמען הונדערטער פרויען און מענער, אין פאַרשידענע זאַלן, זעלבסטפאַרשטענדלעך. די מעבל זענען געווען פּראַכטפול, אַזוי ווי די שול אַליין.

די אַקוסטיק איז געווען אַ גלענצנדיקע, און ווען דער שיין־געוויקסיקער און עלעגאַנטער חזן מערעמינסקי איז געשטאַנען און געדאַווענט מיט די משוררים ביים אָרון־קודש, האָט דער געזאַנג געהויבן דאָס האַרץ.

די מתפללים האָבן שטענדיק געפילט, אַז די תפילה דערגייט גלייך צום הימל, צו גאָט, און אַז דאָס נייע יאָר וועט זיין בעסער פון דעם פאַרגאַנגענעם.

דער בית־מדרש

דרום־מזרחדיק פון פּלאַץ, ביי דער שול, איז געשטאַנען דער בית־מדרש געבויט פון האָלץ (דער הילצערנער בית־מדרש). ער האָט שטענדיק געווימלט פון מענטשן און עס האָבן אין אים געדאַווענט מענטשן פון מיטלשטאַנד. אַ באַזונדער צימער איז געווען באַשטימט פאַר דער תלמוד־תורה און אירע תלמידים זענען געווען קינדער פון די יינגערע קלאַסן.

ביים בית־מדרש איז געווען אַ מאָדערנע בעקעריי פון שאַשע דער בעקערקע און בשעת די פויזעס פלעגן די תלמידים זיך מחיה זיין מיט די פרישע זעמעלעך.

דער נייער און פּרעכטיקער בית־הכנסת

אַ פּאָר מעטער אין דער ריכטונג צום צפון פון בית־המדרש איז געשטאַנען דער בית־הכנסת געבויט פון רויטע ציגל (דער מויער). ער איז געבויט געוואָרן, וואַרשיינלעך, סוף 18טן יאָרהונדערט און עס האָבן אין אים געדאַווענט ביידע רבנים פון שטעטל פון ביידע זייטן אָרון־קודש. רעכטס — ר' אשר קוויאַט (דער ראַשער רב); לינקס — ר' שמעון־בנימין.

יעדער איינער פון די רבנים האָט געהאַט זיינע אָנהענגער אין שטעטל און נישט איינמאָל זענען אויסגעבראָכן קריגערייען צווישן די צדדים. אָבער זייער שנעל פלעגן זיך אַלע איבערבעטן, ווייל די רבנים זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַ שפּאַלטונג.

אויפן ערשטן שטאָק פון בית־הכנסת איז געווען אַ פּראַכטפולע עזרת־נשים. און אין פּאַרטער — אַ באַזונדערער פּלאַץ פאַר דער תלמוד־תורה, פאַר די העכע־יאָר לערנען, פלעגן נאָכדעם אוועק אין ישיבות אין די יאָר לערנען, פלעגן נאָכדעם אוועק אין ישיבות אין די גרויסע שטעט, וווּ זיי האָבן געקאָנט דערגיין צו סמיכות און צו רבנות.

די תלמוד־תורה אין פיעסק איז געווען אין אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט דיהויפּט־שול, אויסער ביי אַ זעקס חדרים ביי פּריוואַטע לערערס. זי איז געווען געשטיצט און אויסגעהאַלטן דורך דער פיעסקער קהילה.

פון דער דאָזיקער תלמוד־תורה זענען אַרויס 14—15־יאָריקע יינגלעך אין די ישיבות פון סלאָנים, גראָדנע, סלאָבאָדקע און אַנדערע. דער רבי פון דער תלמוד־תורה איז געווען מרדכי עמיאל (דער רבי מאָטע דער ראַשער).

„חיי אָדם"

נעבן בית־הכנסת פון די רויטע ציגל איז געשטאַנען אַ בית־המדרש געבויט פון האָלץ, וואָס האָט געהייסן „חיי אָדם". ער איז, ווייזט אויס, געבויט געוואָרן אין מיטן 19טן יאָרהונדערט. עס האָבן דאָרט געדאַווענט „עמך", בעלי־מלאכות און אַרבעטער פון פיעסק.

דער רב פון „חיי אָדם" איז געווען לייב־בער, אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. כדי נישט מחלל צו זיין די הייליקייט פון זיין אַרבעט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ באַלוינונג, און קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואָס ער האַלט זיך אויס. ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, און אין פאַל פון אַ פּלוגתא, פלעגן אַלע אָננעמען זיין מיינונג.

זיין גרויס ווערק איז געווען דאָס גרינדן פון אַ קרייז צו לערנען „חיי אָדם" און אַ קרייז צו לערנען תהילים. די דאָזיקע קרייזן פלעגן מייסטנטייל פאָרקומען אין די לאַנגע און קאַלטע ווינטער־טעג. אַלע בעלי־מלאכות און אַרבעטער האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. אַזוי אָנגענעם איז זיי געווען די געזעלשאַפט און דאָס לערנער פון רב לייב בער.

אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע קרייזן האָבן „עמך" געקענט תהילים אויף אויסווייניק. אַ סטאָליער, אַ שניידער אָדער אַ שוסטער פלעגן פלייסיק ציטירן קאַפּיטלעך

און פסוקים פון תהילים. מען פלעגט דערציילן אין שטעטל, אז די אַרבעטער ביי די טראַטוואַרס אויפן טייך ניעמאַן האָבן גערעדט מיט דער „תהילים־שפּראַך".

דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געשען אי־בער נאַכט. דער רב לייב בער האָט אין דעם אַריינגע־טון זיין גאַנץ לעבן. זיין נאָמען טראָגט דער בית־הכנסת פון די פּיעסקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. אויף זיין נאָמען ווערט אויך גערופן אַ ווינקל אין בית־הכנסת אין קרית־חיים אין ישראל.

דער רב לייב בער האָט אַן אייניקל אין ישראל, מורשטין.

דער בית־המדרש פון די חסידים

קעגנאיבער „חיי אָדם" איז געשטאַנען אַ קליינער בנין (דאָס חסידים־שטיבל), וואָס האָט נישט געקאָנט אַריינעמען אַלע מתפּללים. עס האָבן דאָרט שטענדיק געהערשט פרייד און שמחה און דער געזאַנג איז דער־גאַנגען ביזן הימל.

פון צייט צו צייט פלעגן אין פּיעסק פאַרקומען צו־זאַמענפאָרן פון חסידים פון אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט די שמחה אין שטעטל.

„תפארת בחורים"

לינקס פון דער שול איז געשטאַנען די "תפארת בחורים". איר גרינדער איז געווען שרגא ציון (פּיזוע דער שניידער). אַ משכיל, אַן ערלעכער, ענערגישער און גוטהאַרציקער מאַן. ער איז געווען דער פאָטער פון די פיר שוועסטער ציון, וועלכע געפינען זיך אין ישראל: דריי אין קרית־חיים און איינע אין הרצליה.

אין „תפארת בחורים" האָט זיך קאָנצענטרירט די מערהייט פון דער פּיעסקער יוגנט, וואָס האָט נישט גע־פונען איר פּלאַץ אין אַנדערע בתי־כנסת. זיי האָבן גע־האַלטן, אַז די עלטערע דיסקרימינירן זיי און זענען זיי נישט מכבד געווען מיט עליות צו דער תורה.

דעריבער האָט שרגא ציון אָרגאַניזירט די פּיעסקער יוגנט און האָט געפונען פאַר זיי אַ צימער אַן דירה־געלט, ביי מלכה דער שניידערקע. דאָרט האָט זיך די יוגנט געפילט פריי און באַקוועם.

לוידער האָט שרגא ציון לאַנג נישט געלעבט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען דערשיטערט, ווען עס האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אומגעקומען אין אַ פאַרפאַל אויף דיוועגן אין עלטער פון פינף און דרייסיק יאָר.

מניינים

אין שטעטל זענען געווען אויך זעקס מניינים אין פּריוואַטע הייזער, ווייל אין ווינטערדיקע שניי־שטורעמס איז שווער געווען צוצוקומען פון די עקן שטעטל צו די בתי־כנסת. אָבער אין די ימים־נוראים און יום־טובים פלעגט מען דאַווענען בלויז אין די בתי־כנסת אויפן שול־הויף און נישט אין די פּריוואַטע מניינים.

דער בית־המרחץ

דער בית־המרחץ אין פּיעסק איז אויפגעבויט גע־וואָרן אין 19טן יאָרהונדערט נעבן טייך, וויבאַלד אויס נאָכן אויסגראָבן פון קאַנאַל.

דער בית־המרחץ איז געווען אָפן אַ גאַנץ יאָר. בדרך כלל פלעגן גיין אַהין זיך וואַשן צוזאַמען די עלטערן מיט די קינדער. הויפּטזעכלעך איז דאָס געווען דאָנערשטיק און פרייטיק. זיי פלעגן פאַרברענגען אין בית־המרחץ אַ פּאָר שעה און צוריקקומען אַהיים מונטער און ריין.

דער בית־המרחץ האָט אַ סך בייגעשטייערט פאַרן געזונט פון די איינוווינער, ווייל אין יענע טעג זענען אין די הייזער נישט געווען קיין דושן מיט וואַרעם וואַסער.

דער בית־המרחץ איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דעם שטעטל, און האָט ווירקלעך אָפּגעטון אַ גוטע אַרבעט. קיינמאָל זענען דאָרט נישט פאַרגעקומען קיין ערנסטע פאַרפאַלן.

אין דער תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין די יאָרן 1915—1918, האָט דער בית־המרחץ געדינט בלויז פאַרן מיליטער. צייטנווייז, פרייטיק, פלעגט דאָס מיליטער דערלויבן זיך צו וואַשן אויך אַ טייל פון די איינוווינער.

ווי געזאָגט, איז דער בית־המרחץ געווען אָפן אַ גאַנץ יאָר, אָבער מען פלעגט אים באַזוכן בעיקר ווינטער. זומער האָט מען בעסער געוואָלט זיך וואַשן אין טייך.

דער הקדש

אין הקדש האָבן זיך אויפגעהאַלטן צענדליקער פאַר־בייגעפאַרענע, אָמאָל אין משך פון עטלעכע חדשים. די

דאַזיקע מענטשן, וואָס האָבן געוואָנדערט פון אָרט צו אָרט, זענען געווען קראַנק, פאַרביטערט און דערשלאָגן. נישט איינמאָל פלעגן אויסברעכן צווישן זיי סכסוכים, וועלכע מען האָט געדאַרפט אַנטשיידן. צייטנווייז פלעגט דער רב פון דער תלמוד־תורה נעמען אויף זיך די אויפגאָבע פון דעם פשרה־מאַכער.

אַ פּיעסקער משפחה, וואָס האָט געוווינט סטאַביל אין הקדש, האָט געהיט די אָרדענונג און פלעגט פאַרמיטלען צווישן נייע געסט און די אַלטגעזעסענע, ווייל די אַלטגעזעסענע פלעגן טענהן, אַז זיי האָבן גרעסערע רעכט פון די נייע. אין נאָמען פון דעם ועד־הקהילה האָט אַכטונג געבן אויפן פלאַץ דער גבאי יוסף לייב.

גוטהאַרציקע פרויען האָבן זיך פאַרנומען מיט די געסט מיט מסירת־נפש. זיי פלעגן זאַמלען קליידונג און שפּייז, באַזונדערס פאַר די קינדער, וועלכע זענען געווען האַלב־נאַקעט. אַלע איינוווינער האָבן זיך באַמיט צו העלפן די דאָזיקע אָרעמעלייט, טראָץ דעם וואָס די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער מערהייט איז געווען גאַנץ שווער. זיי האָבן דאָס געטון, ווייל דער ווילן צו העלפן דעם שוואַכן איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין זייערע נשמות.

דער בית־עלמין

דער שטח פון בית־עלמין איז געווען אַ גרויסער, ער האָט אַרומגענומען הונדערטער קברים און האָט געדינט אַלס עדות פאַר דער עקזיסטענץ פון שטעטל זינט הונדערטער יאָרן.

אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט מען געקויפט אַ ווייטערדיקן שטח און דער בית־עלמין איז פאַרגרעסערט געוואָרן. אַזוי אַרום האָט מען פאַרזיכערט אַ פּלאַץ פאַר די קומענדיקע צוויי הונדערט יאָר, ווייל די פּיעסקער יידן האָבן געמיינט צו לעבן אין דעם שטעטל און שטאַרבן אין אים. אָבער ביז דער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט זענען כמעט אַלע פאַרניכטעט געוואָרן און האָבן נישט זוכה געווען צו קומען צו קבורה אויפן בית־עלמין.

אַנדערע האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די נעגל פון די נאַציס און עמיגרירן אין אַנדערע לענדער.

לעגענדעס און דערציילונגען

אַ סך לעגענדעס און דערציילונגען זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די איינוווינער וועגן דעם שול־הויף. דער עיקר פון זייער אינהאַלט איז געווען, אַז דאָרט האָט נישט געקאָנט פאָרקומען קיין אומגליק. אין אַנדערע ערטער זענען שדים אַרומגעגאַנגען פריי אין די פינצטערע נעכט און פלעגן זיך אָפּטראָגן בלויז מיטן קלינגען פון די גלאָקן, וועלכע פלעגן דינען אַלס וואָרענונג. וואָס אַן אמת האָבן די איינוווינער פון שטעטל נישט געהערט דאָס קלינגען פון די גרויסע גלאָקן, וואָס איז ווי געוויינלעך גע־



בית־עלמין

דערגאַנגען אויף אַ מרחק פון קילאָמעטערס, אָבער די שדים האָבן געהערט.

דער איינציקער פּלאַץ, צו וועלכן די שדים פלעגן נישט וואָגן זיך צו דערנענטערן, איז געווען דער שול־הויף, ווייל זיי האָבן געוווּסט פון פאַרויס, אַז אַזאַ פּרוּוו איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל.

אויך די שרעקלעכסטע בליצן און דונערן האָבן נישט געקאָנט טון קיין שלעכטס די הייזער און מענטשן אין דער געגנט פון שול־הויף. פּאַקטיש פלעגן די בליצן און דונערן אַריינפאַלן אין טייך נאָך איידער זיי זענען דערגאַנגען ביז דער געגנט פון שול־הויף.

פּונקט אַזוי ווי די שדים און בליצן און דונערן, האָבן אויך די ווילדע חיות נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו דער געגנט פון שול־הויף. וואָלטן זיי געפּרוּווט, וואָלטן זיי געוואָרן אָפּגעשטויסן.

די געגנט פון פּערעקאָפּ

די געגנט איז געוואָרן אויפגעבויט אין 17טן אָדער אין 18טן יאָרהונדערט. אין 1920 האָבן דאָרט געוווינט 388 יידן און 150 קריסטן. דער פּירטל האָט אַרומגענומען איין גאַס, ביי 2.5 קילאָמעטער לאַנג, פון די מילן ביים בריק פון קאַנאַל ביזן פּערעקאָפּ־בריק פון דעם טייכל זעלעוויאַנקע אין דער ריכטונג פון צפון, ביז דעם שטעטל מאָסטי. די גאַס איז געווען אַ ברייטע און אירע הייזער גרויס און באַקוועם און אַרום זיי פּרוכט־גערטנער.

אַ שמאָלע סטעזשקע האָט געפירט אין דער ריכטונג פון דער קאַטוילישער קירך.

צו מזרח, הינטער דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, איז געווען אַ פּלאַץ, וואָס האָט אַרומגענומען אַ שטח פון אַ 30 דונאַם, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר ירידים און מאַרק־טעג. די ירידים פלעגן פאָרקומען דעם 25טן יעדן חודש און די מערק — יעדן זונטיק.

די שורה קראָמען

איז געלעגן נעבן דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע און מען האָט דאָרט פאַרקויפט פאַרשידענע אַרטיקלען. מייסטנטייל האָבן זיך מיטן פאַרקויפן באַשעפטיקט פרויען.

דער ברונעם

האָט זיך געפונען אין מיטן פּלאַץ. זיין הויפּט־חשיבות איז געווען בשעת ירידים און מאַרק־טעג, ווען מען פלעגט שעפּן וואַסער פאַר מענטשן און בהמות.

די העברעאישע שול

אין דער געגנט פּערעקאָפּ האָט זיך געפונען אַ העברעאישע פאָלקס־שול מיטן נאָמען „תרבות", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּיעסק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דורך די פּאָלגנדיקע חברים: יצחק שפּירא, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, אָבער זיינע צוויי טעכטער געפינען זיך אין ישראל; זיידל שבח, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס; לייב לונסקי, וועלכער וווינט אין קאַנאַדע, אָבער איז געבליבן געטריי דעם ציוניזם און באַזוכט אָפּט ישראל; כאַזאַנאָווסקי, וועלכער וווינט אין פּערו, אָבער האָט אויך באַזוכט ישראל; יחזקאל ליסאָווסקי, וועלכער לעבט אין ישראל; אַביגדור דאַכאַווסקי ז"ל, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ משפּחה אין ישראל; זאַמי קאָפּלאַן, וועמענס דריי אייניקלעך געפינען זיך אין ישראל.

די דאָזיקע גרופּע פון זיבן מענטשן האָט זיך איינגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם ציל פון שאַפן אַ העברעאישע שול און זי האָט אויך מצליח געווען. אַ טייל פון דער גרופּע זענען געווען לערער און האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער באַרוף אין דער שול. ווייטערדיקע לערערס זענען געבראַכט געוואָרן פון דרויסן. די שול איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָט געגעבן בילדונג און וויסן דער יוגנט פון שטעטל.

די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע

די דאָזיקע קירך, די „צערקווע", איז געשטאַנען צפון־מזרחדיק פון פּלאַץ. זי איז געווען געבויט פון שיינע ציגל, אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט און האָט פאַרכאַפּט די בליקן. יעדן זונטיק און יעדן קריסטלעכן יום־טוב פלעגן פּראַוואָסלאַוונע קריסטן קומען אַהין מאַסנווייז, כדי צו דאַוונען.

די קאַטוילישע קירך

די דאָזיקע קירך, דער „קאַשטשאָל", איז געשטאַנעי צפון־מערבדיק פון שטעטל, נעבן זיין עק און דעם

טייך. איר בויען איז פאַרענדיקט געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג. פאַר דעם האָבן די קאַטאָליקן געדאַוונט אין אַ קליינער, הילצערנער קירך.

נאָך די תפילות פלעגן די קאַטאָליקן זיך אַוועקלאָזן מאַסנווייז צו די קראָמען און אין מאַרק און לאָזן די יידן שיינע פאַרדינסטן.

דאָס קיל־הויז

מזרחדיק פון פלאַץ, אין אַ גרויסן קעלער אין דעם הויז פון „קאַבאַק", האָט זיך געפונען דאָס קיל־הויז פון דעם שטעטל. די קהילה האָט געדונגען דאָס אָרט פון יצחק דער קאַבאַקער, וועמענס פאַמיליע־נאָמען איז גע־ווען וואַרהאַפטיק, אַ פעטער פון שר הדתות זרח וואַר־האַפטיק.

ווינטער פלעגט מען פירן מיט וועגענער אין קיל־הויז הונדערטער טאָנעס אייז, וועלכעס מען האָט אויס־געהאַקט אין טייך אין די חדשים מערץ — אַפּריל. די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן פרייוויליק און עס איז געווען אַ באַשטימטע קוואָטע פון אייז, וועלכע יעדער איינער האָט געדאַרפט ברענגען פון דעם טייך זעלע־וויאַנקע אין קיל־הויז.

דער דאָזיקער זאַפּאַס אייז איז געווען לעבנסוויכ־טיק זומער און מען פלעגט אים פאַרטיילן זאַרגפעלטיק, אונטער דער אויפזיכט פון דער קהילה. דאָס אייז איז געווען נויטיק הויפּטזעכלעך פאַר קראַנקע. פאַר יעדן חולה האָט מען באַשטימט אַ פּאַרציע אייז, וועמענס אויפ־גאַבע ס'איז געווען אָראָפּקלאַפּן די היץ.

שטענדיק פלעגן זיין אין שטעטל קראַנקהייטן, אָבער אַ באַזונדער שווערער מצב האָט געהערשט אין יאָר 1915, נאָך די קאַמפן אין שטעטל און אין דער אומ־געגנט, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער דייטשער אָקופּאַציע. די צאָל געפאַלענע איז דאָ געווען גרויס. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטעטל די עפּידעמיע פון טיפוס איידער מען האָט באַוויזן צו באַגראָבן אַלע קערפּערס אין דער ערד.

פאַר דער טיפוס־עפּידעמיע האָט געהערשט די כאָ־ליערע, אָבער די קראַנקע פון דער לעצטער קראַנקהייט זענען געשטאָרבן נאָך אַ פּאָר שעהן און האָבן זיך נישט געגוויטיקט אין קיין אייז.

דאַקעגן די טיפוס־קראַנקע האָבן געליטן אַ סך טעג פון דער הויכער היץ און דאָס אייז, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף זייער שטערן איז געווען דאָס איינ־ציקע מיטל זי אַראָפּצוקלאַפּן.

כמעט אין יעדן הויז זענען געווען קראַנקע און די ריי פאַרן קיל־הויז איז געווען זייער לאַנג.

דאָס אייז האָט אויך דערמעגלעכט אָפּצוהיטן געווי־סע אַרטיקלען אין די זומער־טעג, אָבער די דאָזיקע נויט־ווענדיקייט איז געווען באַטראַכט אַלס אַ צווייטראַנגיקע.

די זעלעוויאַנקע

דאָס וואַסער פון טייכל האָט געשטראַמט מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט נעבן די הייזער הינטער דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע ביזן פּערעקאָפּ־בריק.

נאָך דער אַגראַר־רעפאָרם אין רוסלאַנד אין יאָר 1860, האָבן די פּויערים באַקומען פּאַרצעלן ערד. אַ דאַנק דעם וואַסער פון טייכל איז די פּרוכט פון די גערטנער פון די פּויערים געווען בשפע.

זומער פלעגן די איינוווינער, פרויען און קינדער, זיך וואַשן אינעם וואַסער פון טייכל. זיי האָבן הנאה געהאַט און אויך אָפּגעהיט זייער ריינקייט און געזונט.

דער אַלטער קריסטלעכער בית־הקברות

איז געלעגן ביי דער נייער קאַטוילישער קירך. אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט האָט מען געגרינדעט אַ נייעם בית־הקברות פאַר די פּראַוואָסלאַווע און קאַטאָ־ליקן אין דער געגנט פון זאַרעץ, אויפן וועג צום שטעטל זעלעוויאַן.

די געגנט פון זאַרעץ

מען איז זיך משער, אַז די דאָזיקע געגנט איז גע־בויט געוואָרן אין 18טן אָדער 19טן יאָרהונדערט. זי איז געווען די מאָדערנסטע אין שטעטל און האָט זיך אַנט־וויקלט נאָכדעם ווי עס איז געגראָבן געוואָרן דער קאַנאַל.

אין יאָר 1920 זענען געווען אין דער געגנט 370 יידן און 250 קריסטן, סה"כ 620 נפשות. די קריסטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די פאַרשטעט פון פּיעסק פון דער מזרח־זייט, אין דעם דאָרף טורי, און אין די

פאַרשטעט פון פיעסק פון דער מערב־זייט, אין דער פאַרם לעשטשינאַ.

די טאָפּאָגראַפיע

די דאָזיקע געגנט, אויף אַ בערגל נעבן דעם נאַ־פּאָלעאָן־באַרג, ליגט העכער פון די צוויי פריערדיקע. אויסער דעם, אין דער צייט, וואָס די געגנטן שול־הויף און פערעקאָפּ האָבן געהאַט בלויז איין אַרויסגאַנג אין דער ריכטונג פון צפון — מאָסטי, סטוטשין, לידע, וויל־נע, האָט די געגנט זאַרעץ געהאַט אַן אַרויסגאַנג אין דריי ריכטונגען:

1) צו מזרח, צו די שטעט זעלווע, סלאָנים, מינסק;
2) צו מערב, צו די שטעט לונאַ, סקידעל, גראָדנע;
3) צו דרום, צו די שטעט וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע.

כמעט דער גאַנצער פירטל איז געווען געבויט אויפן ברעג פון קאַנאַל. די איינוווינער זענען געווען טיילוויז ידן און טיילוויז קריסטלעכע פּויערים. דאָס וואַסער פון קאַנאַל איז געווען אַ רייכער קוואַל פאַרן באַוואַסערן און דעריבער איז געווען ביי יעדן הויז אַ גרויסער גאָרטן מיט פרוכט־ביימער.

די רעגירונגס־אינסטיטוציעס

אין דעם פירטל זאַרעץ האָבן זיך געפונען אַלע רע־גירונגס־אינסטיטוציעס, דאָס געריכט, די פּאָליציי און די קריסטלעכע שול. דעריבער האָט דער פּלאַץ שטענדיק געווימלט פון מענטשן. די פאַרהאַנדלונגען אין געריכט האָבן זיך מייסטנטייל געפירט אין די לאַנגע ווינטער־טעג, ווען די פּויערים זענען געווען פריי פון דער ערד־אַרבעט.

די גרויסע קאָנצענטראַציע פון מענטשן האָט גע־בראַכט מיט זיך אַן עקאָנאָמישן אויפבלי. די פּויערים פלעגן ברענגען תבואה צום פאַרקויפן און פלעגן קויפן אין די קראָמען די אַרטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן זיך גענויטיקט.

די רעגירונגס־שול

מזרחדיק פון פירטל איז געווען אַ קריסטלעכע רע־גירונגס־שול, „דישקאָלקע" אין וועלכער עס האָבן גע־לערנט די קריסטלעכע שילער פון שטעטל און די שילער פון די דערבייאיקע דערפער. די שול איז געלעגן אויפן ברעג טייך, און האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַנצער



אידישע יונגען אין פוילישען מיליטער

סביבה. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן, וועלכן עס האָבן באַאַרבעט די תלמידים. ביי דער שול האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע אַלייע פון הויכע בוימער, וועלכע זענען פאַרפּלאַנצט געוואָרן מיט אַ 100—150 יאָר צוריק. די צווייגן פון די בוימער האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט אויף דער ברייט פון צענדליקער מעטער. דאָס זענען געווען זעלטן שיינע בוימער, וועלכע האָבן געדינט — לויט די דערציילונגען פון שטעטל — אַלס שטומע עדות צו אַלע ליבע־געשיכטעס פון דער יוגנט.

די מערהייט לימודים זענען פאַרגעקומען ווינטער, ווייל זומער האָבן די קינדער געהאָלפן זייערע עלטערן ביי די פעלד־אַרבעטן. די קינדער פון די דערפער אין דער אומגעגנט פלעגט מען ברענגען אין דער שול מיט וועגענער, און נאָך די לימודים פלעגט מען זיי אומקערן אויפן זעלבן וועג אין זייערע הייזער.

די קריסטלעכע קינדער זענען געווען אַ קוואַל פון הכנסה פאַר די אייגנטימער פון די קראָמען, ווייל זיי האָבן שטענדיק געהאַט אין זייערע קעשענעס אַ פּאָר קאָפּיקעס. זיי האָבן אָבער אַרויפגעוואָרפן זייער שרעק אויף די יידישע קינדער, וועלכע פלעגן אויסמיידן דאָרט דורכצוגיין ביי „דער שקאָלקע״.

מילן

אין זאַרעץ זענען געווען צוויי מילן. זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ביים בריק פון קאַנאַל און זיי האָבן זיך באַוועגט מיט דער הילף פון וואַסער. ווי געזאָגט, האָט די נויטיגענדיקייט אין מילן געבראַכט צום גראָבן פון קאַנאַל. די מילן זענען געווען גרויסע און מאָדערנע.

די קראָמען

דער קאָמערציעלער צענטער איז געווען אין פירטל פערעקאָפּ, דאַקעגן זענען אין פירטל זאַרעץ געווען בלויז זעקס קראָמען. זייערע קליענטן זענען געווען די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען צום געריכט, צו דער פּאָליציי און צו די מילן. דער עקאָנאָמישער מצב פון די קראָמען איז געווען אַ גוטער.

דאָס גליק האָט באַזונדערס צוגעשפּילט שרה־הינדען, אַ יונגע אלמנה, וואָס האָט געמוזט פאַרן ערשטן וועלט־קריג אויסהאַלטן פיר טעכטער. אַזוי ווי זי האָט זיך שיין באַצויגן צו די קליענטן, האָט זי געוווּנען אַ סך פון זיי. און האָט זיך דערנערט מיט כבוד. איינע פון אירע טעכטער, יפה קאַפּלאַן, געפינט זיך אין ישראל.

דער סטרובניצער וואַלד

אין אַ מרחק פון 500 מעטער פון זאַרעץ איז געלעגן אַ געדיכטער וואַלד, ווו עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן צווישן זיינע געדיכטע בוימער, 150—200־יאָריקע. דער וואַלד האָט געהערט צום פּריץ ביספינג פון דעם גוט סטרובניצע. די פּיעסקער איינוווינער האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דער שענסטער וואַלד אין דער אומגעגנט. און דער פּריץ, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס אַ גוטער מענטש, האָט דערלויבט די איינוווינער פון שטעטל צו שפּאַצירן אין וואַלד.

יעדן שבת, פאַר דעם זון־אונטערגאַנג, פלעגן די איינוווינער פון שטעטל אַרויסגיין אין וואַלד, געניסן פון דער פרישער לופט און פון דער לאַנדשאַפט.

אין יאָר 1905 האָט דער וואַלד געדינט אַלס טרעף־פונקט פאַר דער יוגנט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג „שוועסטער און ברידער״ פון פּיעסק און פון דער אומגעגנט. ווען עס איז דורכגעפאַלן דער פּרווו פון דער איבערקערעניש, האָבן זיך די חברים פון דער באַוועגונג אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און די עלטערן פלעגן זיי ברענגען שפּייז און קליידונג. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז צום סוף געשיקט געוואָרן אַ פּאָלק קאָזאַקן און די מענטשן זענען אַנטדעקט געוואָרן.

אָבער דער באַפעל פון דער מאַכט, וואָס האָט פאַרבאָטן די יידן צו שפּאַצירן אין וואַלד איז נאָך געווען אין קראַפט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם.

דער נייער קריסטלעכער בית־הקברות

נעבן פּיעסק, אויפן וועג קיין זעלעוויאַן, געפינט זיך דער נייער קריסטלעכער בית־הקברות פון די פּראַוואָסלאַווע און קאַטאָליקן. לויט די אויפשריפטן און דאָס פאַרבליבענע פון די מצבות, לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז די ערשטע קברים זענען געגראָבן געוואָרן אין 19טן יאָרהונדערט. פאַר דעם פלעגן די קריסטן באַגראָבן זייערע מתים אויפן בית־הקברות אין פירטל פון פערעקאָפּ, נעבן דער קאַטוילישער קירך, אין צווייטן עק פון שטעטל.

ר׳ אשר קוויאַט און ר׳ שמעון־בנימין

די דאָזיקע ביידע רבנים האָבן געבילדעט דעם רבנישן בית־דין פון שטעטל, די אויבערשטע אינסטאַנץ. אַמאָל פלעגט פאָרקומען אַ דין־תורה ביי איין רב, און אַמאָל — ביי ביידע, און דער פסק־דין פלעגט אָנגענומען ווערן אָן אַ שום רעקלאַמאַציע, ווייל די איינוווינער פון שטעטל האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן יושר און גערעכטיקייט פון די רבנים. דעריבער פלעגט מען ברענגען פאַר זיי ענינים פון מאַן און ווייב, משפחה און ירושה. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געווענדט צום רעגירונגס־געריכט אין ענינים פון געלט, שותפות א. אַ. וו. — און האָבן בעסער געוואָלט די רבנים.

און אַזוי אַרום, אַזוי ווי די רבנים זענען געווען טייערע, קלוגע מענטשן מיט גרויסע מעלות, וואָס זייערע הערצער זענען געווען אָפן צו הערן — האָט זיך אויפגעהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענשליסונג פון די יידישע איינוווינער פון שטעטל.

די קהילה

די קהילה האָט אויפגעשטעלט און געהאַט די אויפזיכט אויף די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: די בתי־כנסת, חברה־קדישא, תלמוד־תורה, הקדש, בית־המרחץ, גמילות־חסידים־קאַסע, קיל־הויז, בית־עלמין און נאָך.

די אַרבעט פלעגט געמאַכט ווערן מייסטנטייל פרייוויליק, דורך די נכבדים פון שטעטל. די איינקונפט־קוואַלן זענען געווען אומדירעקטע שטייערן פון דער שחיטה, פון פאַרקויפן פלייש, געטראַנקען. אַן אַנדערער קוואַל פון הכנסות זענען געווען שפענדעס, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן ביי די גרויסע סוחרים, וועמענס מצב איז געווען אַ גוטער. אָבער אויך דער מיטל־שטאַנד, און אַפילו די אַרבעטער, פלעגן געבן זייער טייל.

די הויפט־שפענדערס — גבירים זענען געווען: ר׳ קאַפל, ר׳ ישראל שבח, די פאַמיליע שפיראַ און אַנדערע.

אַלע האָבן געשפענדעט פון גאַנצן האַרצן, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס געלט איז באַשטימט, כדי אויפצוהאַלטן די סאָציאַלע, סאַניטאַרע און קולטורעלע טעטיקייט. די רעגירונג אַליין האָט נישט געגעבן קיין געלטער פאַר דעם צוועק.

אויך די תלמידים האָבן זיך מאָביליזירט צו העלפן, כדי אויפצוהאַלטן די תלמוד־תורה. יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגן אַרויסגיין די 13־ און 14־יאָריקע יינגלעך מיט העפטן און פושקעס און זאַמלען שפענדעס, לויט רשימות. די פרויען פון די גבירים האָבן גערן געשפענדעט און פלעגן נאָך צולייגן ברכות פאַר די יונגעלייט. די פרוי פון גביר, מלכה וויינשטיין, פלעגט אָנפילן אַ פערטל פושקע. אַדאַנק די דאָזיקע שפענדעס האָבן די קינדער פון שטעטל געקאָנט לערנען תורה.

די זאַמלער פלעגן אַרויסגיין צו זייער אַרבעט פאָרנווייז, און יעדעס פאָרל האָט באַקומען אַ גאַס אָדער אַ פירטל. די אַרבעט האָט געדויערט פון 12 נאָכמיטאָג ביזן זון־אונטערגאַנג. די פושקעס און העפטן פלעגט מען איבערגעבן זונטיק אין דער פרי דעם רב מרדכי עמיאל, וועלכער פלעגט זיי איבערוויזן דעם הויפט־גבאי, ר׳ יוסף לייב. די הנאה איז געווען זייער גרויס, ווען מען פלעגט איבערגעבן פולע פושקעס, ווייל דעמאָלט פלעגט דער רב געבן אַ האַרציקן שמייכל און זאָגן: „אַלזאָ, קינדער, איר האָט אָפגעטון אַ גוטע און שיינע אַרבעט”.

חופה־צערעמאָניעס אין פיעסק

די דאָזיקע צערעמאָניעס פלעגן פאָרקומען ביי דעם ברונעם אויפן פלאַץ פון דער שול. עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט כמעט אַלע איינוווינער פון שטעטל, ווען אַפילו עס האָט געהערשט אַ שלעכט וועטער.

פאַר דער חופה פלעגט אויפטרעטן אַ טרופע טענצערקעס פון די פרויען פון שטעטל, פון יעדן עלטער. דער טייל, וואָס די קינדער האָבן אַממייסטן ליב געהאַט, איז געווען דאָס לאָזן זיך ווילגיין מיטן אָנקומען פון חתן. דאָס איז געווען אַ געשעעניש ממש אין די טעג פון שניי, און די קינדער פלעגן זיך איבן אַ לאַנגע צייט פאַר דעם. דער רעזולטאַט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען אַ סך קוילן פון שניי אויפן חתן און זיינע באַגלייטער.

די איינוווינער פון שטעטל פלעגן שטראָמען צום פּלאַץ יום־טובדיק אָנגעטון און געהאַלטן ליכט אין די הענט. אויף אַלע פּנימער איז געווען פרייד און שמחה און די ווינטשן פאַרן יונגן פּאָרל זענען געקומען פון גאַנצן האַרצן.

טרויער־טעג אין פּיעסק

קיינמאָל האָט מען נישט געדאַרפט פאַרעפנטלעכן נעקראָלאָגן אין שטעטל. ווען עמעצער איז געשטאָרבן, איז די ידיעה גלייך איבערגעגאַנגען פון עק צו עק און אַ שווערע כמאַרע פון טרויער האָט פאַרדעקט אַלע. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך באַטייליקט אין צער פון דער אומגליקלעכער משפחה און איז געווען גרייט צו דער־לאַנגען שטיצע און הילף וויפל נאָר מעגלעך. דער צער פון די איינוווינער איז געווען אויפריכטיק, און די גרייט־קייט צו דערלאַנגען הילף איז געקומען נאָך פאַר דער בקשה צו העלפן.

כמעט אַלע פלעגן באַגלייטן דעם מת אויף זיין לעצטן וועג, אויך ווען ער איז געווען זייער לאַנג, לפּחות ביזן פּלאַץ פון שול־הויף. מען פלעגט אים אָוועקלייגן נעבן בית־הכנסת אין וועלכן ער פלעגט דאַווענען, און דער רב האָט אים מספּיד געווען מיט געפיל. אַמאָל פלעגן ביידע רבנים מספּיד זיין דעם מת, און דער קהל האָט געוויינט מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין.

דער שול־פּלאַץ, ווו עס האָט מייסטנטייל געהערשט שמחה און פרייד, האָט זיך איינגעהילט אין טרויער. מייסטנטייל האָט זיך אויך דער הימל פאַרטרויערט און די זון האָט זיך באַהאַלטן צווישן די וואָלקנס.

דער שול־הויף — אַ גייסטיקער צענטער

דער פּלאַץ איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז אַפילו די דייטשן האָבן דאָס באַמערקט און האָבן דאָס גוט אויס־גענוצט. זיי פלעגן מודיע זיין וועגן יעדער אַקציע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן ביים אויספירן — פון דעם פּלאַץ. די איינוווינער פון שטעטל האָבן גאַנץ שנעל איינגעזען, אַז קיין טובה וועט זיי נישט אַרויסוואַקסן פון די פאַראָרדענונגען פון די דייטשן, זיי האָבן אָבער גע־שטראַמט צום פּלאַץ צוליב דעם כבוד, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר אים.

דער שול־פּלאַץ, וואָס איז געווען דאָס האַרץ ממש פון שטעטל, איז פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן און זיינע איינוווינער זענען געהרגעט געוואָרן אָדער אַנטלאָפן פון אים...

סוחרים און קרעמער אין פּיעסק

אין שטעטל זענען געווען ביי 75 סוחרים און קרע־מער, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט ביי 48 פּראָצענט פון די פּרנסה־געבער פון די משפחות. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאַלג, טראָץ דער פיינטלעכער פּאָליטיק פון רע־זשים. פּאַקטיש קאָן מען זאָגן, אַז זיי האָבן געמוזט מצליח זיין אין דער בראַנזשע, ווייל מען האָט זיי פאַר־באָטן זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע צווייגן. אַפילו די בעלי־מלאכות האָבן זיך פאַרנומען אין דעם שטילן סע־זאָן מיט מסחר. אין דער צייט פון די ירידים האָט מען זיי געקאָנט זען אַרומגיין צווישן די תבואה־סוחרים, קויפן און פאַרקויפן.

די וואַלד־סוחרים

זיי פלעגן קויפן ביי די גוט־באַזיצער די בוימער פון די גרויסע וועלדער, אין פּיעסק און אין דער אומ־געגנט. די דאָזיקע בוימער פלעגן שניידן פּאַכלייט, די מערהייט פון וועלכע זענען געווען פּיעסקער איינוווינער. די פּשוטע אַרבעטער זענען געווען גויים פון די אַרומי־קע דערפער, אָדער גויים, וואָס זענען געקומען פון אַנ־דערע לענדער.

מען פלעגט סאָרטירן דאָס געהילץ און עס באַאַר־בעטן. דאָס געהילץ האָט געדינט צום בויען הייזער, שוועלן פאַר באַן־ליניעס, טעלעפאָן־סלופּעס, בעלקעס פון הייזער, הייצן און נאָך.

דאָס האָלץ פלעגט מען פירן פון די וועלדער אין וועגענער. אַ טייל פון דעם פלעגט אַזוי אָנקומען צו די באַנען, וועלכע האָבן דאָס געפירט אין ווייטע מקומות. אָבער די מערהייט האָלץ פלעגט ווערן געפירט מיט ווע־גענער צום טייך זעלעוויאַנקע, ווו מען פלעגט עס אי־בערשיקן מיטן שטראָם פון מזרח צו מערב צום אָנהויב פון ניעמאַן. דאָרט פלעגט מען בינדן די באַזונדערע קלעצער אין טראַטוועס און זיי איבערפירן לענגאויס דעם גאַנצן טייך אין די גרויסע שטעט. די דאָזיקע קאָ־

מוניקאַציע איבערן וואַסער איז געווען ביליק און מען פלעגט זיך מיט איר פיל באַנוצן אין ווייסרוסלאַנד און אין ליטע. און נאָך מער, ווייל די באַן־נעץ איז נישט געווען גענוג אַנטוויקלט אין יענע טעג.

דער מסחר מיט האָלץ האָט פאַרלאַנגט אַ גרויסן אַרבעטער־אַפּאַראַט. אין זיין שפּיץ זענען געשטאַנען סוחרים, וועלכע האָבן באַשעפטיקט מומחים, פשוטע אַר־בעטער, באַאַמטע און וואַסער־מענטשן.

מיטן פירן דאָס האָלץ אין וואַסער האָבן זיך פאַר־נומען צענדליקער פון די איינוווינער פון שטעטל. צווישן זיי מומחים, ווי די פירער פון די טראַטוועס; און צווישן זיי ייִנגלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס העלפער.

אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרנומען ממש מיט דער בראַנזשע, אָבער זענען געווען נאָענט צו איר, ווי די בעלי־מלאכות, האָבן אויך געפונען זייער פרנסה אין האָלץ־מסחר.

די מילן

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זענען געווען אין פּיעסק צוויי מילן, באַוועגט מיטן כוח פון וואַסער. איין קליינע מיל, וואָס האָט געמאָלן מעל פון קאָרן, ווייץ, האָבער און אַנדערע תבואות און האָט באַזאָרגט די אַרטיקע באַדערפענישן און דעם געברויך פון די פּוי־ערים פון דער אומגעגנט. אַמאָל איז די ריי צום מאָלן געווען אַזוי גרויס, אַז די פּויערים האָבן געמוזט וואַרטן אַ וואָך־צוויי. די פּויערים פון דער סביבה האָבן אויס־גענוצט די פרייע צייט, כדי איינצוקויפן אין די קראָמען פון שטעטל, און דאָס האָט גורם געווען צו העכערן דעם פדיון אין יענע טעג.

דאָס מעל, וואָס איז געמאָלט געוואָרן דורך דער גרויסער מיל איז געווען באַשטימט הויפּטזעכלעך פאַר עקספּאָרט. דאָס דאָזיקע מעל איז געווען פון אַ הויכער קוואַליטעט.

ווייזט אויס, אַז די מילן זענען געווען זייער מאָ־דערנע, ווייל דער נאָכפרעג נאָך דעם פּיעסקער מעל איז געווען גרויס, אין דער צייט, ווען די מילן פון די אַרו־מיקע שטעטלעך האָבן שטענדיק געהאַט אַ גרויסן זאַפּאַס מעל. נישט איינמאָל פלעגן די פּיעסקער סוחרים באַ־שטעלן מעל אין די אַרומיקע מילן, ווייל די מילן פון פּיעסק האָבן נישט געקאָנט באַזאָרגן די פאַרלאַנגטע קוואַנטיטעט.

די מילן האָבן באַשעפטיקט אַ סך אַגענטן און אַר־בעטער, אָבער בעיקר — בעלי־עגלות. די דאָזיקע פלעגן פירן תבואות פון די דערפער אין די מילן. זיי האָבן אויך געפירט געמאָלענע מעל צו דער באַן־סטאַציע, וועלכע איז געלעגן 12 קילאָמעטער פון שטעטל און פון דאָרט האָט מען עס געשיקט אין גרויסע און ווייטע שטעט.

פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָבן די דאָזיקע מילן גע־הערט צו ישראל שבח. שפּעטער זענען זיי איבערגעגאַנ־גען צו זיינע זין — אברהם, אליעזר און משה־מענדל. צום סוף זענען זיי אַריבער אין אַנדערע הענט. איינער פון די זין פון אברהם שבח ז״ל, יקותיאל שבח, לעבט אין ישראל. די צוויי אַנדערע זין וווינען אין אַרגענטינע. אָבער עוזר שבח און זיין פרוי פאַרברענגען אין ישראל ביי זעקס חדשים אין יאָר, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט זייער פאַרהייראַטער טאָכטער, אַן איינוווינערין פון חיפה.

די תבואה־סוחרים

עטלעכע משפחות אין פּיעסק האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר פון תבואה. די אַממייסטן באַקאַנטע און דער־פאָלגרייכע משפחה צווישן זיי איז געווען די משפחה דאַכאָווסקי, תבואה־סוחרים פון דורי־דורות. זייער הורט־געשעפט האָט צוגעשטעלט תבואה די דעטאַליסטן אין שטעטל און אין דער אומגעגנט. אביגדור דאַכאָווסקי ז״ל האָט זיינער צייט פאַרלאָזן פּיעסק און אויפגעשטעלט זיין הויז אין ישראל. אַזוי האָט אויך געמאַכט יוכבד עמיאל ז״ל, איינע פון די טעכטער פון דער משפחה. די זין פון יוכבד און שלמה עמיאל ז״ל זענען פּראָפעסאָר סעדיה און ד״ר יעקב, פון די גרעסטע כעמיקער אין לאַנד.

די תבואה־סוחרים פלעגן קויפן די פּראָדוקציע דיי־רעקט פון די פּויערים און מיט דער הילף פון אַגענטן, האָבן זיי די תבואה מאַגאַניזירט אין שפּייכלערס אין שטעטל מאָסטי, ביים ניעמאַן. אין אָנהויב פרילינג, ווען די שנייען זענען צעגאַנגען, פלעגט מען לאַדעווען די תבואה אויף טראַטוועס און זי אָוועקשיקן מיטן שטראָם אין די גרויסע שטעט גראָדנע און קאָוונע, ביזן פּאָרט מעמעל אין ליטע און פון דאָרט קיין מזרח־פּרייסן.

סוחרים פון בהמות

דער מסחר פון בהמות איז געווען פאַרשפּרייט אין שטעטל און איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער באַשעפטיקונג. די סוחרים פלעגן קויפן און פאַרקויפן די בהמות אויף ירידים און מערק ווי אויך ביי די פויערים פון דער סביבה. עס זענען געווען סוחרים, וואָס פלעגן קויפן די בהמות ווינטער, פאַר אַ ביליקן פּרייז, פון די פויערים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פּאַשע. פרילינג פלעגן זיי די בהמות אָוועקגעבן די פויערים, וועלכע האָבן געהאַט לאַנקעס. נאָך אַ פּאָר חדשים פלעגן זיי פאַרקויפן די גוטע קי צו מעלקן, און די ערגערע פלעגט מען פאַרקויפן צו שחיטה.

סוחרים פון פעל

די דאָזיקע סוחרים פלעגן קויפן פעלן ביי פויערים און יעגערס. נאָכדעם ווי זיי האָבן געטריקנט די פעלן, פלעגן זיי זיי פאַרקויפן אין די גרויסע שטעט צו הורטאָווניקעס. די דאָזיקע פּראָפעסיע האָט פאַרלאַנגט קענטעניש. און עס זענען ווירקלעך געווען אין שטעטל סוחרים, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין דער בראַנזשע.

אַרענדאַרן פון פּרוכט־גערטנער

עס זענען געווען אין פּיעסק מענטשן, וואָס פלעגן דינגען אין דער צייט פון בליען סעדער אין דער גרויס פון 100—150 דונאַם ביי די גוט־באַזיצער. דאָס דינגען פלעגט געמאַכט ווערן דורך אַ קאָנקורס. די גוט־באַזיצער האָבן זיך נישט פאַרפליכטעט צו פאַרדינגען צו די, וואָס האָבן געגעבן די ביליקסטע פאָרשלאָגן, נאָר צו די, וועלכע זענען געווען באַקאַנט, אַז זיי ווייסן ווי זיך צו באַגיין מיט די בוימער.

ברוך באַראַנאָווסקי איז געווען איינער פון די גרעסטע מומחים אויף דעם געביט און די גוט־באַזיצער האָבן אים בעסער געוואָלט ווי פיל אַנדערע מענטשן. די פּריצים פלעגן זאָגן, אַז ער פאַרשטייט אין סעדער מער פון אַגראָנאָמען.

די גערטנער פלעגט מען אַרענדירן אין די חדשים מאַי — יוני. די פּרוכט פלעגט מען אַראָפּנעמען סוף סעפּטעמבער אָדער אין מיטן אָקטאָבער. מען האָט זי געהאַלטן אין קעלערס, כדי זי זאָל נישט באַשעדיקט ווערן דורך פראָסט און ווינטער.

די אַרבעט ביי פּרוכט איז נישט געווען קיין לייכטע. מען האָט געדאַרפט איינריכטן סלופּקעס, איבערוואַרפן די ערד, היטן פאַר גנבים, און צום סוף — אַראָפּנעמען די פּרוכט און נישט באַשעדיקן די צווייגן פון די בוימער. ווען די אַרבעט איז געווען אַ גענויע און ריכטיקע, פלעגן די אַרענדאַרן באַקומען פיינע פאַרדינסטן.

טאַבאַק־סוחרים

די ערד אַרום שטעטל איז געווען צוגעפּאַסט צו פלאַנצן טאַבאַק. דעריבער האָט מען זיך פאַרנומען מיט דעם צווייג. די סוחרים פלעגן קויפן די פּראָדוקציע פון טאַבאַק און זי קאָנצענטרירן אין שפּייכלערס. שפּעטער האָבן זיי עס פאַרקויפט צו פאַבריקן אין דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק, און באַזונדערס צו שערעשעווסקיס פאַבריק אין דער גובערניע־שטאָט גראָדנע, ווו עס איז געווען אַ גאַר גרויסער נאָכפרעג.

אין יאָר 1924 איז קאָנפיסקירט געוואָרן שערעשעווסקיס פאַבריק דורך דער פּוילישער רעגירונג. פון דאַן אָן האָט זיך פאַרקלענערט דער מסחר פון טאַבאַק אין שטעטל.

בדרך כלל זענען די פאַרדינסטן פון דעם מסחר געווען צופרידנשטעלנדיקע, ווייל די אינוועסטיציע איז נישט געווען קיין גרויסע. די סחורה האָט מען געקויפט ביי די, וואָס האָבן זי פאַרזייט אויף קרעדיט, און קיין אָפּפאַל איז כמעט ווי נישט געווען.

קצבים

די דאָזיקע לייט פלעגן אויפקויפן בהמות ביי די סוחרים פון בהמות אָדער ביי די פויערים אין די דערפער. די שוחטים זענען געווען איינוווינער פון שטעטל. דאָס כשרע פלייש פלעגט מען פאַרקויפן ייִדן פון פּיעסק און פון די אַרומיקע שטעטלעך; דאָס טריפענע פלייש האָט מען פאַרקויפט די קריסטן אין פּיעסק און אין די דערפער.

פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָבן די קצבים צוגעשטעלט פלייש דעם רוסישן מיליטער. שפּעטער האָבן זיי צוגעשטעלט פלייש דער פּוילישער אַרמיי, אָבער אין

אַ באַגרענעצטער מאָס. דער עקאָנאָמישער מצב פון די קצבים איז געווען גאַנץ גוט, ווייל דער רווח פון פלייש איז נישט געווען קיין קליינער.

די קצבים האָבן זיך געדאַרפט אויסצייכענען מיט פיל מוט, ווייל זייער באַרוף פאַרלאַנגט פון זיי זיך צו געפינען אַ סך אין די וועגן, און דאָס האָט זיי אויסגע־שטעלט אויף אַ געפאַר מצד רויבערס.

עס איז אַלזאָ געווען נאַטירלעך, אַז די קצבים האָבן זיך שטענדיק געפונען צווישן די ערשטע פאַרטיידיקער אין די צייטן פון פּאָגראָמען, מיט מעסערס אין די הענט. דאָס זענען געווען גוטע, טראַדיציאָנעלע און מוטיקע יידן.

קרעמער

אין פּיעסק זענען געווען דריי הורט־געשעפטן. אין איין געשעפט האָט מען געקאָנט באַקומען כמעט אַלץ, אויסער קליידונג און שטאָפן. דאָס געשעפט האָט צוגע־שטעלט סחורה די דעטאַליסטן פון שטעטל און פון דער סביבה און צו די גוט־באַזיצער און האָט געהערט צו סטירקע שאַפּיראָ, וועלכע האָט געפירט דאָס געשעפט אַליין, אין דער צייט וואָס איר מאַן, הרב יעקב שפּיראָ, איז געזעסן אין בית־המדרש און זיך מתעסק געווען מיט תורה. צוויי פון די אייניקלעך פון סטירקע שפּיראָ גע־פינען זיך אין ישראל.

דאָס צווייטע געשעפט, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה יוגל, האָט צוגשטעלט שטאָפן און קליידונג. די דאָזיקע פאַמיליע האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע באַ־וווסטע רבנים. הרב יאָגעל ז״ל, ראש ישיבת סלאָנים און שפּעטער ראש ישיבת רמת־גן; הרב יהושע יאָגעל, ליי־טער פון דער רעליגיעזער שול אין פּרדס־חנה, מדרשיית "נועם".

אסתר יאָגעל ז״ל איז דאָס געווען די, וועלכע האָט אויף זיך גענומען דעם עול פון געשעפט, אין דער צייט וואָס איר מאַן, מרדכי־געצל, האָט געלערנט תורה אין בית־המדרש. איינער פון די זין פון דער פאַמיליע יאָגעל, אַ תלמיד אין דער ישיבת חברון, איז אומגעקומען אין די געשעענישן אין יאָר 1929.

דאָס דריטע געשעפט, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה דייכובסקי, האָט צוגשטעלט תבואות.

דאָס זענען געווען די גרויסע געשעפטן פון שטעטל וועלכע האָבן פּראָקויפּט אין הורט. אויסער זיי זענען געווען אין פּיעסק ביי אַ 25 געוועלבער, וועלכע האָבן פאַרקויפט אין דעטאַל. שפּייז־קראָמען, קראָמען פון שטאָפן אויף אַנצוגן און קליידער, גאַלאַנטעריע, אַ קראָם פון שפּילצייג, קראָמען פאַר אויסאַרבעטונגען פון כלים פון קופּער און אייזן, אַן אַפּטייק און נאָך.

די קרעמער האָבן שווער געאַרבעט פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, אין די קאַלטע ווינטער־טעג און אין די הייסע טעג פון זומער.

מייסטנטייל פלעגן די פרויען טראָגן דעם עול פון פּרנסה, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַר קינדער און פירן די הויז־ווירטשאַפט. די מערהייט מע־נער זענען געזעסן אין בית־המדרש און עוסק געווען מיט תורה, און צוגעזאָגט אַלע מיטגלידער פון דער משפחה אַ חלק אין עולם־הבא.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די קראָמען איז געווען אַ גאַנץ שווערער, ווייל די איינוווינער פון שטעטל, וועל־כע האָבן מייסטנטייל נישט געהאַט קיין גרייטן גראָשן ביי זיך, פלעגן קויפן אויף באָרג; דאַקעגן די קרעמער האָבן זיך געניייטיקט אין מזומן, כדי איינצוקויפן די אַר־טיקלען.

בענק זענען נישט געווען אין שטעטל און די גמי־לות־חסידים־קאַסע האָט געגעבן בלויז קליינע הלוואות. דעריבער זענען די קרעמער געווען געצוווּנגען צו לייען געלט פון אלמנות, וועלכע האָבן געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף אַ נדן פאַר אַ טאָכטער, ווען מען וועט איר רעדן אַ שידוך. עס זענען געווען פאַלן ווען אַ מיידל איז געלונגען צו געפינען אַ חתן, אָבער דער קרעמער האָט נישט געקאָנט אומקערן די הלוואה. נישט איין מאָל זענען די רעזולטאַטן געווען טראַגיש.

דער יריד

יעדן חודש, דעם 25סטן, איז פאָרגעקומען אַ יריד אין פּיעסק, צו וועלכן עס פלעגן קומען טויזנטער פּוי־ערים אויף וועגענער און צופוס. מאַנכע זענען געקומען אין שטעטל אַ טאָג־צוויי פאַרן יריד, כדי צו אונטער־זוכן די מעגלעכקייטן, מאַנכע פלעגן קומען פאַרטאָג, כדי צו פאַרכאַפּן אַ גוט אָרט אויפן פּלאַץ, וועלכער איז

אימשטאַנד געווען אַריינצונעמען דאָס אַלץ: מענטשן, וועגענער, פערד, קי, שעפסן, חזירים, גענדז און נאָך.

פון ברונעם אויפן מיטן פּלאַץ האָבן די מענטשן גע־שעפּט וואַסער פאַר זיך און פאַר די בהמות.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געגרייט צום יריד — קרעמער, פאַרקויפער פון געטראַנקען, סוחרים, בעלי־מלאכות, שניידערס, שוסטערס, שטעפּערס, נייטאָרינס, הענדלערס פאַרמיטלערס און אַנדערע. ווייל יעדער איינ־ציקער טאָג האָט געקאָנט פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פאַר אַ טייל חודש ווייניקסטנס. אויך די קעשענע־גנבים האָבן געוואַרט אומגעדולדיק אויפן יריד.

דריי־פיר טעג פאַרן יריד פלעגן די פערד־הענדלערס אָרגאַניזירן דעם פערד־געיעג אויפן פּלאַץ פון יריד. ביים טייך, כדי איינצואיבן די פערד. די דאָזיקע געיעגן, אין וועלכע עס פלעגן זיך באַטייליקן הויפּטזעכלעך צי־גיינער, האָבן צוגעצויגן אַ גרויס פּובליקום, בעיקר קינדער.

פאַרן יריד האָט דאָס גאַנצע שטעטל אויסגעזען יום־טובדיק. נאָכן יריד האָט עס אויסגעזען אַזוי ווי עס וואָלט אין אים פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם.

דער מאַרק־טאָג

פלעגט פאַרקומען איין טאָג אין וואָך, זונטיק. זיין באַדייטונג איז, פון שטאַנדפּונקט פון פאַרדינסטן, געווען קלענער ווי די פון יריד, ווייל אויך זיין פאַרנעם איז געווען קלענער.

טראָץ דעם פלעגן הונדערטער מענטשן זיך צונויפ־קומען אין די מאַרק־טעג, כדי פאַרצולייגן זייערע סחו־רות, בעיקר די פּויערים פון דער אומגעגנט. אַ טייל פלעגן פאַר דעם דאַווענען אין די קירכעס און בלויז נאָכ־דעם האָבן זיי זיך באַפרייט, כדי צו מאַכן געשעפטן.

דאָס הויז פון קאַבאַק

אין צענטער פון שטעטל, נאָענט צום פּלאַץ וווּ עס פלעגן פאַרקומען דער יריד און דער מאַרק, איז געשטאַ־נען אַ גרויס הויז, וואָס האָט געהייסן דער קאַבאַק. דאָס איז געווען אַן אכסניה, און נעבן איר איז געווען אַ שטאַל, וואָס האָט אַריינגענומען 20 וועגענער מיט די פערד.

אין די טעג פון אַ יריד אָדער אַ מאַרק איז דער קאַבאַק, וואָס האָט געהערט צו ר' יצחק וואַרהאַפטיג, געווען שטענדיק פול. ער האָט אָבער אויך געדינט גע־ווינלעכע דורכרייזנדיקע. נאָך דער ערשטער וועלט־מל־חמה פלעגט „די ווילנער טרופּע" וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל און פאַרשטעלן. ווען זי פלעגט קומען קיין פּיעסק, פלעגט דער קאַבאַק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעאַטער.

סך־הכל

אין פּיעסק זענען געווען 3 סוחרים פון פעלן, 4 וואַלד־סוחרים, 1 אייגנטימער פון מילן, 10 תבואה־סוח־רים, 5 סוחרים פון בהמות — סך־הכל 23.

6 אַרענדאַרן פון סעדער, 6 טאַבאַק־סוחרים, 6 קצבים — סך־הכל 18.

3 הורטאָווניקעס, 25 דעטאַליסטן — סך־הכל 28.

בעלי־מלאכות און פרייע פּראָפעסיעס אין פּיעסק

די צאָל פון די בעלי־מלאכות אין פּיעסק איז גע־ווען 100. זיי האָבן אויסגעמאַכט ביי אַ פופציק פּראָ־צענט פון די פּרנסה־געבער פון די משפחות אין שטעטל און האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דערווירט־שאַפט, קולטור און אין אַלע געביטן פון לעבן. פון זיי זענען אַרויסגעקומען די סאָציאַליסטישע דענקערס און די ערשטע חלוצים קיין ישראל.

נייטאָרינס

זיי פלעגן נייען קליידער פאַר די פרויען פון שטעטל און פון דער סביבה, אָבער אויך וועש פאַר מענער. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער אַרבעט אין זייערע היי־זער און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער פאַך־קענטעניש און מיט איבערגעגעבנהייט. עס פלעגן זיי העלפן מיידלעך און קינדער, וועלכע האָבן פאַרדינט כמעט גראָשנס, אָבער אַזוי אַרום האָבן זיי געלערנט אַ פאַך.

די מיידלעך, וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען שיין ווי בלומען, זענען געזעסן ביי טישן, האָבן געאַרבעט פלייסיק און האָבן געזונגען ראָמאַנטישע לידער.

טראָץ דעם וואָס די אַרבעט פלעגט דויערן 12—14 שעה אין מעת־לעת, אָן דער אויפזיכט פון וועלכן עס איז פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, איז זי געווען פּראָדוקטיוו, סיי פאַר די נייטערינס, סיי פאַר די מיידלעך.

שטעפּערס

זיי פלעגן צושטעלן זייער אויסאַרבעטונג די איינ־ווינער פון שטעטל און די אַרומיקע דערפער. זייער באַ־רוף האָט זיי געגעבן אַ בכבודיקע פּרנסה, ווייל ער האָט פאַרלאַנגט אַ גוטע פאַך־קענטעניש און האָט נישט דער־מעגלעכט קיין צו גרויסע קאָנקורענץ.

אויך זיי האָבן געאַרבעט אַ סך שעהן אין מעת־לעת, אָבער זיי האָבן באַקומען גרעסערע פאַרדינסטן ווי אַנדערע בעלי־מלאכות.

היטל־מאַכערס

דריי היטל־מאַכערס, וואָס האָבן פאַרמאָגט גוט איינ־געאָרדנטע וואַרשטאַטן פלעגן באַזאָרגן מיט היטלען פון אַלע מינים די איינוווינער פון פּיעסק און די אומגעגנט. שטענדיק האָבן זיי געהאַט אין זייער רשות אַ גרויסן זאַפּאַס, וועלכער האָט דערמעגלעכט די פּויערים צו קויפן אין די טעג פון אַ יריד און מאַרק היטלען פאַר אַלע מיטגלידער פון זייער משפּחה.

איינער פון די היטל־מאַכערס איז געווען אַן אויס־נאַם פון עטלעכע שטאַנדפּונקטן. ראשית איז זיין הויך דערגאַנגען ביז אַן ערך צוויי מעטער. שנית, פלעגט ער שטענדיק מתפּלל זיין פאַרן געזונט פון די קריסטן. ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער פירט זיך אַזוי, פלעגט ער זאָגן: „אויב זיי וועלן זיין געזונט און זייער עקאָנאָמישער מצב וועט זיין אַ גוטער, וועלן זיי קויפן אַ סך היטלען״.

בעקערס

פינף גרויסע בעקערייען, פון וועלכע מיר וועלן דאָ אויסרעכענען בלויז פיר, האָבן באַזאָרגט דאָס שטעטל מיט ברויט, זעמל און קיכלעך פון אַלע מינים. די מער־הייט בעקערייען זענען געווען געפירט דורך פרויען און האָבן באַשעפטיקט פיל אַרבעטער און אַרבעטערינס.

איין בעקעריי האָט געהערט צו רוטקע דער בע־קערקע און האָט זיך געפונען ביי דער בריק איבערן טייכל. עס האָבן געאַרבעט מיט איר די מערהייט פון אירע טעכטער. די בעקעריי האָט געהאַט אַ שם אין גאַנצן שטעטל, באַזונדערס אַדאַנק די זעמעלעך, וואָס די קינ־דער האָבן בעיקר הנאה געהאַט פון זיי. ווען איינע פון די באָבעס האָט געוואָלט אַז דאָס איינ־יקל זאָל זי פאָלגן, איז גענוג געווען זי זאָל אים צוזאָגן אַ זעמעלע פון רוטקען.

די צווייטע בעקעריי האָט געהערט צו זישקע דער בעקערקע און האָט זיך געפונען ביים הילצערנעם בית־המדרש. די דאָזיקע בעקעריי איז געווען גרעסער פון דער פריערדיקער, עקאָנאָמיש שטאַרקער און האָט באַ־שעפטיקט פרויען און מענער. די בעקעריי פלעגט צו־שטעלן געבעקס אויך צו ירידים, וואָס זענען פאָרגעקו־מען אויסערן שטעטל.

די דריטע בעקעריי האָט געהערט צו חיה שבח־דווארסקי, וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט הויפּטזעכלעך אין באַקן זעמעלעך און לאַנגע געשמאַקע ברויטן. אין דער דאָזיקער בעקעריי פלעגט מען ברענגען יעדן פריי־טיק, לויט אַ באַזונדערער טראַדיציע, דעם טשאָלנט אויף שבת. ביידע טעכטער פון חיה שבח דווארסקי, חנה און דבורה, האָבן אויפגעבויט זייער היים אין ישראל.

די פערטע בעקעריי, וואָס ה אָט געהערט צו פרוי פאַלקאָוויטש, האָט בדרך כלל געבאַקן „רעצניקעס״, ווע־מענס באַזונדערער טעם איז געווען באַרימט אין גאַנצן שטעטל און איז געווען בעיקר באַליבט ביי די קינדער. מרים, די טאָכטער פון פרוי פאַלקאָוויטש, לעבט אין ישראל און האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ משפּחה.

דאָס באַקן מצות

באַלד נאָך פּורים האָבן זיך געמאַכט פריי די מער־הייט בעקערייען, וועלכע זענען געוואָרן אויסגערעכנט אויבן, ווי אויך אַ פאַר הייזער — כדי צו באַקן מצות אויף פּסח. ראשית כל האָט מען געכשרט די אויוונס. נאָך דעם האָט מען מאָביליזירט אין משך פון גאַנצע פיר וואָכן די מערהייט פרויען און מיידלעך פון שטעטל, כדי דורכצופירן די אויפגאַבע, וועלכע האָט געדויערט טאָג און נאַכט. דאָס אויסזען פון די פרויען און מייד־

לעך איז געווען איינדרוקספול. זיי האָבן געטראָגן ווייסע קאַפּ־טיכלעך, יום־טובדיקע קליידער און ווייסע פאַרטעכער. אויך יינגלעך און קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט. זיי האָבן צוגעגרייט די כשרע מעל, געבראַכט וואַסער און צוגעגעבן די ברעטער דעם בעקער נעבן אויוון. די מצות זענען געווען פון אַ גוטער קוואַליטעט.

שוסטעריי

עס זענען געווען אין פיעסק צוויי סאָרטן שוסטערס. איין סאָרט, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט גרויסע קוואַליפיקאַציעס און זיין וויסן האָט זיך באַגרענעצט צו פאַריכטן שיך און לייגן זוילן אויף שיך. טראָץ דעם וואָס די דאָזיקע שוסטערס האָבן זיך באַמיט צו דערגיין אויך צו די פויערים אין דער אומגעגנט, האָבן זיי קוים פאַרדינט אויף פרנסה.

דאָקעגן איז געווען אַ צווייטער מין, וואָס האָט גוט געקענט זיין אַרבעט און פלעגט אויסאַרבעטן שיך און שטיוול לויט דער מאָס. די וואַרשטאַטן פון די דאָזיקע שוסטערס זענען געווען מאָדערנע, און זייער פראָדוקציע איז געווען פון אַ הויכער קוואַליטעט.

שמידן

אין שטעטל זענען געווען צוויי שמידן, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע זין. באַזונדערס פאַר די פויערים פון דער סביבה. זיי האָבן געאַרבעט פון אינדערפרי ביז האַלבער נאַכט און האָבן געהאַט פרנסה בכבוד. איינער, ר׳ יואל באַליצקי, האָט געאַרבעט שווער זעקס טעג אין וואָך, האָט אָבער פאַרבראַכט כמעט דעם גאַנצן שבת אין בית־הכנסת, אָנגעטון יום־טובדיק. ער איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש, צופרידן מיט זיין גורל, אַ גוטער שמייכל איז אים שטענדיק געלעגן אויפן פנים. זיין גאַנצע משפחה האָט עמיגרירט קיין אַרגענטינע.

דער צווייטער, ר׳ זעליג, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען ענלעך צו ר׳ יואלן. זיינע פיר זין האָבן געאַרבעט מיט אים און אַלע האָבן געהאַט פרנסה בכבוד. שבת פלעגט ער זיצן אָנגעטון אין אַ קאַפּאָטע אין בית־הכנסת, זיינע זין אַרום אים, און זינגען ניגונים.

דער סטעלמאַך

ר׳ ניסל איז געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט אויסאַרבעטן רעדער פון האָלץ פאַר די וועגענער אין שטעטל און אין דער סביבה. מען האָט אים גערופן „ניסול דער סטעלמאַך״ און ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ באַשיידענער מענטש. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעאַרבעט די הילצערנע רעדער, פלעגט ער זיי געבן צום שמיד, וועלכער האָט אויף זיי אַרויפגעזעצט אייזערנע רייפן.

דער גלעזער

ר׳ אברהם־משה „דער גלעזער״ איז געווען דער איינציקער גלעזער אין שטעטל. ער פלעגט פאָרן מיט זיין וואָגן פון דאָרף צו דאָרף און אויספירן די אַרבעטן. אין האַרבסט פלעגט ער גיין אין שטעטל פון הויז צו הויז און זען צי די שויבן זענען גאַנץ. ווינטער איז ער געווען זייער באַשעפטיקט, ווייל ער פלעגט אַריינשטעלן טאָפּלטע פענצטער און זיי פאַרשטאָפּן מיט שטרוי, אַלס שוץ פאַרן פראָסט.

בלעכערס

ר׳ משה „דער בלעכער״ און זיינע דריי זין פלעגן אויספירן אַלע בלעכעריי־אַרבעטן אין שטעטל, אין דער דאָרפישער אומגעגנט און אין די גיטער.

אין דער צייט פון אַ יריד פלעגן די יונגע גויים, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער אין האַרבסט, זיך לאָזן ווילגיין און אַרויפוואַרפן אַ שרעק אויף די יידן, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר פחדנים. אָבער נאָכדעם ווי עס זענען אונטערגעוואַקסן די דריי זין פון משה „דעם בלעכער״ — לייבע, יודל און מענדל, האָט זיך די לאַגע געענדערט. די בחורים האָבן געהאַט כוח און אַן אויסערגעוויינלעכן מוט.

זייער שיטה לגבי די, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איז געווען אַ פשוטע. זיי פלעגן זיי שלאָגן מכות־רצח און אוטנערצינדן זייערע הייזער. גאַנץ שנעל האָט זיך נישט געפונען קיין איין גוי אין שטעטל אָדער אין דער סביבה, וואָס זאָל וואַגן שטערן די אָרדענונג און רו.

שניידערס

אין שטעטל זענען געווען ביי 10 שניידערס פון אַלע מינים, בעסערע און מיטלמעסיקע.

די בעסערע שניידערס האָבן געהאַט מאָדערנע וואַרשטאַטן און ניי־מאַשינען. אין יעדן וואַרשטאַט פון דעם מין האָבן געאַרבעט ביי 12 געזעלן און אַרבעטער.

די שניידערס האָבן גענייט מאָדערנע אַנצוגן לויט אַ מאָס, ווינטער־ און זומער־מאַנטלען. מרדכי באַראַוו־סקי, וועלכער האָט געוווינט אין ווילנע, פלעגט צייטנ־ווייז זיך אויפהאַלטן ביי זיינע עלטערן אין פּיעסק. ביי די דאָזיקע געלעגנהייטן פלעגט ער באַשטעלן עטלעכע אַנצוגן און מאַנטלען. ווען מען האָט אים געפרעגט אין ווילנע ווו ער האָט גענייט זיינע שיינע מלבושים, פלעגט ער ענטפערן: „אין פּויזן". אַלע פלעגן נתפעל ווערן און באַטאַנען, אַז מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז די אַרבעט איז אַ גוטע און נישט קיין ווילנער.

די שניידערס האָבן גענייט נישט נאָר פאַר די איינ־ווינער פון שטעטל און פון דער סביבה, נאָר אויך פאַר די גוט־באַזיצער. צייטנווייז פלעגן יענע באַצאָלן מיט תבואות, אַנשטאָט מיט מזומנים.

פייווע שרגא ציון, וועלכער איז שוין דערמאַנט גע־וואָרן אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן און האָט גע־שאַפן די „תפארת בחורים", דעם גייסטיקן און קולטו־רעלן צענטער פון די יונגעלייט פון שטעטל, איז גע־ווען באַקאַנט שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס אייגנטימער פון אַ שניידעריי־וואַרשטאַט, אַ מאָ־דערנעם מיט מאָדערנע מאַשינען, אין וועלכן עס האָבן פּערמאַנענט געאַרבעט 15 געזעלן און אַרבעטער. ער האָט דערצויגן אַ דור פון הויך קוואַליפיצירטע שניידערס, פון וועלכע עס איז ווערט צו דערמאַנען צוויי: לייבע פינקעלשטיין, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ביאַליסטאָק און זיך דערוואָרבן אַ נאָמען; און שמואל באַראַוסקי, וועלכער האָט זיך געעפנט אַ שניידעריי און האָט באַשעפטיקט 10 אַרבעטער.

נאָך איין הויך קוואַליפיצירטער שניידער איז געווען ר' אהרן. ער האָט געאַרבעט מיט זיינע צוויי זין און 10 אַרבעטער. ער איז נישט אָפּגעשטאַנען מיט זיינע ידיעות פון פייווע שרגא ציון.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז געקומען אין שטעטל יהודה באַביטש פון שטעטל ראָזשאַני. נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט קיין פּיעסק, האָט ער זיך דאָ באַזעצט אויף אַ פּאָר יאָר און געאַרבעט אַלס שניידער. צום סוף האָט ער עמיגרירט מיט זיין פאַמיליע קיין אַרגענטינע, ווו ער אַרבעט ווייטער אין זיין פאַך.

די מיטלמעסיקע שניידערס האָבן בעיקר גענייט פאַר די גויים, און פלעגן וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף. אַמאָל פלעגן זיי זיך פאַרהאַלטן אין אַ באַשטימטן דאָרף אויף אַ פּאָר חדשים. זייער הויפּט־אַרבעט איז געווען ווינ־טער, ווייל זומער זענען די פּויערים געווען באַשעפטיקט מיט פעלד־אַרבעט.

בעלי־עגלות

פּראָפעסיאָנעלע בעלי־עגלות זענען געווען אין פּיעסק בלויז זעקס, אָבער אַ געוויסע צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן די מערהייט איינוווינער פון שטעטל פאַרמאָגט פערד און וועגענער. דעריבער האָבן זיך די פּיעסקער יונגעלייט — הויכגעוויקסיקע, געזונטע, שטאַרק־געבויטע און שיינע — צווישן אַנדערן אויך פאַרנומען מיט פירן פאַרשידענע סחורות: תבואות פון די דערפער און שפּייכלערס צו די מילן אין שטעטל; געמאָלענע מעל אין די דערפער פון דער סביבה און אין די גרויסע שטעט; טאַבאַק, וועמענס פּראָדוקציע עס איז דערגאַנגען אין פּיעסק ביז הונדערטער טאָן אַ יאָר, אין דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק, 22 קילאָמעטער ווייט און אין דער גובערניע־שטאָט גראָדנע, 80 קילאָמעטער ווייט. ווייל אין די דאָזיקע צוויי ערטער זענען געווען טאַבאַק־פאַבריקן.

די רייזע מיט די וועגענער געלאָדענע מיט טאַבאַק איז געווען באַטראַכט אַלס אַ געשעעניש צוליב איניקע סיבות: דער וועג קיין וואָלקאָוויסק און גראָדנע האָט געדויערט צוויי טעג, און אַזוי פיל האָט זעלבסטפאַר־פאַרשטענדלעך געדויערט דער וועג צוריק. און אין יענע טעג פלעגן די לעבנסלוסטיקע בחורים פיל זינגען יש־ראלדיקע לידער, באַזונדערס דאָס ליד „מה יפים הלילות בכנען", וועלכעס זיי האָבן ליב געהאַט מער פון אַלע. נאָך דעם ווי זיי זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, פלעגן זיי אויסנוצן די געלעגנהייט און פאַרבלייבן נאָך אַ טאָג, כדי צו גיין אין קינאָ און זיך אָנזען די וווּנדער פון די

שטעט. אויפֿן וועג צוריק האָבן זיי געפֿירט סחורות פֿאַר די סוחרים און קרעמער אין שטעטל. אַזוי אַרום פֿלעגן די ווייטע רייזעס ווערן רענטאַביל.

אויסער די תבואות, מעל און טאַבאַק, פֿלעגן זיי פֿירן אויך האָלץ פֿון די וועלדער צום טייך זעלעוויאַנקע, אין די שטעטלעך מאָסטי און זעלעוויאַן. אָן וועלכע עס איז מאָדערנע מכשירים, האָבן די יונגעלייט זיך שנעל אויסגעלערנט ווי אַזוי צו לאָדן די לאַנגע און דיקע קלעצער אויף די וועגענער.

זיי האָבן זיך אויך אויסגעלערנט פֿון די טראַנספּאָרטן אייניקע פּרינציפּן: ראשית, שטענדיק דאַרף מען זאָרגן עס זאָל זיין וואָס צו פֿירן איןביידע ריכטונגען. דאָס הייסט, מען קאָן נישט פֿירן קיין סחורה אין וועלכער עס איז ריכטונג, און פֿאָרן צוריק ליידיק. דאָס לוינט זיך קיינמאָל נישט. די לאָדונג אין איין ריכטונג דאַרף זיין אַ מאַקסימאַלע, און צוריקוועגס דאַרף מען פֿירן מינדעסטנס אַ העלפֿט פֿון דער לאָדונג.

שנית, אָרדענונג און דיסציפּלין אין דער אַרבעט.

און ווירקלעך, די דאָזיקע חברים, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פֿאַר דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמוניקאַציע אין ישראל, האָבן געזויגן די יסודות פֿון דער פּראָפֿעסיע אין גלות, פֿירנדיק תבואות, מעל, טאַבאַק און האָלץ.

וואַסער־מענטשן

ביי 30 משפּחות אין שטעטל האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן שיקן האָלץ אויפֿן וואַסער, אין משך פֿון זיבן חדשים אין יאָר. זומער איז אַפֿילו זייער צאָל געווען גרעסער. די וואַסער־מענטשן האָבן געאַרבעט ביי יידישע קאָנטראַקטאָרס און האָלץ־סוחרים.

זייער אַרבעט — וועלכע האָט צייטנווייז פֿון זיי פֿאַרלאַנגט זיך צו געפֿינען לאַנגע חדשים אויפֿן טייך, ווייט פֿון דער היים — האָט גורם געווען דערצו, אַז די וואַסער־מענטשן זענען געוואָרן אַ צוזאַמענגעשלאָסענע און איבערגעגעבענע משפּחה. בדרך כלל זענען עס געווען די טאַטעס, וועלכע האָבן אַריינגעצויגן די זין אין די יסודות פֿון דעם פֿאַך. מען האָט געדאַרפֿט לאָזן איינציקע קלעצער מיטן שטראָם פֿון טייך זעלעוויאַנקע ביזן אויסגוס אין טייך ניעמאַן. אין דעם פּלאַץ וווּ די זעלעוויאַנקע האָט זיך אַריינגעגאָסן אין ניעמאַן, פֿלעגט מען אויפֿשטעלן אַ דאַמבע. דאָרט פֿלעגט מען בינען די קלעצער און מאַכן טראַטוועס, וועלכע מען האָט געשיקט מיטן ניעמאַן ווייט — אין די שטעט אין ווייסרוסלאַנד און אין ליטע און פֿון דאָרט צום פּאָרט מעמעל. עס איז געווען נויטווענדיק זיך צו באַנוצן מיט דער דאָזיקער אַרטעריע, ווייל אין יענע טעג איז נישט געווען גענוג אַנטוויקלט די נעץ פֿון באַן־ליניעס.

די וואַסער־מענטשן זענען געווען וווּנדערבאַרע מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין באַרוף אין משך פֿון יאָרן. זיי פֿלעגן אַרויס מיט די טראַטוועס אויפֿן טייך ניעמאַן, וועמענס לענג איז דערגאַנגען צו טויזנט קילאָמעטער און זיין ברייט 500 מעטער און האָט געהאַט אַ שטאַרקן שטראָם. אַ נסיעה איבערן ניעמאַן ביזן פּאָרט מעמעל האָט געדויערט חדשים, אָבער די וואַסער־מענטשן, וואָס די עלטערע פֿון זיי זענען געווען מענטשן מיט בערד, און די זין האָבן איצט געהאַלטן ביי רייף יוערן, זענען געווען שטאַרק און גוט אויסגעשולט.

פֿאַרשטענדלעך, אַז די וואַסער־מענטשן האָבן געהאַט אַ סך אַוואַנטורעס. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין ווילדע חיות, וועלכע פֿלעגן קומען צו די ברעגעס פֿון ניעמאַן, כדי צו שטילן זייער דורשט; און זיין פֿלעגן באַגעגענען יונגע און שיינע פֿרויען, וועלכע פֿלעגן וואַשן וועש אויפֿן ברעג פֿון טייך.

די וואַסער־מענטשן פֿלעגן דערציילן זייערע איבערלעבענישן אין דער היים, די קינדער און אייניקלעך. און שבת, בשעת די הפסקות פֿון דאַווענען, פֿלעגן זיך צוהערן צו זיי אין די שולן די איינוווינער פֿון שטעטל, פֿאַרבייגייערס און בעיקר קינדער.

צווישן די וואַסער־מענטשן פֿון פּיעסק און מאָסטי זענען געווען אויך גוטע חזנים און בעלי־תפֿילה, וועלכע פֿלעגן אויספֿילן די דאָזיקע פֿונקציע אין די שולן. ימים־נוראים פֿלעגן זיי אַרויספֿאָרן אין די גרויסע שטעט און פֿאַרדינען שיין געלט אַלס חזנים.

יהודה רוזשאַנסקי, אַ ברייט־פּלייציקער ריז, אָבער אַ יונגער מענטש, האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין אַרבעט. די עלטערע פֿלעגן דערציילן, אַז ער האָט גוטע שאַנסן צו ווערן אַ קאַפּיטאַן פֿון וואַסער־מענטשן. עס איז געווען ממש אַ פֿאַרגעניגן אים צו זען שטיין אויף

אן איינזאַמען קלאָץ אין טייך און אים פירן אין דער ריכטונג פון ניעמאַן.

אין יאָר 1926 האָבן אייניקע יונגעלייט פון פּיעסק געשאַפן די „קבוצת זיפזיף" אין עכו. אין יענער צייט איז געווען אין עכו אויך אַ גרופּע פון יידישע פישערס, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאַנד. ווען יהודה רוזאַנסקי און דוד רייטבורט זענען עולה געווען, האָט די „קבוצת זיפזיף" געשיקט זיי ביידע צו די פישערס, וועלכע האָבן איראָניש געפרעגט: „צי האָט איר שוין אַמאָל געזען וואַסער?" דער ענטפער אויף דעם איז געווען: „פּרוווט, וועט איר זיך איבערצייגן".

איין נאַכט זענען די פישערס אַרויס פון עכו׳ער פּאָרט אין אַ שטורמישן ים און דערגאַנגען ביז דעם אָרט, וווּ עס געפינט זיך היינט קרית־חיים. צוליב אַ געוויסער סיבה איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי צווישן די פישערס און דעם קאַפּיטאַן און דער דאָזיקער האָט פאַרלאָזן די שיף און איז אַוועק צופוס קיין עכו. די פישערס זענען געבליבן צעטומלט. ווי אַזוי וועלן זיי אומקערן זייער שיף אין אַ שטורמישן ים קיין עכו? יהודה רוזשאַנסקי האָט זיי באַרויקט. ער האָט גענומען אין זיינע הענט דעם רודער, האָט אַוועקגעזעצט דוד רייטבורטן מיט נאָך אַ פישער ביי די וויאַסלעס, און האָט אַריינגעפירט דאָס שיפל זיכער אין עכו׳ער פּאָרט. די פישערס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז יהודה שטייגט איבער מיט זיין בקיאות זייער קאַפּיטאַן און פון יענעם טאָג אָן האָט זיך געענדערט זייער באַציאונג צו די צוויי נייע חברים.

די דאָזיקע צוויי חברים האָבן אויך באַוויזן צו העלפן דער „קבוצת זיפזיף", וועמענס מאַטעריעלע לאַגע איז געווען גאָר שלעכט. אַ געוויסע נאַכט זענען די פישערס צוריקגעקומען מיט פיש אין דער ווערט פון הונדערטער פונט. געניטע אַראַבישע פישערס האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ מין זאַך געשעט איין מאָל אין זיבעציק יאָר. דער טייל פון יהודה און דוד איז געווען ביי 10 פונט, אַ סומע, וואָס די גאַנצע „קבוצת זיפזיף" האָט נישט באַוויזן צו פאַרדינען אין משך פון אַ גאַנצן חודש. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז זיי האָבן זיך צעטיילט מיט דעם געלט מיט זייערע לאַנדסלייט.

לאַנדווירטשאַפט

די פּיעסקער יידן האָבן נישט געהאַט גענוג אייגענע ערד. דעריבער האָבן זיי געמוזט זי דינגען ביי די פּויערים, די גויים פון שטעטל. די יידישע ערד־אַרבעטער פלעגן באַמיסטיקן די ערד מיט מיסט פון קי און פאַרזייען קאַרטאָפל, וועלכע האָבן געניגט פאַר זייער באַשפּייזונג מינדעסטנס אויף אַ האַלב יאָר.

נאָכדעם ווי מען האָט צונויפגענומען די קאַרטאָפל, פלעגט זיך דער גוי באַנוצן מיט דעם גוט באַמיסטיקטן שטיקל ערד, כדי צו זייען ווייץ אָדער קאָרן. די דאָזיקע לעזונג האָט צופרידנגעשטעלט ביידע צדדים. די יידן — ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין ערד; און די גויים — ווייל די יידן האָבן גוט באַאַרבעט זייער ערד.

עס זענען אויך געווען יידן, וועלכע פלעגן דינגען פאַרצעלן פון די גוט־באַזיצער און דאָרט פאַרזייען ווייץ, און נאָך עפּעס. דער אָפּמאַך אין דעם פאַל פלעגט זיין אַזוי: צוויי דריטל תבואה האָט באַקומען דער אַרענדאַר; איין דריטל תבואה האָט באַקומען דער גוט־באַזיצער.

מיט זייערן תבואות האָבן זיך געקאָנט פאַרנעמען הויפּטזעכלעך די יידן, וועלכע האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די גוט־באַזיצער. די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט אַ גרויסע אָנשטרענגונג און צייטנווייז פלעגט די נאַטור שעדיקן די תבואות, אָבער די, וואָס האָבן געקענט דאָס פאַך האָבן געצויגן פרנסה בכבוד.

פאַר דעם רעכט צו באַקומען פאַרצעלן פון די גוט־באַזיצער, פלעגן יידישע ערד־אַרבעטער באַרגן געלט די פּריצים אָן פּראָצענט.

פלאַנטאַציעס פון טאַבאַק

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז געווען איינער פון די צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער צוליב זיין באַדייטונג אין פּיעסק, און ווייל ער האָט זיך גערעכנט צו די איידעלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, דאַרף מען אים דערמאָנען באַזונדער. אויך די טאַבאַק־פלאַנטאַטאָרן פלעגן דינגען פאַרצעלן ערד פון די גויים. אָבער דאָס האָט געדאַרפט זיין ערד פון אַ ספּעציעלן מין. דאָס האָדעווען טאַבאַק האָט פאַרלאַנגט קענטעניש, אָבער נישט קיין אָנשטרענגונג. עס האָבן דערביי גע־

אַרבעט אַלע מיטגלידער פון דער משפחה, איינשליסלעך די ייִנגלעך און מיידלעך פון אַכט יאָר. די קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין אַראָפּנעמען די טאַבאַק־בלעטער, און זייער טרוקענען און פּאַקן אין פּעקלעך פאַרן טראַנס־פּאָרט.

אין „ברענענדיקן" סעזאָן פון טאַבאַק־צווייג, זע־נען געווען ביי דעם באַשעפטיקט אַלע איינוווינער פון שטעטל. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן זיי געקאָנט קויפן קליידונג און זאַמלען נדנים פאַר די טעכטער.

בעלי־מלאכות — סך־הכל

5 נייטאָרינס, 3 שטעפּערס, 3 היטלמאַכערס, 5 בע־קערס, 6 שוסטערס, 4 שמידן, 1 סטעלמאַך, 1 גלעזער, 4 בלעכערס, 8 שניידערס, 2 אייַנבינדערס, 3 טשעס־לערס, 6 בוימייסטערס, 6 בעלי־עגלות, 1 סמאָלע־מאַ־כער, 30 וואַסער־מענטשן, 10 ערד־אַרבעטער, 1 וואַסער־טרעגער, 3 שמשים, 1 אַדוואָקאַט, 1 אַפּטייקער, 1 דאָק־טאָר, 2 מצבה־קריצערס. סך־הכל איבער 100 מענטשן.

אין סך־הכל ווערן געבראַכט אייניקע בעלי־מלא־כות אָדער פרייע פּראָפעסיעס אין פּיעסק, וועלכע זענען נישט געשילדערט געוואָרן אויספירלעכער אין די דאָזיקע זכרונות. אָבער אויך זיי, און צייטנווייז מער פון אַנ־דערע, האָבן געצויגן זייער פּרנסה מיט שווייס און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט איבערגעגעבנקייט, אָרנטלעכקייט און גאַטספאָרכטיקייט.

ערב דעם אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג

אָנהויב חודש יולי 1914 זענען דערגאַנגען ידיעות פון די קרייז־שטעט און פון דער גובערניע, אַז אַ מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. אַלס רעזולטאַט פון דעם זענען די יידן זיך צונויפגעקומען אין די בתי־כנסת אויפן שול־הויף און האָבן הייס געבעטן צו גאָט.

פרייטיק זענען געוואָרן אויפגעקלעפּט מיטטיילונגען מיט קידוש־לבנה־אותיות: מאָביליזאַציע.

מוצאי־שבת האָבן אַלע פּיעסקער יידן געלייענט אויפן שול־הויף קינות פון תשעה־באָב.

זונטיק אינדערפרי זענען די מאָביליזירטע אַוועק אין דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק, באַגלייט דורך פרויען, קינדער און עלטערן. זייער געוויין האָט געשפּאָלטן הימ־לען, דאָס איז געווען אַ זוניקער טאָג, אָבער דער טרויער האָט אַרויפגעוואָרפן אַ פינסטערנעש אויף אַלעמען.

אייניקע טעג נאָכדעם איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן לעבן פון „באַטיושקאַ", דער צאַר ניקאָליי דער צווייטער, דורך יידל „דעם בלעכער" און דער עולם האָט געשריען „הוראַ" לכבוד דעם צאַר.

סוף חודש אלול האָט דער בית־הקברות געווימלט מיט עלטערן פון מאָביליזירטע, וואָס זענען געקומען אויף קבר־אבות, כדי צו בעטן רחמים פאַרן לעבן פון די זין אויפן פראָנט.

די פאַראינטערעסירונג אין לויף פון קריג איז גע־ווען זייער שטאַרק אין פּיעסק, אָבער די נייעס פלעגן שטענדיק אָנקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די מערהייט שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום די געשעענישן אויפן פראָנט און אַרום די מעגלעכע רעזולטאַטן. וואָס אָן אמת האָט דער מצב נישט אויסגעזען איבעריק גוט, אָבער די איינוווינער האָבן געשפּירט, אַז דאָס גרויסע רוסלאַנד וועט מנצח זיין אין דער מלחמה.

דער זומער איז אַדורך און עס האָט זיך דערנענ־טערט דער ווינטער. די קינדער האָט מען געזאָגט, אַז ווינטער פירט מען נישט קיין קריג און זיי האָבן זיך געטרייסט מיט דעם.

דעם 8טן סעפּטעמבער זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַ גרויסער צאָל קרבנות אויפן פראָנט און וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער גובערניע־שטאָט גראָדנע. אַרום דער שטאָט האָבן די פּויערים פון דער אומגעגנט געבויט אָן אונטערערדישע פעסטונג, און דעריבער האָט מען זיי געהייסן קומען מיט זייערע וועגענער און פערד און זאָרגן פאַר זייער אייגענער באַשפּייזונג און פאַר דער פּאַשע פון די בהמות אין משך פון צוויי וואָכן.

צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די בוי־אַרבעטן; איז אויך געווען חיים „דער סטרובניצער", אַ ישובניק פון דאָרף סטרובניצע, נעבן פּיעסק. נאָך דעם ווי ער איז נישט צוריקגעקומען אַהיים אין משך פון אַ חודש צייט, האָט מען דערציילט וועגן אים פאַרשידענע געשיכטעס: אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, אַז ער האָט זיך פאַרבלאָנדזעט אין וועג און נאָך. צום סוף איז דער ישובניק צוריקגעקומען אַהיים

און דערציילט אין משך פון יאָרן וועגן דעם בוי פון דער פעסטונג.

דערווייל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז צוויי פון די איינוווינער זענען געפאַלן אין די שלאַכטן. איינער, אַ זון פון פּיעסקער חזן מערעמינסקי. דער פאָטער האָט אויפגענומען איובס בשורה רואיק. דער צווייטער, אַ זון פון ר' אהרן־יעקב. זיין פאָטער האָט נישט געהערשט איבער זיך, האָט אָנגעהויבן ווילדעווען און מאַכן אַ חורבן אין די בתי־כנסת אין שטעטל, און האָט פאַרלאַנגט צו וויסן פאַרוואָס זיין זון איז געפאַלן, אין דער צייט וואָס אַנדערע גייען אַרום לעבעדיק. אין משך פון יאָרן פלעגט ער אַזוי ווילדעווען און אַרויסווייזן זיין שנאה צו אַנדערע.

זומער 1915 האָט זיך גראָדנע אויסגעליידיקט פון אירע יידישע איינוווינער. די מאַכט האָט פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די יידן שיקן איבער ידיעות די דייטשן. דעריבער האָט מען דורכגעפירט אַ סך אַרעסטן און אַלע איינוווינער פון די ישובים, וואָס זענען געווען נאָענט צו דער פראָנט־ליניע זענען געוואָרן אַריבערגעפירט ווייט פון דאָרט.

אַ סך משפחות פון גראָדנע זענען געקומען קיין פּיעסק און האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי איינוווינער פון שטעטל. די דאָזיקע לאַגע האָט פאַרגרעסערט די בהלה, טראָץ דעם וואָס דער מסחר האָט געבליט. מען האָט געזאַמלט אַרטיקלען ווי צוקער, זאַלץ, נאַפט, שיך און שטיוול, וועלכע זענען צוליב דעם זייער טייער געוואָרן. עס איז אויך געוואָרן אַ מאַנגל אין קליין־געלט, ווייל עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די פּאַפּיר־באַנקנאָטן וועלן פאַרלירן זייער ווערט. די איינוווינער פון שטעטל, און באַזונדערס די פּויערים, האָבן געזאַמלט די מטבעות אין קריגלעך און עס האָבן זיך געשאַפן שוועריקייטן ביים געבן רעשט. צום סוף האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין די לאָקאַלע און מיליטערישע מאַכט. מען האָט דורכגעפירט אַרעסטן און עס זענען געווען אומרוען אין שטעטל.

אויגוסט 1915 יאָר האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז מען וועט פאַרהאַלטן דעם שנעלן פאַרשריט פון די דייטשן ביים טייך ניעמאַן. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן אויפצושטעלן באַפעסטיקונגען און גראָבן אָקאָפּעס אַרום פּיעסק און די אַרומיקע שטעטלעך.

אין יענער צייט איז אָנגעקומען אין שטעטל די לעצטע איינהייט פון דער צוריקגייענדיקער אַרמיי. אַ קאָמפּאַניע ווילדע קאָזאַקן, אויף פערד, איז אַריין אין די געשעפטן און האָט זיי צעראַבירט. די דערשראָקענע יידן פון שטעטל האָבן זיך געווענדט צום „פּריסטאַוו", דעם קאָמענדאַנט פון שטעטל, ער זאָל איינהאַלטן די קאָזאַקן, אָבער אָן דערפאָלג. עס איז נישט פאַרבליבן די יידן, ווי נאָר זיך אויסצובאַהאַלטן אין קעלערס און אין אַנדערע באַהעלטענישן. דער עיקר זאָרג איז געווען וועגן די טעכטער, וועלכע די קאָזאַקן האָבן געזוכט.

די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן גערעדט העצרייד וועגן די יידן, וועלכע דינען כלומרשט אַלס שפּיאָנען פאַר די דייטשן, האָבן גורם געווען גרויסע פיזישע און מאַטעריעלע שאָדנס. און אַזוי אַרום האָבן זיך דעם 6טן סעפּטעמבער אויסגעליידיקט אַלע הייזער פון זייערע יידישע איינוווינער, וועלכע האָבן זיך אַלע אויסבאַהאַלטן אין אויסגראָבונגען און אין קעלערס.

די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע

סעפּטעמבער 1915 יאָר, ערב ראש־השנה, נאָך צוויי טעג און צוויי נעכט פון אומאויפהערלעכע שלאַכטן און אויפרייסן, זענען די איינוווינער פון שטעטל אַרויס פון די אָקאָפּעס ביים טייך זעלעוויאַנקע.

די דאָזיקע אויסגראָבונגען זענען געוואָרן געמאַכט דורך יידישע זעלנער פון שטעטל, וועלכע זענען פאַרבליבן הינטערן פראָנט און זענען נישט געגאַנגען ווייטער מיט דער צוריקגייענדיקער רוסישער אַרמיי. צווישן די יידישע זעלנער איז געווען אַ מומחה פון אָקאָפּעס, מיטן נאָמען ניומע בינקאָוויטש, וועלכער לעבט היינט אין אַרגענטינע.

אַ דעלעגאַציע פון צוויי חברים, ר' לייב בער און מענדל באַראָווסקי, איז אַרויס, כדי אויפצונעמען די דייטשן מיט ברויט און זאַלץ. די ערשטע דייטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אין שטעטל, האָבן זיך נישט באַצויגן העפלעך צו דער דעלעגאַציע און האָבן פאַרלאַנגט מער ברויט און זאַלץ.

שפּעטער איז אָנגעקומען אַן אָפיציר מיט אַ גרופּע זעלנער, וועלכער האָט אויסגערעדט די ערשטע דייטשן פאַר זייער אויפפירונג. ער האָט באַרואיקט די דערשראָקענע איינוווינער און האָט זיי מודיע געווען, אַז די אָקופּירנדיקע דייטשע אַרמיי וועט זיך באַציִען סימפּאַטיש צו די יידן. ער האָט אַפילו אָנגעוויזן אויף אייניקע פון זיינע זעלנער און געזאָגט, אַז זיי זענען יידן. יענע זעלנער האָבן געשמייכלט, האָבן אָבער גאָרנישט געזאָגט. צום סוף האָט דער אָפיציר געבעטן וואַסער, כדי אָנצופילן זיינע מאַניערקעס און האָט ווייטער אָנגעהויבן נאָכיאָגן די רוסישע אַרמיי. פאַקטיש האָבן בלויז אייניקע מעטער פאַנאַדערגעטיילט צווישן אים און צווישן שונא, אָבער צוליב דער פינצטערניש און די געדיכטע בוימער, האָט ער דאָס נישט באַמערקט. די רוסן האָבן אַלזאָ באַוויזן אויפצורייסן אַ טייל פון די בריקן און פאַרברענען אַ מיל. די דייטשע סאַפּערן האָבן אויפגעבויט אַ פּראָוויזאָרישע בריק, אויף וועלכער די אַרמיי איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון טייך.

יענע נאַכט האָבן זיך געפירט דירעקטע שלאַכטן אין מזרח פון שטעטל און אין דאָרף טורי. די רוסן זענען געווען שטאַרקער. הונדערטער דייטשע זעלנער זענען געפאַלן אין שלאַכט איבערן שטעטל פּיעסק.

אויף צו מאָרגנס האָבן זיך די דייטשע זעלנער צוריקגעצויגן אויף דרום, אין די גרויסע וועלדער. אויך די יידן זענען אַנטלאָפן, אויס מורא פאַר דער נקמה פון די רוסן.

ביים צוריקציִען זיך האָבן די דייטשן און ציווילן געדאַרפט דורכגיין דורך אַן אָפענעם שטח, ווו זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן פייער פון די רוסן. און ווירקלעך, זענעז אַ סך זעלנער און ציווילע געפאַלן אָדער פאַרוווּנדעט געוואָרן. די דייטשן האָבן דערלאַנגט ערשטע הילף אויך די פאַרוווּנדעטע פון שטעטל.

אַ יונגער דייטשער זעלנער האָט געהאַנדלט אויף אַן אומגעוויינלעכן אופן. ער האָט באַמערקט אַ המון פון איינוווינער פון שטעטל, וועלכע האָבן געהאַט בדעה זיך צו באַהאַלטן אין וואַלד, זיי זענען אָבער געלאָפן אין אַ פאַלשער ריכטונג. ער האָט זיי פאַרהאַלטן, האַלטנדיק אַ מאַפּע אין דער האַנט, און געשריען: „יידן, איר דאַרפט לויפן גלייך!" ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, נאָר איז געלאָפן פאַר די יידן און זיי געוויזן דעם וועג. פּלוצלונג האָט אים געטראָפן אַ קויל פון שונא און ער איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. צוויי דייטשע זעלנער, וועלכע האָבן צוגעזען וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָבן געזאָגט, אַז זייער חבר האָט געהייסן היינץ.

ער איז באַגראָבן געוואָרן דאָרט ווו ער איז געפאַלן, ביים אַריינגאַנג אין וואַלד. פון צייט צו צייט פלעגן יידן קומען באַזוכן זיין קבר. אָנהויב זומער זענען געקומען זיינע עלטערן פון דייטשלאַנד, האָבן אַרויסגענומען זיין קערפּער און אים מיטגענומען מיט זיך. אַ פּאָר יידן האָבן דערציילט די עלטערן ווי אַזוי דער זעלנער איז געפאַלן און אַז זיי פלעגן באַזוכן זיין קבר. היינצעס פאָטער האָט פאָטאָגראַפירט די יידן און זיך מיט זיי געזעגנט.

די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּיעסק ראש־השנה האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד מאַשייוויטש, אַן ערך 10 קילאָמעטער פון שטעטל, ביז נאָך יום־כיפּור. זיי זענען צוריקגעקומען לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון מיליטער, וועלכע זיי האָבן באַקומען נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריבער דעם ניעמאַן אין מאָסטי.

די יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען, האָבן געפונען אַ חרוב שטעטל. אַ טייל פון די הייזער און איין מיל זענען געווען גענצלעך פאַרברענט; אַ טייל הייזער זענען געווען אָן פענצטער און טירן; אַ טייל האָט אויסגעזען ווי סקעלעטן פון בנינים. די באַפעלקערונג איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן שפּייז און קליידער. מען האָט געדאַרפט אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי.

די דייטשע אָקופּאַציע האָט געדויערט דריי יאָר און פיר חדשים. דאָס איז געווען אַ תקופה פון ליידן, הונגער און קראַנקהייטן. עס זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס פון כאָליערע און טיפוס.

ביים אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער מצב נישט געווען אַזעלכער. פאַרקערט, די יידן האָבן געשפּירט אַ פאַרלייכטערונג. זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם ווילדעווען פון די קאָמפּאַניעס פון רוסישן מיליטער, פון די איינהייטן פון די קאָזאַקן און פון די באַשולדיקונגען פון דער מאַכט, צוליב וועלכע זיי זענען געוואָרן פאַרטריבן, אונטערדריקט און געפּייניקט.

די אויפפירונג פון די דייטשן האָט באַרעכטיקט דאָס געפיל פון פאַרלייכטערונג און האָט דערמוטיקט די יידן צוריק אויפצושטעלן די חורבות און זיך אומקערן שנעל צו אַ נאָרמאַל לעבן.

אָבער די אַנטוישונג איז שנעל געקומען. גאַנץ שנעל האָט דער אָקופּאַנט אויפגעדעקט זיין אמתדיקן פּרצוף און האָט אָנגעהויבן אונטערדריקן און אויסנוצן.

אויפן ערשטן אויגנבליק האָט זיך געדאַכט, אַז די לאָקאַלע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון די בירגער. עס איז געוואָרן אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון ברוך גראַד און זיין זון דוד גראַד, ברוך באָראָווסקי, ישעיהו מענדעלעוויטש, באַשיצקי, יוסף־דוד פוקסמאַן און אַנדערע. מענדל־יוסף שבח איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס בירגערמייסטער, דאָס הייסט הויפּט פון שטעטל. עס איז אויך געוואָרן געשאַפן אַ לאָקאַלע מיליץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון יידן און קריסטן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די אָרטיקע מאַכט האָט געדינט אין די הענט פון די דייטשן ווי אַ מיטל, כדי צו דערגרייכן זייערע צילן. דער בירגערמייסטער, למשל, איז געווען געצוווּנגען צו קאָנפיסקירן תבואות, זאַכן און מעבל און האָט מאָביליזירט מענטשן צו צוואַנגס־אַרבעט.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זיך אויסגעליידיקט דער זאַפּאַס פון די סחורות און תבואות אין שטעטל. די רעשטלעך פון די תבואות זענען געוואָרן אויסבאַהאַלטן דורך די איינוווינער אונטער די הילצערנע פּאָלן אין די הייזער. נאָך דעם ווי דער זאַפּאַס איז אויסגעגאַנגען, איז די עקאָנאָמישע טעטיקייט אין שטעטל געוואָרן אינגאַנצן פּאַראַליזירט. דאַקעגן זענען געשטיגן די פּרייזן יעדן טאָג און די ספּעקולאַציע האָט געבליט. באַזונדערס פלעגט מען שמוגלען ווייץ, מעל און זאַלץ, ווייל דער מאַנגל אין שפּייז־אַרטיקלען האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרשאַרפט.

אין שטעטל איז איינגעפירט געוואָרן אַ פּאָליצייישעה פון אַכט אָוונט ביז זעקס פרי. מען האָט פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אַן אַ דערלויבעניש. דער אָקופּאַנט האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די בירגער מיט קלעפּ און אַרעסטן, ער האָט זיי געטרעטן און דערנידעריקט. אַן אַטמאָספער פון דערדריקונג האָט באַהערשט דאָס שטעטל און זי פּאַראַליזירט אין אַלע הינזיכטן — עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל.

דאָס קאַפּיטל הונגער

ווען דער הונגער האָט באַהערשט דאָס שטעטל, האָבן מענטשן אָנגעהויבן שטראָמען אין די דערפער, כדי דאָרט צו זוכן שפּייז. וועגן פּרייז האָט מען בכלל נישט גערעדט. ווער עס האָט באַקומען אַ ביסל קאָרן אָדער ווייץ, איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש.

אַנדערש איז געווען דער מצב אויב מען האָט אים געכאַפּט מיטן שפּייז אין זיין רשות. נישט נאָר וואָס מען פלעגט קאָנפיסקירן די שפּייז, נאָר מען פלעגט פּייניקן דעם קונה, ער זאָל אויסגעבן ווער איז דער פאַרקויפער. דער דאָזיקער איז געווען אָנגעוויזן אויף אַ פולשטענדיקן חורבן פון זיין האָב־און־גוטס. און דער קונה פלעגט אַמאָל אויסער די פּייניקונגען, פאַרמשפּט ווערן אויך אויף אַרעסט. צום סוף איז באַפאַלן אַ שרעק די גויים און זיי האָבן אויפגעהערט פאַרקויפן די יידן.

עס איז אַמאָל געשען און אַ פּויער פון אַ נאָענטן דאָרף, וואָס האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין געלט, האָט געוואָגט צו פאַרקויפן תבואה פאַר אַן איבערגעטריבענעם פּרייז מאיר באָראָווסקין. ווייזט אויס, אַז עמעצער האָט דאָס צוגעטראָגן צו דער מאַכט. זעלנער האָבן אָפּגעוואָרט דעם פּויער אויפן וועג אין וואַלד און אים אַרעסטירט. זיי האָבן קאָנפיסקירט זיין גאַנצע תבואה און פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל אויסגעבן דעם נאָמען פון קונה. דער פּויער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. מען האָט אים צוגעבונדן צו אַ ווײדל פון אַ פערד און מען האָט אים געשלעפּט אַ שטיק וועג ביז ער האָט זיך איינגעבראָכן און אויסגעגעבן.

די זעלנער און די מיליץ זענען געקומען אין באַראָווסקיס הויז און האָבן אַדורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע. די ברעטער פון פּאָל זענען געוואָרן אַרויסגעריסן פון זייער פּלאַץ. נאָך דעם ווי מען האָט געגראָבן אונטער זיי אין דער טיף פון דריי מעטער, האָט מען אַנטדעקט איבער הונדערט פּוד תבואה. די תבואה איז געוואָרן קאָנפיסקירט און אַלע איינוווינער פון הויז האָבן באַקומען קלעפּ.

ענדלעך האָט די מאַכט באַשלאָסן צוצוטיילן ברויט אויף קאַרטן. מען האָט אָבער אין דעם נישט געקאָנט זען קיין לעזונג. די פּאַרציעס זענען געווען אַזוי קליין, אַז זיי האָבן בכלל נישט פאַרלייכטערט דעם שרעקלעכן מאַנגל. וואָס מער דער הונגער האָט זיך פאַרערגערט, איז שטאַרקער געוואָרן די ספּעקולאַציע. מען האָט געזאָגט, אַז אין דעם שטעקט די האַנט פון אַ טייל פון די מיטגלידער פון קאָמיטעט. דאָס הייסט, אַז זיי נעמען פאַר זיך אַ טייל פון די צוגעטיילטע פּאַרציעס און פאַרקויפן זיי אויף ספּעקולאַציע. ווייזט אויס, אַז עס איז געווען אַ יסוד צו די רייד, ווייל געוויסע חברים פון קאָמיטעט זענען רייך געוואָרן אין יענע טעג.

צוואַנגס־אַרבעט

אַ געוויסן טאָג איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אַלע מענער אין די יאָרן 18—50 זיך צו רעגיסטרירן ביים קאָמענדאַנט. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז איין טאָג אין וואָך ווילן זיי דאַרפן אַרויסגיין צו צוואַנגס־אַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגט די צוואַנגס־אַרבעט דויערן אויך צוויי טעג.

די יידן פלעגן אַרבעטן אין הויף פון קאָמענדאַנט און אין די וווינונגען פון די זעלנער. אָבער הויפּטזעכלעך אויפן הילצערנעם שאָסיי, וועלכן מען האָט געלייגט צווישן פּיעסק און דאָרף אסילאַן, אין דער לענג פון זיבן קילאָמעטער. דער ציל איז געווען צו פאַראייניקן שפּעטער דעם דאָזיקן שאָסיי מיט דער שטאָט דערעטשין, אין דער ריכטונג פון באַראַנאָוויטש, נאָענט פון פּראַנט. ביי 500 יידן און קריסטן, פון פּיעסק און פון דער אומגעגנט, האָבן געאַרבעט אויפן דאָזיקן שאָסיי. צו זיי זענען נאָך צוגעקומען אַרבעטער פון אַנדערע שטעט פון אָקופּאַציע־געביט, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר באַלוינונג.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען באַפוילן אַלע מענער אין עלטער פון 17—45 צו קומען פרייטיק פאַרנאַכט אויפן שול־הויף. די דערקלערונג צו דעם איז געווען, אַז אַ חשובע פערזענלעכקייט דאַרף קומען אין שטעטל, כדי צו געבן אַ פאַרלעזונג איבערן מצב און איבערגעבן וויכטיקע ידיעות. מען האָט געבעטן די מענטשן קומען יום־טובדיק אָנגעטון, כדי צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף דער חשובער פערזענלעכקייט.

ווייזט אויס, אַז די זשאַנדאַרמען און מיליץ האָבן זיך נישט איבעריק פאַרלאָזט אויף דער דערקלערונג, ווייל זיי זענען געגאַנגען פרייטיק פון הויז צו הויז און געצוווּנגען די מענטשן אַרויסצוגיין.

ווען די מענער זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָט מען זיי אַריינגענומען אין שול, די טירן האָט מען פאַרמאַכט הינטער זיי און אַרום האָט מען געשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך. נאָך אַ סעלעקציע האָט מען באַפרייט די קראַנקע און קאַליקעס. די איבעריקע, אַן ערך הונדערט מענטשן, האָט מען געשיקט צו צוואַנגס־אַרבעט אין פאַבריקן פון געווער און פּולווער אין שטעטל גייַנאָווקאַ, אין די וועלדער פון בולבעז.

די בריוו, וואָס זענען געקומען פון גייַנאָווקאַ האָט מען פאַרגעלייענט אין שול. עס האָט זיך דערציילט אין זיי וועגן שווערער אַרבעט, שלעכטער שפּייז און שרעקלעכע וווינונגס־ און סאַניטאַציע־באַדינגונגען.

די זאָרג צווישן די פּיעסקער איינוווינער האָט זיך פאַרשטאַרקט, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז די דאָזיקע צוואַנגס־אַרבעטער וועלן ווערן אַריבערגעפירט צו די פראָנט־ליניעס, כדי צו בויען באַפעסטיקונגען.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ צווייטן אויפטו. אין אַ געוויסער נאַכט האָבן די זעלנער זיך אַרויסגעלאָזט אין שטעטל, אַרויסגענומען פון די הייזער ביי 50—60 מענער און זיי איינגעשפּאַרט אין קעלער פון ר׳ שלום דעם אַפּטייקער.

דעם קעלער האָבן זיי גוט פאַרמאַכט, עס איז געווען אין אים בלויז אַ שמאָל פאַרקראַטעוועט פענצטערל מיט אייזערנע קראַטעס. די זעלנער זענען געווען אַזוי צופרידן מיט זייער דערפאָלג, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט און אַנטשלאָפן געוואָרן אין זייערע הייזער, נאָענט פון קעלער.

צווישן די פאַרהאַלטענע איז געווען אויך אַ מאַן מיטן נאָמען ר׳ יונה לעוו. זיין פרוי איז געקומען זיך פאַראינטערעסירן מיט זיין גורל און האָט גערעדט מיט אים דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. נאָך דעם איז זי שנעל אַוועק אַהיים און געבראַכט אַן אייזערנעם לאָם,

אַ האַמער, אַ צוואַנג און נאָך כלים, לויט ווי איר מאַן האָט איר אָנגעוויזן.

וואָס אַן אמת האָט אין די נעכט פאַרפליכטעט אַ פּאָליציי־שעה אין שטעטל, אָבער נאָך דער „ווונדער־באַרער אָפּעראַציע" האָבן די דייטשן באַשלאָסן, אַז זיי מעגן שלאָפן רואיק און זיי האָבן נישט געזאָרגט פאַר דער וואַך.

דערווייל האָבן די פאַרשפּאַרטע אָנגעהויבן אַרויס־רייסן די קראַטעס, פאַרשטיקנדיק גלייכצייטיק דאָס סקריי־פּען מיט געזאַנג. ענדלעך האָבן זיי באַוויזן איינצובייגן עטלעכע קראַטעס און זיי זענען אַרויס איינציקווייז דורכן פענצטערל. דער איינציקער, וואָס איז פאַרבליבן אין קעלער איז געווען לייב „חנאַק", אַ דעבילער. די געוועז־ענע פאַרשפּאַרטע זענען אַוועק אין אַנדערע געגנטן, ווו זיי האָבן געקאָנט אַרומגיין פריי.

אויף צומאָרגנס האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זיך נוקם צו זיין. זיי האָבן געווילדעוועט ווי וועלף און האָבן פאַרהאַלטן אָן אונטערשיד יעדן, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט — אַלטע לייט, קראַנקע און קאַלי־קעס — און האָבן מודיע געווען, אַז זיי וועלן זיי שיקן אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט צו צוואַנגס־אַרבעט אין די וועלדער פון בולבעז אַנשטאָט די אַנטלאָפענע, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דעם.

נאָכן ווילדעווען פון דער מאַכט האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי נאָך דער שלאַכט צווישן די רוסן און די דייטשן אין סעפּטעמבער 1915. קיינער האָט נישט גע־וואַגט אַרויסצוגיין פון זיין הויז, אַפילו נישט, כדי צו ברענגען וואַסער. דער הונגער האָט געהערשט אומבאַ־גרענעצט און די קראַנקע האָבן נישט באַקומען קיין הילף.

דערווייל האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן קאַמענדאַנט און צווישן דעם בירגערמייסטער און די קרובים פון די אַנטלאָפענע, וועגן אומקערן פון די מענטשן. ענדלעך האָט געזיגט די מאַכט. ביי 25 מאַן פון די קרובים האָבן זיך געשטעלט פאַרן קאַמענדאַנט און געזאָגט, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד אומצוקערן די אַנטלאָפענע, ווייל זיי ווייסן נישט ווו זיי געפינען זיך. זיי זענען אָבער גרייט צו דינען אַנשטאָט די אַנט־לאָפענע און אַרויסגיין אַנשטאָט זיי צו דער אַרבעט. די גרופּע איז געשיקט געוואָרן אויף צומאָרגנס אין פאַר־מאַכטע וואַגאָנען פאַר בהמות פון דער באַן־סטאַציע וואָלקאָוויסק אין די וועלדער פון בולבעז.

אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז גע־ווען צווישן די ערזאַץ־לייט, טראָץ דעם וואָס ער איז דאַן אַלט געווען בלויז 15 יאָר. דאָס איז געשען אַזוי: פריער האָט מען אַוועקגענומען מיט כוח זיין ברודער משה פון דער היים. שפּעטער האָט מען פאַרהאַלטן זיין פאָטער. ער איז דעריבער אַוועק צום קאָמענדאַנט און געבעטן מען זאָל אים נעמען אַנשטאָט זיין פאָטער. זיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט פאַרגעניגן.

דאָס איז געווען דעם 15טן אָקטאָבער 1917. די ערזאַץ־מענטשן זענען געווען אין וואַלד בולבעז 10 וואָכן. דער שרייבער פון די שורות איז געווען באַשעפטיקט אין דער אָפּטיילונג, וואָס האָט צוגענומען דאָס האָלץ פון דער גרופּע שניידערס, האָט עס געמאָסטן און צוגע־גרייט צום טראַנספּאָרט. יעדן טאָג זענען אַרויס צוויי באַנען, יעדע איינע מיט 71 וואַגאָנען געלאָדן מיט האָלץ. אַ טייל פון דעם האָלץ פלעגט אָנקומען דירעקט קיין דייטשלאַנד; און אַ טייל — אין די גרויסע טאַרטאַקן — 7 קילאָמעטער ווייט.

דער שרייבער פון די שורות האָט נישט געליטן באַ־זונדערס אין יענע וואָכן, ווייל ער האָט זיך אויסגע־צייכנט ביי דער אַרבעט און האָט באַקומען דריי מאַרק אַ טאָג אַלס באַלוינונג. ער האָט אויך זוכה געווען צו אַ שיינער באַציאונג מצד דעם לייטער פון דער אָפּטיי־לונג, — אַ 50־יאָריקן מאַן מיטן נאָמען אַדאָלף שפּיג־לער, אין ראַנג פון אַ לייטנאַנט, וועלכער האָט דער־ציילט, אַז ער האָט אויך אַ בלאָנדן 15־יאָריקן זון.

טראָץ דעם איז די בענקשאַפט אַהיים געווען גרויס. באַזונדערס אין שבתים. אויך דער ווילן צו פרייהייט האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַרקט, ווייל דאָס לעבן אין וואַלד איז געווען אַזוי ווי אין אַ תפיסה.

לויט דער פאַראָרדענונג האָט יעדער אַרבעטער גע־דאַרפט קומען 7 אַזייגער אינדערפרי און זיך אונטער־שרייבן אויף זיין קאַרטע אין ביוראָ. דער שרייבער פון די שורות פלעגט צונויפנעמען די קאַרטן פון דער גרו־פּע און זיי ברענגען אין באַראַק פון דער אַדמיניסטראַ־ציע, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט. אַזוי האָט ער איינ־

געשפּאָרט פון די אַנדערע צו גיין אַ פּאָר קילאָמעטער אַ טאָג.

דער לייטנאַנט האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען ביי דער מאַכט אַוועקצושיקן די גרופּע אַהיים צו ווייַנאַכט. די חברים פון דער גרופּע האָבן באַשלאָסן, אַז אויב דער צוזאָג וועט געהאַלטן ווערן, וועלן זיי נישט צוריקקומען אין וואַלד נאָך דעם אורלויב, נאָר וועלן אַנטלויפן. אָבער ווען עס האָט זיך דערנענטערט ווייַנאַכט, האָט דער לייטנאַנט מודיע געווען, אַז לויט דער פאַראָרדענונג, וואָס ער האָט באַקומען, וועט די גרופּע נישט קאָנען באַקומען קיין אורלויב, נאָר בתנאי, אַז עס וועלן קומען מענטשן אַנשטאָט זיי פון פּיעסק.

אַזוי ווי די גרופּע האָט זיך מתייאש געווען צו אַנטלויפן מיט דער הילף פון דעם אורלויב, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ נייעם פּלאַן פון אַנטלויפן. עס זענען געווען אין דער גרופּע צוויי גויים, וועלכע האָבן געפּרווט פון צייט צו צייט אַנטלויפן, האָבן באַוויזן דורכצומאַכן ביי צוויי דריטל פון וועג און זענען געכאַפּט געוואָרן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצונוצן זייער וויסן און זייער דערפאַרונג.

ערב ווייַנאַכט, 10.30 אַזייגער, זענען אַרויס 15 מאַן אין וועג. די דאָזיקע צייט איז געוואָרן אויסגעוויילט, ווייל ערב ווייַנאַכט און ווייַנאַכט אַליין האָט מען דערלויבט די אַרבעטער זיך צו געפינען אין די וועגן. צווישן די לייט פון דער גרופּע זענען געווען אויך עטלעכע גויים. וואָס איז נוגע די צוויי גויים, וואָס האָבן געהאַט דערפאַרונג אין אַנטלויפן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ערשטע נאַכט האָבן זיי געבראַכט אַ גרויסע נוץ, אָבער אויף צומאָרגנס זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן.

די גרופּע איז געגאַנגען בלויז אין די נעכט, אין דער ריכטונג צו צפון, אין אַ געדיכטן וואַלד ווי אַ דזשונגל. בייטאָג האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די בוימער. אין משך פון אַ וואָך צייט האָט די גרופּע דורכגעמאַכט 120 קילאָמעטער. נאָך אַ סך ליידן און שוועריקייטן זענען די חברים אָנגעקומען אַהיים אָן כוחות. מאַנכע פון זיי האָבן אַפילו אַנדערע חברים געמוזט טראָגן צום סוף וועג אויף זייערע אַקסלען, ווייל זיי זענען קראַנק געוואָרן פון פראָסט און פון די ווונדן אויף זייערע פיס.

די פרייד פון די איינוווינער פון שטעטל, וועלכע האָבן זיך שוין מתייאש געווען, אַז זייערע זין וועלן זיך אַמאָל אומקערן פון שרעקלעכן וואַלד, איז געווען אומבאַשרייבלעך גרויס. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געהערט וועגן דעם אַנטלויפן און האָבן פאַרלאַנגט פון די משפחות אומצוקערן די מענטשן. דאָס איז נישט געמאַכט געוואָרן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער שרייבער פון די שורות אין דעם הויז פון זיין קוזינע אין משך פון 5 חדשים. די זעלנער האָבן געמאַכט רעוויזיעס אָן אַ סוף אין דעם הויז פון באַראַווסקין, אָבער די משפּחה האָט געטענהט, אַז די שפּורן פון איר זון זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די צוואַנגס־אַרבעט אין וואַלד בולבעז.

סוף יאָר 1918, ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די סביבה, זענען זיי געוואָרן גלייכגילטיק און האָבן אויפגעהערט זיך צו מישן אינעם לעבן פון שטעטל. דאַקעגן האָבן זיך אָרגאַניזירט באַנדעס פון רויבערס, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט זיך אַראָפּלאָזן אויף די ישובים.

פּיעסק האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ. באַפרייטע זעלנער און געניטע קעמפער האָבן באַקומען געווער און האָבן אויפגעשטעלט אַ מוסטער־אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען זאב רוזשאַנסקי און אַ גוי. נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אין שטעטל עקזיסטירט אַ שטרענגע וואַך, האָט מען נישט געפּרווט אָנפאַלן אויף איר.

אָנהויב יאַנואַר 1919 יאָר זענען די דייטשן רואיק אַרויס, פּונקט ווי אַנטלאָפן פון אָרט, ווו זיי האָבן רעגירט מיטן כוח פון געווער דריי יאָר און פיר חדשים.

עטלעכע טעג נאָך זייער פאַרלאָזן, זענען אָנגעקומען די סאָוויעטן. צווישן זיי און צווישן די פּאָליאַקן האָבן זיך געפירט שלאַכטן און דאָס שטעטל פלעגט איבערגיין פון האַנט צו האַנט. יעדער אַזאַ איבערגאַנג איז געווען באַגלייט מיט רויב־אַקטן דורך די אַרמייען, וואָס פלעגן אַריין און אַרויס.

אָנהויב יולי 1920 יאָר זענען ווידער די סאָוויעטן אַריין אין שטעטל. דאָס מאָל זענען די שלאַכטן צווישן זיי און צווישן די פּאָליאַקן געווען שאַרפע און האָבן

געדויערט עטלעכע טעג. ענדלעך האָבן די פּאָליאַקן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, אָבער נישט אײדער זײ האָבן עס באַמבאַרדירט און פאַרוואונדעט אײנוווינער.

די סאָוויעטן האָבן געהאַלטן דאָס שטעטל דרײ מאָנאַטן. אין חודש סעפּטעמבער, ווען די די שלאַכט איבער וואַרשע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה, האָט זיך די רויטע אַרמײ צוריקגעצויגן אין אַ בהלה און האָט פאַרלאָזן פּיעסק.

די פּוילישע מאַכט

פון יאָר 1919 ביז סעפּטעמבער 1939 האָבן געהערשט די פּאָליאַקן אין דער געגנט. דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי דער פּוילישער אָדלער האָט אויסגעשפּרייט זײַנע פליגלען איבער די מאַכט־אָרגאַנען. זײ האָבן דאָס שוין געטון אין די יאָרן 1381—1795, דאָס הייסט אין משך פון 414 יאָר. נאָך דעם איז געווען אין משך פון 120 יאָר אַן איבעררייס אין דער פּוילישער הערשאַפט. 115 יאָר האָבן געהערשט די רוסן אין דער געגנט; און 4 יאָר בערך די דייטשן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — נאָך דעם ווי עס זענען באַזייטיקט געוואָרן די רעזשימען אין צאַרישן רוסלאַנד, אין דעם ווילהעלמישן דייטשלאַנד און אין דעם פראַנץ־יאָזעף־עסטרייך, — איז צוריק אויפגעשטאַנען די פּוילישע מדינה, אַזוי ווי אין דער תקופה פון איר גלאַנץ פאַר דער צעטיילונג פון יאָר 1795.

אין די הערצער פון די יידן האָט זיך אויפגעוועקט די האָפענונג, אַז נאָך דעם בייזן חלום פון דער דײַטשער אָקופּאַציע און דער אונטערדריקונג פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, וועלן זײ ווערן אומגעקערט זײערע רעכט אַלס מענטשן. אָבער דאָס שטעטל, וואָס האָט אַזוי געלעכצט זיך אומצוקערן צו אַ רואיק לעבן נאָך דעם טוישן זיך פון די רעזשימען און נאָך דעם שרעק פון דער מלחמה, האָט זיך זייער שנעל איבערצייגט, אַז עס שטייט פאַר אַן אַנטוישונג.

די לעגיאָניסטן און די זעלנער פון גענעראַל האַלער, וועלכע מען האָט גערופן האַלערטשיקעס, זענען געוואָרן געהעצט דורך פאַקטאָרן אין דער רעגירונג און אין דער אַרמײ, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז די יידן אידענטיפיצירן זיך מיט די באָלשעוויקעס. כמעט יעדן יידישן יונגנמאַן האָט מען חושד געווען אין קאָמוניזם. מען האָט געמאַכט רעוויזיעס און אַ סך יידן זענען אַרעסטירט געוואָרן, טראָץ דעם וואָס זײ האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיטן קאָמוניזם.

די אַרעסטירטע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע שטעט פאַר אויספאָרשונגען דורך די מאַכט־אָרגאַנען. הויך־געשטעלטע יידן האָבן געטון וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו באַפרייען די אומשולדיקע, זײ איז אָבער דאָס געלונגען בלויז גאַנץ זעלטן. די באַנייטע פּוילישע מאַכט האָט אַרויסגעוויזן אָפענערהייט אַ נעגאַטיווע באַציאונג און אַנטיסעמיטיזם.

דאָס איזדיעקעווען זיך איז געווען גרויזאַם און באַרבאַריש. מען פלעגט כאַפּן עלטערע יידן און אויך אַלטע לייט, מען פלעגט זײ אַוועקשטעלן געבונדענערהייט אין מיטן מאַרק, אַראָפּלאָזן זײ די הויזן און געבן פינף און צוואַנציק שמיץ. די קרבנות האָבן נאָך דעם זיך גענויטיקט אין מעדיצינישער הילף, און עס איז קוים פאַרבליבן אין זײ אַ סימן פון לעבן.

מען פלעגט אויך אָפּשערן די בערד און אַרויסרייסן די פּיאות. אַמאָל פלעגן זײ אָפּשערן אַ האַלבע באָרד און איין פּאה; צייטנווייז פלעגט מען כאַפּן אַ יידן און אים אַרויסרייסן די האָר פון זיין באָרד אײנציקווייז ביז ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

פאַקטיש האָבן די פּאָליאַקן איבערגעשטיגן מיט זײערע מעשים די קאָזאַקן און די דייטשן צוזאַמען. די יידן האָבן געפּרוּווט זיך צו פאַרטיידיקן פאַר זײ. זײ האָבן אויסגענוצט זייערע פאַרבינדונגען מיט די גוט־באַזיצער. נישט איין מאָל האָט מען געשיקט סטירקע שפּיראָ צום גוט־באַזיצער פון סטרובניצע, דעם פּריץ ביספּינג, כדי ער זאָל ראַטעווען דעם אָדער אַן אַנדערן יידן. שטענדיק פלעגט ער אַנטקעגנקומען דער בקשה.

די ידיעות זענען דערגאַנגען ביז דער אויסערן־וועלט. אין יענע טעג האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געשטיצט דאָס ווידעראויפשטיין פון פּוילן מיט געלטער, מיט מיליטערישן מאַטעריאַל און מיטן פאַרשטאַרקן פון דער ווירטשאַפט. די אַמעריקאַנער יידן האָבן אויסגעאיבט אַ דרוק.

עס איז געשיקט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פון הענרי מאָרגענטוי.

נאָכדעם האָט מען געשפּירט אַ געוויסע פּאַרלייכטערונג, אָבער דער מצב איז געווען ווייט פון צופרידנשטעלנדיק. די יידן איז וואָס אַן אמת געלונגען אַריינצופירן אין פּוילישן „סיים" זייערן אַ מענטשן, אַ מאַן מיט דעם נאָמען גרינבוים, וועלכער האָט געקעמפט פאַר די רעכט פון זיינע ברידער ווי אַ לייב. אָבער דער מיניסטער גראַבסקי האָט גורם געווען צו דעם, אַז די מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אַזעלכע שווערע אָפּצאָלן און שטייערן אויף די יידישע סוחרים, אַז אַ סך פון זיי האָבן באַנקראָטירט.

אין יאָר 1939 איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג. דריי מיליאָן יידן זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס, מיט אַ נישט ווייניקער הילף מצד די פּאָליאַקן.

די יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין פּוילן נאָכן אומקום ליידן נאָך פון אַנטיסעמיטיזם.

די ערשטע אומלעגאַלע עולים קומען אין לאַנד

דעם 5טן פעברואַר 1925 יאָר, אין אַ רעגנדיקן פריימאָרגן, איז אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט אַ גרופּע פון זעקס חברים, וועלכע האָט זיך גערופן „קבוצת פּיעסק מפּוילין". די חברים פון דער גרופּע זענען געווען: יחזקאל ליסאָווסקי, חיינע און שמעון דאָמאַשעוויצקי, דוד שבה (וועלכער האָט זיך נאָכדעם אומגעקערט אין גלות), צפּורה גלאָנץ (בינקאָוויטש) און יהודה באַראָווסקי.

פאַר זיי זענען עולה געווען פון פּיעסק, אָבער באַזונדער, די חברים: זיידל און פייגל בינקאָוויטש, יקותיאל און חנקה שבח, זאב רובין, בן־ציון איצקאָוויטש און עזר שבח (וועלכער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט אין גלות).

ביז צום סוף פון יענעם יאָר זענען אָנגעקומען ווייטערדיקע חברים: חנה־שרה שווידבאַרסקי, חנה פּרושעוויצקי, מאיר באַראָווסקי, שמעון לונסקי און זיין שוועסטער דבורה, חיה־גרונע פוקסמאַן, שפרה פּרח, שושנה האַלפּעראָוויטש, יואל גאַדעס, שמואל און לאה וואַרשאַווסקי, גדליה ציון, דוד און דבורה רייטבורט, יהודה און חנה רושזאַנסקי, חיה און שרגא באַראָווסקי, מרדכי נאַרדאָווסקי, חיים לייב, לייזער לייב און נאָך עטלעכע חברים.

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן זיך דערצויגן אין גלות אין דער חלוצישער באַוועגונג און האָבן זיך צוגעגרייט צו ערד־אַרבעט, מיטן ציל צו גרינדן אין לאַנד אַ דאָרף אָדער אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אויפן נאָמען פון דעם שטעטל, אין וועלכן זיי זענען געבוירן געוואָרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז ווי נאָר זיי וועלן מודיע זיין, אַז זיי ווילן זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, וועלן זיי באַקומען ערד.

גאַנץ שנעל האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז קודם־כל דאַרפן זיי זיך פאַרשרייבן אין אַן „אָרגאַניזאַציע פאַר קאָלאָניזאַציע" און וואַרטן אין אַ ריי, און דאָס הייסט אַריבערגיין שבעה מדורי גיהנום אין משך פון לאַנגע יאָרן. זיי זענען אויך געוואויר געוואָרן, אַז אויסער ערד דאַרף מען האָבן אויך אַ בודזשעט. מיט אַנדערע ווערטער, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ פּיעסקער דאָרף איז אַ חלום, וועלכער לאָזט זיך נישט פאַרווירקלעכן.

פאַרשטענדלעך, אַז דערווייל זענען די חברים נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק, נאָר האָבן געאַרבעט אין חיפה ביי אַלע אַרבעטן, וועלכע האָבן זיך זיי געמאַכט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מורא איבער דער גאַנצקייט פון דער גרופּע און האָט געבראַכט צו דער מסקנה, אַז עס איז נויטיק זי צו קאָנצענטרירן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ, ווו אַלע וועלן געפינען אַרבעט.

אַזוי איז אויסגעוויילט געוואָרן עפולה, די שטאָט פון עמק, וואָס לויט די ידיעות איז זי געווען אימשטאַנד צו ענטפערן אויף די פאָדערונגען. גאַנץ שנעל זענען פאַרפּאַקט געוואָרן די פּעקלעך און די גרופּע האָט זיך געפונען אין אַ באַראַק, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער „קהילת ציון" און אין וועלכן זיי האָבן געוווינט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע עולים.

מיט צוויי חדשים שפּעטער האָט די גרופּע אויפגעשטעלט פאַר איר אייגן געלט אַ באַראַק פאַר זיך. די מעבלירונג האָט אַרומגענומען ברעטער מיט טאָפּלען, וועלכע האָבן געדינט אַלס טישן און בענק. אָבער די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, ווייל די גרופּע האָט געמיינט, אַז אין עפולה וועט זי קאָנען וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען איר ריי פאַר קאָלאָניזירונג.

די גרופּע האָט זיך פאַרשריבן אין אַרבעטס־ביוראָ. צייטנווייז פלעגט מען זיי געבן עטלעכע טעג אַרבעט

אין וואָך און אַמאָל נישט. די ידיעות וועגן דעם בליען פון דער בראַנזשע פון בויען אין עפולה האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרונדלאָז. דאָס איז געווען אַ ווייטערדיקער ביטערער טעות.

די חברים, וואָס זענען געווען אין לאַנד שוין באַלד אַ יאָר האָבן זיך גערעכנט אַלס אַלטגעזעסענע. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, זיי האָבן אָבער געמוזט דערמוטיקן די נייע חברים, וועלכע זענען אַלע מאָל צוגעקומען און געפרעגט: „נו, וואָס וועט זיין?"

עס זענען געווען חברים, וועלכע האָבן געהאַט בדעה צוריקצופאָרן אין שטעטל אָדער עמיגרירן אין אַן אַנדער לאַנד; מאַנכע האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז אין עפולה זאָלן בלייבן בלויז עטלעכע חברים, און די אַנדערע זאָלן פאַרלאָזן. די פאַרצווייפלונג האָט אָנגעהויבן הערשן און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז עק וועלט.

אין יענע טעג האָט זיך דער שרייבער פון די שורות שווער געראַנגלט מיט זיך. דער דעפּאַרטאַמענט פאַר קאָלאָניזאַציע האָט פאָרגעשלאָגן דער גרופּע אַריבערצוגיין קיין עכו. דאָס אָננעמען פון פאָרשלאָג האָט באַדייט — אָפּהיטן די אייניקייט פון דער גרופּע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין צעברעקלען, ווייל יחזקאל ליסאָווסקי, דער אָנפירער פון דער פּיעסקער גרופּע, איז קראַנק געוואָרן און האָט צייטווייליק געאַרבעט אין שפּיטאָל אין עין־חרוד. שמעון דאָמאַשעוויצקי, וועלכער איז געווען איינער פון די זיילן פון דער גרופּע, האָט געפונען אַ סטאַבילע אַרבעט אין אַ שלאָסעריי אין חיפה. גדליה צין האָט נישט אָנגענומען קיין קלאָרע שטעלונג און האָט געפּרוּווט באַשליסן צו ער זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָדער נישט. אין יאָר 1927 האָט ער דאָס געטון. דוד רייטבאָרד און יהודה רושזאַנסקי זענען געווען גוטע און געטרייע חברים, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שווערן יאָך, אָבער זיי זענען געווען כמעט ווי נייע אין לאַנד. מאיר באָראָווסקי, שמעון לונסקי און יואל גאַדעס האָבן נישט געקאָנט קומען צו אַן אַנטשיידונג. פּאַקטיש האָבן זיי געוואָלט בלייבן אין עפולה, זיי זענען אָבער געווען גרייט נאָכצוגיין נאָך דער גרופּע קיין עכו. אין יאָר 1926 האָבן זיי זיך ווירקלעך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע אין עכו, אָבער אין דער צייט פון די ראַנגלענישן האָבן זיי נישט אַרויסגעזאָגט קיין מיינונג. שמעון דאָמאַשעוויצקי האָט בפירוש אויסגענומען, אַז ער און זיין פרוי וועלן זיך אָנשליסן אָן דעם קערן אין עכו בלויז אויב אויך דער שרייבער פון די שורות וועט אַזוי טון.

עכו האָט געזאָלט פאַרווירקלעכן דעם חלום פון לעבן אין אַ קבוצה, אָבער זי האָט געקאָנט זיין אַ גרויסער דורכפאַל. דעריבער איז דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות אַזוי שווער געווען צו באַשליסן. ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן צו באַקומען אַרבעט. ער האָט געקאָנט צוריקגיין אין דער צעמענטפאַבריק „נשר", ווו ער האָט געאַרבעט איידער די קבוצה איז אַריבער קיין עפולה; ער האָט געקאָנט קויפן אַ פּאָר מויל־אייזלען און אַ וואָגן און פירן בוי־מאַטעריאַלן צום חיפהער פּאָרט, ווי עס האָבן אים געראָטן געניטע פורמאַנעס, וועלכע ער האָט באַקענט זינט ער איז אָנגעקומען אין לאַנד.

אָבער דער אַממייסטן לאָקנדיקער געדאַנק איז געווען צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו לויטן מוסטער פון דער פאַבריק „נמליט" צו פּראָדוצירן בלאָקן, אין וועמענס שפּיץ עס איז אין יענער צייט געשטאַנען מאיר רוטענבערג, פון די פּירערס פון דער הגנה אין חיפה און אין ארץ.

דער לעצטער אַרגומענט זענען געווען די פרוי און דאָס קינד שרגא, וועלכע האָבן געזאָלט עולה זיין און זיך פאַראייניקן מיטן הויפּט פון דער פאַמיליע. די פראַגע וואָס איז אַנטשטאַנען איז געווען: צי מעג דער בעל־המשפחה ווייטער קלעפּן אין אידעען, וועלכע וועלן זיך אפשר נישט פאַרווירקלעכן, אָבער זיי וועלן אָן ספק זיין פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און ליידן?

אָבער אויך דער זיכערער וועג איז נישט געווען קיין לייכטער, פון אַ פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, ווייל ער האָט באַדייט לאָזן די חברים זיך פונאַנדערגיין, יעדער איינער אין זיין וועג.

ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין מיט זיינע גוטע חברים קיין עכו און דאָרט שאַפן אַ קבוצת זיפזיף.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די אַנדערע חברים האָבן זיך געראַנגלט מיט ענלעכע פּראָבלעמען, ווייל אויך זיי וואָלטן געקאָנט זיך איינאָרדענען פּריוואַט אָן שוועריקייטן. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז יחזקאל

ליסאָווסקי האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל אין קיבוץ עין־חרוד, און שמעון דאָמאַשעוויצקי אין אַ שלאָסעריי אין חיפה, יהודה רושזאַנסקי און דוד ברייטבאַרד זענען וואָס אַן אמת געווען נייע אין לאַנד, אָבער מען האָט זיי פאַרגעשלאָגן אַרבעט אין חיפה. גדליה ציון, מאיר באַראָווסקי, שמעון לונסקי, יואל גאַדעס און מרדכי נאַראַדאָווסקי זענען אין יענער צייט געווען נישט פאַרהייראַט און זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין שוועריקייטן ביים געפינען אַרבעט, וואָס זאָל זיי אויסהאַלטן.

ענדלעך, אַ געוויסן מוצאי־שבת איז אין עפולה פאַרגעקומען אַ דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט כמעט ביז פאַרטאָג. עס האָבן זיך באַטייליקט אין איר די חברים שמעון דאָמאַשעוויצקי, דוד רייטבורד, יהודה רושזאַנסקי, גדליה ציון, מרדכי נאַראַדאָווסקי, מאיר באַראָווסקי, שמעון לונסקי, יואל גאַדעס און יהודה באַראָווסקי. צום שלוס פון דער דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּרינציפּיעלער באַשלוס: מען לאָזט נישט פונאַנדער די גרופּע, מען נעמט אָן דעם פאַרשלאַג פון קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט און מען גייט אַריבער קיין עכו.

גלייכצייטיק האָט שמעון דאָמאַשעוויצקי פאַרגעשלאָגן אַרויסצושיקן גדליה ציון און יהודה באַראָווסקי קיין עכו, כדי צו אונטערזוכן דעם פּלאַץ. נאָך דעם ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן, איז אַרויס אַ גרופּע פון פיר מאַן, וועלכע האָט אַרומגענומען דוד רייטבורד, יהודה רושזאַנסקי, גדליה ציון און יהודה באַראָווסקי, כדי צוגרייטן דעם פּלאַץ פאַר אַנדערע.

די פיר חברים זענען אויסגעפרווט געוואָרן מיט פאַרשידענע איבערלעבענישן, פון וועלכע די אַממייסטן קאָמישע איז געווען: מיטאָג האָבן זיי געגעסן אין רעסטאָראַן פון לוריע אין עכו. אויף צומאָרגנס איז דערשינען אויפן שוי־פענצטער פון רעסטאָראַן אַ גרויסע מעלדונג, וועלכע האָט געזאָגט, אַז פאַר ברויט דאַרף מען צאָלן באַזונדער.

אין יאַנואַר 1926 יאָר זענען אַריבער קיין עכו די פאָלגנדיקע חברים: יחזקאל ליסאָווסקי, שמעון און חיינה דאָמאַשעוויצקי, גדליה ציון, דוד און דבורה רייטבורד, יהודה און חנה רושזאַנסקי, יהודה, חיה און שרגא באַראָווסקי.

אין יענע טעג איז שוין געווען אַ קבוצת זפיזיף אין עכו. די כוונה פון קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו איז געווען, אַז די פּיעסקער זאָלן זיך אָנשליסן אָן יענער גרופּע און זאָלן באַהערשן דעם צווייג, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט געפונען כמעט אויסשליסלעך אין אַראַבישע הענט. עס איז צוגעזאָגט געוואָרן די פּיעסקער, אַז שפּעטער וועט מען זיי דערמעגלעכן זיך צו באַזעצן אין עמק זבולון.

דער חבר צבי לבנה (ליבערמאַן) פון נהלל, וועלכער איז צו זיי געשיקט געוואָרן דורכן קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט און האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער עליה זיין בוך „גורלה של העפלה", האָט זיך מיט זיי פאַרנומען מיט איבערגעגעבנהייט און האָט זיי געדינט אַלס פירער און דערציער.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלץ וועט זיין געמיינזאַם — די אַרבעט, די קיך און די קאַסע. שמעון דאָמאַשעוויצקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאַסירער, טראָץ דעם וואָס די קאַסע איז געווען ליידיק. פון צייט צו צייט פלעגן אַנטשטיין שאַרפע דיסקוסיעס, נישט וועגן דעם וועג פון דער קבוצה, נאָר איבער אַדמיניסטראַטיווע אַנגעלעגנהייטן. אָבער צום סוף פלעגט זיך אַלץ ענדיקן בשלום.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך די פּיעסקער גרופּע אָנגעשלאָסן אין אַן אַנדער קבוצה, וועלכע איז געקומען בלויז אייניקע וואָכן פאַר זיי. די אַרבעט האָט געפאָדערט צו פירן אויף אייזלען קוישן זיפזיף פון ברעג ים ביז דער באַן־סטאַציע, אַ מרחק פון 5 קילאָמעטער. אָבער די פּיעסקער זענען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַן אַראַביש ייִנגל פון 10—12 יאָר קאָן לייכט פירן אַ קאַראַוואַן אייזלען און ברענגען קוישן זיפזיף פולע. זייערע קוישן זיפזיף פלעגן אָנקומען האַלב ליידיקע.

אָבער מיט דער צייט האָבן זיך די פּיעסקער פאַרוואַנדלט אין אַזעלכע גרויסע מומחים אין דער אַרבעט, אַז זיי האָבן געקאָנט דינען אַלס אינסטרוקטאָרן.

ווינטער זענען צוגעקומען צו די 11 פריערדיקע חברים, נאָך 7 חברים: שמעון און זיין שוועסטער דבורה לונסקי, מאיר באַראָווסקי, יואל גאַדעס, זאב רובין, מרדכי נאַראַדאָווסקי און לייזער לייב. עס זענען געבוירן גע־

וואָרן דריי קינדער: יעקב רושזאַנסקי, שרגא רייטבורד און חיים דאַמאַשעוויצקי.

אַזוי ווי די צאָל נפשות איז שוין דערגאַנגען צו 21, איז געווען נויטיק צו פּלאַנירן ריכטיק די אַרבעט, כדי עס זאָל מעגלעך זיין צו לעבן אָן הילף פון דרויסן.

אַ טייל פון די חברים האָט ווייטער געאַרבעט ביים פירן זיפזיף, אָבער אַנדערע האָבן געאַרבעט ביי פישע־ריי, ביי־אַרבעט און ברוקירן שאָסייען. אייניקע מיידלעך האָבן געאַרבעט אין דער עקספּערימענטן־סטאַציע פון דער רעגירונג, אין לאַנדווירטשאַפט און ביי טאַבאַק. דער לוין פון די יונגע לייט האָט זיך געוואַקלט צווישן 10—15 גרוש אַ טאָג; און פון די מיידלעך — 5—8 גרוש.

מען האָט געקויפט פערד און מויל־אייזלען, ווי אויך אַן אַלטן אויטאָ, וואָס האָט גורם געווען צרות און אַ סך פאַרלוסטן.

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און דערשעפּנדיקע. דער אַרבעטס־טאָג האָט געדויערט 10—12 שעה, אָבער די איינקונפטן זענען געווען נישטיקע. צום סוף זענען די חברים געווען געצוווּנגען צו קאָנקורירן מיט די אַראַבער דורך אַראָפּלאָזן פון פרייז. די אַראַבער האָבן פאַרלאַנגט פאַר לאָדן אַ וואָגאָן זיפזיף 10 גרוש, און די פּיעסקער האָבן זיך באַנוגנט מיט 8 גרוש.

זיי האָבן אָבער באַשלאָסן אויסצוהאַלטן און זיך נישט אונטערגעבן, ווייל דער חלום איז געווען דעראַבערונג פון אַרבעט. אַ צווייטער דערמוטיקנדיקער פאַקטאָר איז געווען דער פאַקט, וואָס דער יידישער ישוב אין עכו האָט זיך פאַרגרעסערט און איז דערגאַנגען צו 400 נפשות. מען האָט געשאַפן אַ שול, אַן אַרבעטס־ביוראָ און קלובן, אין וועלכע מען האָט געלערנט עברית אין די אָוונטן און מען האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען.

אָבער די שווערע אַרבעט, דאָס שלעכטע עסן און די פאַרשידענע קראַנקהייטן זענען געווען שטאַרקער פון די יונגע קערפּערס און פון די אידעאַלן. דבורה רייטבורד און יחזקאל ליסאָווסקי זענען קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און מען האָט זיי נאָכדעם אַרויסגעשיקט לויט דער פאַראָרדענונג פון די דאָקטוירים קיין אויסלאַנד. מרדכי נאַראַדאָווסקי איז געשטאָרבן פון געלער פיבער נאָך 48 שעה. עטלעכע חברים זענען געוואָרן פאַרצווייפלט און האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין יאָר 1929 זענען אויסגעבראָכן די אומרועס. די פּאָליציי האָט קאָנצענטרירט די 400 עכוער יידן אין דעם גאָרטן ביי דער תפיסה. די פּיעסקער גרופּע האָט געהאָלפן דער פּאָליציי אָפּצוהיטן דעם לאַגער פאַר אַן אָנפאַל. ווען די יידן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צוריק אַרויסצוגיין פון פאַרמאַכטן לאַגער, האָט די מערהייט פאַרלאָזן עכו.

די פּיעסקער גרופּע האָט אַריבערגעפירט די פרויען און די קינדער קיין נוה־שאנן, דאָקעגן די מענער האָבן ווייטער געאַרבעט אין עכו. די פאַמיליעס פלעגן זיך פאַראייניקן בלויז אין די שבתים. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן זיך די פרויען און קינדער צוריקגעקערט קיין עכו.

איצט איז די צאָל יידן אין עכו געווען זייער באַגרענעצט און אַרומגענומען בלויז די קבוצת זיפזיף, די אַרבעטער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק „נור" און עטלעכע אַרבעטער פון דער רעגירונגס־עקספּערימענטן־סטאַציע.

אין יענער צייט האָט דער קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פאָרגעשלאָגן דער פּיעסקער גרופּע פאַרשידענע פאָרשלאָגן, ווי צום ביישפּיל זיך צו באַזעצן אין סג׳רה. אַלע פאַרשלאָגן זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט נאָך דערפילן דעם צוזאָג וועגן קאָלאָניזאַציע אין עמק זבולון. אָבער די פּיעסקער גרופּע איז נישט געווען דער איינציקער קאַנדידאַט. און פאַקטיש איז אויפן שטח אין עמק זבולון אַרויף די קבוצה רמת־יוחנן און זי זיצט דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

די פּיעסקער גרופּע האָט באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. מען האָט באַהאַנדלט דעם פאָרשלאָג פון „מרכז חקלאי" זיך צו באַזעצן אויף דער ערד ביים טייכל נעמן. דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט דעם אַרגומענט, אַז די ערד איז געזאַלצן. דער שטח איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קיבוץ עין־המפרץ, וועלכער ווערט פאַררעכנט צווישן די בעסטעווירטשאַפטן אין לאַנד.

די פּיעסקער, אָדער „ארגון ד׳ הכפר", ווי זיי האָבן זיך גערופן אין מרכז חקלאי, האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען גרייט זיך צו באַזעצן דעם שטח ביי כפר וויתקין.

זיי האָבן געוואָלט דאָרט אַרויף די ערשטע, באַהויפּטנדיק, אַז זייערע קינדער וואַקסן אין אַן אַראַבישער סביבה און דער מצב איז אומדערטרעגלעך. זיי האָבן אויך איבערגעגעבן דעם מרכז חקלאי, לויט זיין בקשה, נישט קיין קליינע סומע געלט (וועלכע איז נישט געוואָרן אומגעקערט ביז היינט). עס איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי די פּיעסקער גרופּע פון ארגון ד׳ הכפר האַלט זיך אויס פון דער אַרבעט אין עכו, זאָל זי אַרויף די לעצטע אויף דער ערד.

אַזוי איז ווידער אַמאָל באַוויזן געוואָרן, אַז די קאָלאָניזירונג איז בלויז אַ ווייטער חלום, און אַז די אונטערוואַקסנדיקע קינדער, וועלכע דרייען זיך אַרום אין די גאַסן פון עכו, זענען נישט זיכער.

אין יאָר 1930 האָט זיך געשאַפן אין חיפה אַן אָרגאַניזאַציע, וועמענס ציל איז געווען צו גרינדן אַ קוואַרטאַל פון אַרבעטער אין מפרץ־חיפה. די פּיעסקער גרופּע האָט זיך געווענדט צו יענער אָרגאַניזאַציע און געבעטן מען זאָל זי רעגיסטרירן צייטווייליק, ביז עס וועט אָנקומען איר ריי זיך צו באַזעצן. די אָרגאַניזאַציע איז געווען צופרידן מיט דער בקשה. עס זענען אַפילו געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אַמאָל פאַרוואַנדלט זיך אַ צייטווייליקע זאַך אין אַ פּערמאַנענטער, ווי עס איז פאַקטיש געשען.

אַ טייל פון דער פּיעסקער גרופּע האָט געאַרבעט ביים בויען דעם נייעם פּלאַץ. זיי האָבן אויסגעגליכן זאַמדן, ברוקירט שאָסייען, און מיט דער הילף פון אייזלען באַזאָרגט בוי־מאַטעריאַלן אין די ערטער, ווו עס איז נישט געווען קיין צוגאַנג מיט וועגענער.

אין צוויי יאָר אַרום זענען זיבן משפחות אַריבער וווינען אין קרית־חיים: יהודה רושזאַנסקי, דוד רייטבורד, שמעון דאַמאַשעוויצקי, זלמן לוואָוו, מאיר באַראַווסקי, פּנחס שפּירא און יהודה באַראַווסקי.

אַ געוויסן יאַנואַר־טאָג אין 1933 יאָר האָבן זיי אַרויפגעלאָדן זייערע זאַכן אויף וועגענער איינגעשפּאַנט צו פערד, און זענען אַרויסגעפאָרן אין דער שכונה. דער שאָסיי צווישן עכו און דער שכונה איז נאָך נישט געווען ברוקירט אינגאַנצן, די קאַראַוואַנע איז נישט געווען קיין גאָר לאַנגע, עס האָט זיך אָבער אויסגעדאַכט, אַז אַ גאַנצער שבט וואַנדערט פון צפון צו דרום.

די הייזער זענען געווען קליין. צייטנווייז פלעגן פאָרקומען זאַמד־שטורעמס. אָבער די קינדער האָבן געקאָנט אַרומגיין זיכער צווישן יידן.

אַ נייַ בלאַט אין דער ישראל־קאָמוניקאַציע

די מענער האָבן ווייטער געאַרבעט אין עכו ביים פירן זיפזיף, זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער צוקונפט. מיט דער אַנטוויקלונג פון קרית־חיים האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע בוי־טעטיקייט אין דער אומגעגנט. צי וואָלט זיך נישט געלוינט בעסער צוצושטעלן בוי־מאַטעריאַלן אין די נויטיקע ערטער?

כוח און ענערגיע האָט נישט געפעלט די חברים פון דער גרופּע. דער פּראָבלעם איז געווען בלויז פון געלט. דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצופירן זייער פּלאַן לאַנגזאַם, און זיי האָבן זיך איינגעקויפט פריער איין לאַסט־אויטאָ, און נאָכדעם דעם צווייטן. אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי שוין געהאַט 5 לאַסט־אויטאָס און אַ באַגרענעצטן קרעדיט. די בענק האָבן געוווּסט, אַז די קבוצת זיפזיף האַלט אירע פאַרפליכטונגען און צאָלט די וועקסלען אין טערמין.

דאָס ערשטע יאָר פון לעבן פון דער קבוצה איז קרית־חייב, האָט זיך פאַרבונדן דער ועד פון דער שכונה מיט אַ יידן מיטן נאָמען גרינבערג, וועגן אָנהויבן אַ פאַרבינדונג פון אויטאָבוסן צווישן דער שכונה און צווישן חיפה. גרינבערג האָט געהאַט צוויי אויטאָבוסן. איינער אַן אַלטער, וואָס אַ העלפט פון אים האָט געדינט צו פירן לאַדונגען — און אַ העלפט צו פירן פּאַסאַזשירן אויף לאַנגע בענק; דער צווייטער אַ — נייער, וואָס האָט געהאַט זיבעצן זיץ־פּלעצער. דער נומער פון דער ליניע איז געווען 14. איצט, מיטן אויפשטיין פון דער מדינה האָט מען איבערגעביטן דעם נומער אויף 51. די אויטאָבוסן האָבן געפירט דריי מאָל אַ טאָג פּאַסאַזשירן פון דער שכונה קיין חיפה. דער פּרייז פון אַ נסיעה איז געווען 9 מיל פאַר אַן אַבאָנענט, 7½ מיל פאַר אַן איינצלנער רייזע. נאָך אַ קורצער צייט האָט גרינבערג נישט געקאָנט פאַרזעצן די ליניע.

דער ועד פון דער שכונה האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע נייע עולים, וועלכע האָט אָפּגעקויפט די צוויי אויטאָבוסן פון גרינבערגן און האָט באַשטעלט צוויי נייע

אויטאָבוסן. די נייע מאַשינען זענען בכלל נישט אַריינגעפירט געוואָרן אויף דער ליניע, ווייזט אויס, ווייל די קבוצה האָט נישט געהאַט דאָס נויטיקע געלט, כדי זיי צו באַפרייען פון פאַבריק. וואָס איז נוגע דער באַדינונג, איז זי געווען אַ שלעכטע און אין יעדער נסיעה זענען געשען פאַרפאַלן.

די נייע עולם האָבן געבעטן פון דער קבוצה זיפזיף זי זאָל איבערנעמען די ליניע אין אירע הענט. אין דער קבוצה זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה און אַזעלכע, וואָס זענען געווען קעגן. צו וואָס לערנען אַ נייע פּראָפעסיע, אויב מען ציט אַרויס שיינע פאַרדינסטן פון אַ געשעפט, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרפעסטיקן? די פיעסקער האָבן געהאַט עטלעכע פערד, מויל־אייזלען און וועגענער, ווי אויך 5 נייע לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען כמעט אינגאַנצן באַצאָלט געוואָרן. דער פּלאַן איז געווען צו קויפן נאָך עטלעכע לאַסט־אויטאָס. זיי האָבן צוגעשטעלט זיפזיף, צעהאַקטע שטיינער און בוי־מאַטעריאַלן אין מפרץ חיפה און אין די קריות, צו „סולל בונה", צו פּריוואַטע בוי־אונטערנעמערס, אין די קיבוצים און מושבים אין עמק יזרעאל און אין די ווירטשאַפטן אין עמק הירדן. אויסער דעם האָבן זיי געוווּנען דעם קאָנקורס צוצושטעלן אַלע בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער נייער סטאַציע פון דער עלעקטריע־קאָמפּאַניע אין חיפה.

פונדעסטוועגן איז באַשלאָסן געוואָרן נאָך לאַנגע וויכוחים אַנצונעמען די טראַנספּאָרטירונג פון פּאַסאַזשירן. גאַנץ שנעל האָבן אַכט פיעסקער זיך אויסגעלערנט איינער פון צווייטן דעם באַרוף פון שאָפערײ. דער ערשטער שאָפער איז געווען שמעון דאַמאַשעוויצקי. דער שרייבער פון די שורות האָט געלערנט ביי יהודה רוזשאַנסקי, וועלכער איז געווען זייער אַ שטרענגער לערער.

אַלץ האָט זיך געפירט מוסטערהאַפט. די דיסציפּלין און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי דער אַרבעט זענען געווען אויסערגעוויינלעך. און אַזוי, שטיל און באַשיידן, נאָך יאָרן פון שווערער אַרבעט און האַלב צוהונגערן, האָבן אַכט בחורים אויסגעפירט דאָס אומגלויבלעכע: זיי האָבן באַקומען אַ גוטן נאָמען אין די בענק און ביי די קליענטן — און זענען אַרויף אויפן הויפּט־וועג.

אין דער גרופּע האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך דריי מענטשן: אברהם רובעל, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער ליניע אין דער צייט, ווען זי איז געוואָרן געפירט דורך אַנדערע, משה ראַפּאַפּאָרט און פּאָול געלערט. מען האָט געקויפט 5 נייע אויטאָבוסן, פון פיר און צוואַנציק זיץ־פּלעצער, וועלכע האָבן זיך גערעכנט אין יענער צייט אַלס פּרעכטיקע. מען האָט איינגעפירט אַ סטאַבילן רייזע־פּלאַן. יעדע שעה איז אַרויסגעפאָרן אַן אויטאָבוס אין יעדער ריכטונג, אויסער די פרי־ און אָוונט־שעהן, ווען מען האָט צוגעגעבן אויטאָבוסן, כדי אויפצונעמען די אַרבעטער אויפן וועג צו דער אַרבעט און צוריק.

טראָץ דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קבוצה האַלט אויס נישט אַ דאַנק די פאַרדינסטן, וואָס זי באַקומט פון דעם פּאַסאַזשירן־דינסט, נאָר פון די לאַדונגען. מיט אַנדערע ווערטער, די דעפיציטן פון איין צווייג זענען געוואָרן געדעקט מיט די פאַרדינסטן פון צווייטן צווייג.

מען האָט אָנגענומען נאָך 10 חברים: אביגדור הערענשטאַט, תנחום קאַפּלאַן, דוד גוסטאַוו, משה ראָזענפעלד, מאיר אָווסעיעוויטש, חנוך צעדערבוים, אליהו טאַרכאָווסקי, אליהו מאיר, שמואל יעסעלזון און וואַלטער שאַכטעל.

אין יאָר 1935 האָט מען געשאַפן אַ געזעלשאַפט לויטן געזעץ און דער קאָאָפּעראַטיוו האָט באַקומען אַ נאָמען: „משמר המרץ קבוצת זיפזיף".

אין יענער תקופה האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער אינדוסטריע־סעקטאָר אין מפרץ חיפה, און אין קרית־חיים האָבן אָנגעהויבן בויען די געזעלשאַפטן ב.ג.ד. מען האָט אויך אָנגעהויבן בויען די קריות ביאַליק און מוצקין.

אַנטשפּרעכנדיק צו דעם איז געוואַקסן די צאָל אויטאָס און אויך די צאָל חברים איז געוואַקסן און דערגרייכט 32.

כלפי חוץ האָט דאָס געשעפט אויסגעזען ווי עס וואָלט זיך פאַרברייטערט און געבליט, אָבער אינעווייניק זענען געווען גרויסע וויכוחים, וועלכע האָבן נישט איין מאָל דערפירט דעם קאָאָפּעראַטיוו צום שוועל פון אַ קריזיס. מאַנכע האָבן געטענהט, אַז מען קאָן נישט די

גאַנצע צייט אינוועסטירן געלטער און אַרבעטן 12—14 שעה אַ טאָג פאַר נידעריקן לוין.

צום סוף האָט דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרלאַנגט פון ועד קרית־חיים, אַז ער זאָל באַשטעטיקן די העכערונג פון די פּרייזן. דער ועד האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. די באַציאונגען צווישן אים און דעם קאָ־אָפּעראַטיוו האָבן זיך אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ער האָט אַליין געשטעלט אויטאָס צום רשות פון די פּאַסאַזשירן.

צום סוף האָט זיך אַריינגעמישט די מועצת פועלי חיפה, עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט די פּרייזן פון די נסיעות און האָט געמאַכט אַ פּשרה צווישן ביידע צדדים.

אין יאָר 1936 האָט זיך צום קאָאָפּעראַטיוו „משמר המפרץ קבוצת זיפזיף" אָנגעשלאָסן דער קאָאָפּעראַטיוו „זבולון", וואָס זיין ליניע האָט געטראָגן דעם נומער 42 און האָט געפירט פּאַסאַזשירן פון רמת־יוחנן, כפר־אתא, חיפה. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געציילט 6 חברים און האָט פאַרמאָגט 5 אויטאָבוסן.

דער שידוך איז געווען אַ זייער געלונגענער. עס האָט אויפגעהערט די קאָנקורענץ צווישן ביידע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף איין ליניע און עס איז אַנטשטאַנען אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט באַדינט דעם גאַנצן מפרץ־חיפה און האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין מערב־גליל. די דאָזיקע הערשאַפט אין דער גאַנצער סביבה האָט דערמעגלעכט דעם קאָאָפּעראַטיוו זיך צו פאַרפעסטיקן.

מיטן אויסברוך פון די געשעענישן אין די יאָרן 1936—1939 איז חרוב געוואָרן די זיכערקייט אויף די וועגן. מען האָט געדאַרפט אינסטאַלירן ספּעציעלע נעצן אויף די פענצטער פון די אויטאָבוסן, כדי צו פאַרמיידן דאָס אַריינדרינגען פון גראַנאַטן. אין יעדן אויטאָבוס האָבן זיך געפונען באַוואָפנטע וועכטער.

נישט איינמאָל פלעגט דער שאָפער פירן בלויז 5 פּאַסאַזשירן און צוויי וועכטער.

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרשאַרפט. די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן נישט באַקומען קיין לוין, נאָר קליינע סומעס אויפן חשבון. אָבער די פאַרבינדונג צו אַלע ישובים איז געבליבן. דאָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַדאַנק דער אָרגאַניזאַציע פון קאָאָפּעראַטיוו, זיין צוזאַמענשליסונג און זיין אייזערנעם ווילן.

אין יאָר 1938 האָט מען אָנגעהויבן בויען די ראַפּינעריעס אין מפרץ חיפה. גרויסע אַראַבישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געפּרוּווט אונטערצושרייבן דעם קאָנטראַקט מיט די בריטישע און אַמעריקאַנער געזעלשאַפטן, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען. „משמר המפרץ — קבוצת זיפזיף" איז דאָס געווען דער, וואָס האָט זיך פאַרפּליכטעט צו פירן די אַרבעטער צום אַרבעטס־פּלאַץ און צוריק. דער עיקר־באַדינג איז געווען צו פירן די אַרבעטער אויף שבתים און יום־טובים. דער דאָזיקער מנהג דויערט אין חיפה ביז היינט.

דער אָפּמאַך מיט די פרעמדע געזעלשאַפטן איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג פאַרן קאָאָפּעראַטיוו, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם איינקויף פון נאָך 15 אויטאָס, וועלכע זענען געווען נויטיק, כדי צו פירן די אַרבעטער אינדערפרי און זיי אומקערן ביינאַכט, און זיי זענען געשטאַנען אַן אַרבעט אין משך פון טאָג. דאָס איז געווען אַ געוואַגטער פּלאַן מיט אַ גרויסער ריזיקע.

נאָך איידער דער קאָאָפּעראַטיוו איז געקומען צו זיך פון די אומרוען, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט אַרויסגערופן גרויסע שוועריקייטן. ראשית, איז די גאַנצע פּראָדוקציע געווען באַשטימט פאַר מלחמה־צוועקן און עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו באַקומען נייע אויטאָבוסן, טיילן און אָפּאַנעס. אַזוי ווי עס האָט זיך נישט געלאָזט פאַריכטן קיין צעבראָכענע אויטאָבוסן, האָט מען זיי געמוזט אַרויסציען פון פאַרקער. שנית, איז אַ טייל פון די אויטאָבוסן צוגענומען געוואָרן דורכן בריטישן מיליטער, כדי צו פירן זעלנער אין לאַנד און אין די אַרומיקע לענדער.

פונדעסטוועגן האָט מען געהאַלטן דעם אָפּמאַך מיט די פרעמדע געזעלשאַפטן און מען האָט געפירט די אַרבעטער אָן שטערונגען. אויך דער ציווילער פאַרקער איז געוואָרן פאַרגרעסערט. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געקויפט פּלאַטפאָרמעס פון אַלטע אויטאָבוסן, האָט אויף זיי אַרויפגעבויט דאָס איבעריקע און האָט פּראָדוצירט אויטאָבוסן. גרויסע אויטאָבוסן האָט מען פונאַנדערגענומען און זייערע טיילן האָבן געדינט פאַר אַנדערע אויטאָבוסן.

צום סוף פון קריג איז געווען נויטיק צוריק אויפ־צובויען דעם קאָאָפּעראַטיוו. די שוועריקייט איז געווען, פאַרשטענדלעך, צו באַקומען דעם נויטיקן קרעדיט. עס האָט זיך געפונען אַ וועג צו באַזיגן אויך די דאָזיקע שוועריקייט און עס זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין דינסט אויטאָבוסן פון די נייסטע מאָדעלן. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויפגענומען מיט פרייד זיינע חברים, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט אין דער בריטישער אַרמיי און זענען צוריקגעקומען בשלום און האָט אויך אויפגענומען אַ גרויסע צאָל פון באַפרייטע זעלנער. ביסלעכווייז האָט זיך צוריק נאָרמאַליזירט די דינסט, און אירע מיט־אַרבעטער, ווי אויך די באַפעלקערונג האָט אָפּגעאָטעמט. דער פּאַסאַזשיר האָט שוין נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף דער סטאַנציע און איז אָנגעקומען צו דער צייט צום אַרבעטס־פּלאַץ.

די אָרגאַנען פון דער הסתדרות האָבן אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון קאָאָפּעראַטיוו, ער זאָל זיך פאַראייניקן מיט די ליניעס פון גרויס־חיפה. באַזונדערס האָט דאָס פאַרלאַנגט דער חבר רמז ז״ל, וועלכער האָט באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דעם צווייג פון טראַנספּאָרט איבער צוויי צענדליק יאָר.

וועגן קאַפּיטל פאַראייניקונג לאָזט זיך שרייבן דיקע ביכער, וועלכע וואָלטן אַרומגענומען זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס און פּלענער, פּראָבלעמען פון פינאַנסן און שרעק.

די קעגנער פון דער פאַראייניקונג האָבן געטענהט, אַז דער מצב אין לאַנד איז נישט סטאַביל, אַז די ליניע אין חיפה איז נישט רענטאַבל און דאָס באַשעפטיקן פון הונדערטער אָנגעשטעלטע איז אימשטאַנד צו זיין פאַרבונדן מיט שטרייקן.

דער באַשלוס וועגן דער שאַפונג פון דער פאַראייניקונג איז געווען אין די הענט פון „משמר המפרץ", ווייל ער איז געווען אַ שטאַרקער קאָאָפּעראַטיוו נישט נאָר אין חיפה, נאָר האָט אויך געהערט אין עמק זבולון און די קריות, עכו, נהריה, און דעם גאַנצן מערב־גליל. צו וואָס, אַלזאָ, ענדערן דעם מצב?

אָבער די פּיעסקער אין דער לייטונג האָבן געזאָגט, אַז אַ פאַראייניקונג פון חיפה איז אַ געבאָט פון דער שעה. און זייער מיינונג האָט אַנטשיידט.

נאָך לאַנגע און שווערע פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַראייניקט די פאָלגנדיקע דריי קאָאָפּעראַטיוון:

1) „חבר", 190 חברים, 125 אויטאָבוסן;
2) „משמר המפרץ", 130 חברים, 80 אויטאָבוסן;
3) „הר הכרמל", 80 חברים, 45 אויטאָבוסן,
סך־הכל: 400 חברים און 250 אויטאָבוסן.

דער פאַראייניקטער קאָאָפּעראַטיוו האָט געהייסן שח״ר — שירות חיפה רבתי — און איז געוואָרן אַ גרויסער פאַקטאָר אין צפון פון לאַנד, וואָס האָט געהערט צו דער הסתדרות העובדים און צו דער צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַציע.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן די געמיינזאַמע אַרבעט דעם 1.12.1947, אָבער דעם 29.11.1947 האָבן די פאַראייניקטע נאַציעס פּראָקלאַמירט די שאַפונג פון מדינת־ישראל, און דאָס האָט גורם געווען צווישן אַנדערע אויך ערנסטע שטערונגען אין די וועגן.

דאָס האָט באַדייט, אַז אַלע גרויסע פּלענער, אין וועלכע מען האָט אינוועסטירט אַזוי פיל מי, זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן אַן אַ זייט. אויף זייער פּלאַץ האָט מען פאַרווירקלעכט פּלענער פאַר אַן אויסנאַם־צייט. דער טויט האָט געלויערט אויף די וועגן, האָט געטראָפן רייזנדיקע אין אויטאָבוסן און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. ער איז געווען נויטיק צו פאַרפּאַנצערן שנעל די אויטאָבוסן. די נסיעות אין מערב־גליל, קיין חניתה און אילון, זענען געווען געפערלעך. צום סוף איז דער מערב־גליל גענצלעך אָפּגעריסן געוואָרן.

די אויטאָבוסן און זייערע שאָפערן זענען געשטעלט געוואָרן צו דער פאַרפיגונג פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען. די חברים האָבן זיך נישט געזען מיט זייערע משפחות אין משך פון טעג און וואָכן. די באַמיאונגען אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן איין ישוב און צווייטן האָבן זיך פאַרשטאַרקט. אַ סך אויטאָבוסן זענען געטראָפן געוואָרן און זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דינסט. אין די גאַראַזשן האָט מען געהאַלטן אין איין פאַריכטן בייטאָג און ביינאַכט.

פיר חברים זענען געפאַלן אין די וועגן ביים דערפילן זייער פליכט: שרגא גאָדעס ז״ל, זאב פיין ז״ל, מאיר סילש ז״ל און ראובן אָגדשטיין ז״ל.

נאָכן פייער־איבעררייס האָט מען מאָביליזירט אַלע מיטגלען, כדי ווידער אויפצושטעלן דעם קאָאָפּעראַטיוו: פאַריכטן די אויטאָבוסן און באַדינען דעם ציבור פון די רייזנדיקע. מען האָט איינגעקויפט נייע אויטאָס. מען האָט אויפגענומען 150 נייע חברים, וועלכע האָבן גע־קעמפט אין צבא־הגנה־לישראל. אַזוי איז דערגאַנגען די צאָל חברים ביז 600 און די צאָל אויטאָבוסן ביז 350. אַדאַנק דעם צוגאָב פון אַרבעטס־קראַפט און אויטאָבוסן, האָבן זיך געלאָזט פאַרווירקלעכן די פּלענער, וואָס זע־נען אָוועקגעלייגט געוואָרן אָן אַ זייט מיט דער פּראָ־קלאַמירונג פון מדינת־ישראל.

לויט דער איניציאַטיוו פון קאָמוניקאַציע־מיניסטע־ריום און דער צענטראַלע פאַר קאָאָפּעראַציע האָט מען אָנגעהויבן פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן דער שאַפונג פון אַ קאָמוניקאַציע־נעץ פאַרן גאַנצן לאַנד.

אין יאָר 1951 האָבן זיך פאַראייניקט „אג״ד", „שח״ר" און „דרום יהודה", וועלכע האָבן זיך לויט זייערע ראשי־תיבות גערופן „אש״ד" און שפּעטער „אג״ד".

ווידער אַמאָל האָט מען געדאַרפט בילדן קאָמיסיעס, מאַכן פּלענער און אָרגאַניזירן. אין דעם אַלעמען האָבן די פּיעסקער דערפילט וויכטיקע אויפגאַבן.

אין יאָר 1952 האָט די לייטונג פון אג״ד אַרויפגע־לייגט אויף דריי חברים אויסצואַרבעטן אַ גענויען פּלאַן צו שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט בויען אויטאָבוסן־סטאַציעס אין גאַנצן לאַנד. די חברים פון דער קאָמיסיע זענען געווען גאָטליב און מצפון, און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרזיצער. דער פּלאַן איז דערלאַנגט געוואָרן אין משך פון דריי חדשים און די געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן. מען האָט אויסגעוויילט אַ דירעקטאָרן־ראַט און דער שרייבער פון די שורות איז געווען גענעראַל־דירעקטאָר.

אין יאָר 1952 איז נישט געווען אין לאַנד קיין איין פּאַסיקע סטאַציע. היינט זענען פאַראַן 20 צענטראַלע, פּראַכטפולע סטאַציעס און 18 מאָדערנע גאַראַזשן.

אין יאָר 1952 האָט באַטראָפן דער קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט 250,000 ישראל־פונט. היינט — ביי פינף און זיבעציק מיליאָן.

דער שרייבער פון די שורות האָט אַמטירט אַלס גע־נעראַל־דירעקטאָר גאַנצע 12 יאָר. ווען מען האָט אים געפּרעגט ווו ער האָט באַקומען זיין גאַנץ וויסן, פלעגט ער ענטפערן: „אין פּיעסק, אויפן שול־הויף און אין תלמוד־תורה, ביים רבין מאָטע דעם ראַשער".

אפשר וועט גוט זיין צו פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט דעם בילד, וואָס דערשיינט דאָ.

10 חברים, 4 חברטעס, 3 קינדער.

ליידער זענען 6 פון די 17 אַוועק פאַר דער צייט און האָבן נישט זוכה געווען צו זען דעם גרויסן וווּנדער, וועלכן עס האָט געשאַפן די פּיעסקער גרופּע.

די זין פון דעם קליינעם שטעטל זענען געווען באַ־שאָנקען מיט גייסט־רייכקייט, מוט, ענערגיע און אומ־געוויינלעכער וויזיאָנערישקייט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער אַראַבישער שטאָט עכו און האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט אַ שווערער און אומבאַקאַנטער אַרבעט, מיט הונגער און קרענק. זיי האָבן דאָס אַלץ געמאַכט מיט אייגענע כוחות, אָן הילף פון דרויסן און אָן אַ בודזשעט, פון וועלכן עס איז דעפּאַרטאַמענט.

פון יאַנואַר 1926 ביז יאַנואַר 1933, אין משך פון זיבן יאָר, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין עכו אַ גרופּע, אַ קליינע, אָבער מיט אַ קלאָרער ריכטונג.

פון יאַנואַר 1933 ביז יאַנואַר 1948, אין משך פון פופצן יאָר, האָט די קליינע גרופּע, וואָס דערשיינט אויפן בילד, געשאַפן, צוזאַמען מיט נייע חברים, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן, דעם „משמר המפרץ — קבוצת זיפ־זיף". טראָץ אַלע שוועריקייטן און פּראָבלעמען, האָט זיך דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרוואַנדלט אין אַ מוסטער־אונטער־נעמונג, גענוי פּלאַנירט און רענטאַבל.

ווען עס האָט זיך פאַראייניקט דער „משמר המפרץ" מיט „חבר" און „הר הכרמל" און איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין „שח״ר", האָט ער געבראַכט מיט זיך 130 חברים, 80 אויטאָבוסן און אַ מאָדערנעם גאַראַזש (זייע־רע חובות האָבן אויסגעמאַכט נישט מער ווי אַ אַ פאַר צענדליק טויזנט פונט).

דאָס דאָזיקע גרויסע פאַרמעגן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַדאַנק יענער קליינער גרופּע אויפן בילד, וועלכע האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט.

פון יאָר 1948 ביז 1968, אין משך פון 20 יאָר נאָך דעם ווי עס האָבן זיך פאַראייניקט „אג״ד", „שח״ר" און „דרום־יהודה" און זענען פריער געוואָרן „אש״ד" און

נאכדעם „אג״ד״ — האט נאך יענע קליינע גרופע ווײ־
טער געהאלטן דעם רודער פון דער קאאפעראטיווער
קאמוניקאציע אין ישראל. נישט אליין, פארשטענדלעך.
עס זענען געווען נאך א סך אנדערע. אבער די קליינע
גרופע האט געהאלפן פירן דעם דעמאקראטישן ארגא־
ניזם אויפן ריכטיקן וועג.

זינט די ערשטע פיעסקער האבן ארויפגעטראטן אויף
דער ישראל־ערד זענען אריבער 45 יאר. זיי האבן נישט
פארשווענדט די יארן. זיי האבן געמאכט געשיכטע.

געשטאלטן

צו דער געשטאלט פון רבי מרדכי עמיאל ז״ל

רבי מרדכי עמיאל (רבי מאטע דער ראשער), וועל־
כער איז געווען באשאנקען מיט גרויסע מעלות, איז
לאנגע יארן געשטאנען אין שפיץ פון דער תלמוד־תורה
אין פיעסק. א טייל פון די, וואס האבן געענדיקט די
תלמוד־תורה זענען נאכדעם אוועק אין ישיבות אין די
גרויסע שטעט און האבן זוכה געווען צו באקומען סמי־
כות אויף רבנות.

דער רבי איז געווען א געבילדעטער מאן, וועלכער
האט נישט אויפגעהערט צו לערנען אליין דאס גאנצע
לעבן. נאך דעם ווי ער פלעגט ענדיקן צו אונטערריכטן,
פלעגט ער זיך פארטיפן אין לערנען תורה אדער גמרא
ביז נאך האלבער נאכט. צייטנווייז פלעגט ער אנשליסן
אין דעם לערנען אויך תלמידים.

זיין איבערגעגעבנהייט איז געווען העכער ווי מען
האט זיך געקאנט פארשטעלן. ער פלעגט זיצן מיט יעדן
תלמיד, העלפן צוגרייטן די לעקציעס און דערמעגלעכן
אים צו פארשטיין פארוואס עס איז וויכטיק, אז ער זאל
מאכן פארשריטן אין לערנען. ער האט אויך מקפיד גע־
ווען אויף די בגדים פון יעדן תלמיד און פלעגט זארגן
ער זאל עסן גענוג אויף מיטאג. ער האט געדינט אלס
פאטער און דערציער.

ער פלעגט נישט שלאגן, אויסער אין פאלן, ווען
מען האט אים ארויסגעפירט ממש פון געדולד. אזוי איז
געשען, ווען א גרופע תלמידים איז א געוויסן טאג
ארויס, בשעת אן איבעררייס צווישן די לעקציעס, זיך
וואשן אין וואסער פון שטורמישן טייכל. איינער פון די
תלמידים איז כמעט דערטרונקען געווארן און ער האט
זיך געראטעוועט בלויז אדאנק די וואסער־מענטשן, וועל־
כע האבן זיך געפונען אויפן טייך.

די שטראף איז געווען א שווערע. די תלמידים האט
מען אויסגעשטעלט אין א שורה און דער רבי האט זיי
געגעבן שטארקע קלעפ. א טייל האבן נישט געקאנט קו־
מען צו זיך פון די קלעפ אין משך פון א פאר טעג, אבער
אלע זענען מסכים געווען, אז דער רבי איז געווען גע־
רעכט.

די עקזאמענס צום סוף יאר, דורך גדולי־תורה, זע־
נען נישט געווען קיין לייכטע. דעריבער האט מען גע־
דארפט זיך גוט צוגרייטן. דער רבי פלעגט אנרעגן די
תלמידים און זיי צוגעבן מוט. ער פלעגט זאגן, אז די
גדולי־תורה האבן נישט די כוונה, אז די תלמידים זאלן
דורכפאלן. ווער עס וועט נאר לערנען דעם מאטעריאל
און זיך אים איינחזרן, וועט מצליח זיין ביים עקזאמען.

די תלמידים פון רבי מרדכי עמיאל וועלן אים קיינ־
מאל נישט פארגעסן. זיי זעען א זכות, וואס זיי האבן
זוכה געווען צו הערן תורה פון זיין מויל.

דערינערונגען פון תלמוד־תורה

פון יונגן עלטער אן האבן פיעסקער קינדער גע־
לערנט ביי מלמדים אין חדר. אין די אוונטן האבן זיי
געלערנט ביי פריוואטע לערער. צווישן די מלמדים פאר
יונגע קינדער האבן זיך גערעכנט ר׳ זיידקע, ר׳ נפתלי
און ר׳ יצחק.

ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זע־
נען געווען אין שטעטל ביי א זיבן חדרים און עטלעכע
פריוואטע לערער, וועלכע האבן געלערנט שפראכן, אוי־
סער דער אפיציעלער רוסישער שפראך און מאטעמאטיק.

אין יאר 1913 האט זיך געעפנט א פריוואטע שול, וו
עס האבן געלערנט לערער מיט א הויכער בילדונג: די
הערן רובינטשיק, רובינשטיין און קוויאט. דאס איז גע־
ווען א גרויסע דערגרייכונג, ווייל ביז דאן איז געווען
אין שטעטל בלויז א רוסישע רעגירונגס פאלקס־שול,
וו עס האבן געלערנט די גויישע קינדער, אבער די יידי־
שע קינדער האבן דארט נישט געהאט קיין דריסת־רגל.
מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז
פארמאכט געווארן די יידישע שול.

תלמוד־תורה

אין שטעטל זענען געווען צוויי שטופעס פון תלמוד־תורה. איינע — פּאַר קינדער פון 9—11; און די צווייטע — פּאַר קינדער פון 11—13.

אין דער ערשטער שטופע האָט געלערנט ר׳ חייקל אין הילצערנעם בית־המדרש. דאָס צימער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פּאַר דעם צוועק איז געווען אַ מין קעלער, און וועלכן עס זענען נישט אַריינגעדרונגען גענוג זון און לופט. טראָץ דעם וואָס דאָס שטעטל האָט בדרך־כלל געהאַט אַ סך זון און זיינע קינדער האָבן געהאַט רויטע באַקן, זענען זיי אין פאַרלויף פון צוויי יאָר געוואָרן בלאַס. ווינטער איז געווען אַנגענעמער, ווייל אין דרויסן האָט געהערשט אַ פראָסט און דאָס צימער איז געווען פאַרמאַכט און וואַרעם.

צום סוף פון יעדן שול־יאָר פלעגן פאַרקומען עקזאַמענס. ווער עס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון צווייטן יאָר, פלעגט בלייבן נאָך אַ יאָר אין דער נידעריקערער שטופע.

די עקזאַמינאַטאָרן זענען נישט געווען קיין פּעדאַגאָגן. דאָס זענען געווען ביי אַ האַלב טוץ חשובע יידן, וועלכע אַנשטאָט פּרווון זען וואָס דאָס קינד קען, פלעגן זיי באַווייזן זייערע אייגענע ידיעות אין תורה. זייערע פראַגן זענען געווען „מערדערישע" און האָבן אַרויסגערופן פחד און צעטומלונג. אין דעם מצב זענען געווען אַ סך קינדער, וואָס זענען נישט געווען אימשטאַנד צו ענטפערן, ווען זיי האָבן אפילו געקענט דאָס מאַטעריאַל. אַלס שטראָף פלעגט מען זיי געבן פעטש.

פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער פעלערהאַפטער סיסטעם האָט דערגרייכט דאָס פאַרקערטע פון וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו דערגרייכן. מיטן אָנהויב פון ייעם שול־יאָר פלעגן אַ סך קינדער זיך אָפּזאָגן צו גיין לערנען און מען האָט זיי געשלעפּט מיט כוח אין דער תלמוד־תורה.

דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט מזל. נאָך אַ באַראַטונג צווישן מלמד ר׳ חייקל און צווישן הויפּט־גבאי ר׳ יוסף לייב, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס האָט נישט קיין זין אים איבערצולאָזן נאָך אַ יאָר אין דער נידעריקער שטופע, נאָר אים אַריבערפירן אין דער העכערער שטופע, וווּ עס האָט געלערנט ר׳ מרדכי עמיאל, וועלכן מען האָט גערופן „מאָטע דער ראָשער" (ווייל ער איז געקומען קיין פּיעסק פון דעם דערבייאיקן שטעטל, ראָש).

אַזוי ווי אויך דער רבי מרדכי עמיאל איז געווען צווישן די עקזאַמינאַטאָרן, האָט ער מסכים געווען צום פאָרשלאָג. אַזוי איז אַריבערגעפירט געוואָרן דער שרייבער פון די שורות אין יאָר 1912 אין דער העכערער שטופע, אַלט זייענדיק בלויז צען יאָר, אַ פאַקט וואָס האָט אים אָנגעפילט מיט אַ סך שמחה און שטאָלץ.

דער שרייבער פון די שורות איז נישט געווען דער איינציקער, וועמענס האַרץ איז געווען פול מיט שטאָלץ. אויך זיין פעטער, מענדל באַראַווסקי, איז געווען צווישן די עקזאַמינאַטאָרן און האָט געהערט די ענטפערס, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ הילכיקער און קלאָרער שטימע און האָבן באַוויזן אַ ידיעה אין ספר יהושע און ספר שופטים, מיט אַלע פירושים און תוספות. די עקזאַמינאַטאָרן האָבן זיך גוט איינגעהערט, און נישט איבערגעריסן דעם עקזאַמינירטן.

נאָכדעם איז דער פעטער געלאָפן אָנזאָגן זיין שוועגערין וועגן דעם דערפאָלג, און ער האָט געטאַנצט פון פרייד.

די לימודים אין דער העכערער שטופע זענען פאָרגעקומען אין דער מער חשובער שול, וואָס איז געווען געבויט פון רויטע ציגל (דער מויער). דאָרט האָבן געדויערט די לימודים דריי יאָר. יעדעס יאָר זענען פאָרגעקומען עקזאַמענס, אָבער די צוגרייטונגען צו די סוף־עקזאַמענס זענען געווען באַזונדער גרויס. דער רבי איז געזעסן און געחזרט מיט זיינע תלמידים טאָג און נאַכט, באַזונדערס מיט די, וועמענס אויסזיכטן אויסצוהאַלטן די עקזאַמענס זענען געווען גוטע. אין יענער צייט האָבן די תלמידים אויסגעזעזן ווי גייענדיקע סקעלעטן פון אַזוי פיל אָנשטרענגונג און מידקייט. נישט איינמאָל פלעגט זיי אַרומכאַפּן אַ יאוש און זיי זענען געווען זיכער, אַז טראָץ אַלעמען וועלן זיי נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עקזאַמען איז געווען לייכטער, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. אויף יעדן פאַל האָבן די דאָזיקע עקזאַמינאַטאָרן אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש און האָבן דערמעגלעכט די תלמידים צו באַווייזן זייערע ידיעות.

דער הויפּט־עקזאַמינאַטאָר איז געווען דער ראש ישיבת סלאָנים, ר׳ יאָגעל. די אַנדערע זענען געווען: ר׳ משה, דער אידעם פון גביר קאַפּל ווײַנשטיין, ר׳ משה שפּירא, ר׳ זאַמע קאַפּלאַן און ר׳ מרדכי־געצל יאָגעל.

די פינף עקזאַמינאַטאָרן זענען געזעסן אין איין שורה און נעבן זיי ר׳ מרדכי עמיאל, עטלעכע גבאים, שמשים און סתם צושויער. קעגנאיבער זיי זענען געשטאַנען די צעשראָקענע תלמידים, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ גזר־דין.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז געווען אַ קאַנדידאַט צו לערנען אין דער סלאָנימער ישיבה ביים רב יאָגעל. זיין מוטער האָט שוין געזאָרגט פאַר אַ צימער פאַר אים אין סלאָנים, ביי קרובים. זי האָט אויך כמעט ווי פאַרענדיקט דאָס איינאָרדענען פון עסן „טעג״. ווייל אין יענער צייט איז געווען אַ מנהג, אַז פרויען האָבן מנדב געווען לויט אַ ריי אַ טאָג עסן אין וואָך פאַר ישיבה־בחורים.

און אָט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די עלטערן פון שרייבער פון די שורות זענען געווען זיכער, אַז דאָס מעכטיקע רוסלאַנד וועט באַזיגן דייטשלאַנד אין משך פון עטלעכע וואָכן, אין ערגסטן פאַל — אַ פּאָר חדשים. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן, אַז בעסער דאָס זייער זון זאָל בלייבן אין דער היים ביז צום סוף פון דער מלחמה.

דער שרייבער פון די שורות איז נישט מסכים געווען מיט דעם באַשלוס און זיין אַנטוישונג איז געווען גרויס. ראשית, ווייל אייניקע פון זיינע חברים צום לערנען פון די שטעטלעך מאַסטי און רוז׳אַנקע וועלכע האָבן אויך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, זענען שוין געהאַט אַרויסגעפאָרן, כדי צו לערנען אין ישיבות. צווייטנס, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס אָפּלייגן איז נישט געווען צייטווייליק נאָר אויף שטענדיק.

און ווירקלעך, האָט זיך די מורא באַשטעטיקט. אין סעפּטעמבער 1915 יאָר זענען אַריין די דייטשן קיין פּיעסק און האָבן איינגעפירט אַ מיליטערישן רעזשים. די הויפּט־זאָרג פון די איינוווינער איז געווען צו באַקומען אַ ביסל שפּייז, כדי צו שטילן דעם הונגער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן. דער פּלאַן צו לערנען אין דער סלאָנימער ישיבה איז אויסגערונען געוואָרן מיט פיל שטרעבונגען און האָפענונגען פון די איינוווינער פון שטעטל.

דעם זיידנס הויז

מיין פאָטער, מאיר ז״ל, איז געווען אַ זון פון משה און ברײַנע באַראַווסקי ז״ל, פון שטעטל פּיעסק.

מיין מוטער, שרה ז״ל, איז געווען אַ טאָכטער פון נוח און מרים אייזנמאַן ז״ל, פון שטעטל מאַסטי.

ביידע הייזער פון די זיידעס זענען געווען פאַרשידן איינער פון צווייטן, אָבער זייער טייער פאַר מיר. דאָס ערשטע איז געווען אַ הויז פון סוחרים; דאָס צווייטע — אַ הויז, וואָס האָט געקענט מי און אַרבעט.

דאָס הויז פון זיידן משה באַראָווסקי

דער זיידע משה באַראַווסקי איז געווען אַ הורטאָווער תבואה־סוחר. ער פלעגט צושטעלן תבואה צו דעסטאַליסטן, צו די מילן אין פּיעסק און אין פאַרשידענע שטעט אין ווייסרוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. דאָס באַזאָרגן קיין דייטשלאַנד פלעגט פאָרקומען אויף אַזאַ אופן: אין די ווינטער־חדשים האָט מען מאַגאַזינירט די תבואה אין שפּייכלערס נעבן וואַסער, אין שטעטל מאַסטי, וואָס ליגט אַן ערך 8 קילאָמעטער פון פּיעסק.

אַנהויב פרילינג, ווען די שנייען זענען צעגאַנגען, האָט מען אָנגעלאָדן די תבואה אויף גרויסע טראַטוועס, וועלכע מען האָט געלאָזט מיטן שטראָם וואַסער לענגאויס דעם ניעמאַן צו די שטעט גראָדנע — קאָוונע ביזן פּאָרט מעמעל אין ליטע און פון דאָרט קיין מזרח־דייטשלאַנד.

דער זיידע משה איז געווען אַ גרויסער און פאַרמעגלעכער סוחר און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אין פּיעסק.

די באָבע ברײַנע איז געווען אַן אײדעלע און איבערגעגעבענע פרוי, וועלכע פלעגט מיך נעמען אין חדר און מיך נישט איין מאָל ראַטעווען פון דער בייטש פון רבין.

זי האָט ליב געהאַט צוזאַמענצונעמען אַרום זיך אירע אייניקלעך און זיי דערציילן געשיכטעס. וועגן זיידן משה, אַ חשובן און אָנגענומענעם מענטשן; וועגן איר רייזע קיין דייטשלאַנד, קיין קעניגסבערג, מיט איר

ייִנגערן זון ברוך, וועלכער האָט געדאַרפֿט זיך היילן, און וואָס עס איז פֿאַרגעקומען מיט איר דאָרט; זי איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַפּעריסטן, וועלכע האָבן פֿון איר צוגערויבט איר געלט, און זי איז געבליבן אין אַ פֿרעמד לאַנד מיט אַ קראַנקן זון. אָבער די תבואה־סוחרים אין שטאָט האָבן מודיע געווען וועגן אירע צרות דעם זיידן משה, וועלכער האָט געגעבן אַן אָנווייזונג אַ באַנק אין קעניגסבערג צו שטעלן אין איר רשות אַ סומע געלט. די דאָזיקע שפּאַנענדיקע געשיכטע, וועלכע האָט גע־שילדערט די אַפּעריסטן פֿון קעניגסבערג און די פּעאי־קייטן פֿון זיידן, האָט זי איבערגעחזרט אַ סך מאָל.

דער זיידע משה און באָבע ברײַנע האָבן געהאַט פֿינף זין און איין טאָכטער.

זייער עלטסטער זון איז געווען מענדל, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּרוי מיטן נאָמען ביילע. ער האָט געוווינט אין דאָרף טורי, אַ האַלבן קילאָמעטער פֿון פּיעסק. דער זיידע האָט אים געקויפֿט ביי אַ 120 דונאַם ערד, האָט אים אויסגעבויט אַ הויז אויפֿן ברעג טייך, האָט פֿאַרפּלאַנצט אַ סאַד און האָט אויפֿגעשטעלט אַ שטאַל פֿאַר קי, פֿאַר פֿערד און שפּייכלערס. מענדל איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, האָט געענדיקט די סלאָבאָדקער ישיבה. ער האָט געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער מיטן נאָמען מאַטשע. די דאָזיקע טאָכטער, איר מאַן אהרן און זייערע פֿיר קינדער, זענען אומגעקומען בשעת דעם חורבן.

די איינציקע טאָכטער פֿון זיידע בּאַראַוווסקי איז גע־ווען חנה, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט משהן, אַן איינוווינער פֿון דאָרף קראַמאַניצע, 12 קילאָמעטער פֿון פּיעסק. זי האָט באַקומען נדן צען טויזנט רובל, אַ גרוי־סע סומע צום סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. דער מאַן האָט זיך פֿאַרנומען מיט מסחר און איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר פֿאַר דעם רוסישן מיליטער. זיי האָבן געהאַט זיבן זין און איין טאָכטער, וועלכע זענען גע־בליבן וווינען אין זעלבן דאָרף און האָבן דאָרט אויפֿ־געשטעלט משפּחות מיט אַ סך קינדער. די עלטערן, זיי־ערע אַכט קינדער און אייניקלעך, צוזאַמען 58 נפֿשות, זענען אומגעקומען אין דעם אומקום. אַן אייניקל פֿון דער באָבע חנה, ברוריה פֿאַלקאָוויטש, געפֿינט זיך אין ישראל און האָט אויפֿגעשטעלט אַ שיינע משפּחה.

דער צווייטער זון פֿון זיידן באַראַוווסקי איז געווען יצחק, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט גיטלען. דאָס הויז פֿון פֿעטער יצחק האָט געגרענעצט מיט דעם הויז פֿון זיין פֿאָטער. ער איז געווען אַ סוחר. נאָכן שניט פֿלעגט ער קויפֿן אַ סך תבואה פֿאַר אַ ביליקן פּרייז, מאַ־גאַזינירן זי ביזן שניט פֿון דעם קומענדיקן יאָר און זי פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ הויכן פּרייז. זיין עקאָנאָמישער מצב איז געווען אַ גוטער. זיי האָבן געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער. איין טאָכטער האָט עמיגרירט מיט איר משפּחה אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די עלטערן, זייערע דריי קינדער און אייניקלעך, זענען אומגעקומען אין דעם חורבן.

דער דריטער זון איז געווען לייבע, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט חיה־זעלדען. אויך ער האָט געוווינט נאָענט צום פֿאָטער. דאָס איז געווען אַ גוט־האַרציקער און שמייכלענדיקער מענטש, און אין זיין קליינעם הויז האָבן שטענדיק געהערשט שמחה און פֿרייד. די קינדער, די מיטגלידער פֿון דער משפּחה, האָבן זייער ליב געהאַט אים צו באַזוכן. אויך ער האָט געצויגן זיין פּרנסה פֿון מסחר. צוויי פֿון זיינע פֿינף זין האָבן עמיגרירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין אַרגענטינע. די דריי אַנדערע משפּחות זענען אומגעקומען, אויסער דעם הויפּט פֿון איין משפּחה, וועלכער איז פֿאַרטריבן געוואָרן דורך די רוסן קיין סיביר און אַזוי אַרום איז ער געבליבן לעבן. ווען ער איז צוריקגעקומען נאָכן סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז 17 פֿון זיין משפּחה זענען אומגעקומען אין דעם אומקום. ער איז אַוועק צו זיינע ברידער קיין אַרגענטינע.

דער פֿערטער זון איז געווען מיין פֿאָטער מאיר, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט שרהן. זיי האָבן גע־וווינט אין הויז פֿון זיידן משה און באָבען ברײַנע, וועל־כעס איז געשטאַנען אויפֿן הויפּט־שאָסיי, איז געווען גרויס און באַקוועם און אַרום אים אַ סאַד. נאָכן טויט פֿון זיידן, האָבן זיי ווייטער געוווינט מיט דער באָבען ברײַנע.

מיין מוטער ז״ל פֿלעגט שטענדיק זאָגן, אַז ווען אירע קינדער וועלן אויפֿוואַקסן, וועט זיך אויסבעסערן דער עקאָנאָמישער מצב פֿון דער משפּחה. און פֿאַקטיש איז אַזוי געווען. ווייל־אין אונדזער הויז איז נישט שטענ־

דיק געווען פרנסה בשפע, אָבער די לאַגע האָט זיך געענדערט, ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און זיי האָבן געגעבן זייער ביישטייער.

מיינע עלטערן האָבן געהאַט פיר זין און צוויי טעכטער. פון זיי זענען געבליבן לעבן און געפינען זיך אין ישראל מיין שוועסטער ברוריה און איך. מיין ברודער יואל לעבט אין אַרגענטינע. מיין יינגערער ברודער יצחק איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז געפאַלן. די איבעריקע מיטגלידער פון דער משפחה, צוזאַמען 15 נפשות, זענען אומגעקומען אין אומקום.

דער יינגסטער זון פון זיידן באַראַווסקי איז געווען ברוך, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט חיה־האָדעסן. זיין הויז איז געשטאַנען אויפן ברעג פון טייך זעלעוויאַנקע, אַן ערך צוויי הונדערט מעטער פון זיין פאָטערס הויז. דאָס הויז האָט זיך גערעכנט אַלס איינס פון די גרעסטע אין שטעטל און עס פלעגן דאָרט פאָרקומען חתונות. ברוך און זיין פרוי האָבן געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער. דער זון מאיר און די טאָכטער שושנה זענען עולה געווען קיין ארץ. מאיר איז געווען אַ חבר אין קאָאָפּעראַטיוו „משמר המפרץ”. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 33 יאָר, און האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי זין. שושנה האָט ווידער חתונה געהאַט און איר פאַמיליע־נאָמען איז היינט שילדקרויט. זי און איר מאַן לעבן אין טבעון און זיי האָבן אַ זון און אַ טאָכטער. די איבעריקע מיטגלידער פון דער משפחה, 14 נפשות, זענען אומגעקומען אין אומקום.

רשימה פון די נפשות
פון דער באַראַווסקי־פאַמיליע,
וועלכע זענען אומגעקומען אין חורבן

1) די קינדער פון דער משפחה פון פעטער מענדל באַראַווסקי, די טאָכטער מאַטשע, איר מאַן אברהם־אהרן און די קינדער 6

2) די מומע חנה און פעטער משה, זייערע קינדער און אייניקלעך 58

3) דער פעטער יצחק און מומע גיטל באַראַווסקי, זייערע קינדער און אייניקלעך 18

4) דער פעטער לייבע און די מומע חיה־זעלדע באַראַווסקי, זייערע קינדער און אייניקלעך 17

5) מיין פאָטער מאיר און מיין מוטער שרה באַראַווסקי, זייערע קינדער און אייניקלעך 15

6) דער פעטער ברוך און די מומע חיה־האָדעס באַראַווסקי, זייערע קינדער און אייניקלעך 14

סך־הכל זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס פון דער באַראַווסקי־פאַמיליע 128

דאָס הויז פון זיידן נוח אייזנמאַן

דער זיידע נוח איז געווען אַ וואַרעמער און וווּנדערבאַרער מענטש, וועלכער האָט שווער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבן. ער און די באָבע מרים האָבן געהאַט פינף זין און צוויי טעכטער. קיינמאָל האָב איך נישט געזען אַזאַ שיינעם מאַן ווי דער זיידע נוח. ער איז געווען הויך, ברייטפּלייציק, און געהאַט אַ שוואַרצע, לאַנגע באָרד. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער שטאַמט פון די ריזן פון דער תקופה פון תנ״ך. אויך זיינע זין זענען געווען הויכע, שיינע, געזונטע ווי צעדערבוימער און מוטיק ווי לייבן. אַלע האָבן געענדיקט זייערע לימודים אין ישיבות און נאָר נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן אַרבעטן. דריי פון זיי האָבן געאַרבעט מיט זייער פאָטער ביים ניעמאַן, און די צוויי אַנדערע זענען געווען סוחרים.

דער זיידע נוח האָט אויפגעבויט צוויי הייזער, איינס נעבן צווייטן, האַרט ביים ניעמאַן, און אין זיי האָט ער באַזעצט אַ טייל פון זיינע זין און זייערע משפחות, ווייל זיין אויג האָט שטענדיק געוואַכט איבער זיי.

נוח און זיינע זין האָבן געהאָרעוועט די גאַנצע וואָך און שבת האָבן זיי געלערנט תורה אין שול. זיי זענען געווען גלענצנדיקע חזנים און בעלי־תפילה.

אין די ימים־נוראים פלעגן זיי צייטנווייז אַרויספאָרן, כדי צו דינען אַלס בעלי־תפילה אין די שולן אין דער פּראָווינץ.

מיין מוטער שרה איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון נוח אייזנמאַן. אַזוי ווי זי איז געווען אַ געבוירענע אין מאָסטי, און איר מאַן איז געווען פון פּיעסק, פלעגט זי שפּאַצירן כמעט יעדע וואָך דורכן וואַלד, אַ מרחק פון

8 קילאָמעטער, כדי צו באַזוכן אירע עלטערן. אין די לאַנגע און קאַלטע ווינטער־טעג פלעגט זי זיצן ביים גרויסן וואַרעמען אויוון אין שטוב, גלעטן די קעפּ פון אירע קינדער און דערציילן זיי וועגן אירע שפּאַצירן אויפן ברעג ניעמאַן, וועגן די שווימענדיקע טראַטוועס, וועגן איר פאָטער און מוטער. עס איז געווען קענטיק, אַז זי ליידט פון בענקשאַפט.

נאָך שרהן איז געבוירן געוואָרן ביי נוחן זיין זון בערל. ווען בערל איז געוואָרן אַ מאַן, האָט ער חתונה געהאַט און געוווינט אויף דער דרום־זייט פון ניעמאַן, ביים אַריינגאַנג אין דעם שטעטל מאָסטי. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין הויז פאַרברענט גע־וואָרן און ער איז אַריבער וווינען אין דער צפון־זייט פון ניעמאַן נעענטער צו זיין פאָטערס הויז. זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבן אין אַ יונגן עלטער און ער האָט חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל. פון זיינע בידע פרויען האָט ער געהאַט 9 קינדער, פיר זין און פינף טעכטער.

איינער פון די זין פון זיין ערשטער פרוי, מעטאַ, איז געשיקט געוואָרן מיטן פּוילישן מיליטער פון גע־נעראַל אַנדערס אין מיטעלן מזרח. ווען ער איז אָנגע־קומען קיין ארץ־ישראל אויפן וועג קיין מדבר ליביע, כדי צו קעמפן קעגן דער דייטשער אַרמיי פון גענעראַל ראָמעל, איז ער דאָ פאַרבליבן. אַזוי אַרום איז ער גע־בליבן לעבן. ער האָט העברעאיזירט זיין נאָמען אויף ברזילי. די איבעריקע מיטגלידער פון בערלס משפּחה, צוזאַמען 26 נפשות, זענען אומגעקומען אין חורבן.

די צווייטע טאָכטער פון נוחן איז געווען דאָבע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט יצחק קאַפּלאַן. זי איז געווען אַ בילד־שיינע און האָט געהאַט אַ זיסע שטימע. איר מאַן איז געווען אַן אידעאַלער מענטש, אָנגענעם און שמייכלענדיק. אַכט קינדער האָט געהאַט דאָס פּאָרל און פון זיי זענען געבליבן לעבן צוויי: זלמן און זהבה־זלאַטקע.

זלמן איז אַדורך שבעה מדורי גיהנום. ער איז גע־ווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ און איז גע־ראַטעוועט געוואָרן פון טויט ווען עס איז אַריין די אַמעריקאַנער אַרמיי. פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה איז ער עולה געווען קיין ארץ.

זהבה־זלאַטקע האָט עמיגרירט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין אַרגענטינע. מיטן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל, איז זי עולה געווען מיט איר משפּחה. די איבעריקע מיטגלידער פון דער משפּחה, צוזאַמען 15 פּערזאָן, זענען אומגעקומען אין דעם אומקום.

דער צווייטער זון פון נוחן איז געווען שמחה, וועל־כער האָט חתונה געהאַט מיט פּערלען. זיי האָבן געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער. שמחה איז געווען אַ גוט־האַרצי־קער און געבילדעטער מענטש, וואָס האָט געצויגן זיין פּרנסה פון מסחר. די עלטערן, זייערע קינדער, זייער שנור און איין אייניקל, 6 נפשות, זענען אומגעקומען אין אומקום.

דער דריטער זון פון נוחן איז געווען משה. ער האָט עמיגרירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און עס זענען זיי געבוירן געוואָרן צוויי זין און אַ טאָכטער. ער האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסטי, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דער קראַנקייט פון זייער פאָטער. ער איז געבליבן אויפן פּלאַץ און עס זענען אים געבוירן געוואָרן אייניק־לעך .די גאַנצע משפּחה, 8 נפשות, איז אומגעקומען.

דער פערטער זון פון נוחן איז געווען יששכר, וועל־כער האָט געלערנט נישט נאָר אין אַ ישיבה, נאָר אויך וועלטלעכע לימודים אין שולן אין ווילנע און ניזשני נאָווגאָראָד. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווילנער איי־דעלער פרוי און האָט זי געבראַכט קיין מאָסטי, ווו זי האָט זיך פיין אַקלימאַטיזירט. פון זיין באַרוף איז ער געווען אַ שוהט, ער האָט זיך אָבער גענומען צו מסחר און האָט גוט מצליח געווען. אַ שיינעם טאָג האָט יששכר געגעבן אַ גאָלדענע מטבע מיין מוטער. ווען איך בין עולה געווען קיין ארץ, האָט מיר די מוטער געגעבן די דאָזיקע מטבע און געבעטן איך זאָל זי גוט אָפּהיטן. איך טראָג שטענדיק די דאָזיקע מטבע אויף מיין פינגער, און זי איז מיר זייער טייער.

יששכר און זיין פרוי האָבן געהאַט צוויי זין און פיר טעכטער. אַלע זענען אומגעקומען און צוזאַמען מיט זיי נאָך צוויי איידעמס.

דער יינגסטער פון נוחס זין איז געווען אליהו־מיכאל. ער איז געווען זייער געפּיעשטשעט. זיינע על־טערן האָבן אים אָפּגעהיט אַזוי ווי אַ בן־יחיד און אויך

זיין עלטערע שוועסטער, דאָס הייסט מיין מוטער. נאָך דעם ווי ער איז אויסגעוואָקסן האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי מיטן נאָמען דאבקע און זיי האָבן געהאַט צוויי זין און דריי טעכטער.

אין יאָר 1941, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, איז אליהו־מיכאל נישט געווען צופעליק אין מאָסטי. ער האָט נישט געקאָנט צוריקגיין צו זיין משפחה און האָט געוואַנדערט מיט דער מאַסע פליטים צו מזרח ביז ער איז אָנגעקומען צו קרוּבים אין ניזשני נאָווגאָראָד.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען גאַנץ ווייס־רוסלאַנד איז געבליבן אין די הענט פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, האָט זיך אליהו־מיכאל צוריקגעקערט אין שטעטל. אין משך פון יאָרן פלעגט ער קלאָגן אויפן אומקום פון זיין משפחה און אַלע איינוווינער פון שטעטל. צום סוף איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האָט געפונען אַ געוויסע רו מיט זיין צווייטער פרוי. פאַר צוויי יאָרן איז ער נפטר געוואָרן און האָט זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל.

רשימה פון די קינדער פון דער אייזנמאַן־משפחה, וואָס זענען אומגעקומען אין חורבן

1) משפחה פון בערל אייזנמאַן —	26
2) משפחה פון יצחק און דאָבע קאַפּלאַן —	15
2) משפחה פון שמחה אייזנמאַן —	8
4) משפחה פון יששכר אייזנמאַן —	10
5) משפחה פון אליהו־מיכאל אייזנמאַן —	6
	—
צוזאַמען זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס פון דער אייזנמאַן־משפחה —	71

עס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער אייזמאַן משפחה

1) ראובן ברזילי;
2) זלמן קאַפּלאַן;
3) זהבה באַשקיר;
4) אליהו־מיכאל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל.

עס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער באַראַווסקי־משפחה:

1) יהודה באַראַווסקי;
2) ברוריה רייכלין־באַראַווסקי;
3) מאיר באַראַווסקי ז״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין ארץ;
4) שושנה שילדקרויט־באַראַווסקי;
5) ברוריה פאַלקאָוויטש;
6) מרדכי באַראַווסקי;
7) ברוך באַראַווסקי;
8) יחזקאל באַראַווסקי.
9) יואל באַראַווסקי.

די לעצטע פיר לעבן אין אַרגענטינע.

פון דער משפחה באַראַווסקי און אייזנמאַן זענען געבליבן לעבן 13 נפשות.

די צאָל נפשות, וואָס זענען אומגעקומען פון דער משפחה באַראַווסקי איז 128.

די צאָל נפשות, וואָס זענען אומגעקומען פון דער משפחה אייזנמאַן איז 71. צוזאַמען — 199.

זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זעקס מיליאָן ריינע און הייליקע מענטשן, וועמענס גאַנצער חטא איז געווען די אָנגעהעריקייט צו דער רעליגיע פון משה און ישראל.

דאָס קאַפּיטל פון דער פיזישער פאַרניכטונג פון די יידן פון פיעסק און מאָסטי

אין „יזכור״־בוך פון וואָלקאָוויסק ווערט דערציילט ווי אַזוי מען האָט קאָנצענטרירט די יידן פון קליינע שטעטלעך: פיעסק, מאָסטי, וואָלפּ, זעלווא, פּרוזשאַני, ריזשין, ליסקאָוו און איזאַבעלין, מיט קליינע פעקלעך אין די הענט, וועלכע האָבן געוויגן נישט מער ווי אַ פּאָר קילאָ. גרויסע פעקלעך האָט מען זיי נישט דערלויבט צו נעמען מיט זיך.

מען האָט זיי אַריינגעפּירט אין שמוציקע שטאַלן פאַר קי און פערד, ווו עס איז געווען זייער ענג.

צום סוף האָט מען זיי אַרויפגעלאָדן אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען פון בהמות ן מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין לאַגערן, ווו מען האָט זיי אַריינגעשטויסן אין גאַזקאַמערן און פאַרניכטעט.

דער ציל פון די נאַציס איז געווען צו ליקווידירן פיזיש די יידן. און פאַקטיש האָבן זיי דאָס געטון מיט זעקס מיליאָן. מיר אָבער, די לעבעדיקע, האָבן פאַראייביקט דעם אָנדענק פון די טויטע אין אונדזער האַרצן, ווי אויך אויף די דאָזיקע בלעטער. אַזוי אַרום וועלן זיי אייביק זיין מיט אונדז.

שלוס־ווערטער

מיט אַ הייליק ציטערניש בין איך צוגעטראָטן צו דער הייליקער אויפגאַבע צו באַשרייבן די געשיכטע פון אונדזער הייליק שטעטעלע פיעסק. אַזוי ווי דער מאַטעריאַל, וואָס איז געשטאַנען אין מיין רשות איז געווען ווייניק און קיין דאָקומענטן האָבן זיך בכלל נישט געפונען אין מיין באַזיץ, איז דאָס אויך געווען אַ שווערע אויפגאַבע.

פונדעסטוועגן האָב איך נישט מוותר געווען. איך האָב אַ סך געזוכט, געפירט געשפּרעכן און געגישטערט ביי מיר נאָך און נאָך זכרונות.

איך האָב אין דעם געזען אַ שליחות. פּיעסק האָט געגעבן ווערטן פון רעליגיע און קולטור, וועלכע האָבן אונדז דערמעגלעכט זיך צו פאַרמעסטן מיטן לעבן. און אויב פּיעסק איז געווען דער קוואַל, פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, איז זי אויך דאָס פאַר אונדזערע קינדער.

דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געווען אמת. ווייל די אָפּשטאַמיקע פון שטעטל, ווי אויך זייערע קינדער, וועלכע זענען אין איר נישט געבוירן געוואָרן, האָבן אַ סך אויפגעטון אויף אַ סך געביטן.

דער פּלאַץ איז צו קליין אַלץ צו דערציילן. מען קאָן אָבער דערמאָנען אייניקע פּרטים. קודם וועגן די אָפּשטאַמיקע פון שטעטל, פון דעם טאָג, אין וועלכן זייער פוס האָט באַטראָטן די ערד פון ארץ, האָבן זיי געאַרבעט מיט שווייס אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין פיש־פאַנג און ביים בויען שאָסייען, כדי זיך אויסצוהאַלטן. אָבער אויך ווען זיי האָבן געאַרבעט 14 שעה אין מעת־לעת און נאָך מער, האָבן זיי געשפּירט, אַז זיי פאַרווירקלעכן אַ וויזיע.

אין יאָר 1928, ווען חולדה איז געווען באַדראָט מיט אַן אָנגריף מצד די אַראַבער, האָבן זיך געפונען צווישן די ערשטע פרייוויליקע יואל גאדעס ז״ל און זאב רובין יבל״א, חברים פון דער קבוצת זיפזיף.

אין די רייען פון דער הגנה האָט זיך אויסגעצייכנט יקותיאל שבח, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן מאַגאַזין פון געווער אין קרייז חיפה. ער און זיין פרוי חנה ז״ל האָבן אַ סך מאָל איינגעשטעלט זייער לעבן ביים איבערפירן געווער און ביי פאַרשידענע אַקציעס.

פּיעסקער קינדער האָבן אַ סך אויפגעטון אין די צווייגן פון בוי, אינדוסטריע און טראַנספּאָרט.

דער עיקר־שטאָלץ פון די פּיעסקער איז מיט זייערע חברים, וועלכע זענען צעשפּרייט אין זעקס קיבוצים אין לאַנד: אילון אין מערב־גליל, כפר גלעדי אין גליל העליון, יפעת אין עמק יזרעאל, עין השופט אין די הרי אפרים, גבעת השלושה אין צענטער פון לאַנד און רמת רחל ביי ירושלים.


טיילווייז זעצט פאָר דער יונגער דור די טראַדיציע פון די עלטערן און אַרבעט אין דער ישראל־קאָמוניקאַציע. דאַכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן ווי צו זען די שיינע יונגעלייט זיצן אין די אויטאָבוסן, ביים רודער, און שלינגען צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער אויף די וועגן פון לאַנד.

אַנדערע יונגעלייט דינען אין דער אַרמיי. פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן דערפילן אויך די, וואָס אַרבעטן אויף וויכטיקע רעגירונגס־פּאָסטנס און אין די אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות.

אַ סך יונגע מענער און פרויען האָבן באַוויזן צו ענדיקן זייערע סטודיעס אין די אוניווערסיטעטן און זענען אַפילו דערגאַנגען צו די העכסטע טיטלען.

און עס זענען געווען יונגעלייט פון פּיעסק, אין וועמענס זכות מיר לעבן. זיי זענען געשטאָרבן, אויפן ים און אויף דער יבשה, קרבנות אויפן מזבח פון דעראָבערן פון אַרבעט און פון דעם פאָטערלאַנד.

זאָל זיין געבענטשט זייער אָנדענק.



דער ארון הקודש אין שול

זלאַטע (קפלן) בן־חיים

מיין שטעטעלע מאסטי

בלויז איין לאַנגע גאַס איז געווען אין מיין שטעטעלע מאַסטי. זי האָט זיך געצויגן פון דעם פריץ־הויף ביז צו דער גמינע. ביי 40 יידישע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין מאַסטי, וואָס איז געווען צעטיילט אויף צוויי זייטן און אין מיטן איז געפלאָסן מאַיעסטעטיש דער ניעמאַן. צו דעם איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט וועלדער.

מאַסטי האָט געהאַט אַ רב, וועמענס נאָמען איך געדענק נישט. אויך אַ חזן־שוחט. מיינער אַ פעטער, מיין מאַמעס אַ ברודער, יששכר אייזענמאַן, איז געווען דער פאַרשטייער פון די יידן אין גמינע.



זלאטע קפלן



אסתר קפלן

אַ סך יוגנט איז נישט געווען אין מאַסטי. עס איז נאָר געווען איין אָרגאַניזאַציע — דער בית"ר. צוויי מאַסטער זין האָבן געענדיקט דעם סעמינאַר אין גראָדנע, איינער פון זיי — מיין ברודער יששכר. ער איז געווען לערער אין נאָווידוואָר נעבן גראָדנע, און שפּעטער איז ער געווען לערער אין ביעלסק־פּאָדלאַסקי, ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה. דער צווייטער לערער איז געווען יאָסל יעלינאָוויטש.

די מערהייט פאַמיליעס זענען געווען אַרבעטער, אַלע גוטע און אָרנטלעכע מענטשן.

מיר זענען געווען אַ פאַרצווייגטע פאַמיליע פון מיין מאַמעס צד, פינף ברידער און איין שוועסטער. מיין זיידע האָט געהייסן נח, פלעגט מען זיי רופן נח מיט די בנים. אַלע מיינע פעטערס מיט זייערע פאַמיליעס, קינדער און קינדס־קינדער, האָבן געלעבט אין מאַסטי. אַלע זענען אומגעקומען, אויסער איין זון דעם פעטער בערלס, ראובן. ער איז לעבן געבליבן, געקומען קיין ארץ־ישראל מיט אַנדערסעס אַרמיי, געבויט אַ פיינע פאַמיליע, אַ פרוי מיט צוויי קינדער, און ער געפינט זיך אין קרית־חיים.

מיין מאַמעס ברידער האָבן געהייסן: בערל, שמחה, משהקע, יששכר און אלי־מיכאל, — דער איינציקער, וואָס האָט איבערגעלעבט די מלחמה, געקומען קיין ישראל, געלעבט דאָ 8 יאָר, געשטאָרבן און געקומען צו קבר־ישראל אין ישראל.

מיין מאַמעס שוועסטער האָט געהייסן שרה. זי האָט געלעבט אין פּיעסק מיט איר פאַמיליע. אַלע זענען אומ־געקומען, אויסער איין זון יהודה, וואָס איז געקומען מיט



איידלס קפלן

דער פּערטער עליה. שפּעטער איז געקומען זיין שוועס־טער ברײנע.

זייער אַ גוטע איז געווען מיין מומע שרה. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דעם פעטער מאיר און מומע שרה פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע. איך בין שוין גע־זעסן אין וואָגן, איז די מומע מיר נאָכגעלאָפן און גע־



קובה מילה



אהרון גוטמאַן

שריען: זלאַטינקע, זאָלסט מיר אָפּזוכן אין אַרגענטינע מיין זון יואלקען.

פון מיין פאָטערס צד אין פּוילן איז קיינער נישט געבליבן לעבן. אַלע זענען אומגעקומען אין דער מלחמה.

אַכט קינדער זענען מיר געווען אין דער היים — פינף זין און דריי טעכטער. מיין שוועסטער רייזל האָט חתונה געהאַט אין קרינקי אַ קוזין, דעם פאָטערס שוועס־טערס אַ זון, וועלכער האָט געהייסן משה. זיי האָבן געהאַט איין קינד מיטן נאָמען בעניעלע. איין ברודער איז מיר געבליבן לעבן, זלמן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע לאַגערן און אַלע פּיינען פון דער מלחמה. גלייך נאָכן קריג איז ער געקומען קיין ישראל און געבויט אַ גוטע און פיינע פאַמיליע. זיין פרוי, חביבה־לובקע, פון פּיעסק. זיי האָבן צוויי פיינע קינדער.

ווי גרויס איז געווען די פרייד ביי אונדז אין דער היים, ווען מיין ברודער יששכר פלעגט דאַרפן קומען אַהיים אויף יום־טוב. די מאַמע פלעגט שטיין און אויס־קוקן אויב ער קומט שוין אָן, און דער טאַטע פלעגט פאָרן צום באַן אים אָפּנעמען.

מיין שוועסטער מערקע איז געוואָרן אַ כלה פאַר אַן אינזשיניער פון סטוטשין. ער איז אַוועק אין קריג און מער האָט מען נישט געהערט פון אים. מיין ברודער נוח האָט געלערנט אין קרינקי, מיין ברודער ישראל־יהודה האָט געלערנט אין גראָדנע אין דער פּעדאַגאָגי־

שער שול, און מיין קלענסטער ברודערל מאַניקל־מאיר האָט געטיילט דעם זעלבן גורל ווי טאַטע, מאַמע, שוועס־טער, ברידער און אַלע פריינט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין שטעטעלע מאָסטי. אַ קליין שטעטעלע געווען. גוט און פריילעך איז אונדז געווען. שבת פלעגן אַלע גיין אין וואַלד שפּאַצירן. אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די וועל־דער. זייער אַ סך פאַמיליעס ביי אונדז האָבן געלעבט פון די וועלדער. אויך מיר, קינדער האָבן געגאַסן פון וואַלד. דאָרט פלעגן מיר קלייבן אַלערליי יאַגדעס און שוואָמען.

זייער שווער איז מיר געווען זיך צו שיידן מיט מיינע ליבע עלטערן, שוועסטער, ברידער, פריינט, חברטעס און שכנים. אַפילו די גוייִשע שכנים זענען גע־קומען זיך געזעגענען מיט מיר. איך האָב נישט געגלויבט, אַז טאַקע שוין אויף אייביק. טראַגיש איז געווען פאַר מיר מיין געזעגענען זיך מיט מיין מאַמען. אירע לעצטע ווערטער גייען מיר נאָך: „מיין קינד, דו וועסט דאָך אַפילו אויף קבר־אבות נישט קומען. די פאַרסט אַוועק אין אַזאַ ווייט לאַנד".

יאָרן האָב איך געבענקט און געוויינט נאָך מיין היים. אין 38־סטן יאָר בין איך מיט מיין מאַן חיים, געלעמ־באַצקיס אַ פּלעמיעניק, אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, נישט וויסנדיק, אַז אַלע וועלן אַזוי טראַגיש אומקומען.

שוין 20 יאָר, ווי איך מיט מיין פאַמיליע, מאַן און דריי זין מיט זייערע פרויען און צוויי אייניקלעך, לעבן אין ישראל צווישן מיינע באַגענסטע און אייגענע.



"חדר" מתוקן

הינדע וויינער (אַרגענטינע)

די ערשטע חלוצים

ווען מיין טאָכטער איז געפאָרן פון דאָ כדי זיך צו באַזעצן אין ישראל, האָט זיך מיר דערמאָנט אַן עפּיזאָד פון די אַלטע צייטן.

געווען איז דאָס, ווען די ערשטע גרופּע חלוצים פון אונדזער שטעטל האָט פאַרלאָזן, כדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און מיר, די יינגערע און עלטערע חלוצים, האָבן איינגעאָרדנט פאַר זיי אַ באַנקעט, און אויפצוּ־מאָרגנס זענען מיר זיי אַלע געגאַנגען באַגלייטן. חברים אויף פערד, מיט בלוי־ווייסע פענער, האָבן געריטן פאָרויס, און נאָך זיי איז געגאַנגען די גרופּע חלוצים, עלטערן, פריינט און חברים. פורן מיט זייער באַגאַזש זענען נאָכגעפאָרן. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע פּראָצעסיע — כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען זיי באַגלייטן צו דער באַן.

יענעם נאָכמיטאָג איז צופעליק דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט נישט געווען אין פּיעסק. ער האָט געווײלט ביי דער סטאַציע זעלעוויאַן. די פּאָליציי האָט דערזען אַזאַ דעמאָנסטראַציע, האָבן זיי געמיינט, אַז אַלע יידן אַנטלויפן פון פּיעסק. נישט ווויסנדיק ווי צו האַנדלען אין אַזאַ פאַל, האָבן זיי געבילדעט אַ קייט מיט באַגנעטן און רעוואָלווערן און נישט געלאָזט גיין די דעמאָנסטראַציע. און דאָ דאַרף אין צוויי שעה אַרום אָוועקגיין דער צוג. ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק, יידן זענען געווען פאַרצווייפלט. וואָס טוט מען? פרעגט איינער דעם צווייטן.

אין יענער צייט איז אונדזער פאָטער געווען סאָלטיס אין שטעטל. מענטשן האָבן זיך אַלזאָ געווענדט צו אים, אפשר קאָן ער עפּעס טון. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט טעלעפאָניש מיטן קאָמענדאַנט און אויפגעקלערט די סיטואַציע. דער קאָמענדאַנט האָט דאַן פאַראָרדנט דער פּאָליציי, אַז די עמיגראַנטן מיט זייערע פאַמיליעס זאָלן גיין, און די איבעריקע באַגלייטערס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים.

איך אַליין האָב זיך לײדער אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, אָבער איצט איז מיין טאָכטער אַוועק אין די פוסטריט פון יענע אידעאַליסטן פון אַלע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

איך דערמאָן זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עליה פון מיין טאָכטער נאָך אַן עפּיזאָד.

אונדזער באָבע קיילע־גיטל פון ביאַליסטאָק האָט זיך געפונען ביי אונדז אין אירע לעצטע יאָרן. פלעגט זי דאַן זאָגן: איך האָב נאָך צוויי זאַכן צו דערגרייכן אין מיין לעבן, פאָרן קיין אַמעריקע זען מיינע קינדער און נאָכדעם פאָרן קיין ירושלים און שטאַרבן.

דאָס איז געווען דער אייביקער יידישער אידעאַל, און איצט האָט איר אוראייניקל פאַרווירקלעכט דעם דאָזיקן אידעאַל און געפאָרן בויען איר צוקונפט אין ישראל.



חיים שבח (קעמברידזש, מאס.)

את חטאי אני מזכיר

די מעשה האָט פּאַסירט מיט מיר ווען איך בין געווען זייער יונג, מער ווייניקער 8 אָדער 9 יאָר אַלט. געלערנט האָב איך דאַן ביי ישראל דעם מלמד אין דעם ציגיינער־געסל. ער איז נעבעך געווען אַ פּאַראַליזירטער און געזעסן אונטערגעשפּאַרט מיט קישנס. אַז ער פלעגט ווערן אין כעס אויף אַ תלמיד, האָט ער אים צוגערופן צו זיך, מיט איין האַנט האָט ער נאָך געקאָנט זיך באַנוצן אַ ביסל, ספּעציעל מיט די פינגער. און אַז ער האָט אָנגעכאַפּט מיט די פינגער און געגעבן אַ קניפּ, איז געווען צו יענעם אַך און וויי. אָבער דאָס פלעגט טרעפן זייער זעלטן. איך האָב געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ און אויך רחמנות. איך האָב אים געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט.

ער האָט מיר אַלע מאָל געהייסן זיצן נעבן זיך. איך געדענק ווי איצט דעם פּלאַץ — נאָכן פענצטער, אַריינגייענדיק אין הויז, אויף דער רעכטער זייט. ער איז געזעסן אויף אַ לאַנגן טאַפּטשאַן, מיט די קישנס פון אַלע זייטן, און זיינע קראַנקע פיס אויף אַ קליין בענקעלע. פון צייט צו צייט איז אַריין זיין פרוי אָדער זיינע טעכ־טער אויפהויבן זיינע פיס, וואָס פלעגן זיך אַרונטער־גליטשן פון בענקעלע, איבערדרייען די קישנס און אויך קאָרמען אים אָדער העלפן אים ביים טון זיינע מענטש־לעכע הצטרכותן.

אונדז יינגלעך פלעגט מען דאַן אַרויסשיקן פון חדר, זומער — אויף דער גאַס און ווינטער — אין פאַר־הויז. דאָרט איז געשטאַנען אַ פעסל מיט וואַסער, געלע זאַמד, אַ בעזים וכדומה. אַ געוויסע גרופּע פון די תלמי־דים פלעגט וואַרטן אויף דעם, ווייל דאַן האָט מען אָפּ־געטון אַלערליי „שמד־שטיק", ווי למשל אַריינשיטן זאַמד אין קעשענע, אַנגיסן וואַסער אויף דעם — לקיים מה שנאמר בחמר ובלבנים, אַ צווייטן פאַרקוועטשט די אויגן און ער האָט געמוזט זאָגן „שמע ישראל", אַ דריטן אַרויסגעשניטן אַ ציצית, מאַכן פאַר אַ מת א. א. וו.

ס'איז געווען אַן עלטערע און אַ קלענערע כיתה. די עלטערע האָבן געהערשט איבער די קלענערע. עס זענען געווען אמתדיקע סאַדיסטן. זיי האָבן אויסגעקליבן זייערע קרבנות פון די שוואַכערע. איינער פון זיי איז געווען מיירים חיה איטקעס, די ערשטע טיר פון „חיי אדם". אַ בחור אַ לאַנגער, מיט אַ קנאָפּ־גאַרגל, אַזוי ווי אַן אינדיק. ווען ער האָט גערעדט, איז דער גאַרגל גע־גאַנגען אַרויף און אַראָפּ, און נאָך מער, ווען ער האָט געטרונקען וואַסער.

אים האָט מען אָנגעטון כל מעשי אכזריות. צוויי אָדער דריי פלעגן אים האַלטן אויסגעצויגענערהייט, קיצ־לען אים און שרייען: אַ כיטש, אַ כיטש, קוועטשנדיק מיט זייערע פינגער אויפן קנאָפּ אָדער אויפן גאַרגל. איך האָב געהאַט גרויס צער דערפון, איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין אַזאַ אינקוויזיציע.

איינמאָל אָבער איז געקומען זיין מאַמע מיט זיין זיידן ר' אליה אויסצופאָרשן דעם ענין. ר' ישראל האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט דערפון, מחמת ער קאָן דאָך נישט אַריין אין דעם הינטערשטן שטיבל, און דער תלמיד האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט פאַר אים. דער אמת איז, אַז מען האָט מורא געהאַט זיך צו באַקלאָגן אָדער מוסרן, מחמת אַ מוסר קומט דאָך כפל־כפליים. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים אַרויסגענומען פון חדר און מען האָט אים אַוועקגעשיקט — דאַכט זיך קיין זעלווע.

און איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין באַקענט מיטן רבין ר' ישראל, לאָמיר זיך אומקערן צום עצם ענין, וואָס האָט צו טון מיט דער מעשה.

אַ געשיכטע מיט אַ בוידעם

אונדזער הויז איז געווען אין מויער; אונטן איז געווען אַ גרויסער צעמענטענער קעלער, וווּ דער חזן פלעגט איינזאַלצן פעל פאַר די גאַרבאַרניקעס. ער האָט זיך מתעסק געווען דערמיט אַ גאַנצן ווינטער און אַרום שבועות האָט מען דעם קעלער אויסגערוימט. דער ריח ניחוח אויף אַלע ידישע שונאים. דער אויבן איז באַ־שטאַנען פון צוויי קראַמען. זיי האָבן געהערט צו ר' מאיר יונה דעם קירזשנער, אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס אַפילו אליהו הנביא פאַרמאָגט נישט אַזאַ. זיין פרוי, אַ קיילעכדיקע, גוידערדיקע יידענע, אַ שטילע פרוי, גערעדט זייער הויך מיט אַ קוויטש. זיי האָבן דאָרט געהאַט זייער וואַרשטאַט מיטן קראָם.

ר' מאיר יונה פלעגט קומען עפענען די קראָם גלייך נאָכן דאַווענען, און האָט זיך זאַפּאַרט גענומען צו דער שאו ידיכם און ביידע האָבן זיך געזעצט עסן. דאַכט זיך, אַרבעט. די שווערסטע אַרבעט איז געווען נייען די קאָ־זירקעס. די פרוי פלעגט קומען מיט אַ שעה אַדער צוויי שפּעטער מיט אַ פאַרטיקן אָנבייסן. מען האָט גלייך געלייגט אַ טישטוך. ער האָט זיך געוואַשן און געזאָגט שאו ידיכם און ביידע האָבן זיך געזעצט עסן. דאַכט זיך, אַז זי האָט געקאָנט עסן מער פון אים.

ער האָט געהאַט אַ זון, דאַכט זיך יצחק, אויך אַ קירזשנער. אויבן איז געווען אַ בוידעם אַ גרויסער, די גאַנצע לענג פון הויז. דאָס פלעגן מיר פאַרדינגען צו סאַדאָווניקעס פאַרן ווינטער־סעזאָן צו סאָרטירן פרוכט. דער אַרויפגאַנג צום בוידעם איז געווען פון הויף אין מיטן. אויף טרעפּ איז מען אַרויף צום בוידעם, פאַרביי די טרעפּ צו אונדז אין הויז. די טיר צום בוידעם איז געווען אַזוי ווי אין נוחס קאַסטן, אַ „צהר", וואָס דער רבי האָט געטייטשט: אַ פענצטער, וואָס פלעגט זיך אַרויפשטופּן אויף אויבן. אַזוי איז מען אַרויף אַ האַלבן שטאָק, און מיט די הענט און קאָפּ האָט מען אַרויפגע־שטופּט די טיר, וואָס פלעגט פאַלן גלייך מיט דער פּאָד־לאָגע פון אויבן. דער בוידעם איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ גרויסן שלאָס אויף אַ קייט. אַרום און אַרום דער לענג פון טיר איז געווען אַן עפענונג אַרום צוויי פינגער די ברייט, כדי די לופט זאָל צירקולירן.

אין בוידעם האָט מען אָנגעפּירט ווינטערדיקע עפּל, באַרנעס און אַנדערע פרוכטן. כמעט יעדן טאָג האָט מען דאָס אויסגעקליבן. די גוטע האָט מען געפּירט קיין וואָל־קאָוויסק און די ערגערע האָט מען געטראָגן איבער די הייזער, אַדער אין די קרעמלעך, אין פּיעסק גופא.

דעם בוידעם האָט געדונגען אַ ייד מיטן נאָמען דוד פון זאַרעטשע אויפן וועג צום סטרובניצער וואַלד. זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט. ער האָט געהינקט זייער שטאַרק אויף אַ פוס. זיין שותף איז געווען אַ יונ־גערמאַן, דאַכט זיך פון טורי, אַ פעסט־געבויטער, וואָס האָט זייער ווייניק גערעדט און אַלע מאָל געווען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט.

איך געדענק נאָך, אַז דוד האָט געוווינט אין שכנות מיט אַ געוויסן שלום, וועלכער איז געווען אַ בריוו־טרע־גער. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ער ווייסט אַלע נייעס, מחמת ער לייענט איבער די בריוו איידער ער גיט זיי איבער.

אָט די אַלע פּירות פלעגן פאַרשמעקן דעם גאַנצן מויער, אַפילו די גאַס און דער אַראָמאַט פלעגט רייצן די נאַז, און דאַן פלעגט דער גאַנצער קערפּער בלייבן שטיין און אַריינזאַפּן אין זיך דעם ריח.

אַ סטראַטעגישער פּלאַן

איך בין פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך אַן עפּל, אַ באַרנע, זאָל זיין אַ בראַקאָוונע, אַ ביסל אַ געפוילטע. זיי פלעגן אַנקלייבן גאַנצע קוישן און אַראָפּלאָזן אויף אַ שטריק מיט אַ רעדעלע. איך פלעג פאַרבייגיין און זיך אָפּשטעלן מיט בעטנדיקע אויגן, כמעט מיט אַן אָפענער האַנט, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט „כאילו לי ידע". נו, דאַרף מען דאָך פּשוט בעטן. האָט אָבער די מאַמע אָנגעזאָגט, למען השם נישט בעטן. דאַן ווערט דער אַפּעטיט שטאַרקער און דער יצר־הרע רעדט אַריין „טו עפּעס, בחור, האָב שכל, כאַפּ אַ פּאָר עפּל און לויף". אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען, אַז איינער שטייט אויבן און דער צווייטער אונטן.

די קוישן ווערן פולער און פולער. ס'האָבן גענומען אַרומלויפן אין מיין קאָפּ פּראָיעקטן, אָבער איך האָב געמוזט גיין אין חדר. דאָס לערנען איז מיר נישט גע־גאַנגען אין קאָפּ יענעם טאָג. ר' ישראל האָט גערעדט און איך האָב געהאַט אין זינען בלויז עפּל און באַרנעס, אַזוי ביז מיטאָג.

ארום 12 אַ זייגער בייטאָג זענען מיר געגאַנגען עסן מיטאָג. איך בין געלאָפן אַהיים מיט עפּעס אַ פּלאַן, וועלכן איך האָב נישט אויסגעאַרבעט געגוי, ער האָט אָבער געעקבערט אין מיר. איך בין אַריין אין הויז. אויפן טיש איז געשטאַנען עסן פאַר מיר. מיין מאַמע איז גראָד ערגעץ אַרויס. איך האָב שנעל אָפּגעגעסן, אַרויס צו די



דויד, דער זון פון לייזער שבח

טרעפּ, געקוקט אויבן אויף דער טיר. אַרויף אויף די טרעפּ, זיך צוגערוקט צו דער טיר. די עפּל — זיי האָבן גערייצט, נישט ווייניקער פון „חוהס עפּל״.

„חיים יאַלד, וואָס שטייסטו״, האָב איך געזאָגט צו זיך, „שטופּ אַריין די פינגער דורך דער עפענונג אַרום טיר, וועסטו עפּעס באַקומען״. נו, איך האָב אַריינגעשטעקט די פינגער. שלעכט, מער ווי די פינגער גייען נישט אַריין, די עפענונג איז צו קליין. איך בין געפאַלן אויף אַ פּלאַן. אַראָפּ צוריק און באַטראַכט מיט וואָס פאַר אַ כלי־זין איך קאָן זיך דאָ באַנוצן. נו, יגעת ומצאת, געפונען אַ הילצערנעם קאָך־לעפל.

איך האָב געפּרוווט אַריינשטופּן די זייט פון לעפל. קוים זי צוריק אַרויסגעשלעפּט. די האַנט טוט שוין ווי, אָבער מען טאָר נישט אויפגעבן. אַריין מיטן הענטל. איך דריי אַהער און דריי אַהין. אומזיסט. די עפּעלעך ליגן צו ווייט. און דאָ ווערט שפּעט. מען דאַרף גיין צוריק אין חדר. איך בין צוריקגעקומען פון חדר, אָבער ס׳איז שוין נאַכט. מען מוז וואַרטן אויף מאָרגן.

דער יצר־הרע ביי דער אַרבעט

אויף צו מאָרגנס האָט צוריק דער יצר־הרע אָנגעהויבן זיין אַרבעט. איך קוק אויפן וואַנט־זייגער. דער פּענדל שאָקלט זיך שטיל מיט אַ קלאַנג „טיק־טאַק, טיק־טאַק״ און מיר קלינגט דאָס „עפּל־עפּל״. קוים זיך דערוואַרט ביז 12 אַזייגער. איך לויף אַהיים. ביידע שותפים שטייען אויף די טרעפּ. איך בין פאַרבייגעלאָפן, און אויסגעדאַכט האָט זיך מיר, אַז זיי זאָגן: „אָט איז דער חברהמאַן״.

איך בין אַריין אין הויז, געגעסן לאַנגזאַם, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און איך האָב געהערט, אַז זיי זענען שוין אַוועק. נו, איך האָב נאָך אַ האַלבע שעה צייט. איך בין צוריק אַרויף אויף די טרעפּ, נאָכאַמאָל באַטראַכט די עפענונג, פאַרמאַכט איין אויג און באַמיט זיך צו זען ווי ווייט ס׳ליגט דער אוצר. אויסגעמאָלט אין מיין פאַנטאַזיע מיט וואָס קאָן איך דאָס צושאַרן, אָבער ס׳איז שפּעט, איך מוז צוריקגיין אין חדר.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן געאַרבעט ביי מיר די געדאַנקען. אַהאַ, איך וועל נעמען די קאַטשערע. איך האָב געוואַרט ביז 12, געקומען אַהיים. איך האָב מזל, קיינער פון די סאַדאָווניקעס איז נישטאָ. די מאַמע הייסט מיר גיין עסן, אָבער דאָס עסן ליגט מיר נישט אין זינען.

דערווייל האָב איך אַרויסגענומען די קאַטשערע, אַרויף אויף די טרעפּ, אַריין מיט דער קאַטשערע ביז אָט־אָט. אָבער די קאַטשערע איז געווען צו שווער און איך האָב זי נישט געקאָנט דרייען. זי איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט. שלעכט! איצט האָב איך שוין נאָך אַן אַרבעט — אַרויסצושלעפּן די קאַטשערע. ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ווער עפּל, וואָס עפּל. קאַטשערע. קום, טייערע קאַטשערע, צוריק צו מיר! איך שטופּ די פינגער — אַ נעכטיקער טאָג.

איך האָב גענומען צוריק די קאָך־לעפל, געדרייט

אהער, געדרייט אהין, און עס איז געלונגען, איך האב צוגערוקט די קאטשערע. א שווערער שווייס איז מיר באַפאלן. איך האב ארויסגענומען די קאטשערע, געכאפט אויך די קאך־לעפל, און אוועק צוריק אין חדר.

איך האב טראַץ אלעמען מיינע פלענער נישט אויפגעגעבן. אפילו אין שלאף האב איך געחלומט ווי אזוי צו באקומען דעם טייערן אוצר. איך בין אויפגעשטאנען ווי א צעטומלטער. ווען איך וואלט זיך געקאנט האלטן אן עצה מיט עמעצן, מען זאל מיר ארויסהעלפן, אבער דא בין איך אליין מיט אזא מין פראבלעם.

אט בין איך שוין צוריק אין חדר. דער רבי הייסט עפעס שרייבן און איך שרייב — קאך־לעפל און קאטשערעס, אזוי ביז 12. אט גיי איך אהיים און האלט אין איין טראכטן. גייענדיק אזוי בין איך צוגעקומען צום בית־המדרש. דא דערזע איך נעבן מענדזעס הויז שטייט א לאנגער שטעקן, א דינער, אריינגערוקט צווישן טיר. איך באטראכט דעם שטעקן און מיינע אויגן נעמען פינטלען. א בת־קול רעדט אריין צו מיר: „בחור, דו ביסט געראטעוועט". איך כאפ דעם שטעקן און לויף, ווי א פרומער ייד מיט אן אתרוג להבדיל.

געקומען צו לויפן אהיים און גענומען מאכן פלענער. איך האב דאס אבער אפגעלייגט אויף מארגן. ווען איך בין געקומען אהיים אויף מיטאג, בין איך גלייך צו צום שטעקן. ארויף אויף די טרעפ, אריינגעשטעקט דעם שטעקן, און — פלאי־פלאים, דער שטעקן קלאפט אן די עפל. איך הויב אן צו רוקן, אבער — א נעכטיקער טאג — זיי קייקלען זיך גאר צום וואנט.

איך בין גלייך געפאלן אויף א פלאן. גענומען א האמער מיט א לאנגן טשוואק, און אים אריינגעקלאפט אין עק פון שטעקן, מיטן שפיץ ארויס, פארבויגן א ביסל דעם טשוואק, גלייך ארויף צוריק. א קלאפ איבער די עפל, און א נס איז געשען — איך האב אנגעכאפט אן עפל אן שום שוועריקייטן. איך האב אים צוגערוקט נעענטער, אבער דער עפל איז צו גרויס און בשום אופן קאן איך אים נישט דורכנעמען. איך האב געמוזט נעמען א מעסער, צוגעהאלטן מיט איין האנט דעם עפל און מיט דער צווייטער אים צעשניטן אויף שטיקלעך, אריינגעלייגט אין די קעשענעס. א צופרידענער האב איך אװעקגעשטעלט דעם שטעקן מיטן מעסער און געוואַרט אויף מארגן.

די נאכט בין איך געווען גליקלעך. איך האב געפילט, אז איך האב אויפגעטון א געוואלדיקע זאך. אזוי



קיילע, די טאכטער פון לייזער שבח

האט געדויערט א פאר טעג. ווען עס האט מיר פארשמעקט אן עפל, האב איך שוין גוט געוווּסט וואס צו טון.

די קאטאסטראפע

עס איז אדורך א וואך. איך זיץ מיר אזוי אויף די טרעפ און ראנגל זיך מיט אן עפל, אין איין האנט דאס מעסער, און דא פיל איך א האנט נעמט מיך אן. „אזוי, אזוי", הער איך א בייזע שטימע. „איך האב דיך געפאקט". „עלקע", האט ער גענומען רופן מיין מאמען. צום גליק אדער צום אומגליק איז מיין מוטער נישט געווען אין דער היים.

דערווייל האט ער אויפגעמאכט דעם בוידעם און געפינענדיק דעם שטעקן האט ער מיך גענומען מכבד זיין מיט זיינע גראבע פינגער, א דריי און א קוועטש, אין נאקן, אין קאפ, און ער האט געזאגט, אז ער מוז מיך נעמען צו מיין רבין.

ער האט מיך באמת ארונטערגעטראגן פון אלע טרעפ, דערביי מיר ווייטער צוגעלייגט א פאר קלעפ. פריער האב איך זיך געריסן און ער האט מיך געשלעפט. כוח האט ער געהאט גענוג — דער טוריער יונגערמאן. איך האב

געזען, אַז דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול, האָב איך זיך געלאָזט פירן כצאן לטבח. אַז מיר זענען אריין צום רבין, האָט ער אים דערציילט וואָס ס׳האָט פּאַסירט און איך האָב געמוזט באַשטעטיקן, אַז אַלץ איז אמת. דער רבי האָט אים דאַן געבעטן, אַז ער זאָל איבערלאָזן אַלץ פאַר אים.

נאָך מיטאָג. אַלע תלמידים זענען צוריקגעקומען. ר׳ ישראל האָט מיר געהייסן גיין פאַרנעמען מיין פּלאַץ נעבן אים. מען האָט געלערנט ווי אַלע מאָל. נאָך די לימודים זענען אַלע געגאַנגען אַהיים ווי דער שטייגער, און צו מיר זאָגט דער רבי אַז איך זאָל וואַרטן ביז אַלע וועלן אַוועקגיין. ער דאַרף מיט מיר עפּעס רעדן. ס׳האָט מיר גענומען קלאַפּן אין האַרצן, אַ שרעק איז מיר דורכגעגאַנגען. און דער רבי קוקט אַזוי אויף מיר און שווייגט. ער זאָגט נישט קיין וואָרט, ער האַלט נאָר אין איין קוקן אויף מיר. אַזוי מער־ווייניקער 5 מינוט, מיר האָט זיך דאָס אויסגעדאַכט ווי 5 שעה.

מיט אַמאָל האָט ער גענומען רעדן זייער שטיל און ער זאָגט: „חיימל, גיי צום טיש און ברענג אַ משלי, איך וויל דיר עפּעס ווייזן". אַ טרויעריקער האָב איך געבראַכט דעם ספר. „זעץ זיך", זאָגט ער, „און מיש אויף דעם און דעם בלאַט".

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך אויסגעזוכט דעם בלאַט, און דער רבי זאָגט: „חיימל, לייען איבער דעם פּסוק און פאַרטייטש דאָס מיר". עס ווערט מיר נישט גוט. איך קוק אויף דעם פּסוק און הויב אָן צו וויינען. „וויין, וויין, חיימל, ס׳וועט דיר ווערן גרינגער".

אַז איך האָב זיך אויסגעוויינט אַ ביסל, קוקט ער אַלץ אויף מיר און זאָגט ווייטער: „און איצט פאַרטייטש מיר דעם פּסוק". איך זע, אַז איך האָב נישט קיין ברירה, הויב איך אָן ווייטער מיט אַ געוויין און זאָג: „לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא את נפשו כי ירעב", און פאַרטייטש אַ וויינענדיקער: „מען לאַכט נישט פון אַ גנב ווען ער גנבעט ווען ער איז הונגעריק".

„הונגעריק?" שלאָגט ער מיר איבער. „דאָס מיינט מען ברויט, קאַרטאָפל, די נויטיקסטע זאַכן אויפצוהאַלטן די נשמה, אָבער דו האָסט דאָך גענומען עפּעלעך, און עפּל איז דאָך אַ לוקסוס, און דערפאַר קומט אָן עונש. ס׳ווענדט זיך ווי גרויס די גנבה איז. אַמאָל קומט סקילה, שריפה". און איך וויין. „דו ביסט נאָך צו קליין צו וויסן וואָס דאָס איז" — ער רעדט אַלץ, אָבער איך ווייס, אַז דאָס זענען נישט קיין גוטע זאַכן. און ער רעדט ווייטער:

„ישראל שבחס איניקל, משה־מענדלס זון, בעל־הביתישע מענטשן — זאָל טון אַזאַ זאַך. עפּעלעך!" און איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי קיילעכדיקע עפּל קאָנען אַזוי שניידן און שטעכן. ער חזרט איבער נאָכאַמאָל: „עפּעלעך, ס׳איז אַ לוקסוס. פאַרטייטש מיר דעם פּסוק נאָכאַמאָל".

כ׳האָב זיך גענומען בעטן: „רבי, מער וועל איך דאָס נישט טון". „אַט, אַט אַזוי, דאָס וואָס איך האָב געוואָלט פון דיר הערן. דו האָסט זיך באַנאַרישט, דו ביסט באמת אַ גוט יינגל מיט אַ גוט קעפּל, אַ וווּיל בחורל. גיי אַהיים, זאָג גוט קריאת־שמע מיט כוונה און מאַך אָפּ ביי זיך אין האַרצן, אַז מער נישט. וויש אָפּ די טרערן און גיי אַהיים".

מיט אַ שטיל געוויין בין איך אַוועק אַהיים. מיין מאַמע האָט דערקענט אויף מיר, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. איך האָב איר נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן. מיט אַ טרויעריקער שטימע האָב איך געזאָגט קריאת־שמע און טאַקע מיט כוונה, און מיט אַ האַרץ פול חרטה האָב איך זיך געלייגט שלאָפן.

קעמברידזש־מאַס. יוני 1970 — ערב שבועות.



צפורה גלאנץ (חיפה)

זכרונות פון מיין שטעטעלע פיעסק ביזן יאר 1924

21 וויאָרסט פון וואָלקאָוויסק און 15 וויאָרסט פון דער סטאַציע מאָסטי איז געלעגן דאָס קליינע שטעטל פיעסק. פון דער ווייטנס האָט מען געקאָנט זען דאָס שטעטעטלע ווי זי ליגט אין טאָל, איינגעהילט אין גרינע גערטנער און סעדער. אין מיטן שטעטל איז געפלאָסן אַ טייכל, וואָס האָט געהייסן זעליוויאַנקע, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין דעם גרויסן טייך ניעמאַן.

אַ גרויסער טייל איינוווינער פון שטעטל האָבן געצויגן זייער פרנסה פון טייכל, זיי האָבן געבונדן האָלץ און קלעצער און זיי אָפּגעשיקט צום ניעמאַן אין גראָדנע. דאָס טייכל האָט צעטיילט און אַ בריק האָט פאַראייניקטביידע טיילן פון שטעטל. איינער האָט געהייסן זאַרעטש און דער צווייטער — דער מאַרק און פעריקאָפּ.

מיר האָבן געוווינט אין געסעלע פון שול־הויף. אין דעם געסעלע געבוירן, אויפגעוואַקסן און דערצויגן ביזן עלטער פון 21 יאָר. אין דעם פרימיטיוון געסעלע מיט זיינע פריזבעלעך אַרום די הייזער, האָבן זיך דערצויגן אַלע מיינע חברים און חברטעס, אינטים און רואיק געלעבט, ביז דער גרעסטער טייל פון זיי איז זיך צעפאָרן אין דער גרויסער וועלט. צווישן אונדז, די געסלדיקע מיידלעך, ווי מען פלעגט אונדז רופן, האָט געהערשט אַ ליבשאַפט און אידיליע — איינע אָן דער צווייטער איז נישט אַרויס שפּאַצירן.

דער שפּאַציר שבת נאָכמיטאָג

שבת נאָכמיטאָג פלעגן מיינע חברטעס מיך קומען רופן גיין שפּאַצירן. אונדזער הויפּט־שפּאַציר פלעגט זיין אויף דער טאָמע, וועלכע האָט געפירט גלייך פון אונדזער געסעלע דורך די לאָנקעס. די טאָמע האָט זיך געצויגן ביים ברעג פון טייך, אַנגעוואָרפן פול מיט שטיינער. דאָס וואַסער פון טייכל פלעגט מיט אַ שטורעם זיך אַריינרייסן צווישן די אוראַלטע, פאַרגרינטע פון מאָך שטיינער און מאַכן אַ שטאַרקן גערויש.

איך מיט מיינע חברטעס פלעגן שפּרינגען פון איין שטיין צום צווייטן און וועלן ווייזן ווער ס'איז פלינקער. אָנגעשפּרונגען זיך גוט אויף דער טאָמע, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטון צום שיסל־באַרג, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון דער טאָמע, און אָט אויף דעם דאָזיקן שיסל־באַרג פלעגן מיר מאַכן ספּאָרט און ווייזן איינע דער אַנדערער ווער ס'קאָן זיך שנעלער אַראָפּקאָטשען. דערביי פלעגן מיר זיך אַרומקוקן צי יינגלעך שטייען נישט און קוקן זיך נישט צו ווי אונדזערע קליידלעך הויבן זיך אויף.

פון דעם שיסל־באַרג פלעגן מיר זיך אַ לאָז טון צום גלחס בלאָטע, וועלכע איז געווען באַוואַקסן מיט די שענסטע גראָזן. דער גלח, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, פלעגט אַנרייצן זיינע הינט אויף אונדז און מיר פלעגן זיך צעלויפן קוים מיטן לעבן.

פון דאָרט פלעגן מיר אַוועקגיין שפּאַצירן צום פעריקאָפּער בריקל, וואָס איז געלעגן אין עק שטאָט. די גאַס פעריקאָפּ איז געווען אַ גויישע גאַס. דאָרט פלעגן מיר אויך קיין גרויס נחת נישט האָבן, ווייל די שקצים פלעגן אונדז באַוואַרפן מיט שטיינער. אָט אין דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער האָבן מיר פאַרבראַכט אונדזערע קינדערשע יאָרן, און אונדזערע יונגע הערצער האָבן איינגעזאַפּט די שנאה פון כוליגאַנישע גויים.

די ערשטע וועלט־מלחמה

איך געדענק ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג אין יאָר 1914. אַ גויישער שכן האָט צונויפגעזאַמלט אַלע גויישע שכנים אַרום זיך, האָט זיי

אַגיטירט און געזאָגט, אַז אינגיכן וועלן זיי אויסשעכטן אַלע יידן און זיי וועלן זיך פאַרטיילן מיטן יידישן האָב־און־גוטס.

איך, אַ קינד, האָב דאָס געהערט און בין גלייך געלאָפן אַהיים און דערציילט דעם פאָטער וואָס די גויים רעדן. מיין פאָטער האָט גלייך באַגריפן די געפאַר. אַלס אַ נישט־רעליגיעזער האָט ער אויך נישט געגלויבט אין ניסים, אַז „דער אויבערשטער וועט אונדז באַשיצן". ער האָט געזאָגט, אַז די איינציקע רעטונג פאַר אונדז יוגנט, איז צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל מיט דער אומגעגנט. מיר אַלטע, האָט ער געזאָגט, האָבן קיין ברירה נישט, אָבער איר יונגוואַרג צעפאַרט אייך, און איך וועל אַלעמען העלפן.

אָט די ווערטער פון מיין פאָטער האָבן מיך געשטויסן צו פאַרציען דיסקוסיעס מיט מיינע חברים און חברטעס. שבת, אַנשטאָט צו גיין שפּאַצירן, פלעגן מיר זיך צונויפזאַמלען ביי רבקה פערל אויף דער פריזבע און פירן פאַרשידענע שמועסן איבער אָרגאַניזאַציע, ציוניזם און קאָמוניזם. מיר האָבן נישט געהאַט קיין קלאָרע באַגריפן איבער די אידעאָלאָגיעס, אָבער דער באַגריף פון פאַרלאָזן דאָס שטעטל איז אונדז אַריין טיף אין האַרצן. מיר האָבן געפילט, אַז דאָ אין דעם אַנטיסעמיטישן פלאָץ, איז אונדזער צוקונפט פאַרמשפט צום אונטערגאַנג.

אָרגאַניזאַציע־לעבן

פון יענער צייט אָן האָט זיך דאָס יונגוואַרג צעטיילט אויף צוויי טיילן. אַ טייל, ציוניסטן, האָבן געגרינדעט די „צעירי ציון". פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן אונדז באַזוכט רעדנער פון גראָדנע, וואָלקאָוויסק און אויך פון וואַרשע. נישט איין רעדנער איז באַגייסטערט געוואָרן פון אונדזער יונגוואַרג מיט זייער נאַטירלעכן גוטן ווילן און שטרעבונגען. מיר אַלע זענען ווירקלעך געווען דורשטיק נאָך יעדער רעדע. יעדער איינער, וואָס האָט אונדז דערציילט וועגן ציוניזם האָט אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי אַ מלאך פון הימל. פיל פון זיי האָבן אונדז געעפנט די אויגן, ווען זיי האָבן אונדז דערציילט וועגן דער לאַגע אין גלות.

מיר האָבן אויך אַרויסגעגעבן פון זיך עטלעכע רעדנער, ווי צום ביישפיל יחזקאל ליסאָווסקי, וואָס פלעגט אָפט אַלס פאַרשטייער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע פאָרן קיין גראָדנע, וואָלקאָוויסק און אויך קיין וואַרשע. אויך יצחק שאַפּירא איז אָפט אויפגעטראָטן מיט רעדעס. זייער הויפּט־מאָטיוו איז געווען, מיר זאָלן לערנען עברית.

די עקאָנאָמישע לאַגע

אין פיעסק האָבן געוווינט 300 יידישע פאַמיליעס. די מערהייט פון די דאָרטיקע יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט קליין־האַנדל. זיי האָבן געהאַט קליינע קלייטן: שפּייז־אַרטיקלען, שטאָפן און גאַלאַנטעריע. אייניקע האָבן געהאַט פּרוכט־סעדער אין אַרענדע. פיל פאַמיליעס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס. עס זענען געווען צייטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אויך נאָכדעם, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך מיט דעם באַשעפטיקט. מען האָט שווער געאַרבעט און ערלעך פאַרדינט די פּרנסה. ס'איז אויך געווען אַ צאָל בעלי־מלאכות, ווי שוסטערס, שניידערס, סטאָלאַרעס, טשעסלער און בלעכער.

די הייזער זענען געווען קליינע, הילצערנע געביידעס, די דעכער באַדעקט מיט שטרוי, אַ טייל מיט שינדלען. די פאַרמעגלעכערע בעלי־בתּים האָבן געדעקט מיט רויטע דאַכוואָקעס. צוויי מויערן פון צוויי שטאָק זענען געווען אין גאַנצן שטעטל. איינער האָט געהערט צו שלמקע דעם שוסטער, און דער צווייטער צו מענדל שבח.

די יידישע קרעמער האָבן געוואָרט תמיד אויפן זונטיקדיקן טאָג און אויף די טעג פון ירידים. ביי דער ריי קראָמען פלעגן זיך די גויים אָנשיכורן און די געשלעגן און באַליידיקונגען פון יידן זענען געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. די יידן פלעגן דאַנקען גאָט, אַז דער יריד ענדיקט זיך שוין.

קולטורעל־געזעלשאַפטלעך לעבן

דאָס קולטורעלע לעבן פון פיעסק נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה. עס זענען נישט געווען קיין מאָדערנע שולן, נישט קיין קריסטלעכע און נישט קיין יידישע. ס'האָט עקזיסטירט אָן אַלטמאָדישע ישיבה, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט מאָטע דער ראָשער, אָן ערלעכער גוטער ייד און גרויסער למדן. קיין מאָדערנע דערציאונג האָבן די קינדער

אין ישיבה נישט באַקומען. די קינדער האָבן באַקומען געשלאָגן, געקניפּט. די מאַדערנע עלטערן האָבן זייערע קינדער געגעבן לערנען ביי פּריוואַטע לערערס, וואָס פלעגן אָפט קומען פון די גרעסערע שטעט.

ווען עס פלעגט פאַרקומען אַ חתונה אין שטעטל, פלעגט מען אַראָפּברענגען כלי־זמר פון וואָלקאָוויסק. מען האָט געפירט חתן־כלה אויף דער שול־גאַס, ווו מען פלעגט אויפשטעלן די חופה. נאָכדעם פלעגן זיך אַלע פאַרזאַמלען ביי דער כלה אין הויז: עסן, טרינקען, זינגען און טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט.

ווען ס׳פלעגט חלילה וחס פּאַסירן אַן אומגליק און עמעצער איז געשטאָרבן, האָט מען זיך נוהג געווען צו באַגלייטן דעם נפטר פריער צום טהרה־שטיבל אויף דער שול־גאַס און שפּעטער צום בית־עלמין. אויף דער שול־גאַס איז געווען אַ הויכע, שיינע שול, אַ געביידע מיט צוויי אריינגאַנגען, איינער פאַר מענער און דער צווייטער פאַר פרויען. ס׳איז געווען נאָך איין געמויערטער בית־מדרש, 2 הילצערנע בתי־מדרשים און אַ חסידים־שטיבל.

אויך די באָד ביי אונדז אין שטעטל האָט זיך גערעכנט פאַר אַ וויכטיקן אַנשטאַלט. פּרייטיק שוין פון אינדערפרי פלעגן אָנהויבן צו שטראָמען באַזוכערס און באַזוכערינס. דער בעדער פלעגט אויפנעמען יעדן אייגנעם לויט זיין יחוס. די ווייבער, וועלכע זענען געגאַנגען צוריק פרייטיק פאַרנאַכט פון דער מקוה האָבן זיך נוהג געווען אַריינצוקוקן קודם־כל צו אונדז אין קיך־פענצטער, כדי זיי זאָלן דערזען צום ערשטן אַ מענטשן, נישט חלילה קיין קאַץ אָדער קיין הונט. ווייל ווען זיי דערזעען צום ערשטן אַ חיה און נישט קיין מענטשן, מוזן זיי זיך גיין צוריק טובלען.

דאָס לעבן אין די ווינטערדיקע מאָנאַטן פלעגט תמיד זיין שטילער ווי געוויינלעך. די איינוווינער פלעגן שעכטן גענדז, קאַטשקעס, צוגרייטן גאַנצע סלאָיען מיט שמאַלץ, וועלכע מען פלעגט האַלטן פאַרפרוירן אין די קעלערס. מען פלעגט אָנשיטן גאַנצע קעלערס מיט קאַרטאָפל און אַליין באַקן ברויט. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ שווערע כמאַרע באַדעקט דאָס שטעטל. פיל יונגעלייט זענען אַוועק אין דער מלחמה, דער האַנדל און דאָס נאָרמאַלע לעבן זענען צעשטערט געוואָרן, די פאַרבינדונג מיט אַמעריקע, וועלכע פלעגט אויסהאַלטן די ישיבה און אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי דער לינת־הצדק, איז איבערגעריסן געוואָרן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די הערשאַפט פון די קאָזאַקן אונטער וועלכע די יידן האָבן פיל געליטן. זיי האָבן געראַבעוועט די יידישע קראָמען און געפּרוּווט שענדן יידישע מיידלעך. מען פלעגט ליגן באַהאַלטן אויף די בוידעמס, מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די קעפּ. ווען די קאָזאַקן זענען אָפּגעטראָטן איז אָנגעקומען „דער פעטער וועלוול״, ווי מען האָט גערופן די דייטשן. אויך דאַן האָט זיך די לאַגע פיל נישט געבעסערט. זיי האָבן געכאַפּט מענטשן אויף צוואַנג־אַרבעט, פרויען און מענער. זיי האָבן אויך גערויבט, אָבער קיין יידן נישט געהרגעט.

די מלחמה האָט אַוועקגעריסן אַ סך יידישע בחורים, און צווישן זיי מיין עלטערן ברודער בנימין, וועלכער געפינט זיך היינט אין אַרגענטינע. איך געדענק ווי חנה־מלכה, חייקלס ווייב, האָט פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין פענצטער, גערופן מיין מוטער און געשריען: „חינקע־ביילע (אַזוי האָט געהייסן מיין מאַמע), וואָס שלאָפסטו? לאָמיר צונויפזאַמלען אַלע מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זענען אין דער מלחמה, לאָמיר לויפן אויפן בית־עלמין רייסן קברים, לאָמיר עפענען דעם אָרון־קודש״. דידאָזיקע חנה־מלכה בראש מיט אַ גאַנצער מחנה ווייבער זענען געלאָפן אין אַלע פיר עקן שטאָט, געליאַרעמט, געריסן קברים, געעפנט דעם אָרון־קודש, געבעטן גאָט אַז ער זאָל זייערע קינדער ברענגען בשלום אַהיים. און ווירקלעך, די יידישע געטרייע מאַמעס האָבן מיט זייער האַרציק געבעט צו גאָט זייערע קינדער געזונט אַהיים געבראַכט.

אַ, איר טייערע געטרייע יידישע מאַמעס! איר זענט בשעת דעם היטלעריסטישן גיהנום שוין נישט געווען. פאַרשוווּנדן איז אייער גלויבן. אַ שטילער קבר איז געבליבן פון שטעטל, נאָר שאָטנס שוועבן פאַר אונדזערע אויגן פון פאַרגאַנגענע צייטן.



חיים שבח (אַרגענטינע)

דאָס קליינע שטעטעלע פּיעסק

דאָס קליינע שטעטעלע פּיעסק אויף ביידע זייטן פון דעם טייך זעלעוויאַנקע, צווישן וואַלד און בלאָטעס, קליינע הילצערנע הייזקעס, געדעקט מיט שטרוי און שינדלען, און מיט אַ גרינעם צודעק פון מאָך. קליינע פענצטערלעך און הילצערנע טירן, וואָס סקריפּען ביי יעדן ריר. מערסטנטייל פון צוויי צימערן און קיך, מיט אַ קאַטוק פאַר הינער אויף ווינטער און אַ ברייטער לע־זייקע זיך צו וואַרעמען אין די ווינטערדיקע לאַנגע אָוונטן.

הינטער די אָרעמע הייזער ליגן ברייטלעך די גערט־נער און סעדער, וואָס האָבן געגעבן די הויפּט־חיונה פאַר די איינוווינער. גרינס און פּרוכט פאַר דער טאָג־טעג־לעכער חיונה, און די קי און פערד האָבן דערגענצט די חיונה. קיין סך האָט מען נישט באַדאַרפט: אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט פּוטער, אַ גלאָז מילך, אַ טעלער קאַרטאָפל און דאָס אַלץ. און דאָך אַ וווּנדער — אַ דאָק־טאָר האָט אין שטעטל נישט געהאַט קיין פּרנסה, ביי אַ צרה האָבן מיר אים געדאַרפט אויסבאָרגן אין דער דער־בייאיקער שטאָט. די קליינשטעטלדיקע האָבן מער גע־לעבט פון דער שיינקייט פון דער נאַטור ווי פון גוטן עסן.

דער גרעסטער איינקונפט פון אַרבעט און פּרנסה איז געלעגן אין וואַלד און אין וואַסער. אין מזרח איז געלעגן צעשפּרייט דער אָסליאַנער און מאַסטער וואַלד, ווו די פּיעסקער בעלי־בתים האָבן געשיקט זייערע שאָף און רינדער זיך צו פּאַשען אין זומער, און אויף דער נאַכט צוריקקומענדיק, ברענגען פולע הייטערס מיט מילך פאַר דער גאַנצער משפּחה און אָנפילן דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַ געדיכטן שטויב און גערוך פון פעלד און וואַלד.

די וועלדער

צו מערב איז געלעגן דער זעלעוויאַנער וואַלד, יונג און גרין, און פון דער לינקער זייט איז געלעגן ברייט־לעך אויסגעשפּרייט דער סטרומניצער וואַלד מיט זיינע שטאָלצע סאָסנאָווע בוימער, געשטרעקט צום הימל ווי צו אַ געבעט. און פון זייערע שפּיצן האָבן זיך שטענדיק געהערט דער געזאַנג פון די פויגל און דאָס וואָרקען פון די קראָען.

די אַלע גרויסע וועלדער זענען געווען דער שטאָלץ פון דעם קליינעם שטעטעלע פּיעסק. אין זייער אינגע־ווייד האָבן גטרוימט און געחלומט יונג און אַלט, אָרעם און רייך. דער סטרובניצער וואַלד: ריין און ציכטיק איז ער געלעגן זומער מיט זיין גאַנצן צויבער, באַדעקט מיט אַ גרינעם טעפּיך פון גראָז און מאָך, באַוואַקסן מיט ניעזאַבודקעס, שוואָמען און יאַגדעס, רויטע און שוואַרצע.

פרייטיק און שבת איז דער וואַלד פול באַזוכט פון יוגנט און עלטערע. דאָס איז געווען דער הויפּט־שפּאַ־צירפּלאַץ פאַר אַלעמען, און בפרט פאַר דער יוגנט, ווו זי פלעגט טרוימען וועגן ליבע און בעסערע צייטן, וועגן ווייטע לענדער, ווי ארץ־ישראל און אַמעריקע, וועגן גליק און פרייד, און וועגן אַלץ וואָס דאָס טייערע שטעטל האָט נישט פאַרמאָגט און די יוגנט נישט באַפרידיקט.

דער וואַלד איז פול מיט געזאַנג, לידער פון פרייד און טרויער, פון פאַרשקלאַפונג און פרייהייט, פון שנאה און ליבע. אַלץ האָט געלאָזט הערן זיין שפּראַך, זיין פאַרלאַנג, זיין אויסדרוק, זיין שטרעבונג און זיינע נישט דערפילטע פאַרלאַנגען און טרוימען.

דאָ האָט זיך די יוגנט געפילט פריי ווי פייגל, דאָ האָט קיינער נישט געשטערט, דאָ איז נישט געווען פאַר וועמען מורא צו האָבן. דער גרינער וואַלד האָט פאַר־שטעלט און באַהאַלטן פון די פינצטערע בליקן פון אַרעמקייט, הונגער און נויט. דער וואַלד האָט געגעבן פון זיין נאַטור פאַר אַלעמען גלייך מיט דער פולער האַנט.

די ערד איז ווייך און גרין, פול מיט גראָז און בלו־מען, און דער ריח פון וואַלד און פעלד פאַרשיכורט און פילט אָן אַלעמען מיט מוט און כוח צו חלומען וועגן

עפּעס בעסערס און שענערס און וועגן אַ באַפרידיקונג פאַר אַלע יונגע פאַנטאַזיעס. אַ סך מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס שטעטל בויגט זיך צום בית־עולם און דער וואַלד רייסט זיך אין דער וועלט אַריין, אַז דאָס שטעטל איז אַלט־גרוי און חושכדיק, און דער וואַלד — גרויס, שטאַרק און מעכטיק, גרין און ליב און צוציענדיק.

אַ סך ווייטער האָבן זיך געצויגן גרינע לאַנקעס, געדיכט באַוואַקסן מיט גראָז, ווו פערד און בהמות האָבן זיך געפּאַשעט. דער וועג פירט צום שטעטל, מיין שטעטעלע פּיעסק. פעלדער געדיכט באַוואַקסן מיט קאָרן, ווייץ און קאַרטאָפל. אין דער לופט פילט זיך דער ריח פון געשניטענעם היי און תבואה און עס באַווייזן זיך די ערשטע הייזער פון שטעטעלע.

דאָ האָט געוווינט מיין לערער לונסקי, אַ מתמיד, אַ קענער. אַלץ וואָס ער האָט געלערנט איז געווען אויף די יסודות פון השכלה. אַ גרויסער העברעאיסט, געקענט גוט תנ״ך, געפירט לאַנגע דיסקוסיעס מיט מיר אויף פאַרשידענע טעמעס. אָן אָרעמע שטוב פון איין צימער, יתומים, די עלטערן געשטאָרבן יונג. אין סאָד אויף אַ לאַנגן טיש, אונטער פרוכט־בוימער, האָט ער געלערנט מיט זיינע תלמידים.

דאָ הויבט זיך אָן די געגנט זאַרעץ. אירע פאַר גאַסן קרייצן זיך. אין מיטן שטייט אַ טיפער ברונעם, ווו אַלע שכנים קומען שעפּן וואַסער. אַ ריי פון קליינע קרעמלעך פירן צום בריק, ווו עס שטייען די מילן, וואָס האָבן געהערט צו מיין זיידן ר׳ ישראל שבח, און זענען שפּעטער איבערגעגאַנגען צו מיין פאָטער ר׳ אברהם און זיין ברודער לייזער שבח.

דאָ הויבט זיך אָן די היסטאָריע פון דער פאַמיליע שבח אין פּיעסק. אויף וויפל מיין זכרון לאָזט מיר געדענקען, איז מיין זיידע געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גרויע, שטרענגע אויגן און אַ דורכדרינגלעכן בליק. אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער סוחר. אַ חוץ וועלדער און פעלדער, וואָס ער האָט באַאַרבעט, געקויפט און פאַרקויפט, איז זיין גרויסע אויפגאַבע געווען דאָס בויען פון צוויי מילן אויף דעם טייך זעלעוויאַנקע, וועלכער האָט צעטיילט דאָס שטעטל אויף צוויי טיילן.

פרנסות

ווי עס פאַרשטייט זיך, האָט דאָס שטעטל מיט דעם גאַנצן אַרום, פעלדער, וועלדער, טייכן און אַזיערעס, געהערט צום באַוווּסטן פריץ וויספינג, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן די ערד אין אַרענדע דעם זיידן, אַז ער זאָל בויען אין מיטן שטעטל די מילן פאַר דעם אייגענעם געבּרויך און פאַר ווייצן־מעל פון בעסטן סאָרט פאַר אויסלאַנד, און בעיקר פאַר דייטשלאַנד. דאָס וואַסער איז פאַרהאַלטן געוואָרן און האָט באַוויגן די רעדער פון מילן, און די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון שטעטל האָט זיך פאַרענדערט.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען גויים, קאָלאָניסטן פון דער גאַנצער געגנט אַרום, פון דערפער און שטעטלעך, ׳וועלכע האָבן געבראַכט תבואה אויף זייערע פורן כדי צו מאָלן אויף מעל, צו מאַכן גרויפּן פון גערשטן, האָבער און גריקע, מעל — קאָרענע, געבייטלטע און ווייצענע, און גלייכצייטיק אויך פאַרקויפן הינער, אייער, קעז און פּוטער פאַר די בעלי־בתים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין עופות און בהמות. פאַר דעם אָפּגעלייזטן געלט פלעגן די גויים קויפן גאַזע, הערינג, זאַלץ און אַלץ וואָס איז נויטיק געווען אין אַ פּויערשער שטוב.

די יידישע קרעמער פלעגן שטיין ביי די טירן און רופן די קונים ביי די נעמען צו זיך אין קראָם, כדי נישט צו פאַרלירן דאָס ביסל פּדיון. אַחוץ די ריי קראָמען אין מיטן מאַרק, זענען אויך געווען תבואה־הענדלער, ׳וואָס פלעגן קויפן תבואה, שיקן אין מיל צו מאָלן און נאָכדעם פאַרקויפן צו די קרעמער. בעלי־עגלות פלעגן פאַרדינען ביים ברענגען און אָפּפירן די סחורות. אַזוי אַרום האָט אַ גרויסער טייל פון שטעטל געלעבט און געאַרבעט אַרום די מילן.

די גרויסע מיל פון דריי שטאָק, וואָס האָט געאַרבעט נאָר פאַר אויסלאַנד, איז געווען אַ מאָדערנע וואַלצן־מיל מיט דער מאָדערנסטער איינריכטונג. די ווייץ פלעגט געוואַשן און געטריקנט ווערן. דער גאַנצער פּראָצעס פלעגט געמאַכט ווערן אויטאָמאַטיש, כמעט אָן מענטשלעכע הענט, וואָס פלעגן באַנוצט ווערן בלויז ביים אַריינשיטן די ווייץ און אָפּנעמען די פאַרטיקע מעל אין זעק אין פאַרשידענע סאָרטן און קוואַליטעטן.

ס׳געדענקט זיך ווי מ׳פלעגט צוגרייטן די מיל פאַר

פסח, כדי צו מאָלן מעל אויף מצות. דאַן פלעגן קומען ביידע רבנים: דער ראַשער רב און יהושע־בנימין בודק זיין די כשרות פון מיל. די מיל איז געשטאַנען ריין און ציכטיק ווי אַ כלה־מיידל, אויסגעקערט און אויסגערייניקט דער שטויב פון אַ גאַנץ יאָר: פון די רעדער, בייטלען, פאַסן און קעמערלעך. די שטיינערנע וואַנט אויסגעקאַלכט און די פאַדלאָגעס גלאַנצן פון ריינקייט.

ביידע רבנים פלעגן אונטערזוכן אַלע פלעצער, עס זאָל זיך חלילה נישט פאַרוואַלגערן קיין חמץ. דאַן פלעגט מען אַריינגיין אין קאַנטאָר מאַכן אַ לחיים, און דערנאָך פלעגט מען צושיקן יעדן איינעם פון די רבנים זיין שכר, ווייל פון פאַרקויפן ליכט און הייוון פלעגט נישט סטייען קיין פרנסה פאַר דער צאַלרייכער משפחה.

אויף דער זעלעוויאַנקע פלעגט שווימען דאָס געהילץ פון די וועלדער, וועלכע דער זיידע און שפּעטער מיין פאָטער ע״ה פלעגן שיקן צום ניעמאַן אין לאַנגע פליטן קיין אויסלאַנד. אַ סך פּיעסקער האָבן געאַרבעט ביים טייך: די וואַסער־מענטשן, איך זע זיי נאָך איצט — הויכע, געזונטע, מיט פאַרברענטע פּנימער, אָנגעטון אין די תחתונים, מיט די פאַסעס אויף די אַקסלען, פלעגן זיי שפּרייזן מיט די לאַנגע צעשפּרייטע בערד אויף די לאַנגע קלעצער ווי ביי זיך אין דער היים; מיט דער טאָרבע עסן אויף עטלעכע מאָנאַטן פלעגן זיי זיך אַוועקלאָזן אין לאַנגן וועג.

דער טייך זעלעוויאַנקע ציט זיך לענגאויס דעם שטעטל זעלווע ביז זיין אַריינגוס אין ניעמאַן ביים שטעטל זעלעוויאַן. ביי זיינע ברעגעס ציען זיך לאַנגע, גרינע לאָנקעס און געדיכטע וועלדער. באַלעבטע ברעגעס פול מיט געזאַנג פון פויגל און מענטשן, וואָס הערט זיך פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער געזאַנג פון פאַרליבטע פּאָרלעך, וועלכע דריקן אויס זייער בענקשאַפט, אילוזיעס און האָפענונגען. צוויי שורות בוימער נעמען אַרום די ברעגעס, אַריינגעוואַקסענע איינער אין צווייטן. זייערע וואָרצלען פול מיט ווימפּערלעך און פעלד־בלומען פון אַלע קאָלירן און מינים.

וויפיל פרייד האָבן געבראַכט מיט זיך די ברעגעס פון יידישע שטעטלעך, פון ווייטע ישובים און לענדער. ווי גרויס איז געווען די פרייד פון אַוועקלאָזן זיך אויף אַ שיפל מיט אַ גרופּע חברים אין שטילע זומער־פאַרנאַכטן, כדי צו געניסן די שטילקייט און רואיקייט פון דער נאַכט, צו אָטעמען די ריינע לופט און איבערלעבן ראָמאַנטישע געפילן. וויפל דורות האָבן באַווויינט די דאָזיקע ברעגעס, וויפיל יידן זענען געגאַנגען צו תשליך און מיט אַ לייכט האַרץ זיך אומגעקערט צוריק מיט דראַבנע שריט און מיט דער גאַנצער האָפענונג און זיכערקייט, אַז זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אין אָפּרונט פון טייך זייערע אַלע זינד און דאגות.

דער טייך איז שטענדיק געפלאָסן זיין גאַנג, געשלענגלט זיך איבער באַרג און טאָל, פאַרטרונקען זיינע ברעגעס און פאַרטיילט זיין אומענדלעך רייכטום צו אָרעם און רייך.

בתי־מדרשים

פינף בתי־מדרשים האָט פאַרמאָגט פּיעסק, ווו דער עלטערער דור האָט זיך אויסגעלעבט גייסטיק: דער „חיי אָדם" פאַר האָרעפּאַשנע מענטשן, דער „מויער" פאַר בעלי־בתים, דער „הילצערנער" פאַר עמך, די „חסידאַרניע" פאַר די אייגנאַרטיקע חסידים און די שול פאַר גרויסע יום־טובים. יעדער בית־מדרש האָט געהאַט זיין ספּעציפישן אויסזען פון אינעווייניק און דרויסן.

דער „חיי אָדם" — אַ גרויסע הילצערנע געביידע, ווו מ'האָט געדאַווענט דעם ערשטן מנין. בעלי־מלאכות פלעגן גאַנץ פרי לויפן אָפּדאַווענען איידער זיי גייען צו דער אַרבעט. מתפללים מיט אָפּגענוצטע מלבושים, פאַרלאַטעטע שטיוול, פלעגן גיך אָפּפּטרן דאָס דאַווענען און געגאַנגען ווייטער. אָבער בין מנחה למעריב איז דער בית־מדרש געווען געפּאַקט, מענטשן פלעגן זיך אַראָפּרעדן דאָס האַרץ איינער פאַר דעם צווייטן, אַרומרעדן די ביטערע לאַגע אָן אויסזיכטן אויף בעסערס, און אפשר גאָר וועגן אַ רעוואָלוציע ווי אין יאָר 1905, ווען אַ גרויסער טייל פון שטעטל האָט געדאַרפט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, ווייל זיי האָבן געשריען „דאַלאָי צאַר ניקאָליי!".

די מתפללים פון „מויער" זענען געווען מענטשן געלאַסענע מיט אויסגעפּילטע פּנימער און קיילעכדיקע בייכלעך. אין זייער וועסט־קעשענע האָט זיך געבאַמבלט די גאָלדענע קייט און זייגער — אַ מתנה צו דער חתונה. זיי פלעגן אויפשטיין אַ ביסעלע שפּעטער, און מיט אַ צוגעשוירן און פאַרקאָמטן בערדל פלעגן זיי אַריינגיין מיט

דראַבנע טריט, פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן און גוט־יאָר אויף די ליפּן: „וואָס הערט מען עפּעס אין דער וועלט? ווער האָט אַ צייטונג? מ׳זאָגט, אַז עס טומלט זיך עפּעס אויף דער וועלט, ערגעץ טיף אין ראַסיי. נו זאָל פּאַניע אַנלייגן מיטן קאָפּ" — איז געבליבן ביי אַלעמען און מיט אַ פּאַטש אין עמיד האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען.

די חסידאַרניע האָט שטענדיק אויסגעזען טומלדיק און רעשיק ווי אויף אַ חתונה. חסידים מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און גאַרטלען פלעגן דאַווענען מיט אַ ברען, ס׳האָט אויך נישט געפעלט קיין ריקודל און טענצל. דאָס איז געווען אַ פריילעכע עדה יידן, אַן ענטוזיאַסטישע, מיט אַ שטאַרקער אמונה אין רבונו־של־עולם, וואָס פלעגט זיך באַנוצן און באַנוגענען מיט שיריים פון ריבנס טיש.

די שול, דער שטאָלץ פון שטעטל, געבויט אין גאָטישן סטיל מיט אַ סך שפּיצן, איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, צו וועלכן עס האָבן געפירט שטיינערנע טרעפּ. דער פּרעכטיקער אויסזען פון דרויסן און פון אינעווייניק האָבן איר געגעבן דאָס רעכט זיך צו רופן שול. דאָ האָט מייסטנס געדאַוונט די יוגנט, וועלכע האָט מער גערעדט ווי געדאַוונט. דאָ האָט מען געוווּסט וועגן אַלע רכילות און לשון־הרע. חברה ליידיק־גייערס אָדער איידעמס אויף קעסט מיטן שטעקל אין דער האַנט האָבן גע־ווּסט פון אַלץ און אַלעמען. עלעגאַנט געקליידט, מיט גלאַנציקע שטיוועלעך, אַ פּאַפּיראָס אין מויל און מיט אַ האַנט־זייגערל, זענען זיי געווען אומעטום, אויף אַלע גאַנקעס, ווו עס זענען נאָר געווען מיידלעך, גערעדט פאַר פּייער און פאַר וואַסער, געביטן זיך מיט ליבע־ביכלעך, ראָמאַנען און גלאַט אַזוי גאַרנישט געטון.

דאָס איז געווען די אינטעליגענץ פון שטעטל, חברה געפאַנגען דורך דער השכלה, ציוניסטיש געשטימט, גערעדט העברעאיש אָדער רוסיש, געחלומט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און בויען דאָרט אַ ניי לעבן אויף פּראָדוקטיווע יסודות. נאָר דערווייל האָט מען געמאָסטן דאָס שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט.

עס איז געווען אַ צווייטע יוגנט, אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן קיום פון זייער טאָג־טעגלעך לעבן. שוואַרצע אַרבעטער: שוסטערס, שניידערס, מאָלערס, סטאָלערס, יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן די עלטערן אין זייער אַרבעט, אָרעם געקליידט, גערויכערט מאַכאָרקע, אַרבעטער וואָס האָבן נישט געהאַט ווו צו פאַרדינגען זייערע הענט. דאָס שטעטל האָט נישט קיין פאַבריקן אָדער אַנדערע מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט. יוגנט, וואָס וואַרט און דערוואַרט זיך גאַרנישט. די פּוילישע רעגירונג האָט גאַרנישט געטון, כדי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון דער יידישער יוגנט, פאַרקערט, זי האָט צוגענומען אַלע ספּעציפיש יידישע חיונה־קוואַלן: די קאָנצעסיעס פון טאַבאַק, שענקען און פּאָסט זענען אַריבער אין פּוילישע הענט. צוליב די קאָאָפּעראַטיוועס האָבן זיך פאַרמאַכט אַ סך יידישע קראָמען און די אַרבעטסלאָזיקייט איז וואָס אַמאָל געוואָרן גרעסער און די יוגנט פאַרביטערט.

ווינטן האָבן גענומען בלאָזן פון רוסלאַנד, שטורמישע, רעוואָלוציאָנערע. די יוגנט האָט געזוכט אַן אויסוועג און די פּוילישע רעגירונג האָט געטון אירס: געשלאָגן, געוואָרפן אין תפיסות, דערשטיקט מאַניפעסטאַציעס. די יוגנט איז געלאָפן, געקרייצט די גרענעץ, ווו דאָס לעבן איז פריי און ווו מ׳קאָן אָפּאָטעמען, און ווו די אַרבעט איז פאַר אַלעמען פריי אָן אונטערשיד, און דער עיקר ווו יעדער איינער קאָן זיך אויסלעבן ווי ער וויל און ווי עס געפעלט אים.

דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ רוסישע צערקווע און אַ פּוילישן קלויסטער, ווו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן די פּוילישע און רוסישע פּויערים. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געפּוסטעוועט, נאָר זונטיק זענען זיי געווען פול. זיי פלעגן קומען אויף זייערע לייכטע וועגענער, אָנגעטון אין זייערע טיפּישע מלבושים, די פרויען מיט קאָלירטע טיכער אויף די קעפּ. זיי פלעגן אויסשפּאַנען די פערד, צובינדן צו די וועגענער, וואָס זיי פלעגן אויסשטעלן אַרום דעם קלויסטער, אַריינגיין אינעווייניק מיט גוטע און פרומע פּנימער, און אַרויסגיין פאַרקרומטע, פול מיט האַס און גיפט צו דער יידישער באַפעלקערונג, אויפגעהעצט פון די פאַנאַטישע גלחים, אַז מען זאָל נישט קויפן ביי די קרייצערס פון יעזוס. זעלטן פלעגט דורכגיין אַ זונטיק אָן געשלעגן צווישן יידישער און גוישער יוגנט. נאָכדעם פלעגט זיין שטיל אַ גאַנצע וואָך ביז נאָך אַ קלויסטער־חגא.

חיים שבח (ארגענטינע)

די טאמע

פרילינג. אין די שטילע, רואיקע פאַרנאַכטן, ווען די לופט איז פול מיט פליטערלעך און דער ריח פון קאַרשן־און עפל־בליעכץ פאַרשיכורט דיך, און ווען דיין האַרץ בענקט און נאָגט נאָך עפעס אומבאַשטימטעס און אומ־דערוואַרטענעס, און ווען דיין נשמה זוכט אין עפעס אַ באַפרידיקונג, הערסטו דאַן דאָס שטורמישע פאַלן פון די וואַסערן פון דער טאַמע.

זי לאָזט זיך הערן פון דערווייטנס ווי אַ ליבע־סימ־



דורה שבח מיט א חבר׳תה

פאַניע מיט שטילע און שוואַכע קלאַנגען. ליבע־ווערטער, אַ געבעט פון דער נאַטור, אַז מען זאָל נישט בייטן איר גאַנג, אַז אַזוי איז עס פון ששת ימי בראשית. איך וויל נישט מען זאָל שטערן מיין גאַנג, מיין וועג, אַזוי דאַרף דאָס זיין. און דאָס געבעט קלינגט אַזוי רואיק אין פעלד און אין וואַלד. שטיל און רואיק פאַלט דאָס געבעט אויף בוים און צווייג, אויף באַרג און טאָל, אויף גראָז און בלומען.

דאָס גאַנצע אַרום איז פול מיט איר שעפטשען און מיט איר פרומען געבעט, וואָס ווערט וואָס אַמאָל שטאַר־קער. דאָס איז שוין מער נישט קיין געבעט, נאָר אַ פּראָטעסט קעגן מענטשלעכן ווילן. דאָס איז שוין די סטיכיע, די נאַטירלעכע קראַפט, וואָס צווינגט, וואָס בעט נישט, נאָר באַפעלט.

רואיק פליסט אונדזער טייכל, די זעלעוויאַנקע, און פילט אויס אירע ברעגעס מיט שפע. די צוויי שורות בוימער, וואָס שטייען פון ביידע זייטן, גיבן איר אָפּ כבוד, ביז זי דערנענטערט זיך צום דאָרף טורי, ווו דער אויסבייג פון דער טאַמע צווינגט די זעלעוויאַנקע בייטן איר וועג און אַ נויג טון זיך צום שטעטל. דאָ האָבן מענטשלעכע הענט געטאַמעוועט איר וואַסער, כדי צו געבן איר אַ נייעם וועג. אַ שלל פון אַרבעט און מענטש־לעכע כוחות האָט דאָס אָפּגעקאָסט, זעק מיט צעמענט, זאַמד און שטיינער ליגן אין איר אָפּגרונט. צוואַנציק מעטער טיף פון איר אויבערפלאַך, ביז דעם גרונט פון דעם צווייטן אָפּצווייג, וועלכער גייט זיין נאַטירלעכן גאַנג און וועג.

דאָס וואַסער רייסט זיך צווישן די שטיינער און שלעפּט מיט זיך אַלץ וואָס עס טרעפט אָן אָדער וואָס שטעלט זיך איין וועג. דאָס הויבט זיך אָן צו הערן דער גערויש אין פלאַצן פון אייז אויפן טייך. דאָס שטעטל זאָגט, אַז דער טייך לאָזט נאָך. די בלאָקן אייז מאַכן זיך באַלד אַ וועג צווישן זאַמד און שטיינער און מאַכן אַ תל פון אַלץ און אַלעמען. דאָ באַווייזט זיך די נאַטור מיט איר גאַנצער מאַכט, לאַכט זיך אויס פון מענטשלע־כער אַרבעט און דערפינדונג. דאָ איז זי די געטלעכע, דאָס נאַטירלעכע, וואָס צווינגט און באַפעלט. דאָס וואַסער פון טייך אין שטעטל פאַלט באַלד אויף צוויי מעטער, דאָס אייז נידערט אַראָפּ און שענקט דעם טייך אַ טרויע־ריקן אויסזען. די זאַסטאַווקעס ווערן באַלד געעפנט פאַר זיין מאַיעסטעט, דאָס שווימענדיקע אייז, און די מילן בלייבן שטיין.



בית־המרחץ



ל. אריה לונסקי (קאנאדה)

פּיעסק ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט איז פּאַרגעקומען אַן אויפטרייסלונג אין גייסטיקן לעבן פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע: די איינגעשטעלטע לעבנס־פאָרמען פון אַ סך הונדערטער יאָרן, באַזירט אויף רעליגיע און אמונה, האָבן זיך גענומען דראַסטיש ענדערן, אונטערן דרוק פון שטאַרקע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיך אַריינגעריסן אין פאַרגליווערטן לעבן, אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און פוילן.

די סאָציאַליסטישע שטרעמונגען פון איין זייט, און דער ציוניסטישער געדאַנק פון דער אַנדערער זייט, האָבן דערגרייכט די יידישע מאַסן, הויפּטזעכלעך די יוגנט... און האָבן צעשטערט און געענדערט דעם גאַנצן גאַנג פון יידישן לעבן.

די יוגנט האָט גענומען זוכן נייע וועגן און זיך נישט באַנוגנט מער מיט דעם, וואָס זייערע עלטערן האָבן פאַר זיי אָנגעצייכנט. זיי האָבן געבענקט נאָך עפּעס נייעס, וואָס זאָל שאַפן אַ רייכערן אינהאַלט אין זייער לעבן.

ספּעציעל האָט זיך דער דאָזיקער דראַנג פאַרשטאַרקט ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון איין זייט און דער באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער צווייטער זייט.

מיטן שטראָם פון דער צייט

אויך אונדזער שטעטעלע פּיעסק איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער נייער צייט. פּלוצלונג האָבן זיך גענומען גרינדן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס מיט פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס פון ציוניסטישן און סאָציאַלן אינהאַלט. עס האָבן זיך גענומען הערן אין די גאַסן קלאַנגען פון דער העברעאישער שפּראַך און קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס איז געשען, ווען נאָר יחידים האָבן געהאַט אַ געוויסע קענטעניש אין העברעאיש. דאָ און דאָרט האָט מען אָנגעהויבן הערן יידישע און העברעאישע לידער.

קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען עס איז געקומען, און ווער ס'האָט עס אַהער געבראַכט. מען האָט גענומען רעדן וועגן אַ ביבליאָטעק, ווו די יוגנט זאָל באַקומען ביכער און זיך באַקענען מיט דער מאָדערנער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור.

יונגע עלטערן האָבן גענומען פאָדערן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך נישט באַנוגענען מיטן אַלטן חדר, נאָר עס מוז געגרינדעט ווערן אַ מאָדערנע שול, ווו די קינדער זאָלן באַקומען אַן אַלזייטיקע בילדונג אין דער לאַנדשפּראַך, ווי אויך אין מאָדערנעם העברעאיש, צוזאַמען מיט אַנדערע נויטיקע קעגנשטאַנדן.

די ערשטע העברעאישע שול

דער שרייבער פון די שורות צוזאַמען מיט נאָך אייניקע חברים, ווי זיידל שבח, יחזקאל ליסאָווסקי, וועלכע זענען נאָך אַליין געווען יינגלעך אין עלטער פון 18 יאָר, און זייער וויסן איז געווען גאַנץ באַשיידן, האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַזאַ באַוועגונג, האָבנדיק די מיטהילף פון די עלטערע און מער געבילדעטע, ווי די ברידער עמיאל און אַנדערע, און האָבן געגרינדעט די ערשטע העברעאישע שול אין שטעטל.

דער עלטערער דור האָט זיך פון אָנהויב באַצויגן מיט חשד צום גאַנצן ענין, מיט דער מורא, אַז דאָס וועט פאַרפירן די קינדער אויף שלעכטע וועגן. אָבער ווען אַזעלכע בעלי־בתּישע מענטשן ווי יצחק שפּירא, ישראל קאַפּלאַן און אביגדור דייכובסקי זענען צו דעם צוגעשטאַנען, און אַפילו דער גרויסער למדן ר' זשאַמע האָט שמייכלענדיק געגעבן זיין ברכה, האָט זיך דער ענין אַ ריר געטון און עס איז געשאַפן געוואָרן די שול מיט ל. לונסקי און זיידל שבח אַלס די ערשטע לערער.

קינדער פון אַלע עקן שטעטל האָבן זיך געצויגן צו דער שול און גאָר גיך איז דער פּלאַץ ענג געוואָרן און מען האָט געמוזט זוכן אַ גרעסערן פּלאַץ.

די שול איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע קולטור־רעלע און גייסטיקע טעטיקייטן. אַ ביבליאָטעק האָט זיך געגרינדעט, אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, הויפּטזעכ־לעך העברעאישע, לעקציעס צו וועלכע ס'האָבן אָנגעהויבן קומען אויך עלטערע בעלי־בתים. דער שול־כאָר איז געוואָרן אַ פּאָפּולערע אינסטיטוציע, וואָס פלעגט באַשיינען אַלע קולטורעלע צוזאַמענקונפטן.

אַ דראַמאַטישע סעקציע

אינגיכן האָט זיך געגרינדעט אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואָס פלעגט פירן פאַרשטעלונגען פון די מאָדערנע יידישע און העברעאישע דראַמען אין דעם איין און איינציקן פלאַץ, וואָס האָט געהייסן „דער קאַבאַק". איין גאָט ווייסט פון וואַנען די יוגנט האָט גענומען דעם קוראַזש און וויסן צו אַזעלכע אונטערנעמונגען, ווען די פירער אַליין האָבן כמעט קיינמאָל נשיט געזען קיין טעאַטער־פאַרשטעלונג.

די פרייד און ענטוזיאַזם ביי דער דאַזיקער טעטיקייט קאָן דער היינטיקער מאָדערנער מענטש נישט פאַרשטיין, און כאָטש דאָס לעבן איז געווען שווער און די מעגלעכקייטן זייער באַגרענעצטע, איז עס אָבער געווען אַ גליקלעכע יוגנט, וועלכע איז געווען איבערפולט מיט אידעאַליזם און פרייד און נישט אויפגעהערט צו חלומען פון אַ ליכטיקער צוקונפט, הויפּטזעכלעך וועגן דעם אויפגייענדיקן שטערן פון דעם יידישן היימלאַנד.

זענען אין די פאַרנאַכטן אָנגעפילט געוואָרן די געסלעך מיט דער שפּאַצירנדיקער יוגנט, וועלכע האָבן געפירט ליבעס און צוזאַמען געחלומט דעם חלום פון אַ ווייט לאַנד, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן...


טרוימען

אין די אָוונטן פלעגן זיך טראָגן פון די שיפלעך אויף דעם טייכל זעלעוויאַנקע קלאַנגען פון העברעאישע און יידישע לידער, אין וועלכע די יונגע פאַרלעך, וואָס האָבן זיך געשיפט, האָבן אַרויסגעשריגן זייער גליקלעכן חלום אין דער נאַכט אַריין.

דער שרייבער פון די שורות האָט אינגיכן פאַרלאָזן אונדזער טייער שטעטל און אָנגעהויבן זיין וועג אין דער וועלט אַריין. האָט אָבער אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט זיינע חברים און תלמידים אַ לאַנגע צייט און האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין דער גאַסט־רעדנער ביי דעם אָוונט, ווען די ערשטע גרופּע איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו זיי זענען געווען צווישן די בויער פון לאַנד און ווו דער גרעסטער טייל פון זיי געפינט זיך צעשפּרייט איבער דער זעלבשטענדיקער מדינה ישראל.

שווימט אויף אין זכרון אַ ליד, וואָס מיר האָבן אַלע געזונגען דאַן און וואָס סיי די ווערטער, סיי דער ניגון איז פאַרפאַסט געוואָרן דורכן שרייבער פון די שורות:

חברים זענען מיר געווען
אין אַ שטילער זומער־נאַכט.
דער הימל אויסגעשטערנט שיין
האָט אונדז דאַן באַוואַכט.
איצט הער איך קאַלטע גרוסן
פון דעם פרעמדן ווייט.
חברים זענען מיר געווען
אין דער היים אַ צייט.



חיים און פסח לונסקי

הינדע בינקאָוויטש (ווײַנער)

שטיל לעבן אין פיעסק

אַזוי ווי מען קומט אָן פון וואָלקאָוויסקער וועג און מען פאָרט אַרויס פון סטרובניצער וואַלד, באַווייזן זיך גלייך די שפּיצן פון די צוויי קלויסטערס, און אַז מען פאָרט אַריבער דעם באַרג און מען דערנענטערט זיך צום שטעטל, באַווייזט זיך אויך די ייִדישע היסטאָרישע שול מיט איר שיינעם מאַיעסטעטישן אויסזען.

אַ ביסל ווייטער, אַז מען פאָרט אַריין אין שטעטל, באַווייזן זיך די קליינע הילצערנע הייזלעך, צעוואָרפן איינס אַריין און איינס אַרויס. קיין אינזשיניערן און אַר־כיטעקטן האָבן זיי נישט געפּלאַנעוועט. יעדער איינער האָט געבויט נאָך זיין געשמאַק און נאָך זיין פּלאַן.

ווען מען קומט אַריין אַ ביסל טיפער אין שטעטל, דערזעט מען אַ קוזשניע. עס שטייט אַ ייִד און שמידט דע מאייזן און קלאַפּט די פּאַדקאָוועס אין די פערדס פיס. אַ ביסל ווייטער צום סקווער קומט מען אָן צו דער גאַס, וואָס הייסט זאַרעטש. זי האָט זיך גערעכנט צו די שענסטע גאַסן אין שטעטל. אין איין זייט פון דער גאַס וווינט דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. פון דאַנען פלעגן קומען אַלע גזירות אויף די ייִדן. אַנשטאָט זיי זאָלן האָבן אין זינען אויסצובעסערן דעם אויסזען פון שטעטל, האָבן זיי שטענדיק געהאַט אין זינען ווי צו זוכן חטאים אויף די ייִדן.

נישט ווייט פון דער פּאָליציי־סטאַציע געפינט זיך די פּוילישע שול. פּאַראַלעל פון דער קוזשניע ציט זיך די גאַס זאַרעטש ביזן בריק איבער דעם טייך זעלע־וויאַנקע. אונטערן בריק געפינט זיך אַ דאַמבע, וואָס גיט די קראַפט די רעדער פון דער מיל, וואָס איז געבויט געוואָרן דורך אַ רייכן פּריץ. די מיל איז שטענדיק גע־ווען אין די הענט פון ייִדן, וואָס האָבן זי געדונגען פון פּריץ.

אין יאָר 1927 האָט מען אין דער גאַס אויפגעשטעלט אַן עלעקטרישע סטאַציע און פיעסקער הייזער זענען באַ־לויכטן געוואָרן מיט עלעקטריע. עס איז געוואָרן ליכ־טיק אין די הייזער. עס איז אָבער געווען פינצטער אין די גאַסן ,און פינצטער איז געווען דאָס געמיט פון די ייִדישע אָרעמע איינוווינער.

אַריבער דעם בריק ציען זיך הייזער פון זעלבן סטיל, אָבער שוין מיט קראָמען. די ערשטע קראָם און בעקעריי איז געווען דער בעקערקעס. אירס אַ קוכן צו עסן אין דער פרי מיט אַ גלאָז הייסע מילך פון דער איי־גענער קו איז געווען מלא־טעם, אָבער ווער האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו קויפן אַ קוכן ביי ראַטקע די בע־קערקע. ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו דערלויבן דעם דאָזיקן פאַרגעניגן, פלעגט מען עסן שוואַרץ ברויט, וואָס די מאַמע פלעגט אַליין באַקן. נישט איינ־מאָל פלעגט דאָס דאָזיקע ברויט ברענען אויפן האַרצן.

ייִדישע פרנסות

די גאַס האָט זיך געצויגן פון טייך פּאַראַלעל ביזן רוסישן קלויסטער. דאָרט ווערט די גאַס ברייטער. אָן דער זייט געפינט זיך אַ ראָד פון קראָמען און עס שטייען קרעמער און וואַרטן אויף קונים. מען וואַרט מיט אומ־געדולד אויפן דאָנערשטיקדיקן טאָג, ווייל יעדן דאָנער־שטיק קומט פאַר אַ מאַרק.

גלייך מיטן אָנפאַנג פון טאָג קומען אָן גויים מיט זייערע פערד און וועגענער און מיט זייערע פּראָדוקטן. זיי ברענגען קעלבלעך צו פאַרקויפן ווי אויך פערד צום טוישן און פאַרקויפן. די ערשטע קונים זענען געווען די קצבים, קויפן אַ קעלבל, כאַפּן אַ מציאה ביי אַ גוי. אויפן חשבון פון דינגען זיך פּאַטשט מען דערווייל איינער דעם צווייטן אין די הענט אַריין. ביז עס ווערט פאַר־ווירקלעכט די קניה ווערן זייערע הענט געשוואָלן פון פּאַטשן. ווען דער גוי ווערט שוין מיד פון פּאַטשן, קויפט שוין דער קצב דאָס קעלבל לויט זיין פאַרלאַנג. אַזוי גייט צו דער האַנדל מיט קי, פערד, הינער, גענדז

און קאַטשקעס. נאָכן פאַרקויפן זיין סחורה גייט דער פויער אין די קראָמען איינקויפן. נאָכן איינקויפן אין די קראָמען, גייען די פויערים אין די שענקען טרינקען (אַלע שענקען זענען געווען אין יידישע הענט), און נאָכן אָנטרינקען זיך ביז שיכרות, פלעגן זיי פאַרנאַכט אַריינגיין אין קלויסטער, ווען די גלאָקן פלעגן אָנהויבן קלינגען, און פון דאָרט אַרויס צערייצטע מיט אַנטיסע־מיטישע יוכעס.

אַלע קללות אין דער וועלט זענען דאַן געוואָרן אויסגעגאָסן אויף די יידישע קעפּ. די יידישע קרעמערס פלעגן אין גרויס שרעק גלייך שליסן זייערע געשעפטן און יעדער איינער פלעגט זיך פאַרשליסן אין שטוב און מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ ביז וואַנען די גויים פלעגן זיך צעפאָרן.

פון קלויסטער ציט זיך די גאַס פערעקאָפּ, אַ ריין גוישע גאַס מיט קליינע הילצערנע הייזקעס, אַבער מיט שיינע פאַרפלאַנצטע גערטנדלעך אַרום. געפירט האָבן זיי אַלע אַן אַרעם לעבן. די גאַס האָט זיך געצויגן ביזן צווייטן בריק פערעקאָפּ. פון דאָרט האָבן געפירט די וועגן קיין מאָסטי, ראַזשאַנקי און אַנדערע שטעטלעך.

אַ נאָס אין זאַרעטש...

דאָס שטעטל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַמאָל האָט אַ ייד געזאָגט: „אַז איך גיב אַ נאָס אויף זאַרעטשער בריק, זאָגט מען מיר צום געזונט אויפן פערעקאָפּער בריק".

אַז מען גייט צוריק פון פערעקאָפּער בריק, פאַר־נעמט זיך גלייך רעכטס די געגנט פון דער שול־גאַס, דער צענטער פון רוחניות און קולטור פון דער יידישער באַפעלקערונג. עטוואָס ווייטער — דאָס געסל, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און ווו מיינע עלטערן האָבן פאַר־בראַכט זייער לעבן. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען אונדזער געביט אין דעם ערשטן קריג, האָבן זיי אַ נאָ־מען געגעבן דעם געסל „די גאַרטן־שטראַסע". עס איז ווירקלעך געווען אַ פּאַסנדיקער נאָמען פאַר דעם געסל. די סעדער מיט זייערע פרוכט־בוימער האָבן באַשיינט דאָס געסל. אין פרילינג, ווען די בעז־בוימער האָבן זיך צעבליט מיט זייער לילאַ־קאָליר, האָבן זיי געשמעקט ווי די בעסטע פערפומען פון די מאָדערנסטע לאַבאָראַטאָ־ריעס. היינט, ווען די קאַרשן־בוימער, עפּל און באַרנעס האָבן זיך צעבליט, האָבן מיר, יונגוואַרג אין יענער צייט, געבליט אַרום זיי.

נאָך דער גאַס, באַרג אַרונטער איז געלעגן דער טייך. ביים ראַנד פון טייך איז געווען אַ באָד. אַהער, אין מקוה, פלעגן גיין די פרויען, ווען עס פלעגט זיי אויסקומען, און די מענער — יעדן פרייטיק, כדי אויפצונעמען מיט ריינקייט די שבת־מלכה. פרייטיק צו נאַכטס גייען אַלע מענער מיט רואיקע פּנימער צום שיינעם שול־בנין. אַזאַ מאַיעסטעטישע שול האָט געקאָנט שטיין אין יעדער הויפּטשטאָט.

די חסידים און אַנדערע פרומע יידן זענען נאָך גע־לאָפן נאָכן דאַווענען אין דער גרויסער שול צום חסי־דים־שטיבל טאַנצן מיט די חסידים. דאָ פלעגן טאַנצן אַקסל ביי אַקסל חסידים און מתנגדים, און אויך מאַכן קידוש צוזאַמען. אין דער גרויסער שול פלעגט מען דאַווענען נאָר זומער, ווייל ווינטער פלעגט זיין קאַלט. וועגן דער שול זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לע־גענדעס: ווינטער קומען דאָרט מלאכים דאַווענען, אָדער מתים קומען דאָרט פּראַווען שמחות. איך בין געווען אַ פריידענקערין, אַבער אַז עס איז מיר אויסגעקומען פאַר־ביי־גיין די שול, פלעגט מיך באַפאַלן אַ מורא און איך האָב זיך אַרומגעקוקט צי מען יאָגט מיר נישט נאָך.

אין מיטן דער שול־גאַס איז געווען אַ ברונעם. אָט דער ברונעם מיט זיינע בייזע וואַסערן האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונדז, יידן. דאָס איז אויך גע־ווען אַ „סטראַטעגישער" פּונקט פאַר חתונות. אָט צו דעם ברונעם פלעגט מען פירן חתן־כלה צו דער חופּה. כלי־זמר פלעגן שפּילן דעם גאַנצן וועג. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי באַגלייט מיט האַרציקע באַגריסונגען צו זייער נייעם לעבנס־וועג.

אַז די חופּה פלעגט פאָרקומען ווינטער, פלעגן קליי־נע שטיפערישע יינגלעך באַוואַרפן חתן־כלה מיט שניי־קוילן. זומער פלעגן די יינגלעך זיך דערנענטערן צו זיי און זיי שטעכן מיט שפּילקעס. די דאָזיקע צערעמאָניע האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון דורות אין שטעטל ביז עס זענען געקומען נייע צייטן. די יוגנט האָט רעוואָל־טירט קעגן דעם שטייגער לעבן, עס האָבן זיך געשאַפן פּאַרטייען און עס זענען געבוירן געוואָרן נייע פאָרמען פון לעבן.

חיים שבח (אַרגענטינע)

אַ יידישע בהמה

ווען יהודה דער פּאַסטוך האָט אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן אויסגעשריגן: „די בהמות אויף פּאַשע", האָט זיך אין שטעטל אַ רודער געטון. אַלע יידענעס מיט די טיכלעך אויף די קעפּ האָבן זיך געאיילט מיט די דאָוניצעס אויסמעלקן די קי, כדי זיי צו לאָזן אויפן מאַרק, ווו מען קלייבט צונויף די שטעטלדיקע קי, די יידישע בהמות.

די יידישע בהמה האָט געהאַט דעם זעלבן מזל ווי איר יידישער בעל־הבית, האָט געליטן די זעלבע צרות, וואָס ער, — אַ שותּף אין דער משפּחה. די גויישע בהמות האָבן געהאַט אַ סך פּאַשע פון ביידע זייטן פון טייך זעלעוויאַנקע, וואָס האָבן געהערט צו קריסטלעכע בעלי־בתים פון שטעטל; באַלד ביים אַרויסגיין פון די שטאַלן זענען זיי אַריין אין בלאָטע, האָבן זיך געזעטיקט מיט דעם זאַפטיקן גראָז, וואָס איז נאָך געווען באַלייגט מיט טוי פון פרימאָרגן און האָבן געטרונקען דאָס פרישע וואַסער פון טייך; מיטאָג־צייט זענען זיי זיך געלעגן רואיק, ברייטלעך אונטער די ווערבע־בוימער, וואָס זענען געוואַקסן הויך און ברייט פון ביידע זייטן טייך, מיט די פולע אייטערס און האָבן מעלה־גרה געווען, אָדער געבענטשט און געדאַנקט פאַר דעם וואָס זייערע בעלי־בתים זענען נישט קיין יידן און דאָס גאַנצע שפע און רחבות געהערט צו זיי. נישט ווי די יידישע בהמות, וואָס וואַרטן נעבעך אויפן זאַמדיקן מאַרק, הונגעריקע מיט איינגעפאַלענע זייטן, מיט קליינע מאָגערע אייטערס, וואָס קוים זיי שטייען אויף די פיס, און ערשט דערנאָך גייען זיי אַוועק עטלעכע וויאָרסט צום מאַסטער וואַלד, וואָס די שטאָטישע בעלי־בתים האָבן געדונגען ביים באַלאָוויטשער פּריץ אויף פּאַשע פאַר גוט געלט. דער באַלאָוויטשער וואַלד איז נישט געווען קיין פּאַשע־פּלאַץ, עס איז געווען אַן אויסגעהאַקט שטיק וואַלד, ווו עס זענען נאָך פאַרבליבן יונגע בוימלעך און קוסטעס מיט מאָך. האָבן נעבעך די יידישע בהמות געדאַרפט מאַכן אַ סך וועג איידער זיי האָבן דערלעבט מיט זייערע צונגען אָנקלייבן אַ ביסל בלעטער אָדער מאָך, כדי אָנצופילן זייער ליידיקן מאָגן.

יהודה דער פּאַסטוך איז נעבעך געווען אַן אָרעם יינגל אָנגעטון אין טראַנטעס פון אָרעמע עלטערן. דער געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען האָט נישט געסטאַיעט אויף אַ רעכטן בגד. אין זיין טאָרבע אויפן אַקסל — אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט הערינג, האָט ער געדאַרפט אויסקומען מיט דעם גאַנצן טאָג און דערנאָך אויסשטיין צרות פון די בעלי־ביתטעס פאַרוואָס זייערע קי גיבן וואָס אַמאָל ווייניקער מילך. „וואָס בין איך שולדיק", פלעגט עס טענהן, „אַז וואָס אַמאָל איז דאָ מער בהמות און קעלבלעך און ווייניקער פּאַשע". דער פּריץ קאַרטשעוועט אויס דעם וואַלד, ער האָט געמאַכט אַ פאַבריק פון טערפּענטין, בלייבט ווייניקער פּאַשע. דאָס ביסל גראָז, וואָס זיי האָבן געגעסן דעם טאָג, טרייסלען זיי אויס ביז זיי קומען צו די שטאַלן און מ'דאַרף זיי באַלד מאַכן די צעברעס און געבן עסן פון דאָס ניי. אויב נישט, איז נישטאָ אויף מאָרגן קיין מילך אויף דעם טעפּעלע ציקאָריע פאַר די קינדער.

די יידישע בהמה האָט נעבעך געמוזט טיילן דעם זעלבן גורל ווי איר יידישער בעל־הבית, ווייל זי צוגלייך מיט אים זענען געווען די שפּייזער פון דער משפּחה.

חיים שבח (אַרגענטינע)

נצח ישראל

זיצנדיק אין בין־השמשות און באַטראַכטנדיק אין געדאַנק די פאַרגאַנגענע וועלט, זע איך אין די ווייטע הימלען ביי אַ שאַך־טישל צוויי געשטאַלטן זיצן און ברעכן זיך די קעפּ מיט אַ שווערן ענין. איינער אַ הויכער מיט אַ ברייטער ברוסט, אַ שאַרפן בליק, געדיכטע ברע־מען און אַן אַדלער־נאָז; דער צווייטער מיט אַ בלייך פּנים, דין געשניצטער נאָז, אַ שיטער שוואַרץ בערדל און זעט אויס ווי פאַרחלומט.

„נו, מיין טייערער פריינד", רופט זיך אָפּ ר' משה צו יוספן. „וואָס האָסטו אויפגעטון אויף דער וועלט וואָס איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט. געגעבן דיר אַ גאָט אַן איין איינציקן, וואָס איז מוחל אַלע מענטשן זייערע זינד, וואָס זיי טוען אָפּ, געגעבן זיי די לוחות, אַ וועג אין לעבן, אַ גלויבן אין איין גאָט און אין דער מענטש־הייט. נאָר דו, מיין נאָכפאָלגער, דו האָסט פאַרקריפּלט די וועלט מיט פאַלשע נביאים און אָפּגעטער. די מענטשן לעבן אין אַ 2000־יאָריקער פינצטערניש. עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעט־־הייזער, וואָס דו האָסט אויפגעבויט דו האָסט זיי אָנגעפילט מיט בילדער פון הייליקע און צלמים, פאַרפּעסטעט די לופט מיט ווייראוך און שנאה צו מיר, דעם איין און איינציקן גאָט.

„מיינע הייליקע צען געבאָט פרעדיקן ליבע פאַר אַלע מענטשן גלייך. דו ביסט אָבער דורכגעפאַלן מיט דיין מיסיע און שליחות אויף דער וועלט. דיין שנאה איז פאַר־לאָפן דעם וועג פון ליבע און ברידערלעכקייט. דיינע פּרע־דיקער פון ליבע זענען געבליבן שטאַרק הינטערשטע־ליק, ווייל זיי האָבן פאַרסמט די לופט מיט רשעות און שנאה צו מיר און מיינע גלויביקע אין איינציקן גאָט און געמאַכט צו שפּאָט אַלץ וואָס איז הייליק אין מיינע גע־באָטן, ליבע פון מענטש צו מענטש, פון דער נאַטור, וואָס גיט ליכט און פרייהייט און אויך ווילן צו לעבן פאַר אַלע מענטשן גלייך.

„איר האָט מיט אייערע לאַנגע שוואַרצע קליידער איינגעוויקלט די וועלט אין אַ 2000־יאָריקן שאָטן.

„שנאה, מאָרד, אויטאָ־דאַ־פע, אינקוויזיציעס, פּאָ־גראָמען, דאַכאַו, טרעבלינקע, אוישוויץ און אַנדערע גאַז־קאַמערן, פאַר די אַלע, וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין צווייטן גאָט, און דאַן איז געקומען גאָטס שטראָף, אַ מבול, וואָס האָט פאַרניכטעט אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט, דערנאָך מלחמות און אַטאָם־באָמבעס, וואָס וועלן פאַרענדיקן די גאַנצע מענטשהייט מיט אירע גלויבנס.

„עפנט אויף אייערע קלויסטערס, רייניקט אויס די טומאה, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן פון אַזוי פיל שנאה־פרעדיקן אין משך פון 2000 יאָר. אייערע היי־ליקע און צלמים פירט אַוועק און פאַרניכטעט, אַזוי ווי עס איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ פאָלק צווישן פעלקער, און בלאָזט אַריין אַ רוח פון ליבע און פריינדשאַפט צו דער גאַנצער מענטשהייט".

ר' יוסף האָט אַלץ אויסגעהערט, געצופּט דאָס שי־טערע שוואַרצע בערדל און געזוכט ווי אַזוי צו מאַכן אַ בעסערן צוג אויפן שאַך־טישל, דאָרט אין די הויכע הימלען.

חיים שבח (אַרגענטינע)

ועמד השמש בחצי השמים

ר׳ וועלוועלע

אַ מאַן מיט אַ פּירקאַנטיק פּנים און אַ בעל־הביתי־שער באָרד, אַ צעקודלטער, וואָס איז דערגאַנגען ביז דעם וועסטל ווו עס האָט זיך געבאַמבלט אַ זייגער פון ביליקן רוסישן גאָלד, מן הסתם אַ חתונה־מתנה פון שווער און שוויגער, איז וועלוועלע לייבע בערס איידעם געווען אַ יידעלע פון נידעריקן וווקס, אַ דאַרער, מאָגע־רער, קוים וואָס זיך געהאַלטן אויף די פיס, אַ דערשראָ־קענער קוק, אַ בלייך פּנים און פליישיקע נאָז.

סיי זומער, סיי ווינטער, געגאַנגען אין אַ לאַנגן מאַנטל, שווערע שיך און אַ האַרטן קאַפּעלוש אַראָפּגע־רוקט ביז איבער די אויערן. די קינדער אין שטעטל פלעגן אים נאָכלויפן און שרייען „ר׳ וועלוועלע״, און דאַן פלעגט ער פאַרשאָפּטן מיט די דאַרע פינגער די אויערן און אָנהויבן צו לויפן פון איין זייט גאַס צו דער צווייטער, כדי זיך ערגעץ צו באַהאַלטן פון דעם קינ־דערשן שרייען און נאַיוון שפּאַסן, וואָס פלעגט אים דריקן ביז דער טיפעניש פון זיין אפשר צעווייטיקטער נשמה. זיין גאַנג האָט אויסגעזען ווי פון טשאַרלי טשאַפּלין און דאָס האָט נאָך מער גערייצט די חברה באָסיאַקעס.

זיין פרוי שפרה, אַ הויכע, גראָבע, מיט אַ גע־שטופּלט פּנים, אַ גראָבער נאָז און פליישיקע ליפּן, אָנ־געטון שטענדיק אין אַ ברייט גרוי קלייד, האָט אויס־געזען ווי אַ מאָנומענט נעבן איר מאַן. דאָס האָט דער רבי איינגעהאַנדלט אַ ישיבה־בחור פאַר זיין נישט גע־ראָטענער טאָכטער.

אין האַרבסט פון 1914 יאָר האָט זיך די מלחמה דערנענטערט צו אונדזער שטעטל פּיעסק. די יוגנט האָט מען צוגענומען אין מיליטער, דינען ביי פאָניע־גנב, און אין שטעטל זענען פאַרבליבן בלויז אַלטע לייט, יונגע קינדער און פרויען, וואָס האָבן אונטער דער וואָך פון סאָלדאַטן געגראָבן אַקאָפּעס נעבן סטרומניצער וואַלד פאַר דער אַרמיי, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן פון פראָנט און האָט זיך געגרייט צו ווינטערן נעבן ניעמאַן. דער טייך איז געווען אַ נאַטירלעכער סטראַטעגישער פּונקט אָפּ־צוהאַלטן דעם שונא. טאָג־איין טאָג־אויס פלעגט מען גראָבן אַקאָפּעס און שוץ־קעלערן.

די פּויערים האָבן זיך געאיילט אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער און זי ערגעץ־ווו באַהאַלטן. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען בין־השמשותדיק, די זון האָט גע־האַלטןביים אַראָפּנידערן און באַפאַרבט דעם הימל מיט אַ רויטלעכן שיין, די שפּיצן פון די בוימער האָבן גע־גלאַנצט פון דער שקיעה־שעה און דער וואַלד האָט זיך איינגעוויקלט אין לאַנגע שאָטנס. די זשאַבעס ביים טייכל האָבן געזאָגט זייער קריאת־שמע, אַלץ האָט אויסגעזען אַז עפּעס דאַרף געשען, אַ שטימונג פון דערוואַרטונג, פון אַנגסט און נערוועזיטעט.

מיט אַמאָל האָבן אַלע אויפגעהויבן די אויגן צו מערב, און די זון פאַרגייט נישט. די זון איז געבליבן שטיין. דאָס איז נישט קיין זון־אונטערגאַנג. די הימלען ווערן וואָס אַמאָל רויטער, מ׳זעט ווי די לעצטע שטראַלן פון דער זון מישן זיך מיט פלאַמיקע צונגען פון פייער, וואָס קומט ערגעץ פון אונדזער זינדיק וועלטל. עס ברענט די וועלט, דער גאַנצער אַרום און אַרום — מאָסט, ראַש, וואָלקאָוויסק, און די גאַנצע אומגעגנט. די וועל־דער , פעלדער. זיילן רויך רייסן זיך און פאַרטונקלען דעם הימל פון מאָל צו מאָל און דאַן ווידער די רויטע פלאַמען, וואָס מישן זיך צונויף מיט דעם זון־אונטער־גאַנג. און פון דעם גאַנצן אומרו און אימה פון אַרום האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעשיילט אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס איז געלאָפן מיט אַ שאַליק אין האַנט און געשריען: „וועלוועלע, וועלוועלע, אַהיים גיי, דו הוסט דאָך, וועסט זיך נאָך חלילה פאַרקילן...״

און איינער האָט פאַרצויגן אַ ניגון: די זון פאַרגייט אין פלאַמען, די זון מ׳זעט זי קוים, אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג, אַזוי פאַרגייט מיין טרוים.

חיים שבח (ארגענטינע)

פיעסק אין א ווינטערדיקער נאכט

אויסגעשטערנט איז דער הימל און בלוי. א סאמע־טענע בלויקייט מיט א פולער לבנה, וואס שפאצירט פאמעלעך. דאס שטעטל איז פארטיפט אין א טיפן ווארע־מען שלאף אונטער א ווייכער קאלדרע פון שניי. די שטיב־לעך צוגעטוליעט איינס צום אנדערן, ווי זיי וואלטן שוין געזוכט איינס ביים אנדערן.

פון די דעכער הענגען אראפ פארפרוירענע ליכט־לעך, ווי א קראנץ פערל, וועלכער גיט צו אזוי פיל שיינקייט צום אלעם ארום. די טאפלטע פענצטער פאר־פרוירן, געמאלט פון פראסט מיט פארשידענע בלומען. אינעווייניק צווישן די שויבן ליגן אנגעווארפן פארשי־דענע גראזן, מאך, מיט פלעשלעך, אלץ מסתמא א סגולה קעגן בייזן ווינטער.

דאס שטעטל רוט, ליידיק די גאסן. דער ברונעם, וואס שטייט אין מיטן מארק איז פארפרוירן, דער צוים ארום אים איז פארגליווערט פון א גראבן שיכט אייז, און ארום איז גליטשיק, א סכנה זיך צו דערנענטערן.

די בוימער שטייען אזוי רואיק, פארטראכט, באדעקט מיט שניי און פראסט, און טראכטן פון בעסערע צייטן, אז א גרינער צודעק זאל פארבייטן דעם ווייסן און גרינע בלעטער מיט פארשידענע בליעכץ זאלן שפראצן ארום. נאר דערווייל איז קאלט, דער פראסט טרעשטשעט אונ־



בית־המדרש „דער מויער"

טער די פּיס, דער אָטעם פרירט אין דער לופטן. דו שפּאַצירסט אַנגעטון אין שטיוול אָדער וואַליקעס, די פּיס איינגעוויקלט אין וואַלענע שמאַטעס און די הענט אין פוטערנע הענטשקעס מיט אַ באַשליק אויפן קאָפּ.

און אָט איז אונדזער טייכל זעלעוויאַנקע, באַדעקט מיט אַ גראָבן שיכט אייז, אַנגעשאָטן מיט שניי, גלאַנצט ווי מיט בריליאַנטן קעגנאיבער דער שיין פון דער לבנה. אַזוי פיל ליכטיקייט און ווייסקייט, אַזוי פיל לבנה־שיין, קאָן מען נאָר זען אין מיין שטעטעלע פיעסק. אַן איינ־דזעלע אַרומגערינגלט מיט וועלדער און פעלדער, טייכן און לאָנקעס. שטיבלעך, ווו עס צאַנקט אַ פייערל פון אַ קורניק, און אַ מאַמע איז שוין אויפגעשטאַנען שיילן קאַרטאָפל אויף אָנבייסן און צושטעלן אַ וואַרעמען טשיי־ניק אויף מאַכן ציקאָריע. אַ דינער רויך גייט אַרויס פון קוימען און גייט גלייך אין הימל אַריין. „אין שול אַריין, אין שול אַריין" — קלאַפּט שמואל דער שמש מיטן שטעקן אין האַנט, אַנגעטון אין אַ לאַנגן און וואַרעמען בגד און רופט צום ערשטן מנין.



בית הכנסת השול בפיעסק



חיים רוזשאַנסקי (אַרגענטינע)

די שטאָלצע וואַסער־מענטשן

מיט פיל פאַרערונג דערמאָן איך אונדזערע פּיעס־קער וואַסער־מענטשן. אונדזער שטעטעלע פּיעסק איז גע־ווען אַרומגערינגלט מיט וואַסער און האָט אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער אינדזל. אויף דעם אינדזל איז געווען אַ פּרעכטיקע נאַטור, שיינע לאַנקעס, וועלדער און פעל־דער, פּרוכטבאַרע סעדער און שמעקעדיקער בעז, און אַרום דער טייך, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין דער זעלעוויאַנקע. דאָרט האָט זיך אויסגעלעבט אַ געוויסער טייל פון אונדזער יידישער באַפעלקערונג ביים טרייבן האָלץ אויפן וואַסער, און דערפאַר האָט מען זיי גערופן די וואַסער־מענטשן.

זיי האָבן געצויגן פון וואַסער זייער בידנע פּרנסה. דאָס האָלץ פלעגן זיי בינדן און טרייבן קיין זעלוויאַן צו דער סטאַנציע, און פון דאָרט פלעגט מען דאָס שוין לאַדעווען אין וואַגאָנען צו די האָלץ־סוחרים, וועלכע האָבן עס צעשיקט אין פאַרשידענע שטעט און לענדער.

קיין אינדוסטריעל שטעטל איז פּיעסק נישט גע־ווען, און אַז עס פלעגט צווואַקסן אין אַ משפּחה אַ קינד, איז קיינמאָל נישט געווען ביי וואָס צו פאַרדינען אַ גראָשן.

מיין טאַטע ז״ל איז אויך געווען אַ וואַסער־מענטש, און אַזוי אַרום האָב איך שוין געהאַט אַ צד אין טייך. נאָך אַלס קליין יינגל האָט ער מיך מיטגענומען מיט אים צו דער אַרבעט צום וואַסער, און אַזוי אַרום בין איך אויך געוואָרן אַ שטיקל וואַסער־מענטש, אָבער אויף אַ גאָר קורצער צייט, בלויז פאַר אַ פּאָר זומערן. איך האָב געזען, אַז איך וועל דערביי קיין גליקן נישט מאַכן, און שאַפן אַ פּאָזיציע פאַר דער צוקונפט געוויס נישט, ווייל די אַרבעט איז בלויז זומער, און ווינטער פלעגן מאַנכע גוט צוהונגערן. איך אָבער האָב געהאַט אַ גרויסן פּע־לער, אַז איך פלעג וועלן עסן אויך ווינטער, בין איך אַוועק זוכן עפּעס אַנדערש. אין זכרון זענען מיר אָבער געבליבן טיף איינגעקריצט די פּאָר מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, אַט די ליבע און האַרציקע יידן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַרשווינדן פון מיין זכרון.

ווי געזאָגט, פלעגן די וואַסער־מענטשן אַרבעטן נאָר זומער, און ווינטער פלעגט יעדער איינער זוכן צו פאַר־דינען ביי פאַרשידענע אַרבעטן, כדי איבערצושטופּן דעם ווינטער. מען פלעגט קוים דערציען ביז ערב פּסח, ווען מען האָט געמאַכט די קאָנטראַקטן פאַר אַרבעט און נעמען האַנט־געלט, כדי מען זאָל האָבן מיט וואָס צו מאַכן פּסח.

אייגענע געזעצן

עס איז כדאי צו דערמאָנען די אייגנאַרטיקע גע־זעצן, וועלכע האָבן פאַרפליכטעט צווישן די וואַסער־מענטשן. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען אַ פאָטער פלעגט אַריינגעמען אַ זון צו דער אַרבעט, פלעגט ער מוזן צאָלן אַ געוויסן פּראָצענט פון יעדער אַרבעטס־וואָך די, וועל־כע האָבן געאַרבעט אָן קינדער. מיר, די יונגע, האָבן שפּעטער דאָס דאָזיקע געזעץ מבטל געמאַכט.

נישט איינמאָל פלעגן מיר זיצן אַלע צוזאַמען ביים ברעג פון טייך און געניסן פון דער שיינער נאַטור. די עלטערע פלעגן אונדז דערציילן זייערע אויפטוען, און מיר, דאָס יונגוואַרג פלעגן זיך צוהערן מיט גרויס אינטע־רעס און נייגיר. אָט זע איך ווי דער אַלטער יונה מיט דער לאַנגער באָרד, מיין טאַטע, ניאָמע קיזשעס, באָניע, וועלוול דער טוריער און פיל אַנדערע, דערציילן אונדז מיט פרייד און שטאָלץ, ווי אַזוי זיי האָבן אַמאָל דורכ־געפירט אַ שטרייק קעגן בעל־הבית פאַר נישט זאָגן זיי קיין גוט־מאָרגן. זיי האָבן דאַן געאַרבעט ביי קאָפּל דעם נגיד. איין שיינעם טאָג איז ער געקומען צום ברעג טייך ,און דורכגעגאַנגען נעבן זיי מיט שטאָלץ און גרויס־קייט פון אַ נגיד און קיינעם נישט באַגריסט, קיינעם נישט געזאָגט קיין גוט־מאָרגן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך אויפגעהויבן פון דער גרופּע

ניאָמע קיזשעס, אַ כיטרער און געביפּטער ייד, און האָט אַלעמען געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. ער האָט אויך צוגערופן קאַפּלען און אים שאַרף אַריינגעזאָגט... אין טאַטנס־טאַטן. דעם איז נעבעך פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אָפּצוטראָגן ווי אַמשנעלסטן. נישט אַזוי לייכט איז אים אָבער דאָס אָנגעקומען. ער האָט אים דאַן צוגעגעבן, אַז דאָס נישט זאָגן! קיין גוט־מאָרגן, וועט אים קאָסטן מיט צוויי קאָפּיקעס מער אויף יעדן קלאָץ. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד און ער האָט נעבעך זיין שטראָף געמוזט באַצאָלן. פון דאַן אָן פלעגט ער אונדז טראָגן דעם גוט־מאָרגן אַנטקעגן.

שפּעטער האָבן די וואַסער־מענטשן געאַרבעט ביי רוזשנאַיער סוחרים. זיי האָבן דערציילט אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי משה יונהס ברודער איז געפאָרן אויף אַ טראַטווע און דערזען פון דער ווייטנס ווי עטלעכע פרויען טרינקען זיך. די דאָזיקע פרויען זענען געגאַנגען קלייבן שטשאַוו אויף דער אַנדערער זייט, וועלכער איז דאָרט געוואַקסן שטאַרק געראָטן. נישט האָבנדיק קיין פאַרגעפיל פון געפאַר, האָבן זיי געפּרוווט אַדורכגיין אויף דער אַנדערער בוכטע. זיי זענען אָבער אַריין אין טיפע ברויזנדיקע וואַסערן.

משה האָט באַוויזן אַרויפצוציען אויף דער טראַטווע דאָס גאַנצע בינטל פרויען און האָט זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. פון דאַן אָן האָט מען גערופן די דאָזיקע בוכטע מיטן נאָמען „משהס בוכטע".

צוזאַמענשטויס מיט גויים

מיט אַזעלכע האַרציקע און אָפּטמאָל קאָמישע עפּיזאָדן איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען פון זומער צו זומער. איין זומער — געדענק איך — ווען איך האָב שוין געאַרבעט ביים וואַסער, איז געווען אַ שרעקלעך הייסער, אַזוי ווייט אַז אויף דער אַנדערער זייט פון דער בוכטע האָט אויסגעטריקנט דאָס וואַסער און דאָס האָט אונדז געשטערט ביי דער אַרבעט. עס האָט אונדז געדראָט צו פאַרלירן געלט, ווייל אַנשטאָט בינדן 10 קלעצער אָדער 5, האָבן מיר געמוזט די זעלבע צייט פאַרלירן ביי 2 אָדער 3 קלעצער.

די וואַסער־מענטשן האָבן דאַן פאַרלאַנגט אַ העכערונג. דער האָלץ־סוחר האָט נישט נאָכגעגעבן און איז אַוועק זוכן אַנדערע אַרבעטער. אַלע אַרום האָבן געוווּסט, אַז דער פּיעסקער טייך געהערט צו די פּיעסקער וואַסער־מענטשן, שוין פון דורות, און קיינער האָט די אַרבעט נישט געוואָלט אָננעמען. דער סוחר האָט זיך אַלזאָ געווענדט צו די גויים פון איבערן ניעמאַן, און אַזוי ווי די דאָזיקע זענען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן, האָבן זיי גלייך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און זענען געקומען צו דער אַרבעט. זעענדיק, אַז מען נעמט אונדז צו דעם ביסן ברויט פון מויל, האָבן מיר אויסגעקליבן צוויי עלטערע מענטשן זיי זאָלן גיין מיט זיי פאַרהאַנדלען. די דאָזיקע האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט איבערצייגן און האָבן אַ געשריי געטון „בעי זשידאָוו".

ע סהאָבן זיך גענומען שיטן קלעפּ אויף די צוויי אַלטע יידן, און די דאָזיקע זענען קוים לעבעדיקע אַרויס פון זייערע הענט. ווען מיר האָבן דערזען יונהן מיט וועלוולען אַזעלכע צעשלאָגענע, האָבן מיר זיך אַלע אָרגאַניזירט, טאַטעס און זין, און אַוועק צום טייך אויף מלחמה מיט די גויים. אונדזער געווער זענען געווען די באָסאַקעס, און מיר האָבן זיי אַזוי צעשלאָגן, אַז דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פון זייער בלוט. די גויים זענען זיך צעלאָפן ווי מייז אין די לעכער, און מער האָט מען זיי נישט געזען.

זיי האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. זיי האָבן געמיינט, אַז די יידישע וואַסער־מענטשן קאָנען בלויז באַקומען קלעפּ אָבער נישט געבן. אין זייערע גוישע קעפּ איז גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז זיי וועלן באַקומען באַצאָלט צענפאַכיק.

דער מאַסן־אַרעסט

די געמיינסטע טאַט איז אָבער געקומען מצד יידן. זיי האָבן זיך גאָרנישט געשעמט צו פאַרפלעקן זייער יידישן כבוד און אָפּגעמסרט די וואַסער־מענטשן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ קאָמוניסטישן אויפשטאַנד. עס איז געקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע און אָפּפירן קיין וואָלקאָוויסק. מיר, עטלעכע יידישע יינגלעך, זענען אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער די עלטערע האָט מען אַרויפגעזעצט אויף פורן און אַוועקגעפירט.

דאָ האָט פּאַסירט עפּעס איינדרוקפולעס. ווען דער

אַלטער יונה האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט מיט־גענומען דעם טלית און תפילין. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט נעמען. דער קאָמענדאַנט האָט געזען, אַז ער קאָן מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָט ער אַוועקגעשיקט אים ברענגען דעם טלית און תפילין.

דערווייל האָט מיין שוועסטער שיינע אַרויסגערופן טעלעפאָניש מיין ברודער עליע, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין וואָלקאָוויסק און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. עליע האָט געהאַט זייער גוטע באַציאונגען מיטן אָרטיקן קאָמענדאַנט. ער האָט זיך מיט אים גלייך געטראָפן און אַלץ דערליידיקט.

ווער געדענקט נישט דעם ערב־שבת ביי די וואַסער־מענטשן. דאָס איז געווען ביי זיי דער קירצסטער טאָג אין דער וואָך. איך געדענק ווי דער אַלטער יונה פלעגט מיט זיין געזונטער מענערישער שטימע אַ געשריי טון: „האַמעוועןן די פּליטן, עס איז ערב־שבת!" און זיין שטימע פלעגט אַפּהילכן איבערן גאַנצן טייך. אַלע ווי איינער פלעגן בינדן די פּליטן, נעמען די באַסאַקעס אויף די פּלייצעס און מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרצן גיין אַהיים, כדי אויפצונעמען אונדזער הייליקן שבת.

נישטאָ מער יענע יידישע וואַסער־מענטשן, נישטאָ מער יענע האַרציקע געשטאַלטן, וועלכע איך וועל אָבער שטענדיק דערמאָנען מיט גרויס ליבע.

גליקע וואַנד־רוזשאַנסקי (ארגענטינע)

מיין אויסגעדרונענער חלום

יאָרן־לאַנג האָב איך געחלומט וועגן אַ יום־טובדיקער קלייד. איך פלעג טראַכטן וועגן איר סיי בייטאָג סיי ביינאַכט. איך פלעג זי אויסמאָלן אין מיין פאַנטאַזיע אַלס דעם שענסטן מאָדעל. איך האָב זי איינמאָל אַפילו אָנגעמאָסטן און איך האָב אויסגעזען אין איר שייִן, פריש און פריילעך. פאַר גרויס הנאה האָב איך אַ שמייכל געטון און אַפילו געלאַכט. דאָס לאַכן האָט מיך אַליין איבערגעשראָקן.

פון זינט איך געדענק, בין איך ערנסט און אומעטיק. אַלץ אין מיין וועזן האָט דאָס אויסגעדריקט: די שטאַרק טרויעריקע אויגן, דאָס בלייכע פנים, די באַוועגונגען. דאָס טיפע שווייגן. אָבער דער דראַנג נאָך אַ ניי קלייד האָט מיר געשאַפן ענערגיע און מוט.

שטענדיק האָט מיך איין געדאַנק געמאַטערט, ווי אַזוי דערגרייכט מען דעם ווייטן חלום?

און געשען איז אַ צופאַל, כאָטש עס איז געווען זייער אַ פיינלעכער פאַר אונדז יידן אין שטעטל. אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן די אויסגעחלומטע קלייד.

ביי אונדז אין שטעטעלע פיעסק האָבן פיל איינוווינער געהאַט קי. דאָס ביסעלע מילך פלעגט אויסלייזן פון אַ סך נויטן. אַ קראַנק קינד צו דערנערן, אַן אַלטן פאַרחלשטן ייד, מחייה זיין די שוואַכע, הונגעריקע און פאַרשמאַכטע נשמה. אָט אַזוי האָט מען געצויגן הילף און טרייסט פון דער קו. ווינטער האָט די קו געליטן צוזאַמען מיט איר בעל־הבית. שווער געווען אויסצוהאַלטן די אייגענע פאַמיליע אַזאַ לאַנגן קאַלטן ווינטער, האָט מען נאָך געמוזט זאָרגן פאַר דער קו. אַזוי פלעגט מען מיט אַלע כוחות דורכשטופּן דעם ווינטער און קוים דערלעבן דעם פרילינג. די קריסטן פון אונדזער שטעטעלע פלעגן מיטנעמען מיט זייערע סטאַדעס די יידישע קי. פאַר דעם פלעגט יעדער איינער אָפּצאָלן וויפל דער קריסט פלעגט פאַרלאַנגען. דער קריסט האָט פאַרמאָגט אייגענע פעלדער, וועלדער, לאַנקעס מיט גוטער פאַשע. מיר יידן — גאָרנישט. אַזוי האָט די קו מיטגעמאַכט דאָס שווערע לעבן צוזאַמען מיטן ייד. אָבער דער זומער האָט אַלעמען אָפּגעראַטעוועט. די קו פלעגט זיין זאַט, געבן אַ סך מילך און איר בעל־הבית איז געווען גליקלעך.

לויטן שטייגער פלעגן אַלע צונויפקלייבן די קי אויפן מאַרק אין צענטער פון שטעטל. מיטן טאָג גלייך פלעגן אַלע ברענגען די קי און דער פאַסטוך פלעגט קומען זיי צונעמען אויף אַ גאַנצן טאָג. איין מאָל האָבן זיך אַלע צונויפגעזאַמלט. אָבער דער פאַסטוך איז נישטאָ. עס איז שוין גאַנץ שפּעט און מען זעט אים נישט. פלוצלונג איז דערשינען איינער פון זיי און אויסגעשריען: „מיר ווילן נישט פאַשען די קי פון די זשידעס!״

די גרויזאַמע גזירה

פאַרשטענדלעך, אַז די גרויזאַמע גזירה איז געקומען פון די העכערע פענצטער, פון די פוילישע שלאַכטשיצעס. יעדער איינער איז געבליבן שטיין נעבן זיין קו פאַרצווייפלט. מאַנכע פרויען זענען אויסגעבראָכן מיט צו וועמען ווענדט מען זיך? ווען די מאַכט אַליין אונגעווייִן.. טרויער! אַן אומגליק! ווו גייט מען איצט? טערשטיצט דעם אַנטיסעמיטיזם.

אַריבער אַ טאָג, צוויי, די לאַגע ווערט שווערער און שווערער, ממש נישטאָ ווי אַזוי אויסצוקומען אַ טאָג איצט ווי האַלט מען אויס די קי? די בידנע בהמה ציט אין פעלד אַריין, דאָרט אויף דער פרייהייט. זי וויל נישט שטיין אין שטאַל. און אַרויסלאָזן טאָר מען נישט.

די קליינע קהילה פון אונדזער שטעטל האָט זיך פאַרזאַמלט, כדי צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע. אין דער שפּיץ איז געשטאַנען ר׳ אברהם שבח. ער האָט באַשלאָסן אָפּקויפן אַ שטיקל ערד. דער שטח איז געווען וויסט און פוסט און ווייט 5 קילאָמעטער פון שטעטל. ראשית מוז מען דעם באָדן איבערגראָבן. פאַרזעצןביי־

מער, פֿאַרזייען גראָזן און צוגרייטן די אייגענע פּאַשע פֿאַר דעם ביסל יידישע קי.

די קהילה האָט זיך גענומען גאַר ענערגיש צו דעם ענין. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף: מיר זוכן אַרבעטער. אַלע, ווער עס קאָן און וויל, בעט מען זיך שטעלן צו דער אַרבעט!

דעם זעלבן טאָג האָט זיך די גאַנצע יוגנט געשטעלט צום רוף. צוויי צילן האָבן זי געבראַכט אַהער. ערשטנס, ווייזן די שונאים, אַז מיר קאָנען אַליין אויסהאַלטן אונדזערע קי. עס האָט זיך געפֿונען אַ יידישער פּאַסטוך, וועלכער האָט געטריבן די אָרעמע בהמות ווייט פֿון שטאָט, כדי צו געפֿינען עפּעס, וואָס זאָל שטילן זייער הונגער. און מיר זענען צוגעטראָטן באַאַרבעטן דעם שטח.

דער צווייטער ציל האָט יעדן געוואַרעמט. ער וועט פֿאַרדינען עטלעכע זלאָטעס און וועט קאָנען העלפֿן זיין משפּחה.

איך בין געוועזן די ערשטע אויפֿן פּלאַץ. דאָ האָב איך געזען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון מיין חלום. איך האָב שוין געמאַכט אַ לאַנגן חשבון, אַז ביז סוף זומער וועל איך פֿאַרמאָגן אַזאַ סומע געלט, וועלכע וועט מיר נישט נאָר ברענגען דאָס נייע קלייד. איך וועל אויך קאָנען זיך קויפֿן אַ פּאָר נייע שיך און איך וועל זיין ממש פֿאַרפּוצט לכבוד יום־טוב. גלענצנדיק, האָב איך אויסגעשריען, און אַ שטראַל ליכט האָט מיך באַלויכטן.

עס שטראָמען שאָטנס

דער זאַמל־פּונקט איז געוועזן אויפֿן מאַרק. ווען דער ערשטער פּאַס ליכט האָט זיך באַוויזן אין מזרח, בין איך שוין געגאַנגען מיט מיין זעקעלע אויף דער פּלייצע צום זאַמל־פּונקט. באַלד האָבן זיך באַוויזן שאָטנס. זיי ציען זיך פֿון אַלע ווינקעלעך און געסעלעך. אויסגעזען האָבן זיי הויך און דאַר. קוים וואָס מען האָט דערקענט אין זיי געשטאַלטן פֿון מענטשן. נישט לאַנג געוואַרט האָט מען זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם יידן־שטח. טראָץ דעם ווייטן וועג און דעם שוואַכן פֿרישטיק, וואָס יעדער האָט באַוויזן עסן אין דער היים, האָט מען זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

די אַרבעט איז געוועזן שווער און פּיינלעך. שפּעט אין אָוונט פֿלעגן מיר צוריקגיין אַהיים מיט מידע גלידער און צעבראָכענע ביינער. אַזוי איז געפֿלאָסן אַ טאָג נאָך אַ טאָג. איך האָב געאַרבעט זייער פֿלייסיק. דער זומער איז שוין באַלד געוועזן צו סוף. יעדער פֿאַרגאַנגענער טאָג האָט מיך אָנגעפֿילט מיט מוט און פֿרייד. אָט־אָט וועל איך מיין ציל דערגרייכן.

אויפֿן שוועל פֿון דערגרייכן דעם ציל קומט אָן אַ בשורה, אַז ר׳ אברהם שבח, ראש הקהילה, פֿאָרט קיין אַרגענטינע צו זיינע קינדער און טאַקע אין די נאָענטסטע טעג. ווער עס זאָל פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דער קהילה איז נישט געווען. די אַרבעט ווערט גלייך אָפּגעשטעלט. מיט זיין אַוועקפֿאָרן איז אַראָפּ צום גרונט די יידישע שווערע אַרבעט און די יידישע פּאַשע, אונדזער געלט און שווערע מי און שווייס. איצט זענען אויך צוגעקומען בלוט און טרערן.

מיר בלייבן אַלע זיצן אין שטוב. דער הימל, וועלכער האָט זיך איין מאָל באַוויזן פֿאַר מיר העל און בלוי, איז ווידער פֿאַרוואָלקנט, און מיין שיינער חלום איז אויסגערונען געוואָרן צוזאַמען מיטן גורל פֿון אונדזערע יידן אין שטעטל.

פֿיל יאָרן זענען פֿאַרביי. איך לעב אין דער ווייטער אַרגענטינע. מיין שטעטעלע איז ווייט פֿון מיר שווערע טויזנטער מיילן. מיין שראַנק איז פֿול מיט די שענסטע קליידער, אָבער יענער חלום וועגן אַ ניי קלייד אויף יום־טוב גייט מיר נאָך און לאָזט מיך נישט אָפּ. און איך וויל אים אויך נישט פֿאַרגעסן.



דבורה רודבורד

דער ווידוי פון א סאציאליסטישן קעמפער

דעם 13טן סעפטעמבער 1957 האָב איך דערהאַלטן דעם לעצטן בריוו פון מיין פעטער יעקב אָסטרינסקי. דעם בריוו האָט ער געשריבן איין וואָך פאַר זיין קומען זען ארץ־ישראל. איך לייען דעם בריוו איין מאָל און נאָך אַמאָל, און האָב נישט גענוג. דער בריוו איז גע־שריבן מיט אַזוי פיל האַרץ, און דאָס אַלץ וועגן ארץ־ישראל.

דער בריוו איז אַ שווערער און ווייטיקלעכער ווידוי פון אַ גרויסן קעמפער נאָך פון יאָר 1905. מיין פעטער איז דאַן נאָך געווען זייער יונג, צווישן 17 און 18 יאָר, און האָט אויסגעזען אַפילו נאָך ייִנגער. ער איז געווען דאַר, הויך געוואַקסן, בלייך און געליטן אויף אַסטמע. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט גרויסע פעאיקייטן אין וואָרט און אין שריפט. קיין שול האָט ער קיינמאָל נישט באַזוכט. דער חדר און אַלטער רבי זענען געווען זיינע גייסטיקע דערציער. ער האָט אַליין געלערנט ליי־ענען און שרייבן. דאָס האַרץ — גוט און פּילבאַר. די נשמה האָט געשלונגען אין זיך דעם צער און נויט פון זיין סביבה, פון זיין גאַנץ שטעטעלע.

ער האָט זיך באַקענט מיט די געהיימע קעמפער פאַר מענטשלעכער פרייהייט, מיט די אַזוי גערופענע „ברי־דער און שוועסטער 1909" און האָט זיך גלייך אָנגע־שלאָסן אָן זיי. צוזאַמען מיט זיי גענומען זוכן אַ וועג צו לייזן די שווערע לאַגע פון די ייִדישע מאַסן. ער און אַלע איבעריקע האָבן געטראַכט דאָס מאַכן פּשוט און איינפאַך: זיי וועלן זיך פאַראייניקן מיט די קעמפער פון אַלע פעלקער און מיט בשותפותדיקע כוחות וועט מען ברענגען די באַפרייאונג פאַר אַלע מאַסן פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. צוזאַמען מיטן לייזן פון וועלט־פּראָב־לעם, וועלן אויך ווערן געלייזט די ייִדישע פּראָבלעמען אין גלות.

זיי, די סאָציאַליסטן, האָבן געגלויבט, אַז די אידעע וועט אויסראָטן די פּאָגראָמען און שחיטות אויף ייִדן. די אידעע וועט אויסראָטן די ווילדע אָנפאַלן אויף ייִדן און עס וועט קומען אַ סוף צום חרוב מאַכן שטעט און ייִדישע ישובים. מען וועט שוין מער נישט טרייבן קיין ייִדן פון לאַנד צו לאַנד, אָן אַ פאַר־ווען און אָן אַ פאַר־וואָס, מענטש צו מענטש וועט טראָגן ליבע און שלום.

אַ סוף צו די דאָזיקע האָפענונגען האָט געמאַכט פון איין זייט היטלער, וועלכער האָט געטראָגן מיט זיך חורבן און אונטערגאַנג פאַרן ייִדישן פאָלק; אין מזרח, ווו דער פינף־עקיקער שטערן האָט געדאַרפט באַלויכטן די וועלט מיט פרייהייט, איז געקומען סטאַלין און האָט געבראַכט טויט, פחד און פאַרשקלאַפונג. ביי דעם גרויסן חורבן פון דערלייזונג און פרייהייט איז געוואָרן צעריסן די נשמה פון מיין פעטער.

ער איז געבליבן שטיין פאַרן חורבן פון זיין איי־גענעם איך און אידעאַל. ע רהאָט געזען ווי ייִדן ווערן געברענט און געשאָכטן און די וועלט שווייגט. דאָס בי־סעלע לעבן געבליבענע ייִדן בלאָנדזשען איבער וועגן און קיין לאַנד לאָזט זיי נישט אַריין. דאַן האָט זיך מיין פעטער אָנגעשלאָסן אָן די בלאָנדזשענדיקע, כדי צו זוכן פאַר זיי אַ היים. ער קערט זיך אום צו זיין פאָלק און צו זיין אַלטער היים ישראל. פון דעם מאָמענט אָן גיט ער אַוועק זיין לעבן, כוחות און חלומות פאַרן ייִדישן לאַנד. דאָ וועל איך ציטירן עטלעכע שורות פון זיין לעצטן בריוו:

אַ בריוו — אַ ווידוי

„מיין איינציקער אידעאַל איז קומען אַהין, דאָרט צו מיין אַלטער היים. איך וויל זען דאָס לאַנד פון מיינע אבות, איך וויל שטיין אָרעם, קליין און שולדיק פאַר די אַלטע מצבות און פאַלן מיט מיין פּנים צו זיי און בעטן מחילה, וויינען און בעטן רחמים, זיי זאָלן מיך ריין וואַשן פון מיינע זינד.

„פאַרוואָס האָב איך מיין לאַנד באַקעמפט? פאַרוואָס האָב איך געוואָלט אויסראָטן פון יידישן ווען די העברעאישע שפּראַך? איך האָב געוואָלט אַרויסרייסן די שפּראַך פון די מיילער, וועלכע האָבן אין איר גערעדט. אַנשטאָט דעם האָב איך, און אַלע מיט מיר, געוואָלט איינפירן יידיש, אַלע זאָלן רעדן, שרייבן און לערנען נאָר יידיש אין די שולן, אין לעבן, אין גאַס און אין קולטור־ווען.

„איצט מאַמע־ערד, טאָרסטו מיר נישט לאָזן שטעלן מיינע פיס אויף דיינע זאַמדן, וואַרף מיך אַראָפּ פון דיינע שטיינער צוריק אין ים אַריין.

„40 יאָר האָב איך פון דיר נישט געוואָלט וויסן. 40 יאָר האָב איך דיך פאַרביטן אויף אַ פרעמדער אידעע, אָבער איך האָב געהאָפט ווי אַלע קעמפער, אַז מיטן אָפּשאַפן פון קאַפּיטאַליזם וועלן ווערן אָפּגעווישט גרענעצן פון לענדער, עס וועט אויסוואַקסן אַ גוטע וועלט, ווו מענטש צו מענטש וועט טראָגן פרידן און שלום. מיר האָבן געגלויבט, אַז מיטן פאַרשווינדן פון קאַפּיטאַליזם וועט אויך פאַרשווינדן דער גרויזאַמער אַנטיסעמיטיזם אויף אייביק.

„איצט שריי איך פאַרביטערט אין דער אכזריותדיקער וועלט אַריין... איך שריי צו אייך אַלע קעמפער, ווו זענט איר אַלע? פאַרוואָס שווייגט איר? ווו איז דאָס ליכט, וואָס מיר האָבן אַנגעצונדן? ווו איז דער שלום און אחדות?

„יאָרן־לאַנג האָב איך געאַרבעט פאַר אַ פרעמדן גאָרטן און מיין אייגענעם פאַרלאָזט. איצט קום איך צו דיר, ישׂראל, צעבראָכן, אַלט, אַנטוישט און אָפּגענאַרט. מיינע טייערע, איך פאַר צו אייך אַלעמען, צו דיר מיין היים. און צו אייך, מיינע ברידער אין ציון!

„מיין דבורהלע, איך האָב שוין אַלץ גרייט. אַלע פּאַפּירן ליגן אויף מיין טיש. איך שרייב דעם בריוו, איר זאָלט מיך אָפּוואָרטן...

„דבורהלע, איך זע דיך נישט, אויך דאָס פּאַפּיר, די פעדער פאַלט אַרויס פון מיין האַנט... נעבן מיר שטייט מיין דאָקטער... בעט מחילה מיין מאַמע־ערד, זאָג אַז איך ליב זי...”

מיין פעטער האָט פאַרענדיקט. ער האָט פאַרענדיקט גוט. ער האָט באַוויזן דערציילן זיין אמת, וועלכן ער האָט געשטיקט אין זיך יאָרן־לאַנג.

געליבט זיין שטעטעלע

איך האָב זיין לעצטן בריוו אָפּגעהיט ווי אַ צוואה. איצט ברענג איך אים אין דעם בוך פון דעם שטעטעלע, פאַר וועלכן ער האָט געזאָרגט זיין גאַנץ לעבן. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז ער געקומען אַלס דעלעגאַט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע און האָט געבראַכט הילף און טרייסט פאַר יעדן איינעם. יעדע שטוב האָט ער באַזוכט, אַלץ פאַרשריבן, ער זאָל חלילה נישט פאַרגעסן קיין וואָרט. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז ער ווידער געקומען און געבראַכט מיט זיך שטיצע פאַר יעדער פאַמיליע.

אין אַמעריקע האָט ער אַלע פּיעסקער אָרגאַניזירט אין איין משפחה. נאָכן חורבן פון היטלערס הערשאַפט האָט ער גענומען אויסזוכן דאָס ביסעלע לעבן פאַרבליבענע פּיעסקער, און האָט פאַרוואָרפן אַלע אינסטיטוציעס אין דער וועלט מיט בריוו ביז ער האָט זיי געפונען. נאָך דעם האָט ער זיי געשיקט הילף און געהאָלפן קומען קיין ישׂראל. „דאָ”, האָט ער זיי געשריבן, „איז אייער היים”.

נאָך דעם האָט ער געזוכט אַ וועג ווי צו פאַראייביקן די קרבנות און האָט באַשלאָסן, אַז דעם דענקמאָל וועלן מיר אויפשטעלן אין ישׂראל.

ווען די רבנים פון יאַגעל און מאַרקאָוויטש האָבן באַזוכט ניו־יאָרק אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפשטעלן פון דער גרויסער סלאָנימער ישיבה אין רמת־גן, נעמט יעקב אָסטרינסקי אַנטייל אין דעם פּלאַן, און דאָס טראָץ דעם וואָס ער אַליין איז נישט רעליגיעז. אין דער ישיבה וועט מען אויסבויען אַ צימער אויפן נאָמען פון די פּיעסקער. ער האָט אויך אָנגעהויבן שאַפן געלט פאַר

דעם פלאַן, נישט רעכענענדיק זיך מיט זיין קראַנקהייט. זיין אַסטמע האָט אים געפייניקט און אָפּגעשוואַכט.

ער האָט געוואַנדערט אין משך פון וואָכן איבער דער גרויסער אַמעריקע, אויפגעזוכט יעדן פיעסקער און געזאַמלט סענט צו סענט. דאָס צימער איז אויפגעבויט געוואָרן. ער מיט זיינע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער חיה לעווין און איר מאַן אַלטער שטייען פאַרשריבן ביים אריינגאַנג פון צימער.



משפחת אסטרינסקי

שרה לעווין־גלאַזער (ניו־יאָרק)

די ערשטע סדר־נאַכט ווייט פון פּיעסק

האַרבסט 1920 האָבן מיר פאַרלאָזן אונדזער שטעטעלע פּיעסק. מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזן צער און נויט. שווער געווען זיך צו געזעגענען מיט אונדזער שטיבעלע, מיט די בוימער, מיט דער שטילקייט און פריינטלעכקייט, וואָס איינער האָט געטראָגן פאַרן אַנדערן. דאָס האָב איך מיטגענומען מיט זיך אין מיין בלוט אין דער גרויסער וועלט אַריין.

נאָך שווערע מאַטערנישן אין דעם לאַנגן וועג האָבן מיר דערגרייכט דעם פּאָרט ניו־יאָרק. דאָרט האָט אונדז אָפּגעוואַרט דעם פאָטער ז״ל, מיין עלטערע־שוועסטער בעקי ז״ל און מיין גוטער ברודער איטשע־לייזער. די שמחה איז געווען גרויס. סוף־סוף, נאָך לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג, איז די משפּחה צוזאַמען. אַלע האָבן יענעם פרימאָרגן געדאַוונט און טאַקע אַ הייסע תפילה געטון צו גאָט פאַרן גרויסן נס.

וואָכן זענען פאַרביי, אָבער די גאַנצע צייט האָב איך באַמערקט ווי מיין מוטער באַהאַלט און שטעלט אַוועק טעפּעלעך אין אַ שטילן ווינקל, שמאַלץ, נייע כלים, כוסות, בגדים און טעפּ. אויף מיין פראַגע: צו־וואָס? האָב איך באַקומען אַן ענטפער: „מיין קינד, דאָס יאָר וועלן מיר פּראַווען דעם סדר די גאַנצע משפּחה, מוז מען צוגרייטן אַ גרויסן יום־טוב״. איך בין גלייך מיטגעריסן געוואָרן מיטן געדאַנק. געהאָלפן מאַכן, שאַפן און קויפן. אין דער סדר־נאַכט וועלן מיר דערציילן וועגן דעם נס, ווי אַזוי מיר זענען אַלע לעבן געבליבן נאָך אַזאַ מלחמה, נאָך אַזוי פיל עפּידעמיעס, נאָך אַזוי פיל טויט און אומגליקן. איך האָב שוין געציילט די טעג...

ערב־פּסח איז דאָ. דאָס גאַנצע הויז שטייט ווי אַ כלה צו דער חופּה. מיין פאָטער איז שטאַרק פאַרנומען. ער גרייט זיין קיטל, די הגדהס, אליהו הנביאס כוס. ער גרייט אָן פלעשער וויין, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, כדי עס זאָל זיין געווען כשר אויף פּסח. די זון איז אַרונטער. די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש ליכט לויט דער צאָל פון אירע קינדערלעך. לאַנג האָט זי דאָס מאָל געבענטשט. איך האָב געוואָלט זיך צוהערן, אָבער זי האָט תפילה געטון טיף אין איר נשמה, קיינער זאָל זי נישט הערן.



די פאַמיליע לעווין

מיין פאָטער מיט די זין שמואלקע און איטשע־לייזער זענען אַוועק אין שול. עס איז מיטגעגאַנגען מיט זיי דער ערשטער אידעם גינגאָלד. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ שטיל זמרל, אַ סימן אַז זיי קומען צוריק פון שול. די שטוב איז פול געוואָרן מיט געזאַנג פון די יום־טובדיקע תפילות.

דער פאָטער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אויף דער

שיינער היסב־בעט, וואָס מיר האָבן אים צוגעגרייט. יע־דער איינער האָט זיך געזעצט צום טיש. דער פאָטער האָט געמאַכט קידוש, אָבער יענעם קידוש און יענעם שהחיינו האָב איך געזוכט יאָר־איין, יאָר־אויס ביי דער סדר־נאַכט און מער נישט געהערט.

דער פסוק „עבדים היינו" האָט פאַרהילכט די שטוב און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער גאַנצער קוואַרטאַל האָט געקלונגען מיט דעם געזאַנג. איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן. מיין בליק איז געפאַלן אויפן ליכטיקן פנים פון מיין פאָטער. איך האָב דערזען אין אים אַ געשטאַלט פון אַ צדיק, אַ צדיק, וועלכער רעדט מיט גאָט פנים אל פנים. נעבן אים איז געזעסן די מוטער און דאָס ליכט האָט זיי ביידע פאַראייניקט. לאַנג האָבן מיר גע־זונגען די תפילות. דאָס עסן, די געשמאַקע מאכלים זענען געווען אַ נעבן־זאַך.

דער זייגער האָט געשלאָגן 12. דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט גרויס כוונה געלייענט דעם פסוק „שפוך חמתך על הגויים". איך האָב געעפנט די טיר. אַ פאַרבאָרגענער ציטער האָט מיך דורכגענומען. איך בין געווען דערשיטערט. אָבער איין זאַך בין איך זיכער, און אַפילו ביזן היינטיקן טאָג, אַז אליהו הנביא איז אַריין. און דער שליח פון גאָט האָט מיטן פאָטער מיטגעזונגען „לשנה הבאה בירושלים". יאָרן האָט מיין פאָטער געוואַרט מקיים צו זיין די תפילה. ליידער איז ער געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמת השחרור אין יאָר 1948.



די פאמיליע לעווין אין אמריקה

אַ סך יאָרן זענען זיך פאַרלאָפן פון דאַן, שוין מער פון פופציק. אָבער די ערשטע סדר־נאַכט אין אַמעריקע טראָג איך ביז היינט אין האַרצן. און עס איז גוט, אַז דער דאָזיקער סדר וועט פאַראייביקט ווערן אין פּיעס־קער בוך. דאָס איז זיכער געווען דער פאַרלאַנג פון מיין פאָטער. די גאַנצע יאָרן פון זיין לעבן אין דער רוסישי־קער אַמעריקע האָט ער געטראָגן אין זיך דאָס ליכט פון אונדזער שטעטעלע, און ער האָט זיך באַמיט, אַז זיין גייסט זאָל הערשן צווישן אונדזערע פּיעסקער אין אַמע־ריקע. ער איז געווען דער ערשטער גרינדער פון דעם פּיעסקער פאַראיין. ער איז געווען דער גבאי און בויער פון דער פּיעסקער שול אין ניו־יאָרק. ער האָט געהאָלפן זאַמלען די געלטער, כדי אויפשטעלן דעם דענקמאָל נאָך די פּיעסקער קרבנות פון היטלערס שחיטה. אַזוי האָט ער געאַרבעט פאַר זיין שטעטעלע ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.



שרה גלאזעריס עלטערן און פאמיליע



די פאמיליע גינגולד



אברהם וואַלאַך (ארגענטינע)

א פארשטערטער יום־כיפור

דאָס איז געווען אין יאָר 1920. די מלחמה איז אָפי־ציעל שוין געווען פאַרענדיקט. אָבער אונדזער שטעטל האָט נאָך פון קיין מנוחה נישט געוווּסט. ביי אַלעמען זענען נאָך פריש געווען אין זכרון און אין געמיט די איבערגעלעבטע מלחמה־יאָרן, די יאָרן פון דער דייטשער הערשאַפט, און שפּעטער פונדער פּוילישער און באָל־שעוויסטישער.

יעדע נייע מאַכט האָט אין אונדזער שטעטלדיקן לעבן אַריינגעבראַכט נייע דאגות. די דייטשע אָקופּאַציע באַלד אין אָנהויב מלחמה האָט גלייך געלאָזט פילן דאָס שווערע לעבן פון דער מלחמה־צייט, כאָטש אין 1915 יאָר האָבן די דייטשן זיך נישט באַצויגן צו די יידן אַזוי ווי אין 1939 און קיין דירעקטע סכנה פאַר דעם לעבן איז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע נישט געווען ביי אונדז.

אַ סך ערגער איז געווען, ווען נאָכן פּלוצלינגדיקן צוריקטריט פון די דייטשן, זענען אין אונדזער שטעטל אַריין די פּוילישע אַזוי גערופענע „לעגיאָנערן", די טרוי־עריק־באַרימטע „האַלערטשיקעס", וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויס פאַרגעניגן צו שניידן יידישע בערד אין מיטן גאַס און בכלל אָנטון כלערליי צרות דער יידישער באַ־פעלקערונג.

נאָכדעם האָבן אין אונדזער שטעטל איבערגענומען די מאַכט די באָלשעוויקעס, און עס האָט זיך ווידער אַלץ געביטן. אמת, מיר זענען פּטור געוואָרן פון די ווילדע אָנפאַלן פון די „האַלערטשיקעס", אָבער עס זענען גע־קומען נייע שוועריקייטן און דאגות. די נייע מאַכט האָט קודם־כל פאַרפירט אַ קאַמף קעגן די „בורזשויען" ביי אונדז אין שטעטל. דער דאָזיקער קאַמף איז באַשטאַנען אין רעקווירירן, וואָס מיינט פּשוט צונעמען ביי יעדן איינעם אַלץ וואָס מען האָט נאָר געפונען פון סחורה און פּראָדוקטן. חוץ דעם איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ סדרה „אָביסקעס", דאָס הייסט הויז־זוכונגען פון געווער, און נישט זעלטן פלעגט מען אויך זוכן שפּיאָנען.

אַט דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז אַרעסטן זע־נען געוואָרן אַן אָפטע זאַך אין אונדזער שטעטלדיקן לעבן.

אַן אַרעסט ערב יום־כיפור

וועגן איינעם פון די אַרעסטן וויל איך דאָ דער־ציילן, און הגם אַן אַרעסט איז אין יענער צייט, ווי שוין געזאָגט, געווען ביי אונדז אַ געוויינלעכע זאַך, איז דער דאָזיקער אַרעסט באַזונדערס געבליבן ביי מיר אין זכרון, אפשר דערפאַר, ווייל ער איז פאָרגעקומען אין ספּעציעלע באַדינגונגען און גראָד אין אַן ערב יום־כיפור, אַ פאַקט, וואָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ באַזונדערס פיינ־לעכן איינדרוק.

די שטימונג איז אין יענער צייט סיי ווי געווען אַן אָנגעשטרענגטע. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען, ווי גע־זאָגט, אונטער דער מאַכט פון די באָלשעוויקעס, אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז דער קאַמף מיט די פּאָליאַקן איז נאָך נישט פאַרענדיקט. כאָטש דער דאָזיקער קאַמף איז דעמאָלט פאָרגעקומען גאַנץ ווייט פון אונדזער שטעטל, פלעגט מען אָבער דאָך אָפט הערן די פאַרטויבטע קראַכן פון האַרמאַטן־שיסעריי און אויפרייסן פון באָמבעס, און אונדזערע הערצער זענען פול געווען מיט פחד און מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל ווי עפּעס שרעקלעכעס וואָלט געלויערט אויף אונדזערע קעפּ. דערצו איז נאָך צוגע־קומען די ספּעציעלע ערב יום־כיפור־שטימונג, ווי זי

פלעגט זיין אַמאָל אין שטעטל, ווען יעדער איינער מאַכט ביי זיך אַ חשבון־הנפש און גרייט זיך צום יום־הדין. אַ סך האָבן זיך אויך דערמאָנט ווי אַנדערש עס איז געווען אַמאָל אין די פריערדיקע יאָרן, ווען מיטן אָנקום פון די ימים־נוראים איז אַריינגעטראָטן עפּעס אַ געפיל פון יום־טובדיקייט און קדושה. דאָס דאָזיקע געפיל פלעגט נאָך פאַרשטאַרקט ווערן אין די עשרת ימי תשובה, ווען מען האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע דעם יום־הדין, און מען האָט געמאַכט צוגרייטונגען צום יום־טוב. דאָס וואָכעדיקע לעבן פון אַ גאַנץ יאָר איז ערגעץ אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און עס איז געוואָרן יום־טובדיק.

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

אָט דאָס אַלץ איז געקומען אין זכרון יענעם ערב יום־כיפור, ווען מיר האָבן זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע, צווישן דעם נאָך נישט פאַרענדיקטן קאַמף פון די באָלשעוויקעס מיט די פּאָליאַקן, אין אַן אַטמאָספער פון אומזיכערקייט און שרעק. די הכנות צום יום־טוב זענען צוגעגאַנגען שטיל, אָן רעש. מיט אַ שווער געמיט האָט מען זיך געזעצט צום טיש צום אָרעמען „פאַרפאַסטן". דער טיש איז טאַקע געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטוך, אָבער אונטער דער קליינער ווייסער סערוועטקע איז געלעגן אַ שוואַרץ ברויט און אין די טעלערס — די פאַרעווע און אָרעמע מאכלים פון יענער צייט.

איך געדענק ווי מיין פאָטער איז אָנגעקומען פון שול נאָך מנחה דאַווענען און שלאָגן מלקות. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. דער פאָטער איז געזעסן טרויעריק און פאַרזונקען אין מחשבות. ער האָט געווייטיקט אויף צרות הכלל. געגעסן האָט ער זייער ווייניק, כדי צו האָבן אַ לייכטן תענית. אין שטוב האָט געהערשט אַ הייליקע שטילקייט, וועלכע איז מאָמענטנווייז איבערגעריסן געוואָרן דורך מיין מוטערס אַ זיפץ.

אָבער אָט האָבן מיר אָפּגעגעסן די אָרעמע סעודה, געבענטשט מיט גרויס כוונה וואָרט ביי וואָרט. מיין פאָטער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און געבליבן שטיין מיט אַ פייערלעכן אויסדרוק אויף זיין איידל פנים. ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע צאַרטע הענט איבער אונדזערע קעפּ און האָט אונדז געבענטשט. אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין באַק און איז געבליבן הענגען אויף זיין צעקעמטער שוואַרצער באָרד. מיין מוטער האָט אָנגעצונדן ליכט, פאַרדעקט איר בנעימותדיק פנים מיט די הענט און געזאָגט מיט געוויין אַ הייסע תפילה.

צו כל־נדרי אין שול

ביסלעכווייז איז צוגעפאַלן דער אָוונט און מיר זענען אַוועק אין שול, וווּ מיר האָבן שוין געטראָפן אַ סך מתפללים שטיין ווי צוגעשמידטע צו זייערע שטענדערס אין טלית און קיטל און זאָגן „תפילה זכה". די ברענענדיקע ליכט, דאָס שטילע מתפלל זיין פון די מענער און דאָס כליפּען פון די ווייבער האָבן פאַרשטאַרקט די ספּעציפיש יום־כיפורדיקע שטימונג.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פעסטער קלאַפּ אין באַלעמער און אין בית־המדרש איז אַריינגעטראָטן אַ טיפע שטילקייט. עס האָט זיך געעפנט דער אָרון־קודש און מען האָט יעדן פון די זקני העיר געגעבן אַ ספר־תורה אין האַנט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין לאַנגזאַם אַרום באַלעמער און איבערגעחזרט מיט אַ ציטערדיק קול „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה". מיין פאָטער איז געשטאַנען גלייך אויסגעשטרעקט אין טלית. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן „כל נדרי", צום אָנהויב מיט אַ שטיל קול, מיט אַ קול דממה דקה. דערנאָך האָט זיין שטימע אָנגעהויבן שטייגן וואָס אַמאָל העכער און וואָס אַמאָל געוואָרן צעבראָכענער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט און טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם. אָט בעט ער ביי אים, אָט מאָנט ער שטאַרקער און אָט פאָדערט ער. און אַז ער קומט צו די „יעלהס", הויבט זיך אויף זיין קול אַזוי הויך, אַז עס דאַכט זיך, ער דערגרייכט צום זיבעטן הימל...

די מתפללים זענען געשטאַנען שטיל אָן אַ שאָרך און זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אין מיין פאָטערס האַרציק געזאַנג, און ווען עס איז געקומען זייער ריי נאָכצוזאָגן די תפילות, האָבן זיך זייערע שטימען צערוישט און צעגאָסן איבערן גאַנצן בית־המדרש אין אַ הייס געבעט און באַגייסטערונג, אין וועלכער עס האָט זיי אַריינגעבראַכט זייער שליח־ציבור.

די טרויעריקע נייעס

נאָר מיט אַמאָל איז עפּעס ווי איבערגעהאַקט גע־וואָרן אינמיטן דער הייסער תפילה, עפּעס ווי אַן איינ־געהאַלטן, דערשטיקט מורמלען וואָלט זיך דורכגעטראָגן איבערן עולם און זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען פון בית־המדרש. פון אַ טייל זייטן האָבן זיך אַנגעהויבן הערן אומצופרידענע, אָפּגעריסענע קלאַנגען: „נו, נו! נו, אַ!" וואָס מיינט: זאָל שטיל זיין! נישט שטערן! אָבער דאָס שעפּטשען האָט זיך פאַרשפּרייט וואָס אַמאָל מער און געוואָרן וואָס אַמאָל העכער.

באַלד האָט מען זיך דערוווּסט דיטרויעריקע נייעס: די „טשעקאָ" האָט אַרעסטירט רפאל־אהרן וויינשטיינס טאָכטער, די שיינע און גראַטענע לייטשע, וואָס האָט געשטאַמט פון איינער פון די שענסטע און אָנגעזעענסטע משפחות ביי אונדז אין שטעטל, און עס האָלט דערביי, האָט מען געזאָגט, מען זאָל זי באַלד אַוועקשיקן פון שטעטל, ערגעץ אין „אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג".

די דאָזיקע בשורה האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער בליי אויף אַלעמענס געמיטער. מען האָט שוין דאָס דאַ־ווענען פאַרענדיקט בחפזון און נערוועז און טרויעריק זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די היימען.

די דאָזיקע יום־כיפורדיקע נאַכט האָט זיך ביי יעדן געצויגן ווי אַ יאָר. צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע שתדלנות צו ראַטעווען אַ יידישע טאָכ־טער פון אַן אומגליק. די־אַרבעט איז אָבער געווען אַ ביטערע און שווערע. דער קאָמענדאַנט פון שטעטל, פון וועלכן די גאַנצע זאַך איז געווען אָפּהענגיק און ביי וועלכן מען האָט געפּרוּווט אויספועלן די באַפרייאונג, האָט געפאָדערט, אַז די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים מיט די צוויי רבנים פון שטעטל בראש זאָלן אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז דער חשד, צוליב וועלכן מען האָט אַרעס־טירט לייטשען, איז אומבאַגרינדעט.

אונטערשריפטן יום־כיפור

די דאָזיקע פאָדערונג האָט אָפּילו אויסגעזען משונה־דיק און עס איז נישט באַוווּסט, צי האָט דער קאָמענ־דאַנט דערמיט געוואָלט פּטור ווערן פון די בקשות, וויסנדיק, אַז יום־כיפור וועלן די יידן, בפרט די רבנים, נישט וועלן שרייבן, אָדער האָט ער זיך סתם געוואָלט אַ שפּיל טון. ווי דאָס זאָל נישט זיין, האָט מען זיך געוואָלט אָנכאַפּן אַן אַ לעצטער אילוזיע און פאַרלאַנגט פון די רבנים זייער אונטערשריפט. די רבנים ווידער פון זייער זייט האָבן תחילת גאָרנישט געוואָלט הערן פון אַזאַ זאַך ווי שרייבן אין יום־כיפור, דערצו נאָך זענען זיי ביידע נישט געווען שטאַרק שוה־בשוה צווישן זיך און מען האָט זיי נישט געקאָנט צוזאַמענברענגען. יעדער איינער פון זיי האָט שוין נאָך דעם ווי מען איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו זיי, געטענהט, אַז דער אַנדערער זאָל אונטערשרייבן פריער. ענדלעך, נאָך אַ סך מי און בקשות האָט מען אַרויסבאַקומען די אונטערשריפטן פון די רבנים און חשובע בעלי־בתים און צוגעשטעלט דאָס פּאַפּיר דעם קאָמענדאַנט.

מיט קלאָפּנדיקע הערצער האָבן לייטשעס עלטערן, און מען קאָן זאָגן, אַז אויך דאָס גאַנצע שטעטל, גע־וואַרט אויף דער באַפרייאונג, אָבער די שעהן זענען גע־לאָפן און די באַפרייאונג איז אַלץ נישט געקומען. שפּעט פאַרנאַכט האָט מען זי אַוועקגעפירט פון שטעטל, אָפּ־געריסן פון אירע עלטערן, פון איר היים, ערגעץ־ווו צו אַן אומבאַקאַנטן גורל.

אַלע זענען געבליבן אַנטוישט און עפּעס ווי פאַר־שעמט, און טיף מיטגעפילט די אומגליקלעכע עלטערן אין זייער גרויסן צער.

דער לעצטער בליק

זינט פּוילן איז געווען פּוילן, זעלבשטענדיק אָדער אָקופּירט,איז אין איר געוואַקסן אַ מוראדיקער אַנטי־סעמיטיזם.

איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען די רדיפות אויפן געביט פון שטייערן, איך האָב געזען גראַבסקיס עגלה, וועלכע האָט אַרויסגעשלעפּט די לעצטע זאַכן, איך האָב געזען דעם אומקום פון יידישע פּרנסות.

דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף דער יידישער באַ־פעלקערונג און באַזונדערס אויף דער יוגנט. דער באָיקאָט אויף די יידישע געשעפטן, די פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יידן אין די דערפער האָבן אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ מורא. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. די איינציקע פראַ־גע אין יענער צייט איז געווען: לאָן — וווהין קאָן מען גיין, און מיט וועלכע מיטלען. אין די יאָרן 1927/28

האָט זיך פאַרשטאַרקט דער שטראָם פון עמיגראַציע. אַ סך פון מיינע חברים און חברטעס זענען אַוועק. אַ טייל קיין ישראל, אַ טייל קיין קאַנאַדע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער.

אין יענער צייט האָב איך געהאַט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל דורך דעם „החלוץ" ווו איך בין געווען טעטיק. אָבער צוליב געוויסע פאַמיליע־סיבות בין איך געווען געצוווּנגען צו בייטן מיינע פּלענער און אַנשטאָט קיין ארץ־ישראל האָב איך עמיגרירט קיין אַרגענטינע צוזאַמען מיט מיין שוועסטער. די צוגרייטונגען צו דער רייזע זענען אַנגעגאַנגען פיבערהאַפט, איך בין געווען באַהערשט פון אַ מרה־שחורה און איך האָב געטון אַלץ, כדי נישט צו בלייבן אַליין, ספּעציעל נישט בלייבן מיט מיין טאַטן אַליין, ווייל זיינע פאַרווייַנטע אויגן האָבן מיר גורם געווען פיל צער און ווייטיק.

עס זענען פאַרבליבן בלויז צוויי וואָכן צו מיין רייזע. דער פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט מיין גייסטיקן באַגאַזש. ער האָט מיך געוואָלט אַרויסשיקן ווי אַ ייד. ער האָט גענומען זיינע תפילין, זיי אַוועקגעטראָגן צו ר׳ שלום דעם סופר איבערקוקן אפשר איז חלילה אַן אות נישט אין אָרדענונג, אָדער די רצועות אָפּגענוצט. אַחוץ דעם האָט ער מיר געקויפט אַ קליינע פּאָר תפילין, נייע מיט אַ קליין סידורל, אויף אַ תפילת הדרך. „דאָס וועט דיר געוויס צונוץ קומען צו דיין ווייטער נסיעה איבערן ים", האָט ער געזאָגט מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטימע.

איינע פון מיינע חברטעס, וועמענס הייליקע נשמה געפינט זיך צווישן די קדושים, דבורה רעזניצקי פון ביאַליסטאָק, האָט מיר געמאַכט אַ מתנה, אַ שיין תפילין־זעקעלע און מיין נאָמען אויסגענייט מיט זילבערנע אותיות.

מיין פאָטער האָט נישט פאַרגעסן נאָך צוויי זאַכן. אַריינמאַכן נייע ציצית אין דעם טלית־קטן און פאַרשרייבן אויפן לינקן עמוד פון חומש דעם יאָרצייט פון מיין מוטער. די איבעריקע צוגרייטונגען האָט גענומען אויף זיך מיין מומע ביילע, אַ שוועסטער פון מיין פאַרשטאָרבענער מאַמען. ווי פאַר אייגענע קינדער האָט זי געעפנט דעם גרויסן היסטאָרישן קאַרב, ווו עס זענען געווען באַהאַלטן האַנטוכער, ליילעכער און טישטעכער. ס׳האָט זיך אויך אַנגעהויבן אַ סדרה פון קויפן. מיין פאָטער איז געשטאַנען דערביי פאַרשטיינערט און בלאַס, נישט גערעדט קיין וואָרט אָדער עפּעס יאָ געזאָגט: „אַ שאָד, נישט דערלעבט."

אויך די צוויי וואָכן זענען שנעל אַריבער. איך האָב קיינמאָל נישט געפילט אַזוי פיל ליבע און אַכטונג צו יעדן און צו אַלץ ווי דעמאָלט. עפּעס אַ פאַרגעפיל האָט מיך געפּלאָגט, אַז דאָס לעצטע מאָל זע איך מיין טאַטן, מיין פאַמיליע, מיינע טייערע און האַרציקע חברים און חברטעס. אַנשטאָט דאָס אַלץ, וועלן בלייבן פאַרוועלקטע זכרונות און טרויעריקע דערינערונגען.

איך האָב אויסגעמיטן זיך צו טרעפן אויף וויפל מעגלעך מיט די בליקן פון מיין טאַטן. זיינע פאַרטרויערטע, פאַרלאָפענע אויגן האָבן געלעכערט מיין האַרץ. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד אויף צומאָרגנס נאָך אונדזער פאַרלאָזן די היים און זיין פאַרבלייבן מיט „פּאָפּירענע קינדער". ליידיק וועט זיין יעדער פּלאַץ, יעדער ווינקל, ווו מיר האָבן געוועבט אַזוי פיל היימישקייט צוזאַמען...

און אָט איז געקומען דער טאָג פון אונדזער צעשיידונג. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. בייגעווען ביים באַנקעט, וועלכן די האַרציקע חברים און חברטעס האָבן צוגעגרייט פאַר מיר, באַגלייט מיט אַזוי פיל האַרץ און איבערגעגעבנקייט, מיט ווונטשן און ברכות. כ׳האָב זיך אויך דאָרט געזעגנט מיט די, וועלכע וועלן מיך נישט קאָנען באַגלייטן צו דער באַן. אין דער פרי האָט מיך מיין פאָטער באַגלייט צום הרב קאָסאָווסקי (וואָלקאָווויסקער רב), זיך געזעגענען מיט אים. דער רב האָט אַנגענומען מיין האַנט און שטיל און לאַנגזאַם געגעבן זיין ברכה: „מיין קינד, פאָר געזונט. גאָט זאָל דיך באַגלייטן דאָרט ווו דו וועסט זיך נאָר געפינען. היט אָפּ די צוואה פון דיין טאַטן, פאַרבלייב אַ געטרייער ייד צו דיין פאָלק".

מיין פאָטער איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען פאַרשטיינערט אַן דער זייט, טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים און פאַרזונקען אין דער טיפעניש פון זיין באָרד. ער האָט אויסגעהערט מיט יראת־הכבוד די ברכות פון דעם רב און זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעזאָגט מיט גרויס כוונה „אמן".

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ קאַלטער, דער הימל


פאַרטונקלט מיט וואָלקנס, אַ דינער שניי איז געפאַלן דעם גאַנצן טאָג. פון גאַנץ פרי האָט די טיר זיך נישט פאַרמאַכט. חברים, פריינד, באַקאַנטע האָבן איבערפולט די שטוב. אין די צימערן האָט געהערשט אַן אומאָרדע־נונג, אַנגעוואָרפן פעק און פאַרשידענע חפצים. איך האָב זיך אַרומגעדרייט ווי אויף אַ פרעמדער וועלט. אַלץ האָט מיר אויסגעזען אַנדערש ווי שטענדיק, די נאַטור, דאָס שטיבעלע, די ווענט, אַפילו דאָס קעצעלע, מיט וועלכן איך פלעג זיך אָפּגעבן, האָט היינט געמיאַוקעט מיט אַן אַנדער טאָן.

די שעהן האָבן זיך גערוקט, ס'פעלן דריי שעה, צוויי שעה, אַ שעה. יעדע זאַך באַוועגט זיך מיט מער אימפּעט, אַ נערוועזער אומרו באַהערשט אַלעמען. די צייט אָבער לויפט מיט איר אייגענעם כוח און קיינער איז נישט אימ־שטאַנד זי אָפּצוהאַלטן. איצט ציילט מען די מינוטן: דריי מינוטן, צוויי מינוטן, איין מינוט.

נאָך אַ פּאָר סעקונדן און דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געבליבן — טון דעם לעצטן בליק אויף אַ וועלט, וועלכע איך לאָז איבער הינטער זיך, און וועלכע איך וועל שוין מער נישט זען.



א קבלת־פנים לכבוד ר׳ אברהם וואלאך און פרוי
רעדט: חיה באראווסקי ז״ל



יחזקאל ליסאָווסקי

די קולטורעלע טעטיקייט אין אונדזער שטעטל

דאָס יאָר — 1916. די ערשטע וועלט־מלחמה איז דערגאַנגען צו איר סוף, אָבער די שמחה איז פאַרטונקלט. די מלחמה האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ חורבן און קברים, יתומים, אָרעמקייט, קראַנקהייטן אוןליידן. אַ מגיפה איז געקומען נאָך אַ מגיפה. קיין שפּייז איז נישטאָ, קיין רפואות זענען נישט פאַראַן און קיין דאָקטער איז נישטאָ. אויך קיין פּרנסה איז נשטאָ.

דער רוסישער צאַר, דער אַליין־הערשער, איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און זיין אַרמיי איז געשלאָגן געוואָרן דורך די דייטשן. די אָקופּאַנטן האָבן געבראַכט מיט זיך אַן אַנטוויקלטע קולטור און אַ ווילן צו רעאָרגאַניזירן דאָס לעבן. זיי האָבן איינגעפירט אָרדענונג, האָבן פאַרלאַנגט ריינקייט און דיסציפּלין, האָבן געעפנט אינסטיטוציעס ווי דער שטאָט־ראָט, האָבן געשטעלט בראש פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, האָבן געזאָרגט פאַר דאָקטוירים און רפואות. ביסלעכווייז האָט זיך דאָס לעבן אין שטעטל אומגעקערט אויף די ריכטיקע רעלסן. עס איז געעפנט געוואָרן אַ שול מיט לערער פון איינוווינער פון שטעטל, מען האָט צעטיילט אומזיסט העפטן און ביכער און מען האָט פּראָקלאַמירט אַ געזעץ וועגן פליכט צו לערנען.

אויך די יוגנט האָט זיך אויפגעוועקט און האָט אָנגעהויבן צו זיין טעטיק. אַ גרופּע יונגעלייט און אין איר שפּיץ הירשל אָסטרינסקי (וועלכן מען האָט גערופן „קאַבעלע") האָט געלייגט דעם גרונט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער יוגנט. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ נייטראַלע, און האָט געטראָגן בלויז אַ קולטורעלן כאַראַקטער. זי האָט געהייסן „קולטור־פאַראיין".

אָסטרינסקי איז געווען אַ בילד־שיינער יונגערמאַן מיט פילזייטיקע פעאיקייטן. אַ טרוימער און דענקער, מוזיקער און פּאָעט. דער אָנהויב איז געווען אַ באַשיידענער. מען האָט אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק פון גאָרנישט. ער האָט געהאַלטן די ביבליאָטעק ביי זיך אין דער היים. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך די ביבליאָטעק פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פון דער יוגנט. אין דעם דאָזיקן ענגן הויז האָבן זיך אַלע באַגעגנט. מען האָט איינגעאָרדנט לייען־אָוונטן, צו וועלכע מען האָט מאָביליזירט די בעסטע כוחות. דער „קולטור־פאַראיין" האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון דער יוגנט, פּילעצקי דעם דאָקטאָרס זון, וועלכער האָט געלערנט אויסער דעם שטעטל, גרד דאָכאָווסקי, די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל, די ברידער עמיאל, לייבעלונסקי, זיידל שבח, ליסאָווסקי, יאָסל רוזשאַנסקי און נאָך. די דאָזיקע גרופּע האָט געבראַכט מיט זיך שטרעבונגען צו אַ ניי און אינהאַלטרייך לעבן.

1) עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט אויסגעפירט פאַרשידענע פאַרשטעלונגען.

2) עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ גרופּע רעציטאַטאָרן, וואָס פלעגט פאַרלייענען אויסגעוויילטע שאַפונגען פאַר דער יוגנט אין ביבליאָטעק.

3) עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ כאָר, אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען הירשל אָסטרינסקי.

4) עס איז געוויילט געוואָרן אַ ליטעראַטור־קאָמיסיע, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען אויסצוווילן פון צייט צו צייט אַ ליטעראַריש ווערק און אָפּצוהאַלטן איבער אים אַ דיסקוסיע.

איצט האָט מען אָנגעהויבן אַ טעטיקייט. טרעפן

פלעגט מען זיך אין ביבליאָטעק, ווו מען פלעגט קומען נישט נאָר טוישן ביכער, נאָר אויך כדי באַהאַנדלען געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. די אימפּרעזעס פלעגן פאָרקומען פרייטיק־צונאַכט, מוצאי־שבת און יעדן יום־טוב. אַזוי האָט די יוגנט זיך באַקענט מיט שרייבער און מחברים אונדזערע און פון אַנדערע פעלקער. די יוגנט האָט זיך באַקענט מיט די רוסישע קלאַסיקער, ווי: טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, לערמאַנטאָוו, גאָרקי. אויך אַ דייטשער אָפיציר, וועלכער האָט גוט געשפּילט פידל, האָט אָנטיילגענומען אין יענע אימפּרעזעס.

די אימפּרעזעס האָבן אַריינגעבראַכט פיל געלט, וואָס האָט דערמעגלעכט אַריבערצופירן די ביבליאָטעק אין אַ געדונגענעם זאַל. די צאָל ביכער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אין שפּיץ פון דער ביבליאָטעק איז געשטאַנען שלום לעווין. דער דאָזיקער ישיבה־בחור האָט אָפּגעהיט יעדעס בוך ווי אַן אויג אין קאָפּ. פּיעסק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור־צענטער פאַר דער גאַנצער סביבה.

דער דיריגענט פון דעם כאָר איז געווען הירשל. ער האָט צוגעגרייט טעקסטן, לידער און מעלאָדיעס. דער אינהאַלט פון די לידער איז געווען פון דעם לעבן פון שטעטל. די דאָזיקע טעטיקייט האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַן ענג געזעלשאַפטלעך לעבן. זי האָט זיס געמאַכט די ליידן פון דער באַפעלקערונג נאָך דער מלחמה.

די עקאָנאָמישע לאַגע נאָך דער מלחמה

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, אָבער אַלע קוואַלן פון פרנסה און עקזיסטענץ אין אונדזער שטעטל האָבן זיך פאַרמאַכט. די גבירים זענען פאַראָרעמט געוואָרן, די קראַמען זענען געוואָרן אויסגעליידיקט און אויסגעראַבירט דורך די אַרמייען. די בעלי־מלאכות זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק. די פרעמדע מאַכט האָט גזאָרגט בלויז פאַר אירע אינטערעסן. צום גליק פון די יידן זענען פיל רוסן אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. די דייטשן האָבן דערלויבט די יידן צו באַזעצן די פאַרלאָזטע גיטער פון די רוסישע פּויערים. די יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער דאָזיקער מציאה און אין משך פון איין נאַכט זענען די יידן פון אונדזער שטעטל געוואָרן ערד־אַרבעטער. יעדעס שטיקל ערד איז געוואָרן אויסגענוצט, יעדער גאָרטן איז באַאַרבעט געוואָרן. די דאָזיקע אינטענסיווע טעטיקייט האָט געענדערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון עק צו עק. עס איז געלעזט געוואָרן דער פּראָבלעם פון הונגער און נויט.

אין יענער תקופה איז דערשינען אין פּיעסק אַ ריי



די גרינדער פון קולטור הארײן אין פיעסק

כער ייד מיטן נאָמען שערעשעווסקי אַן אייגנטימער פון אַ טאַבאַק־פאַבריק אין דער קרייז־שטאָט גראָדנע. ער האָט פאַרגעשלאָגן אויסצונוצן די ערד, כדי צו פלאַנצן טאַבאַק און האָט צוגעזאָגט אָפּצוקויפן די גאַנצע פּראָדוקציע. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דער דאָזיקער לעבנסוויכטיקער צווייג דעראָבערט כמעט אַלע איינוואוינער פון אונדזער שטעטל. די אַרבעט האָט געפאָדערט פיל הענט און די משפחות זענען געווען גרויסע. די עלטערע האָבן זיך באַשעפטיקט מטן צוגרייטן פון באָדן, די ייִנגערע — מיטן צוגרייטן פון די טאַבאַק־פלאַנצן, די קליינע פלעגן באַוואַסערן די יונגע פלאַנצן, און די אַלטע פלעגן אויפהענגען די טאַבאַק־קרענץ צום טרוקענען און האָבן געהיט ביינאַכט פאַר גנבים. אַלע מענטשן אין הויז האָבן געוווסט ווי צוצוגרייטן פעקלעך פון די טרוקענע בלעטער, און דער פאַרטיקער טאַבאַק פלעגט ווערן געשיקט אין פאַבריק. שערעשעווסקי האָט געצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט און די איינוואוינער האָבן געזען אַ ברכה אין זייער גרויסער מי, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט זומער, פרילינג און האַרבסט. איך האָב ליב געהאַט צו באַזוכן די דאָזקע פלאַנטאַציעס. מיין האַרץ איז געוואַקסן, אָבער האָט אויך געווייטיקט אַנצוקוקן די קליינע פלינקע הענטלעך, וואָס אַרבעטן אַן אויפהער, און דעם יונגן קערפּער וואָס איז אינגאַנצן איינגעזונקען אין בערג פון די נאַסע טאַבאַק־בלעטער. די יונגע יאָרן פון דער קינדהייט און שפּיל זענען דאָ באַגראָבן געוואָרן צווישן די בערג. אָבער די מי האָט געגעבן זיסע פּרוכטן.

א. עס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַ דור פון ערד־אַרבעטער־ספּעציאַליסטן אין דער לאַנדווירטשאַפט.

ב. עס איז געווען אַ קוואַל פון פּרנסה בשפע פאַר אַלע איינוואוינער פון אונדזער שטעטל.

ג. אַ נייער קוואַל פון פּרנסה: בעלי־עגלות. דעם טאַבאַק פלעגט מען שיקן אין גאַנצע קאַראַוואַנעס קיין גראָדנע.

ד. די אַרבעט ביים טאַבאַק האָט דערמעגלעכט יונגע פּאָרלעך אויפצושטעלן אַ הויז און אַ משפחה.

ה. דער צווייג פון טאַבאַק האָט צוגעצויגן די פּויערים פון דער אומגעגנט צו אונדזער שטעטל. עס האָבן זיך געעפנט ירידים.

צוויי מאָל אין וואָך פלעגן פאָרקומען די דאָזיקע ירידים. די גויים זענען געקומען מאַסנווייז, געקויפט און פאַרקויפט זייער פּראָדוקציע. דער מסחר האָט זיך אַנטוויקלט שנעל און דערפאָלגרייך. די קראָמען האָבן זיך אויסגעפולט מיט סחורה און זייער צאָל איז כסדר געוואַקסן. אויך די צאָל איינוואוינער איז געוואַקסן, ווייל די איינוואוינער פון די דערבייאיקע שטעטלעך זענען געקומען זיך באַזעצן אַן פּיעסק. אַ קליין און אָפּגעשטאַנען שטעטל האָט זיך אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט אין דעם צענטער פון דער אומגעגנט.

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט משפּיע געווען צום גוטן אויך אויף דער דערציערישער און קולטורעלער טעטיקייט. עס האָט זיך געעפנט אַ העברעאישע שול, וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון פאָלק. די באַשיידענע ביבליאָטעק איז אַריבערגעגאַנגען אין אַ נייעם און באַקוועמען לאָקאַל אין צענטער פון שטאָט. די צאָל ביכער האָט זיך פאַרגרעסערט און צוזאַמען מיט זיי איז געוואַקסן די צאָל לייענער. אויך די קולטורעלע טעטיקייט האָט זיך אויסגעברייטערט. מען האָט איינגעלאַדן גוטע דיפּלאָמירטע לערער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. מען האָט אָרגאַניזירט אָוונטקורסן פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט, מען האָט געגעבן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס, מען האָט איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט מאַסן. מען האָט אויך נישט פאַרגעסן די עלטערן, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצוהיטן זייערע קינדער פאַר די נייע ווינטן... פאַר די דאָזיקע האָט מען געגרינדעט אַ תלמוד־תורה.

אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן אַ הויך־געוויקסיקער און שיינער יונגערמאַן, און האָט געבראַכט די בשורה פון רענעסאַנס אין אונדזער פאָטערלאַנד. דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער יונגערמאַן איז געווען איצל שפּירא, דער איינציגער זון פון סטריקע און רב אברהם. אין משך פון דורות האָט די דאָזיקע משפחה געהאַט אַ ריזן שפּייז־געשעפט אין הורט. אָבער דאָס האַרץ פון דעם יונגנמאַן איז נישט געגאַנגען נאָך מסחר, נאָר נאָך דער תורה פון הערצל. מיט אַ יאַגט־ברען פון אַ נביא האָט איצל געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די גרינדונג
פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע
אין אונדזער שטעטל

איצל שפּיראַ האָט איינגעלאַדן יונגעלייט און דערוואַקסענע אויף אַ זיצונג. אַ לאַנגע צייט האָט ער גערעדט מיט אַן אומגעוויינלעכער התלהבות וועגן דעם „יודנשטאַט" פון הערצל און האָט אויפגעראַלט פאַר די פאַרזאַמלטע דעם געדאַנק פון דער גרינדונג פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אונדזער שטעטל. דער געדאַנק איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. די עלטערע האָבן געוואַרט אויף דער דאַזיקער בשורה, און די יונגע האָבן אין איר געפונען אַ לייזונג פאַר זייער צוקונפט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל. מען האָט געדאַרפט איבערצייגן אַ סך פון דער יוגנט און זיי אַרויסנעמען פון „קולטור־פאַראיין", וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון „בונד". דער פּראָגראַם פון :בונד" האָט גערעדט צו די הערצער פון די מאַסן. זיי האָבן געקעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער. ארץ־ישראל איז געווען אַ ווייטער חלום, אַן אוטאָפּיע און נישט מער. יידיש איז געווען די שפּראַך פון פאָלק, און מען דאַרף נישט אָנשטאָפּן די מוחות פון די קינדער מיט אַן אור־אַלטער שפּראַך ווי עברית. עס זענען פאָרגעקומען שטורמישע פאַרזאַמלונגען און נאָך זיי די שפּאַלטונג. אַ טייל פון דער יוגנט איז געגאַנגען נאָכן „בונד", און דער גרעסטער טייל איז געגאַנגען נאָך דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. די אינסטרוקטאָרן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי זענען געווען די ברידער עמיאל, יאָסל רוזשאַנסקי, שלום לעווין, לייבע לונסקי, בערל גלענבוצקי, זיידל שבח. די דאָזיקע אינסטרוקטאָרן זענען געקומען פון דער ישיבה און אין זייער האַרץ האָבן געהילכט די אויפלעבונג־לידער פון ביאַליק, באַראַכאָוו, העס. די שטרעבונג קיין ארץ־ישראל האָט אַלע פאַראייניקט ווי מיט כישוף־פּעדעם. פאַרליבטע פאַרלעך האָבן געחלומט בלויז וועגן אַ צוקונפט דאָרט.

דער דאָזיקער טרוים האָט באַשאַפן דעם „החלוץ". מענטשן וואָס שטרעבן צו אַרבעט. יעדער פאַכמאַן האָט געזען פאַר זיינע אויגן אַ זיכערן מאָרגן. יעדער ערד־אַרבעטער האָט אויפגעהויבן מיט שטאָלץ זיין קאָפּ און האָט אויסגעשטרעקט שטאַרקע הענט, גרייט צו אַקערן און זייען די ישראל־פעלדער. די יוגנט האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן. מען האָט געלערנט עברית, די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, מען האָט זיך אינטערעסירט מיטן אויפבוי פון לאַנד, מיטן פּלאַן פון ווידעראויפבוי פון ישראל און מיט דער סאָציאַליסטישער אידעע, ווייל מען האָט געשטרעבט צו לייגן די יסודות פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכער גלייכהייט. אַלע האָבן געלערנט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט ביי די לערער און פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איצל שפּירא האָט פאַרלאָזן זיינע פּריוואַטע געשעפטן. די צוקונפט פון פאָלק איז געווען אָפּהענגיק פון דער צוגרייטונג פון דער יוגנט און פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער תורה פון ציוניזם אין דער עפנטלעכקייט. ער איז געוואָרן אַ מנהיג אין אַ גורלדיקער שעה, **און האָט מקריב** געווען אַלץ פאַר זיין אידעע.

עס איז געקומען די שעה צו לייגן אַ יסוד פאַר אַ העברעאישער שול. אין פּיעסק איז געווען אַן אַלגעמיינע שול, ווו די אונטעררי‎כטס־שפּראַך איז געווען רוסיש. איר לייטער איז געווען אַ שיינער יונגערמאַן מיטן נאָמען רובינטשיק, געבילדעט און ענערגיש. אין דער אַלגעמיינער שול, וואָס האָט זיך געעפנט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געלערנט בלויז פאַרמעגלעכע קינדער. ריבינטשיק איז אויך געווען דער הויפּט־לערער. עס האָבן געאַרבעט מיט אים בערטאַ איצקאָוויטש, וועלכע איז געווען אַ קוואַליפיצירטע לערערקע, און יעקב־אהרן לעוו, וועלכער האָט געלערנט יידיש. די דאָזיקע שול האָט נישט עקזיסטירט לאַנג צוליב פאָלגנדע סיבות:

אַ באַגרענעצטע צאָל פון תלמידים, ווען אַפילו פאַרמעגלעכע, האָבן נישט געקאָנט דעקן דעם דעפיציט. די הוצאות זענען געווען גרויסע: דירה, באַהייצונג, געהאַלט פאַר די לערער א׳ א. וו. אַבער אַזוי ווי די שול איז געווען אַ פּריוואַטע, האָט זי נישט באַקומען קיין שטיצע. ענדלעך האָט רובינשטיין באַשלאָסן צו שליסן די שול און פאַרלאָזן פּיעסק. דער דאָזיקער מאָמענט איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו גרינדן אַ פאָלקס־שול, ווו די אונטעריכטס־שפּראַך איז עברית, וועלכע איז גרייט אויפצונעמען אַלע קינדער.

עס איז נישט לייכט געווען צו גרינדן אַ שול. עס זיינען פאָרגעקומען זיצונגען ווו מען האָט פיל דיסקו־

טרט איבער די פּראָבלעמען פון בודזשעט, לערער און דער עיקר — אַ הויז. עמעצער האָט פאָרגעשלאָגן דאָס הויז פון משה־ראובן שבח, וועלכעס איז געווען גרויס. דער גאַנצער ועד איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער שולהויף־גאַס, צום הויז פון משה־ראובן. דער גאַנצער ועד איז אַריין אין הויז. מלכה און משה־ראובן זענען געוואָרן איבעראַשט. וואָס עפּעס דער באַזוך אין אַזאַ שפּעטער שעה ביי נאַכט? שפּירא האָט אַנגעהויבן און געזאָגט: „מיר זענען געקומען אייך מבשר זיין, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו עפענען אַ העברעאישע שול און דערציען אונדזערע קינדער אין אונדזער הייליקער שפּראַך — עברית. אָבער איין זאָרג האָבן מיר — דער פּלאַץ. מיר זענען געקומען בעטן אייער הויז”.

משה־ראובן, דער ערלעכער מענטש, האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן פון זיין מויל בלויז איין זאַץ: „אַ העברעאישע שול! מיר זענען גרייט!” האַנט־דרוקן, ווונטשן און לאַנגע ברכות. יענע נאַכט האָט קיינער פון די חברים פון קאָמיטעט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. עס האָט זיך אויפגעוועקט אַ נייע זאָרג: מעבל. צום סוף איז געפונען געוואָרן די לעזונג: די מעבל פון רובינטשיקס שול. מען האָט נישט געוואַרט אויף קיין פור. אַלע זענען אַוועק אין דער שול און האָבן אַלץ אַוועקגענומען. די מעבל זענען אויפגעלאָדן געוואָרן אויף די פּלייצעס צום הויז פון מלכה און משה־ראובן. בערל גלעבאַצקי, וועלכער איז געווען אַ גוטער סטאָליער, האָט פאַריכט יעדן שאָדן. צומאָרגנס אינדערפרי האָבן די מעבל געוואַרט אויף די תלמדים.

דעם שבת נאָכדעם האָט מען פייערלעך געעפנט די העברעאישע שול אין שטעטל. צום הויז פון משה־ראובן האָבן געשטראָמט מענער, פרויען און יוגנט. דאָס איז געווען אַ ציוניסטישע מאַסן־פאַרזאַמלונג. מען האָט געעפנט מיט תפילת־שחרית. נאָכדעם האָט דער גאַנצער קהל געזונגען ציון־לידער. פּלוצלונג איז שטיל געוואָרן. איצט שפּירא האָט אויסגערופן: „אין נאָמען פון ועד פון דער העברעאישער שול אין אונדזער שטעטל פּיעסק, אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין נאָמען פון די לערער פון דער ערשטער און נייער שול און אין נאָמען פון בעל־הבית משה־ראובן דערקלער איך, אַז מאָרגן, זונטיק, וועט פאָרקומען דער ערשטער טאָג פון די לימודים. דאָ וועלן די קינדער לערנען זייער שפּראַך, זייער תורה און דעם געבורט פון זייער פאָלק. דאָ וועלן אויפוואַקסן גוטע און געטרייע יידן”. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ הויכער און הילכיקער שטימע: „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה”. דער גאַנצער קהל האָט געענטפערט מיט אַ מעכטיקערשטימע: „אמן!” שפּירא האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, איז אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און נאָך אים אויך אַנדערע. ווען ער האָט זיך באַרואיקט, האָבן די פרויען געטיילט כיבוד. אַלע האָבן געווונטשן איינער דעם צווייטן מזל־טוב. די יונגע האָבן זיך צעוואָרעמט און אַרויס אין אַ שטורמישן טאַנץ. די טענצער זענען אַרויס פון הויז אין גאַס אַרויס, און דער ראָד האָט זיך וואָס אַמאָל מער אויסגעברייטערט פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן.

מוצאי־שבת איז ווידער פאָרגעקומען אַ זיצונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז לייכט צו פייערן, עס וועט אָבער נישט לייכט זיין אויסצוהאַלטן די אינסטיטוציע. וואָס אַן אמת זענען געוואָרן אויפגענומען אַלע קינדער פון שטעטל, אָבער די מערהייט עלטערן זענען געווען אומפאַרמעגלעכע. דאָ זענען געקומען צו הילף פרייוויליקע.

דער ערשטער איז געווען דניאל יאַגעל, אַ זון פון רב שבתאי יאַגעל זצ״ל. ער איז געקומען און געזאָגט: „איך בין געקומען אַרבעטן אַלס סעקרעטאַר אָן באַלוינונג. איך בין גליקלעך צו זיין סעקרעטאַר אין דער ערשטער העברעאישער שול אין אונדזער שטעטל און אין דער אומגעגנט”.

די שול האָט זיך אויסגעברייטערט. דער פּלאַץ ביי משה־ראובן איז געוואָרן צו ענג. נאָך זוכענישן און פאַרהאַנדלען האָט מרדכי־געצל יאַגעל מסכים געווען איבערצוגעבן אין רשות פון דער שול אַ דירה, וואָס איז געווען אויפן הויף. דער אמת איז, אַז אויך דאָרט איז נישט געווען גענוג פּלאַץ און מען האָט געמוזט לערנען אין פאַרשידענע שעהן. אויסער דעם איז דאָס הויז פון מרדכי־געצל יאַגעל געשטאַנען הינטערן שטעטל און די קליינע קינדער איז שווער געווען אַנצוקומען אַהין, באַזונדערס ווינטער ווען די קעלט איז גרויס און די

בלאָסטע טיף. אָבער אויסער די פּראָבלעמען פון ענג־שאַפט און מרחק, איז דאָס געווען אַ באַקוועמער פּלאַץ, אין פאַרגלייך מיט דעם הויז פון משה־ראובן, ווו מלכה האָט געפירט פון דער אַנדערער זייט פאַרהאַנג אַ גרויסן וואַרשטאַט פון נייטאַרינס. דער נייער פּלאַץ איז געווען אַ רואיקער און די תּלמידים האָבן געקאָנט אין אים אויפנעמען די לימודים אָן אַ שום אַנשטערענגונג מצד דעם לערער אָדער תּלמיד.

אין דעם דאָזיקן הויז איז אויך אַריבערגעפירט גע־וואָרן די ביבליאָטעק, און דאָרט זענען פאָרגעקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. אַזוי האָט דאָס אָרט געברויזט מיט לעבן פון אינדערפרי ביז בײנאַכט.

אָבער פיל קליינע קינדער האָבן נישט געקאָנט גע־ניסן פון דעם רואיקן הויף, ווייל דער גרויסער מרחק האָט זיי קראַנק געמאַכט. דעריבער האָט מען געמאַכט באַמיאונגען צו געפינען אַ הויז אין צענטער שטעטל. דאָס הויז, וואָ סאיז ענדלעך געוואָרן אויסגעוויילט, און וואָס האָט געהערט צו יאָסל ברעזשינסקי, האָט אַמאָל געדינט אַלס זיצאָרט פאַר די פאַרשטייער פון דעם צאַרס רעגירונג. אָבער נאָכדעם ווי דער צאַר האָט געליטן אַ מפּלה, זענען זיינע פאַרשטייער אַנטלאָפן און דאָס הויז איז געוואָרן ליידיק. מאַנכע זאָגן, אַז נאָך שווערע אונ־טערהאַנדלונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט פאַראַן גענוג געלט אין דער קאַסע פון דער שול און אַז שפּירא האָט באַצאָלט פאַר דעם הויז. אויף יעדנפאַלס האָט די שול זיך באַזעצט אין אַ גרויסן און באַקוועמען הויז. די צאָל קלאַסן איז דערגאַנגען צו זעקס און מען האָט איינגעלאַדן נאָך לערער, צווישן זיי געניע איצ־קאָוויטש. זי איז וואָס אָן אמת נישט געווען קיין קוואַ־ליפיצירטע לערערקע, אָבער זי איז געווען געבענטשט מיט אַ פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט. זי האָט אויך איינגעפירט נייע קענגנשטאַנדן. באַזונדערס האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען רעכענונג, און די קינדער האָבן געמאַכט אויף דעם געביט גרויסע פאַרשריטן.

אינצווישן זענען די דייטשן באַזיגט געוואָרן אין דער מלחמה און די מאַכט איז אַריבער צו די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון יאָך פון צאַר און פון דעם דייטשן אָקופּאַנט. די פּוילישע אַרמיי איז געוואָרן אומאָפּהענגיק און פּוילן איז ווידער אויפגעשטאַנען. זי האָט געגעבן די יידן פרייהייט צו פירן זייער נאַציאָנאַל לעבן ווי זיי ווילן, בלויז דאָס לערנען פון דער פּוילישער שפּראַך איז געווען אָבליגאַטאָריש. אַזוי האָט געאַרבעט די שול לויט אַ רעגירונגס־פּלאַן, און די הויפּט־שפּראַך אין איר איז געווען עברית, דאַקעגן פּויליש האָט מען געלערנט אַלס צווייטע שפּראַך.

נאָכמיטאָג פלעגן די חלוצים זיך צונויפקומען אין דעם זעלבן הויז ווו מען האָט געלערנט, געזונגען און זיך צוגעגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די יוגנט איז עלטער געוואָרן. אַ טייל פון זיי האָט געענ־דיקט די שול. די מערהייט האָט נישט געקאָנט פאַרזעצן לערנען. אָבער די יידישע קינדער זענען נישט אַרומגע־גאַנגען ליידיק. עס האָט זיך געגרינדעט אַ „החלוץ הצעיר", וועלכער האָט אַרומגענומען די גאַנצע יוגנט. זיין ציל: צוגרייטונג צום לעבן אין ארץ. אויך די דאָ־זיקע טעטיקייט איז פאָרגעקומען אין דער שול נאָכ־מיטאָג. מען האָט געלערנט די תורה פון אַרבעט, מען האָט געגעבן רעפעראַטן, מען האָט אָפּגעהאַלטן וויכוחים און מען האָט צוגעגרייט גרופּעס. אויך די ביבליאָטעק איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם הויז פון ברע־זשינסקי און מען האָט זי איינגעאָרדנט אין צוויי צימערן, און שלום לעווין איז באַשטימט געוואָרן צו שטיין אין איר שפּיץ.

די קוועלעס צו דעקן דעם בודזשעט פון דער שול

די שול איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט איר זענען געוואַקסן די בודזשעט־פּראָבלעמען. די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געשטיצט און די ערשטע קוועלע פון געלטער איז געווען דער שכר־לימוד. צום אָנהויב זענען די על־טערן געווען אימשטאַנד צו צאָלן דאָס נויטיקע געלט, אָבער נאָכדעם האָט זיך געענדערט דער מצב. די פּוי־לישע מאַכט האָט קאָנפיסקירט שערעשעווסקיס פאַבריק און האָט דערקלערט, אַז ווער עס וועט פּראָדוצירן אײן טאַבאַק־בוימעלע איז אימשטאַנד צו באַקומען אייביקע תפיסה. די קליינע צאָל פאַרמעגלעכע איז נישט געווען אימשטאַנד צו דעקן דעם שווערן דעפיציט פון דער שול.

דער לערער לייבע לונסקי האָט פאַרגעשלאָגן איינ־צואָרדענען צוויי מאָל אַ יאָר פאַרשטעלונגען און צו

ווידמען די הכנסות פאַר דער שול. דאָס איז געווען אַ קאַטאַרגע־אַרבעט. בייטאָג האָט לונסקי געאַרבעט אַלס לערער און אין אָוונטן האָט ער צוגעגרייט די פאַרשטעלונגען. ער האָט אויסגעוויילט די פעאיקע שילער און האָט געגרינדעט אַ דראַמאַטישן קרייז. ער האָט באַאַרבעט די פּיעסע, פאַרפאַסט מוזיק, געדינט אַל סרעזשיסאַר. אַלץ איז געטון געוואָרן דורך אים. צום דראַמאַטישן קרייז האָבן געהערט אסתר שבח, פייוול לעוו, ריווא ליסאָווסקי בערטאַ איצקאָוויטש, סאלקאַ וויינשטיין, שלמהקע לעוו, כאַסיע צין און איר שוועסטער בעלאַ. אויך יפה לונסקי און איידעלע. די הכנסות פון די פאַרשטעלונגען ,אַ טייל פון וועלכע עס איז געווען באַשטימט פאַר דער אויסברייטערונג פון דער ביבליאָטעק, זענען נישט געווען קיין אומבאַדייטנדיקע, זיי האָבן אָבער נישט געדעקט אינגאַנצן די אויסגאַבן פון דער שול. דאָ איז געקומען צו הילף יעקב אָסטרינסקי, אַן איינוווינער פון שטעטל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע. אין יאָר 1920 איז ער געקומען אויף אַ באַזוך. ער איז געווען אַ קעגנער פון ציוניזם און איז געווען אַקטיוו אין „בונד“, אָבער אַ ליבהאָבער פון קולטור און פּראָגרעס. דעריבער האָט ער באַזוכט די שול און איז געזעסן אין יעדן קלאַס, און די תלמידים האָבן פאַר אים פאַרגעשטעלט. ער איז געווען גערירט ביז טרערן און פאַר זיין אָוועקפאָרן האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויסע סומע געלט, און האָט אויך צוגעזאָגט צו שיקן אַ באַשטימטן סכום יעדן חודש. דעם צוזאָג האָט ער געהאַלטן, און אַדאַנק דעם האָט זיך די שול אַנטוויקלט. דער ניוואָ פון די לימודים איז געווען צופרידנשטעלנדיק און די העברעאישע שפּראַך איז געוואָרן אַן אייגנטום פון דער יוגנט.

קעגנאיבער דער העברעאישער שול האָט מען אויפגעשטעלט אַ פּוילישע שול, ווו די לימודים זענען געווען אומזיסט. אָבער די עלטערן האָבן זיך נישט געלאָזט איינרעדן און האָבן ווייטער געמאַכט אַנשטרענגונגען, כדי צו באַצאָלן פאַר דער דערציאונג אין אַ העברעאישער שול.

די העברעאישע שול איז געוואָרן אַ שם־דבר. די אינספּעקטאָרן פלעגן אַרויסגיין פון איר פול מיט התפעלות. תלמידים פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי מאָסט, האָבן דאָרט געלערנט. אין דער שול און אין שטעטל האָט מען געלייגט פיל חשיבות אויפן קרן־קיימת. דער קאָמיטעט פון קרן איז באַשטאַנען פון יהושע מענדעלעוויטש, ישראל קאַפּלאַן און דעם שרייבער פון די שורות. מען האָט אָפּגעהאַלטן צוזאַמענטרעפן מיט די שליחים פון קרן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די בתי־כנסת. אַלע האָבן געשפּירט די טריט פון דער גאולה.

באַלפור־דעקלאַראַציע

אויך די מעלדונג וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ בית־כנסת. קיינער איז נישט געבליבן אין דער היים. פרויען מיט קינדער אין זייערע אָרעמס, מענער, קינדער, אַלטע לייט, קאַליקעס און קראַנקע, אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער פּראַכטפולער געביידע. מען האָט אָנגעצונדן ליכט און מען האָט געעפנט דעם ארון־קודש. אויף דער בינע זענען געשטאַנען די רבנים, די לערער, דער דאָקטער, די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַ געפיל פון הייליקייט האָט אַרומגענומען אַלע. דער ערשטער האָט געעפנט און געזאָגט הרב קוויאַט: „קהל בית ישראל, אַ גוטע בשורה ברענג איך היינט. דער ווירדיקער פּרעמיער פון ענגלאַנד, דזשיימס באַלפור, האָט געגעבן אַ דעקלאַראַציע אונדזער פאָלק און איז אונטערגעשריבן דורכן ענגלישן קעניג. אַ נאַציאָנאַלע היים וועט ווערן געשאַפן פאַר אונדזער פאָלק און דעם לאַנד פון די אבות, ארץ־ישראל“.

שטימעס פון קהל האָבן געשריגן: „גאולה!“ „משיח איז געקומען!“

דער רב האָט געמאַכט אַ ברכה: „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה“.

דער קהל האָט געזונגען „התקוה“ מיט אַ מעכטיקער שטימע, און נאָכדעם האָבן די מענטשן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט דער געוויין און ער האָט אויפגעהערט בלויז ווען עס האָט זיך דערהערט די שטימע פון יהושע מענדעלעוויטש: „יידן“, האָט ער געזאָגט, „איצט דאַרף מען האָבן געלט, כדי אויסצולייזן אונדזער ערד“. גלייך האָט מען אויסגעשפּרייט אַ טלית און מען האָט אַהין אַריינגעוואָרפן גאָלדענע אוירנגלעך, זייגערלעך, חתונה־רינגלעך, האַלדז־

בענדער. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צירונג, האָבן צוגעזאָגט צו געבן טאַבאַק.

אויפצומאָרגנס, נהך תפילת־שחרית, זענען געפאָרן בעלי־עגלות פון הויז צו הויז און האָבן צונויפגעזאַמלט דעם טאַבאַק. נאָכדעם זענען זיי אַוועק מיט אָנגעלאָדענע וואָגנס אין דער קרייז־שטאָט גראָדנע, אַ מרחק פון 150 קילאָמעטער פון שטעטל. ווען דער פאַבריקאַנט האָט גע־הערט, אַז דער טאַבאַק איז אַ שפּענדע פאַר גאולת הארץ, האָט ער צוגעלייגט אַ סומע געלט פון זיין טאַש. פינף טעג און נעכט האָט געדויערט די רייזע פון די פור־מאַנעס, זיי האָבן אָבער נישט פאַרלאַנגט קיין גראַשן. זיי זענען צוריקגעקומען מונטער און גליקלעך וואָס אויך זיי האָבן אַ טייל אין דער גאולה.

די בלויע פּושקע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין יעדן הויז. זי האָט סימבאָליזירט די גאולה. אָבער נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז דאָס שוין נישט געווען מער קיין ווייטער חלום, נאָר אַ ווירקלעכקייט. דאָס האָט משפּיע געווען צום גוטן אויך אויף דער אַרבעט אין דער שול.

אין יאָר 1921 האָט די צענטראַלע פון קרן־קיימת זיך געווענדט קיין פּיעסק און פאָרגעשלאָגן צו אָרגאַני־זירן אַ גרופּע פון ערד־אַרבעטער, וואָס זאָל עולה זיין אין דעם לאַנד פון די אבות מיטן גאַנצן פאַרמעגן, פערד, קי, אַקעראייזנס א. אַ. וו. גלייך האָבן זיך אָרגאַניזירט 40 משפּחות, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פיבערהאַפט זיך צוגרייטן. אָבער אויפן שוועל פון דער עליה זענען אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל געשעענישן. דער פּלאַן פון דער עליה איז בטל געוואָרן מיט אַ צוזאַג, אַז ווען עס וועט אַריבער דער שטורעם, וועט די דאָזיקע גרופּע זיין די ערשטע אין דער ריי. דריי יאָר האָט געדויערט דאָס וואַרטן. אין יאָר 1924 האָט זיך באַנייט די עליה. אָבער איצט איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו שיקן קיין משפּחות, נאָר יונגעלייט. עס איז צוגעזאָגט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל סערטיפיקאַטן און דוד שבח און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות זענען אויסגעוויילט גע־וואָרן, כדי צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַ־לע אין וואַרשע. אין צווישנצייט איז באַשטעטיקט גע־וואָרן די עליה פון בן־ציון איצקאָוויטש, יקותיאל שבח און זאב רובין.

אַ קורצע צייט פאַר זייער עליה איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון „החלוץ" אין בריסק. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געווען דער איינציקער דעלעגאַט



פון סניף פיעסק. אויף דער קאנפערענץ האבן די פאר־שטייער פון די סניפים אין בריסק, פינסק און ביאליס־טאק געהאט טענות פארוואס די קליינע פיעסק האט באקומען אזא גרויסע צאל סערטיפיקאטן. די פארשטיי־ער פון דער צענטראלע האבן געענטפערט אז די חלוצים פון פיעסק האבן אן אויסגעצייכנטע לאנדווירטשאפט־לעכע צוגרייטונג און אז אין ארץ־ישראל וועלן זיי ארויסווייזן די זעלבע ענערגיע און ווילן, וועלכע זיי האבן ארויסגעוויזן אין שטעטל. די דעלעגאטן האבן זיך געלאזט איבערצייגן.


דאס געזעגענען

די גרופע האט ארויפגעלאדן דאס ביסל פארמעגן אויף די וואגנס. די פערד זענען געגאנגען לאנגזאם. די גאס האט אויסגעזען יום־טובדיק. די תלמידים פון דער שול האבן געפאכעט מיט פענער. די יוגנט־ארגאניזא־ציעס דערוואקסענע און אלטע האבן באגלייט די עולים א מרחק פון דריי קילאמעטער. קיינער האט זיך נישט אפגעשטעלט און נישט אפגעשטאנען. אלע האבן גע־שפרייזט און געזונגען. די יונגע האבן געלאכט פון צייט צו צייט. די דערוואקסענע האבן געוויינט. אויך די גויים האבן זיך נאכגעשלעפט נאך דער געזעגענונגס־צערע־מאניע. זיי זענען ארויף אויף זייערע פערד און געזאגט: „מיר וועלן באגלייטן די יידן אויף זייער וועג אין דעם הייליקן לאנד”. די נאכט, וואס איז אראפ האט באפוילן זיך צו געזעגענען. די וואס זענען פארבליבן האבן גע־קושט די, וועלכע האבן געדארפט פארלאזן, האבן זיי געווונטשן און צוגעזאגט זיך צו זען מיט זיי אין דעם לאנד פון די אבות.

און דער צוזאג איז געהאלטן געווארן. נאך דער דאזיקער גרופע איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל נאך א גרופע און נאך איינע. דאס שטעטל האט זיך אויס־געליידיקט פון דער יוגנט, פון די לערער און אינסטרוק־טארן. די פארבליבענע האבן געליטן פון עקאנאמישער און קולטורעלער נויט. די פוילישע מאכט האט פארשטאפט דעם הויפט־קוואל פון פרנסה — דעם טאבאק. די העב־רעאישע שול האט זיך איינגעשרומפט. נאך דעם איז זי פארשניטן געווארן.



תרבות שולע מיטן לערער לייבע לונסקי



משה שחורי

גרינדונג פון „החלוץ" און „בית"ר"

אין אַ געוויסער תקופה איז געווען טעטיק אין פּיעסק בלויז אַ „יוגנט-קרייז", וועמענס אינסטרוקטאָרן זענען געווען חנן שבח, חיים לונסקי און גרשון פּאַלקאָוויטש. אין „יוגנט-קרייז" האָט מען געגעבן רעפעראַטן וועגן ציוניזם, סאָציאַליזם און ליטעראַטור, בעיקר ידישע.

ווען עס איז זיך צעפאַלן דער „יוגנט-קרייז", איז געגרינדעט געוואָרן דער „החלוץ" אַלס רעזולטאַט פון דעם אַרויסטרייבן פון צוויי חברים מיטן נאָמען ישראל זלאָטניצקי און מאַלכאָוויצקי פון „יוגנט-קרייז" צוליב נישט פּאַסנדיקער אויפפירונג. ביידע האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ דריטן חבר, מיטן נאָמען מנחם קאַפּלאַן, און האָבן געשאַפן אין פּיעסק דעם בית"ר. די צאָל חברים פון בית"ר איז געווען גרעסער פון דער צאָל חברים פון „החלוץ", אָבער ער איז געווען קלענער אין דער צאָל פון זיינע סימפּאַטיקער.

דער ערשטער חבר, וואָס איז עולה געווען פון בית"ר קיין ארץ-ישראל, נאָך דער הכשרה, איז געווען מענדל פינקעלשטיין, וואָס אַלע האָבן אים גערופן מענדזשיק. מענדזשיקס בריוו פון דער הכשרה זענען געווען באַטראַכט אַלס זייער ווערטפול פון אַ דערציערישן שטאַנדפּונקט און מען פלעגט זיי פאַרלייענען פאַר די יונגע חברים פון בית"ר.

„החלוץ" אין פּיעסק

חנן שבח, וועלכער איז געווען סעקרעטאַר פון „החלוץ" אין פּיעסק, האָט זיך נישט פאַררעכנט אַלס אַן אָפּיציעלער חבר אין דער באַוועגונג, ווייל ער האָט זיך נישט געגרייט אַרויסצופאָרן אויף הכשרה. דעריבער האָט ער געבעטן אַז איך זאָל דערפילן די דאָזיקע פונקציע אונטער זיין אויפזיכט.

חנן שבח פלעגט באַקומען אַלע בריוו און צירקו-לאַרן צו זיך אַהיים. איך האָב דאָס נישט געקאָנט מאַכן, ווייל ביי מיר אין הויז בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהערט צום „החלוץ"; די איבעריקע מיטגלי-דער פון דער משפחה האָבן געהערט צו קעגנערישע פּאַר-טייען, הויפּטזעכלעך צום בית"ר.

מען האָט איינגעשטימט, אַז דאָס מאַטעריאַל זאָל בלייבן ביי חנן שבח אין הויז און דאָרט וועל איך אַר-בעטן. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1932—1933, ווען די טעטיקייט פון סניף איז דערגאַנגען צו איר העכס-טער שטופע.

אין יענע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן אַרויספאָרן אויף הכשרה און אַלס רעזולטאַט פון דעם זענען געשטיגן די סומעס, וואָס מען האָט איינקאַסירט פון חברים אַלס מיטגליד-אָפּצאָל, ווייל דער מרכז פון „החלוץ" און אויך אונדזער סניף האָבן פאַרלאַנגט, אַז יעדער חבר, וואָס וויל אַרויספאָרן אויף הכשרה, זאָל קודם-כל באַצאָלן זיינע שטייערן. דאָס אַלץ האָט דערמעגלעכט אַ פאַר-צווייגטע טעטיקייט פאַר די פאַרבליבענע, אויסצוהאַלטן דעם לאָקאַל און פירן אַ טעטיקייט פון קולטור און הכשרה.

די ערשטע, וואָס זענען אַרויס אויף הכשרה זענען געווען משה קאַפּלאַן, שרה סערעבראָווסקי, זיסל לייב, מרים פאַלקאָוויטש, משה ווינאָקור און אַנדערע.

דער סניף אין פּיעסק איז וואָס אַן אמת געווען אַ קליינער, אָבער ער איז געווען אַ צענטער פון אַ געזעל-

שאַפּטלעכן און קולטורעלן לעבן. דעריבער פּלעגן אים ווייטער באַזוכן אויך יענע חברים, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַרויספאָרן אויף הכשרה צוליב פאַמיליערע סיבות.

פיל עלטערן האָבן מורא געהאַט, אַז זייערע קינדער דערציילן זיי נישט גענוי וואָס עס איז די הכשרה. דע־ריבער האָבן זיי זיך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל דער־ציילן וועגן אַלעם גוטן און שלעכטן און גאָרנישט פאַר־באָרגן. אַ טייל עלטערן האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַ געשריי: „מיט גליק!״ אַן אַנדערער טייל איז געוואָרן בייז און האָט געזאָגט: „דו שיקסט אויף הכשרה און אַליין בלייבסטו דאָ!״

מעגלעך אַז אונטער דער השפעה פון די דאָזיקע ווערטער, און צו דעם נאָך מיין גלויבן אין חלוצישן ווערט, בין איך געווען צווישן די לעצטע, וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן פון סניף פון „החלוץ״ אויף הכשרה, אין יאָר 1933. איך האָב זיך געזעגנט מיט טייערע חברים, וועלכע האָבן ווייטער געפירט דעם שיטערן און אויס־געליידיטקן סניף און בעיקר דערצויגן יונגע קינדער אין די ראַמען פון „החלוץ הצעיר״, כדי זיי צוגרייטן צו זיין חלוצים־עולים, אָבער די מלחמה און דער אומקום האָבן זיי נישט דערמעגלעכט צו זיין צווישן אונדז און מיט אונדז.



״חוג הנוער״ אין פיעסק



מרים בענדערמאַכער

דער „החלוץ הצעיר" אין פיעסק

די ציוניסטישע באַוועגונג אין פיעסק איז אַנטשטאַנען אַדאַנק אונדזערע לערער פון דער שול. הויפּטזעכלעך אַדאַנק שבח זיידל ז"ל און לייבע לונסקי יבל"א. זיי האָבן איינגעפּלאַנצט אין אונדזערע יונגע הערצער ליבע צום פאַטערלאַנד דורך דערציילונגען און לידער פון אונדזערע נאַציאָנאַלע שרייבער און דיכטער.

ווען מיר זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר געגרינדעט דעם „החלוץ הצעיר". מיר האָבן געשאַפן גרופּעס און אויסגעוויילט אינסטרוקטאָרן, צו וועלכע איך האָב אויך געהערט. מיר האָבן זיך באַגעגנט אייניקע מאָל א וואָך, מיר האָבן געפירט געשפּרעכן אויף טעמעס, וואָס זענען נוגע דאָס לאַנד און מיר האָבן געזאַמלט שפּענדעס פאַרן קרן־קיימת און קרן־היסוד.

יעדן פרייטיק פלעג איך באַזוכן מיט דער פּושקע די הייזער פון די איינוווינער, כדי צו זאַמלען שפּענדעס פאַר די קרנות און קיינמאָל האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן קיין שלעכט וועטער. אַלס אַנערקענונג פאַר מיין איבערגעגעבענער אַרבעט האָב איך באַקומען פון קרן־קיימת און קרן־היסוד אַלבומען מיט צייכענונגען און בילדער.

אַן אַנדער עפּיזאָד, וועלכן איך געדענק גוט איז געווען מיין באַטייליקונג אין צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג און איז פאָרגעקומען אין דער קרייז־שטאָט וואָלקאָוויסק, צוזאַמען מיט ישראל זלאָטניצקי ז"ל. די אויפגאַבע פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון אַלע סניפים פון „החלוץ הצעיר" אין דעם קרייז.

אונדזער באַריכט האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט באַוויזן, אַז אונדזער קליינער סניף האָט אַרויסגעוויזן וואַכזאַמקייט און טעטיקייט אויף אַלע געביטן.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט געבראַכט פרוכט. חברים זענען געפאָרן אויף הכשרה, זענען עולה געווען קיין ארץ און אַ סך לעבן היינט אין קיבוצים. אויך די, וואָס האָבן נישט פאַרגעזעצט מיט אַ קיבוציש לעבן, האָבן געגעבן אַן אַקסל צום אויפבוי פון פאָטערלאַנד.

צו אונדזער גרויס באַדויערן האָבן אייניקע חברים, וועלכע זענען געווען געטריי מיט זייער גאַנץ האַרץ דער באַוועגונג און האָבן געהאָפט עולה צו זיין, נישט זוכה געווען צו דעם.

חנן שבח

די חלוצישע באוועגונג אין פיעסק

די העברעאישע שול אין פיעסק האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר די חלוצישע באוועגונגען. דאס איז געווען א גוטע שול, וואס האט געגעבן א ציוניסטישע דערציאונג. איך געדענק אז איין מאל האבן די קינדער באשלאסן נישט צו רעדן קיין יידיש, אפילו נישט מיט זייערע עלטערן, בלויז עברית. זיי פלעגן אריינגיין אין שפייז־קראם און זיך איינעקשנען צו רעדן מיטן קרעמער עברית. פארשטענדלעך, אז ער פלעגט נישט פארשטיין. זיי האבן זיך נישט מתייאש געווען. זיי פלעגן איבערחזרן זייערע ווערטער און אנווייזן אויף די פראדוקטן. אזוי האבן זיי אויסגעפירט זייער באשלוס.

איך האב געענדיקט דעם ערשטן יארגאנג פון דער שול, פון וועלכן עס געפינען זיך היינט אין לאנד בלויז תני (תנחום) קאפלאן און איך. עס איז פאר מיר געווען וויכטיק, אז די ציוניסטישע דערציאונג, וואס די קינדער האבן באקומען אין דער שול, זאל נישט זיין אומזיסט. דעריבער האב איך ארגאניזירט די קינדער און זיך מיט זיי פארנומען. צוזאמען מיט אנדערע האב איך איינגעארדנט אוונטן און פייערונגען, וועמענס טעמעס עס זענען געווען דאס לעבן פון ארץ־ישראל. די אימפרעזעס האבן גהאט אן אויסגעוויינלעכן דערפאלג. זיי האבן נישט פארשעמט אונדזערע שטעטלעך. אזוי האבן זיך די קינדער צוגעבונדן צו ארץ־ישראל פון א יונגן עלטער אן.

נאך דער פערטער עליה איז געווען א תקופה פון א קריזיס אין לאנד, און מענטשן האבן אנגעהויבן צוריקקומען. אבער ווען עס האבן זיך געענדיקט די געשעענישן אין יאר 1929, האבן מיר צוריק ארגאניזירט די יוגנט. צום אנהויב אין „השומר הצעיר", וועמענס אוניפארמען עס האבן צוגעצויגן די יוגנט. נאכדעם האבן מיר געגרינדעט דעם יוגנט־קרייז, וועלכער איז נישט געווען קיין פאליטישע באוועגונג, נאר האט ארומגענומען די יוגנט און איר דערמעגלעכט צו דיסקוטירן איבער פארשידענע ענינים.

ווען עס זענען אנגעקומען פון ארץ־ישראל בעסערע ידיעות, האט זיך באנייט די עליה און מיר האבן ארגאניזירט די דערוואקסענע אין „החלוץ". צייטנווייז פלעגן מיר ארויסגיין מיט זיי אין איינעם פון די דערפער, מאכן א פייער, זיצן ארום אים און זינגען, נעכטיקן אין א שייער און דער ריח פונעם היי פלעגט אונדז פארשיכורן. אזוי האט זיך אויסגעדאכט די יונגע, אז זיי זענען שוין ערד־ארבעטער אין ארץ־ישראל. אזוי האבן מיר דערצויגן די יוגנט, גרשון פאלקאוויטש און איך, אפילו ווען מיר האבן נישט געטראכט וועגן עליה.

שפעטער האבן מיר שוין געטראכט וועגן דעם, און חברים זענען ארויס אויף הכשרה. אויך איך בין געווען צווישן זיי. אלס געזעגענונגס־מתנה האט מיר דער סניף פון „החלוץ" דערלאנגט דעם לעצטן טאג אן אלבאם און אין אים איז געווען אריינגעשריבן: „אונדזער חבר אלחנן, אין טאג פון דיין פארלאזן, אונדזער ברכה. זיי עולה חלוץ, זיי עולה, דיין וועג איז אונדזער וועג און נאכדעם קומען מיר צום פראנט. סניף „החלוץ הצעיר" אין פיעסק".

און דאס זענען די נעמען, וועלכע זענען אונטערגעשריבן אויף יענעם קליינעם אלבאם: דינה קאפלאן, לאה שבח, ליה ציפין, חאשה עיין, חיה ציפין, שרה מאלכאוויצקי, חנה־לאה בארנשטיין, באשה בית, שפרה ראבינאוויטש, צילה חירון, אסתר כאזאנאווסקי, מנשה וואלאשטשינסקי, לייבל נאוויק, יעקב־מרדכי דאניעלעוויטש, יאנעק כווילסקי, שמעון קארפ, נתן וואנד, מאטל דזשעשטשינסקי, צבי שבח, שמחה וואלאשטשינסקי, יוסף נאראדאווסקי, שרה פינקעלשטיין.

יחזקאל ליסאָווסקי

שאַפונג פון דער „תרבות"־שול און די „החלוץ"־באַוועגונג

איך וויל דאָ דערמאָנען עטלעכע משפּחות, וואָס אַדאַנק זייער שטיצע האָבן מיר באַוויזן צו גרינדן די „תרבות"־שול און די באַוועגונג פון „החלוץ הצעיר". איך בין אויסן די פאַמיליעס פון רב זשאַמע, ישראל קאַפּלאַן, משה ראַובקע, מלכה שבח, לונסקי, יהושע מענדעלעוויטש און איצל שפּירא.

מיר האָבן געזויגן דעם ציוניזם אין דער סלאָנימער ישיבה. ווען מיר זענען צוריקגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין שטעטל, לייבע לונסקי, זיידל שבח, שלום לעווין, יוסף רוזשאַנסקי און איך, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ העברעאישע שול.

צום אָנהויב האָבן לייבע לונסקי און זיידל שבח גענומען פּריוואַטע לעקציעס אין העברעאיש און רוסיש ביי רובנישטיק און בערטע איצקאָוויטש. איך האָב נישט פאַרגעזעצט מיינע לימודים, אויסער אין די אָוונטן אין בית־הכנסת.

ווען עס האָט זיך געגרינדעט די „תרבות"־שול זענען לייבע לונסקי און זיידל שבח געווען די ערשטע לערער. איך האָב זיך נאָך פאַרבונדן מיט פעלטע יאַגעל און מיט דניאל יאַגעל. דעם ערשטן האָט מען געבעטן צו זיין אַ לערער פון תנ"ך און דעם צווייטן — סעקרעטאַר. די לימודים זענען פאַרגעקומען אין דער דירה אויפן הויף פון אברהם יאַגעל. מאַנכע האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען געוואָרן אפּיקורסים, אָבער די משפּחות וועמענס נעמען איך האָב דערמאָנט, האָבן אונדז צוגעגעבן מוט.

מיר האָבן געוואָלט זיין זעלבשטענדיק און נישט גיין אין שול אַריין צוזאַמען מיט די עלטערן. שרגא ציון האָט געלעזט די דאָזיקע פראַגע דורך דעם וואָס ער האָט געגרינדעט „תפארת־בחורים" אין דער דירה פון מלכה און משה ראַובקע, וווּ מיר האָבן געפונען אונדזער פּלאַץ שבתים און יום־טובים און מיר זענען געווען בעלי־תפילה.

איך בין אויך געווען צווישן די גרינדער פון „החלוץ הצעיר" אין פּיעסק. איך געדענק אַז איין מאָל איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון „בונד" אין שטעטל. ווען מען האָט זיך דערוווּסט ,אַז לייבע לונסקי און איך און נאָך עטלעכע בחורים זענען אַוועק אַהין, האָט מען אונדז געפרעגט: „פאַרוואָס זענט איר געגאַנגען צו זייער אַ פאַרזאַמלונג?" און מיר האָבן געענטפערט: „ווייל מיר ווילן אַז זייער יוגנט זאָל ווערן אונדזערע".



חנה דיכטער

דאס פארבארגענע ליכט פון די איינוווינער פון מיין שטעטעלע פיעסק

(רעדע, וואס איז געהאלטן געווארן אויף א „יזכור"־אונט)

דער יארצייט פאר די קדושים פון אונדזער שטעטל פאלט אויס י"א טבת. מיר פארזאמלען זיך פון אלע עקן לאנד און דערמאנען דעם אנדענק פון אונדזערע טייערסטע. איך וויל דערציילן וועגן דעם פארבארגענעם ליכט, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר מיר אין מיין שטעטל. איך האב עס געטראגן מיט זיך אין משך פון מיין גאנץ שווער לעבן, אבער פון היינט אן וועט איר אויך זיין שותפים צו אים.

ווי אזוי און ווען האט זיך אנטפלעקט פאר מיר דאס דאזיקע פארבארגענע ליכט? איך האב געלערנט אויסער מיין היים און מיין שטעטל, אין לערער־סעמינאר אין דערשטאט גראדנע. אויף די חנוכה־פעריעס בין איך געקומען אהיים. פארשטייער פון קרן־קיימת אין אונדזער שטעטל האבן זיך געווענדט צו מיר מיט דער בקשה, איך זאל צושטיין צו מערי קוויאט, כדי צו זאמלען שפענדעס פארן קרן־קיימת. איך האב ליב געהאט די פריילין מערי. זי איז געווען שיין, שלאנק, איידל און אנגעזאפט מיט ליבע צו ישראל. מיר האבן אנגעהויבן באזוכן די הייזער און מיר זענען געווען באאיינדרוקט פון דעם ענטוזיאזם פון די שפענדערס. מיר זענען דערגאנגען ביז מיין גאס, זארעטש. פאר דעם הויז פון עטקע סאפרין האבן מיר זיך פארהאלטן. מיר האבן געטראכט: וואס זאל מען טון? אריינגיין אדער גיין ווייטער? דאס הויז איז וואס אן אמת געווען א גוט און בכבודיק הויז, זיינע מענטשן אנגענעמע, אבער עס איז געווען פול מיט צער און יסורים. זייער עלסטער זון דניאל, וועלכער איז אמאל געווען פול מיט לעבן און טעטיק אין אלע געזעלשאפטלעכע אקציעס אין שטעטל, איז אראפ פון זינען און ליגט אין בעט, אין אן ענגן און פינצטערן צימערל. פון גרויס שרעק האבן מיר באשלאסן אריבערצולויפן וואס שנעלער ביים הויז. מיר זענען נאר אפגעגאנגען א פאר טריט, און עס איז דערגאנגען צו אונדז עטקעס שטימע: „חנהלע, פארוואס האסטו אויסגעמיטן מיין הויז? איך האב אויך צוגעגרייט א שפענדע פאר דער אויסלייזונג פון לאנד. ביטע, קומט אריין צו מיר אין הויז". מיר זענען אריינגעגאנגען אינעווייניק. א ריח פון מילך האט אונדז אויפגענומען, ווייל די פאמיליע סאפרין האט זיך פארנומען מיטן פארקויף פון מילך און מילך־פראדוקציע. מיר האבן זיך געזעצט ביים טיש. פלוצלונג האבן מיר דערשפירט גרויסע און שרעקלעכע אויגן ווארפן אויף אונדז טויט־פיילן. דאס בלוט איז פארגליווערט געווארן אין אונדזערע אדערן.

די פרוי איז צוגעלאפן צום שאנק, זי האט געזוכט צווישן דער וועש און האט ארויסגענומען א קליין פעקעלע. מערי האט אנגענומען מוט, האט אויפגעבונדן דאס פעקעלע און אויפן טיש האט זיך אויסגעשאטן אן אוצר ממש. עטקעס פנים האט געשיינט און אין אירע אויגן האבן געבלישטשעט טרערן. זי האט געזאגט: „יעדן טאג, נאכדעם ווי איך פארקויף די מילך אין גאס, לייג איך אפ א טייל פון מיין געלט פארן אויפבוי פון

אונדזער לאַנד. שוין אַ חודש צייט ווי איך זאַמל דאָס געלט און וואַרט אויף אַ שליח, וואָס זאָל קומען עס נעמען". מערי האָט איבערגעציילט די מטבעות און געזאָגט צו עטקען מיט איר באַזונדערער איידלקייט: „דאָס איז צו פיל. מיר ווילן אייך אומקערן אַ טייל". עטקע האָט אויסגעבראָכן: „ניין! ניין! נעמט אַלץ, אַלץ! אפשר איז זכות פון דער דאָזיקער מצווה..." די טרערן האָבן געשטיקט איר האַלדז. מיר האָבן פאַרשטאַנען איר תפילה. זי האָט געזוכט אַ רפואה פאַר איר אומגליקלעכן זון. אַ בליק פון עטקעס אויגן האָב איך מיטגענומען און אים אָפּגעהיט.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען און אָנגעקומען ביזן הויז פון שלמהקע „דער שוסטער". מיר האָבן דאָרט געפונען זיין זון ראובן, אַ קאַליקע פון געבוירן. ער איז געווען גרויס ווי אַ צען־יאָריק יינגעלע. ער האָט געהאַט אַ גאָרב פון פאָרנט און פון הינטן. ראובן איז געווען פאַרהייראַט און אַ טאַטע פון דריי קליינע קינדער. ער איז שנעל געלאָפן אונדז אַנטקעגן, אָנגעטון אַ פאַרטוך, וועלכער האָט פאַרדעקט זיין גאַנצן קערפּער און זיך נאָכגעשלעפּט ביז דער ערד. זיין געזיכט איז געווען בלאַס ווי קאַלך, עס האָבן אָבער געבלישטשעט אין אים צוויי לוסטיקע אויגן. ער איז צוגעלאָפן צו דער מזרח־וואַנט, אַראָפּגענומען די בלויע פּושקע און האָט זי אונדז איבערגעגעבן. מערי האָט געעפנט די פּושקע. און קוק אָן דעם וווּנדער: די מטבעות האָבן זיך געשאָטן פון איר אָן אַ סוף. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. אין דער טיר פון צימער איז געשטאַנען ראובנס ווייב, דאַר און אויסגעמוטשעט און אַ געל געזיכט. אין די אָרעמס האָט זי געהאַלטן אַ קינד און ביי איר קלייד האָבן זיך אָנגעהאַלטן נאָך צוויי. דאָס הויז איז געווען פייכט און קאַלט. די גאַנצע משפחה האָט געליטן פון קראַנקהייטן, נויט און אָרעמקייט. מערי האָט אויסגעציילט דאָס געלט. די סומע איז געווען צו גרויס. ראובן האָט באַמערקט, אַז מיר זענען נישט זיכער מיט זיך און האָט געזאָגט: „ביטע, אַנטשולדיקט מיר. דאָס איז ווייניק. אם ירצה השם, אין די נעכסטע וואָכן וועל איך פאַרדינען מער און שפּענדן מער". און מערי האָט געענטפערט: „ניין, ראובן, דאָס איז נישט צו ווייניק, נאָר צו פיל. אין קיין שום הויז האָבן מיר נישט באַקומען אַזאַ סומע!" אַ ליכט האָט זיך אָנגעצונדן אין די אויגן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאָגט שטיל: „גאָט זאָל געבן, אַז איך זאָל האָבן אַ חלק אין דער גאולה". מיר זענען אַרויס, אָבער אַ טראָפּן פון דעם בלאַסק פון זיינע אויגן האָב איך מיטגענומען מיט זיך.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען פון הויז צו הויז. די זון איז אַראָפּ. מיר זענען צוריקגעגאַנגען און געטראָגן מיט זיך אַ שווערן און פולן בייטל מיט הייליקע שפּענדעס פון די הייזער פון אָרעמקייט און ליידן פון אונדזער שטעטל.

עס איז אַריבער אַ יאָר און איך בין ווידער אַמאָל געקומען אַהיים. דאָס מאָל האָט זיך דערנענטערט יום־כיפור. מען האָט מיך געבעטן צו שטיין אין דער ווייבערשול, ווייל ביים אַריינגאַנג האָבן פרויען געשפּענדעט פאַר גאולת הארץ. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קליין טישל און אויף אים אַ קערה. די זון איז אַראָפּ צו מערב. אַ רויטער פאַרב, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ מורא האָט פאַרדעקט דעם הימל. פון אַלע עקן פון שטעטל האָבן געשטראָמט מענטשן אין די שולן. נעבן מיר איז געשטאַנען מיין חברטע זלאַטע פּרושביצקי. מיר האָבןביידע געציטערט פאַר דער הייליקייט פון דער שעה און פון פּלאַץ. די פרומע ווייבער זענען דורכגעגאַנגען איינציקווייז נעבן אונדז און אַריינגעוואָרפן שפּענדעס מורמלענדיק: „פאַר אַ גאולה שלמה". פּלוצלונג האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן דער קערה חייטשע „די קרעמערקע". איר שיין פּנים האָט געשיינט און האָט אויסגעזען מאַיעסטעטיש. די פרוי איז געווען אַ גרויסע נדבנטע. זי האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון אַ פאַרבאָרגענעם טאַש אין איר שיין קלייד, און אַ פולע האַנט מיט מטבעות האָט זיך אַרויסגעשאָטן און אָנגעפילט די קערה. איך האָב זי באַגלייט ביז צו איר פּלאַץ אויף מזרח. איך האָב זי געזען פאַרפלייצט מיט ליכט, דאָס ליכט פון גאולה. עטוואָס פון דעם ליכט איז געוואָרן אַ טייל פון מיר. די זון איז אונטערגעגאַנגען. עס איז אָנגעקומען די שעה פון כל־נדרי. מיר האָבן צונויפגענומען דאָס געלט און מיר זענען אַוועק אין מענדעלעוויטשעס הויז, דעם צענטער פון קרן־קיימת אין אונדזער שטעטל.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר. איך האָב געענדיקט

דעם לערער־סעמינאַר אין גראָדנע. איך בין געפאָרן אַהיים, כדי צו זיין אַ ביסל מיט מיין מוטער, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע און געפערלעכע אָפעראַציע. זי איז אַרויס מיר אַנטקעגן און איז געשטאַנען אַנגעשפאַרט אויפן גאַנעק, שלאַנק און צוריקגעצויגן. זי האָט נישט אויסגעדריקט מיט קיין ווערטער איר שטאָלץ מיט איר טאָכטער, וועלכע איז צוריקגעקומען מיט אַ לערער־דיפלאָם. אָבער די פלעקן, וועלכע האָבן זיך פאַרשפרייט אויף אירע באַקן און האַלדז האָבן עדות געזאָגט ווי טיף גערירט זי איז. מיר זענען אַריין אין הויז. אַלץ איז געווען פאַרפוצט לכבוד מיר. איך בין געזעסן נעבן מיין מאַמען, און מיר האָבן געשוויגן. איך האָב באַמערקט, אַז אירע אויגן לייכטן און טרערן. עט־וואָס פון דעם ליכט איז אַריין אין מיין האַרץ און גע־בליבן דאָרט אויף אייביק. איך האָב איבערגעריסן דאָס שווייגן און געזאָגט: „איך ווייס, אַז דו האָסט געשפּאָרט פון דיין מויל, כדי מיר צו שיקן פעקלעך עסן. אָבער איצט, אַז איך האָב שוין דעם דיפלאָם, וועסטו זיך אָפ־רוען פון דיין שווערער מי. איך וועל באַקומען אַ פאָסטן פון אַ לערערקע און יעדן חודש וועל איך דיר שיקן אַ טייל פון מיין לוין".

און דאָ האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר אונ־דזער גוטער שכן יצחק פרושביצקי. ער האָט געוואָלט זיין צווישן די ערשטע, וועלכע וועלן מיר ווינטשן. דער דאָזיקער באַשיידענער און אָרנטלעכער מענטש האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז אַ דיפלאָם, ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז חנה די יתומה, רחלס טאָכטער, וועט זיין אַ לערערקע. איך וועל נישט פאַרגעסן זיינע אויגן וועלכע האָבן זיך איינגעקוקט אין מיר מיט אַ פאָטער־לעכער ליבע. איך וועל אויך נישט פאַרגעסן זיין גוטן שמייכל. ער האָט געדריקט מיין האַנט און האָט געמורמלט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, אַז איך זאָל מצליח זיין און איך וועל זיין גליקלעך. נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מיר פאַרטייטשן אַ פסוק אין דער תורה. איך וועל דיר זיין דאַנקבאַר אויב דו וועסט שפעטער אַריינגיין צו מיר אין הויז".

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען איז זיין מוטער געלעגן אויפן קראַנקן־בעט. מיין חברטע זלאַטע האָט שוין גע־האָט פאַרלאָזן דאָס הויז פון די עלטערן און דער עלטס־טער זון האָט געדינט אין דער פוילישער אַרמיי. יצחק האָט אַרויסגענומען אַ תנ"ך, האָט אים אַ קוש געטון און איוסגעזוכט דעם שווערן פסוק. איך האָב דערקלערט אין אַ פשוטן יידיש און ער האָט זיך איינגעהערט, אין זיינע אויגן איז געווען אַ באַזונדער ליכט. אַ פונק פון דעם דאָזיקן ליכט האָט זיך צוגעקלעפּט אויך צו מיר און גע־וואָרן אַ טייל פון מיר.

אויפצומאָרגנס בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון הויז פון מיין קרוב אהרן בורר, אין צענטער פון שטעטל. אויפן וועג האָט מיך אָפגעהאַלטן רב לייב, דער פאָ־טער פון חוה און נעמי. ער האָט אויסגעזען אַלט און אויסגעמוטשעט און האָט מיך איינגעלאַדן זיך צו זעצן נעבן אים אויף אַ באַנק ביים וואַנט. איך האָב געדענקט ווי אַזוי ער פלעגט אונדז אָפוואַרטן יעדעס יאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שול־יאָר אין דער שול. ער פלעגט אַריינקוקן אין אונדזערע לער־ביכער, ספעציעל אין די ביכער וועגן יידישער געשיכטע, און אַמאָל פלעגט ער בעטן מיר זאָלן אים באָרגן אַ בוך צום לייענען. איצט האָט ער געזאָגט: „דו ביסט אַ לערערקע און דו האָסט נישט קיין ביכער. האָסט, ווייזט אויס, געענדיקט לייע־נען אַלע". נאָכדעם האָט ער געבעטן איך זאָל אים דער־ציילן וואָס זענען געווען די לעצטע זאַכן, וועלכע איך האָב געלערנט אין סעמינאַר וועגן דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אויפשטיין פון לאַנד און פון פאָלק. דער זקן האָט זיך אויפגעוועקט און אַ יוגנט־בליץ האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. איך האָב אים פאַרלאָזן און איך האָב מיטגענומען מיט זיך עטוואָס פון יענעם בליץ.

איך האָב באַוויזן בלויז דורכצוגיין אַ קליין שטיקל וועג און איך האָב באַגעגנט שרהן, די מוטער פון מיין שוואָגער יהודה. די פרוי האָט געשטראַלט פון שמחה און האָט געבעטן איך זאָל אַפטרעטן ביי איר. איך בין איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אָפגעריסן פאַר מיר די שענסטע און גרעסטע עפל אין איר גאָרטן. נאָכדעם זענען מיר אַריין אין הויז. בדרך־כלל האָט דער פלאַץ געטומלט פון מענטשן, אָבער איצט איז ער געווען רואיק, ריין און יום־טובדיק. זי האָט גענומען אין האַנט דעם „צאינה וראינה" און האָט אַרויסגענומען פון איר אַ קאָנ־ווערט: „דער לעצטער בריוו פון מיין יהודהלע", האָט

זי געזאגט. „מיין טייערינקער שרייבט מיר נישט אפט, ער פארגעסט מיך אבער אויך נישט. אט איז א בילד פון יהודהלעס טאכטער, מיין טייער אייניקל״. זי האט נישט געקאנט ארויסזאגן איר נאמען צפירה. ער איז איר נישט געווען באקאנט, צופיל מאדערן. „איך קוש דאס בילד ביינאכט, איידער איך לייג זיך שלאפן״, האט זי צוגעגעבן. „און אין דער פרי, ווען איך שטיי אויף פון שלאף. זי איז דאס שענסטע מיידעלע אויף דער וועלט, ריכטיק?״ איך בין מסכים געווען מיט איר. איצט האט זי פון מיר געבעטן איך זאל איר פארלייענען דעם בריוו. איך האב געלייענט לאנגזאם, ווייל איך האב געוואלט זי זאל הנאה האבן פון יעדן ווארט. „יעדן טאג בעט איך מען זאל מיר פארלייענען דעם לעצטן בריוו״, האט זי דערקלערט. „און אזוי ארום דאכט זיך מיר, אז איך דערהאלט יעדן טאג פון אים א בריוו. איך בין גישט אין כעס אויף אים. ער איז פארנומען און באשעפטיקט. איך ווארט. איך ווייס, אז ער וועט קומען מיך נעמען צו זיך, כדי איך זאל האדעווען זיינע קינדער״. אירע אויגן זענען געווארן באלויכטן מיט א ליכט פון בענקשאפט און האפענונג, און איך האב צוגענומען עטוואס פון דעם ליכט.

עס איז שוין געווען א שפעטע פארמיטאג־שעה, און איך בין נאך נישט אנגעקומען אין צענטער פון שטעטל. איך בין אריבערגעגאנגען דעם ברוק און איך בין צוגעקומען צום הויז, אין וועלכן עס האט זיך געפונען די „תרבות״־שול. פון דער וויטנס האב איך באמערקט ישראל קאפלאן, וועלכער האט געשפרייזט מיר אנטקעגן. ער האט מיר געשטרעקט דיהאנט און געזאגט: „איך גראטוליר דיר און ווינטש דיר דערפאלג אויף דיין וועג אלס לערערקע פון יידישע קינדער״. איך בין געווען גערירט. איך האב בכלל נישט געדענקט אז מיר זאלן אמאל האבן אויסגעטוישט א ווארט. אויסער דעם האב איך געלערנט אין משך פון די לעצטע אכט יאר אויסערן שטעטל און פלעג נאר צוריקקומען אויף די פעריעס. אבער גאנץ שנעל האב איך פארשטאנען אז ער האט געהאפט אז אלס לערערקע וועל איך וויטער שעפן פון דער טראדיציע פון די אבות, איך וועל אבער אויך אנווייזן אויף דעם נייעם וועג.

ווען איך האב זיך געזעגנט מיט אים, האב איך דערזען העניע קוויאט, די פרוי פון רב שמעון דעם חסיד, וועלכע האט געטראגן אין די הענט צוויי עמערס. אזוי ווי זיי האבן נישט געהאט קיין טעכטער אין מיין עלטער, האב איך זיי נישט געקענט גוט. אבער זי האט שטענדיק ארויסגערופן אין מיר א פאראינטערעסירונג. זי איז געווען שלאנק, זעלבסט־זיכער, אבער א גרויסע שווייגערקע און האט געהאט אן אומעטיק געזיכט. זי האט זיך פארהאלטן און אויסגערופן: „מזל־טוב דיר, חנהלע זאל דיר גאט געבן כוח, כדי אויסצופילן דיין אויפגאבע מיט כבוד!״ איך האב זי אנגעקוקט מיט באווונדערונג און דאס ערשטע מאל האב איך געזען אירע אויגן באלויכטן מיט א שמייכל. איך האב אויך פון אים עטוואס מיטגענומען.

צום סוף בין איך אנגעקומען אין דעם גרויסן און שיינעם הויז פון אהרן בורר. איך האב זיך דארט פארהאלטן א לאנגע צייט, ווייל איך האב זיי געמוזט דערציילן אלץ וועגן זיך.

אויך אויף מיין וועג צוריק האבן מענטשן, וועלכע האבן געוווסט, אז אין משך פון יארן האב איך געליטן צער און נויט, כדי צו דערגרייכן מיין ציל, געשמייכלט צו מיר און מיר געווונטשן גליק. וואלטן זיי אלע דא געווען מיט אונדז, וואלטן זיי געוווסט, אז איך האב זיך באמיט צו דערפילן די האפענונגען, וועלכע זיי האבן געלייגט אויף מיר. אבער נישט אלע זענען דא און איך קאן בלויז דערציילן וועגן די פונקען ליכט, וועלכע איך האב פון זיי גענומען.

עס זענען אריבער נאך עטלעכע יאר. אין יאר 1937 האב איך ווידעראמאל באזוכט דאס שטעטל, אבער דאס מאל צוזאמען מיט מיין מאן. אונדזער הויז איז שוין געווען פארקויפט און מיין שוועסטער חאשקע, וועלכע האט געוווינט אין א געדונגען הויז, איז געווען די איינציקע פון מיינע אלע שוועסטער, וועלכע איז נישט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין דעם קליינעם הויז פון מיין שוועסטער זענען געקומען פיל פון שטעטל מיך באגריסן.

איך בין אפגעטרעטן אין דעם הויז פון ברוך באראווסקי און זיין פרוי, וועמענס טאכטער באבטשע־שושנה איז געווען מיין גוטע חברטע. אין יענער צייט זענען זיי געווען אין טרויער צוליבן טויט פון זייער זון

מאיר, אָבער זייער קבלת־פּנים איז געווען שיין און וואַרעם.

מיין חבר שלמהקע לעוו, חיים לעוו און זיידל איצקאָוויטש, האָבן אויפגענומען מיין מאַן ווי אַ ברודער, האָבן געמאַכט מיט אים שפּאַצירן און זיך געבאָדן מיט אים אין די קילע וואַסערן פון דער זעלעוויאַנקע. אַזוי ווי ער האָט פאַרבראַכט אין זייער געזעלשאַפט, האָב איך געקאָנט צוהעלפן מיין שוועסטער חאַשקע אין אירע צוגרייטונגען צו שבת. קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן יענע וואָך, ווען מיר האָבן געבאַקן און געקאָכט, און די טיר האָט זיך נישט צוגעמאַכט אַפילו אויף אַ מינוט. מענטשן זענען געקומען אונדז באַגריסן און געבראַכט מתנות. פיל האָבן געבראַכט געטראַנקען. פון וואַרשאַווסקיס הויז האָט מען געשיקט אַ קויש געטראַנקען פון אַלע מינים. שבת איז געקומען אהרן בורר נעמען מיין מאַן אין שול אַריין. מיין מאַן האָט אויסגעדריקט זיין ווּנטש צו דאַווענען דאָרט ווו עס האָט געדאַוונט מיין פאָטער, אין „מויער". אַזוי אַרום האָט צוויי און צוואַנציק יאָר נאָכן טויט פון מיין פאָטער, גע־דאַוונט אויפן זעלבן פּלאַץ עמעצער פון די מיטגלידער פון זיין משפּחה. מען האָט מכבד געווען מיין מאַן מיט אַן עליה צו דער תורה און מיין שוועסטער חאַשקע האָט געקוקט אויף אים פון דער ווייבער־שול און געוויינט פון פיל גליק און פרייד.

משה וואַרשאַווסקי, אַ גוטער פריינד פון מיין טאַטן, האָט נישט געקאָנט קומען אין שול אַריין, ווייל מען האָט אים אַמפּוטירט ביידע פיס און ער איז געווען צוגעשמידט צו אַן אינוואַלידן־וועגעלע. מיר זענען געגאַנגען אים באַזוכן אין איינעם פון די טעג פון דער וואָך. איך בין געזעסן פון איין זייט און מיין מאַן פון דער צווייטער זייט. ער האָט געבעטן די לייט פון זיין משפּחה מען זאָל אַרויפנעמען געטראַנקען פון קעלער און מען זאָל גרייטן דעם טיש. מיר האָבן געטרונקען לחיים. ער האָט דערציילט, אַז מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט מען אים אָפּעּרירט און צוריקגעבראַכט אַהיים. ראש־השנה האָט זיך דערנענטערט און ער האָט אַזוי געוואָלט דאַווענען בציבור. און אָט האָט זיך געעפנט די טיר און מיין פאָטער איז אַריינגעקומען. „איך בין געקומען דיר מודיע זיין, אַז מיר וועלן פאַרוואַנדלען דיין הויז אין אַ מקום־תפילה", האָט ער געזאָגט. „מיר וועלן ברענגען אַ ספר־תורה און די שכנים און איך וועלן דאַווענען ביי דיר". ער האָט אויסגעצויגן צו אונדז ביידע הענט און פאַרענדיקט: „עס פרייט מיך צו זען אין מיין הויז חנהלען אַ דערוואַקסענע און אַ פאַרהייראַטע, אַזוי ווי איך האָב זיך דעמאָלט געפרייט צו זען איר טאַטן. זאָל גאָט געבן און ער זאָל באַגליקן אייער וועג ביז דער טיפער עלטער".

און איך גלויב אַז די ברכה פון דעם גוטן פריינד דעם אינוואַליד האָט באַשיצט מיך און מיין מאַן אין צייטן פון סכנה און אַז אין איר זכות זענען מיר דערגאַנגען צום סוף אל המנוחה ואל הנחלה.



חנה דיכטער אין יזכור אווענד

מ. שחורי

די העברעאישע שול און אירע דערציער אין פיעסק

די שול אין פיעסק איז נישט געווען סתם אַ לער־אַנשטאַלט, וואָס האָט געגעבן בילדונג אַ טייל פון די קינדער פון שטעטל און אין וועלכן עס זענען געווען טעטיק אַ באַגרענעצטע צאָל פון לערער און עסקנים. דאָס איז געווען פיל מער ווי דאָס.

אַרום דער שול האָט זיך קאָנצענטרירט די מער־הייט פון די ידישע איינוווינער פון שטעטל: די שי־לער, זייערע עלטערן און חברים פון זייערע משפחות, די אַבסאָלווענטן, וואָס האָבן געענדיקט זייער לערע און זענען געבליבן פאַרבונדן מיט איר גייסטיק. די לערער און עסקנים פאַר וועמען די שול איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון זייער לעבן און אַנדערע.

אין די היינטיקע שולן זענען מיר אַמאָל עדות צו אַ סתירה צווישן די טענדענצן פון בילדונג און דערצי־אונג. דאָס האָט נישט עקזיסטירט אין דער שול אין פיעסק

דאָס איז געווען נישט נאָר אַ לער־אַנשטאַלט, כדי צו געבן בילדונג און אויסברייטערן דעם וויסן, נאָר אַ פלאַץ, וואָס האָט דערצויגן צו ווערטן פון יידנטום, ציו־ניזם און ליבע פון פאָלק צו זיין פאָטערלאַנד, צו גלויבן אין נצח ישראל און צו מעשים טובים.

דער ניוואָ אין איר איז געווען הויך און די לערע אינטענסיוו.

אונדזער שטעטל איז נישט געווען געבענטשט מיט פיל קונסט־ און קולטור־אינסטיטוציעס. דעריבער האָט זיך קאָנצענטרירט אין די צימערן פון דער שול די מער־הייט פון דער קולטורעלער טעטיקייט פון שטעטל און אַ ביסל אויך פון דער טעאַטער־קונסט. די תלמידים פון דער שול אָדער אירע אַבסאָלווענטן פלעגן פון צייט צו צייט פאַרשטעלן פאַר די עלטערן און פאַר אַ קהל איינ־געלאַדענע. דער דראַמאַטישער קרייז, וואָס איז געווען טעטיק אַ לאַנגע צייט אין שטעטל און זיינע הכנסות זענען געווען געווידמעט ציוניסטישע און לאָקאַלע צדקה־אונטערנעמונגען, איז באַשטאַנען פולשטענדיק פון אַב־סאָלווענטן פון דער שול און אירע תלמידים. אויך די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַרומ־גענומען די מערהייט יוגנט אין שטעטל, ווי: „השומר הצעיר״, „החלוץ הצעיר״, „החלוץ״, בית״ר און אין אַ געוויסער תקופה אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן יוגנט־קרייז, זענען אַלע אַרויסגעקומען פון דער שול, און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען ווי אַ דירעקטער המשך פאַר זייער אידעאיש־ציוניסטישער בילדונג.

די רעזולטאַטן זענען געווען פאָזיטיוו. אויף וויפיל איך געדענק, דאַכט זיך מיר, אַז כמעט אַלע אַבסאָל־ווענטן פון דער שול זענען געבליבן געטרייע זין פון פאָלק, איבערגעגעבענע ציוניסטן, און די בענקשאַפט צו ארץ־ישראל האָט געקלאַפט אין זייערע הערצער.

צו אונדזער באַדויערן האָבן בלויז ווייניקע זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זייערע שטרעבונגען און אָנ־צוקומען אין לאַנד. די וועלכע האָבן זוכה געווען זענען געטרייע זין פון דער מדינה, פולע שותפים צו איר שאַ־פונג, צו אירע אונטערנעמונגען און איר זיכערקייט.

איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער שול ווען זי האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אין דעם גרויסן הויז פון יאַשקע ברעזשניקער ז״ל. דאָס דאָזיקע הויז איז גע־שטאַנען אין צענטער פון שטעטל. הינטער אים איז גע־ווען אַ גרויסער הויף און אַ סאַד. אין דעם דאָזיקן הויז איז אַריבער אויף דער שול איר תקופה פון גלאַנץ, און זי איז געווען פול מיט לערער און פיל תלמידים.

בשעת די פויזעס האָט די גאַס גערוישט פון די

פריילעכע קולות און די שפילערייען פון די קינדער. בשעת די לעקציעס האָט געהערשט אַן ערנסטע אַט־מאָספער פון לערנען. עס האָבן געלערנט און זיך דער־צויגן אין איר פיל ברידער און שוועסטער פון גרויסע משפחות. אין געוויסע יאָרן האָבן אין איר געלערנט אַפילו 4 און 5 קינדער פון איין משפחה. דאָס אַלץ קומט צו דערמאָנען דעם שטאַרקן ווילן פון די עלטערן צו געבן די קינדער אַ העברעאישע און טראַדיציאָנעלע דער־ציאונג, טראָץ די גרויסע שוועריקייטן און די באַמיאונ־גען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, כדי צו באַצאָלן דעם שכר־לימוד.

זינט איך בין געווען אַ שילער ביז מיין פאַרלאָזן פּיעסק זענען דורכגעגאַנגען אין דער שול פיל לערער און לערערקעס. כמעט יעדעס יאָר פלעגן קומען נייע לערער, וועלכע זענען געקומען פון דערווייטנס, כדי צו לערנען תורה די קינדער פון שטעטל. ווייניק לערער זענען געווען געבוירענע אויפן אָרט. זאָלן דערמאָנט ווערן צום גוטן געניע איצקאָוויטש, זיידל שבח און קאַ־זאַק. און זאָלן זיין אָפּגעשיידט צו לאַנגע יאָרן לייבע לונסקי און דער לערער נוימאַן, וועלכער לעבט מיט אונדז אין ארץ. דער עלטסטער פון זיי, וואָס האָט גע־ווידמעט פיל יאָרן, כדי צו אונטערריכטן און דערציען אין דער שול איז געווען מיין פעטער, מיין לערער און דערציער, זיידל שבח.

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער נאָטיץ וועל איך ווידמען אַ פּאָר ווערטער צום אָנדענק פון זיידל שבח. ער איז געווען אַ בן־יחיד צו זיינע עלטערן און דער ייִנגסטער ברודער פון זיינע פינף שוועסטער. אין זיין פריער יוגנט איז ער פאַריתומט געוואָרן פון זיין פאָטער און איז געבליבן דער איינציקער מאַן אין זיין משפחה. זיינע אַלע יאָרן האָט ער געלערנט, זיך געבילדעט און זיך פאַרשאַפט וויסן. ווען ער האָט באַשלאָסן צו זיין אַ לערער, איז ער אַוועק קיין ווילנע, זיך דאָרט געלערנט אויף פּעדאַגאָגישע קורסן און געענדיקט אַלס לערער אין „תרבות"־שולן. אַן אידעלע נשמה, אַ מענטש פון העב־רעאישער און אַלגעמיינער קולטור, באַשיידן און צוריק־געהאַלטן. אויסער די לער־שעהן איז ער געווען טעטיק אין דעם ציוניסטישן און חלוצישן לעבן אין שטעטל. ער האָט געגעבן רעפעראַטן, האָט אונטערריכטעט אין „החלוץ" און האָט געהאַט אַ חלוציש־ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישן באַוווּסטזיין. די קראַנקהייט פון זיין מוטער האָט אים נישט דערמעגלעכט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיינע חברים. נאָכן טויט פון זיין מוטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון אויגוסטאָוו און איז דאָרט אויך געווען טעטיק אין ציוניסטישן און חלו־צישן לעבן.

אויסער דער שול האָט עקזיסטירט נאָך אַ לער־אַנ־שטאַלט פאַר למודי־קודש און דאָס איז די „תלמוד־תורה". דאָרט האָבן געלערנט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, בלויז ייִנגלעך. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וועמענס עלטערן האָבן נישט פאַרמאָגט כדי צו באַצאָלן שכר־לימוד אָדער זין פון עלטערן, וועלכע האָבן געזען די צוקונפט פון זייערע זין אַלס תלמידים פון „ישיבות" און נאָך ווייטער — אַלס רבנים. אין דער „תלמוד־תורה" האָט מען געלערנט אומזיסט, ווייל זי האָט זיך נישט גענויטיקט נישט אין לער־מכשירים און נישט אין קלאַסן. מען האָט געלערנט אין די בתי־כנסת. די איינציקע הוצאה איז געווען די קליינע באַלוינונג פון די רביים, און דערצו איז געווען גענוג די שטיצע פון אַמעריקע.

צווישן די תלמידים פון בײדע לער־אַנשטאַלטן האָט געהערשט אַ שטענדיקע שנאה, וועלכע האָט זיך אויס־געדריקט אין „מלחמות" און אין צוזאַמענשטויסן מיט דער הילף פון דעם געווער, וואָס איז דאַן געווען אָנ־גענומען — שטעקנס און שטיינער. אָבער איך געדענק אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע תקופה, ווען די „תלמוד־תורה" איז געווען איינגעשלאָסן אין דער שול און די תלמידים פלעגן ווייטער לערנען אין די נאָכמיטאָג־שעהן דעם תלמוד און זיינע מפרשים. דאָס איז געווען אַ פרוכט־באַרע תקופה פון לימודים, וועלכע האָבן זיך דערגענצט און מקרב געווען די הערצער. מיטן עלטער ווערן האָט דאָס געהאָלפן איינצושליסן אַ סך פון די תלמידים פון דער „תלמוד־תורה" אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציעס.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער מלח־מה איז אַראָפּ אַ ביסל דער גלאַנץ פון דער שול. זי איז שוין מער נישט געווען קיין אַלגעמיינע אינסטיטוציע. צוויי הויפּט־סיבות זענען געווען צו דעם:

א) אַ סך פון אירע אַקטיוויסטן און פון די, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר איר קיום האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל — ווער קיין ארץ־ישראל און ווער אין אַנדערע פלעצער, און געטרייע און איבערגעגעבענע פאַרטרעטער זענען נישט אויפגעשטאַנען;

ב) די גדינדונג פון דער פוילישער שול, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָט קאָנקורירט מיט דער העברעאישער שול, ווייל דאָרט האָט מען געלערנט אומזיסט. די פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער מערהייט יידן פון שטעטל האָט געשטויסן אַ סך קינדער צו דער פוילישער שול, הויפטזעכלעך אין די העכערע קלאַסן.

אָבער אויך דאָן האָבן זיך אַ סך משפחות אָנגע־האַלטן מיט די נעגל, כדי צו געבן זייערע קינדער אַ העברעאישע דערציאונג, און צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע זענען נישט געווען אימשטאַנד צו באַצאָלן דעם שכר־לימוד און זיי האָבן דאָס אָפּגעשפּאָרט פון זייער ברויט און זייער קליידונג.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט די העברעאישע שול אויפגעהערט צו עקזיסטירן.



תרבות שולע מיטן לערער חזנובסקי

חנה ציון־דיכטער

פאריתומט

זאָלן די דאָזיקע ווערטער זיין
אַ נר־תמיד פאַר דער נשמה פון
מיין מאַמען רחל ז״ל.

דער יאָרצייט פון מיין גאָטזעליקן פאָטער פאלט אויס ט״ז טבת. איך האָב אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט און איך האָב זי אַוועקגעשטעלט אין גרויסן צימער פון מיין הויז. דאָס ליכט האָט געפינקלט און געוואָרפן לאַנגע שאָטנס אויף די ווענט. עס איז געווען אַ שפּעטע שעה. אַלע זענען געשלאָפן. בלויז איך בין געווען אויף. איך האָב אויסגעשפּרייט פאַר זיך אַ פּאַפּיר, ווייל עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט זיך מתייחד צו זיין מיטן הויז פון מיינע עלטערן. וואָס זאָל איך שרייבן? איך האָב נאָך נישט געוווסט. מיין בליק איז געפאַלן אויף די שאָטנס און זיי האָבן מיך אַריבערגעפירט ווייט איבערן ים, צום הויז פון מיינע עלטערן. פּלוצלונג איז אויפגעשטאַנען פאַר מיר מיין מוטער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר לעבעדיק און שיינענדיק. איך זע זי קלאָר. יאָ, דאָס איז זי! הויך און שלאַנק אַזוי ווי אין די יוגנט־יאָרן. אָנגעטון שיין און מיט געשמאַק, אירע אויגן גרויסע און קלאָרע, אָבער אַ טרויער קוקט אַרויס פון זיי. איך בין אַריינגעגאַנגען אין הויז. איך האָב אַ קוק געטון אויפן אויוון, און האָב זיך דערמאָנט אָן די פּרייטיקס.

די זון איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען און מיין מוטער האָט זיך שוין געפּאָרעט לכבוד שבת. איר אַרבעט האָט זי געטון פאַרזיכטיק, זי זאָל נישט אויפוועקן די טעכטער. זי האָט זיך געאיילט צוצוגרייטן אַ וואַרעמען און געשמאַקן פרישטיק. מיר זענען אויפגעשטאַנען, געגעסן מיט אַפּעטיט און מיט יעדן ביס פון געשמאַקן ברויט, איז אַריינגעדרונגען אין אונדזערע ביינער די וואַרעמקייט פון דער מוטערס האַרץ.

שבת נאָכמיטאָג. די זון האַלט ביים פאַרגיין. מיין מוטער איז אַרויס און זיך געזעצט אויפן גאַנעק. די שכנות האָבן זי באַמערקט און זענען אַריבערגעקומען צו איר. דער געשפּרעך פליסט, אַ לעבעדיקער און הילכיקער. אָבער מיין מוטער האָט נישט אַנטיילגענומען אין אים. זי איז געווען אַ שווייגערקע. זי האָט פיינט געהאַט רכילות און פּלאַפּלעריי. זי האָט געהאַט אַ ווערטל, וועלכן זי פלעגט איבערחזרן ביי יעדער געלעגנהייט: „באַטראַכט גוט איידער דו זאָגסט עפּעס. כל־זמן דו האָסט נישט געזאָגט, ביסטו דער בעל־הבית איבער דיינע רייד. נאָכדעם ביסטו אַ קנעכט צו זיי״.

די שכנות זענען געזעסן אַ לאַנגע צייט. צום סוף זענען זיי אַוועק איינציקווייז. מיין מוטער איז אַריין אין הויז. דער ערשטער שטערן האָט זיך באַוויזן אויפן הימל. זי האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט ביים אויוון. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט. יענע תפילה האָב איך שטענדיק געהערט ווען עס איז אַוועק דער שבת. די תפילה געדענק איך ביז היינט: „אברהם, יצחק און יעקב. דער הייליקער שבת גייט אַוועק פון אונדז. גיב אונדז, גאָט, חסד און הצלחה. ברענג מיך נישט צו דעם איך זאָל דאַרפן אָנקומען צו אַ מתנה פון אַ בשר־ודם. פאַרשעם מיך נישט, ווייל איך בין אַן אלמנה און דיין רחמנות איז מיין גאַנצער אָנלען״.

מיין מוטער האָט נישט געשפּירט, אַז איך זיץ נעבן

איר אויף דער באַנק, און איך הער זיך צו צו איר תפילה. איך האָב נאָכגעזאָגט נאָך איר וואָרט ביי וואָרט, ווייל איך האָב געוואָלט לערנען און געדענקען. די טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער איר פּנים און זענען אַראָפּ אויך אויף מיינע הענט, וועלכע האָבן זי אָנגע־האַלטן. ווען איך בין גרעסער געוואָרן, האָב איך געזוכט אין אַלע הייליקע ספרים די תפילה פון מיין מאַמען און איך האָב זי נישט געפונען, ווייל זי איז געווען אירע אויסשליסלעכע, אַ פּרוכט פון איר אָנגעווייטיקט האַרץ.

קיינמאָל האָב איך נישט געהערט פון איר קיין אָנ־קלאַגע, קיין שאַרפן אויסדרוק אָדער אַ שווער וואָרט. איך געדענק נישט, אַז זי זאָל זיך האָבן באַקלאָגט ווען עס איז. אָבער איר גורל איז געווען זייער ביטער און איר האַרץ איז געווען פול מיט צער און ליידן. אַלץ האָט זי געטראָגן שטומערהייט. אין עלטער פון 34 יאָר איז זי געוואָרן אַן אלמנה. מיין פאָטער איז אַוועקגעריסן געוואָרן אין זיינע יונגע יאָרן אין אַ טראַגישן פּאַרפאַל. זי איז געבליבן אַליין, אַן אַ באַרוף, אַן אַ קוואַל פון פּרנסה און אַן אַ שום דערפאַרונג. זי איז געווען אַ בעל־הביתטע און געזאָרגט פאַר אירע זעקס קינדער און איר גרויס הויז. איר צושטאַנד פון אַן אלמנה איז אויף איר אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער פון הימל.

נישטאָ קיין פאָטער, נישט קיין זיידע און נישט קיין באָבע, וועלכע זאָלן זי שטיצן, און אַלע מיידעלעך זע־נען קליין און שוואַך. די עלטסטע טאָכטער חייטשע איז אַלט בלויז 11 יאָר. וואָס קאָן זי טון און ווי אַזוי וועט זי זיי מפרנס זיין?

עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט גוטע פריינד פון טאַטן, שכנים און קרובים, און האָבן באַשלאָסן איר אויפעפענען אַ שפּייז־קראָם. פון איצט אָן איז די לאַסט געוואָרן נאָך גרעסער. מען וועט באַשטעלן סחורות, ברענגען, פאַר־קויפן, פאַרשרייבן. ווער וועט דאָס אַלץ מאַכן? מיר וועלן געדענקען צום גוטן יענטען, די שנור פון אונדזערע קרובים. זי האָט געהאָלפן ביי אַלע ערשטע צוגרייטונגען. און נאָך דעם, ווער?

האָט זיך איינגעשפּאַנט די עלטסטע טאָכטער, חיי־טשע. די קונים זענען געווען אַ סך: גוטע פריינד, באַ־קאַנטע, גויים פון די אַרומיקע דערפער. אַלע האָבן גע־פּילט אַ מאָראַלישן חוב צו קומען און קויפן ביי רחל דער אלמנה. אַזוי איז מיין מוטער געווען אימשטאַנד מפרנס צו זיין איר משפחה מיט כבוד.

לאָמיר דערמאָנען צום גוטן און צו זכות מיין טיי־ערע מומע חיה־לאה לעווין, וועלכע האָט שטענדיק גע־שטיצט און געהאָלפן. זי האָט מקיים געווען איר שבועה דעם איינציקן ברודער, אַז זי וועט נישט פאַרלאָזן זיינע קינדער ביז זיי וועלן זיין איינגעאָרדנט און האָבן אַ באַזע.

מיין מוטער האָט געהאַדעוועט און דערצויגן אירע טעכטער מיט אַ סך זאָרגפעלטיקייט. ווען עס איז געקו־מען די צייט האָט זי אַלע געשיקט אין שול. אַלע זענען געווען אָנגעטון ריין און פיין. אַלע זענען געווען באַ־זאָרגט מיט אַלעם נויטיקן (ביכער פלעגן מיר באַקומען ביי אונדזערע חברים). זי האָט געשיקט יעדע איינע פון אירע טעכטער אויף צוויי זמנים צו זיידקע „דעם טערק". זי האָט געוווּסט, אַז ער איז נישט קיין רבי און אַפילו נישט קיין מלמד, אָבער ווען עס פלעגט קומען צו אונדז זיין קראַנקע און צעבראָכענע פרוי, האָט מיין מאַמע איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן. מיין מוטער האָט געוווּסט, אַז מיט די גראָשנס פון שכר־לימוד העלפט זי אויסהאַלטן די דאָ־זיקע אומגליקלעכע משפחה.

מיין מוטער פלעגט זיך נישט באַרימען מיט אירע טעכטער און פלעגט נישט דערציילן, אַז זיי לערנען גוט, אַז זיי זענען פלייסיק און געהאָרכזאַם. זי האָט נישט געוואָלט וועקן קיין קנאה. איינמאָל האָט מען זי געפרעגט וועלכע פון אירע טעכטער זי האָט צום בעסטן ליב און זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל: „צי קאָן מען דען זאָגן וועלכער פינגער איז ביי מיר דער נויטיקסטער? אַלע מיינע טעכטער זענען גוט און איבערגעגעבן דעם הויז און די לימודים". צוזאַמען מיט דעם האָט זי גע־שפּירט אַ ספּעציעלע ליבע פאַר אונדזער עלטסטער שוועס־טער חיה.

מיר זענען נישט געווען אייפערזיכטיק. מיר האָבן אויך נישט געפאַרשט פאַרוואָס זי האָט זי ספּעציעל ליב. אָבער ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך פאַרשטאַ־נען. חיה איז געווען די ערשטער פּרוכט פון איר ליבע צום טאַטן. אין איר האָט זי אויך געפונען שטיצע און הילף אין איר אומגליקלעך לעבן. חיה האָט געפירט דאָס געשעפט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. זי פלעגט פאָרן אין דער גרויסער שטאָט, ברענגען סחורות, קאָנטראַ־

לירן, פאַרשרייבן און ברענגען אין אָרדענונג, ביז מיר זענען אויפגעוואַקסן און אויך מיר האָבן געקאָנט ביישטייערן אונדזער טייל.

מיין מוטער איז שטענדיק געווען אומעטיק. זי פלעגט נישט מאַכן קיין באַזוכן ביי קרובים, נישט אויף שמחות אָדער אויפנאַמעס. זי האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן אירע טעכטער פון באַטייליקן זיך אין אַלע שמחות און אימפּרעזעס. זי האָט זיך באַמיט נישט צו שאַפן אין הויז קיין אַטמאָספער פון טרויער. דעם צער, דעם אומעט און די ליידן האָט זי דערשטיקט אין זיך. איר ביטער האַרץ פלעגט זי אויסגיסן אין שיל יעדן שבת. טראָץ דעם לאַנגן וועג, טראָץ דעם וואָס זי איז געווען מיד פון דער אַרבעט פון דער גאַנצער וואָך, האָט זי געמוזט גיין דאַנקען גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט איר. איך האָב ליב געהאַט צו גיין אין שיל, כדי זי צו באַגעגענען. איינמאָל האָט זי זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „זעסטו, טאָכטער, ווי גוט עס איז, אַז מען לערנט און מען קען? עס זיצן נעבן מיר פרויען, וועלכע זענען נישט אימשטאַנד צו לייענען אַפילו אַ פּסוק. איך, ברוך השם, קען און עס איז מיר גוט. לערן גוט, כדי נישט צו זיין פאַרשעמט דאָס גאַנצע לעבן".

דאָס איז דער ליכט־פאַקל, וואָס מיין מוטער האָט אָנגעצונדן אין מיין לעבן. מיין מאַמעס בקשה איז נאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוואה.

ווען עס איז געקומען דעם טאַטנס יאָרצייט, פלעגט אין הויז זיך שאַפן אַן אַטמאָספער פון קדושה. אין איר שלאָף־צימער האָט זי אָנגעצונדן אַ גרויסן נאַפט־לאָמפּ. צוויי טעג פאַר דעם פלעגט זי שיקן אין דער שיל וווּ דער טאַטע האָט געדאַווענט, דער „מויער", אַ גרויסע כלי פול מיט נאַפט און פּעקלעך ליכט. ערב דעם יאָרצייט האָט מען אָנגעצונדן אין שיל אַלע לאָמפּן. אויפן עמוד פאַרן אָרון־קודש האָט מען אָנגעצונדן אַלע ליכט. די שיל איז געווען פול באַלויכטן. מענטשן האָבן געשטראָמט אין שיל אַריין פון אַלע עקן פון אונדזער שטעטל, טראָץ דער קעלט און דעם געדיכטן שניי. אַלע זענען געקומען באַערן דעם אָנדענק פון אונדזער פאָטער מיט תפילה און קדיש.

נאָך דער תפילה האָט זיך אַוועקגעזעצט דער רב צבי קוויאַט זצ"ל אין שפּיץ פון באַלויכטענעם טיש און אַרום אים אַ קהל פון גוטע פריינד און תורה־לערנערס, וועלכע האָבן געלייענט און געלערנט משניות פאַר דעם עילוי נשמה פון מיין פאָטער. יעדעס יאָר איז איינע פון אונדז געגאַנגען אין שיל זאָגן קדיש. איין יאָר איז געקומען מיין ריי. די שטאַרקע באַלויכטונג, די נשמה־ליכט ביים אָרון־קודש, די מתפּללים — דאָס אַלץ האָט אויפגעציטערט מיין האַרץ און געלאָזט זיינע שפּורן אויף מיין גאַנץ לעבן. איין מאָל איז צו מיר צוגעקומען איצל שפּיראָ און האָט געפרעגט: „פאַרשטייסטו וואָס עס קומט פאַר דעם אָוונט אין שיל?" לויט מיין דערשראָקענעם שווייגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף דערקלערן.

„דיין פאָטער האָט געהאָלפן בויען דאָס דאָזיקע הויז. נישט מיט זיינע הענט, נאָר מיט זיין נשמה און גייסט. ער האָט געזאַמלט געלט, ביז מען האָט אויפגעשטעלט דעם הייליקן היכל. ער האָט געזאָרגט פאַרן וווּנדערבאַרן אָרון־קודש. ער איז נישט איינמאָל געווען דער בעל־תפילה. איך האָב דערציילט, כדי דו זאָלסט וויסן און געדענקען".

אַזוי איז ביי אונדז געפלעגט געוואָרן אַ גייסטיקע פאַרבינדונג מיט אונדזער פאָטער, וועלכן מיר האָבן כמעט נישט געקענט און נישט געדענקט. אַזוי אַרום איז אונדזער פאָטער געוואָרן פאַר אונדז אַ סימבאָל און וועגווייזער.

אונדזער הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע — פאַר קרובים, פאַר באַקאַנטע, פאַר גוטע פריינד, פאַר גויים, פאַר די איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער און ישובניקעס. ווער עס איז געקומען אין שטעטל, פלעגט אָפּטרעטן אין אונדזער הויז און געפינען דאָ אַ פּלאַץ זיך אָפּצורוען, אָפּעסן און אַפילו צו נעכטיקן.

יאָרן זענען אַריבער, די טעכטער זענען אויפגעוואַקסן. פיל יוגנט פלעגט קומען אין אונדזער הויז. באַזונדערס האָט געווימלט דאָס הויז שבתים און יום־טובים. דאָ פלעגן פאָרקומען קרייזלעך, פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען.

די דערוואַקסענע האָבן געקוקט אויף דעם דאָזיקן צענטער פון יוגנט מיט התלהבות. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער פאָטער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אהבת־ציון און זיינע טעכטער זעצן פאָר זיין וועג. מיר האָבן נישט געהערט פון דער מאַמען קיין טענה אָדער אָנקלאָגע,

טראָץ דעם וואָס איר אַרבעטס־טאָג פלעגט זיך אַנהייבן פיר אַזייגער פאַרטאָג. און אין משך פון גאַנצן טאָג האָט איר אויג געוואַכט איבער די ענינים פון הויז, פון דער קראָם, פון גאָרטן, פון דער קו א. אַ. וו. און אין אָוונט, אַנשטאָט דעם אָפּרו, פלעגט זיך אַנהויבן דער טומל. אָבער מיין מוטער האָט יעדן איינעם אויפגענומען מיט ליבשאַפט און העפלעך. זי האָט געוווסט, אַז די תקופה פון יוגנט איז די צייט צום טאַנצן, פריילעך מאַכן, לאַכן און שטיפן.

עס זענען אָנגעקומען שווערע טעג, די טעג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין פּרנסה איז נישט געווען. אַלץ איז חרוב געוואָרן צוליב דער לאַנגער מלחמה. און אָט האָט זיך געעפנט אַ שפּאַלט פון רעטונג. מען האָט אַנגעהויבן פלאַנצן טאַבאַק. די אַרבעט איז געווען שווער און ביטער און האָט פאַרלאַנגט כוחות פון שטאַרקע מענער, און ביי אונדז אין הויז זענען פאַראַן בלויז טעכטער. מיר האָבן אַנגעהויבן מיט די אייגענע כוחות. און זע אַ וווּנדער — אונדזער פּראָדוקציע איז געווען די בעסטע. נישט איינער איז געקומען אונדז פאַרשלאָגן שותפות. מיר האָבן אויסגעוויילט אונדזער גוטן שכן, יצחק פּרושעוויצקי. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מיר זענען נישט קיין גרויסע און שטאַרקע, אָבער פלינקע, פלייסיקע און טוען אַלץ מיט ליבע און דיסציפּלין. מיר האָבן געפאָלגט אונדזער עלטסטער שוועסטער אַזוי ווי אַ מייסטער, אַ ספּעציאַליסט. מיר האָבן געהאָלפן דער מאַמען מיט אונדזער גאַנצער ענערגיע. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס הייסט זאָגן „ניין", אויך נישט קיין עקשנות. אַ ייִנגערע שוועסטער האָט געוווסט, אַז זי דאַרף מכבד זיין אַן עלטערע פון איר. און די שותפות איז געלונגען. אונדזער מוטער איז געווען גליקלעך. די משפּחה האָט געהאַט פּרנסה בכבוד. טראָץ דער שווערער אַרבעט האָבן מיר געלערנט אין דער „תרבות"־שול. מיר האָבן נישט פאַרפעלט אַפילו קיין איין שעה אין שול. מיר האָבן אויך גוט געקענט אונדזערע לעקציעס. ווען האָבן מיר דאָס געמאַכט? עס זענען געווען מינוטן פון אָפּרו, פלעגן מיר זיי אויסנוצן צום לערנען.

אונדזער מוטער האָט מען אַמאָל איינגעלאַדן אויף אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג. זי האָט איבערגעריסן די אַרבעט, האָט זיך אַנגעטון יום־טובדיק און איז אַוועק אין שול. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאַן באַמערקט אַן אויסדרוק פון גליק אויף איר פּנים. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זי געזאָגט מיט האַרץ, אָבער מיט איר כאַראַקטעריסטישער איינגעהאַלטנקייט: „טעכטער, היינט האָב איך געהאַט אַ סך נחת. איר פאַרשעמט מיך נישט און נישט דעם אָנדענק פון אייער פאָטער. איך וועל זאָרגן, אַז איר זאָלט פאַרזעצן דעם וועג". מיר האָבן נישט געפרעגט וואָס מען האָט געזאָגט אויף אונדז. מיר האָבן געוווסט, אַז זי וועט נישט דערציילן קיין פּרטים.

עס זענען אַריבער יאָרן. די פּוילישע רעגירונג האָט געמאַכט אַ סוף צום פלאַנצן טאַבאַק דורך פאַרבאָטן און גזירות. מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אונדזערע גוטע שותפים. די גוטע שכנות איז וואָס אַן אמת פאַרבליבן און זיך פאַרשטאַרקט צווישן אונדז, אָבער די געמיינזאַמע אַרבעט האָט זיך געענדיקט. מיר זענען אַ סך שולדיק דער דאָזיקער משפּחה. זי איז געשטאַנען ביי אונדזער זייט זינט עס איז אַראָפּ דאָס אומגליק אויף אונדזער הויז.

דאָס הויז פון אונדזערע שכנים איז געווען פאַרמעגלעך און געבענטשט מיט אַלעם גוטן. עס זענען דאָרט געווען אַ געזונטער טאַטע, אַ גוטער און שטאַרקער זיידע און אַ באָבע אַ מוטיקע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געזונטע לאָגיק. און זיי האָבן געוואַכט אויך אויף אונדז און אויף אונדזער הויז. באַזונדערס דער זיידע — ר' מרדכי־הערש. ער פלעגט היטן ביינאַכט, אַז קיין פאַרברעכערישע האַנט זאָל נישט אָנרירן אונדזער פאַרמעגן, און מיר זענען געשלאָפן רואיק. אין די פרייע שעהן האָט ער געזאָרגט צו פאַריכטן אונדזער הויז צום לאַנגן און קאַלטןווינטער. ער פלעגט וואַרטן לאַנגע שעהן, כדי צו העלפן אַראָפּנעמען די סחורה, וואָס דער בעל־עגלה האָט אונדז געבראַכט. ער האָט דאָס געמאַכט לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק, כדי נישט צו מאַכן קיין שאָדן. און דאָס אַלץ אויסער זיין אייגענער אַרבעט, וועלכע איז געווען זייער אַ שווערע. ער האָט געאַרבעט ביים בויען הייזער. ווען ער פלעגט אַהיים קומען, מיד און געפּרווירן, האָט ער נישט געלאָזט אָפּרוען זיין אויסגעמאַטערטן קערפּער, נאָר פלעגט אָפּטרעטן ביי אונדז אין הויז, כדי צו זען צי עס איז נויטיק זיין הילף. דער מאַן איז געווען פּשוט און באַשיידן. בלויז איין מצווה איז געווען פאַר זיינע אויגן: שטיצן די־אַלמנה און די יתומים. ווען ער

פלעגט פאַרלאָזן אונדזער הויז האָט אים אונדזער מאַמע באַגלייט מיט ברכות און מיט אַ תפילה: „רבונו של עולם, היט אָפּ דעם גוטן מענטשן, ווייל אָן אים וועל איך נישט קאָנען זיך אַן עצה געבן”. ער האָט געלעבט מיט כבוד און האָט דערלעבט אַ טיפן עלטער, ווי עס שטייט אָן אַן אָנשטענדיקן מענטשן.

עס זענען ווייטער אַריבער יאָרן. איך האָב געענדיקט די „תרבות”־שול אין אונדזער שטעטל. איך האָב שטאַרק געוואָלט פאַרזעצן, איך האָב אָבער נישט געוואָגט צו ברענגען דעם געדאַנק פאַר מיין מוטער און מיינע שוועסטער. יעדע איינע פון אונדז האָט שטאַרק געוואָלט ווייטער לערנען. יעדע איינע האָט געהאַט פעאיקייטן און איז געווען פלייסיק אַזוי ווי איך. דאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז פרייטיק־צונאַכטס, ווען מיר וועלן אַלע זיך זעצן צו אָוונט־ברויט, וועל איך אויפדעקן וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך.

פרייטיק־צונאַכטס אין הויז. די שבתדיקע ליכט ברענען אויפן שבת־טיש, וועלכער איז גדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אין הויז הערשט אַן אַטמאָספער פון הייליקייט און רואיקייט. די מאַמע דערלאַנגט די שבתדיקע עסנס. דאַן האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין פאַרלאַנג: פאַרזעצן מיין לערע אין גימנאַזיע אין וואָלקאָוויסק. מיין מאַמע האָט נישט אַנטיילגענומען אין געשפרעך, אָבער מיינע שוועסטער האָבן רעאַגירט לעבהאַפט. איינע האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, און די צווייטע האָט צוגעגעבן. די ייִנגערע האָבן געשוויגן. חיה האָט געפּסקנט: „דו וועסט פאַרזעצן דיין לערנען”. אַלע האָבן זי אונטערשטיצט. מיר האָבן געווענדט אונדזערע בליקן צו דער מוטער. זי האָט געשוויגן, אָבער די טרערן אין אירע אויגן האָבן אונדז אַלץ דערציילט.

איך האָב נישט געהאַט קיין ווערטער, כדי צו דאַנקען מיינע שוועסטער, איך האָב אָבער געוווסט, אַז מיט דער צייט וועל איך זיי געפינען.

גלייך נאָך שבת האָט חיה גענומען מיינע דאָקומענטן, איז אַוועקגעפאָרן קיין וואָלקאָוויסק און האָט אַלץ דערליידיקט. חאַסיע האָט אָנגעהויבן גרייטן פאַר מיר קליידער און אַ מאַנטל פאַרן קומענדיקן שול־יאָר. אַזוי האָב איך אָנגעהויבן דעם צווייטן עטאַפּ פון מיין לערע. איך האָב אָנגעהויבן מיט חשק און פלייסיק, ביז איך האָב געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר.

אין צווישנצייט זענען מיר אויפגעוואַקסן און עלטער געוואָרן. די ערשטע שמחה איז געקומען אין אונדזער הויז: אונדזער עלטסטע שוועסטער חיה איז געגאַנגען חתונה האָבן. צי וועט מעגלעך זיין אָן איר? זי האָט דאָך פאַרנומען דעם פּלאַץ פון טאַטן אין דער היים. זי ברענגט די סחורות, זי פירט דאָס גאַנצע געשעפט. זי איז די מוטיקע, זי איז די שטאַרקע און מיט איר איז נישטאָ קיין פּחד. און איצט האַלט זי ביים פאַרלאָזן אונדז. איר בחור איז געווען גוט און ליב צו אונדז. מיר האָבן פאַרבאַרגענערהייט אים ליב געהאַט, אָבער ער נעמט אונדז צו חייטשען! וואָס וועט זיין? מיר זענען געווען אומעטיק און מיר האָבן געוויינט.

דער טאָג פון דער חתונה. אַ ווינטערדיקער טאָג, אָבער אַן אָנגענעמער און אַ קלאָרער. מענטשן גייען אַריין און אַרויס. פלוצלונג איז געוואָרן שאַ־שטיל. דער רב האָט געבראַכט דעם חתן. די חופה דאַרף פאַרקומען נעבן דעם צענטראַלן ברונעם אויף דער גאַס זאַרעטש. דער פאַראַד גייט אַרויס פון אונדזער הויז. רעכטס פון דער כלה שפּרייזט מיין מוטער, און לינקס — דעם חתנס מאַמע. ביידע מאַמעס זענען שיין און שיינען. און די כלה איז יונג און פּראַכטפול. איך קוק זיך איין אין מיין מוטער, און זי איז אַנדערש ווי שטענדיק. אירע קליידער זענען ניי און שיין. אויפן קאָפּ אַ שוואַרצער און לאַנגער שאַל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען מיין מאַמען אַזוי הויך און שלאַנק און רואיק. זי האָט נישט געוויינט. זי האָט נישט געוואָלט פאַרשטערן די חתונה־שמחה פון איר טאָכטער. און עס איז איר געלונגען.

מענטשן האָבן געשטראָמט פון אַלע עקן פון אונדזער שטעטל. איך האָב זיך איינגעקוקט אין חתן און ער איז געווען ווי אַ ריז אין מיינע אויגן, העכער פון אַלע, אָבער בלאַס און זייער גערירט. קעגנאיבער אים זענען געשטאַנען די רבנים, הרב צבי קוויאַט ז״ל און הרב בנימין. די צערעמאָניע האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. ווען זי האָט זיך געענדיקט זענען אַלע מיטגעגאַנגען מיטן יונגן פּאָרל אין דעם הויז פון ברוך באַראַווסקי, דעם חתנס פעטער. אין דער חתונה האָבן זיך באַטייליקט מאָסן,

אָבער צווישן אַלע איז געווען בולט דעם חתנס פֿאַמיליע, ווייל זי איז געווען זייער גרויס און פֿאַרצווייגט.

עס איז אַריבער אַ יאָר און אונדזער שוועסטער האָט געבוירן אַ זון. מיין מוטער האָט נישט געוווסט קיין גרענעץ צו איר גליק. עס איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. זי האָט געמאַכט אַ ברית מיט אַ ברייטער האַנט. מאַסן זענען געקומען ווינטשן רחל דער אלמנה. עס האָבן זיך דערהערט שטילע געשפּרעכן: „דער נאָמען פּייווע הערט זיך ווידעראַמאָל. דער טאַטע איז צוריק געבוירן געוואָרן!" מיין מאַמע האָט אַוועקגעגעבן דעם פּאָרל איר שלאָף־צימער. נעבן וואַנט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ ניי און פּראַכטפול וויגל. אויף אַלע ווענט פֿון צימער האָט מען אַרויפֿגעקלעפּט שמות, וואָס זאָלן פֿאַרטיידיקן דאָס קינד פֿון בייזע רוחות, און זיי זענען דאָרט געהאָנגען אַ לאַנגע צייט, אַפילו נאָכדעם ווי דאָס אייניקל האָט פֿאַרלאָזן דאָס הויז. טעג און נעכט איז די באָבע געווען איינגעבויגן איבערן וויגל און זי האָט נישט דערלויבט קיין אַנדערע פּרויען אַריינצוקוקן, טאָמער וועלן זיי געבן דעם אייניקל אַן עין־הרע. דאָס קינד איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין. העלע האָר און בלויע אויגן. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר געהערט אונדזער מאַמען זינגען.

דאָס קינד האָט איר פֿאַרשאַפֿט פֿיל גליק. זי פֿלעגט נאָר אָנהויבן צו זינגען און ער פֿלעגט עפֿענען זיינע מלאך־אויגן, קוקן איר אין פּנים אַריין און זיך צוהערן.

עס איז נישט אַדורך קיין לאַנגע צייט און דער יונגער טאַטע האָט זיך געזעגנט מיט זיין זון און פֿרוי און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. חיה איז געבליבן ביי אונדז. יעדן טאָג האָט זי באַקומען בריוו פֿון איר מאַן, פֿול מיט בענקשאַפֿט און האָפֿענונג. צום יאָר זע־נען אָנגעקומען פּאַפּירן. חיה האָט אַ געשריי געטון: „איך בין עולה קיין ארץ־ישראל!"

די נייעס האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט. אין הויז האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען. די מאַמע איז געווען צעטומלט. וואָס אַמאָל מער פֿלעגט זי זיך פֿאַרהאַלטן נעבן איר איינציק אייניקל. זי פֿלעגט זיצן און מורמלען אָן אויפֿהער. זי האָט אים אויסגעשטאַט מיט ברכות פֿון מזל, געזונט און לאַנג לעבן.

אונדזער שוועסטער חאַסיע האָט גענומען גרייטן אַלץ וואָס איז נויטיק פֿאַר חיהן. איין טאָג האָט געיאָגט דעם צווייטן. די צייט איז שנעל פֿאַרביי און עס איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג. דאָס הויז האָט זיך אויסגעפֿילט מיט קרובים, באַקאַנטע און שכנים. חיה האָט גע־האַלדזט און געקושט אַלע. פּלוצלונג איז אַריינגעקומען יהודהס קוזין, מרדכי, און האָט מיטגעטיילט, אַז די פֿור וואַרט נעבן הויז. די יונגע האָבן אַרויסגענומען די פּעק־לעך און האָבן זיי אַרויפֿגעלאָדן אויף דער פֿור. חיה האָט זיך געזעגנט מיט אַלע. לאַנגזאַם האָט זיך דערווייטערט שוין אַרויס פֿון שטאָט. דער טאָג איז אַראָפּ. די פֿינצטער־ניש האָט אַלץ באַדעקט. אָבער די מוטער איז ווייטער געגאַנגען. פּלוצלונג איז חיה אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר האַלדז און ביידע זענען געשטאַנען אַרומגענומען אַ לאַנ־גע צייט. מיט כוח האָט מען אַרויפֿגעזעצט חיהן אויף דער פֿור. אָבער די מוטער איז איר ווייטער נאָכגעגאַנגען. צום סוף איז זי געפֿאַלן אויף אַ בערגל ביי דעם שאָסיי און האָט גענומען וויינען: „וואָס וועל איך מאַכן אָן איר?"

אין משך פֿון אַ קורצער צייט איז אויף איר אַרויף די עלטער. די זאָרגן און בענקשאַפֿט האָבן אויסגעקריצט קנייטשן אין איר יונג און שיין פּנים. עס זענען וואָס אַן אמת פֿאַרבליבן אין הויז נאָך פֿינף טעכטער, אָבער קיין איינע פֿון זיי האָט נישט געקאָנט אויספֿילן דעם ליידיקן חלל אין דער מאַמעס האַרץ.

דער איינציקער אָנלען אין דער דאָזיקער ביטערער תקופה איז געווען מערי. זי איז געשטאַנען ביי דער מאַ־מעס זייט ביז דעם לעצטן טאָג. און דער טויט איז נישט געקומען רואיק. דער ראַק האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין דער מאַמעס קערפּער לאַנגזאַם און אכזריותדיק.

אין יענע טעג האָב איך געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר און האָב באַקומען אַרבעט אין וואַרשע. מיין שוועסטער חאַסיע איז שוין געווען פֿאַרהייראַט. בעלאַ איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט געלערנט אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול. חיה פֿלעגט שרייבן בריוו און האָט אויך אונטערשטיצט דאָס הויז מיט געלט. איצט האָט די מאַמע געקאָנט דערוואַרטן נחת, אָבער אַנשטאָט אים איז געקומען דער טויט.

ערב שמחת־תורה, ווען מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין די שילן כדי זיך צו פרייען אין דעם יום־טוב פון דער תורה, האָט מיין מאַמע אויסגעהויכט איר נשמה ביי די יום־טוב־ליכט. מיר זענען אַלע געשטאַנען נעבן איר בעט: מערי, שרהלע און איך. מיר האָבן זיך צוגע־הערט צו איר תפילה. מיר האָבן געהערט דאָס וואָרט „בזכות" און פלוצלונג איז איר קאָפּ געפאַלן אַן אַ זייט. מיר האָבן אויסגעשריגן אַ ביטער געשריי. מיר האָבן זי געוואָלט אויפוועקן, ווען בלויז אויף אַ מאָמענט, כדי זי זאָל פאַרענדיקן איר תפילה, אָבער אומזיסט.

אין משך פון יום־טוב איז איר קערפּער געווען אין הויז. מיר האָבן זי באַגלייט צו דער וועלט פון רו און אמת. די איינוווינער פון אונדזער שטעטל זענען געקו־מען און אַלע האָבן געהאַלטן יאָרצייט־ליכט. דער בית־הקברות איז געוואָרן באַלויכטן מיט אַ גרויסאַרטיק ליכט. מיר, די דריי שוועסטער, האָבן זיך אַרומגענומען און האָבן צוגעזאָגט צו זאָרגן, אַז אייביק זאָלן הערשן צווישן אונדז אחדות און איבערגעגעבנהייט. דאָס איז אויך גע־ווען די שטומע צוואה פון אונדזער מאַמען.

דער שפּאַדעל איז אַנטשוויגן געוואָרן, דער געוויין איז געוואָרן פאַרשטומט, ווייל עס זענען אויסגעגאַנגען די טרערן. דאָ, אין דער וועלט פון שטילקייט, האָט זיך פאַרענדיקט דער יסורים־וועג פון אונדזער מוטער רחל, און זי איז אַלט געווען בלויז 47 יאָר.



חיים שבח

די וואַסער־בריקן פון פיעסק

די בריקן פון מיין שטעטעלע, הילצערנע, אַלטע פון יאָרן, גרין פון מאָך און שוואַרץ פון רעגן, ווינט, שניי און וואַסער — איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

וויפיל מענטשן זענען דאָ דורכגעגאַנגען מיט זייערע פריידן און לײדן. וויפיל פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן גע־זוכט די אָפּשפּיגלונג פון דער העלער לבנה אין די ריי־נע וואַסערן פון טייך. געחלומט, געזוכט, געטרוימט וועגן אַ געהיימנישפולן מאָרגן. די בריקן פון מיין שטעטעלע פיעסק, וואָס האָבן געדינט הונדערטער יאָרן צו פירן תבואות פון פעלד אין שייער אַריין, זענען פאַרניכטעט געוואָרן, געבראָכן דורך מיליטערישע טאַנקען, געפירט פון רוסישן, דייטשן און פּוילישן מיליטער.

אַ סך יאָרן זענען פאַרביי און די וואַסערן פון דער זעלעוויאַנקע האָבן זיך קיינמאָל נישט צוריקגעקערט צו זיי. אויך די יידישע איינוווינער האָבן זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט צו זיי.

די בריקן, וואָס צעטיילן דאָס שטעטעלע אין צוויי טיילן: פּערעקאָפּ און זאַרעץ. אָבער איןביידע טיילן — די זעלבע יידן, די זעלבע פאַרזאָרגטע פּנימער, וואָס לויפן איבער זיי, כדי צו זוכן חיונה פאַרן הויזגעזינד. די בריקן וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די תשליך־זאָגער, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז מיט זייער אַריינוואַרפן די עבֿרות אין טייך זענען זיי שוין פּטור פון זינד און קאָנען מיט אַ פריי האַרץ און נשמה בעטן אויף אַ גוט יאָר.

ווונדערשיינע בריקן פון מיין שטעטעלע פיעסק. איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.



קפוצת הזיפזיף מפיעסק



ה. וואַנד

בילדער פון אמאל...

טראַכט איך פון די קינדער־יאָרן
וואַכט אויף פיעסק אין מיין זכרון ;
זע איך קלאָר אַ פּאַנאָראַמע,
טייכן, בריקן, אַטש און טאַמע
און דאָס שטעטעלע אין מיטן,
ניט געענדערט, ניט געביטן.
שטיבלעך קליין און שווער באַיאָרנט...
פריזבעס זאַמדיקע אין פּאָרנט ;
דעכלעך נידעריק־געבויגן
און מיט שימל־מאָך באַצויגן
שימערירן גראָ און גלאַנצן...
אונטער טסריכעס — טאַבאַק־קראַנצן ?

כ׳זע די מיל, רעדער, וואַלן ;
כ׳זע דאָס טייך פאַרלייגט מיט שפּאַלן.
וואַסער־לייט געניטע יאַטן
שפּרינגען אום ווי אַקראָבאַטן,
מאַנעווירירן און באַוועגן
מיט די פריסן ביי די ברעגן.

כ׳זע דעם מאַרק אַ זאַמדיק־העלן ;
די געוועלבלעך און געשטעלן
אין אַ קרייז אַרומגענומען...
כ׳זע דעם קאַבאַק ברייט צעשווומען.
שטייען פורלעך דאָ און דאָרטן,
אַקס צו אַקס ווי איינגעפלאָכטן,
ווי האַליאָבלעס הויך פאַריסן ;
פערדלעך פירקענען און ניסן,
— שמעקט מיט דאָרף און פעלדער גרינע,
פרישע היי און קאַנאָשינע.

זע איך היימישע פיגורן
דרייען זיך אַרום די פורן,
האַנדלען, וואַנדלען, וועגן, מעסטן,
דינגען זיך און מאַכן זשעסטן...
און קצבים־יונגען יאָגן,
פלינק באַטראַכטן יעדן וואָגן,
ווּ געבונדן ליגן לעמער.
זע איך קרעמערקעס און קרעמער
צו די קרעמלעך צוגעבונדן
און באַהאַנדלען שווערע קונדן...

כ׳זע דעם קלויסטער מיט זיין צלם...
כ׳זע להבדיל, דעם בית־עולם,
ווּ עס רוען מיינע זיידעס
אונטער בערגלעך שטומע עדות...

כ׳זע מצבות איינגעבויגן,
די פעי־נונ׳ען האַלב פאַרצויגן...
„נעמען" בליצן אויף און שיינען,
קלעמט דאָס האַרץ צונויף אין פיינען...
ווערן הייליק די מחשבות...
רוט מיין בליק אויף קבר אבות...

טראָג איך דאַן מיין בליק אַריבער
צו די געסלעך, צו די שטיבער.
גלייך דערקען איך די חדרים
מיט די אַלט־פאַרגעלבטע ספרים;
דאָרטן האָט מיין קינדיש לעבן
יאָרן לאַנגע אָפּגעגעבן,
טעג און נעכט פאַרבראַכט אָן פשרות
ביי חומשים און גמרות;
דרייסט געאַמפּערט זיך מיט כוח
און געשאַרפט דעם יונגן מוח.

כ׳זע דעם הקדש אין זיין טרויער...
כ׳זע די שול, איך זע דעם מויער
און דעם גאָרטן־צאַם אַנטקעגן!

— דינט פאַר אשר־יצר וועגן...
כ׳זע דאָס ברונעם, די חסידאַרניע
און דערנעבן אַ פעקאַרניע;
שלענגלט שוואַרץ אַ רויך פון קוימען
און צעשפּרייט זיך אין די רוימען.

וואַנדערט מיין פאַנטאַזיע אומעט,
— נעמט דאָס שטעטעלע אַרומעט
ווערן געסעלעך און שטיבער
מיר אַלץ היימישער און ליבער...
זע איך פנימער באַקאַנטע,
האַרציק־טייערע און נאָענטע,
פריינט, חברים ,אַלטע שכנים
שטום באַגריס איך יעדן איינעם...

— — — — — — — — — — — — — — —

איז געווען אַמאָל אַ שטעטל
און אַראָפּ פון לעבנס־צעטל...
אָפּגעמעקט און ניט געוואָרן...
שוועבן בילדער אין זכרון,
נאָגט דאָס האַרץ, פאַרגייט אין יאָמער
אויף אַ פיעסק, וואָס איז ניטאָ מער...

ע ל ע ג י ע

איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!
ס׳האָט ביז איצט אַלץ געטליעט אַ פרייד
מיט דער האָפענונג, ווען
דיר אַמאָל נאָך צוזען זען
און דאָס האַרץ אין אַ יאָמער פאַרגייט
אַזוי שווער, אַזוי שווער,
איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!

איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!
און אַלץ פיינפולער דריקט דער פאַרלוסט...
איך באַגרייף ערשט מיט שרעק;
ביסט אויף אייביק אַוועק...
און דאָס לעבן בלייבט ווערטלאָז און פוסט...
אַזוי שווער, אַזוי שווער,
איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!
איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!

דיין געשטאַלט בלויז, דיין בלייכע געשטאַלט
אין אַ בענקשאַפט פאַרהילט,
אַזוי צאַרט, אַזוי מילד
אין זכרון שוועבט אום און עס פאַלט
שטיל א טרער נאך א טרער
איך וועל קיינמאָל ניט זען שוין דיר מער!...

דעם זיידנס ניגון

בילדער פון די קינדער־יאָרן
לאַנג פאַרביי
וואַכן אויף אין מיין זכרון
אויף דאָס ניי.

כ'זע דאָס שטעטעלע, דאָס אַלטע
וויג און היים ;
שטיבער גראָע, זון־באַשטראַלטע,
זאַמד און ליים.

לויכט נר־תמידיק באַשיידן
אין דער מיט
דאָרט די שולכל פון מיין זיידן
אָפגעהיט.

שטייט דער זיידע צום באַלעמער
אָנגעשפּאַרט ;
ברומט ער אין עקסטאַז אַ זמר
פרום און צאַרט.

שוועבט דער זמר אַלץ צעפלאַמטער
גליט אין ברויז,
ווי אַ שטראָם אַ ניט געצאַמטער
שפּרייט זיך אויס.

טענער צערטלען ווייך און בעטן
פרייד און רו...
לאַסטשען, כשופן און גלעטן —
ברוך הוא !

יאָרן שווימען און פאַרשווימען ;
צייט פאַרגייט...
פון דעם שטעטל — מער קיין סימן...
לאַנג פאַרוועיט...

און דעם זיידנס ביינער ליגן
אונטער שטיין — — —
נאָר דער ניגון, יענער ניגון
שטאַרבט ניט, ניין !...

בענקשאפט

בילדער פון די קינדער־יאָרן
לאַנג פאַרביי...
וואַכן אויף אין מיין זכרון
אויף דאָס ניי...

כ'זע דאָס שטעטעלע, דאָס אַלטע,
היים, מיין היים,
הייזלעך מאָכיק־גרין באַשטראַלטע,
זאַמד און ליים...

דאָרטן אין דער מיט באַשיידן,
אין דער מיט,
לויכט די שולכל פון מיין זיידן,
אָפגעהיט.

שטייט דער זיידע ביים באַלעמער,
וויגט זיך אום.
ברומט ער אין עקסטאַז אַ זמר.
צאַרט און פרום.

און וואָס ווייטער אַלץ צעפלאַמטער
גליט אין ברויז,
ווי אַ שטראָם אַ ניט געצאַמטער
שפּרייט זיך אויס...

חברה, כאַפּט דעם ניגון אונטער
פליעסקעט צו...
צויבער־קלאַנגען פלייצן מונטער,
אדיר הוא !

זאַפּ איך דורשטיק איין די קלאַנגען,
זאַפּ איך איין.

ווערט דאָס האַרץ אין פיין צעגאַנגען,
בענקשאַפט, פיין.

געווען איז א שטעטל!

געווען איז אַ שטעטל אויף יענער זייט ים,
אַ שטעטל געווען און פאַרשוווּנדן...
אַ קוואַל, וואָס האָט הערצער מיט ליכטיקן פלאַם
פון הערלעכן גלויבן געצונדן.

געווען איז אַ שטעטל, אַ היימישע וועלט
פון האַרציקע, ליבע געשטאַלטן
מיט יחוס באַקרוינט און מיט חשיבות באַזעלט,
טראַדיציע פון שטאַם אָנגעהאַלטן.

געווען איז אַ שטעטל; געווען און ניטאָ!
פאַרשלונגען אין בלוטיקע שטראָמען...
צעוואָרפענע רעשטלעך פאַרוואָגלטע דאָ
דערמאָנען מיט ליבשאַפט איר נאָמען.

פאַריתומט און עלנט פון אומעט באַגלייט,
באַלאַדן מיט פיין און מיט טרויער...
ניטאָ מער דאָס שטאַם־בוים — זאָל וואַקסן צעשפּרייט
איר המשך מיט קראַפט און מיט דויער!

אַלס יורשים פון גייסטיקן אוצר־פאַרנעם,
פון רייכער, קולטורנער ירושה;
פון טאַטעס וואָס זענען אויף קידוש־השם
געגאַנגען מיט ווירדיקער קדושה...

פון ברידער און שוועסטער פאַרשניטן, פאַרצערט
אין גאַזיקע, גיפטיקע פלאַמען;
אַ גרויסער פאַרמעג איז אייך לאַנדס־לייט באַשערט,
— פאַרוואַלטעט עס הייליק צוזאַמען!

צום כבוד פון קדושים, קרבנות אָן צאָל,
פון טויזנטער יצחק־עקדות...
פאַראייביקט דעם אָנדענק פון נאָענטן אַמאָל,
דעם אָנדענק פון טאַטעס און זיידעס.

שפּינט ווייטער דעם פאָדעם פון יידישן רום,
פון דורות טראַדיציע און שטרעבן!
זאָל פיעסק ניט פאַרבלייבן פאַרגעסן און שטום —
אין אייך און דורך אייך זאָל זי לעבן!
— — — — — — — — — — — — — — —
אין אייך און דורך אייך זאָל זי לעבן!



לאה'טשע לעווין (אַמעריקע)

זכרונות פון מיין אלטער היים

איך בין געבוירן אין אונדזער קליין שטעטעלע פּיעסק. אונדזער הויז איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער גרויסער שול. די דאָזיקע שול פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה אויף די, וואָס האָבן געקוקט אויף דער גרויסער געביידע. אָבער מער ווי די געביידע האָבן געשראָקן די פילע מוראדיקע לעגענדעס, וואָס מען פלעגט דערציילן וועגן דער שול.

איך בין געוואַקסן אין דעם געסעלע, דאָרט געבוירן געוואָרן און דאָרט פאַרבראַכט מיין יוגנט. קעגנאיבער אונדזער שטוב האָט געוווינט זישקע די בעקערקע. די שטוב איז פאַרבליבן אין מיין זכרון און איך קאָן זי נישט פאַרגעסן. זישקע האָט געהאַט זעקס קינדער. זי און איר גאַנצע משפחה האָבן זייער שווער געאַרבעט. טראָץ איר שווער לעבן האָט זי געהאַט זייער אַ גוט האַרץ. יעדער איינער האָט דאָ געפונען אַ וואַרעם ווינקעלע. יעדן איינעם האָט זי געהאָלפן, דעם מיט אַ פריש שטיקעלע ברויט, אַ צווייטן מיט אָפּקאָכן זיין טעפּל, אַ דריטן מיט אַ הלוואה, און אַזוי ווייטער.

איך האָב ליב געהאַט די שטוב ווי מיין אייגענע היים. אין דער שטוב פלעג איך טאָגן און נעכטיקן. איך האָב שטאַרק מיטגעפילט די קינדער, וועלכע האָבן געאַרבעט אַזוי שווער. די קינדער זענען געווען שטאַרק באַשיידן, שטיל און שטאַרק פרום. דער פאָטער — אַ גוטער ייד. צוויי וועגן האָט ער געקענט אין זיין לעבן: דעם וועג צום בית־מדרש און דעם וועג צו דער אַרבעט. אַזוי האָט ער פאַרזאָרגט מיט פּרנסה זיינע קינדער.

אין יאָר 1921 האָב איך פאַרלאָזן מיין היים. שווער געווען מיר זיך צו געזעגענען מיט דער שטוב און מיט די גוטע מענטשן. מיינע טרערן האָב איך דאָרט איבערגעלאָזן. אין דער ווייטער פרעמדער וועלט האָב איך נאָך מער געבענקט נאָך דער שטוב. אָפטע בריוו געשריבן צו זיי, זיך געפרייט מיט די חתונות פון זייערע קינדער. אין האַרצן האָב איך געטראָגן דעם טיפן פאַרלאַנג זיך נאָך איינמאָל זען אין לעבן. אָבער היטלער האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלעמענס חלומות. מיט מיינע עטלעכע שורות צינד איך אָן אַ נשמה־ליכטל נאָך מיינע גוטע און ליבע פריינט.

אין מיין זכרון לעבט נאָך איין ווינקעלע. דאָס איז דער הקדש. דאָס שטיבעלע איז געווען געבויט קעגנאיבער דעם בית־עולם, נישט ווייט פון דער הויכער שול. טונקל און שוואַרץ האָט אויסגעזען דער הקדש. ביים אַריינגאַנג איז געווען אַ גרויסער פּאָדערצימער. דאָ זענען געשטאַנען אַלע כשרע כלים פון בית־עלמין,

די טהרה, די רידלען, די העק א. אַ. וו. איך פלעג אויסמיידן דאָרט אַריינצוגיין.

די טהרה פלעגט אַנוואַרפן אַ פחד. אָבער דאָס שטיבעלע האָט דערפילט אַ גרויסע פונקציע. דאָ האָבן געפונען זייער פלאַץ אַלע אַרעמעלייט פון די אַרומיקע שטעטעלעך. אַהער פלעגן זיי קומען קלייבן נדבות. יעדער איינוווינער פלעגט זיך באַמיען זיי אַרויסצוהעלפן, ווער מיט קליידונג, ווער מיט עסן, און ווער מיט אַ פּאָר גראַשן, כדי די אַלע אומגליקלעכע צו דערהאַלטן ביים לעבן.

עס טוט מיר שטארק באַנג, וואָס איך בין אַוועק פון שטעטעלע אַזוי יונג און פיל פון זיינע ליידן און פּיין איז ביי מיר פאַרגעסן געוואָרן. אָבער זייער פּיין, ליידן און ווייטיק לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. ווינטער אין די שווערע קעלטן פלעגן זיי געפינען אַ וואַרעם ווינקעלע אין די בתי־מדרשים. וואַרשיינלעך האָבן די יידן אַזוי אויסגעפּלאַנט, אַז די אַלע הייליקע פּונקטן זאָלן זיין נאָענט איינער צום אַנדערן: די בתי־תפילהס, בית־עולם און דער הקדש.

שרעקלעך פלעגט אויסזען דער הקדש אין די טעג און נעכט פון האַרבסט. דער ווינט פלעגט וואָיען פּונקט ווי עמעצער וואָלט געוויינט. די איינצלנע בוימער, וואָס זענען געוואָקסן אויפן בית־עלמין פלעגן רוישן. אַלץ צוזאַמען איז געווען מוראדיק. אין דעם פינצטערן שטיבעלע פלעגן לעבן, חתונה האָבן צווישן זיך די אַרעמעלייט און אויך שטאַרבן. אָפט, ווען איך האָב געהערט זייער געוויין, פלעגט מיין האַרץ צעגיין פאַר ווייטיק.

געחלומט האָב איך וועגן קאָנען העלפן די אַלע אומגליקלעכע און ליידנדיקע, אָבער איידער איך האָב באַוויזן מיין חלום צו פאַרווירקלעכן זענען זיי אומגעקומען אין היטלערס גיהנום.



דבורה, א טאכטער פון ז׳ישקע דער בעקערקע

לאה'טשע לעווין

די מאמע פון דעם געסעלע

שוין לאַנגע יאָרן ווי איך טראָג מיט זיך דאָס געשטאַלט פון אונדזער גוטער שכנה רבקה פריי, וועלכע האָט געהייסן: די מאַמע פון אַלע געליטענע.

ווען איך בין געקומען אויף אַ באַזוך קיין ישראל, האָב איך גלייך באַזוכט מיין פריינדין חנה, די טאָכטער פון רבקה פריי. איך בין געקומען צו איר, כדי צו דערמאָנען איר מוטער. דווקא איצט, ווען איך לעב אין דער גרויסער און רייכער אַמעריקע, קאָן איך נאָך פיל מער אָפּשאַצן די צדיקעס רבקה.

אָט זע איך איר שטוב. נישט קיין גרויסע. זי איז געווען נישט גענוג פאַר זייער משפחה, אָבער ביי רבקהן איז דאָס הויז געווען אַ האָפן פאַר אַלעמען, פאַר קראַנקע, שוואַכע, דערשלאָגענע, באַעוולטע, צעבראָכענע הערצער. אַלע פלעגן קומען אַהער. נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז די ווענט זענען אויסגעווייקט פון טרערן, פון צער און ווייטיק.

רבקה האָט געוווסט ווי אַזוי יעדן איינעם טרייסטן. איר שטוב איז געווען זאַט. אָט די זאַטקייט האָט זי פאַרטיילט פאַר אַלע אומגליקלעכע. איר שטוב האָט וואָרשיינלעך גאָט אַליין אויסגעבויט דאָ, אין דעם געסעלע פון דלות, נויט און קראַנקהייטן. אַלע האָבן געפונען אַ תיקון אין דער שטוב. אַ שוואַכער פלעגט קומען זיך אָנוואַרעמען. גלייך פלעגט רבקה אים צוטראָגן אַ ביסעלע וואַרעמע זופּ, אַ שטיקעלע פריש ברויט, צושטעלן אַ בענקעלע נעבן אויוון א. אַ. וו.

ביז היינט קאָן איך נישט געפינען פאַר מיר די געהעריקע תשובה, וואָס האָט מיך אַזוי געצויגן צו דעם הויז. איך האָב פאַרמאָגט אַ הערלעכע, וווּנדערלעכע מוטער מיט אַ גוט וואַרעם הויז. אָבער אַהין, צו רבקהן האָט געצויגן. איך האָב פון רבקהן געלערנט פאַרשטיין און מיטפילן אַלע דערשלאָגענע, אָרעמע און געליטענע. היינט, ווען איך טייל זיך מיט מיין לעצטן גראָשן אָדער לעצטן בגד, ווייס איך גענוי, אַז דאָס טו איך ווי רבקה. דאָס האָב איך גענומען מיט זיך אין מיין ווייטער היים.

עס פרייט מיך וואָס מיינע לאַנדסלייט שאַפן דאָס בוך. האָב איך איצט די מעגלעכקייט איבערצוגעבן פאַר אירע קינדער און אייניקלעך, ווער זייער מוטער איז געווען, וואָס זי האָט אויפגעטון פאַר די אָרעמעלייט דאָרט אין געסעלע. איצט האָב איך דערפילט אַ גרויסע פליכט. מער פון 50 יאָר טראָג איך זכרונות פון דער מאַמען רבקהן. זאָלן די עטלעכע שורות באַלויכטן איר נשמה. און ווער עס וועט לייענען וועגן אירע מעשים טובים, זאָל איר נאָמען דערמאָנען, ווי אויך לערנען פון איר זיך טיילן מיט זיין זאַטקייט.



עוזר שבח

די דינאַסטיע שבח

ישראל שבח איז געווען אַן אייגנאַרטיקער מענטש. ער איז געווען שיין געבויט, ענערגיש און אַרבעטסזאַם. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדעס וואָרט און חתימה, וואָס ער האָט געגעבן. גוטהאַרציק, אָפן דאָס האַרץ און די האַנט. דערפאַר האָט ער געטראָגן דעם נאָמען „ישראל הנדבן".

ער איז געווען זייער באַשיידן, קיינמאָל נישט גע־זוכט קיין כבוד ווי די איבעריקע גבירים פון שטעטל. ער האָט פיינט געהאַט סכסוכים און שטענדיק זיך דער־ווייטערט פון אינצידענטן.

ער איז געווען אַ ציוניסט פון זיינע יינגסטע יאָרן. פון דאַנען שטאַמט אויך זיין פאַמיליע־נאָמען שבח. אַלע פריצים אַרום שטעטל האָבן אים פאַרגעטערט. ער האָט געפירט מיט זיי געשעפטן אויף פאַרשידענע געביטן, צום ביישפיל ביים האַקן וועלדער, אָדער אָפּקויפן די תבואות, ווייל אין דער תקופה האָבן געהערט צו די פריצים גאַנצע ישובים און אויך דאָס שטעטעלע פיעסק.

ווען ער האָט באַקומען דעם קאָנטראַקט פון פריץ צו בויען די וואַסער־מיל, האָט ער אויסגעפועלט אויפ־צושטעלן די מיל אין צענטער פון שטאָט. זיין כוונה איז געווען צו געבן פרנסה דעם גרעסטן טייל פון די איינ־וווינער פון שטעטל. ער אַליין האָט באַשטימט די טעכ־נישע זייטן פון דער מיל ווי אויך איר אויסערלעכן אויסזען. בלויז איצט קאָנען מיר אָפּשאַצן דעם ווייטן קוק, וועלכן עס האָט פאַרמאָגט דער פשוטער ישראל שבח. ער האָט באַהאַנדלט מיט די אינזשיניערן די פּלע־נער, און צוזאַמען מיט זיי באַשטימט וועגן גראָבן פון אַ וואַסערפאַל, וואָס וועט שאַפן אַ גרויסע ענערגיע, כדי צו באַוועגן די מיל.

אין 1870 יאָר זענען געעפנט געוואָרן די מילן און די בריקן. עס איז געווען נישט נאָר אַ דערגרייכונג פאַר ישראל שבח, נאָר אויך פאַר דעם שטעטל פיעסק און פאַר דער גאַנצער אומגעגנט. אַלע גויים פון ווייטע און נאָענטע דערפער האָבן זיך געצלמט און געבוקט פאַר דעם נס. דאָס שטעטל איז אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דעם.

ישראל שבח האָט אויפגעשטעלט אַ פאַרצווייגטע משפחה, 5 זין און 3 טעכטער. ער האָט אויך געפונען צייט צו זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון זיינע זין און טעכטער. די בעסטע מלמדים און לערער האָבן געלערנט זיינע קינדער. זיינע זין האָט ער גענומען אַלס שותפים אין זיינע געשעפטן. אַזוי אַרום האָט ער זיי געגעבן דעם פונדאַמענט אויפצושטעלן אייגענע משפחות. מיין פאָטער און מיין פעטער לייזער זענען געבליבן ביים פירן די מילן. די אַנדערע האָט ער איינגעאָרדנט אין אַנדערע שטעטלעך, כדי צו געבן פרנסה די יידישע איינ־וווינער אין יענער געגנט.

אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט איז געווען מיין באָבע ברײנע. איך געדענק זי אַלס אַ גרויסע צדיקהס. איר הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין תלמוד־תורה. זי פלעגט זיי זאַט



באבע ברײנע שבח

מאַכן און באַקליידן ווי אַ גוטע מאַמע. ערב שבת און ערב יום־טוב פלעגט זי קומען אַליין אין מיל נעמען מעל, גרויפּן און אַריינשיקן אין די הייזער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט. זי האָט געוווּסט וועגן אַלע קראַנקע און דערשלאָגענע. אַזוי האָט זי געפירט איר לעבן פּשוט און גוט. איר הויז איז געווען באַלויכטן מיט דעם ליכט פון גוטסקייט. זי האָט געפירט אירווירטשאַפט ווי אַ גוטע בעל־הביתטע. זי איז געווען זייער פרום, אָבער נישט פאַנאַטיש. זי האָט אויך פאַרענדיקט איר לעבן ווי אַן אמתדיקע צדיקהס.

ביידע זענען געווען פיין צו מענטשן און טריי צו גאָט. דער זיידע האָט געבויט די שול אין אונדזער שטעטעלע. ער האָט באַטראַכט די פּלענער און אָנגעפירט מיטן בויען. זיין ציל איז געווען שאַפן גענוג פּלאַץ פאַר אַלע, וועלכע קומען שבת און יום־טוב.

אַ רעוואָלוציאָנערין אין דער משפחה

אַלץ איז געגאַנגען אין וועג, וואָס דער זיידע האָט אָנגעצייכנט. נאָך פינף זין איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען אַלטע, איז געווען אַ סגולה פאַר אַ לאַנג לעבן. די טאָכטער איז געווען שיין, קלוג און געראָטן. אָבער אין יאָר 1905 ווערט זי מיט־געריסן מיט די קעמפער קעגן דעם רעזשים פון רוסישן צאַר און וויל העלפן באַפרייען די אַרבעטער פון זייער פאַרשקלאַפונג. זי בלייבט נישט זיצן אין איר רייכער היים, נאָר גייט זיך לערנען אַ פאַך — אַ שניידערין, כדי צו פאַרשטיין זייער שווער לעבן. נאָך לאַנגע און שווערע צרות געלינגט דעם זיידן איר חתונה צו מאַכן רייך, אָבער ער באַצאָלט מיט זיין געזונט פאַר איר אידייע. אין עלטער פון 55 יאָר שטאַרבט ער פּלוצלונג. דאָס גרויסע ליכט פון ישראל דעם ניגידס הויז ווערט פאַרלאָשן. דאַן בין איך אַלט געווען 4 יאָר. דער לעצטער כבוד, וואָס מען האָט אים אָפּגעגעבן שטייט מיר פאַר די אויגן ביזן היינטיקן טאָג.

צוויי יאָר נאָך דעם זיידנס טויט ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. אין 1915 איז אונדזער שטעטל פּיעסק איינגענומען דורך די דייטשן און די מיל בלייבט גאַנץ. די דייטשן ווערן די בעלי־בתים און פאַראָרדענען



די פאמיליע שבח

אונדז צו אַרבעטן לויט זייער דיקטאַט. די אָקופּאַציע דויערט דריי יאָר, און דאַן ברעכט אויס די רוסישע רעוואָלוציע. די דייטשן ציען זיך צוריק, פּוילן לעבט אויף, און די מיל קערט זיך אום אין אונדזערע הענט.

לאַנג האָט עס נישט געדויערט. די קאָמוניסטישע אַרמיי מיטן גענעראַל טוכאַטשעווסקי בראש פאַרנעמט אונדזער געגנט און אין דעם קאַמף צווישן די פּאָלאַקן און קאָמוניסטן, ווערט די מיל פאַרברענט און די בריק צעריסן און אַלץ ווערט פאַרניכטעט. דאָס וואָסער האָט געהערט צום נייעם יורש ביספּינג, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד אָן אַ גראָשן געלט. אַנדערע האָבן דאַן אַרויסבאַקומען ביים פּריץ די קאָנצעסיע אויפן וואָסער און פּלאַץ און אַלץ גייט איבער פון אונדז אין אַנדערע הענט. דאָס איז געווען אַ גרויסער און שווערער קלאַפּ פאַר אונדז, סיי עקאָנאָמיש און סיי מאָראַליש.

מיר זענען עולה

אין 1918 קומט אַ נייע בשורה אין ידישן לעבן נאָך דעם ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. איך און מיינע ברידער באַשליסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אויך געווען דער ווילן פון אונדזערע עלטערן. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן פּוילן און אונדזער שטעטעלע. אַזוי ווערט צעריסן די גרויסע, פאַרצווייגטע און פאַראייניקטע משפחה.

אין ישראל זענען מיר איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן, אויך די שווערע אַרבעט אויף די כבישים. שוואַך אַנטוישט פון דער באַציאונג פון די ענגלענדער צו אונדזערע פּאָליטישע אַספּיראַציעס, באַשליס איך צו פאָרן קיין אַרגענטינע.

דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין ברודער חיים און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצונעמען די עלטערן און די שוועסטער דאָרא פון פּיעסק. אין 1930 זענען זיי אָנגעקומען קיין אַרגענטינע. מיר האָבן געשאַפן פאַר זיי אַ וווינונג און דאָ האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער לעבן, ידישלעך און רואיק, ווי אין שטעטל פּיעסק.

יאָרן גייען פאַרביי, זיי האָבן חתונה געמאַכט זייערע קינדער און דערלעבט פון זיי נחת. די ערשטע איז אַוועק פון אונדז די מוטער. איך האָב דעם פאָטער גענומען צו זיך און אים געלאָזט געניסן פון אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין 1948 איז געקומען די בשורה וועגן דער באַפרייאונג פון ישראל. די שמחה איז געווען גרויס ביי אַלע ידן. מיין פאָטער האָט אונדז צוגערופן און געזאָגט: „מיינע קינדער, לאָזט מיר פאָרן קיין ישראל און פילן דאָרט די באַפרייאונג פון ארץ אבותינו".

מיר האָבן דערפילט זיין פאַרלאַנג און אים דאָ געגעבן די בעסטע באַקוועמלעכקייט. ער געפינט זיין היים ביי אונדזער ברודער יקותיאל, און נאָך עטלעכע יאָר אין דעם באַפרייטן לאַנד האָט ער אונדז פאַרלאָזן אין אַ גוטער עלטער.

צו זיין לוויה איז געקומען זיין זון יצחק פון אַמעריקע. זיינע פילע פריינט האָבן אים באַגלייט אין זיין לעצטער רו, וועלכע ער האָט געפונען אויפן אַלטן בית־עולם פון דער ערשטער ידישער שטאָט תל־אביב.

אַזוי האָט מיין פאָטער געפונען זיין רו אין לאַנד פון די אבות, צו וועלכע ער האָט באַגערט און געהאָפט אַ לאַנג לעבן, און סוף־סוף דאָס דערגרייכט.

שלום לעפרו.

ווי מען האט געלערנט

איך טראָג נאָך דערינערונגען פון מיין ערשטן חדר, פון אַלטן רבין. מיין פאָטער ז״ל פלעגט דערציילן, אַז ער האָט אויך געלערנט אַלס קינד ביי דעם זעלבן ר׳ אליהו דעם מלמד. דעריבער קאָן מען זיך פאָרשטעלן ,אַז אונדזער בשותפותדיקער רבי איז געווען אַ זקן מופלג, ווען מיר האָבן ביי אים געלערנט.

איך געדענק, אַז מען האָט געלערנט אין די אָוונטן ביי אַ ליכט, אַ פּראָסטע חלבענע, נישט קיין סטעאַרין, וועלכע יעדעס ייִנגל פלעגט ברענגען, אַ ליכט אַ וואָך. אויפן פּריפּעטשאָק אָדער אויפן קוימען האָט געברענט אַ פּייערל פון אַ קינעלקע, דאָס איז געווען די שטוב־באַלייכטונג. עלעקטריע איז נאָך דאַן אויף אונדזער וועלט נישט געווען, וועגן בליץ־לאַמפּן האָט זיך נאָך נישט געהערט. אַ קליין לעמפּל אָדער אַ קורניק — דאָס איז געווען די באַלייכטונג אין די בעל־הביתישע הייזער. דער רבי, אַן אָרעמער מלמד און אַן אַלטער מאַן, האָט זיך נאָך געפירט אויפן פאַרצייטישן אופן, אַ קינעלקע פאַר דער שטוב און אַ חלבענע ליכטל צום לערנען מיט די קינדער.

דעם רבינס שטוב איז געווען זייער אַן אַלטע, אין די זעלבע יאָרן מיטן רבין. אַן איינגעהויקערטע, אַן איינ־געבויגענע, דער שטרויענער דאַך האָט דערגרייכט נישט ווייט פון דער ערד, צו די פענצטערלעך פון דרויסן האָט מען געמוזט זיך איינבייגן.

אַזוי האָבן געלערנט נישט נאָר גרויסע גמרא־קינ־דער, נאָר קליינע 4—5־יאָריקע קינדערלעך פון התחלה, עברי און אַ פּסוק חומש. מען האָט זיך נישט באַנוגנט מיט אַ האַלבן טאָג, ווי היינט, נאָר מען האָט געלערנט טאָג און נאַכט, יומם ולילה. אַזוי האָט מען געלערנט און מ׳האָט זיך טאַקע אויסגעלערנט, יעדער נאָך זיין שטיי־גער, נאָך זיינע אומשטענדן. דאָס יידישקייט איז גע־בליבן ביים גרעסטן טייל שטאַרק איינגעוואָרצלט.

איבערהויפּט האָט זיך אונדזער שטעטל פּיעסק אויס־געצייכנט מיט איר יידישקייט און פרומקייט. די בתי־מדרשים זענען געווען פול געפּאַקט, מ׳האָט געדאַוונט, מ׳האָט געלערנט פאַרן דאַווענען, נאָך דאַווענען, פאַר־טאָג, בין מנחה למעריב, אין אָוונט, פאַרשידענע חברות, חברה ש״ס, משניות, עין יעקב, חיי אָדם — ועל כולם תהלים און תהלים, אין פאַרשידענע פאָרמען — שבת פאַרטאָג דעם גאַנצן תהלים, אַלע טאָג אַ יום תהלים, אַ ספר תהלים, יעדער נאָך זיין מעגלעכקייט אָדער חשק. מיט איין וואָרט, דער תהלים איז געווען ביי אַלעמען אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך, סיי אין פריידן, סיי אין לייד ר״ל. אלול־צייט און עשרת ימי תשובה איז דאָך אָפּגערעדט. מיר דאַכט זיך, אַז אין פּיעסק האָבן כמעט אַלע געקענט תהלים אויף אויסווייניק.

ר׳ לייבע בער

אַ גרויסע השפּעה אויפן געביט פון יידישקייט ביים ברייטן עולם בכלל און ביי די בעלי־מלאכות בפרט, האָט אַריינגעבראַכט אין שטעטל הצדיק ר׳ לייבע בער זצ״ל, איבערהויפּט ווען ער איז געוואָרן דער רבי אין „חיי אָדם״. ער האָט געלערנט מיטן עולם חיי אָדם און אין משך פון דער צייט זיי גוט אויסגעלערנט. אייניקע פון זיי האָבן זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיט גרויסע לומדים אין אַ דין פון הלכות שבת, פּסח וכו׳. דער עיקר, ער האָט נישט געלערנט דעם דין טרוקן, קאַלט, נאָר מיט ברען און התלהבות. ס׳איז געווען תורה מיט יראת־שמים צוזאַמען. ר׳ לייבע בער זצ״ל איז דאָך געווען אַ צדיק וירא שמים לאמיתו. אלול און עשרת ימי תשובה איז געווען זיין הויפּט־סעזאָן, אַ שטיקעלע דין מיט אַ סך דברי מוסר פייערדיקע. זיין צורה האָט געפלאַמט און דער רושם פון זיינע רייד און לערנען איז געווען געוואַלדיק.

ער איז געווען תמיד אין אַ געדריקטן מצב, אָבער

זיין צורה האָט געלויכטן און געשיינט. ער איז תמיד געווען אַ דבק בתורה, און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין עולם. ס׳איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אַ בעל־מלאכה פון ר׳ לייבע בערס תלמידים און סתם אַ בעל־מלאכה.

ועל כולם איז פיעסק געווען אַ צדקה־שטעטל, אַלע האָבן געגעבן צדקה מיט אַ וואַרעם האַרץ, מיט אַ יידיש געפיל.

(מחבר אומבאַקאַנט —
געשריבן פון דער ישיבה
פון הרב שבתי יגל אין רמת־גן).



די פייערלעשער אין פיעסק



חיים רוזשאַנסקי (אַרגענטינע)

דער נס פון יידישן דאקטאר

איך וועל דאַ דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד, וועלכער האָט פּאַסירט אין פּיעסק און איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. בעסער געזאָגט, אַ נס, וועלכער האָט פּאַסירט אין פּיעסק, אין מיינע יאָרן און פאַר מיינע אויגן.

נאָך אַלס גאָר יונג יינגל, פול מיט יוגנטלעכע באַגערן און אַוואַנטורעס, בין איך אַמאָל פאַר אַ נאָווינע געקומען שפּעט ביינאַכט אַהיים און האָב געטראָפן מיין ברודער שלמה זיך דרייען אין שרעקלעכע קראַמפן און ווייטיקן. ער קרעכצט און די מאַמע וויינט. פאַרשטייט זיך, אַז לויטן מנהג פון די אַמאָליקע קליינע שטעטלעך האָט אים שוין די מאַמע געגעבן אַלע באַבסקע רפואות און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

איך בין אַוועק רופן דעם דאָקטאָר. איך האָב זיך גוט געקענט מיטן ד"ר וויינבערג, ווייל איך האָב דאַן געאַרבעט ביי יהודה באַביטש אַלס שניידער־יינגל. דעם דאָקטאָרס פענצטער איז אַרויס אין גאָרטן פון יהודה באַביטש, פלעגן מיר דורכן פענצטער אָפט כאַפּן אַ שמועס.

איך רוף דעם דאָקטאָר

איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר. דער דאָקטאָר האָט מיך דערזען, האָט ער זיך באַלד אָנגעטון, מיטגענומען זיינע בידע הינט, און מיר זענען אַרויס פון שטוב. אָפּגעגאַנגען עטלעכע שריט, איז ער שטיין געבליבן און האָט מיך געבעטן וואַרטן אַ פּאָר מינוט, ווייל ער האָט עפּעס פאַרגעסן מיטצונעמען. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם אַפּאַראַט צו מעסטן דעם בלוט־דרוק, אָדער עפּעס אַ צווייטן מעדיצינישן אַפּאַראַט. איך זע ער קומט צו מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט און לייגט אים אַריין אין קעשענע.

איך האָב זיך גאָר דערשראָקן און פרעג אים: „וואָסזשע, איר קורירט גאָר קראַנקע מענטשן מיט אַ רעוואָלווער, און נאָך מיין ברודער דערצו?" ער האָט זיך צעלאַכט און האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז אָן דעם רעוואָלווער קאָן ער נישט אַרויסגיין אַ טריט פון שטוב. אין די דערפער, אַז מען רופט אים, געוויס נישט, ווייל די פּריצים, די פּאָלאַקן־אַנטיסעמיטן לויערן אויף אים און זוכן אים צו דערהרגענען פאַר שנאה. ווען ער איז אַריינגעפאָרן קיין פּיעסק, איז ער דאָ געווען דער איינציקער דאָקטאָר, ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ מאָדערנעם קאַבינעט, און האָט געשמט פאַר אַ גוטן דאָקטאָר אָרום און אַרום. אַרום זיין שטוב זענען געווען פורן און וועגענער, גאַנצע קאַראַוואַנעס. מען פלעגט קומען צו אים פון די ווייטסטע געגנטן, די גויים פלעגן אים אָנברענגען הינער און אייער און פון אַלעם גוטן...

נו, איז דאָך שוין אַזוי דער שטייגער, אַז אַ ייד האָט פּרנסה, האָבן די גויים, די אַנטיסעמיטן נישט גע־

קאָנט פאַרטראַגן. און טראָץ דעם, וואָס פיעסק איז געווען קליין און גענוג ענג פאַר איין דאָקטאָר, האָבן זיינע שונאים אַראָפגעבראַכט אין שטעטל אַ צווייטן דאָקטאָר, אַ גוייִשן, זיי זאָלן זיך ביידע רייסן ביי די נעזער.

דער יידישער דאָקטאָר איז געווען אַן אָפיציר, איז אים דעריבער געווען דערלויבט צו טראָגן געווער. דערפאַר איז ער געגאַנגען תמיד באַוואָפנט קעגן זיינע שונאים. איצט קומט די געשיכטע מיטן נס...

ליטעווסקיס לאַנגע פיס

ביים פריץ בישפינג אין הויף איז געווען אַן אויפזעער מיטן נאָמען ליטעווסקי. אַ הויכער, שיינער יונג, אַן עלעגאַנטער בחור, זיין שטאָלץ איז געווען זיין לאַנגע באָרד און זיינע צוויי לאַנגע פיס, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין ווו זיי הויבן זיך אָן און ווו זיי ענדיקן זיך.

אַ שיינעם טאָג האָט זיך אים פאַרגלוסט חתונה צו האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ פריצישער חתונה האָט קיין משקה נישט געפעלט. האָט מען זיך געלאָזט וווילגיין און מען האָט געטרונקען ביזן ווייסן טאָג אַריין.

באַגינען, ווען די געסט זענען געווען גוט בגילופין און שיכור ווי לוט, האָט מען אָנגעהויבן ליטעווסקין, דעם חתן־בחור, צו הויבן אַרויף און אַראָפ, ביז מען האָט אים צעבראָכן אַ פוס. זיינע חברים האָבן באַלד געשפאַנט אַ בריטשקע מיט צוויי פערד און מען האָט אים געבראַכט צו דעם גוייִשן דאָקטאָר.

ער האָט אים אַריינגענומען דעם פוס אין גיפס. עס איז שוין אַריבער אַ מאָנאַט אין דעם גיפס, און זיינע ווייטיקן זענען געווען די זעלבע. וואָס לענגער ער האָט געוואַרט, אַלץ גרעסער זענען געווען די ווייטיקן. איין שיינעם טאָג האָט ער אַראָפגענומען זיין אַנטיסעמיטישע מאַסקע פון פנים און האָט געבעטן מען זאָל אים פירן צום יידישן דאָקטאָר. די לייט פון הויף זענען געווען איבעראַשט, וויסנדיק, אַז ער זוכט אַלע מיטלען, כדי אַרויסצושטופן דעם יידישן דאָקטאָר פון פיעסק, און דאָ הייסט ער גאָר זיך פירן צו אים...

נישטאָ קיין ברירה, מען האָט אים אַוועקגעפירט צו וויינבערגן. דער דאָקטאָר האָט אויפגעשניטן דעם גיפס, און געטראָפן דעם פוס איינגעשטעלט, און שוין באַלד איינגעוואַקסן, ממש פאַרקערט. דער גוייִשער דאָקטאָר האָט אים איינגעגיפסעוועט דעם פוס, די פיאַטע אויף פאָרנט און די פינגער אויף הינטן...

דער יידישער דאָקטאָר האָט אים צוריק איינגעשטעלט אין אָרדענונג דעם פוס און איינגעגיפסעוועט. עס זענען אַריבער 30 טעג, האָט ער אים אַראָפגענומען דעם גיפס און דער פוס איז געבליבן פערפעקט. ליטעווסקי האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומרייטן אויף זיינע פערד מיט זיינע צוויי לאַנגע פיס. רייטן איז געווען זיין באַליבטער ספּאָרט, און אַ דאַנק אונדזער יידישן דאָקטאָר וויינבערג האָט ער דאָס אויף דאָס ניי דערגרייכט. פון דאַן אָן האָבן די אַנטיסעמיטן נישט באַאומרואיקט דעם דאָקטאָר וויינבערג.

אָט, אויף אַזעלכע ניסים האָבן מיר יידן געדאַרפט וואַרטן, כדי מען זאָל אונדז לאָזן לעבן.

זיידל שמואל דאַניעלעוויטש

זכרונות פון אונדזער שטעטל פּיעסק

עס זענען שוין אַריבער 30 יאָר זינט איך האָב פאַרלאָזן מיינע ליבסטע און בעסטע: עלטערן, שוועסטער און משפּחה, גוטע פריינד און באַקאַנטע.

איך בין אלי־חונהס דעם קצבס אַ זון. די מאַמע האָט געהייסן בלומע. איך האָב געהאַט נאָך דריי שוועסטער. די עלטסטע חנה־פייגל ז״ל איז אומגעקומען ביי די נאַציס. די צווייטע — באַשע געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. דער דריטער בין איך. און די פערטע, ווי מיר פלעגן זי רופן, די מוזינקע, ריבה.

געוווינט האָבן מיר נעבן מיל. מיר האָבן זיך געגרענעצט מיט די שכנים: פון איין זייט די מיל, און פון דער אַנדערער זייט די מילנער־גאַס מיט די גויים זאַבלאָצקי.

איך האָב פאַרלאָזן מיין היים שמחת־תורה. איך בין דאַן אַוועק אין מיליטער מיט פיל אַנדערע חברים און באַקאַנטע פון אונדזער שטעטל. דאָס געזעגענען זיך שטייט מיר אַלעמאָל פאַר די אויגן. דער טאַטע האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. דאָס האָט אויך מיך שטאַרק גערירט, ווייל איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען לאָזן אַ טרער. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט טיף אין רוסלאַנד, קיין וואָראָניעזש. עטלעכע חדשים פאַרן קריג האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אויף אַן אָפיצערן־קורס.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען אונדז צעשיקט אין די פאַרשידענע פּולקן, צו וועלכע מיר האָבן געהערט, אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָב איך שוין קיינעם נישט געטראָפן. דער שטאַט־קאָמענדאַנט האָט אונדז געזאָגט, אַז אונדזער פּולק איז צעקלאַפּט און מיר וועלן שאַפן אַ נייע איינהייט. מען האָט אין משך פון 4 טעג צונויפגעשטעלט אַ פרישן פּולק. מיר האָבן באַקומען נייע אוניפאָרמען, געווער, און דער עיקר דעם נומער אויפן האַלדז, און מיר האָבן געוואַרט יעדע מינוט אויף אַ באַפעל אַרויסצומאַרשירן אויפן פראָנט. פּלוצלונג קומט צופליען דער קאָמאַנדיר און גיט איבער אַ באַפעל: די, וואָס זענען פון די פאַרנומענע געביטן פון פּוילן זאָלן אַרויסגיין פון דער שורה און זיך שטעלן באַזונדער.

אין טיף־רוסלאַנד

מיר האָבן געפילט, אַז דאָ איז עפּעס נישט פּויגלדיק, נאָר דאָס איז מלחמה־צייט, נישטאָ ווען צו טראַכטן. האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט באַזונדער און פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. מיר זענען אין משך פון דריי שעה געגאַנגען אין וואַלד, מיר האָבן געהערט פון דערווייטנס מענטשלעכע קולות, מיר האָבן זיך דערנענטערט און מיר האָבן געזען נאָך אַזעלכע ווי מיר. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן שפּייכלער און דאָרט האָט מען אונדז געהייסן אַוועקגעבן דאָס געווער, די נייע מונדירן און נעמען געניצטע.

ביינאַכט האָט מען אונדז צעשיקט אין קליינע גרופּעס. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר פאָרן אויף אַרבעט אין די פאַבריקן. מיר זענען אָנגעקומען קיין אוליאַנאָווסק. דאָרט האָט מען אונדז פאַרטיילט אין פאַבריקן. מיר האָבן אַלץ געמאַכט, אַפילו בעטן צום שלאָפן, אָבער לאַנג האָבן מיר זיך דאָרט נישט אָנגעוואַרעמט. מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט אויף אוראַל און זלאַטאָוסט. דאָרט בין איך שוין געווען ביז צום סוף פון קריג אין יאָר 1945.

מיר האָבן דאַן אָנגעהויבן צו פילן די ענדערונג. ערשטנס זענען מיר אַריבער פון 12 שעה אַרבעט אין טאָג אויף 8 שעה. קיין שבתים האָבן מיר בכלל נישט געהאַט אין דער צייט פון קריג. איצט האָבן מיר דאָס באַקומען. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו בעסערן. מיר האָבן אויפגעהערט צו קלערן די גאַנצע צייט נאָר

וועגן עסן. אין משך פון דער צייט האָט די פּוילישע מאַכט אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט די רוסן וועגן אַרויסלאָזן די פּוילישע בירגער. איך האָב זיך רעגיסט־רירט און אין אַפּריל 1946 האָב איך באַקומען אַ דערלוי־בעניש צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

צוריק אין פּוילן

מיר זענען געפאָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס דריי וואָכן, ביז מיר האָבן זיך צוגעשלעפּט צו דער פּוילישער גרענעץ. בלויז איצט האָבן מיר דערפילט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. אונדזער טרוים איז געווען כאָטש טרעפן עפּעס, און דאָ טירע בלויז זכרונות פון אונדזערע ליבסטע און נאָענטסטע. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט קיין שטשעטשין אויפן באַלטישן ים.

פאַרן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד האָב איך זיך דער־ווּסט וועגן מיין שוועסטער באַשע, נאָר אַזוי ווי אין רוסלאַנד האָט מען נישט געטאָרט פאָרן פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן, האָב איך נישט געוואָלט ריזיקירן אויס מורא פאַר תפיסה, און דאָס זעלבע זי. מיר פלעגן זיך איבערשרייבן. אין פּוילן האָב איך באַשלאָסן זי אויפצו־זוכן, טראָץ דעם וואָס עס זענען געווען אומרואיקע צייטן און עס איז געווען אַ סכנה אַרומצופאָרן. איך האָב זיך דערוווּסט פון מענטשן, אַז קיין נידערשלעזיע, וועל־כע די פּאָלאַקן האָבן פאַרנומען פון די דייטשן, קומען אָן פיל יידן פון רוסלאַנד. איך האָב זיך אַלזאָ אַרויסגע־לאָזט אין וועג.

איך בין אַרומגעפאָרן אַ פּאָר טעג פון איין קאָמיטעט צום צווייטן. ענדלעך האָב איך צופעליק געטראָפן מיין שוואָגערס קוזין, וועלכן איך האָב נישט געקענט און זיך דערוווּסט פון אים, אַז זיי אַלע געפינען זיך אין שווידניץ אין אַ שול. איך בין גלייך אַוועקגעפאָרן אַהין.

די באַגעגעניש מיט דער שוועסטער

עס איז געווען פאַרנאַכט. מענטשן זענען געזעסן, ווער אויף בענקלעך, ווער אויפן שטיינערנעם פּאַרקאָן פון דער שול. אין איינעם פון די קלאַסן האָב איך באַ־



בית משפחת אמם של ד"ר יעקב וסעדיה עמיאל

געגנט מיין שוועסטער מיט איר מאַן. איך האָב איבער־געגעצטיקט מיט זיי און אויף צומאָרגנס בין איך צוריק־געפאָרן קיין שטשעטשין, כדי אַריבערצובריינגען מיין ביסל אָרעמקייט.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך זיך איינאָר־דענען ביי אַרבעט, פילע האָבן נאָך אַ קורצער צייט פאַר־לאָזן פוילן. איך מיט מיין שוועסטער האָבן באַשלאָסן דערווייל צו בלייבן, ווייל איר קינד איז געווען גאָר יונג. מיר האָבן אַזוי געוואַרט ביז די פוילישע מאַכט האָט אָנגעהויבן מאַכן שוועריקייטן צו פאַרלאָזן פוילן. ווען מיר האָבן אָנגעגעבן אונדזערע ביטעס, האָט מיין שוועס־טער מיטן מאַן באַקומען די דערלויבעניש אַ דאַנק שוחד, מיר האָט דאָס אויך נישט געהאָלפן. איך בין נאָך געווען דאָרט ביזן יאָר 1957.

איך האָב געפּרוּווט לפחות געפינען אַ בילד פון מיינע נאָענטסטע, אָבער אויך דאָס איז מיר נישט געלונגען. בלויז ביי אַ פעטער אין אַמעריקע האָב איך געפונען אַ בילד פון מיין מוטער פון פאַר דער חתונה.



די פאמיליע פון איזי בראדזינסקי אין ניו־יארק



חנה ראָזשאַנסקי

די פאַמיליע פריי

איך בין אַ טאָכטער פון דער פאַמיליע פריי פון פיעסק. מיר האָבן געוווינט אין אַ געסעלע אויף דעם שול־הויף, נישט ווייט פון דער באָד. די איינוווינער פון די געסעלעך זענען געווען זייער אָרעמע לייט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען זייער אָרעם, בלויז אייניקע זענען געווען מער פאַרמגלעך. דאָס שטעטל האָט נישט פאַרמאָגט קיין פאַבריקן און איז געווען ווייט פון אַ באַן.

מיר זענען געווען פאַררעכנט צו די בעסער סיטו־אירטע בעלי־בתים. מיין פאָטער יששכר־משה האָט גע־אַרבעט אין דער פיעסקער מיל און מיר האָבן געהאַט פרנסה. עס האָט אונדז גאָרנישט געפעלט און אונדזער שטוב איז געווען אָפן פאַר אַלעמען.



מיין מוטער רבקה איז געווען אַ שטילע צדיקהס, און פלעגט טון מצוות אין דער שטיל. זי האָט געוווסט ווער עס האָט נישט קיין שטיקל ברויט אָדער אַ שטיקל האָלץ און פלעגט זאָרגן פאַר דעם.

איך בין געווען די עלטסטע אין שטוב. איך האָב נאָך געהאַט אַ ברודער און אַ שוועסטער. די מוטער, וועלכע איז געווען אַ שוואַכע פרוי, פלעגט יעדע וואָך באַקן ברויט, און אין אָוונט, ווען קיינער האָט נישט געזען, פלעגט זי דאָס אַוועקטראָגן צו די אָרעמע. מיין פאָטער פלעגט איר זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דעם נישט שטערן.

איך געדענק איינמאָל שפּעט אין אָוונט האָב איך דערזען מיין מוטער מיט אַ בינטל האָלץ אויף זיך. איך האָב זי געפרעגט : מאַמע, ווּוהין טראָגסטו דאָס ? האָט זי מיר געענטפערט, אַז דאָ איז פאַראַן אַן אָרעמע פאַמי־ליע, ביי זיי איז זייער קאַלט און עס איז ווינטער. מיר האָבן אַוועקגעלייגט דאָס האָלץ נעבן זייער הויז, זיי זאָלן נישט וויסן ווער עס האָט זיי געבראַכט.

פרייטיק פלעגט זי באַקן חלות און קיכל. די גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק פלעגט זי נישט שלאָפן. נאָכדעם פלעגט זי דאָס צעטיילן. די, וואָס פלעגן גיין אין באָד, פלעגן אויף זייער צוריקוועגס אַריינגיין צו רבקהן טרינקען טיי מיט קיכל. מיר האָבן געהאַט אַ קו. פלעגט זי זי מעלקן, קאָכן גאַנצע טשייניקעס מיט טיי און טעפלעך מיט מילך און דאָס אַריינטראָגן. די יידן, וואָס פלעגן קומען לערנען אין בית־המדרש, זענען געקומען צו רבקהן טרינקען טיי מיט קיכל.

ביי אונדז אין שטוב איז שטענדיק געווען וואַרעם. דאָס הויז איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, וועלכע

זענען געקומען טרינקען טיי אָדער זיך אָנוואַרעמען. עס זענען דאָ אין ישראל מענטשן, וועלכע מיין מאַמע האָט אויפגעהאָדעוועט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאָטער און עס זענען אין זייער פאַמיליע געווען אַ סך קינדער.

פון מיין פאַמיליע איז קיינער נישט פאַרבליבן, אויסער מיר, ווייל איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין יאָר 1926. נאָר אַ דאַנק דעם איז דאָ ווער עס זאָל דערמאָנען מיין פאַמיליע, און מיינע קינדער און אייניקלעך, וועלכע וועלן אפשר לייענען דאָס בוך, וועלן וויסן, אַז זיי האָבן געהאַט אַזאַ באָבען און אַזאַ זיידן.

אויך מיין ברודער איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקער. ער האָט געאַרבעט אין מיל אויף מיין פאָטערס פלאַץ, ווייל מיין פאָטער איז אומגעקומען אין מיל. אַ



דער פאָטער



די מוטער



שוועסטער און ברעדער



יעקב אורלין, דער קוזין

ראַד האָט אים צעמאַלן. מיין ברודער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. מיין שוועסטער האָט געהאַט אַ מאַן מיט אַ זון. אַלע זענען אומגעקומען, אויך די איבע־ריקע מיטגלידער פון אונדזער גרויסער משפחה.

איך געדענק, ווען איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל, איז מיין מוטער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר גע־זאָגט: „מיין קינד, איך האָב צו דיר אַ ביטע, און איך וויל, אַז דו זאָלסט דאָס אויספירן. איך וויל, אַז דיין שטוב זאָל זיין אַן אָפענע, און ווער עס וועט צו דיר אויסשטרעקן זיין האַנט, זאָלסטו געבן און נישט פרעגן קיין שאלות". און דאָס האָב איך אויסגעפירט ביזן היינ־טיקן טאָג.



די קוזינע



די קוזינען אורלין

הינדע בינקאָוויטש־ווײַנער

ערב פסח אין אונדזער שטעטעלע

די צוגרייטונגען צו פסח פלעגן זיך אָנהויבן גלייך נאָך פורים ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די געשמאַקע המן־טאַשן און מען איז געגאַנגען אין שול צו דער מגילה און מיט האַמערס און גרעגערס דערהרגעט המן־הרשע. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער ריטואַל פון די צוגרייטונגען.

ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט, האָט גלייך געקויפט ווייצענע מעל. אברהם שבח, דער מילנער האָט שוין געזאָרגט, אַז די מעל, וועלכע מאָלט זיך אין זיין מיל זאָל זיין נישט חמצדיק. און געקויפט האָט יעדער נאָך זיין מעגלעכקייט און לויט דער גרויס פון זיין פאַמיליע.

צו געבן באַקן אין אַ פּריוואַטער בעקעריי האָט געקאַסט טייער, פלעגן נישט־פאַרמעגלעכע יידן זיך צוזאַמענרעדן און געמיינזאַם באַקן ביי דעם, ביי וועמען עס איז געווען אַ גרויסער אויוון. די אַרבעט איז צעטיילט געוואָרן יעדן לויט זיין קענטעניש. עס איז געווען אַ מעל־שיטער, אַ וואַסער־גיסער, און דאָס וואַסער האָט געדאַרפט זיין כשר: נישט מוכאַשקע, דער וואַסער־טרעגער זאָל ברענגען דאָס וואַסער, נאָר אַ ייד האָט דאָס געמוזט ברענגען.

אַ קנעטערקע האָט פאַרקנעטן און איבערגעגעבן צו די וואַלגערקעס און זיי — צו די רעדלערס. פון די רעדלערס צום זעצער אין אויוון, און ווען די מצה איז געווען פאַרטיק, פלעגט די שותפטע פון דער אונטערנעמונג זי אַריינלייגן אין אַ ריין ציכל פון איר קישן און דאָס אויפהענגען ביי זיך אויף דער סטעליע, כדי די מצה זאָל זיך נישט אָנרירן אין די חמצדיקע זאַכן. אַזוי פלעגט מען אויסבאַקן פאַר יעדן איינעם זיין מצה.

ווען דער ריטואַל פון דער מצה איז געווען געענדיקט, פלעגט מען אָנהויבן כשר מאַכן די שטוב. עס זענען געווען הייזער, ווו מען פלעגט פון פסח צו פסח מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכע רייניקונג. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן ביי פריידע דער קאַלכערקע דער סעזאָן פון קאַלכן די הייזער און איר פאַרדינסט האָט איר געסטייעט צו לעבן אַ גאַנץ יאָר מיט איר מאַן דעם קולאַק.

פרויען האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס גאַנצע מעבל אויפן גאַס און כשר געמאַכט די שטוב. ווען די שטוב איז געוואָרן ריין פון חמץ, האָט מען געכשרט דעם אויוון און פיל כלים. אין אַ קעסל פלעגט מען אויפקאָכן וואַסער און אַריינלייגן שטיינער. ווען דאָס וואַסער האָט געקאָכט, פלעגט מען אַריינלייגן די כלים.

ערב פסח פלעגט מען פאַרקויפן דעם חמץ מוכאַשקען דעם וואַסער־טרעגער, און ער, דער גוי, פלעגט פיין פאַרדינען פון דעם געשעפט. איך געדענק אויך דאָס בורעקעס שטעלן. ווען די בורעקעס זענען געשטאַנען דריי וואָכן, פלעגט דאָס וואַסער פאַרשימלט ווערן. פלעגט מען אַראָפּנעמען דעם שימל און אַ גוטער באַרשטש איז געווען אויף פסח צו די מצות.

ווײַן פלעגט מען מאַכן פון ראָזשינקעס מיט וואַסער. מעד פלעגט מען שטעלן פון האָניק אויפגעקאָכט מיט וואַסער, און צו דעם צוגעבן האָפּן און דאָס געלאָזט שטיין. אַז דער ליבער פסח איז געקומען, האָט מען געהאַט מיט וואָס מכבד צו זיין געסט.

דער יום־טוב

די שניידערקעס פלעגן אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, ווייל יעדעס מיידל און פרוי האָט זיך געוואָלט באַנייען מיט אַ קלייד צום הייליקן פסח. ווען עס איז אָנגעקומען די סדר־נאַכט, פלעגט מען די שטוב נישט דערקענען. אַזוי ריין און הייליק האָט אויסגעזען יעדעס הויז. דער פאָטער פון דער פאַמיליע פלעגט אָנטון זיין קיטל און

זיצן אויף זיין היסב־בעט ווי אַן אמתער מלך און זיין פרוי איז געווען די מלכה, און אַרום זיי זייערע קינדער. פאַר יעדן איינעם איז צום סדר געווען אָנגעגאָסן זיין וויין און נישט פאַרגעסן אַ כוס פאַר אליהו הנביא.

דאָס יינגסטע פון די קינדער פלעגט פרעגן די פיר קשיות און דער פאָטער פלעגט אים דאַרפן ענט־פערן. די טיר פלעגט מען עפענען אַז אליהו הנביא זאָל אַריינקומען. די מוטער האָט קוים געקאָנט אויסזיצן ביים ערשטן סדר, אַזוי מיד איז זי געווען פון די צו־גרייטונגען.

חול המועד פלעגן מיידלעך און בחורים פאָרן צו געסט אין אַנדערע שטעטלעך זיך זען מיט פאַמיליע און דערווייל אויסגענוצט די צייט צו זען וועגן אַ שידוך. אַזוי האָבן יידן יאָרהונדערטער געלעבט, געזאָרגט פאַר פרנסה און געווען צופרידן מיט זייער גייסטיק לעבן, אָן דער גרויסער ציוויליזאַציע, אָן ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אָן די עלעקטרישע מכשירים. ביז עס איז געקומען היט־לער ימח שמו און אומגעבראַכט אַלעמען.

די יידן, וואָס האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער און קאָנטינענטן האָבן זיך אַקלימאַטיזירט אין דער סביבה, אָבער פון צייט צו צייט דערמאָנט מען זיך און עס בענקט זיך נאָך יענע צייטן.



צפורה גלאַנץ (חיפה)

די משפחה בינקאָוויטש

באַשריבן פון פייגל בינקאָוויטש,
טאָכטער פון אברהם בינקאָוויטש.

מיין פאָטער אברהם בינקאָוויטש, געבוירן אין פיעסק ביי אָרעמע אָבער באַקאַנטע און אָרנטלעכע עלטערן. אויסער זיין יידישער דערציאונג האָט ער אויך פאַרמאָגט אַן אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט שטודירט אין זיינע יונגע יאָרן אין קיעוו.

אין יאָר 1905 איז ער געווען באַקאַנט אין שטעטל אַלס דער ערשטער רעוואָלוציאָנער אין נאָמען פון „בונד", און די פּאָליציי האָט אים שטענדיק פאַרפאָלגט. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיינע קענטעניש אויפן יורידישן געביט. אַזוי אַרום איז ער אויך געווען באַקאַנט אין שטעטל און אין דער אומגעגנט אַלס גוטער „פּראָשעניע-שרייבער" און גוטער עצה-געבער אין געריכט. עס איז געווען באַוווּסט, אַז ווען אברהם בינקאָוויטש שרייבט אַ פּראָשעניע, מוז מען געווינען דעם ענין. פאַר יעדן אָנגעקלאָגטן פלעגט ער אין זיין פול-געפּאַקטן צימער מיט די רוסישע „זאַקאָנעס" אויסגעפינען דאָס ריכטיקע געזעץ.

איידער מיין פאָטער פלעגט נאָך אויפשטיין פון שלאָף, איז דער הויף געווען פול מיט גויים, יעדער איינער מיט אַ מתנה אין די הענט, כדי צו באַקומען אַ



די מוטער



דער האלער

ראַט. ער האָט ווירקלעך מצליח געווען מיט זיינע עצות.

ער איז אויך געווען באַקאַנט אין שטעטל אַלס אַ נישט רעליגיעזער ייד, דערפאַר האָט מען אים גערופן: אברהמל דער אַפּיקורס. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, זענען אַלע, אָנהויבנדיק פון רביים ביז צו פּשוטע מענטשן, געקומען צו אים, און ער האָט יעדן איינעם וואַרעם און פריינטלעך אויפגענומען.

מיין פאָטער איז געווען קליינגעוויקסיק און שוואַך, און דערצו האָט ער געהוסט. מיין מוטער איז געווען אַ געזונטע פרוי, און זי פלעגט וועלן באַווייזן, אַז זי איז אַן אשת־חיל. זי האָט זיך פאַרנומען מיט האַלטן קי אויף אַרענדע, און מיך פלעגט זי שיקן אַלס קינד מעלקן די קי. מיר זענען געווען 7 קינדער — 3 מיידלעך און 4 יינגלעך.

מיין פאָטער האָט שטענדיק געשטרעבט אַז זיינע קינדער זאָלן נישט בלייבן אין שטעטל, ווו עס איז נישט פאַראַן קיין צוקונפט פאַר די יונגע, און אַ דאַנק אים זענען מיר אַלע זיך צעפאָרן, אַ טייל קיין אַרגענ־טינע, און אַ טייל קיין ארץ־ישראל. דער ערשטער איז געווען מיין ברודער זיידל, וועלכער האָט געעפנט אַ טיר צו ארץ־ישראל פאַר אונדזער שטעטל. צוליב זיין פּרויס קראַנקהייט איז ער אָבער צוריקגעפאָרן, באַזעצט זיך אין זעליוואַן און איז דער ערשטער געפאַלן פון די היטלע־ריסטישע באַמבעס.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז מיין פאָטער געוואָרן שרייבער אין גמינע און סאָלטיס. ער איז געווען דער איינציקער ייד, וועלכן מען האָט צוגעלאָזן צו דער גמינע, און ער איז שטענדיק געווען דער ערשטער צו פאַרטיי־דיקן די יידישע אינטערעסן אין שטעטל.

מיין מוטער איז געשטאָרבן נאָך אַ שווערער קראַנק־הייט אין יאָר 1934. מיין פאָטער, וועלכער איז דאָן גע־בליבן מיט דער יינגסטער שוועסטער, איז גלייך נאָכדעם אַריבערגענומען געוואָרן דורך מיר קיין ארץ־ישראל. ער האָט געלעבט אין לאַנד קנאַפּע 4 יאָר, און איז גע־שטאָרבן אין יאָר 1937.

חיים שבח (אַרגענטינע)

יונה - דער תהילים־זאָגער

שבת בין מנחה למעריב, ווען דער שבת גייט אַוועק און די וואָך דערנענטערט זיך, איז אין שול אין דעם „מויער", די איינציקע געבײדע אין שטעטל געבויט פון ציגל, שטיל און רואיק. עפּעס ווי יעדער פון די מתפּללים איז פאַרנומען מיט ענינים פון חיונה. דער שבת גייט אַוועק און די וואָך קומט אָן מיט אירע דאגות און זאָרגן.

אין דער מזרח־וואַנט רעדט מען וועגן גרויס־פּאָלי־טיק און מסחר. מ׳וויל אָנטאַפּן דעם דופק ווו מען האַלט אין דער וועלט, ווי גייט עס אין די מסחרים, הלוואות און וועקסלען, א שידוכל און גלאַט סתם אין דער וועלט. נאָר אין דער מערב־זייט ווייסן שוין די אָרעמע נעבעך זייער מזל. דאָ קלייבן זיך צונויף די שוסטערלעך, שניי־דערלעך און טשעסאַקעס אַרום יונה דעם תהלים־זאָגער און זאָגן אים נאָך וואָרט ביי וואָרט.

יונה, א קליין יידעלע מיט קליינע אויגעלעך, מיט א קאַלטענעוואַטער און באַוואַקסענער באָרד פון א סך יאָרן און א משונהדיקן קאָליר, האַלט זיינע אויגעלעך פאַרמאַכט און זאָגט דעם תהלים אויף אויסווייניק. למנצח לדוד מזמור, עד אנה ה׳ תשכחני נצח, עד אנה תסתיר את פניך ממני.

ער זאָגט אַזוי גיך, אַז עס איז שווער אים נאָכצו־זאָגן און מ׳קאָן נישט כאַפּן קיין איין וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל. שוין יאָרן, אַז ער האָט די חזקה אויף תהלים־זאָגן. ווי עס ווערט נאָר טונקל אין מויער און די זון זעצט זיך ווייט אין מערב און די לאַנגע שאָטנס נידערן אַראָפּ פון די הויכע פענצטער און וויק־לען איין דעם גאַנצן חלל, זעצט זיך יונה אַוועק הינטער דער בימה און הויבט אָן מיט א מאָנאָטאָנער שטימע צו זאָגן די קאַפּיטלעך תהלים: למה ה׳ תעמוד מרחוק, תעלים לעתות בצרה.

ער זעט קיינעם נישט אַרום זיך און עס אינטערע־סירט אים נישט צי עמעצער זאָגט אים נאָך. ער איז פאַרטאָן מיט אַלע חושים אין זיין תפילה. בעט גאָט אויף א פולער און גוטער וואָך פאַר אַלע יידן, אַז גאָט זאָל נישט פאַרלאָזן, ווייל יונה ווייסט, אַז יידן דאַרפן נעבעך א סך און אַז די אַלע נאָכזאָגערס זענען אָרעמע בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן אויס קוים אויף חיונה און ווען נישט יונה ווער ווייסט פאַר זיי זאָרגן און בעטן צום אויבערשטן.

תקשיב לקול שועי מלכי ואלהי כי אליך אתפלל. ה׳ ידון שפטני ה׳ כצדקי וכתמי עלי. ער איז אַזוי פאַר־טיפט אין זאָגן, אַז ווען דער שמש יאָשקע גיט א פּאַטש אין סטענדער: רבותי, מעריב דאַווענען! — גיט זיך דער תהלים־זאָגער א כאַפּ אויף ווי פון הינער־פּלעט, גיך זאָגט ער אָפּ די לעצטע פסוקים פון תהלים: ה׳ עוז לעמו יתן, ה׳ יברך את עמו בשלום ובפרנסה, שפּייט אויס דריי מאָל און שטעלט זיך דאַווענען מעריב.

חיים שבח (אַרגענטינע)

זאמקע דער משוגענער

יעדעס שטעטל האָט געהאַט זיין משוגענעם, און פּיעסק איז אויך נישט געווען קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען אַ קליין שטעטל, האָבן מיר זיך באַנוגנט מיט אַ האַלבן משוגענעם, דאָס הייסט זעקס מאָנאַטן זומער איז ער געווען משוגע אויפן גאַנצן קאָפּ, און די ווינטערדיקע מאָנאַטן איז ער געווען משוגע אויף אַ האַלבן קאָפּ.

דאָס איז געווען אַ מענטשעלע מיט גאָטס שטראָף און פיל חסרונות, קליין, דאַר, מיט אַ בלייך פּנים און אַ גרויסן קאָפּ, צעדרייטע הענט און האָט צוגעהינקט אויף אַ פוס.

זיין גאַנצער משוגעת איז באַשטאַנען אין אַ שטאַרקער ליבע צו פערד. איז אַ גוישער וואָגן געבליבן שטיין אין מאַרק, און דער בעל־הבית איז אַריין אין אַ געוועלב עפּעס קויפן, זיצט שוין זאַמקע אויפן וואָגן און מאַכט זיך אַ לוסטרייזע איבערן שטעטל, און אַמאָל אויך אויסערן שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז קיין קלעפּ פאַר דעם שטיקל אַרבעט האָט אים נישט געפעלט, נאָר עס האָט אים נישט געאַרט. דאָס איז געווען זיין „האָבי" און גייט טוט אים עפּעס.

אָט געדענקט זיך עפּעס זיינס אַ שטיקל אַרבעט, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל. ביי אונדז אין שטוב האָט געוווינט אַ דייטשער פאַרוואַלטער, וועלכער האָט פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע געהאַקט די וועלדער אַרום פּיעסק און אויך געצויגן סמאָלע פון די בוימער. ער האָט געהאַט צו זיין געברויך אַ בריטשקע מיט אַ פּאָר פערד, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער אונדזער הויז.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ר' זלמן אַראָפּגענומען אין שטעטל די וועש פון אַלע פּלויטן און אויסגעשפּרייט זיי איבער דער גאַנצער לענג פון ברוקירטן הויף, כדי מען זאָל נישט הערן דאָס קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס און האָט אַרויסגעפירט פון שטאַל די צוויי פערד, זיי איינגעשפּאַנט אין דער בריטשקע און זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר, זיך פאַרנומען אויפן שול־הויף און איז פאַרפאָרן צו דער טאַמע. דאָרט האָט ער אויסגעשפּאַנט די פערד, זיי געלאָזט זיך וווילגיין מיט פרישן גראָז, וואָס איז נאָך געווען באַדעקט מיט פרימאָרגן־טוי און קילן וואַסער פון טייך, און ער אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די שטיינער פון דער טאַמע, פאַררויכערט זיין לולקע און האָט גענומען באַטראַכטן די גאַנצע פּאַנאָראַמע אַרום און אַרום.

די פרימאָרגן־שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם וואַסערפאַל פון דער טאַמע און איר צוגעגעבן טויזנטער קאָלירן. אַ סך פישער זענען שוין געקומען אַרויסנעמען די פיש פון די נעצן, וואָס זיי האָבן פאַרצויגן ביינאַכט, און אויף דער צווייטער זייט טייך האָבן שוין די פּאַסטוכער געבראַכט פּאַשען זייערע סטאַדעס בהמות און די פויערים האָבן צונויפגעקליבן די פערד, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף „נאַצלעג" זיך צו פּאַשען און זיך גענומען צוריק צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. און ר' זלמן זיצט זיך אויפן שטיין, באַטראַכט אַלץ אַרום און איז פאַרכישופט פון דער הערלעכער נאַטור און האָט הנאה פון גאָטס וועלטל, קיין שענערס קאָן מען זיך שוין נישט פאַרשטעלן און פאַרגינען.

און דערווייל דאָרטן שטעלט זיך פאָר: דער פאַרוואַלטער איז אויפגעשטאַנען און האָט נישט געטראָפן זיינע סוסים מיט דער בריטשקע, האָט ער געמאַכט אַ ויצעקו, גערופן צו זיך דעם בירגערמייסטער און אים באַפוילן, אַז אין 24 שעה זאָל אים אומגעקערט ווערן דער

היזק, און אַז נישט, וועט ער באַשטראָפן דאָס גאַנצע שטעטל. ווייל וואָס קאָן אַזאַ פּראָסטער בשר־ודם אָפּשאַצן אַ מענטשלעכע נשמה און אַזאַ קליינע און הערלעכע השגה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, דער נישט־דערפאַרענער זאַמקע. הכלל, עס איז געוואָרן אַ רעש און טומל אין שטעטל, מער פעלט נישט קיין צרות. קינד און קייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזן זוכן זאַמקען מיט די פערד.

מען האָט געזוכט אין פעלד, אין וואַלד, אויף די בלאָטעס לענגאויס דעם טייך זעלעוויאַנקע, און קיין שפּיר פון אים.

ערשט אין אָוונט האָט זיך דערהערט פון דערווייטנס דאָס טופּען פון קאָפּיטעס פון פערד, וואָס האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט צום שטוב און דאָס איז געווען ר׳ זלמן בכבודו ובעצמו, וואָס איז אַריינגעפאָרן מיט אַ געפּילדער אין הויף און זיך אָפּגעשטעלט נעבן הויז אַזוי ווי דער גרעסטער פּריץ וואָלט גאָר אָנגעקומען, אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַריינגעפירט אין שטאַל און אונטער אַ דונער פון געשרייען און קלעפּ זיך אָפּגעטראָגן צו זיך אַהיים. און אַזוי האָט דער אָרעמער זאַמקע באַצאָלט מיט בלוט און ווייטיק פאַר אַ טאָג פאַרגעניגן לויט זיין משוגענעם קאָפּ.



קיילע רוסיאנסקי לבית שבח

חיים שבח (אַרגענטינע)

מיין רבי יאַשקע

מיין רבי, איינער פון די ווייניקע מלמדים, וואָס איך געדענק, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט שנעלע באַוועגונגען, אַ ריר־עוודיקער מיט אַ לענגלעך פּנים, הויכן שטערן, ראַזינקע בעקלעך און אַ שיטער בערדל. ער איז געווען מיין גמרא־רבי. דאָס ביסל וואָס איז מיר פאַרבליבן פון תלמוד האָב איך אים צו פאַרדאַנקען. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעג איך נאָך אַ טאָג לערנען און קנעלן ביי מיין רבין אין חדר, קומען צו מיין זיידן ר׳ ישראל אין שטוב לערנען אַ שיעור גמרא אונטער דעם זיידנס השגחה.

שטאַרק דערשעפּנדיק, איז די גמרא פאַר מיר נישט געווען פאַרשטענדלעך. אָפּטמאָל ווען מיין זיידע פלעגט מיך פרעגן אַ שאלה פון דער גמרא, איז ביי מיר נישט געווען קיין אונטערשיד צו זאָגן: פּטור אָדער חייב. די שולד פלעגט דאָך זיין נישט מיינע, נאָר פון מיין רבין יאַשקע, וועלכער פלעגט נישט האָבן קיין ווערטער זיך צו אַנטשולדיקן. דאָס שוואַכע, יונגע קעפּל פון תלמיד האָט נישט געשפּילט קיין ראָל, נאָר דער רבי איז געווען שולדיק — ער קנעלט נישט גוט. איי די שוואַרצע און גרויסע גמרא פון זיידנס ש״ס איז געווען צו שטאַרק פאַר דעם שוואַכן אַכט־יאָריקן קעפּל און די פּרשה פון גטן זיך איז מיר נישט אַריין אין קאָפּ, וועגן דעם האָט קיינער נישט געטראַכט. אשה, איש פלעגט זיך ביי מיר מישן אין קאָפּ, און איך פלעג קיינמאָל נישט פאַרשטיין ווער איז שולדיק — די אשה אָדער דער איש.

מיך האָט אויך גאַנץ ווייניק אינטערעסירט ווער איז דער שולדיקער, און שאָקלענדיק פלעג איך כאַפּן אַ דרעמל. ווען דער זיידע פלעגט אַריינקומען אין אונדזער חדר מיוחד, האָב איך שוין געוווּסט, אַז איך דאַרף זאָגן: פּטור אָדער חייב, און שטענדיק פלעגט אַרויסקומען פאַרקערט.



ר׳ יאַשקע דער מלמד עטל זיין טוכטער אברהם און יעקב

אַזוי פלעגט דורכגיין אַ „זמן" און איך פלעג קיינמאָל נישט דערגיין קיין טאָלק.

פון קנעלן אַליין האָט מיין רבי נישט געהאַט קיין חיונה, איז ער געווען אַ גבאי, און האָט געדאַרפט מטיב זיין מיט די בעלי־בתים פון ביידע צדדים: ראַשער רב און יהושע־בנימין, ווייל ביידע האָבן געהאַט סימפּאַטיקער. איך זע אים לויפנדיק פון איינעם צום צווייטן, שושקען זיך אין אויער, ווידער צו די רבנים און ווידער אויפן באַלעמער, אַ פּאַטש אין עמוד: שטיל זאָל זיין און מ׳גייט צו שמונה־עשרה.

חיים שבח (ארגענטינע)

דער דיבוק

אין זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען אַלץ האָט געדרעמלט אין שאָטן, האָט פּלוצלונג געשטערט די זיסע שטילקייט אַ גערויש פון אַ גוייש פורל, וואָס האָט זיך געטרייסלט איבער די ברעטער פון די בריקן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער דער זעלעוויאַנקע גלייך צום ראַשער רב אין הויף אַריין.

דאָס פערדל איז געבליבן שטיין, פון פורל איז אַראָפּגעשטיגן אַ נידעריקע יידענע אין די פופציקער יאָרן, מיט שווערע שיך און אַ ציצענע קליידל מיט אַ שווערן שאַל איבער די אַקסלען. אַ פּנים פול מיט קנייטשן, מיט אַ פּאָר נעבעכדיקע אויגן, וואָס בעטן רחמנות אויף איר ביטערן מזל.

נאָך איר איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ יונג ייִנגל פון אַ יאָר פופצן, מיט אַ בלייך, לענגלעך פּנים, גלייכער נאָז, אויגן פאַרחלומטע, וואָס זוכן אין די אויבערשטע וועלטן, אַ קוק אַ פאַרנעפּלטער, אַ פאַרטומאַניעטער, נאָר די שוואַרצאַפּלען בליצן פון מאָל צו מאָל, און דערמאָנען, אַז ער איז דאָ.

ביידע, די מאַמע און דער זון, זענען אַרייַנגעפאַלן צום רב און געלאָזט דעם גויישן בעל־עגלה, צלמנדיק און בעטנדיק גאָט פאַר דער אַנשיקעניש. אַ גרופּע שכנים, וואָס האָט זיך באַלד געבילדעט אַרום זיי, האָט זיך גלייך דערוווּסט, אַז דער דיבוק איז דאָ אין שטעטל. לאָדנס און טירן האָבן זיך באַלד פאַרמאַכט, מאַמעס האָבן גערופן די קינדער אין שטוב אַריין, און אויף יונגע מיידלעך האָט געציטערט די הויט. מ'האָט באַלד אָוועקגעלייגט שמרס ליבע־ביכלעך און זיך געניורעט אין דער מאַמעס פאַרטוך, ווו עס איז שוין געלעגן צעשפּרייט דער צאינה וראינה־סידור.

ביים רב אין שטוב — די רביצן איז געווען פאַרנומען אין קיך, און דער רב אין זיין חדר מיוחד געקנייטשט דעם שטערן איבער אַ שווערן פּלפּול פון דער גמרא. אַלע ווילע זיך אויפגעהויבן פון שטול, געגאַנגען איבערן צימער און געצופּט דאָס בערדל, צוגעגאַנגען צום שראַנק ספרים, אַרייַנגעקוקט אין אַ ספר, געזוכט אַן ענטפער ביי רש״י, ביי תוספות, און פּלוצלונג — „ראַטעווע רבי, ווויי און ווינד איז מיר, אַן אומגליק איז מיר געשען, זאָל דאָס קיין איין יידישע מאַמע נישט טרעפן!״ אין איר איינציק קינד, דאָס אויג אין קאָפּ, איז אַ דיבוך אַריין. וואָס טוט מען און וואָס מאַכט מען? זי איז שוין געווען ביי אַ סך רבנים, און גלייך אַרויסגענומען בריוו פון איין רב צום צווייטן, וועלכע בעטן, אַז מען זאָל טון וואָס ס'איז מעגלעך פאַר דעם אָרעמען ייִנגל.

דער רב האָט זיך געגעבן באַלד אַ צי אויס אין זיין גאַנצער גרויס, אָנגענומען אַ שטעל פון אַ גיבור, אַ קוק געטון שאַרף אויפן ייִנגל און אויף דער מאַמען, אויף דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון סלאָנימער רב צו אים. ער האָט אים געבעטן, אַז נאָכדעם ווי ער מיט זיין ווייניקייט האָט נישט געקאָנט אַרויסטרייבן דעם דיבוק, וואָס האָט זיך אַרייַנגעקליבן אין דעם נפש, זאָל ער מיט זיין זכות און גרויסן וויסן, און אין זכות פון זיין גאַנצער משפּחה רבנים, וואָס האָבן אַ לעבן געשווומען אין ים פון תורה און תלמוד, אָנגורטן זיינע לענדן און זיך שטעלן קעגן דעם שטן און ראַטעווען אַ יידיש ייִנגל פון רוח־רעה. ער בעט אים, אַז ער זאָל פאַרטרייבן דעם דיבוק אין אַ וויסטן מדבר, ווייט פון אַ יידישן ישוב.

דער רבי האָט אָוועקגעלייגט דעם בריוו, נאָכגעקוקט די געציקלטע אונטערשריפט פון סלאָנימער רב, אַרייַנגעטון די פינגער אין זיין שיטערער באָרד און אָנ־

גענומען אַן ערנסטע און רואיקע פּאָזע. געהייסן אַריינ־קומען דעם שמש, און אים פאַראָרדנט, אַז ער זאָל די מאַמע מיטן זון אַפּפירן אין חסידישן שטיבל, צוגרייטן זיי אַ געלעגער צום איבערנעכטיקן. דאַן זאָל ער רופן אַ מנין פון די חשובסטע יידן און שענסטע בעלי־בתים פון שטעטל, ווי למשל ר׳ ישראל שבח, זיינע זין אברהם און אליעזר, וויינשטיין פּאָטער און זון, ר׳ יוסף וואַלאַך, דעם רבין לייבע־בער און נאָך אייניקע, אויף מאָרגן צען אַזייגער אין דער פרי אין דער חסידאָרניע, צוגרייטן די טהרה, שוואַרצע ליכט און אַ שוואַרצן צודעק, צען ספרי־תורה מיט אַלע קרוינען, דעם פּנקס פון ישוב פּיעסק, קיטלען, תפילין און טליתים, נאָכקוקן די כשרות פון די ציצית און מזוזות, דעם ש״ס גמרא, זען אַז עס זאָל נישט פעלן קיין איין שויב אין די פענצטער, פאַר־מאַכן דעם קוימען און פאַרשטאָפּן אַלע שפּאַרעס. זען אַז מחוץ די אַלע אויסגערעכנטע מענטשן פון מנין, זאָל מער קיינער זיך נישט געפינען, נישט אינעווייניק און נישט מחוץ דעם חסידים־שטיבל.

דער שמש האָט אַלץ אויסגעהערט מיט אַ ציטערדיק האַרץ, איז אַרויס פון רבין מיט ציטערדיקע שריט, און נאָך אים די אומגליקלעכע מאַמע מיטן זון.

אויף מאָרגן 10 אַזייגער. דאָס שטעטל האָט אויס־געזען שבתדיק, רואיק און שטיל, די געשעפטן פאַר־מאַכט, שער און אייזן האָט גערוט אין וואַרשטאַט, ביים עולם זענען די נערוון געווען געשפּאַנט, אַלץ האָט גע־וואַרט אויף עפּעס אומגלויבלעכעס. די לופט איז געווען פול מיט טויזנטער מעשיות פון נסים ונפלאות, פון שדים, רוחות כלערליי און שוואַרצע טייוולאָנים.

אין חסידים־שטיבל האָט זיך שוין פאַרזאַמלט דער אויסגעווײלטער מנין, אָנגעטון אין די ווייסע קיטלען, טליתים און תפילין. דער רב מיטן רבין האָבן זיך גע־שושקעט אין דער שטיל, די מאַמע און זון זענען געזעסן שטיל אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ביים ייִנגל אויפן גע־זיכט — קיין שפּור פון אַנגסט און נערוועזיטעט, אַזוי נאַטירלעך און רואיק, געלאַכט ווי גאָרנישט דאַרף פּאַסירן.

דער רב איז מיטאַמאָל צוגעגאַנגען צום ייִנגל און זיך אָנגערופן: „ווי הייסטו?״ „יצחק״. „דיין טאַטע?״ „אברהם״. „ביסטו געגאַנגען אין חדר? טו אָן די תפילין און שטעל זיך דאַווענען״. דאָס ייִנגל האָט געפאָלגט דעם רבינס באַפעל, אָנגעטון די תפילין אויפן קאָפּ און געלייגט די תפילין אויף דער לינקער האַנט. אין דער צייט וואָס ער האָט געוויקלט די רצועות, האָט זיך מיט־אַמאָל זיין פּנים פאַרקרומט, דער קוק פאַרלאָפן מיט בלוט, זיין נעזל פאַריסן, די האָר צעשויבערט, און אַ שטימע האָט זיך אָפּגערופן פון זיין אויפגעעפנט מויל: „וואָס ווילט איר פון מיר, איך טשעפּע קיינעם נישט, דאָ איז מיר גוט און דאָ האָב איך אויסגעקליבן מיין מנוחה״.

„יצחק בן אברהם, איך באַפעל דיר אין נאָמען פון דער גאַנצער עדה יידן, וואָס רינגלען דיך אַרום, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין פון דעם ייִנגל און לאָזן זיין נשמה צו רו. ביים אַרויסגיין זאָלסטו אים נישט צעשטערן קיין אבר פון זיין קערפּער!״ „איך וויל נישט און איך וועל נישט״, איז געווען זיין ענטפער. האָט דער רבי באַפוילן אָנצוקזעצן דאָס ייִנגל אויף דער טהרה, אָנצינדן די שוואַרצע ליכט און געהייסן דעם מנין מענטשן זאָגן תהלים.

„רבי!״ האָט זיך דערהערט מיט אַמאָל די שטימע פון דיבוק. „איך גיי אַרויס״ און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש מיט דעם דיבוק, דורך וואַנען ער זאָל אַרויס און ווי אַזוי. דער רב האָט פאַרלאַנגט, אַז דער דיבוק זאָל אַרויס דורך דעם קליינעם פינגער פון ייִנגלס פוס, דורך אַ שויב, וואָס דער רבי האָט אָנגעצייכנט, און אַוועקגיין ווייט, ווייט אין דעם מדבר, און דער דיבוק האָט געוואָלט אַרויסגיין דורכן האַלדז און אַריינגיין אין אַ בתולה פון דער זעלבער עלטער.

דערווייל אין מיטן דינגעניש רוקט זיך די מאַמע אַרויס פון שטיבל און מיט אַ געדריקט געמיט געגאַנגען בעטן נדבות פון שטוב צו שטוב און אויסוויינען איר ביטערע לאַגע. דאָס דינגעניש צווישן רבין און דיבוק גייט דערווייל אָן, אויך דאָס גויישע פערדל האָט זיך דערווייל רואיק געגעסן האָבער פון זיין טאָרבע, און דער גוי — אַ פרישׂ געביילט ברויט מיט אַ הערינג און אַ קוואַרט בראַנפן, זיך געווישט די לאַנגע וואָנסעס און געדולדיק געוואַרט אויף אַ ווונק פון דער יידענע צו פאָרן ווייטער אין אַ צווייט שטעטל מיט דעם זעלבן נוסח.

אין חסידים־שטיבל טוט זיך חושך. עס איז שוין

בין־השמשות, די לופט געדיכט פון די ברענענדיקע ליכט, דער ארון־קודש אויפגעפראלט און די געדיכטע פינצטערניש האט ארויסגעקוקט פון אינעווייניק. די צוויי לייבן, וואס קוקן אראפ פון דער פרוכת מיט די אויסגעשטרעקטע צונגען האבן געווארפן א פחד אויף אלעמען, און ארום די שטענדערס האבן זיך געשאקלט געשטאלטן איינגעוויקלט אין טליתים און קיטלען לאנג ביז דער ערד. די עדה יידן מיט דעם רב אין מיטן האבן געשוויצט פון דעם הייסן זומערדיקן און אנגעשטרענגטן טאג. די ספרי־תורות אויף די הענט. אויף דער בימה איז געווען צעשפרייט די עלטסטע ספר־תורה, וואס איז געראטעוועט געווארן פון א פאגראם אין שטעטל, אויפגעמישט ביי דער פרשה פון דער תוכחה.

דער ייִנגל־דיבוק איז מער געלעגן ווי געזעסן, פשוט פון מידקייט, אויף דער טהרה־ברעט, צוגעדעקט מיט דעם שווארצן סאמעטענעם צודעק און די שווארצע ליכט צאנקען. דער רב סטראשעט דעם דיבוק, אז ער גייט אים אריינלייגן אין חרם און וועט אים אין נאמען פון שם־המפורש אוועקשיקן צו אלע בייזע רוחות, ווו עס רוען אלע שדים און נישט־גוטע, און באלד באפוילן מיט א שטארקן טאן, אז מ׳זאל לייענען די פרשה תוכחה און דער בעל־תוקע זאל בלאזן שופר.

„רבי, איך גיי, — אין חרם נישט, געבוג געווען פארלאזט און פארשאלטן ביי אלעמען אין מיין לעבן, און איצט נאך דעם טויט אין חרם נישט". און דאן האט ער אנגעהויבן דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע.

דאס איז געווען א פראטעסט, א שטארקער קעגן דער געזעלשאפט, און האט אנגעהויבן זיך אראפרעדן פון הארצן. ער האט נישט געהאט קיין קינדהייט, נישט קיין יוגנט, קיין טאטע און מאמע, קיין ליבשאפט און צערטלעכקייט פון קיינעם. זינט ער געדענקט, שטענדיק זיך געפונען אין הקדש פון א קליין שטעטלע אין ליטע, שטענדיק איינגעוויקלט אין שמוציקע שמאטעס און טראנטעס, געגעסן די צוגעווארפענע שיריים פון ארעמע לייט, וואס האבן געוווינט צוזאמען מיט אים אין הקדש.

„זייערע געשפרעכן זענען מיר נישט געווען פארשטענדלעך און דאך בין איך געווען איינער פון זיי, ווייל זיי האבן מיך נישט באליידיקט און נישט פארטריבן. ביי די שטאטישע בעלי־בתים האב איך נישט געהאט קיין אנדערן נאמען ווי כניאק און קיינער האט מיט מיר נישט געהאט קיין מגע און מתן. אזוי האב איך זיך געהאדעוועט און גרויס געווארן. איך האב זיך קיינמאל נישט געקעמט, נישט געהאט קיין שפיגעלע, נאר אין די שויפענצטער פון די געשעפטן, ווו עס איז געווען אויסגעשפרייט פון אלדאס גוטס, פלעג איך באטראכטן מיין שאטן. דאס איז געווען נישט קיין מענטש, נאר א שאטן, עפעס א גלגול, וואס די געזעלשאפט האט געשאפן און ארויסגעווארפן אויפן מיסט־קאסטן. זיי האבן אליין געשאפן א גולם אן כאראקטער און אן ווילן, א גארנישט, מיט אייןווארט — אן איבעריקע זאך אויף דער וועלט. אין מיליטער־דינסט האט מיר פאניע־גנב געגעבן דאס רעכט פון א סאלדאט, אויסגעפוצט אין א נייעם שינעל מיט שליפעס אויף די אקסלען, אויסגעבאדן ריין, מיט א שפיגעלע און קעמעלע און געלט אין קעשענע. האב איך אנגעהויבן צו פארשטיין, פארוואס די געזעלשאפט האט מיך געבראכט אויף דער וועלט: צו זיין א סאלדאט און ווייטער פאלגן וואס די געזעלשאפט פאדערט פון מיר, זיין דיסציפלינירט און אויספילן וואס מען הייסט מיר. ארויסגייענדיק פון דינסט האב איך געשווירן אפצוצאלן דעם שטעטעלע פאר אלץ גוטס, וואס זי האט געטון מיט מיר און געווארן דער שטעטלדיקער מוסר. זאל די געזעלשאפט, די טייערע בעלי־בתים, ליידן א ביסל פון דעם, וואס זי האט באשאפן. ווו נאר א מסירהלע, א רכילות, צו שטערן שלום־בית, צו שטערן א שידוך, דארט בין איך געווען. פאליטיק, אנטיסעמיטיזם, שווארצע מאה — אלץ איז פאר מיר געווען א געשעפט, און דאן פלעג איך שטיין אן א זייט און הנאה האבן ווי דאס שטעטעלע באדט זיך אין אייגענעם שמוץ. מ׳האט מיר געביטן דעם נאמען כניאק אויף מוסר און מיך אויסגעמיטן ווי א קרעציקן. אט אזוי האב איך אפגעלעבט מיין ארעם לעבן, נישט פאר גאט און נישט פאר לייט, ביז אין א שיינעם טאג האב איך אויפגעהערט צו עקזיסטירן. נישט באוויינט און נישט באקלאגט פון קיינעם האט מען מיך באגראבן הינטערן פארקאן פון בית־עולם, אן א שטיין און אן א מצבה, נישט ווייט פון הקדש. קיינער האט נאך מיר קיין קדיש נישט געזאגט, מיין חברה ארעמע באסיאקן האבן קיין גרויסע ארבעט מיט מיר נישט געהאט. דאס זאמד

אויף מיין קבר האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעגלייכט און דאָס בערגל איז פאַרלוירן געגאַנגען. אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען איך האָב אַזוי באַטראַכט די שוואַרצע און ווייסע מצבות, וואָס זענען געשטאַנען אין שורות מיט גאָלדענע אותיות אויסגעקריצט אויף זיי, אונטער דעם שאָטן פון גרויסע בוימער: „אַ גביר, אַ גדול הדור, אַ גביר, וואָס האָט געטון אַ סך פאַר ווילטעטיקע צוועקן״, בין איך אַ פאַרשעמטער פון מענטשלעכער געפאַלנקייט און חנופה, צוריקגעגאַנגען צו מיין אָרעמען קבר, פראָטעסטירנדיק טיף אין האַרצן פאַר די לעבעדיקע און טויטע. איך האָב שוין אָבער מיין קבר נישט געפונען. דער קבר איז געווען גלייך מיט דער ערד, און נישט ווילנדיק האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ צווייטן קבר. האָב איך מיך צוריקגעקערט צו דער אָרעמער געזעלשאַפט אין פאָרם פון אַ דיבוק, פון אַ גלגול פון דעם וואָס זיי אַליין האָבן באַשאַפן. אָט דאָס פופצן־יאָריקע בחורל, וואָס ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, וואָס רירט נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט, האָב איך אויסגעקליבן צו פראָטעסטירן הויך פאַר אַלעמען. צונויפגעקליבן די גאַנצע כלי־קודש פון שטעטל, מענטשן מיט גרויע קעפ, גראָבע בייכער, גבירים און דעה־זאָגער, מענטשן מיט אַ וואָרט אין שטעטל און אַ שטרענגן זאָג, שטייען אַזוי נעבעכדיק קעגנאיבער מיר, קעגנאיבער מיין שטענדיקן פראָטעסט קעגן דער געזעלשאַפט זינט די וועלט שטייט, וואָס קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם וואָס זי אַליין האָט באַשאַפן״.

און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל האָט דער דיבוק פאַרלאָזן דאָס חסידים־שטיבל.



דער וועד פון פון פיעיקער לאנדסמאנשאפט אין ארגענטע

יצחק דיכטער

אונדזער שטאָלצע מאַמע
חיה־לאה לעווין ז״ל

חיה־לאה לעווין ז״ל איז געשטאָרבן אין אַ גוטן, טיפֿן און בכבודיקן עלטער ביי זיך אין שטוב. אַרום איר אַלע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

זי האָט איר גאַנץ לעבן געטראָגן הילף פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. אין אירע בריוו, וועלכע זי פלעגט



חיה לאה לעווין

שרייבן מיט אַ ציטערנדיקער האַנטשריפט, פלעגט זי אויסדריקן אַזוי פיל חכמה און ליבע, נישט נאָר פאַר קרובים, נאָר פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט.

נאָך איר פטירה האָט זיך אין ישראל צונויפגעקליבן איר גאַנצע משפחה אין דער סלאָנימער ישיבה אין רמת־גן, וועלכע זי האָט אונטערשטיצט מיט אַ פולער האַנט, ווי אויך הרב אברהם יוגל, הרב מאַרקאָוויטש און מע־רערע אנשי־תורה, כדי מתפלל צו זיין פאַר איר נשמה און דערציילן וועגן אירע מעשים־טובים.

מיר גלויבן דאָך, אַז אין יעדן דור, סיי אין דור פון צדיקים, סיי אין דור פון רשעים, זענען פאַראַן ל״ו צדיקים נסתרים. דאָס זענען נישט קיין רבנים, נישט קיין גאונים, נאָר פשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן געטון בלויז גוטס. איך בין זיכער, אַז חיה־לאה לעווין איז געווען איינע פון די ל״ו. זי און ענלעכע צו איר האָבן געהאַט דאָס האַרץ אָפן פאַר יעדער בקשה, אויסגעהאַלטן תלמוד־תורהס, אונטער־שטיצט ישיבות, געגעבן עסן טעג ישיבה־בחורים. זי און מאַמעס ענלעכע צו איר האָבן געהאַט שטענדיק איין קליינעם פסוק: „דאָס ביסעלע וואָס דו פאַרמאָגסט, טייל זיך מיט דעם מיטן צווייטן״.

איר טאָכטער שרה האָט דערציילט: ווען אונדזער פאָטער איז אַוועק קיין אַמעריקע, זענען מיר געבליבן זעקס קינדער און אַן עלטער־זיידע. די קינדער קליין און אומבאַהאָלפן. די לאַגע איז געווען זייער שווער.



אלטער און חיה־לאה לעווין

אַבער פרייטיק, ווען מיר האָבן אָפּגעבאַקן עפּעס לכבוד שבת, האָט אונדזער מוטער אָפּגענומען אַ טייל, צוגעדעקט מיט אַ ריינער סערוועטקע און געזאָגט: „גיי, מיין קינד, ברענג עס דער מומע דינקע אויף שבת".

זי האָט אויך דערציילט, אַז ווען איר מוטער איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט האָט זי איר געזאָגט: „נעם, מיין קינד, די 20 דאָלאַר און טראָג אַוועק דער פרוי זעלדע אין מושב־זקנים". „מאַמע", האָט די טאָכטער געענטפערט, „די פרוי לעבט אין מושב־זקנים און האָט אַלץ וואָס זי באַדאַרף". „זיי וויסן, מיין קינד", ענטפערט די מוטער, „אַז אַ לעבעדיקער מענטש נויטיקט זיך שטענדיק אין אַ פּאָר סענט. אפשר וויל זי געבן אַ נדבה, אפשר וויל זי עמעצן העלפן מיט אַ פּאָר דאָלאַר". זי איז שוין דאַן אַלט געווען 90 יאָר.

אין 1958 האָט זי געמאַכט אַ באַזוך אין ישראל צום חג העשור פון דער מדינה. ווען זי איז אַרויס פון עראָפּלאַן איז געווען 2 ביינאַכט און זי איז געווען שטאַרק דערשיטערט. טראָץ דעם האָט זי נישט פאַרגעסן אויפצוהויבן די אויגן צום הימל און מאַכן אַ שהחיינו. איר געשטאַלט האָט אויסגעדריקט פרייד פון גאולה. זי האָט עטוואָס געמורמלט און אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט ווי זי וואָלט גערעדט מיט משיחן.

אויף יעדן טריט אויף דער ישראל־ערד האָט זי געפילט גאולה. ווען מיר פלעגן זיך דערמאָנען אָן עמעצן פון פּיעסק און אַ לאַך געטון, פלעגט זי זאָגן: „קינדערלעך, אַ שאָד די צייט. דערציילט בעסער פון ישראל".

זי איז געווען שטאַרק פרום. זי איז אָפּגעווען 50 יאָר אין אַמעריקע, געלעבט צווישן קריסטן און זייערע מנהגים. אויף איר האָט דאָס נישט געווירקט. זי איז געגאַנגען איר אייגענעם וועג, אָפּגעהיט שבתים און יום־טובים ווי אין דער אַלטער היים אין פּיעסק. די אמונה האָט זי איבערגעגעבן אירע קינדער.

דאָ אין לאַנד האָט זי באַזוכט ישיבות, בתי־יתומים, אומעטום געלאָזן אַ שפּענדע מיט אַ ברכה. אין בית־הכנסת אין קרית־חיים האָט זי געלאָזן אַ סעריע סידורים.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון צוריקפאָרן אַהיים, האָט זי אונדז צונויפגערופן, זיך אויפגעשטעלט און אויפגעהויבן די הענט צום הימל. „מיינע קינדערלעך, היינט איז מקויים געוואָרן די תפילה, וואָס איך פלעג יעדן טאָג דאַווענען 'ותחזינה עינינו בשובך לציון'. מיטן חיות פון הייליקן לאַנד וועל איך ציען יאָרן לאַנג". זי האָט אויסגעצויגן אירע דאַרע הענט און געבענטשט יעדן באַזונדער.

די גאַנצע צייט איז מיר נאָכגעגאַנגען יענע תפילה און איר געשטאַלט. אירע מצוות זענען געווען מאַיעסטעטיש, זי האָט אַלץ געמאַכט אין אַ מלוכהשן פאַר־



מאַט. נאָכן אָנקומען קיין אַמעריקע האָט זי אָרגאַניזירט די פּיעסקער לאַנדסמאַנשאַפט, געזאַמלט געלט און אויסגעבויט אַ שול אויפן נאָמען פון צדיק מפּיעסק ר׳ לייב־בער. איר מאַן ר׳ אלתר איז געווען גבאי פון דער שול ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אין אירע לעצטע יאָרן האָט זי געזאָרגט מען זאָל פאַרקויפן די שול, ווייל זי איז שוין געשטאַנען ליידיק און דאָס געלט האָט זי איבערגעשיקט צו אונדז, כדי מען זאָל פאַראייביקן ר׳ לייב־בערן אין ישראל. ווער עס וועט אַריינגיין אין שול אין קרית־חיים, וועט זען דעם גרויסן שיש אויפן וואַנט, געווידמעט ר׳ לייב־בערן.

אויך מיר פּערזענלעך האָט זי געהאָלפן אָן אַ שיעור, ווען איך בין געקומען אין לאַנד נאָך דער מלחמה. און יעדער בריוו אירער האָט אונדז געבראַכט האָפענונג, שמחה און טרייסט.

זי האָט שטאָלץ געלעבט, שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען ייד, שטאָלץ געפירט איר פאַמיליע־לעבן און מיט דעם שטאָלצן אויסדרוק אויף איר פּנים האָט זי איר לעבן פאַרענדיקט.

זי איז אַוועק פון דער וועלט זאַט אין יאָרן און זאַט אין גוטע מעשים, און האָט געלאָזן נאָך זיך אַ סך וועלכע וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן.



הינדע בינקאָוויטש (וויינער)

נעבן מיין פאַטערס מצבה

ווען איך האָב דערזען נאָך דרייסיק יאָר דעם קאַלטן שטיין און אויף אים אויסגעקריצט דעם נאָמען **אברהם בינקאָוויטש בן שלמה**, האָבן מיינע ליפּן אָנגעהויבן קושן דעם הייליקן שטיין. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט מיך מיין פאַנטאַזיע אָוועקגעפירט אין דער ווייטער פאַרגאַנ־גענהייט, אין אונדזער שטעטעלע פּיעסק.

מיין פאָטער האָט ווי אַ נביא געזען די צוקונפט פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פּאָליאַקן האָבן באַרויבט די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע רעכט. די „פּראַשע־ניעס", וואָס מיין פאָטער פלעגט שרייבן זיין גאַנץ לעבן צו די פאַרשידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, פלעגן אַמאָל ווערן אָנגענומען מיט גרויס רעספּעקט. פלוצלונג, אַז מען פלעגט דערזען זיין האַנטשריפט, האָט מען אַלע זיינע ביטעס אָפּגעוואָרפן. ווען די קלאַנגען וועגן דעם זענען דערגאַנגען צו די פויערים, וואָס זענען געוווינט צו קומען צו אים פרעגן ביי אים אַן עצה, בעטן הילף און ברענגען אים מתנות, האָבן זיי אויפגעהערט צו קומען.

אין דעם מאָמענט האָט מיין פאָטער געזאָגט צו די קינדער: „קינדערלעך, פאָרט אַלע אין דער וועלט אַריין ווו איינעמס האַרץ ציט. איך וועל אייך העלפן מיט מיינע לעצטע כוחות. פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זי איז פאַר אייך אַ קבר". ווען היטלער וואָלט נישט אויפגעשטאַנען, וואָלטן די פּאָליאַקן במילא געשאָפן זייער אייגענעם היטלער.

דעם קבר פון אונדזער מוטער און ברידער קאָנען מיר נישט באַזוכן, ווייל זיי ליגן אין דער זינדיקער ערד פון פּיעסק.

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען ווי אַ קדיש פאַר אונדזערע קדושים.

חיים שבח (קעמברידזש, מאס.)

יצחק שבח ז״ל

מיין קוזין האָט געהייסן יצחק שבח, איך פלעג אים אָבער רופן ר׳ לוי־יצחק מבערדיטשעוו, ווייל ער האָט מיטגעפילט יעדן איינעם און געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אומגליקלעכער שעה, ווייל זיין מוטער איז געשטאָרבן אין דער צייט פון זיין געבורט און ער האָט זיך געפילט זיין גאַנץ לעבן שולדיק אין איר טויט. אַלס 14־יאָריק יינגל איז ער אוועק, און נישט פון נחת, קיין אַמעריקע.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק צו ווייטע קרובים, האָבן זיי גענומען טראַכטן וואָס טוט מען מיט אים? האָט מען געמאַכט אַן אסיפה פון לאַנדסלייט און מען האָט באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך ער זאָל נעמען אַ שיף און פאָרן צוריק.

ער האָט אויסגעפונען אַן עלטערע מומע, אסתר סאַקאַלסקי מיט איר מאַן און פאַמיליע. דאָס איז געווען אַ מאַסטער ייִד, ר׳ משה־לייב סאָקאָלסקי, וועלכער האָט געוווינט אין לאָוועל מאַס. ער איז אוועקגעפאָרן צו זיי, אַריין אַרבעטן אין אַ טעקסטיל־פאַבריק, אָפּגעאַרבעט אַרום אַ יאָר צווישן גויים אַנטיסעמיטן, געטון יעדע עבודת־פרך, געליטן און געשוויגן. מיט אַמאָל האָט ער גענומען בלוטיקן. אַ דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיינע לונגען זענען אָנגעגריפן און אַז ער מוז גלייך פאַרלאָזן די אַרבעט. וואָס טוט מען איצט? מען האָט אים געגעבן אַ קאָשיק און געהייסן גיין איבער די הייזער פאַרקויפן נאָדלען, קעמעלעך, פאָדים וכדומה.

ער איז אַזוי געגאַנגען אַ פּאָר טעג, פאַרדינט אויף דאָס נויטיקסטע, האָט אים אַ פּאָליסמאַן אַרעסטירט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין דערלויבעניש. צוליב זיין יונגן עלטער האָט מען אים באַפרייט, אָבער געהייסן אַרויסנעמען אַ „לייסנס״. ווו נעמט מען אָבער 27 דאָלאַר? איז ער אַוועק צו אַ לאַנדסמאַן און אַ שטיקל קרוב, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט. ער איז דאָרט געבליבן שטיין ביי דער טיר. „וואָס ווילסטו?״ פרעגט אים דער קרוב. האָט ער אים דערציילט די געשיכטע און אים געבעטן מיט געוויין אים צו באָרגן די נויטיקע סומע. „קום מאָרגן״, ענטפערט ער אים, „אַרום צוויי אַזייגער״.

יצחק איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפן, זיך קוים דערוואַרט אויף דער באַשטימטער צייט, און געקומען אין געשעפט. דאַן איז צוגעגאַנגען צו אים דער ייִד און אים געזאָגט בזה הלשון: „וואָס איך האָב דיר נעכטן געזאָגט איז אַ נעכטיקער טאָג״. ס׳איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער איז אוועק אַהיים.

גוטע מענטשן האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און מען האָט אים געליען די סומע. ער האָט ווייטער גענומען פעדלען און געהאַט גרויס דערפאָלג. ער האָט אָלעמען אָפּגעצאָלט כפל־כפלים. ער האָט אויסגעהאַלטן זיין ברודער אייזיק מיט זיין פאַמיליע. זיין שוועסטער קיילע האָט אים געבעטן פאַר איר טויט ער זאָל זיין אַ פאָטער צו איר זון דעם יתום. ער האָט איר צוואה אויסגעפילט בשלימות.


ער האָט קיינמאָל נישט געהייראַט, ער האָט געלעבט פאַר יענעם. ער איז געווען אַ מיטגליד אין אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, פאַרנומען דעם העכסטן ראַנג ביי די פריי־מויערער. אין שניי און קעלטן פלעגט ער באַזוכן קראַנקע, און ווער פון זיי ס׳האָט זיך געגויטיקט אין שטיצע, פלעגט ער דאָס אונטערלייגן אונטערן קישן.

ער האָט געהאַפּט אויפצוגעבן זיין מסחר, כדי צו


האָבן מער צייט און זיך אָפּגעבן מער צו צרכי־ציבור. לײדער האָט אים געכאַפּט אין אירע נעגל די געפּער־לעכע קראַנקהייט און נאָך לאַנגע ליידן איז ער גע־שטאָרבן צו יונג און איבערגעלאָזן אַ פאַרמעגן דער משפּחה.

מיר האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן, באַזונדערס מיין פרוי, אין דער גאַנצער צייט פון זיין קראַנקהייט. ער האָט מיך געבעטן אויפצוהיטן זיין יאָרצייט, און מיר טוען דאָס בשלמות.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.



יונגעלייט פון פיעסק



עוזר שבח (אַרגענטינע)

ר׳ משה־יודל – דער דאָרף־שניידער

אַז משה־יודל דער דאָרף־שניידער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ ווינטערדיקן זונטיק־פרימאָרגן, האָט ער נישט געוווּסט, אַז עס איז אַ מזלדיקער טאָג פאַר אים, ער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז עס איז צוגעגרייט פאַר אים אַ מתנה פון הימל, ער האָט וועגן דעם אַפילו קיינמאָל נישט געחלומט. ווי דער שטייגער איז, האָט ער אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, גיך איינגעפּאַקט זיינע שניידערישע מכשירים, געזאָגט אַ גוט־מאָרגן זיין יידענע און אַוועקגעגאַנגען.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קאַלטער, דער פראָסט האָט געביסן די אויערן און נאָז, דער שניי איז געווען ווייך אונטער די פיס, ווייל קיין סטעזשקע איז נאָך נישט געווען. ווען ער איז געקומען צום זאַרעטש־ברונעם, איז ער געבליבן שטיין און זיך מיישב געווען ווו פאַרנעמט מען זיך. רעכטס איז געווען דער וועג קיין באַלאַוויטש און לינקס צום דאָרף טורי. קיין סך צייט איז נישט געווען צו פאַרלירן, ווייל די פיס האָבן אָנגעהויבן פרירן, האָט ער מער נישט געקלערט און ביי קיינעם נישט געפרעגט און זיך אַוועקגעלאָזט צום באַלאַוויטשער הויף. און אָט שפּאַנט משה־יודל אונטער דעם שווערן פּאַק פעלכלעך און הויבט אָן דאַווענען און ברומען אונטער דער נאָז. דער שניי סקריפּעט אונטער די שטיוול און דער פראָסט איז וואָס אַמאָל שטאַרקער, די פעלדער ליגן אונטער אַ ווייסן ליילעך און דער וועג איז פאַרשאָטן מיט בערגלעך שניי און עס איז שווער צו גיין — ממש אַ סכנה, און די משא דריקט וואָס אַמאָל שווערער אויפן קאַרק.

עס איז אַ שווערע פּרנסה פון אַ דאָרף־שניידער, אַ גאַנצע וואָך ווייט פון דער היים, ווייב און קינדער. מ׳וואַלגערט זיך אין גוישע הייזער, מ׳קומט אָפּ מיט הערינג און אַ שטיקל ברויט און מ׳שלאָפט אויף אַ טאָפּטשאַן פול מיט וואַנצן. אָפּגעמוטשעט זיך אַ גאַנצע וואָך, כדי ברענגען אַהיים אויף שבת אַ פּאָר גילדן אָדער שוה־כסף, אַ ביסל אַרבעס, בעבלעך און קאַרטאָפל. די טעכטער אָן עין־הרע וואַקסן, די עלטסטע חנה, אַ שיינהייט, אַ באַחנטע, זי האָט שוין אַ חתן, אַ ווילער בחור, און ביידע ווילן פאָרן אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל. איז נישטאָ קיין געלט אויף שיפס־קאַרטן. און ווי לאָזט מען קינדער פאָרן אָן אַ קלייד און אויסשטייער. מ׳דאַרף שיקן קינדער אין חדר, מ׳דאַרף רבי־געלט, שיך, אַ חומש, אַ תנ״ך און נאָך ספרים. גאָט אַליין ווייסט פון וואַנען מען נעמט אויף דאָס אַלץ.

אָט אַזוי האָט משה־יודל געדאַוונט און געבעטן גאָט ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אים און צושיקן אַ גוטן קונה, אַז ער זאָל אים נישט פאַרשעמען פאַר לייטן און אַז ער זאָל קאָנען באַווייזן דאָס אַלץ פאַר זיין הויזגעזינד און פאַרלייכטערן זיינע דאגות פּרנסה.

אַ בילן פון הינט האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות, ווען ער איז שוין אַריין אין באַלאַוויטשער הויף. „פּאַשאָל וואָן!" האָט ער אָנגעהויבן שרייען צו די הינט. אַ גליק וואָס די פּאַראָבקעס האָבן דערהערט און פאַרטריבן די הינט און משה־יודל איז אַריין אינעווייניק אין דער כאַלופּע און זיך קוים געקאָנט דערוואַרעמען און קומען אַ ביסל צו זיך.

ער האָט דערהערט אַ קול: „זשידעק מוישע, קום אַרויס, דער פּריץ רופט דיר!" אוי אַ בראָך, קלערט ביי זיך משה־יודל, געוויס וויל ער מיך אַרויסטרייבן פון הויף, און אָנשיקן אויף מיר די הינט. „קום גיכער, משה, דער פּריץ רופט!" מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אַן אומרואיק געמיט האָט זיך משה־יודל אויפגעהויבן פון בענקל

און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ איז ער אַרויס פון דעם גוישן הויז און איז געגאַנגען צום פּריצישן פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען אין וועלדל צווישן סאָסנאָווע בוימער, באַדעקט מיט שניי. פון פּאַלאַץ האָבן אַרויסגעקוקט פענצטער באַהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען און באַלויכטן מיט קריסטאַלענע בליך־לאָמפּן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ רייכטום, אַזאַ פּראַכט. דער וועכטער האָט אים אַריינגעפירט אין פאָדערהויז און געהייסן וואַרטן.

עס האָט נישט געדויערט קיין פערטל שעה און דער פּריץ איז אַריינגעקומען. אַ הויכער מאַנספּאַרשוין מיט לאַנגע שחיציקע וואָנצן, אַ ברוינע באָרד פאַרקאַמט אויף צוויי זייטן, אַ הויכער שטערן און בייזע אויגן. „זשידעק", האָט ער זיך אָנגערופן צו משה־יודלען, „האָסט ביי זיך עפּעס געלט? איך שפּיל דאָ מיט פריינד אין קאָרטן און עס פעלט מיר געלט צו קאָנען ווייטער שפּילן". „יאָ, פּאַניע, אַ ביסל האָב איך, און אויב דער פּאַן דאַרף מער, גיי איך שוין אַהיים קריגן געלט און וועל דיר באַלד ברענגען". „אויב אַזוי, איז גוט, גיי און זאָג אברהם שבח דעם מילנער, וואָס האָקט ביי מיר אין וואַלד, אַז ער זאָל דיר פאַר דעם געלט, וואָס דו גיסט מיר, באַצאָלן מיט בוימער". משה־יודל האָט באַהאַד אַרויסגענומען דעם בייטל, אָפּגעגעבן דעם פּריץ, אים נאָך אַ קוש געגעבן אין האַנט און גלייך נעלם געוואָרן.

„ר' אברהם", איז ער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין הויז, „עס האָט מיט מיר פּאַסירט עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס טוט מען?" קודם־כל נאָ דיר טויזנט רובל און פיר אָוועק דעם פּריץ, דאָ שטייט מיין שליטן, מאַך עס שנעלער, אַז ער זאָל נישט חרטה האָבן און בעט גאָט ער זאָל פאַרשפּילן וואָס מער, און דערנאָך וועלן מיר שוין זען וואָס מיר האָבן צו טון".

ר' משה יודל איז געוואָרן אַ וואַלד־סוחר. ר' אברהם שבח האָט אים אַרויפגעפירט אין וואַלד אויף אַ וועג, געוויזן אים וואָס הייסט אַ בוים און אַז פון אַ בוים 15 מעטער די הויך גייען אַרויס אַזוי פיל שפּאָלן און אַזוי פיל ברעטער.

נאָך אַ יאָר האַקן וואַלד גיט ער אַמאָל אַ זאָג אין בית־מדרש, אַז ער איז קליגער פון גאָט. דעם יום־כיפור איז דער ראשער רב געשטאַנען אַ ביסל לענגער ביי שמונה־עשרה. עס איז נעבעך געווען וואָס צו בעטן ביי גאָט: עס זענען געווען מלחמות, פּאָגראָמען און נאָך צרות אויף יידן. איז ער געשטאַנען און געבעטן ביים רבונו־של־עולם פאַר זיין עדה יידן אַ גוט יאָר און האָט פאַרגעסן, אַז ביי ר' יודל אין שטוב איז שוין דאָ פון אַלדאָס גוטס און אַז ר' יודלען ציט אין האַרצן און אַז ער קאָן זיך נישט דערוואַרטן, אַז דער רב זאָל ענדיקן שמונה־עשרה. און ר' משה־יודל האָט אַ געשריי געטון, אַז אויף איין מענטשן דאַרפן אַלע נישט וואַרטן.

דער רב האָט געענדיקט שמונה־עשרה. ר' אברהם שבח איז צוגעגאַנגען צו משה־יודלען און האָט אים געזאָגט: „גיי שוין, משה־יודל, און בעט מחילה ביים רב, אַז נישט וועלן פאַלן די פּרייזן און דו וועסט האָבן אַ שוואַרץ יאָר". ר' משה־יודל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, איז צוגעגאַנגען צום רב און געזאָגט: „רבי, איך בעט ביי אייך מחילה". „זון מיינער", האָט דער רב געענטפערט, „מחילה בעט מען פאַר יום־כיפור און נישט נאָך יום־כיפור. דו האָסט נאָך צייט אַ גאַנץ יאָר צו וואַרטן".

און ר' משה־יודל דער וואַלד־סוחר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צונויפגעלייגט דעם טלית און מיט אַ צעבראָכן געמיט איז ער אַוועק אַהיים.

חיים שבח (אַרגענטינע)

דער באַגרעבער פון שטעטעלע

מיין קליין שטעטעלע פּיעסק. קליין און פּרימיטיוו. נישטאָ קיין אַספאַלטירטע גאַסן, קיין עלקטריע, קיין טעאַטערס. קיין מוזייען. עס לעבן מענטשן אין אַ שטעטל, ווייט פון אַ שאָסיי און פון אַ באַן־סטאַציע, ווייט פון וועלט־נייעס און פון גרויסשטאָטישן טומל, אַרומגערינגלט פון דעם טייך זעלעוויאַנקע, וועמענס קריסטאַלענע וואַסערן קושן זיינע ברעגעס, וואָס ציען זיך פוןביידע זייטן, באַוואַקסן מיט אַ טעפּיך פון גרינעם גראָז.

פעלד און וואַלד, קליינע נידעריקע הייזער מיט דעכער פון שינדלען און שטרוי, מיט קליינע פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צו דער גאַס. אין דער וואָך טומלט זיך אַרום די בתי־מדרשים, און אין די שבתדיקע טעג פאַרברענגט די יוגנט נעבן די גאַניקעס אין די פראַנטן פון די הייזקעס, אָדער מ׳גייט שפּאַצירן אין די אַרומיקע וועלדער, וואָס רינגלען אַרום דאָס שטעטעלע פון אַלע זייטן.

אויסער אַ פּאָר גבירים, לעבט דאָס שטעטעלע אין אַ גרויער אַרעמקייט, נאָר אויף צו דערהאַלטן די נשמה. אַ ביסל גרינס און פּרוכט און אַ ביסל קאַרטאָפל, וואָס מען קויפט ביי די גויים פון די אַרומיקע דערפער.

די קינדער שפּילן זיך אין זאַמד אין צעריסענע מלבושים און צעדרייטע שיכלעך, אויך די עלטערע פון זיי — אין אַלטע אָפּגענוצטע בגדים. אַפילו די מיידלעך — אין לייכטע ציצענע ביליקע קליידלעך. דאָך איז עס געווען אַ הערלעך, שיין און פריילעך שטעטל. יעדער איינער האָט געהאַט אַ ביינאָמען, וואָס איז אים געבליבן פון דור־דורות. און דאָס איז געווען זיין ריכטיקער אַדרעס, ווייל קיין סך גאַסן און נומערן אויף די הייזער זענען דאָך נישט געווען.

די באָד פון שטעטל איז געשטאַנען ביי דעם טייך זעלעוויאַנקע אַ גאַנצע וואָך ליידיק, נאָר ערב־שבת פלעגט זי הייצן לייזער־איטשע דער באַגרעבער. דאָס איז געווען זיין קאָנצעסיע פון אַ סך יאָרן. דאָס איז געווען אַ מאָדערנע טערקישע באָד מיט אַלע איינריכטונגען. אין אַ ווינקל פלעגן ברענען שטיינער און מ׳פלעגט גיסן אויף זיי וואַסער און די פּאַרע פלעגט דערגיין ביזן סופיט. עס זענען אויך געווען טרעפּ און יעדעס טרעפּל האָט געהאַט זיין גראַד היץ. וואָס העכער, אַלץ שטאַרקער.

אויך די ווייבער האָבן געהאַט אַן אייגענע באַקוועמע מקוה מיט אַ טוקערקע, וואָס פלעגט געבן עצות יונגע ווייבלעך באַלד נאָך דער חתונה.

ר׳ איטשע, אַ ייד אַ הויכער אַ דאַרער מיט אַ קודלעוואַטער באָרד, אויגן גוטע און וואַרעמע, האָט נישט געהאַט קיין חיונה פון ביידע קאָנצעסיעס אַלס בעדער און באַגרעבער, איז ער נאָך דערצו געווען אַ שמש אין איינעם פון די פינף בתי־מדרשים. איך זע אים נאָך שטענדיק ווי ער פלעגט גיין מיטן לאַנגן שטעקן אַראָפּנעמען אַ מאָס פון בר־מינן. זומער איז נאָך זיין פּרנסה געווען צו דערליידן, נאָר ווינטער גראָבן אַ קבר אין דער האַרט־פאַרפרוירענער ערד איז אים אָנגעקומען אַ ביסעדע שווער, נאָר וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פּרנסה. לייזער־איטשע איז געווען אַ שוואַכער קענער פון די קליינע אותיות און האָט נישט געוווסט ווען מ׳דאַרף און ווען מ׳דאַרף נישט אַ פּאַטש טון אויף דער בימה. חברה פלעגן אים שיקן אַ פּאַטש טון אין מיטן שמונה־עשרה אָדער אין מיטן לייענען און אים אויסשטעלן אויף חוזק.

אָט פון אַזאַ שטעטעלע, וואָס האָט געלעבט מער פון רוחניות ווי פון גשמיות, אָט פון דעם עמק־הבכא, האָבן זיך געשאַפן קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, אין צפון־אַמעריקע און אין ישראל. ווען איך בין געווען אין ישראל

אויף דער ערשטער זיצונג אין דער ווינונג פון יהודה באראווסקי און איך האָב זיך געטראָפן מיט דער פיעס־קער משפחה, וועלכע איך האָב כמעט נישט געקענט און נישט געדענקט נאָך 40 יאָר, האָב איך געהערט די שטימע פון פיעסק.

אין חנה דיכטער, וועלכע לערנט מיט די קינדער אין ישראל וועגן די פיעסקער קינדערלעך, וועלכע זע־נען אומגעקומען פון אכזריותדיקע הענט, האָב איך גע־זען אונדזער פיעסקער לערערקע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז יעדע שול אין ישראל דאַרף האָבן אַ נאָמען נאָך אַן אומגעקומען שטעטעלע, כדי די קינדער זאָלן וויסן פון וואַנען זיי שטאַמען און פון וואַנען עס זענען אַנטלאָפן זייערע עלטערן. איך האָב דאַן פאַרשטאַנען די ווערטער פון אונדזער נביא, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דעם עמק־הבכא און געזאָגט: „די טרוקענע ביינער וועל איך צוגעבן פלייש און איך וועל אין זיי אַריינבלאָזן אַ גייסט און זיי וועלן אויפשטיין תחית־המתים און וועלן גיין אין לאַנד פון אונדזערע אבות״.

שמואל־דוד לעווין (ניו־יאָרק)

שווערע קינדער־יאָרן

אײנע פון מײנע שטאַרקסטע איבערלעבענישן איז געשען אין אַ שטילן אָוונט פרײטיק־צו־נאַכט. געשען איז עס אין מײַן געבורט־שטעטעלע פּיעסק.

אויף אַ בערגל בײם ברעג טײך איז געשטאַנען אונדזער שטיבעלע. געווען איז זי געבויט אײנפאַך און קלײן. צוויי צימערן פול מיט בעטן, ווײל אונדזער משפּחה האָט געצײלט זיבן פּערזאָן. אין קיך זענען געהאַנגען אויסגעפּוצטע מעשענע פאַנען. אַ גרויסער אויוון. אין דעם אויוון פלעגט מײן מוטער קאָכן און באַקן ברויט און חלות אויף שבת און יום־טוב.

איך האָב שטאַרק ליב געהאַט אונדזער שטיבעלע מיטן טײך. פרילינג־צײט פלעגט דער טײך זיך צעגיסן און אָפּט שרעקן — אָט־אָט וועט דאָס וואַסער פאַרפלײצן דעם באַרג און אַרײנדרינגען אינעווייניק ממש אין שטוב אַרײן. אָבער דאָס וואַסער פלעגט גלײך אָפּציען, ווערן נידעריקער און מער נישט שרעקן. דאַקעגן זומער האָב איך זיך געשפּילט אין רײנעם וואַסער, אויך זיך געבאָדן און געפּרוווט כאַפּן פישעלעך. דער טײך איז מיר געווען ליב און נאָענט צוליב נאָך אײן סיבה. מײן פאָטער איז געווען אַ וואַסער־מענטש. זײן פירמע פלעגט טרײבן האָלץ ווײט צום ניעמאַן און דאַן מיטן שטראָם ביז דאַנציג.

אַזוי האָט געפלאָכטן אונדזער לעבן צוזאַמען מיטן טײך. איך האָב אָבער נישט געוווסט, אַז דער שטילער טײך וועט אונדז באַשיצן און מיך אַרויסראַטעווען פון טויט.

דאָס אומגליק

אין אַזאַ שטילן פרײטיק־צו־נאַכט איז געשען דאָס אומגליק. מײַן פאָטער האָט זיך אומגעקערט מיד און פאַרקילט פון לעבן אַזוי פיל וואָכן אויפן וואַסער. די מוטער און די עלטערע קינדער זענען שטאַרק מיד געווען פון אַ שווערער וואָך אַרבעט און אַלע האָבן זיך געלײגט אָפּרוען. שפּעט בײנאַכט האָבן אונדז פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון שלאָף שטאַרקע קולות: ראַטעוועט זיך, אײער שטוב ברענט! אין אײניקע מינוטן זענען מיר אַלע געווען אין פלאַמען: דאָס הויז, די מענטשן און דאָס ביסעלע פאַרמעגן. אין דעם פאַל האָט אונדז געראַטעוועט דער טײך.

די פײערלעשער זענען גלײך געקומען און דאָס נאָענטע וואַסער האָט געפלאָסן צו שטילן די פלאַמען. גוטע מענטשן האָבן אונדז געהאָלפן אַרויסראַטעווען אַלץ פון שטוב. ווען אַלע האָבן זיך באַרואיקט, האָט מײן מוטער דערפילט אַז איך פעל. זי האָט נאָר אַ געשריי געטון: שמואלקע איז אין די פלאַמען! און זיך געלאָזט פליען אין פײער אַרײן. די פײערלעשער האָבן זיך מיט איר געראַנגלט, נישט געלאָזט גײן אין געפאַר, אָבער זי איז שוין געווען אין די פלאַמען און מיך געזוכט. אין אַ ווינקעלע בײם גרויסן אויוון האָט זי מיך געפונען זיצן. מײן קינד! האָט זי אַ געשריי געטון, מיך געכאַפּט אין אירע אָרעמס, מיך געטוליעט צו איר קערפּער, כדי אַזוי אַרום מיך צו באַשיצן פון די פלאַמען. אַזוי בין איך ניצול געוואָרן פון אַזאַ גרויזאַמען טויט.

ביז הײנט קלינגען מיר אירע תפילות אין די אויערן. גלײך האָט זי אַ נדר געטון: פאַסטן אַ טאָג. מיט דעם וועט זי אָפּדאַנקען גאָט אין הימל פאַרן גרויסן נס, וואָס ער האָט מיט איר געטון.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט בײ אַ שכן. עס איז דאָך שבת, און חלילה אים מחלל זײן. דעם גאַנצן שבת האָט דאָס שטעטעלע געברויזט. אַלע האָבן

געוווסט ווער עס האָט אונטערגעצונדן, מען האָט אויך געוווסט פאַרוואָס. מיין פאָטער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין משפחה און איז אַוועק קיין אַמעריקע. ער האָט אונדז אַלעמען איבערגעלאָזן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן געלט און אָן פּרנסה. דעם פאַרברעכער האָט ער נישט פאַרגעסן. די ערשטע פינף דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אַריינגעשיקט צום פאַרברעכער און אים צוגעשריבן: „דאָס איז דער פּריז, וואָס איך שיק דיר פאַר דיין אונטערצינדן מיין שטוב. איך לעב דאָ אין אַמעריקע. אין דער פרעמדער וועלט וועל איך שלאָפן רואיקער ווי דאָרט אין מיין היים צוזאַמען מיט דיר".

אָן דעם פאָטער

מיר האָבן געפונען אַ צייטווייליקע דירה ביי אונדזער מומע שרה־רחל און אַלע זעקס פּערזאָן פון אונדזער משפחה האָבן געלעבט אין איין צימער. אַלץ האָב איך פאַרגעסן, אָבער נישט די טרערן פון מיין מוטער. איר קאָפּ האָט געזאָרגט פאַר אַלעמען. פאַרן פאָטער, וועלכער איז אַוועק איבער ימען אָן אַ גראָשן און אָן אַ פאַך. זי האָט געזאָרגט ווי אַזוי וועט זי אונדז אַלעמען דערנערן. נאָר אַדאַנק איר פלייסיקייט ענערגיע און שטאַלץ האָט זי געפונען די געהעריקע מיטלען אונדז צו דערנערן.

איך בין דאַן אַלט געווען זעקס יאָר. מיך האָט זי געשיקט אין חדר צום בעסטן מלמד. ער האָט געהאַט זיין חדר אין אַן אַלטן בית־מדרש. אַרום אַ לאַנגן טיש זענען מיר געזעסן, זיך געשאָקלט און געחזרט נאָכן רבי׳ן די פּסוקים פון חומש. דער חדר איז געווען נאָענט צו אונדזער שטוב. אָפט פלעג איך זיך אַרויסגנבענען אויף אַ פּאָר מינוט און פלינק לויפן צו מיין מאַמען אין שטוב אַריין.

מיין מאַמע האָט געבאַקן געבעקס צום פאַרקויפן און אַזוי אַרום פאַרדינט ברויט פאַר אירע קינדער. אונדזער שטוב איז שטענדיק געווען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון פריש געבעקס. אָט דער ריח האָט געצויגן און דערקוויקט דאָס האַרץ. ווען איך פלעג אַריינשפּרינגען אין שטוב, פלעגט מיין מאַמע מיך אויפנעמען אַזוי האַרציק, אַ גלעט טון איבערן קעפּעלע און זאָגן: נאַ, מיין קינד, און האָט אָנגעפילט מיין הענטעלע מיט פריש געבעקס, און פלעגט צוגעבן: עס און פלי צוריק אין חדר אַריין. לערנען מוז מען און קענען איז גוט. איך בין שנעל צוריקגעלאָפן, זיך צוריקגעזעצט און געזונגען מיט אַלעמען דעם פּסוק. אָבער מיין קול איז געווען שטאַרקער ווי פריער, און טאַקע געזונגען מיט מער חשק. דער מאַמעס בולקעלע האָט דעם כוח געשאַפן.

עס איז געקומען דער ווינטער. די טעג זענען אַזוי קורץ און די אָוונטן פינצטער און לאַנג. איין מאָל איז דער רבי אַוועק דאַווענען און מיר קינדער האָבן געכאַפּט אַ שפּיל צווישן זיך. אונדזער אַממייסטן באַליבטער שפּיל איז געווען באַהעלטעניש. איך און נאָך עטלעכע ייִנגלעך האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די טישן, וואָס זענען געשטאַנען איינער אויפן צווייטן אָן אַ זייט. פּלוצלונג — ט־ר־ר־ר־אַ־ך, און אַלע טישן זענען איינגעפאַלן און האָבן אונדז באַדעקט. די קינדער האָבן געמאַכט אַ גוואַלד. על־פּי נס איז דאָרט אין דער צייט פאַרבייגעגאַנגען אַ ייד, ער האָט אָנגעהויבן אַרויסציען איין קינד נאָכן אַנדערן, צו מיר איז געווען אוממעגלעך צוצוקומען. ווען מען האָט מיך שוין יאָ אַרויסגעצויגן, בין איך געווען אָן באַוווסטזיין, און אַלע פינגער פון מיין לינקער האַנט האָבן נאָכגעהאָנגען.

וואָס טוט מען איצט ? קיין דאָקטאָר איז אין שטעטל נישטאָ. פאַרן אין אַ גרויסער שטאָט ? ווו נעמט מען אַזוי פיל געלט ? און עס איז דאָך אַזוי ווייט. מען איז אַוועק צו סומאַשקע דעם פעלדשער, אַ זייער ווילער און אָנגענעמער גוי. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר, און רואיק, קאַלטבלוטיק און מיט געדולד האָט ער גענומען מיינע פינגער. ער האָט זיי צונויפגעשטעלט לאַנגזאַם, שטיקעלע צו ברעקעלע. איך האָב געשריגן פון ווייטיק, ער האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט.

טויט פון פעטער

דער ווינטער פון יאָר 1913 איז געווען זייער אַ שווערער. אין דרויסן האָבן געבושעוועט שווערע פרעסט און שנייען. אַלץ האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטיבעלעך און זיך געוואַרעמט אַרום די אויוונס. פּלוצלונג פּראַלט זיך אויף ביי אונדז די טיר און עמעצער שרייט אויס: „עס איז געשען אַ גרויס אומגליק! אייער ברו־

דער פּייווע דער שנײדער איז געהרגעט געוואָרן!״ אַלע פון דער משפּחה האָבן זיך געלאָזט לויפן אַהין, צו דער גאַס זאַרעץ.

די ידיעה האָט געטראָפן מיין מוטער זייער שווער. דאָס איז איר איינציקער ברודער, איר שטאָלץ און טרייסט אין אירע שווערע צייטן. מיט זיין טויט איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס לעצטע ליכט פון איר אַלטער היים. דאָס אומגליק איז גרויס. די לאַגע פון זיין פאַמיליע איז שרעקלעך. די עלטסטע איז קוים 11 יאָר אַלט. ווער וועט זיי העלפן, און ווי אַזוי? קיין זיידע, קיין באָבע, קיין ברודער, נאָר מיין מוטער. שווער געווען אויסצוהערן די טענות פון מיין מוטער צום רבונו־של־עולם. אַלע האָבן געוויינט: קרובים, פריינד, שכנים, אַלע יידן און גויים, דאָס גאַנצע שטעטל.

מיין מוטער האָט גלייך גענומען זוכן אַן אויסוועג. מען האָט באַשלאָסן עפענען אַ געוועלב אין שטוב. מען האָט אויסגעלערנט די 11־יאָריקע חיהלע צו פירן. זייער פיל האָבן געהאָלפן ביים פירן דאָס געשעפט אונדזערע קרובים באַרער. עס איז אַוועק אַ יאָר. די קינדערלעך זענען אונטערגעוואַקסן און אַלע האָבן געהאָלפן ציען די חיונה.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1914 מיט דער גרויזאַמער בשורה: דער אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די האַרמאַטן פאַרהילכן און וואַרפן אַן אַן אימה. ענדלעך האָט זיך געשטעלט דער פראָנט. די דייטשן זענען אָנגעקומען פון דרום און די צאַרישע אַרמיי האָט זיך אויסגעשטעלט אין צפון פון שטעטל. פּחד און געוויינען האָבן געהערשט אין יעדן הויז. מיין מוטער האָט געשיקט אונדז, די עלטערע קינדער, ברענגען אונדזער מומע מיט די יתומים צו אונדז.

מיר האָבן דאַן געוווינט ביי אונדזער זיידן קאַפּל. ער איז געווען אַלט, בייז און קראַנק. ער איז געווען זייער שוואַך און איז געלעגן אין בעט. דאָס שטיבעלע איז געווען קליין און ענג. אין איין צימערל איז ער געלעגן און אין צווייטן האָבן מיר אַלע געלעבט. איצט האָבן מיר געבראַכט צו אונדז נאָך אַ פאַמיליע. מען האָט אָבער נישט געפילט די ענגשאַפט. איך געדענק מיינע קוזינעס אַלס שטילע און ליבע קינדערלעך. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, כדי נישט צו באַשווערן.

אין געפאַר פון פּאָגראָמען

אין שכנות מיט אונדז האָבן געלעבט שטאַרקע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין וואַלד. איך פלעג שטענדיק קוקן אויף זיי מיט פּחד. איצט האָבן זיי אַלעמען געראַטעוועט. זיי האָבן צוגעגרייט אַקאָפּעס און גענומען אונדז אַלעמען אַהין. די אַקאָפּע איז געווען ענג און שטיקנדיק און איז געווען פאַרזאָרגט מיט אַ טיר. נעבן איר זענען געשטאַנען די יידן מיט העק אין די הענט. אויך אַהער זענען אָנגעקומען קאָזאַקן מיט אַ געוואַלד: גיב געלט! זיי האָבן געוואָלט ראַבעווען און שעכטן, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע ערטער. ווען זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן די יידן מיט נישט קיין ליידיקע הענט, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

אויפּצומאָרגנס זענען אַריין די דייטשן. עס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט. די קוילן זענען געפלויגן איבער די קעפּ ווי אַ האָגל פון הימל. סוף־סוף האָט מען דערלעבט דאָס ליכט. די דייטשן זענען געווען העפלעך, אַפילו געגעבן די קינדער קאַווע און עסן. אָבער די צרות האָבן זיך איצט אָנגעהויבן פון דאָס ניי. די הייזער זענען געווען צעראַבעוועט און פּוסט. מיר האָבן געהאָלפן מיין מומען מיט די קינדערלעך אָנקומען צו זיי אַהיים. דאָ האָבן מיר געטראָפן ממש אַ חורבן. די שטוב אָן טירן און אָן פענצטער. מיר האָבן זיך געלאָזט אויף די פעלדער זוכן דאָס אַלץ ווייל די זעלנער האָבן עס גענומען, כדי צו באַפעסטיקן די אַקאָפּעס.

נאָך־מלחמה יאָרן

די שווערע יאָרן נאָכן קריג האָבן געבראַכט מיט זיך שמוץ, הונגער, קראַנקהייטן און טויט. מענטשן זענען געלעגן אויף טיפוס, פּאָקן אָדער גאָר כאָליערע. איין עפּידעמיע האָט געיאָגט די צווייטע. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. ווידער האָבן אונדזערע משפּחות אָפּגעשפּילט מיט גליק. מיר זענען אַרויס גאַנץ פון די אַלע צרות.

דאָס יאָר 1919 האָט געבראַכט מיט זיך גרויסע ענדערונגען. אונדזער געגנט איז איבערגעגאַנגען צו די

פאַליאַקן. גלייך האָבן זיי באַוויזן זייער שנאה צו די ייִדן. פאַר אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון צער און בענקשאַפט. מיין מוטער האָט באַשלאָסן אַוועק־צושיקן דעם עלטערן ברודער קיין אַמעריקע נישט לע־גאַל. ער האָט געדאַרפט גנבענען די גרענעץ קיין ליטע, פון דאָרט קיין ריגע, און דאַן קיין אַמעריקע.

אין אַ פינצטערער נאַכט האָט מיין ברודער פאַר־לאָזן די היים. דעם עיקר־וועג האָט ער דורכגעמאַכט צו פוס. אַזוי איז ער אָנגעקומען ביז דעם פּאָרט. זינט ער איז אַרויס פון שטוב, האָט מען נישט געהאַט קיין ידיעה פון אים. ער טאָר אויך נישט שרייבן ביז ער וועט קומען אויפן פּלאַץ. די שטוב איז פול מיט דאגות, פּחד און שרעק. ערשט אין אַ לאַנגער צייט אַרום האָבן מיר באַקומען די גוטע בשורה: ער איז אָנגעקומען בשלום אויפן פּלאַץ. ווידער טרערן מיט פרייד געמישט צוזאַ־מען. איך בין דאַן אַלט געווען 12 יאָר.

מיר פאָרן צום פאָטער

ווידער זענען אַריבער צוויי יאָר. ענדלעך האָבן מיר באַקומען פּאַפּירן, כדי צו פאָרן אַהין צום פאָטער, ברו־דער און דער עלסטער שוועסטער ביילע, וועלכע איז שוין געווען דאָרט. מיר האָבן זיך געגרייט אין אַ וועג אַריין. ווידער פרייד מיט טרערן. ווי אַזוי קאָנען מיר איבערלאָזן אונדזער מומען מיט די יתומים? יעדן טאָג בין איך אַהין געגאַנגען.

דער טאָג פון פאָרן איז געקומען. מיר האָבן מיט־



א יזכור־אוונט פון פּיעסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין חיפה, יאהר 1969

גענומען מיט זיך אין וואָגן די קינדערלעך, זאָלן זיי כאַטש מיטפאָרן מיט אונדז אַ ביסעלע. נעבן סטרובני־צער וואַלד האָט דער בעל־עגלה זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אַרונטערגענומען די קינדערלעך. די מוטער האָט לאַנג געקושט יעדע איינע פון זיי. דאָס געוויין איז געווען הילכיק און שטאַרק. דאַן האָט מיין מוטער אַלע־מען אַרומגענומען און געזאָגט: „קינדערלעך, מיין ברו־דערס יתומים, איך וועל זאָרגן פאַר אייך ביז איר וועט אויסוואַקסן און זיין מענטשן פאַר זיך". מיין מוטער האָט איר צוזאָג דערפילט אין אלע צייטן. זי האָט זיי געשטיצט ביז זיי זענען געוואָרן זעלבשטענדיק.

דער וועג קיין אַמעריקע איז געווען לאַנג און שווער. עס זענען מיטגעפאָרן מיט אונדז עטלעכע יונגע מיידלעך, וועלכע מיין מוטער האָט גענומען אונטער איר השגחה. זי האָט אַלעמען דערפירט בשלום אויפן פּלאַץ. מיטן קומען קיין אַמעריקע האָבן זיך געענדיקט מיינע שווערע קינדער־יאָרן.

דער זייגער שלאָגט 1 ביינאַכט. אַמעריקאַנער גאַסן וועקן זיך צו דער אַרבעט. אויך איך מוז באַלד זיך גרייטן צו מיין אַרבעט. אָבער איך בין וואַך, און אויך נישט מיד. איך לעב ווידער איבער מיינע יונגע יאָרן פון יענעם שיינעם שטעטעלע פּיעסק.

אָבער איבער אַלע בילדער זע איך מיין מוטער שוועבן. אירע איינפאַלן און ענערגיע, אירע קלוגע עצות אין שווערע שעהן, איר שטאַרקן כאַראַקטער, וועלכער האָט אַלע ווענט געבראָכן און אַלץ דערגרייכט. זי האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן שווערן וועג פון איר לעבן אַדאַנק איר טיפן גלויבן אין גאָט. שטענדיק האָט זי געדענקט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע, אַרעמע, אלמנות און יתומים. מיר האָבן אָפּגעצאָלט אונדזער מוטער, זי אָפּגעהיט און געלאָזט איר לעבן פריי און אין שפע. זי האָט אויך געמאַכט אַ רייזע קיין ישראל, ווו זי האָט געזען איר ברודערס קינדער.

נישט ווייניקער פון אונדז, די קינדער, האָט אָפּגע־היט מיין מוטער מיין פרוי גיטל. זי האָט זיך מיט איר אָפּגעגעבן, איינגעאָרדנט פאַר איר די רייזע קיין ישראל און זי באַגלייט אויף דעם לאַנגן וועג. אויך ביי די צו־גרייטונגען צום פּיעסקער בוך האָט זי פיל געהאָלפן, אויך ביים זאַמלען געלט. זינט זי איז אַריין אין דער משפחה, איז זי געטריי דעם שטעטעלע פּיעסק און ליבט עס אַזוי ווי מיר.

מיין מוטער האָט אַלץ דערלעבט, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, נחת און כבוד פון קינדער און לייט. אין אַ טיפער עלטער איז זי אַוועק אין איר אייביקער רו.

חיים לעוו (באסטאן)

די גוטע עצה פון מיין טאטן

זומער 1939. איך לעב צוזאַמען מיט מיינע עלטערן אין פּיעסק. דאָס שטעטעלע איז ווי אַלע יאָרן איינגעהילט אין סעדער און גרינס, אָבער אַרום איז פּוסט. אַלע זענען זיך צעפאָרן, און איך בין פאַרבליבן כמעט איינער אַליין פון אונדזער יוגנט. איך טרייסט זיך מיט דער האָפענונג אויף אָוועקצופאָרן פון דאַנען.

אין שטוב איז אומעט און צער. מיין עלטערער ברודער לייזער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און ער לעבט אויך מיט אונדז אין איין שטוב מיט זיינע צוויי קליינע יתומהלעך. די פּאָליטישע לאַגע איז גרויזאַם. היטלערס רעדעס אין ראַדיאָ פאַרהילכן אויערן און דאָס האַרץ. אַלץ איז געשפּאַנט. אַרום שמעקט מיט געפאַר. יעדע מינוט דערוואַרט מען עס זאָל אויסברעכן אַ קריג. מענטשן גייען אַרום ווי שאָטנס, צעשראָקן און הילפלאָז.

אין איינעם פון די אָוונטן איז דערשינען ביי אונדז אין שטוב אַן אַלטער גוטער פריינד פון מיין פאָטער. ער האָט אים דערציילט אַ סוד, אַז נאָענט פון אונדזער שטעטל איז פאַראַן אַ טוריסטקע פון אַמעריקע, וועלכע וויל חתונה האָבן און גלייך פאָרן אַהיים.

מיין פאָטער איז געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאָג. ער האָט גערעדט צו מיר רואיק, שטיל אויף זיין שטייגער. געשמועסט נישט לאַנג. ער זאָגט צו מיר: „מיין קינד, פאָלג וואָס איך הייס דיר. ראַטעווע זיך! האָב חתונה מיט דער טוריסטין. איך ווייס, מיין קינד, עס איז שווער זיך צו פאַרבינדן מיט אַ מענטשן, וועלכן מען קען נישט פון נעכטן, אָבער עס שלאָגט די לעצטע שעה. נעם אָן מיין עצה און בלייב לעבן".

שווערע שעהן האָב איך דורכגעלעבט. יאָ און ניין האָבן געפּייניקט אָן אַ סוף. איך האָב באַשלאָסן פאָלגן מיין פאָטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר חופה געשטעלט. נעבן אונדז איז געשטאַנען מיין מאַמע. זי האָט אויסגעזען אַלט און פאַרצווייפלט. איר שווייגן איז געווען פּיינלעך. איך ווייס ווי אַזוי מיין מאַמע האָט געהאַפט צו פּראַווען מיין חתונה. איצט איז איר פאַרבליבן נאָר צער און טרערן. איך האָב אויסגעהערט אַלע ברכות, אַלץ אַרום איז געווען פרעמד און קאַלט. מיר האָבן געמוזט גלייך אַוועקפאָרן. שווער געווען זיך צו געזעגענען מיט אַלץ, מיט דער שטוב ווו איך האָב אַזוי פיל געגאַסן, מיט דעם גאַנעק דעם הויכן, אויף וועלכן איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו זיצן אין די זומער־פאַרנאַכטן.

איך האָב זיך שנעל געזעגנט מיט עטלעכע פריינד, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין שטעטל. אַלץ האָט געוויינט. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן מיך באַגלייט. מיר איז געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה. געבליבן נאָך אַן אָטעם־פּויזע. אָבער ווען איך האָב גענומען אויף מיינע הענט רחלען, דאָס עלטסטע קינד פון מיין ברודער לייזער, בין איך צעבראָכן געוואָרן. איך האָב זי באַדעקט מיט קושן און טרערן. דאָס קינד איז אַלט געווען זיבן יאָר. זי איז געווען שיין געוואַקסן, שוואַרצע לאָקן האָבן באַדעקט איר ווייס שטערנדל. זי האָט גערעדט עברית און זי האָט אויסגעשריגן צו מיר: „דוד חיים, קח אותי עמך!" מען האָט זי אַרונטערגענומען פון מיינע הענט. איצט איז צוגעלאָפן די צווייטע, קליין און ליכטיק ווי די זון. אַזוי האָב איך געקושט יעדע איינע לאַנג, געזאָגט „שלום" און צום לעצטן מאָל צוגעמאַכט די טיר פון מיין היים.

אויפן וועג האָב איך זיך צוגעטוליעט צו מיין מוטער. איך האָב אַזוי געוואָלט דאָס מאָל רעדן, דערציילן און איר דאַנקען פאַר דעם וואָס זי האָט מיך געשיקט אין ווילנע לערנען, פאַר די גרויסע און גוטע פּאַקעטן, וואָס זי פלעגט מיר שיקן יעדע וואָך, פאַר דער גוטער און באַקוועמער דירה, אין וועלכער איך האָב געוווינט, פאַר

די וואָרעמע און שיינע זאַכן, וואָס זי האָט מיר געמאַכט און געקויפט. אָבער מיר שווייגן בײדע, און דאָס שווייגן ווערט וואָס אַמאָל טיפער און שטומער.

פון דער צווייטער זייט זיצט מיין פאָטער, אַרטשיק דבורהס — אַזוי האָט מען אים גערופן אין שטעטל. ער האָט געבראָכן דאָס שטילשווייגן. „מיין קינד״ — זאָגט ער — „זיי גליקלעך. באַהאַנדל אַלץ רואיק, באַטראַכט פיל מאָל איידער דו גייסט עפּעס באַשליסן. די וועלט איז גרויס, מענטשן פילע און פאַרשידענע. זע, מיין קינד און געדענק מיינע רייד, געדענק דיין היים״. טרערן האָבן דערשטיקט זיין לעצטן זיי־געזונט.

איך האָב געדריקט זיין האַנט אַלס צייכן פון הסכמה. איך האָב אַנגעקוקט מיין פאָטער. אַך, ווי שטאַרק איינ־געבויגן איז געוואָרן זיין הויכע געשטאַלט. נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער געווען אַזוי מונטער, שיין, הויך. באַוווּסט און געשעצט אַלס גרויסער תבואה־סוחר. ער האָט אַזוי געוווּסט ווי צו האַנדלען מיט מענטשן. ער האָט זיך באַצויגן מיט צוטרוי צו יידן און גויים. וואָכן איז ער נישט געווען אין דער היים צוליב די גרויסע טראַנזאַקציעס, וואָס ער פלעגט פירן אין ווייטע געגנטן. זיין האַנט איז געווען אָפן, דאָס האַרץ גוט. ווו אַ נדבה איז ער געווען דער ערשטער. איצט — אַלץ אויסגערו־נען און דאָס לעבן מיט דעם ביסעלע פאַרמעגן — אין געפאַר.

ענדלעך קומט אָן די באַן. די מאַמע איז מיר גע־פאַלן אויפן האַלדז, זיך שטאַרק צוגעטוליעט און באַגאַסן



א יזכור־אווענד פון פיעסקער לאנדסמאנשאפט אין חיפה, יאהר 1969

מיט טרערן מיינע בגדים און געזיכט. אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט איר לעצטער זיי־געזונט. די באַן האָט גע־רירט. שווער געווען די רייזע ביזן שיף. מענטשן פאַר־צווייפלטע, דערשלאָגענע האָבן אָנגעפילט די באַן. עס האָט זיך געדאַכט ווי אַלע וואָלטן געפאָרן אָן אַ וווהין. סוף־סוף — אַרויף אויפן שיף. איצט שטייט פאַר אונדז אַ לאַנגער וועג, אָבער איצט איז דאָ צייט צו טראַכטן.

ווידער שטייט פאַר מיינע אויגן די געשטאַלט פון מיין מוטער. אַזוי קלוג האָט זי געלעבט אַזוי שטאָלץ געהערשט אין איר באַלעבאַטיש הויז, געלעבט בשלום מיט שכנים, פריינד און קרובים. אַלע פלעגן קומען זיך באַראָטן מיט „מומע איטקע״. דער נאָמען איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער משפחה. אַלע האָבן דערציילט זייערע פּראָבלעמען דער מומע איטקען, און זי האָט גע־ווּסט וועמען ראָטן, וועמען העלפן און וועמען פאַר־שוויגן. היינט האָב איך איבערגעלאָזן איר אַליין מיט אַזאַ שווערן פּאַק צרות. ביי דער לאַגע גילט נישט קיין שכל און קיין לאָגיק. דער שוואַרצער גורל הערשט אומעטום.

דאָס שטאַרקע טרייסלען פון דער שיף האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען. אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן.

היינט שאַץ איך אָפּ די גוטע עצה פון מיין פאָטער.

מערי לעווין־מאטראך ניו־יאָרק (אַמעריקע)

די חופה אין שפיטאל

אַ שיינער פרילינג־טאָג האָט באַלויכטן די גאַסן פון ניו־יאָרק, אָבער אין אונדזערע נשמות איז געווען אַ פינצטערער האַרבסט־טרויער. מיין עלטערע און טרייע שוועסטער ביילע־בעק, ווי מיר האָבן זי גערופן, ליגט אויפן טויטן־בעט. די גרויזאַמע קראַנקהייט עסט זי אויף. דאָ, ביי דעם בעט און אין שפּיטאָל דאַרפן מיר פּראַווען די חתונה פון איר יינגסטער טאָכטער. דער לעצטער טאָג איז געקומען. נאָך מיט דריי מאָנאַטן צוריק האָט זי ביי די תנאים באַשטימט דעם טאָג. און היינט — קוים וואָס מיר אַלע האָבן אים דערלעבט. יעדער איינער פון אונדז האָט תפילה געטאָן, זי זאָל פירן איר ליב קינד צו דער חופה און נישט אַ פרעמדע מאַמע. מיר האָבן עס היינט דערגרייכט. זי איז שוין שטאַרק שוואַך. מיט דריי מאָנאַטן צוריק האָט זי אויסגעקליבן דעם טאָג: דינס־טיק. זי האָט געוואָלט עס זאָל זיין מזלדיק.

איצט שטייט אַלץ גרייט צו דער חופה. איר מאַן גינגאָלד האָט געבראַכט דעם גרעסטן רב מיט אַלע זיינע באַגלייטער. מיר האָבן איר געקויפט אַ ניי קלייד — דאָס רייכסטע אין ניו־יאָרק. מיר האָבן זי אָנגעטאָן ווי אַ רייכע מחותנתטע. זי האָט געלויכטן. עפּעס אַ נייער שטראַל האָט באַדעקט איר קראַנק בלייך געזיכט. דער שטראַל האָט דורכגעלויכטן אונדז, און אויף אַ מאָמענט אָנגעצונדן אַ האָפענונג און טרייסט. אפשר בזכות דער מצווה וועט איר לייכטער ווערן? אפשר וועט זי לעבן בלייבן?!...

דער קאָרידאָר פון שפּיטאָל, ווי אויך איר צימער איז פול מיט קרובים און פריינט. ביי איר בעט נאָענט צו איר שטייט די כלה און אונדזער מוטער חיה־לאה. די באָבע חיה־לאה פלעגט ביי יעדער חתונה פון אַן אייניקל גיין די ערשטע און נאָך איר די גאַנצע צערע־מאָניע. היינט שטייט זי אויך גרייט אויסצופילן איר בכבודיקע פליכט. זי איז אָנגעטאָן ווי אַלע מאָל אין איר שיין קלייד מיט דער גאָלדענער קייט. זי שטייט אין דער שפּיץ, פריילעך, אָן אַ סימן פון טרויער, אָן אַ טרער אין די אויגן. זי וויל נישט שאַפן קיין פּאַניק. זי האָט נישט געוואָלט פאַרשטערן די גליקלעכע שעה פון חתן־כלה. דער רב האָט געגעבן זיין סימן. אונדזער אַלטע מוטער גייט טריט ביי טריט און נאָך איר פירט מיין שוועסטער די כלה. אויך זי איז געווען פעסט. די חופה האָט מען מקיים געווען מיט אַלע ברכות ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה. אָבער, ווען מיין שוועס־טער בעקי האָט צוגעטראָגן דעם בעכער וויין צו די ליפּן פון דער כלה, זענען מיר אַלע דערשיטערט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט וויי געטאָן, שטיל געוויינט און געשלונגען די טרערן זי זאָל נישט באַמערקן.

צוריק פון דער חופה האָט שוין די כלה מיט דער קראַנקן־שוועסטער געפירט זי טריט ביי טריט צום בעט...

די געסט זענען פאַרשוואונדן. דער שוואָגער גינ־גאָלד, די מאַמע און איך זענען פאַרבליבן. איך האָב זי נישט געקענט פאַרלאָזן. איך האָב נישט געוואָלט זי זאָל שטאַרבן. זי איז די עלטסטע שוועסטער און איך די יינגסטע, די קלענסטע פון דער משפּחה. מיך האָט זי געהאָדעוועט, אויף אירע הענט געטראָגן, און אין אַלע שווערע צייטן מיר אויסגעהאָלפן און ביי מיר גע־זעסן שעהן־לאַנג. איך האָב נישט באַוויזן קומען צו מיר אין הויז, האָט שוין דער טעלעפאָן אָנגעזאָגט איר טויט.

די לוויה איז געווען אַ גרויסע. מאַסן מענטשן האָבן זי באַגלייט אין איר לעצטן וועג. איצט האָט מען גע־מעגט שרייען געוואַלד. און מיר האָבן געשריגן. מיט

דעם האָבן מיר אויסגעדריקט דעם טיפֿן צער צוליבן גרויסן פֿאַרלוסט. אויך איצט איז מיין מוטער חיה־לאה געגאַנגען בראש. זי, די אַלטע מאַמע האָט באַגלייט איר טאָכטער...

בעקי האָט געלעבט ווי אַ גבירטע און אַזוי אויך אַוועק פֿון דער וועלט. איר גוטער מאַן האָט וועגן דעם געזאָרגט און איר פּריצייטיקן טויט באַלויכטן מיט גרויסע נדבות, מיט אַ גראַנדיעזער מצבה, מיט תפילה־טאָן פֿאַר איר נשמה אַ גאַנץ יאָר דורך די גרעסטע רבנים און צדיקים. אין אַ סך אַנשטאַלטן האָט מען ליכט געצונדן פֿאַר איר נשמה. ווייל איר האַרץ איז געווען גוט, די האַנט אָפֿן, און דער ווילן גרויס. זי האָט געשפּענדעט פֿאַר אַ יתומים־הויז, פֿאַר אַ מושב־זקנים, פֿאַרן ייִדישן שפּיטאַל, כדי די אָרעמע מאַסן זאָלן באַקומען מעדיצינישע הילף. און אַלץ בסוד, קיינער זאָל נישט הערן, קיינער זאָל נישט זען און וויסן. זי האָט געשפּענדעט גרויסע סומעס געלט פֿאַרן אויפֿבויען די פּיעסקער שיל אויפֿן נאָמען פֿון רב לייב־בער. ביים חנוכת־הבית האָט זי אויסגעקויפֿט דעם שליסל צום עפֿענען דעם בית־מדרש און געגעבן דעם כבוד אונדזער פֿאָטער רב אַלטער לעווין ז״ל, וועלכער איז געווען דער גבאי ביז גאָט האָט זיין נשמה צוגענומען. בעקי האָט אויסגעגעבן דאָס ערשטע און שענסטע מענטעלע און אָנגעטאָן די ערשטע ספֿר־תורה, וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אין פּיעסקער שיל. זי האָט זייער ליב געהאַט איר שטעטל פּיעסק. האָט ליב געהאַט דערציילן און וויסן פֿון איר. איצט האָב איך געבראַכט צום פּיעסקער בוך דיינע מעשים טובים. מיט זיי האָסטו געלעבט, זיי האָסטו ליב געהאַט און מיט זיי צוזאַמען וועט דיין נאָמען פֿאַראייביקט ווערן.

מרים פרישביצקי־ברוק

זכרונות פון די ימים־נוראים אין אונדזער הויז

ערב יום־כיפור פאַרנאַכט. אין יעדן הויז האָט מען אָנגעצונדן אַ נשמה־ליכט. אויך איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט. איך בין געבליבן אַליין און האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער הויז אין גלות. פּלוצלונג איז דערשינען די געשטאַלט פון מיין באָבע עלקע, נידעריק און פול, פאַרטראַכט און אַ שווייגנדיקע, באַשיידן אָבער מוטיק, אַן אָרנטלעכע און שטרעבט צו גערעכטיקייט. איר גאַנצע צייט האָט זי געווידמעט תפילות און גוטע מעשים. צו יעדער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט, געגעבן הילף, אונטערשטיצונג, אַן עצה. באַזונדערס דער חברה־קדישא. זי פלעגט פאַרלאָזן דאָס הויז אויף לאַנגע שעהן, און די גאַנצע אַרבעט פון אונדזער גרויס הויז איז געפאַלן אויף מיין מוטער. דאָס איז געווען שווער, זי האָט אָבער נישט אַרויפגעבראַכט אויף אירע ליפּן קיין רוגז אָדער אַן אָנקלאַגע, ווייל די באָבע עלקע איז געווען פאַרנומען מיט אַ הייליקער אַרבעט.

שטענדיק פלעגן מיך איבערשרעקן די חברטעס פון מיין באָבען, ווען זיי זענען געקומען איר מודיע זיין וועגן טויט פון אַ מענטשן. זיי פלעגן אָפּרייניקן זיין קערפּער פון דעם שמוץ פון דער וועלט און אים הייליקן צו דער קומענדיקער וועלט. מיין באָבע האָט נישט מורא געהאַט פאַר טויטע, וועמענס אויסזען איז צעקאַליעטשעט געוואָרן דורך אַ קראַנקהייט, זי האָט בלויז געפילט צער. זי האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר נעכט פון רעגנס, קעלט און שניי־שטורעמס. קיין שום זאַך האָט נישט אָפּגעהאַלטן מיין באָבען פון קומען צו אַ גוססדיקן און זיצן נעבן אים ביז זיין הייליקע נשמה האָט אים פאַרלאָזן. אין מיינע אויגן האָט זי אויסגעזען ווי אַ העכער באַשעפעניש. איך פלעג נאָכפאָלגן נאָך אַלע אירע מעשים. צייטנווייז האָבן זיי מיר אויסגעזען מאָדנע. נישט איינמאָל פלעג איך פרעגן, ווען וועל איך זיין גענוג גרויס, כדי זיי צו פאַרשטיין. מיין באָבע האָט געזען אין אירע אויפגאַבן אַ שליחות, וועלכע מען דאַרף דערפילן מיט אַ פולער כוונה און זי פלעגט מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל מזכה זיין די טויטע מיט גן־עדן, ווייל אין זייער לעבן האָבן זיי געוווּסט בלויז צער, פּיין און ליידן.

איך האָב ליב געהאַט אונדזער הויז אויף דער גאַס זאַרעץ, ווו מען פלעגט כמעט די גאַנצע וואָך מאַכן הכנות צו שבת. מיין באָבע פלעגט אָנהויבן די צוגרייטונגען שוין דינסטיק, און פרייטיק צוועלף אַזייגער נאָכמיטאָג איז שוין אַלץ געווען גרייט. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און די לייכטערס האָבן געגלאַנצט. די צדקתטע האָט נישט געקוקט אויפן זייגער. די צייט פון ליכט־צינדן איז געווען איינגעזאַפּט אין איר בלוט. נאָך אַ לאַנגער תפילה איז זי געווען פילפאַכיק הייליק. דאַן פלעגט זי נעמען איר דיקן און שווערן סידור און גיין צום זיידן. צוזאַמען פלעגן זיי אַדורכמאַכן דעם וועג אין שול אַריין. נישט איינמאָל האָב איך זיי באַגלייט. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי נישט אויסגעטוישט מיט זיך קיין איין וואָרט, כדי נישט מחלל צו זיין די הייליקייט פון דער שעה. די זון פאַרגייט דאָך, שבת־המלכה גייט דאָך אַראָפּ און שוועבט איבער זייערע קעפּ, און זיי שפּירן זי און האָבן הנאה פון איר שיין.

מיין באָבע פלעגט דערציילן וועגן שווער קראַנקע, וועגן פאַרלאָזענע און איינזאַמע מענטשן, וועלכע לעבן אויפן ראַנד פון שטעטל און האָבן נישט ווער עס זאָל זיי דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער אָדער רפואות. מיין באָבע פלעגט זיי העלפן מיט אַלעמען.

אַמאָל פלעגט זי בלייבן נעכטיקן אין איינעם פון די דאָזיקע הייזער. איך פלעג פרעגן די מאַמע:

„פאַרוואָס איז די באָבע נישט צוריקגעקומען ?"

„דיין באָבע איז געגאַנגען צו אַ זייער קראַנקער פרוי, כדי איר צוצוגעבן עסן און רפואות".

„און די פרוי איז געזונט געוואָרן ?"

„ניין, טאָכטערשי. דיין באָבע איז דאָרט געזעסן, ווען די נשמה פון דער פרוי איז אַרויף אויפן הימל. איצט זאַמלט דיין באָבע געלט אויף תכריכים".

„און די באָבע האָט נישט קיין מורא פאַר טויטע ?"

„ווער עס טוט אַ הייליקע אַרבעט, ווייסט נישט וואָס עס איז **פחד**".

ראש־חודש אלול פלעגט די באָבע אָנהויבן אירע צוגרייטונגען צו יום־כיפור. צוזאַמען מיטן זיידן פלעגט זי אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט און גיין צו „סליחות". זי פלעגט אַ סך פאַסטן, מתפלל זיין און געבן צדקה.

„פאַרוואָס פירסטו זיך אַזוי ?" האָב איך זי גע־פרעגט.

זי האָט דערקלערט : „אין יום־הדין זיצט גאָט אויפן כיסא־הכבוד און משפט יעדן איינעם. מיר דאַרפן זיין ווערט צוקומען פאַרן געריכט. דעמאָלט וועט דער גו־טער גאָט פאַרלענגערן אונדזערע יאָרן, און וועט אונדז געבן אַ סך געזונט און פרנסה".

„און וואָס דאַרף איך טון, כדי צו זיין ראויה צו יענעם דין ?"

„העלפן יעדן באַדערפטיקן".

איך בין אויפגעוואַקסן, איך האָב זיך געזעגנט מיטן הויז פון מיינע עלטערן, אָבער די בקשה פון מיין באָ־בען בין איך מקיים פולשטענדיק. און ווען עס קומט יום־כיפור, דערמאָן איך זיך ווי אַזוי מיין זיידע מיט דער באָבען האָבן געגעסן די סעודה מספקת און זיך געאיילט אין שול אַריין. זיי האָבן געדאַוונט ביז שפעט ביינאַכט און ווען עס האָט אויפגעלויכטן דער פרימאָרגן, זענען זיי שוין געשטאַנען גרייט, כדי ווייטער אַרויס־צוגיין צו דער עבודת הבורא. זיי פלעגן שטענדיק צו־ריקקומען מונטער, ווייל זיי האָבן זוכה געווען צו אַ חתימה־טובה, צו אַ גוט לעבן און צו אַ סך פרנסה. אַזוי האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער וועג ביז זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע ריינע נשמות צו גאָט.

איך האָב אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע שטריכן ביי דער שיין פון אַ ליכט, וואָס איך האָב אָנגעצונדן צו זייער אָנדענק און דעם לאַנד פון די אבות, ווייל פאַר זיין אויסלייזונג האָבן זיי געווידמעט זייערע מעשים און לעבן.

זאָל זייער זכר זיין געבענטשט אויף אייביק.

יהודה באָראָבסקי

צום אנדענק פון זיבן חברים

מרדכי נאָרדאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין פּיעסק אין יאָר 1903. ער איז געווען דער עלטסטער זון אין אַ משפּחה מיט פיל קינדער און אין משך פון יאָר איז ער געווען געצוווּנגען צו העלפן זיין פאָטער אין דעם אויסהאַלטן פון דער משפּחה.

אין יאָר 1926 איז ער געשיקט געוואָרן דורך דער בית״ר־באַוועגונג קיין ארץ. אין תל־אביב האָט געהערשט אַרבעטלאָזיקייט און ער האָט זיך נישט געקאָנט דאָרט איינאָרדענען, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. ער האָט זיך דעריבער אָנגעשלאָסן אין דער קבוצת זיפזיף אין עכו, דאָרט האָט מען איבּ צוגעזאָגט וווינונג און אויסהאַלט. אין אָנהויב האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן שוועריקייטן ווייל די קאָנקורענץ מיט די אַראַבער האָט פאַרוואַנדלט די אַרבעט אין זיפזיף אין אַ שווערער און נישט־לויג־באַרער אַרבעט. אָבער די חברים פון דער קבוצה, ספּעציעל יהודה רוזשאַנסקי, האָבן אים צוגעגעבן מוט און אים געהאָלפן זיך צו צופּאַסן. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט מרדכי גובר געווען די שוועריקייטן פון דער אַרבעט, האָט זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס פון דער קבוצה, האָט געהאַלטן ביים חתונה האָבן.

איין טאָג האָט ער זיך געשפּירט שלעכט און האָט פאַרלאָזן די אַרבעט אין מיטן. ד״ר ראָזענבערג ז״ל, וועלכער פלעגט באַזוכן די קבוצה יעדן טאָג, ווייל די חברים האָבן פּערמאַנענט געליטן אויף מאַלאַריע, האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונד צו זאָרגן. אָבער אויפצומאָרגנס האָבן אויף אים די חברטעס משפּיע געווען מען זאָל אַריבערפירן מרדכין אין „הדסה״־שפּיטאָל אין חיפה, ווייל ער האָט גאָרנישט פאַרזוכט און איז אויך נישט געווען אימשטאַנד אַראָפּצושלינגען די רעצעפּטן.

טראָץ די באַמיאונגען פון די דאָקטוירים איז מרדכי נפטר געוואָרן אין פערצן שעה אַרום פון געלן פיבער. די קבוצה איז געווען ווי פאַרשטיינערט און זי האָט זיך געפרעגט צי זיצט זי נישט אין אַ לאַנד, וואָס פרעסט זיינע איינוווינער. פיר און צוואָנציק יאָר איז מרדכי נאָרדאָווסקי אַלט געווען ווען ער איז געשטאָרבן.

מאיר באַראָווסקי ז״ל

מאיר באַראָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1902 אין פּיעסק. זיין פאָטער איז געווען אַ תבואה־סוחר און האָט אַרענדירט סעדער ביי די גוט־באַזיצער. אַ בכבודיקער מאַן, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן יעדן איינעם.

מאיר איז אויפגעוואַקסן אין באַדינגונגען פון וווילשטאַנד, איז געווען אַ לעבעדיק און לוסטיק קינד, פון די ערשטע, וואָס האָבן געלערנט אין חדר מתוקן. ווען ער איז עלטער געוואָרן, איז ער געוואָרן ערנסט און רואיק. זיין פאָטער האָט געשטרעבט אים צו זען ווי ער זעצט פאָר די טראַדיציע פון דער משפּחה, אין מסחר, און האָט אים אַלע מאָל איבערגעגעבן פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן. אָבער מאיר האָט נישט געוואָלט זיין קיין סוחר אין גלות.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט זיך געגרינדעט אין פּיעסק אַ חלוצישע באַוועגונג און מאיר האָט זיך אָן איר אָנגעשלאָסן מיטן גאַנצן ברען, פאַרנאַכלעסנדיק די ענינים פון מסחר. אין מאַי 1925 איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַשעפטיקט מיט יעדער אַרבעט, וואָס האָט זיך אים געמאַכט אין חיפה — אַלס בעל־עגלה, אַלס טרעגער און ביי בוי־אַרבעט. ער האָט געלעבט אין שלעכטע וווינונגס־ און אויסהאַלט־באַדינגונגען. די היץ האָט אים דערקוטשעט

און פֿאַרשידענע קראַנקהייטן האָבן אים געפּלאָגט פֿון צייט צו צייט און אים געצוווּנגען צו ליגן אין „הדסה"־שפּיטאָל. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט משפּיע געווען אויף זיין ליבע צום לאַנד און אויף זיין באַשלוס צו לעבן אין אים.

מאיר איז געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי „אחדות העבודה" און האָט זיך באַטייליקט פּערמאַנענט אין די



מאיר בורובסקי

צוזאַמענפֿאָרן און פֿאַרזאַמלונגען. ער האָט זיך אָנגע־שלאָסן אין די פּיעסקער לאַנדסלייט, וואָס זענען געפֿאָרן קיין עפולה און נאָך דעם קיין עכו. דאָרט האָבן זיך געפֿירט צווישן די חברים שטורמישע דיסקוסיעס, ווייל אויסער מאיר באָראָווסקי און שמעון לונסקי האָבן אַלע געהערט צו דער פּאַרטיי „הפועל הצעיר".

אין מערץ 1932 האָט מאיר חתונה געהאַט מיט חוהן, זיין פֿריינדין פֿון פּיעסק, וועלכע איז אַוועק קיין אַמעריקע און האָט צום סוף מסכים געווען צו קומען קיין ישראל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין קרית־חיים און עס זענען זיי געבוירן געוואָרן צוויי זין. אין קרית־חיים האָט מאיר געלייגט, צוזאַמען מיט זיינע חברים פֿון דער קבוצת־זיפזיף, דעם יסוד פֿאַר דער קאָאָפּעראַטיווער ישראַלדיקער קאָמוניקאַציע.

פּלוצלונג האָט מאיר אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף ווייטיקן אין די זייטן. ד"ר האַמער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז מען דאַרף אים אַריינגעבן אין שפּיטאָל אין עפולה. צוויי וואָכן איז ער דאָרט געלעגן און נאָך דעם האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן אים אַריבערצופֿירן אין „הדסה"־שפּיטאָל אין חיפה. די דאָקטוירים פֿון יענעם שפּיטאָל האָבן זיך באַראַטן מיט דאָקטוירים פֿון אַנדערע שפּי־טעלער, זיי האָבן אָבער נישט באַוויזן אים צו ראַטע־ווען. די מאַטעריע האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין זיינע לונגען און אין סעפּטעמבער 1935 איז נפטר געוואָרן מאיר באָראָווסקי, אין עלטער פֿון בלויז דריי און דרייסיק יאָר.

שמעון לונסקי ז"ל

שמעון לונסקי איז געבוירן געוואָרן אין פּיעסק אין יאָר 1902. אין אַ יונגן עלטער איז אים געשטאָרבן די מוטער און נאָך דעם דער פֿאָטער, און ער מיט זיינע זעקס ברידער און שוועסטער האָבן זיך געהאָדעוועט ביי פֿעטערס און מומעס, אין שווערע עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען.

די זיבן קינדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויס־סערגעוויינלעך פֿעאיקע און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים. איינער פֿון די ברידער, אריה, האָט אין משך פֿון יאָרן געלערנט מיט אייגענע כוחות און איז געוואָרן אַ לערער אין אַ שול אין פּיעסק, און שפּעטער אין אַ מיטלשול אין וואָלקאָוויסק. נאָך דעם האָט ער עמיגרירט קיין קאַנאַדע, דאָרט האָט ער געלערנט אַפּ־טיק. ער האָט באַזוכט אָפֿט זיינע שוועסטער דבורה און יפה, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט משפּחות אין ישראל. אַן אַנדערער ברודער, חיים, איז געווען אַ לערער פֿון מאַטעמאַטיק און איז געשטאָרבן אין פּיעסק אין אַ יונגן עלטער.

שמעון איז עולה געווען אין יאָר 1925 און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די פּיעסקער קבוצה ער

איז צוזאַמען מיט איר אַריבער קיין עכו. אַזוי ווי די לאַגע אין דער קבוצה איז געווען גאַר שלעכט פון עקאָנאָמשן שטאַנדפּונקט, האָט שמעון געוואָלט אַריבער קיין חיפה. ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים אַריבערפירן דאָס רעכט אויף אַן אַרבעטס-פּלאַץ אין דער טראַנספּאָרט-געזעלשאַפט ביי דער „הסתדרות", און אַז מען זאָל אים געבן צוויי מויל-אייזלען. די קבוצת-זיפּזיף איז אַנטקעגנגעקומען זיין פאַרלאַנג און שמעון האָט זיך געדונגען אַ דירה אין חיפה און איז געווען צופרידן.

שמעון איז געווען פון די אַקטיווע חברים פון דער פּאַרטיי „אחדות העבודה". ער האָט געהערט צום פליגל וואָס האָט געשטרעבט איינצופירן אַ סאָציאַליסטישן רעזשים און צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין די שטעט, טראָץ דעם וואָס ער איז נישט געווען קעגן דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע און די קיבוצים.

ווען שמעון האָט חתונה געהאַט איז געשען אַ ווענדונג אין זיין לעבן. ער האָט פאַרלאָזן חיפה, האָט זיך באַזעצט אין קרית-חיים און צוזאַמען מיט יואל גודעס האָט ער געפירט די קבוצת-חול.

אין יאָר 1946, ווען ער האָט געאַרבעט אויפן ברעג ים ביי קרית-ים, האָט אים געטראָפן אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. דאָס בריטישע מיליטער האָט זיך אַנטזאָגט צו באַצאָלן זיין משפחה אַנטשעדיקונג מיט דער טענה, אַז די קויל איז געשאָסן געוואָרן דורך דער „הגנה", וועלכע האָט געהאַט פּאָזיציעס אין דער געגנט.

דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַדוואָקאַט סאָלאָמאָן, וועלכער האָט באַוויזן צו באַקומען די מאַקסימאַלע סומע פאַרן פאַרלוסט פון אַ מענטשנס לעבן — 250 פונט. די מינדעריעריקע טאָכטער פון שמעון לונסקי איז געווען די יורשטע פון דער סומע, און דער שוואָגער אברהם און דער שרייבער פון די שורות זענען געווען אירע אפּוטרופּסים.

יואל גודעס ז"ל

יואל גודעס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1910 אין דאָרף מיקעלשטשינאַ, 15 קילאָמעטער פון פּיעסק. אין זיינע קינדער-יאָרן איז ער פאַריתומט געוואָרן פון זיין מוטער און האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין פּיעסק ביי זיין פעטער יצחק וואַרהאַפטיג. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין די ישיבות אין די גרויסע שטעט און האָט געהאַלטן ביים באַקומען סמיכות אויף רבנות.

יואל איז עולה געווען קיין ארץ-ישראל. פריער האָט ער געהערט צו דער פּאַרטיי „מזרחי", און נאָך דעם צום „הפּועל הצעיר". אין עפולה האָט ער געגראָבן צוזאַמען מיט אַנדערע פּיעסקער לאַנדסלייט דעם טיפן קאַנאַליזאַציע-קאַנאַל.

יואל איז אַריבער מיט דער קבוצה קיין עכו, און האָט אונטערשטיצט דעם געדאַנק אַז די חברים דאַרפן זיך צוגרייטן צו התיישבות אין אַ געמיינזאַמען מושב-עובדים און נישט אַלס אַ קאָלעקטיווע קבוצה. ער איז געווען דער איינציקער רעליגיעזער חבר אין דער קבוצה און האָט געטענהט, אַז מען דאַרף בויען דאָס לאַנד לויט דער טראַדיציע פון די אבות. אַזוי ווי מען האָט זיך גערעכנט מיט אים און מיט זיינע מיינונגען, האָבן זיינע ווערטער אַרויסגערופן אָפט דיסקוסיעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג.

אין יאָר 1928 האָבן זיך די אינסטיטוציעס געווענדט צו דער קבוצת-זיפּזיף און האָבן געבעטן חברים פרייוויליקע צו פאַרטיידיקן חולדה. יואל גודעס ז"ל און זאב רובין יבל"א האָבן פאַרטיידיקט חולדה ווי העלדן. שפּעטער האָט מען זיי צוגעשיקט דאַנק- און אָנערקענונגס-בריוו.

נאָך דער פאַרטיידיקונג פון חולדה איז יואל געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט זיך אומגעקערט מיט דער חברה אילה און האָט מיט איר חתונה געהאַט. ער האָט זיך נישט צוריקגעקערט אין דער קבוצת-פּיעסק און האָט געהאַט בדעה זיך איינצואָרדענען זעלבשטענדיק.

יואל איז געווען פון די גרינדער פון דער קבוצת-חול. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות און אַנדערע פּיעסקער חברים, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען אין די אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות און פון דער רעגירונג, האָבן אים געגעבן הילף מיט זייערע אַלע כוחות.

יואל האָט געהאַט צוויי זין און זיין פרוי איז ווידער אַמאָל געווען שוואַנגער, ווען ער האָט זיך געשפּילט מיט זייער הונט און באַקומען אַ ביס. ער איז געוואָרן אָנגע-

שטעקט און איז געשטאָרבן אין יאָר 1949. דער דריטער זון האָט נישט געקענט דעם פאָטער, ער איז אָבער גע־וואָרן אָנגערופן נאָך אים — יואל.

שרגא־פייוול גודעס ז״ל

שרגא־פייוול גודעס, אַ ברודער פון יואל גודעס, איז געבוירן געוואָרן אין פיעסק אין יאָר 1912. אויך ער איז אויפגעוואַקסן אין דעם הויז פון זיין פעטער יצחק וואַר־האַפטיג און איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מענטש, גע־זונט גייסטיק און פיזיש. זיין איבערגעגעבנהייט און זיין ערנסטע באַציאונג צו יעדער אויפגאַבע האָבן אים גע־וווּנען פיל אָנערקענונג אין דער צייט פון זיין דינסט אין דער פוילישער אַרמיי. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער אַרויס אויף אַנדערטהאַלבן יאָר אויף הכשרה אין שטעטל זעלוויאַן אויפן ברעג פון טייך ניעמאַן. אויך דאָרט האָט מען דערקענט זיינע מעלות און ווען עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין אַרבעט און זיינע חברים פון דער הכשרה זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק, פלעגן די אַרבעטס־געבער אים באַשעפטיקן.

אויף דער הכשרה האָט ער באַקענט די חברטע סאָניע אַלעקסאַנדראָוויטש, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט און אין יאָר 1933 זענען זיי עולה געווען און האָבן געוווינט אין הויז פון חנה און יהודה רוזשאַנסקי אין קרית־חיים. די ברענענדיקע היץ אין די זומער־מאָ־נאַטן און די אַרבעט אין דער קבוצת־חול און נאָך דעם אין דער מיל אין מפרץ־חיפה, האָבן שווער געמאַכט דאָס אַקלימאַטיזירן זיך, אָבער שרגא האָט אַלץ אָנגענומען מיט ליבע.

אין יאָר 1945 איז ער געוואָרן אָנגענומען אַלס חבר אין קאָאָפּעראַטיוו משמר־המפרץ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּיעסקער לאַנדסלייט. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די פינאַנסיעלע לאַגע פונעם קאָאָפּע־ראַטיוו נישט געווען קיין גוטע, אָבער שרגא האָט געזען אין דער דאָזיקער אַרבעט זיין צוקונפט און איז געווען צופרידן מיט זיין גורל. אויך אין זיין פאַמיליע־לעבן האָט ער געזען גליק און עס זענען אים געבוירן געוואָרן צוויי זין.

נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן פּראָקלאַמירט די מדינה האָבן די אַראַבער פאַרשטאַרקט דעם טעראָר אויף די וועגן. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים זענען געפאַלן פיר חברים און אַ גרויסע צאָל חברים זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. יעדע נסיעה איז געווען געפערלעך, אָבער די חברים פונעם קאָאָפּעראַטיוו זענען ווייטער געפאָרן אין יעדן אָרט, כדי אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די ישובים.

די לייטונג פונעם קאָאָפּעראַטיוו האָט געזאָרגט פאַר געפּאַנצערטע אויטאָבוסן, באַהעלטענישן פאַר געווער פון אַלע מינים און שטאַרקע שלעפּ־מאַשינען. אויסער די געוויינלעכע נסיעות האָט די הגנה געבעטן פון קאָאָפּע־ראַטיוו צו פירן מענטשן.

דעם 22טן אַפּריל 1948 אין דער פרי איז אַרויס אין דער ריכטונג פון דרום אַ קאַראַוואַנע פון דריי אויי־טאָבוסן, אָנגעלאָדן מיט חברים פון דער הגנה און גע־ווער. מיטאָג־צייט איז אָנגעקומען אין גאַראַזש פון מפרץ אַ ידיעה, אַז דער ערשטער אויטאָבוס איז געוואָרן באַ־שעדיקט אויף איינעם פון די שמאָלע בויגנס פון וועג און ער פאַרשטעלט דעם וועג די איבעריקע אויטאָבוסן. שרגא גודעס, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער שלעפּ־מאַשין, איז אין יענער צייט אָנגעקומען אין גאַראַזש פון אַ וויכטיקער אויפגאַבע אין גליל המערבי. די מעכאַני־קער זאב פיין און קאַלאַ האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אים און האָבן געפירט דעם אויטאָבוס. די דריי זענען געווען באַוואָפנט. זיי זענען אָנגעקומען צו דער קאַראַוואַנע, אָוועקגעשלעפּט דעם באַשעדיקטן אויטאָבוס אין דער זייט — אַזוי אַז די צוויי אַנדערע אויטאָבוסן זענען גע־ווען אימשטאַנד פאָרצוזעצן זייער וועג — און האָבן אים פאַריכט.

ווען זיי זענען צוריקגעפאָרן, איז קאַלאַ אַראָפּ אין גבעת־נשר און אַוועק צו זיך אַהיים. שרגא האָט ווײ־טער געפירט זיין שלעפּ־מאַשין און זאב דעם אויטאָ־בוס. נעבן דעם קיבוץ יגור האָט זיך געפירט אַ שלאַכט צווישן דער הגנה און דעם אַראַבישן לעגיאָן. שרגא און זאב האָבן אָוועקגעשטעלט זייערע וועגענער אין דער ברייט פון שאָסיי און האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פאַרן אַראַבישן לעגיאָן. נאָך דעם האָבן זיי אַרויסגענומען פון באַהעלטעניש דאָס געווער און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער שלאַכט. זאב פיין איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און האָט

גע׳שריגן פון ווייטיק. שרגא איז צו אים צוגעגאַנגען, אויך ער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ סעריע קוילן און איז געפאַלן אויף זיין חבר.

ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די שלאַכט און דער לעגיאָן האָט זיך צוריקגעצויגן אויפן וועג קיין דזשאַ־לאַמי, האָט דער משק יגור איבערגעשיקט אַ מעלדונג דער סטאַציע פון דער געהילפס־פּאָליציי אין קרית־חיים. געהילפס־פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען אָנגעקומען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ האָבן געפונען זיבן געהרגעטע און צווישן זיי זאב פיין און שרגא גודעס, וועמענס רעכטע האַנט האָט אַרומגענומען דעם האַלדז פון זיין חבר.

שרגא באָראָווסקי ז״ל

שרגא איז געבוירן געוואָרן דעם 12.12.24 אין פּיעסק. פיר און פערציק טעג נאָך זיין געבורט איז זיין פאָטער, וועלכער איז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די צעשיידונג איז געווען אַ שווערע אָבער אַן אומפאַרמיידלעכע, ווייל מען האָט נישט געקאָנט פירן אַזאַ קליין קינד אין ווינטער.

דעם 12.12.25, ווען שרגא איז אַלט געווען איין יאָר, זענען ער און זיין מוטער עולה געווען קיין ארץ. די משפחה האָט זיך פאַראייניקט אין יפוער פּאַרט, און זיי זענען געווען משוגע פון פרייד. פאַר דעם האָט מען איינגעאָרדנט די פרוי און דעם זון אין חיפה און נאָך דעם האָט מען זיי אַריבערגעפירט אין אַ צריף אין עפולה, וואָס איז געווען געבויט פון ברעטער.

אַזוי ווי אין עפולה האָט געהערשט אַ מצב פון אַר־בעטסלאָזיקייט און די חברים זענען אַרומגעגאַנגען כמעט די גאַנצע וואָך ליידיק, איז געווען קלאָר, אַז דאָס זיצן אויפן אָרט איז בלויז צייטווייליק. און פאַקטיש, יאַנואַר 1926 איז די קבוצת־פּיעסק אַריבערגעגאַנגען אין דער אַראַבישער שטאָט עכו. דאָס איז נישט געווען קיין אי־דעאַלער פּלאַץ פאַר פרויען און קינדער, אָבער דער עיקר איז געווען, אַז די קבוצה איז זיך נישט פונאַנדערגעפאַלן און האָט געוואַרט אויפן טאָג ווען די אינסטיטוציעס וועלן איר דערמעגלעכן צו גיין אויף התיישבות.

שרגא האָט געהאַט פּראָבלעמען פון שפּראַך, ווייל אין דער היים האָט ער געהערט עברית און יידיש, און אין גאַס האָבן די קינדער גערעדט אַראַביש. דאָס איז נישט געווען די איינציקע סיבה צוליב וועלכער עס איז געווען געוווּנטשן צו פאַרלאָזן עכו, אָבער דאָס לעבן דאָרט האָט געדויערט זיבן יאָר.

אין יאַנואַר 1933 איז די משפחה אַריבער קיין קרית־חיים און שרגא האָט געפונען זיין פּלאַץ צווישן יידישע קינדער. ער האָט געענדיקט די פאָלקס־שול אין קרית־חיים און נאָך דעם האָט ער געלערנט אין דער ים־שול ביים טעכניקום אין חיפה. דער „הנוער העובד" האָט גע־שיקט שרגאן אויף זעקס חדשים אויף הכשרה קיין עין־גב. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דינען אַלס נוטר. שפּעטער איז ער אָנגענו־מען געוואָרן אויפן יורידישן פאַקולטעט אין תל־אביב און האָט דאָרט געלערנט איבער צוויי יאָר. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער באַפרייאונגס־קריג איז שרגא געשיקט געוואָרן אין פּלאַט.

אין משך פון יענע אַלע יאָרן האָט שרגא זיך פאַר־נומען מיט פאַרלאָזענער יוגנט אין חיפה. מיט דער הילף פון דער פרוי טינקאַ זינגער ז״ל זענען געשאַפן געוואָרן פאַר זיי אַ קלוב און שפּיל־פּלאַץ אין רחוב החלוץ אין חיפה. שרגא איז געווען פאַר די דאָזיקע קינדער אַ דער־ציער און אַ ברודער, ער האָט געזאָרגט פאַר זיי פאַר אַפּרו און וואַקאַציעס און האָט זיי רעפּרעזענטירט אין דער פּאָליציי. נאָכן פאַרנעמען זיך מיט זיי אין משך פון יאָרן זענען שוין די דאָזיקע יוגנטלעכע נישט געווען מער קיין פּראָבלעמאַטישע, נאָר יוגנט, וואָס האָט געאַרבעט און געלערנט. ווען שרגא האָט זיך מאָביליזירט אין דער אַרמיי, איז די זאָרג פאַר די יוגנטלעכע געוואָרן איבער־געגעבן אין די הענט פון הער ברעם, וועלכער האָט גע־עפנט די שול „עמל" אין חיפה.

שרגא איז געשיקט געוואָרן אויף זעקס מאָנאַטן אויף אַ קורס פון אונטעראָפיצירן פון פּלאַט. ווען ער האָט אים געענדיקט, האָבן שרגא און זיין חבר שלמה פאַרגעשלאָגן אַ גרופּע פון אונטעראָפיצירן צו שאַפן אַ ים־קאָאָפּעראַטיוו. די גרופּע האָט באַקומען אַ צייטווייליקן אורלויב פון מיליטער, און דער באַדינג איז געווען זיי זאָלן פירן זייער טעטיקייט אין די ראַמען פון פּלאַט. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך אָנגערופן „אופיר" און די ערשטע שיף, וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפן האָט ער גע־געבן אַ נאָמען „מסדה".

די שיף איז אַרויסגעפאָרן פון איטאַליע קיין איס־לאַנד און פון דאָרט קיין ענגלאַנד און איטאַליע. אין דער נאַכט פון 28.3.59 איז „מסדה" דערטרונקען גע־וואָרן, נישט ווייט פון דער שטאָט נאַפּאָלי, און מיט איר דריי ישראלדיקע בחורים און דריי איטאַליענישע. איי־נער פון זיי איז געווען שרגא.

אַזוי איז איבערגעריסן געוואָרן דער פאָדעם פון לעבן פון יונגן חלוץ, וועלכער האָט געוואָלט דעראָבערן דעם ים.

שמעון דאָמאַשעוויצקי ז"ל

שמעון דאָמאַשעוויצקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1898 אין דאָרף זאַמאַישטש, וואָס ליגט נעבן פּיעסק און מאָסטי. זיין פאָטער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער ספּע־ציאַליסט און איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט אַלס געניטער פאַכמאַן און אָרנטלעכער מענטש. גוט־באַזיצער וועלכע האָבן געוואָלט צוטיילן ערד אָדער וועל־דער זענען געווען גרייט צו וואַרטן איבער אַ יאָר, כדי דאָס זאָל געמאַכט ווערן דורך וואָלף־זאב דאָמאַשע־וויצקי, אַ וווּנדערבאַרער און הויכגעשעצטער מענטש, וועלכער איז געשטאָרבן אין אַ יונגן עלטער.

ווייזט אויס, אַז וואָלף־זאב דאָמאַשעוויצקי האָט גע־וואָלט, אַז אויך זיין זון זאָל לערנען די דאָזיקע פּראָפע־סיע, ווייל ער פלעגט אים מיטנעמען זייער אָפט אין די גיטער און וועלדער פון פּריצים, כדי ער זאָל אים העלפן ביים מעסטן און מאַכן רעכענונגען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז וואָלף־זאב דאָמאַשעוויצקי געבליבן אָן אַרבעט און ער איז אַריבער אין שטעטל מאָסטי און נאָך דעם קיין פּיעסק.

אין יאָר 1916 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידע־מיע, און וואָלף־זאב דאָמאַשעוויצקי איז געשטאָרבן. ער האָט געלאָזן נאָך זיך אַ פרוי, צוויי זין און צוויי טעכ־טער. דער יאָך פון פרנסה איז געפאַלן אויף שמעונען.

שמעון איז געווען אַ ציוניסט פון זיינע יונגע יאָרן אָן און האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, ער האָט אָבער געפירט די קליינע אונטערנעמונג פון זיין משפחה. די גוט־באַזיצער פלעגן אים צושטעלן קערנער און ער האָט פון זיי פּראָדוצירט בוימל און פסולת פון בוימל. די גוט־באַזיצער זענען געווען צו־פרידן פון זיין אַרבעט און האָבן זיך באַמיט אים צו איבערצייגן ער זאָל בלייבן אין גלות, ווייל ארץ־ישראל איז אַ וויסטער מדבר.

צום סוף האָט שמעון אָלץ פאַרלאָזן און אין יאָר 1925 איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט אַ גרופּע פון פּיעסקער, צווישן זיי אויך חיינע, מיט וועל־כער ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט. שמעון איז געווען זיכער, אַז די צעשיידונג פון זיין משפחה איז בלויז אַ צייטווייליקע און אַז ווען די פּיעסקער וועלן אַרויס אויף התיישבות, וועט ער זיי אַריבערברענגען צו זיך. אָבער ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער פּלאַן פון הת־יישבות וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן און אַז דער עקאָנאָמישער מצב פון זיין משפחה איז אַ שווערער, האָט ער נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

שמעון איז געווען איינער פון די הויפּט־זיילן פון דער קבוצת־זיפזיף, ווו ער איז געווען קאַסירער, און פון דער ישראלדיקער קאָמוניקאַציע, ווו ער האָט שטענ־דיק דערפילט ערשטראַנגיקע פונקציעס. ער האָט גענו־מען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון טראַנס־פּאָרט פון איין אויטאָבוס אין קירת־חיים ביז דער פאַר־איניקונג פון די קאָאָפּעראַטיוון „שחר", „דרום־יהודה" און „אגד".

שמעון איז געווען זייער באַשיידן און האָט נישט פאַרלאַנגט גאָרנישט פאַר זיך. ער האָט אָבער געקעמפט ווי אַ לייב ווען ער האָט געמיינט, אַז מען באַוואָלט עמעצן אַנדערש. שטענדיק האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם שוואַכן, באַהויפּטנדיק אַז דער שטאַר־קער וועט זיך אַליין געבן אַן עצה. שמעון איז געווען קלוג און געבילדעט, אַ מענטש מיט אַ קלאָרן געדאַנק און אַ פעאיקייט אַרויסצוזיען קאָנסעקווענצן.

ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן פון די הער־צער פון זיין משפחה און זיינע חברים.

משה שחורי (זלאָטניצקי)

שטריכן צו די געשטאַלטן פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אינסטרוקטאָרן פון דער יוגנט

ביזן אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן האָט די גאַנצע אָרגאַניזירטע יוגנט פון פּיעסק געהערט צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. צום אָנהויב איז דאָס געווען דער קן פון השומר הצעיר, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך אייניקע יונגעלייט פון וואָלקאָוויסק. נאָך אים איז אַנטשטאַנען דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קרייז, אונטער דער לייטונג פון חיים לונסקי ז״ל, וועלכער האָט אים אָנגעפירט און געלערנט ביזן סוף פון זיין לעבן.

אַ פּאָר שטריכן צו זיין געשטאַלט: זיין גאַנץ לעבן איז געווען געווידמעט צו עקסטערן־לערנען, אויסצוברייטערן זיין וויסן און לערנען תלמידים, מיט איבערגעגעבנקייט און מיט טאַלאַנט, אָן אַ שום באַלוינונג. ער האָט געהאַט טיפע ידיעות אין דער יידישער געשיכטע, אין דער טעאָריע פון אַלגעמיינעם און ציוניסטישן סאָציאַליזם, אין דער העברעאישער, יידיש־קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור. דאָס אַלץ האָט ער אַליין געלערנט און אונטערריכטעט די אָרגאַניזירטע יוגנט מיטן טאַלאַנט פון פעאיקן רעדנער און ערשטקלאַסיקן פּאַלעמיקער.

אַ שווערע קראַנקהייט, וואָס האָט אָנגעגריפן זיינע לונגען, האָט אים גורם געווען אויסער די פיזישע ליידן אויף דעם צער פון נישט ווערן אָנערקענט אַלס פעאיק עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זיין קערפּערלעכע שוואַכקייט האָט אים נישט דערמעגלעכט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל. אַ געוויסע ווינטער־נאַכט, די געניוע דאַטע געדענק איך נישט, איז ער אומגערהייט נפטר געוואָרן, ווען ער איז אַלט געווען ביי אַ יאָר דריי סיק אָדער אפילו וויניקער. מיט זיין טויט איז פאַרשוווּנדן פון דער וועלט אויך דער קרייז.

אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אין פּיעסק די בית״ר־באַוועגונג. אַ קליינע צאָל יונגעלייט, וואָס האָבן געהערט צו דעם דאָזיקן קרייז, ווי אויך אַ פּאָר תלמידים, וועלכע האָבן געלערנט אויסער פּיעסק, זענען געווען די ערשטע חברים פון בית״ר. די גרינדער, און שפּעטער אויך די פירער פון קן און זיינע אינסטרוקטאָרן, זענען געווען: ישראל זלאָטניצקי און מנחם קאַפּלאַן. דער ערשטער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס רעדנער און איז אויפגעטראָטן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען און אויף קאָנפערענצן; און דער צווייטער איז געווען אַן אידעאָלאָג, וועלכער האָט פאַרשפּרייט די תורה פון בית״ר אין קליינע קרייזן פון יוגנט און קינדער. ישראל איז געווען מפקד הקן אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, און מנחם האָט געדינט אַלס זיין סעקרעטאַר. אין די יאָרן פון אויפבלי (1932—1934) האָט דער קן געציילט איבער 100 יינגלעך און מיידלעך, אויסער דערוואַקסענע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן אונטערשטיצט מאַטעריעל און גייסטיק.

ישראל האָט געהאַלטן ביים עולה זיין קיין ארץ, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער איז געבליבן אין פּיעסק און איז אומגעקומען דאָרט מיט אַלע איינוווינער פון שטעטל.

פאַראַלעל צום בית״ר האָבן זיך פונדאַסניי געגרינדעט דער „החלוץ" און „החלוץ הצעיר". אין „החלוץ" האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלע געוועזענע חברים פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן קרייז, ווי אויך יונגעלייט, נישט פון די שילער פון דער העברעאישער שול, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסגיין אויף הכשרה און עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

די צאָל פון די סימפּאַטיקער און אונטערשטיצער

פון דעם סניף איז נישט געווען קלענער פון דער צאָל פון זיינע חברים. צווישן זיי זאָל געדענקט זיין צום גוטן גרשון פאַלקאָוויטש, אַ מיטגליד פון „החלוץ הצעיר", אָבער נישט פון „החלוץ", ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין אויף הכשרה.

זיינע חברים פון דער שול־באַנק און נאָכדעם אין „החלוץ הצעיר" האָבן פאַרלוירן זייער גלויבן און האָבן אָנגעהויבן זיך נויגן צום „דערלייזנדיקן" קאָמוניזם. גרשון איז געבליבן געטריי דעם געדאַנק פון סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם. צוזאַמען מיט אַ פּאָר חברים, וועלכע לעבן היינט מיט אונדז אין ישראל, האָט ער אָרגאַניזירט די „החלוץ"־באַוועגונג און איז געווען איינער פון אירע אַקטיוויסטן און הויפּט־אינסטרוקטאָר. גרשון איז געווען ווי אַ מין עלטסטער ברודער פאַר די יונגע חברים פון „החלוץ". ער האָט רעפערירט, אינסטרואירט, אָרגאַני־זירט און פּאָלעמיזירט מיט די קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. קיין שום זאַך איז נישט געטון געוואָרן אָן זיין וויסן און באַשטעטיקונג. נאָכדעם ווי זיין עלטסטער ברודער האָט חתונה געהאַט, איז גרשון געבליבן אַלס בן־יחיד ביי אַן אלמנה און אַ ברודער פון דריי שוועס־טער, פון וועלכע צוויי זענען געווען יינגער פון אים. דעריבער איז אים נישט געווען מעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון „החלוץ", אַרויסגיין אויף הכשרה און עולה זיין קיין ארץ.

ער האָט אונדז אָנגעשטעקט מיטן חלוצישן באַ־וווסטזיין און מיט דעם ברענענדיקן גלויבן אין ציון און האָט דערביי געווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון זיין אַרבעט אין משך פון טאָג.

סוף 1937 בין איך צוריקגעקומען קיין פּיעסק, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון פיר יאָר, כדי זיך צו גרייטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די מערהייט יונגעלייט און חברים זענען אַרויס אויף הכשרה. אַ טייל איז עולה געווען. אַנדערע זענען אַוועק אין אַנדערע ערטער. גרשון איז געבליבן. ער האָט מיר געזאָגט: „ביידע האָבן מיר געאַרבעט פאַרן זעלבן אידעאַל. דו האָסט זיך געראַטע־וועט, איך בין געבליבן אָפּגעריסן. אַ ליידיקייט נעמט אַרום מיין גאַנצן וועזן". איך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי אים צו טרייסטן און אַזוי האָב איך זיך פון אים געזעגנט אויף אייביק. צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער איז ער געפירט געוואָרן צו דער שחיטה.

די יוגנט אין פּיעסק, וואָס האָט באַקומען אַ טראַ־דיציאָנעלע דערציאונג און האָט געשעפּט די יסודות פון איר בילדונג פון די גייסטיקע קוואַלן פון אונדזער פאָלק, האָט נישט פאַרענדיקט איר לערנען מיטן פאַרלאָזן די שול־באַנק. די מערהייט האָט דערגענצט זייערע ידיעות פון לייענען און זעלבסט־לערנען. און די כוונה איז נישט נאָר צו די, וואָס האָבן זיך גענייגט צום ציוניזם, נאָר אויך צו די, וואָס פון פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג האָבן זיי זיך גענייגט צום קאָמוניזם.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוויד־מעט זייער לעבן צום לערנען תורה אין די ישיבות אוי־סער פּיעסק, לערנען תורה לשמה, און נישט צוליב פּרנסה.

זאָלן די דאָזיקע בלעטלעך דינען אַ ליכט צו זייערע הייליקע נשמות.

י. באַראַווסקי

צום אנדענק פון דער פאמיליע לייבע (אריה) און חיה־זעלדע בּאראווסקי

דער פעטער לייבע באַראַווסקי איז געווען דער פּער־טער זון פון זיידן משה און דער באָבען ברײַנע ז״ל.

דער זיידע משה באַראַווסקי איז געווען אַ הורט־סוחר פון תבואות און זיינע געשעפטן זענען געווען פאַרשפּרייט אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד, ליטע און מזרח־דייטשלאַנד. אין די ווינטער־חדשים פלעגט ער מאַגאַ־זינירן די תבואה אין שפּייכלערס ביים טייך ניעמאַן. פרילינג, ווען דער אייז אויפן טייך איז צעגאַנגען, האָט ער געלאָדן די תבואה אויף טראַטוועס צו די שטעט גראָדנע, קאָווּעל און מעמעל. דער זיידע משה באַראַווסקי האָט זיך גערעכנט אַלס אַ גרויסער סוחר און זיין משפּחה איז געווען באַקאַנט און געשעצט.

דער זיידע משה באַראַווסקי איז געשטאָרבן אין אַ יונגן עלטער. זיינע זין האָבן ווייטער געהאַנדלט מיט תבואה. זיין אייניציקע טאָכטער האָט חתונה געהאַט און פאַרלאָזן פּיעסק. מיין פאָטער מאיר ז״ל איז געוואָרן מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי און האָט געדינט פיר יאָר מיט אַ פערטל. דער פעטער ברוך, דער יינגסטער פון די זין, איז נאָך נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרנע־מען אַ שטעלונג.

די דריי עלטסטע זין — מענדל, יצחק און לייבע, האָבן פאַרקויפט די פּיעסקער פּויערים, פאַר אַ נידעריקן פרייז פון דעם אמתדיקן ווערט, בניינים און ערד אין אַ שטח פון הונדערטער מאָרג. עס איז געבליבן בלויז דאָס הויז וווּ מיר האָבן געוווינט מיט דער באָבען ברײַנע. איך בין געווען זייער צוגעבונדן צו מיין באָבען, און איך פלעג מיטגיין מיט איר ווען זי האָט געפּאַשעט די גענדז. „וזה מיין אייניקל יודעלע״, פלעגט זי זאָגן, „די אַלע פעלדער זענען געווען אונדזערע. אָבער די זין האָבן גע־האַנדלט אָן שכל און האָבן. זיי פאַרקויפט פלאָרוקן און אַניכא פאַרנאַשקעס און אַנדערע. איך בין אַלט און אין גיכן וועל איך קומען צו מיין משהלע אין עולם־האמת. אָבער דו, אַז דו וועסט אויפוואַקסן, זאָלסטו דערציילן דיינע קינדער, אַז די דאָזיקע אַלע פעלדער האָבן אַמאָל געהערט צו דער פאַמיליע באַראַווסקי״.

אין עלטער פון צוועלף יאָר בין איך אַמאָל געגאַנ־גען פּאַשען די גענדז. די שקצים האָבן מיך געוואָלט אָוועקיאָגן. איך בין זיי באַפאַלן און געשריגן: „די דאָזיקע



פעלדער זענען אַמאָל געווען אונדזערע. איך וועל בשום אופן נישט אַוועקגיין פון דאַנען". צום סוף האָבן זיך אַריינגעמישט די עלטערע גויים און האָבן נישט געלאָזט מען זאָל מיך אַוועקטרייבן. איך האָב זיך געטראַכט, אַז מיינע פעטערס האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. מען פאַר־קויפט נישט אַזאַ טייער פאַרמעגן.

דער פעטער לייבע האָט פאַרגעזעצט אַליין, אָן דער הילף פון זיינע ברידער, צו פירן מסחר. זיין פרנסה איז נישט געווען איבעריק גוט און ער איז געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרנעמען אויך מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען. די עקאָנאָמישע לאַגע ביי אים האָט זיך פאַרבעסערט ווען זיינע זין זענען אונטערגעוואַקסן און האָבן אים גענומען העלפן.

דאָס הויז פון פעטער לייבע און דער מומע זעלדע איז געווען אָפן און וואַרעם און אַלע קינדער פון דער משפחה באַראַווסקי פלעגן דאָרט פיל פאַרברענגען. די מומע זעלדע האָט אויפגענומען די קינדער פריינטלעך און פלעגט זיי געבן כיבוד. די קינדער האָבן זיך געפילט באַקוועם און זיי פלעגן איבערקערן דאָס הויז בשעת זיי־ערע שפּילערייען. דער פעטער און די מומע האָבן זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, טראָץ דעם וואָס מען האָט געשטערט זייער רו. באַזונדערס האָט דאָס באַשווערט דעם פעטער לייבע, וועלכער האָט די גאַנצע וואָך שווער געאַרבעט.

נישט אַלע שפּילערייען פלעגן פאָרקומען אין הויז. מיר האָבן זייער ליב געהאַט צו רייטן אויף דעם ריזן פערד „בולאַן", און די מומע זעלדע האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער אונדז קאָפּען. די בעסטע צייט פאַר די שפּילערייען איז געווען ווען דער פעטער און די מומע, קינדער פון רבנים, פלעגן אָנטון די שבתדיקע בגדים און אַוועקגיין דאַווענען אין שול. ווען זיי פלעגן צוריקקומען, האָט די מומע געשמייכלט און געזאָגט: „נו קינדער, איר האָט אַלץ איבערגעקערט, זאָלט איר זיין געזונט". עס איז גוט געווען זיך צו געפינען צווישן די פיר ווענט פון פעטער לייבע און דער מומע זעלדע.

איצט זענען אַריבער די קינדער־יאָרן. עס האָט זיך געענדיקט די צייט פון שפּילערייען, עס זענען פאַרבליבן בלויז די זכרונות. דער פעטער לייבע, די מומע זעלדע, זייערע קינדער און אייניקלעך, שיין ווי פרילינג־בלומען, זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן גרויסן באַראַווסקי־שבט, נאָר ווייל זיי זענען געווען יידן.

פינף זין האָבן געהאַט דער פעטער לייבע און די מומע זעלדע. איך געדענק ווי אַזוי די מומע זעלדע, שלאַנק און שיין, פלעגט שטיין, באַטראַכטן אירע זין מיט ליבע־בליקן, צוקעמען זייערע האָר און ברענגען אין אָרדענונג זייערע מלבושים.

דער עלטסטער זון, משה באַראַווסקי, איז געווען זעלטן שיין, געזונט, הויך און שטאַרק ווי אַ צעדערבוים פון לבנון. ער האָט געלערנט שניידעריי ביי געניטע בעלי־מלאכות און איז אַליין געוואָרן אַ גלענצנדיקער שניידער. שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן די שניידעריי, האָט זיך איבערגעצויגן אין דער גרויסער שטאָט ווילנע און האָט מצליח געווען אין מסחר. ער האָט געהייראַט אַ פרוי מיטן נאָמען רחל און זיי האָבן געהאַט צוויי טעכטער, זינאַ און רבקה. די גאַנצע משפחה איז אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די נאַציס.

דער צווייטער זון, מרדכי, האָט געפירט ווען ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער מאַן, די געשעפטן פון דער משפחה. און ווירקלעך האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט. אין אונדזערע קינדער־יאָרן האָט דאָס הויז געדינט ווי אַ שפּיל־פּלאַץ. ווען מיר זענען אויפגעוואַקסן האָט מרדכי פאַרוואַנדלט דעם אָרט אין אַ „קלוב", און ער איז געשטאַנען אין זיין שפּיץ. אין דעם דעמאָקראַ־טישן פאַמיליע־קלוב האָבן זיך געפירט אָנגענעמע און אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, און היינט דאַכט זיך, אַז זיי זענען געווען בלויז אַ חלום.

מרדכי איז צוגעשטאַנען צו זיין ברודערס געשעפטן אין ווילנע און האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ משפחה. זיין פרוי און זיינע צוויי טעכטער זענען געוואָרן אומגע־בראַכט דורך די נאַציס. ער האָט זיך געראַטעוועט דורך אַ נס און ער לעבט היינט אין אַרגענטינע.

דער דריטער זון, דוד, האָט געפירט נאָך דער אַוועק־רייזע פון זיינע צוויי ברידער די געשעפטן פון דער משפחה. אַזוי ווי ער איז געווען אַ פּיפיקער סוחר, אַ ליבער מענטש און האָט געהאַט אַ חוש פון הומאָר, האָט ער מצליח געווען אין זיין באַרוף. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּיעסקער מיידל, דבורה יעלין, די טאָכטער פון זישקע די בעקערקע, און האָט חתונה געהאַט מיט איר.

זיי האָבן געהאַט צוויי טעכטער. די גאַנצע משפחה איז געוואָרן אומגעבראַכט דורך די נאַציס.

דער פערטע זון, ברוך, האָט נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט ווייטער זיצן אין פוילן, ווען אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק האָט געבראַכט צו אַן עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער דערשטיקונג. אין עלטער פון זיבעצן יאָר, נאָך זייענדיק אַ ייִנגל, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. ער איז אַ סך אויסגעשטאַנען אין דעם פרעמדן לאַנד ביז ער איז מצליח געווען אין אים. היינט איז ער אַ בעל־משפחה און האָט דערוואַקסענע קינדער. זיין טאָכטער, וועלכע איז אַ דיפּלאָמירטע ביכער־פירערין, האָט חתונה געהאַט און וווינט נישט ווייט פון די עלטערן. זיין זון איז אַן אינזשיניער.

דער ייִנגסטער זון, יחזקאל, איז אַוועקגענומען געוואָרן אין זיינע יונגע יאָרן דורך די ברידער משה און מרדכי קיין ווילנע, כדי ער זאָל לערנען אין דער באַוווסטער שול „עפשטיין". נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט זיין לערע איז ער אַוועק צו זיין ברודער ברוך קיין אַרגענטינע. אַן שטיצע פון די עלטערן און אַן אַ באַרוף, אַזוי ווי ער האָט געלערנט בלויז טעאָרעטישע לימודים, איז אויף אים אַריבער אַ קריזיס אין דעם פרעמדן לאַנד. זיין ברודער ברוך האָט געוואָלט אויפטון פאַר אים זייער פיל, אָבער אין יענע טעג איז ער אַליין נאָך נישט געווען איינגעאָרדנט. ענדלעך האָט יחזקאל געעפנט אַ געשעפט צום פאַרקויפן קליידונג און שוכוואַרג אין הורט. היינט זיצט ער אין אַ קליין שטעטל, 400 קילאָמעטער פון בוענאָס־איירעס. אַרום דעם שטעטל זענען פאַראַן פיל ישובים, ווו עס וווינען אויך ציגיינער. די מענטשן דאָרטן זענען גוטע, אָרנטלעכע און רויִקע, און נישט נאָר וואָס זיי האָבן נישט אין האַרצן קיין אַנטיסעמיטישע געפילן לגבי דער איינציקער ייִדישער משפחה צווישן זיי, נאָר זיי אינטערעסירן זיך בכלל נישט מיט פּראָבלעמען פון רעליגיע און ראַסע.

יחזקאל באַגעגנט זיך אָפט מיטן ברודער. ער האָט חתונה געהאַט, און ער האָט אַ זון און אַ טאָכטער. ער לעבט זייער גליקלעך.

דאָס איז די געשיכטע פון דער פאַמיליע לייבע (אריה) און חיה־זעלדע באַראַווסקי. דריי פון אירע זין זענען געבליבן לעבן און האָבן אויפגעשטעלט משפחות. די אַנדערע זענען געוואָרן אומגעבראַכט דורך די נאַציס, אָבער זייער אָנדענק וועט בלייבן אייביק.

חיים רוזשאַנסקי (אַרגענטינע)

דער קאַמף פאַר 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג

טראָץ דעם וואָס פּיעסק איז געווען אין שטח זייער קליין, דאָך איז זי נישט געווען הינטערשטעליק אויף קיין שום געביט קעגן אַנדערע שטעטלעך אַרום. אין קעגנטייל, פּיעסק האָט שטענדיק געברויזט מיט קולטור און וויסן, מיט אידייען און פּאַרטייען, קאַמפן צווישן לינקע און רעכטע, דיסקוסיעס צווישן דער יוגנט, שולעס, ביבליאָטעקן ווו מיר האָבן געלערנט און געלייענט און געשעפּט אונדזער גייסטיקן באַגאַזש.

דאָס אַלץ זעה איך איצט פאַר מיינע אויגן, עס דאַכט זיך מיר, אַז איך לעב דאָס איבער אויף דאָס ניי. אָט אַזוי אַ שטייגער זע איך נאָך אַזוי קלאָר און פריש אין מיין זכרון דעם קאַמף אין פּיעסק פאַר דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן מיט מיין באַטייליקונג.

ווען אין גאַנץ פּוילן, אין אַלע גרויסע שטעט און שטעטלעך, האָבן שוין די אַרבעטער אויסגעקעמפט דאָס רעכט אויף דעם 8־שעדיקן אַרבעטס־טאָג, האָט מען נאָך ביי אונדז געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך אויך צווישן זיי.

נאָך אַלס אַ גאַנץ יונג יינגל האָב איך געאַרבעט אַלס שניידער ביי אונדזערע שטעטלדיקע שניידער בעלי־בתים, ווי יהודה באַביטש און אַכטשיק דער שניידער. זיצנדיק ביי דער מאַשין אָן אַ שום קאָנטראָל פון דער צייט, נאָר פון טאָג צו נאַכט, פלעג איך זיך נישט איין מאָל פאַרטראַכטן און פרעגן זיך אַליין, ביז ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי אַרבעטן פון פינצטער ביז פינצטער. עס האָט מיך גענומען עקבערן דער געדאַנק און רופן צו אַ פרייערן לעבן, צו אַ פרייערער שעה, כדי אַרויסצוגיין פאַרברענגען. איך האָב שוין דאַן פאַרבראַכט מיט מיידלעך, ראָמאַנסירט און געחלומט וועגן גליק.

עס איז געבוירן געוואָרן אין מיר דער געדאַנק צו רעאַליזירן אויך אין פּיעסק דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, כדי מיר, די פּיעסקער יוגנט, זאָל אויך קאָנען געניסן פון מער זון און לופט, פון פרייער צייט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע.

איך האָב זיך געטראָפן מיט מיין קוזין אברהם רוזשאַנסקי. ער איז אויך געווען אַ שניידער, מיט אברהמטשיק אורלין, מיט די ברידער סופר, מיטן מגידס זין בערל און מענדל, און נאָך אייניקע חברים. מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע און באַשלאָסן אָנצושרייבן אונדזערע פאָדערונגען און באַלד פאַרטיילט אַלע בעלי־בתים פון שטעטל.

נו, פאַרשטייט זיך, אונדזערע בעלי־בתים, וועלכע זענען געווען געוווינט אַ לעבן לאַנג, אַז מיר זאָלן אַרבעטן אָן אַ חשבון, האָבן נישט געוואָלט אָננעמען אונדזערע פאָדערונגען. מיר האָבן אָבער געקעמפט פאַרביסן, און יעדן טאָג געגאַנגען אַראָפּנעמען אַרבעטער פון דער אַרבעט, און אָט איז מיר געבליבן אין מיין זכרון דאָס בילד ביי מלכה די שניידערקע.

איך בין געגאַנגען מיט מענדל דעם מגידס אַראָפּנעמען דעם פּערסאָנאַל. קיינער האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד, אַלע זענען אַראָפּ מיט פרייד און מוט. די איינציקע מאַשקע דעם שטעפּערס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די אַרבעט און עס האָט געקאָסט מי איר אויפצוקלערן, אַז מיר קעמפן פאַרן נוצן פון אַלעמען.

קולטור־טעטיקייט

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז ענדלעך ביי אונדז אין פּיעסק דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג געוואָרן אַ פאַקט. שפּעטער, נאָך דעם ווי די 12 שעה זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין 8 שעה, האָב איך שוין געקענט טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן און ־עס האָט מיך גענומען עפּעס

ציען צו שאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז. איך האָב ביי אונדז אין שטוב, אַ שבת נאָכן טשאָלנט, פאַרבעטן אַלע חברים, ווי אברהם אורלין, אברהם שמואל, אברהמל דעם מגידס, בערל, אברהם לייב, ביילע יאַנקלס, ליפשע און פרומקע דעם בלעכערס און מיין שוועסטער שיינע און נאָך אַ סך יוגנט. און צווישן אונדז אַלעמען זלמנען, וועלכער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער מוזיקער און אַ שטאַרק פעאיקער אויפן טעאַטער-געביט. ער האָט באַשלאָסן אַנצוהויבן רעפּעטירן מיט אונדז „די פוסטע קרעטשמע". פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזעלכע אַנפאַנגער איז געווען שווער צו שפּילן די דאָזיקע פּיעסע. אָבער אונדזער יוגנטלעכער אומרו און אַמביציע זענען געווען גרעסער פון אונדזערע פעאיקייטן. ענדלעך האָט זלמן איינגערעפּעטירט מיט אונדז אַ פּיל לייכטערע פּיעסע, אַן אָפּערעטע, וואָס האָט געהייסן „די כלה פון די דריי חתנים". עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן דאָס אויפגעפירט אין אונדזער שטאָטישן טעאַטער משטיינס גזואַגט, אין „קאַבאַק", מיט גרויס דערפאָלג, אין אַן אויספאַרקויפטן זאַל פון ווינקל צו ווינקל.

מיר האָבן אויך געשאַפן אַ פוטבאָל-קלוב, און אונדזער יוגנט איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שיינעם ספּאָרט. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קאַפּיטאַן פון קלוב. מען האָט אונדז אַנגאַזשירט אויף מעטשן אין וואָלקאָוויסק, לונע און זעלווע, און אומעטום האָבן מיר געשפּילט מיטן גרעסטן דערפאָלג.

די חלומות האָבן זיך אויסגעלאָזט

צום גרויסן באַדויערן האָט אונדזער יוגנט-גליק לאַנג נישט געדויערט. אונדזערע חלומות און אילוזיעס צו געניסן פון דעם וואָס מיר האָבן געשאַפן זענען שנעל אויסגערונען געוואָרן. די פּאָליטישע לאַגע אין פּוילן איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג, דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבושעוועט און די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אויסזיכטלאָז. איך בין שוין דאַן אַרומגעגאַנגען מיט מיין אויסדערוויילטער, גליקע, און געחלומט צוזאַמען מיט איר וועגן אַ היים און וועגן אַ בעסערער צוקונפט. ליידער איז דאָס אין דער היים פאַר מיר געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן. באַזונדערס האָט מען מיך באַשטימט צו דינען אין ערשטן פּולק אולאַנער און דאָס איז אוודאי נישט געווען פאַר מיר קיין געשעפט. איך האָב אַלזאָ באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין אַרגענטינע.

איך האָב אויך שנעל דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן און אין יאָר 1929 האָב איך אין אַ ווינטערדיקער, פראָסטיקער און שנייאיקער נאַכט פאַרלאָזן מיין היים, מיין טאַטע-מאַמע, מיין ברודער עליע מיט זיין פאַמיליע, מיין שוועסטער שיינע, מיין ברודער שלמה, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין ארץ-ישראל אין אַ מאָנאַט אַרום, מיינע אַלע חברים און חברטעס, און מיין געליבטע גליקע, צוזאַמען מיט מיין ליב און אומפאַרגעסלעך שטעטעלע פּיעסק.

איך בין אָנגעקומען קיין אַרגענטינע די ערשטע טעג פון יאָר 1930 און איך האָב דאָ געטראָפן אַ שרעקלעכן קריזיס. ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו טראַכטן ווי נאָר וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע און וועגן דער עלנטקייט. איך האָב געקעמפט ווי אַ לייב פאַר מיין עקזיסטענץ. נאָך שווערער מי און פּראַצע האָב איך קוים באַוויזן אַריבערצונעמען גליקען. באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אונדזערע אַלע ליבסטע זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן קדושים.

נאָך דער מלחמה

נאָך דער מלחמה, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן גרויזאַמען גורל פון אונדזערע משפחות, זענען מיר ווי געטריבן געוואָרן צו פאַרבינדן אונדזער פּיעסקער משפחה אין אַרגענטינע, און מיר האָבן געגרינדעט אַ פּיעסקער פאַריין, אַ היים ווו מיר זאָלן זיך קאָנען צונויפקומען און אויסוויינען צוזאַמען אונדזער ווייטיק, אויך זיך טיילן צוזאַמען מיט אונדזערע גוטע מאָמענטן. מיר האָבן נישט גערוט אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן געשאַפן דעם פּיעסקער פאַריין.

מיר האָבן פאַראייביקט מיט אַ טאָוול ביי דעם מאָנומענט פון די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע אומגעבראַכטע. מיר פירן דורך שיינע צוזאַמענקונפטן און שיינע יום-טובים. מען לאַכט, מען וויינט, מען דערינערט אונדזער ליב שטעטעלע פּיעסק, איר פאַרגאַנגענהייט. אונדזער האַרץ קערט זיך דאָרט אום זייער, זייער אָפט.



זלמן קאַפּלאַן

די בית״ר־באַוועגונג אין מאַסטי

אין דער קליינער מאַסט איז נישט געווען קיין שול. דעריבער האָב איך געמוזט באַקומען בילדונג אויסערן שטעטל. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געווידמעט מיינע בעסטע כוחות, כדי צו גרינדן אַ יוגנט־באַוועגונג בית״ר. מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען פרייטיק־צונאַכטס, שמועסן, דיסקוטירן, זינגען און לייענען ביכער.

מאַסט האָט געדינט אַלס אַ פּרוכטבאַרער באָדן פאַר יעדער ציוניסטישער טעטיקייט. אַלע איינוווינער פון שטעטל האָבן אַרויסגעוויזן זייער צוגעבונדנקייט צום לאַנד דורך פרייוויליקע שפּענדעס פאַרן קרן־קימת און קרן־היסוד, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן שווער געאַרבעט כדי צו פאַרדינען זייער קנאַפּ געלט.

די בית״ר־באַוועגונג האָט עקזיסטירט ביי אַ פינף־זעקס יאָר. איר הויפּט־ציל איז געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. עס זענען געווען יונגעלייט, וואָס האָבן צו דעם זוכה געווען, נאָך דעם ווי זיי זענען דורכגעגאַנגען הכשרה אין באַראַנאָוויטש און אין אַנדערע פּלעצער, אין משך פון קורצע אָדער לאַנגע תקופות. צווישן זיי זענען געווען מאיר קאַפּלאַן ז״ל און חיים פּעשינסקי.

צו אונדזער גרויס באַדויערן זענען געווען פילע, וועלכע האָבן געוואָלט לעבן מיט אונדז דאָ, האָבן אָבער נישט זוכה געווען צו דעם.

לזכר חיה לאה לעווין ז"ל

הישיבה הקדושה דסלונים
נוסדה בשנת תקצ"א
רמת-גן, ארץ-ישראל
הרב שבתי יגל
ראש הישיבה

ב"ה, יום ז' לחדש תשרי, שנת תשכ"ח.

הנחם ציון ובונה ירושלים הוא יחזק וינחם את כבוד ידידינו בני משפחת לעווין הנכבדה נ"י,
ברוקלין, נ. י.

מיט גרויס צער האָבן מיר געהערט די שווערע ידיעה פון דער פטירה של האשה הצדקנית, חשובע מיטגלידערין פון ישיבה, אייער ליבע, טייערע מוטער מרת חיה-לאה ב"ר מאיר הכהן לעווין עליהם השלום.

אַ געשטאַלט פון פריערדיקע דורות, וועלכע האָט פאַרקערפּערט אין זיך דעם ריינעם ידישן חן, די הייליקע ידישע צניעות, די גייסטיקע אוצרות פון דער ידישער מאַמע פון פריערדיקע דורות, אַ געשטאַלט, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט אהבת חסד און אהבת תורה און זייער פיל מעשים טובים, אַ געשטאַלט, וועלכע האָט געוואָרעמט און געלויכטן אויף איר גאַנצער סביבה מיט איר ריינער נשמה און וואַרע־מען, גוטן, ידישן האַרץ.

דאָס איז אַן אבידה פאַר דער גאַנצער משפחה, אין וועלכער זי איז געווען די קרוין, אָבער אויך אַן אבידה פאַרן כלל, די אַלע אוצרות, אין וועלכע זי איז גע־בענטשט געווען מיט אַ גרויסער מאָס, זענען אַוועק און עס וואַקסט לײדער נישט אָפּ, לײדער לײדער, אַזוי אַז אויך דער פאַקט, וואָס זי איז געווען געבענטשט מיט אריכות ימים איז נישט קיין טרייסט, ווייל די דאָזיקע גייסטיקע אוצרות פעלן דעם כלל זייער.

ביי אונדז אין דער ישיבה וועט איר נאָמען זיין פאַראייביקט מיט גרויסער ערע, כבוד און ליבע, דאָ וועט זיין איינגעקריצט די הייליקע געשטאַלט פון דער ידי־שער מאַמע, די צדקנית, דאָס ריינע, גוטע האַרץ, וועל־כעס האָט מיט אַזוי פיל, פיל ליבשאַפט געדענקט, גע־טרייט, און געהאָלפן להחזקת התורה, זכר צדקת לברכה.

מיר זאָלן אַלע זוכה זיין אינגיכן צו דער ישועה ונחמה פון כלל ישראל, וואָס אין דעם איז שוין אויך איינגעהילט די טרייסט און נחמה פאַר יעדן פרט, און פרט בביאת המשיח ותחית המתים במהרה, אמן.

מיט פריינדשאַפט
הרב אברהם יגל

פראגמענטן פון בריוו

פון משה־ראובן, מלכה און זיידל שבח

פיעסק, 13.11.1936

טייערע און ליבע קינדער חנן און שיינדל,

...שטעל זיך פאָר, אַז נאָך דיין אַוועקפאָרן איז אַלץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן. קיין לאָקאַל איז שוין נישטאָ, נישטאָ ווו זיך צונויפקלייבן און ווער עס זאָל וועקן. מען גייט אַפילו נישט אויף אַ „הרקה" פון די פושקעס פון קרן־קיימת.

איצט, עטוואָס פון היינטיקן שמחת־תורה. עס איז פאָרגעקומען ווי שטענדיק ביי אונדז אין הויז. עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם צום דאַווענען און זיידל האָט פאַרטראָטן דיין חזקה און געדאַווענט פאַרן עמוד. ס'איז געווען זייער גוט און מען האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. דער פּראָוויזאָר וויסמאַנטסקי האָט גערעדט און נאָך אייניקע. מ'האָט גוט צוגעביסן און אַלע האָבן זיך געפרייט צוזאַמען מיט אונדז.



זיידלען האָט מען צוריק אויפגענומען ער זאַל אָנפירן מיטן „החלוץ". אַלע שבת קלייבט מען זיך צונויף ביי אונדז אין הויז און עס איז צוריק געוואָרן פריילעך.

דיין פאָטער און מוטער ראובן און מלכה שבח

✶

טייערע חנן און שיינדל,

דער טאַטע האָט דיר שוין געשריבן וועגן אַלץ אַפילו וועגן „החלוץ" א. אַ. וו.

ס'איז גאַנץ אינטערעסאַנט, אַז דער טאַטע געפינט פאַר נויטיק צו שרייבן אַזעלכע זאַכן און גלייכצייטיק קריטיקירן וואָס די אַרבעט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך מוז אַפילו מסכים זיין, צו מיין באַדויערן, מיט די אויספירונגען פון טאַטן. נאָר איך וויל דיר אַ ביסל שרייבן וואָס מיר האָבן יאָ דערגרייכט די לעצטע צייט.

ווי דיר איז שוין באַוווסט, האָבן מיר אָנגעהויבן צו רעאָרגאַניזירן דעם „החלוץ הצעיר". די אַרבעט באַשטייט אין דעם וואָס יעדן פרייטיק־צו־נאַכט קלייבט מען זיך צונויף ביי אונדז אין שטוב און גרשון פירט מיט זיי פאַרשידענע אַקטועלע שיחות. אויף מאָרגן, שבת, קומט מען זיך צונויף אין אַ צווייטער שטוב אויף אַ צווייטער שיחה. אַ לאָקאַל איז דערוויל אַ זאַך, וואָס מיר קאָנען נישט אויסהאַלטן. אפשר מיט דער צייט וועט אונדז געלינגען צו דינגען אַ לאָקאַל.

היינטיקן שבת הויבן מיר אָן איינרעפּעטירן אויף אַ חנוכה־אָוונט, וועלכן מיר רעכענען איינאָרדענען ביי אונדז אין שטוב. דער פּראָגראַם איז ווי באַוווסט, ווי שטענדיק: רעפעראַטן, געזאַנג, דעקלאַמאַציעס און לאַטקעס. אין צווייטן בריוו וועל איך דיר באַשרייבן ווי עס איז פאָרגעקומען.

שלום, זייט געזונט,

זיידל

חורבן און גבורה



פרידאַ וואַרשאַווסקי

ביי די פּאַרטיזאַנער

איך בין נישט קיין פּיעסקער, איך בין געבוירן אין האַראַדישטש צווישן באַראַנאָוויטש און נאָוואָגרודעק.

אין אונדזער שטעטל איז די שחיטה געווען די ערשטע אין דער געגנט. מיר האָט געהאָלפן אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אַנטלויפן. פּאַרטאָג בין איך אָנגעקומען צו אַ קריסטין אין דער געגנט פון שוויטעזש, 14 קילאָמעטער פון אונדז. וועגן דער אַזיערע שוויטעזש האָט געשריבן דער פּוילישער פּאָעט מיצקעוויטש.

די קריסטין האָט מיר דערקענט. מיין פֿאָטער איז געווען אַ סוחר פון תבואה און דעם „פּאַנאַ יאַנקעלאַ" האָט געקענט די גאַנצע געגנט. די דאָזיקע קריסטין האָט איינגעשטעלט איר לעבן און מיך געבראַכט צו פירן קיין נאָוואָגרודעק. נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלעבט דריי שחיטות אין נאָוואָגרודעק, בין איך אין יאָר 1942 אַנטלאָפן אין וואַלד. אין דער נאַכט ווען איך בין אַרויס פון געטאָ, האָבן פּראָזשעקטאָרן באַלויכטן אַלץ אַרום, די פּאָליציי האָט געעפנט אַ גרויס פייער, און וועמען די קוילן האָבן נישט געטראָפן, איז געלונגען צו אַנטלויפן. עס זענען אָבער דאָ געווען זייער פיל קרבנות.

העלדן־טאַטן פון שמעיה

איצט האָב איך געלייענט דאָס, וואָס שמעיה ז"ל האָט געשריבן פון זיינער צייט. עס איז אָבער ביי אים גאָרנישט דערמאָנט וועגן דער פּאַרטיזאַנקע און די העלדישע טאַטן.

שמעיה ז"ל האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געלעגן אויף אַ טיפוס מיט איבער 40 גראַד היץ, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם לאַגער. ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. שפּעטער האָט מען באַוואונדערט ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דער סכנה.

פון דער קרענק האָט ער שלעכט אויסגעזען און נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. איטשע ראַטשינסקי האָט פאַר אים דעמאָלט זייער פיל געטון. ווען ער איז געקומען צו די כוחות, זענען זיי אַריין אין אָטריאַד „באַרבאַ", און צוליב אַ צופאַל האָבן זיי זיך צעשיידט.

אין אַ געוויסן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ גאַרניזאָן פון דייטשן. דער אָטריאַד האָט צונויפגעשטעלט אַ טאַנק און די פּאַרטיזאַנען האָבן אָנגעגריפן די דייטשן. רוסישע שפּיאָנען צווישן די פּאַרטיזאַנען האָבן וועגן דעם איבערגעגעבן די דייטשן און זיי האָבן צוגעגרייט אַ גרויסן כוח און די פּאַרטיזאַנען האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה. האָט מען דאָן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די יידן.

עטלעכע און צוואַנציק פון די אָממייסטן העלדישע פּאַרטיזאַנען האָבן דאָן גענומען צוויי פּולעמיאָטן און האָבן פאַרלאָזן דעם אָטריאַד „באַרבאַ". אויך שמעיה איז געווען צווישן זיי. די בריגאַדע האָט דאָן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז זיי קאָנען זיך ריינוואַשן פאַר זייער טאַט, נאָר אויב זיי וועלן אויפרייסן אַ געוויסע צאָל באַנען. זיי האָבן טאַקע באַוויזן פיל גבורה, און נאָכדעם האָט מען פאַרוואַנדלט זייער אָטריאַד אין אַ נייער אָפּטיילונג מיטן נאָמען „אָרדזשאָניקידזע" און שמעיה איז באַשטימט געוואָרן אַלס „קאָמאַנדיר זוואָדאַ", אַ זעלטענער גראַד פאַר אַ יידן. ביים אויפרייסן באַנען, אונטערלייגן מינעס, אויף אַלע געפערלעכסטע אויפגאַבן, אומעטום איז שמעיה געווען דער ערשטער.

אין איין פאַל האָט ער געראַטעוועט זיין זוואָד. אויף דער וואָך איז געשטאַנען ניאָמע יירוש דער נאָוואָגרודקער. שמעיה האָט זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן, געקומען קאָנטראָלירן דעם פּאָסט און דערזען פון דערווייטנס דערנענטירן זיך פּאָליציי. ער איז גיך געלאָפן

אַנזאָגן און דער זוואָד איז אָפּגעטראָטן, ווייל זייער כוח איז געווען צו גרויס מען זאָל זיך קאָנען קעגנשטעלן. ווען די שיסערייַ האָט זיך באַרואיקט, איז ער דער ערשטער אַוועק אויף ראַזוויעדקע, און געבראַכט צוריק ברויט פאַר אַלעמען.

איך האָב דערקענט שמעיהן ווען ער האָט איבערגעפירט אונדז פּאַרטיזאַנער איבער דעם שאָסיי נאָוואָגרודעק. ער האָט אַלעמען געהייסן וואַרטן אין וואַלד און אַליין איז ער אַוועק באַערדיקן זיין גוטן חבר יאָסקע פון פוילן, מיט וועלכן ער איז מיט איין טאָג פריער געפאָרן אויף ראַזוויעדקע. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף דייטשן, יאָסקע איז געפאַלן, שמעיה האָט זיך געראַטעוועט.

אויך זענען זיי אַוועק פינף בחורים אונטערלייגן אַ מינע אויף דעם הויפּט־שאָסיי פון לידע. די מינע האָט אויפגעריסן און פיר יונגע לעבנס זענען צעריסן געוואָרן. ער איינער פון זיי איז צוריקגעקומען בשלום אויף דער באַזע.

ער האָט אויך צוזאַמען מיט זיינע מענטשן אַראָפּגעלאָזן אַ באַן און געבראַכט מיט זיך אין לאַגער פינף לעבעדיקע דייטשן. אָפּהאַקן די קעפּ האָט ער איבערגעגעבן אַנדערע, דאָס האָט ער נישט געקאָנט.

אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַן אויפגאַבע. פאַרטאָג איז ער צוריקגעקומען אין איין בלוזקע אָן זיין שוואַרצן פּעלצל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין פּאַרטיזאַן פון זיין זוואָד האָט צוגענומען ביי אַ קריסטין איר זאַקאַפּאַנעם פּעלצל. די קריסטין האָט זייער געוויינט, האָט ער פון זיך אַראָפּגענומען זיין פּעלץ און איר אַוועקגעגעבן. אַ פּאָר שטיוול האָבן אים די חברים געבראַכט, די שיך זענען שוין געווען צעפאַלן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אַראָפּנעמען פון גויס פיס.

נאָך נקמה נעמען פאַר זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, אויף דעם איז ער געווען גרייט יעדע מינוט. אויף די געפערלעכסטע אויפגאַבעס, אַראָפּלאָזן באַנען, לייגן מינעס, דער ערשטער אויף ראַזוויעדקעס, אומעטום איז שמעיה געווען דער ערשטער.

אויפן יום־טוב פון 8טן מערץ, אין „טאָג פון דער פרוי", ווען דער קאָמענדאַנט פון אָטריאַד האָט מיך געוואָלט נעמען אין שטאָב, האָט ער זיך קעגנגעשטעלט מיטן רעוואָלווער. מיר האָט ער געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדער ברירה, וועלן מיר פאַרלאָזן דעם אָטריאַד. אין אַליאַרמס און פייערן האָט ער אין איין האַנט געכאַפּט די ביקס און די צווייטע האַנט מיר געגעבן, אַרויסגעפירט מיך ווי אַ קינד פון אַלע פייערן.

אונדזער פרייד איז געווען גרויס, ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דער מלחמה. אונדזער אָטריאַד איז אַריין דער ערשטער אין לידע, ער איז באַשטימט געוואָרן ווייטער צו פירן דעם קאַמף מיט זיין זוואָד. זיין באַגער פון נקמה איז געווען געוואַלדיק גרויס, איך האָב אים אָבער אָפּגעהאַלטן. די אַלע, וואָס זענען אַוועק, האָבן זיך נישט אומגעקערט. עס איז אים נאָך באַשערט געווען צו ברענגען אַ דור, אָבער קיין נחת האָט ער נישט דערלעבט.

ער איז געקומען אין זיין געבורט־שטעטל פּיעסק, געבליבן אַרבעטן אין זעליוויאַן, כמעט דערטרונקען געוואָרן אין ניעמאַן. 90 קריסטן האָבן זיך דערטרונקען, און מיר, דריי ידן, צווישן זיי מיינע אַ שטאָטישע רישע מירסקי, וועלכע געפינט זיך איצט אין אַמעריקע, האָבן זיך געראַטעוועט. מיר זענען אַריבער זיבן גרענעצן, זיך געוואָלגערט חדשים לאַנג אויף די באַנען און געוואַנדערט צופוס. שפּעטער זענען מיר געפאָרן מיט דער שיף „חנה סנש" 11 טעג אויפן וואַסער, און אין דער נאַכט פון 26.12.45 זענען מיר אַראָפּ אויפן ברעג פון נהריה.

אין ארץ־ישראל

גלייך פון דער ערשטער וואָך האָט זיך אָנגעהויבן זיין שווער לעבן: ער האָט געדאַרפט מיטן רידעל אָנפילן זאַמד אויף די אויטאָס. איך פלעג אים יעדן טאָג ברענגען עסן צום ים. די ערד ווו ער פלעגט שטיין איז געווען נאַס פון זיין שווייס, מיין וועג צוריק פלעג איך פאַרגיסן מיט טרערן. עס איז שווער צו באַשרייבן זיין גרויסע פרייד, ווען ער האָט געקויפט דעם ערשטן טראַקטאָר. שמעיה האָט דער ערשטער זיך אויסגעלערנט רעמאָנטירן, אַזוי אַז ער האָט פון ערשטן מאָמענט אָן גענומען אויף זיך די שווערסטע אויפגאַבן. זיי זענען געוואַקסן פון איין טראַקטאָר צום צווייטן, נאָך און נאָך, זיין איבערגעגעבנקייט איז געווען אָן גרענעץ. פון 4 פאַרטאָג ביז 11 ביינאַכט האָט נאָך געקלונגען דער

טעלעפאָן. דאָס לעצטע יאָר האָט אים אינגאַנצן דער־שעפּט. איך פלעג אים בעטן און רעדן, און ער פלעגט מיר זאָגן: ווילסטו בלייבן אָן ברויט? אין די לעצטע מאָמענטן, ווען דער טאַקסי האָט געוואַרט, כדי אים אָוועקצופירן אין שפּיטאָל, און משה האָט אים געוואָלט העלפן אָנטון די שיך, האָט ער געזאָגט: איך בין בכוח אַליין אָנצוטון מיינע שיך. דער טעלעפאָן האָט גע־קלונגען, ער האָט געוואָלט צוגיין און ער איז אויף אייביק אַוועקגעפאַלן.

ער האָט נישט דערלעבט צו האָבן אַ ביסל נחת. משה האָט דאָס זעלבע יאָר געענדיקט די שול באַסמאַט שרה — כיתה ח'. די קינדער האָבן געבראַכט די צייגע־נישן, נישט געווען ווער עס זאָל זאָגן ווי שטענדיק: זאָגט אַ דאַנק דער אמא פאַר אייערע גוטע תעודות, זי האָט געגנוג מי אַריינגעלייגט.

נישט דערלעבט משהן זען אַלס חייל. ער פלעגט אַזויפיל דערציילן, וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטער חייל ער איז געווען אין דער פּוילישער אַרמיי ביי די סאַפּערן.

איך, זיין פרוי פרידאַ, האָט פאַרלוירן אַ גוטן און איבערגעגעבענעם פריינד אין לעבן, און מיינע קינדער — אַ טייערן פאָטער.

יהי זכרו ברוך.



בית עלמין



ישראל לעוו

יידישע פּארטיזאנער

איך בין ישראל לעוו, זון פון יצחק און ליבע פון פּיעסק. איך וויל דערציילן וועגן זיך, וועגן דער יוגנט, דער פאַרגאַנגענהייט, דעם גאַנצן לעבן ביזן איצ־טיקן טאָג.

אין יאָר 1932 בין איך אַלט געווען 12 יאָר. איך האָב אָנגעהויבן צו באַזוכן דעם החלוץ הצעיר, ביזן יאָר 1936. נאָך דעם בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יאַטשייקע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּיעסק. אין אַ קעמערל זענען געווען פינף חברה. עס זענען געווען משה־ישראליק ווילער. לייזער פּרץ, בערל דעם מולערס און אייניקל, איטשע־יאַנקל.

אין יאָר 1937 איז געוואָרן ליקווידירט די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד. אויך איך בין גע־וואָרן אַרעסטירט, דאָס איז געווען דעם 27־סטן אַפּריל 1937. איך בין באַפרייט געוואָרן בשעת דעם פּראָצעס, ווייל איך בין געווען יינגער פון 17 יאָר.

די רוסן זענען אַריין

אין 39־סטן יאָר איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן פּוילן און דייטשלאַנד און די רוסן זענען אַריין אין אונדזער שטעטעלע פּיעסק. אַלע געוועזענע קאָמסאָ־מאָלצעס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין באַגע־גענען די סאָוויעטישע מאַכט, מיט פרייד און מיט גע־זאַנג אין די גאַסן. מען האָט זיי אויפגענומען מיט פרייד, ווייל אונדזער שטעטעלע איז געווען אַ שטעטעלע פון אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע, פון שוסטער, שניידער, מענטשן וואָס האָבן געלעבט פון שווערער אַרבעט, מענטשן, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע הענט ביי פּרי־צים. איך האָב נאָך אין יאָר 1934 געאַרבעט ביי ביספּינג. מיר זענען דאָרט געווען אַ גרופּע פון 15—16 מאַן. איך בין געווען מיט משה־ישראליק ווילער. ווען ביס־פינג האָט אונדז געזען אין די חלוצישע היטלען, האָט ער געמיינט, אַז מיר זענען שילער. האָט ער געזאָגט: אַז די שילער זאָל מען צאָלן נאָר צו זלאָטי אַ טאָג. די דערוואַקסענע האָבן באַקומען צו צוויי.

ווען די רוסן זענען אַריינגעקומען האָבן אַ סך מענטשן געהאָפט, אַז אונדזער קליין און אָרעם שטעטעלע פּיעסק וועט אויסוואַקסן. די זעלבע יוגנט וועט באַקומען אַר־בעט, וועט קאָנען לערנען, און מיר וועלן דערגרייכן אַ נייע תקופה. איך געדענק ווי אַזוי די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. אַלע בתי־מדרשים זענען געוואָרן צוגענו־מען. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פינישער קריג. מען האָט באַזעצט מיט מיליטער די שולן, דעם „מויער". אויף די ייִדן האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

22טער יוני 1941

דעם 22־סטן יוני 1941 יאָר איז אויסגעבראָכן דער קריג מיט די דייטשן. איך בין אין דעם טאָג אַרויס אַר־

בעטן ביים טייך, ביים טרייבן די קלעצער צו דעם ניעמאן. דאס שטעטל איז געווארן שווער באמבארדירט. מען האט גענומען לויפן אין וועלדער און פעלדער.

אויף מארגן דעם 23־סטן איז פיעסק ווידער באמבארדירט געווארן דורך די דייטשע עראפלאנען. מענטשן זענען זיך צעלאפן אין דער אומגעגנט. אלץ האט געברענט. פילע זענען געלאפן צום גלח אויף דער בלאטע, אויף דער טאמע. איך מיט א גרופע מיינע חברים: משה־ישראליק ווילער, ציפין, משה־ישראליקס ברודער, יעקב־מאטע דאניעלעוויטשפ, לייבל נאוויק, האבן פארלאזן דאס שטעטעלע. מיר האבן נאך גענומען דאס פערד פון סעלסאוויעט און מיר זענען אוועק.

ארויסגייענדיק האב איך געטראכט: עס וועט קומען די צייט און מיר וועלן זיך נאך אומקערן. אבער

דאס אין געווען דעם פינפטן טאג פון דעם קריג. דורך טייכן, דורך פעלדער, דורך וועלדער. מיר האבן זיך אין וועג צעשיידט. נאך גרויסע באמבארדירונגען זענען מיר זיך שוין מער נישט צונויפגעקומען. מיר זענען געגאנגען דורך דער שטשארע, נאווידוואר, נאוואיעלניע, נאוואגרודעק, קארעליטש, יערעמיטש, איבער דעם ניעמאן, געקומען צו דער נאליבאקער פושטשע.

דא סאיז געווען דעם פינפטן טאג פון דעם קריג. הונגעריק, בארוועס און מיד. אין דער נאליבאקער פושטשע זענען מיר געבליבן בלויז אין צווייען. איך מיט משה־ישראליקס יינגערן ברודער, משהקע. דאס איז געווען דעם ערשטן פרייטיק פון דעם קריג. די דייטשן זענען שוין געווען אין מינסק. מיר זענען געווען ארום סטאלפצע. ווייטער האבן מיר געהאט מורא צו גיין. די פאניק איז געווען גרויס. מיר האבן אנגעהויבן גיין צוריק. אבער אויך צוריק איז פאר אונדז קיין וועג שוין נישט געווען.

אין 1940 יאר האט מען מיך אויסגעוויילט אין פיעסקער סעלסאוויעט און איך האב געוווסט וואס עס דערווארט מיך, וואס עס שטייט מיר פאר. מיר זענען געקומען אין שטעטעלע קארעליטש, 20 קילאמעטער פון נאוואגרודעק. דארט האבן מיר זיך באזעצט ביי א ידישער משפחה. דארט האבן מיר געזען די דייטשן, ווען זיי זענען אריין. זיי האבן געקלעבט אויף די ווענט אפישן, אז אלע פליטים זאלן זיך אומקערן אהיים. אויב מען וועט זיי טרעפן אנדערשוווּ, וועט ווערן אומגעבראכט די גאנצע משפחה.

מיר וואנדערן ווייטער

די משפחה, ווו מיר זענען געווען האט געהאט שטארק מורא. זיי האבן אונדז געהייסן מיר זאלן פארלאזן זייער הויז. מיר זענען אוועק קיין נאוואגרודעק, געהאט מורא אריינצוגיין, אויסגעמיטן נאוואגרודעק און געקומען קיין נאוואיעלניע. געשלאפן זענען מיר אין שול. ווען דער שמש איז אריין, האט ער געזאגט: היינט קומען א סך דייטשן, איר מוזט דא פארלאזן, אנישט ווער איך אומגעבראכט. זענען מיר אוועק קיין זשעטל. א ידיש שטעטעלע מיט א באפעלקערונג פון 2,000. דארט האבן מיר אויסגעפונען צופעליק איינעם א גלעזער, מיר האבן געטראפן זיין טאכטער אין וועג און מיר האבן אים אפגעגעבן א גרוס, אז מיר האבן זי געזען. אונדזערע פיס זענען געווען פארוווּנדעט נאכדעם ווי מיר זענען אזוי פיל געגאנגען בארוועס. דער יודנראט האט זיך וועגן אונדז דערוווּסט און האט אונדז געגעבן שטיצע צום לעבן. נאך דעם האבן מיר געמוזט פארלאזן אויך דאס הויז און מיין חברס ברודער האט מיך פארלאזן. ער האט געזאגט, אז ער פארט צו זיין שוועסטער אין לונע. איך בין געבליבן איינער אליין. געשלאפן האב איך אין א געוועזענער קוזשניע. דער יודנראט האט מיך געשטיצט וויפל ער האט געקאנט.

אין דעם שטעטל האבן זיך געפונען 2,000 פליטים געקומענע פון אלע עקן וועלט. מען האט אונדז גענומען שיקן אויף ארבעט. א שיין צום לעבן האט מען די פליטים נישט געגעבן. דאס איז געווען סוף 42־סטע יאר. ווען עס האט זיך געשאפן אין דווארעץ א לאגער, האט מען אונדז אלע אויפגעקליבן און מען האט אונדז אוועקגעשיקט אהין, דארט האט מען געטראגן שטיינער און געלאדן מאשינען. שפעטער האט מען אונדז אריבערגעווארפן קיין נאוואיעלניע. די קעלט איז געווען זייער גרויס — 41 גראד. מיר זענען געגאנגען בארוועס, נאקעט און אפגעריסן, געארבעט האט מען צו 12 שעה. אז דער פירער פון לאגער איז געקומען אויף יאגד, האט ער גענומען אונדזערע 150 מאן, און אויב ער

האט גארנישט געטראפן, האט ער געשאסן אין די ידן, אויסגעלאזן צו זיי זיין רציחה.

א באגעגעניש מיט צוויי דייטשן

נאך דעם האט מען אונדז אומגעקערט צוריק קיין דווארעץ. איין מאל, פרייטיק, ווען איך בין געגאנגען ווינטער אין פראסט נאך א ביסל זופ, האב איך באגעגנט צוויי פילאטן, יונגע דייטשן. פארוואס איך האב אים נישט באגריסט, זאגט איינער. „יודע, קאם הער!" בלייב איך שטיין דערשראקן. „ווארום האסטו מיך נישט באגריסט?" זאג איך: „ליבער הער, א ייד האט נישט דאס רעכט צו באגריסן א דייטש". ער האט מיר געגעבן א פאטש און איך בין געפאלן צו דער ערד. איך האב געמיינט, אז באלד נעמט ער ארויס דעם פיסטאלעט און ער שיסט מיך. ער האט מיר נאר געגעבן א קלאפ מיטן פוס און איז אוועק ווייטער.

אין יעדן הויז זענען געווען צו 100 מאן, צו 50 מאן, ווי א לאגער. און איך האב געזאגט צו מיינעם א חבר פון א צווייטן פלאץ: „היינט מוז איך פארלאזן דעם פלאץ. איך וועל דא מער נישט זיין". דאס איז געווען סוף 42-סטן יאר. איך האב 12 אזייגער ביינאכט פארלאזן. מיר זענען געקומען צוריק קיין זשעטל דורך פעלדער און דורך וועלדער, דורך שניי און פראסט און מיר האבן זיך ארייגעגנבעט צוריק אין געטא. דארט האב איך געלעבט ביי א משפחה שמועל דער מייטשיצער. אין שטוב זענען געווען אין דער צייט פון געטא זעקס משפחות.

די ערשטע אקציע

נאך דעם האט זיך אנגעהויבן די ערשטע אקציע. עס איז פארעפנטלעכט געווארן א באפעל, אז אלע יידן זאלן ארויסגיין אויף א פלאץ פון אן אלטן בית-עולם אויף אונטערזוכונג ווער עס איז פעאיק צו ארבעט. מען האט אונדז אלעמען אויסגעשטעלט, דייטשן ארום אונדז, מיט אויטאמאטן אין די הענט, און געשיקט וועמען רעכטס און וועמען לינקס. ס'איז געקומען מיין ריי, האט ער געזאגט: לינקס. איך בין אפגעגאנגען 5 מעטער, איז געשטאנען א דייטש. פרעגט ער: „פארוואס נעמסטו נישט די פרוי?" זאג איך: „איך האב נישט קיין פרוי". זאגט ער: „נעם שנעל דאס מיידל און לויף אהיים". איך האב זיך אומגעקערט צוריק, גענומען דאס מיידל, וואס איז געשטאנען הינטער מיין פלייצע אין דער ריי און איך בין אוועק.

מיר זענען געקומען צוריק אין די וווינונגען, 50 פראצענט זענען געקומען צוריק אהיים און 50 פראצענט זענען אוועק צו די גריבער. פרויען מיט קינדער זענען אוועק, אלטע לייט, נישט פעאיקע צו ארבעט, בלינדע, קאליקעס. די יוגנט האט מען נאך געלאזן ביזן 15טן מאי 1942. מען האט געטריבן אויף שאסייען, אין וועלדער, צוגרייטן האלץ און אנדערע שווערע ארבעטן פאר 100 גראם ברויט.

דעם 15טן מאי 1942 האב איך מיט נאך באקאנטע מענטשן, נישט פון מיין שטעטל, זיך געפונען אין געטא פון זשעטל. ביינאכט איז געווארן דאס געטא ארומגערינגלט. ווען עס איז געווארן טאג האבן מענטשן גענומען לויפן און געוואלט אנטלויפן. מען האט געשאסן איבער פלויטן, איבער די שטאכל-דראטן.

איך בין צוגעגאנגען צו א שטוב, ווו עס איז געווען א גרויסער קעלער. איך בין אריין אין קעלער, דארט האבן זיך אויסבאהאלטן 40 מאן, אלטע לייט, פרויען, קינדער. דאס האט געהייסן א מעלינע. איך האב געזאגט צו מיינע באקאנטע: דער פלאץ טויג נישט. מיר האבן געזען, אז איבערן שטוב איז פאראן א סאלקע. מיר האבן געשטעלט א גרויסן לייטער, ארויפגעגאנגען און מיר האבן דעם לייטער אוועקגעווארפן. מיר זענען געבליבן זיצן אויפן צווייטן שטאק פון דעם הויז.

דורכן פענצטער האבן מיר געזען, אז עס זענען אנגעפארן ליטווינער, לאטישן, אוקראינער מיט געפאנצערטע מאשינען. זיי זענען אראפ פון די מאשינען, זיך צעשטעלט און גענומען גיין אין דער ריכטונג פון געטא. דער זייגער איז געווען ארום 7—8. מען האט אנגעהויבן פירן קינדער באזונדער, מאמעס באזונדער, טאטעס באזונדער, מען האט ארויסגעריסן קינדער פון די הענט און מען האט זיי געווארפן אין א ווינקל. אין א שעה ארום האבן מיר געהערט שיסערייען פון פולעמיאטן. מען האט געפירט גרופעס נאך גרופעס, מענער באזונדער און פרויען באזונדער. די קינדער האט מען צעשיידט פון די עלטערן. מיר, פינף מאן אויפן בוידעם,

האבן געקוקט אויף דעם בילד, וואס קיינמאל האבן מיר זיך אזא נישט געקאנט פארשטעלן.

די אקציע האט זיך געפירט א גאנצן טאג ביז נאכט. די נאכט איז אדורך מיט א גרויסער שיסעריי. אויף צומארגנס האבן זיי פארגעזעצט, געפונען באהאלטענע אין די מעלינעס, אדער מענטשן, וואס האבן גענומען לויפן איבערן גאס. פאליציאנטן זענען צוגעקומען צום קעלער און האבן דערזען א קליין קינד, וואס איז ארויס פון דארט. פרעגט א פאליציאנט: „ווער איז דא פא־ראן?" זאגט דאס קינד: „דא זענען פאראן א סך מענטשן". זיי האבן אריינגעווארפן א גראנאט אין קעלער. דער גראנאט האט אויפגעריסן, אז דער בניין האט געקאנט לויפן אין הימל.

מיר זוכן א באהעלטעניש

מיר האבן געטראכט, אז אלץ איז געענדיקט. איך האב געזאגט צו מיינע חברים, מיט וועלכע איך בין געווען אין דער הויף: „מען קאן אונדז אויך טרעפן. לאמיר דא מאכן עפעס א באהעלטעניש". צוויי ברע־טער ליגן אין דער הויף צונויפגערוקט צוזאמען און אין פאל, מען נעמט גיין צו אונדז, לאמיר ארויף אין דער הויף, מען זאל אונדז נישט טרעפן. לויט אונדזער שכל, אז מען וועט א קוק טון, וועט מען קיינעם נישט זען.

פארנאכט זענען געקומען די פויערים ביי דעם יודנראט, ווו ס'איז איצט געווען דער געביטס־קאמיסאר. מען האט זיי געגעבן ביר צום טרינקען און מען האט געשפילט פיאנא. דאס זענען געווען די באגרעבער מיט די רידלען אין די הענט. די צווייטע נאכט האבן מיר ווייטער געהאט מורא צו פארלאזן דעם פלאץ און מיר זענען געבליבן ווייטער זיצן. ס'איז אנגעקומען דער דריטער טאג. אן עסן, אן טרינקען. א בלעכענער דאך און א שארפע זון האט געברענט איבערן קאפ. צווישן אונדז איז געווען א קינד פון 12 יאר. ס'איז כמעט משוגע געווארן פון דורשט נאך א טרינק. ס'איז אדורך דער דריטער טאג. מער טארן מיר דא נישט זיין. מיר מוזן זיך אראפלאזן און פרווון אוועקגיין, ארויסגיין פון דאנען, אנטלויפן פון דאנען.

איך בין אראפ דער ערשטער פון דאך מיט באר־וועסע פיס און איך בין אריין אין א שטוב זוכן א ביסל וואסער. כ'האב קיין וואסער נישט געטראפן. אויפן פריי־פעטשאק ביים אויוון האב איך געטראפן א טעפל מיט וואסער. איך האב אים גענומען אין האנט און געטרונ־קען. איך האב געטראפן נאך א טאפ וואסער. כ'האב אראפגערופן מיינע חברים און זיי געגעבן צו טרינקען. אין שטוב איז פינצטער און עס ליגן צוויי געהרגעטע מענטשן. ווער זיי זענען ווייס איך נישט. כ'האב גע־זאגט צו מיינע חברים: „אלע גייען בארוועס. איך וויל אנפירן מיט אייך, איר זאלט מיך הערן וואס איך וועל אייך זאגן".

נאך גערודפט יידן

מיר זענען געווען פינף מאן. איך האב געוואלט וויסן, ווער עס איז פאראן אין קעלער. איך לאז זיך אויף די קני, איך בויג איין דעם קאפ און קוק אריין דורכן פענצטער פון קעלער און שריי צו זיי: „יידן, ווער איז דא פאראן, ווער לעבט דא?" הער איך ווי מען זאגט: „שאט, דייטשן זענען ווידער געקומען". זאג איך: „קומט צו צום פענצטער. דאס זענען נישט קיין דייטשן. דאס בין איך, א ייד, אזא ווי איר". הער איך א קול: „מיר וועלן צוגיין זען ווער איז עס". עס איז צוגעגאנ־גען א פרוי צו מיר. זאג איך: „האב נישט קיין מורא. דאס זענען מיר, אזעלכע ווי איר. ווער לעבט דא פון אייך?" זאגן זיי: „מיר זענען דא 25 מאן. צווישן אונדז אלטע לייט און קינדער. 15 מאן זענען געהרגעט געווארן ביים אויפרייס פון גראנאט. 5 קינדערלעך האבן מיר אליין דערשטיקט מיט די הענט, ווען די מוטערס האבן דאס נישט געקאנט אויספירן, כדי נישט אויסצוגעבן זיך אליין". זאג איך: „קומט אלע ארויס וואס שנעלער, בארוועס, עס זאל נישט קלאפן און איך וועל אייך פרווון ארויספירן פון דאנען".

אלע האבן מיר געפאלגט און זענען ארויסגעגאנגען פון קעלער 25 מאן. צוזאמען מיט אונדז 5 זענען גע־ווען 30. איך בין געגאנגען פאראויס. איך האב זיי פאר־געלייגט, אז אין א פאל פון געפאר, וועל איך א מאך טון מיט דער האנט, און זיי וועלן זיך אלע צעלייגן.

מיר זענען געקומען צו א קליין טייכל. אין טייך האט מען געדארפט אריינגיין און אדורכגיין אונטערן בריק, דאן זענען מיר שוין אויסערן געטא. מיר הערן

פון דערוויטנס דאָס וואַסער הילכט אָפּ מיט נאָך אַזעלכע פּיס, אַזוי ווי אונדזערע. נאָך מענטשן ווי מיר אַנטלויפן פון דאַנען. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, קיין שיסערייען האָט מען נישט געהערט. איך האָב געטון דעם ערשטן טריט אין וואַסער. כ'בין אַריין און געפירט אַלעמען מיט זיך. כ'בין צוגעקומען ביז דעם פלויט, ווו ס'איז געווען די גרענעץ פון געטאָ. כ'האָב צופעליק אַרויפגעטראָטן מיט דעם באָרוועסן פוס אויף דעם שטעכעדיקן דראָט. כ'האָב נישט געשפּירט קיין ווייטיק, ווייל נישט איך בין געגאַנגען, נאָר ס'האָט מיר געטראָגן דער אימפּעט, דאָס בלוט, די ענערגיע פון אַ מענטשן. כ'בין אַלט געווען 19 יאָר. כ'האָב געפירט די גאַנצע גרופּע פון 30 מאַן. כ'האָב זיי אַרויסגעפירט פון אונטערן פלויט און מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון וואַלד. טראָץ דעם וואָס מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסע רונדע, זענען מיר געקומען אויף די קברים פון אַלע אומגעקומענע פון נעכטן און אייערנעכטן און היינט.

אויף די פרישע קברים

דאָס בלוט האָט געשפּריצט פון דער ערד. די זאַכן צעריסן און צעוואָרפן. אָן שרעק זענען מיר געגאַנגען ווייטער און מיר זענען אַרויף אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט קיין סלאָנים. עס איז געלעגן אַ יידיש מיידל, אַ געהרגעטע פון נעכטן דורך די דייטשן, וועלכע זענען געפאָרן מיט מאָטאָציקלען און האָבן באַשאָסן אַלע וועגן און אַלע פעלדער. מיר זענען אַריבערגעגאַנגען דעם וועג און מיר האָבן זיך געזעצט אין אַ קליינעם יונגן וואַלד. דאָרטן האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אַלע צוזאַמען. ווייטער גיין האָבן מיר שוין נישט געקאָנט, ווייל ס'איז שוין געווען טאָג. מיר האָבן דאָרט געדאַרפט זיצן אַ גאַנצן טאָג, קיינער זאָל אונדז נישט זען. בייטאָג האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז קי, וועלכע האָבן זיך געפּאַשעט און מיר האָבן געהאַט גרויס שרעק, מען זאָל אונדז דאָ נישט טרעפן.

ס'איז געוואָרן באַלד 6 אַזייגער. שיסערייען האָבן מיר געהערט אַ גאַנצן טאָג. יעדער איינער פון אונדז איז געווען פאַרשטיינערט, אָן בלוט, אָן נערוון, ווי מענטשן געשטאָרבענע, וואָס מאַכן נאָר באַוועגונגען. אויפן גאַס איז געוואָרן טונקל. איך האָב אַלעמען אויפגעהויבן, מיר דאַרפן גיין נאָך אַ 15 קילאָמעטער, וועלן מיר אַריינקומען אין אַ טיפן וואַלד. מיר מוזן דורכגיין אַ וועג, ווו עס געפינט זיך אַ גאַרניזאָן פון דייטשן אין אַ געוועזענער ווירטשאַפט, נעבן וועלכער מען מוז פאַרבייגיין.

איך האָב פּלאַנירט ווי אַזוי צו גיין. מען דאַרף אויסמיידן דעם וועג ביזן וואַלד. קודם־כל זענען מיר צוגעגאַנגען אויף אַ כוטאָר צו אַ שטוב. דער פּויער האָט זיך דערשראָקן און האָט אונדז אַרויסגעטראָגן ברויט און האָט אָוועקגעגעבן די גאַנצע מילך, וואָס ער האָט געמאָלקן פון דער קו. ער האָט אונדז געשראָקן, אַז מיט אַ שעה צוריק זענען דאָ געווען דייטשן. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן וואָס שנעלער אַנטלויפן, אָבער עס האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן. מיר האָבן צעטיילט דאָס ברויט און די מילך צווישן די קינדער און אַלטע לייט, וועלכע זענען שוין געווען דעם פינפטן טאָג אָן עסן און אָן טרינקען. מיר האָבן גענומען גיין, אין דרויסן איז געוואָרן פינצטער. מיר זענען צוגעקומען איין קילאָמעטער פאַר דעם פּלאַץ, ווו עס איז געווען אַ געפאַר צו גיין, ווייל דאָרט האָבן זיך געפונען איבער דרייסיק דייטשן.

אין וואַלד

מיר האָבן געמיטן אַ האַלבן קילאָמעטער אין אַ זייט און מיר זענען אַריין טיף אין וואַלד. דער זייגער איז שוין געווען באַלד 12־1. מיר האָבן געהערט אַ גרויסע שיסעריי. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מען יאָגט אונדז. מען לויפט נאָך אונדז, זיי זעען אונדז. דאָס איז געווען אַ קליינע גרופּע פון רוסישע פּאַרטיזאַנען, וואָס זענען געווען אין וועג. מיר האָבן זיך מיט קיינעם נישט באַגעגנט און זיך נישט געוויזן. עס איז געוואָרן טאָג, דער זעקסטער טאָג. מיר, עלטערע און יונגע האָבן נישט געגעסן און נישט געטרונקען. מיר זענען געקומען צו אַ קליינעם טייך, מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן און זיך אָנגעטרונקען מיט דעם ערשטן טרונק וואַסער.

עס גייען מאַשינען. עס דאַכט זיך אונדז, אַז מען יאָגט אונדז, מען לויפט נאָך אונדז, מען ווייסט ווו מיר זענען. מיר זענען אַריין טיפער אין וואַלד און מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געלעבט אויף שוואַרצע יאַגדעס.

אין אָוונט זענען מיר אַוועק אויף אַ כוטאָר. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָרט דאַרפֿן זיין אונדזערע געציילטע באַקאַנטע פֿון יאַוואָרסקע רודי. דריי פֿון אונדז זענען אַריין צו דעם פּויער. זאָגט ער: „פֿון וואַנען זענט איר?" זאָגן מיר: „מיר זענען פֿון זשעטלער געטאָ". באַלד וועלן קומען די, מיט וועלכע איר דאַרפֿט זיך באַגעגענען", האָט ער געזאָגט. „דערווייל נאָט אייך עסן און טרינקען. ברענגט אַלע אין שייער און לייגט זיך שלאָפֿן". נאָך אַזוי פֿיל טעג זענען מיר געווען שטאַרק מיד. אין מיין פֿוס, מיט וועלכן איך האָב אַנגעטראָטן אויפֿן דראָט, האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַן אינפֿעקציע. מיר האָבן נישט געפֿילט קיין מידקייט און אַלע זענען מיר אַנטשלאָפֿן געוואָרן אין שייער.

ווען איך בין געלעגן און געשלאָפֿן האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט אַ בילד, אַז די דייטשן זענען דאָ און זענען געקומען. פּלוצלונג דערזע איך פֿאַר מיר אַ לעבעדיקע געשטאַלט. אַ ייד פֿון יאַוואָרסקע רודי, ראַזאָווסקי. ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף מיר, ער האָט מיך געקענט און זאָגט: „הייב זיך שוין אויף, שרעק זיך נישט, דאָס בין איך וועלוול. קום פֿון דאַנען אַוועק. דאָ איז נישט קיין פּלאַץ, דאָ קומען אַלע שעה דייטשן". מיר האָבן אַלע פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ און מיר זענען אַלע אַוועק אין וואַלד. מיר זענען געקומען אין וואַלד. נישט קיין וואַסער און נישט קיין עסן. צו אונדז איז געקומען אַ טויב. האָבן מיר זי געשאָסן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע עסנוואַרג, וואָס איז אָנגעקומען צו אונדז. מען האָט אָפּגעקאָכט די טויב, מען האָט באַקומען וואַסער און מען האָט אָנגעקאָרמעט די קינדער, די קליינע קינדער. פֿאַרנאַכט זענען שוין געווען מיט אונדז צוזאַמען יונגע לייט, נאָך אַזעלכע ווי מיר, און עס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין דער פּעטשאַרסקער פּושטשע. דער פּלאַץ איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פֿון 1936.

דאָס ערשטע געווער

דאָס ערשטע געווער, וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען איין ביקס מיט פֿינף שטעקענער. מיר זענען אַוועקגעגאַנגען, כדי צו שאַפֿן זיך עסנוואַרג. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס הייסט אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג און וואָס עס הייסט דאָס וואַלד־לעבן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ נישט ווייט, 15 קילאָמעטער, איז פֿאַראַן אַ משפּחה פֿון אַ פּאָליציאַנט. ער האָט, נאָכן אויסראָטן די יידן, אַלץ געפֿירט צו זיך אַהיים. אים דאַרף מען ליקווידירן. אָבער מיט אונדזער געווער, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט, איז נישט געווען אַזוי לייכט צו גיין צו אַזאַ אַרבעט. ס'זענען געווען 10 שטעקנס מיט איין ביקס. מיר זענען געקומען ביינאַכט, כדי דער פּויער זאָל מיינען, אַז מיר זענען אַלע באַוואָפֿנט מיט געווער. איינער איז אַריין מיטן ביקס און אַלע זענען געשטאַנען מיט די שטעקנס הינטער די פֿענצטער, כדי אים אָפּצונאַרן, אַז מיר האָבן געווער.

איינער פֿון אונדזערע חברים, אויך אַ געוועזענער זשעטלער, האָט דערקענט ביי דעם פּאָליציאַנט אין שטוב זיינע זאַכן און זיינע קליידער, מיט זיין קאָלדרע, מיט וועלכער ער פֿלעגט זיך צודעקן, מיטן אויסגענייטן מאָנאָגראַם. אונדזער חבר האָט געחלשט באַלד אויפֿן אָרט. אָבער דאָס איז נישט געווען דער פּלאַץ. מען האָט אים באַלד אַרויסגענומען אויפֿן גאַס און אים באַרואיקט. מען האָט אַלץ צוגענומען פֿון שטוב. דאָס פֿערד מיט דער קו מיט אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען. מען האָט באַגאָסן מיט נאַפֿט און אונטערגעצונדן די גאַנצע משפּחה.

מיר זענען געקומען צוריק בשלום אין וואַלד. קיינער פֿון אונדז האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו שעכטן די קו און צוגרייטן פֿון איר דאָס פֿלייש. האָט מען זי געשאָסן און זי איז אַנטלאָפֿן און מען האָט זי געכאַפּט ווידער. דאָס זענען געווען די ערשטע שריט פֿון דער יידישער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג פֿון דער פּיעטשאַרער פּושטשע. אין אַ קורצער צייט זענען צוגעקומען צו אונדז נאָך חברים און עס זענען אָנגעקומען ביי 400 מאַן, אַלץ יונגע לייט, קינדער און פֿרויען, צווישן זיי פֿעאיקע און אומפֿעאיקע צו געווער. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַלע קאָנען צוזאַמען נישט זיין. מען מוז פֿונאַנדערטיילן צווישן פֿעאיקע און אומפֿעאיקע. מיר דאַרפֿן זיי שטיצן מיט עסנוואַרג, מיט זאַכן, אָבער זיי מוזן זיין באַזונדער. יעדן טאָג האָבן מיר געשאַפֿן געווער, ווו פֿאַר געלט און ווו אָן געלט. מיר האָבן שוין געהאַט באַוואָפֿנטע 150 מאַן מיט געווער. מיר האָבן נישט געאַרבעט זעלבשטענ־

דיק, נאָר אין פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנען, וועלכע די רוסישע אַרמיי האָט איבערגעלאָזן.

קאַמפן מיט דייטשן

די 150 מאַן האָבן זיך צעטיילט אויף דריי גרופּן. דריי זוואָדן, ערשטער, צווייטער, דריטער. די אָנפירער־שאַפט איז באַשטאַנען פון אונדזערע אייגענע, אונדזער גאַנץ געווער האָבן מיר געשאַפן מיטן אייגענעם כוח. ס׳האָט זיך דערנענטערט סוף 1942. אין יאַראָווסקע רודי האָט דער דייטש אַריינגעוואָרפן אַ גרויסן כוח. דאָס איז געווען דער צענטער פון אונדזער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג. ווען זיי האָבן באַזעצט דאָס גרויסע דאָרף, האָבן מיר ווייטער נישט געקאָנט גיין און זיך באַוועגן. אונדזער קאָמאַנדיר קאַפּלינסקי, אַ זשעטלער, אַ געוועזענער קאַפּראַל אין דער פּוילישער אַרמיי, איז געקומען מיט אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַרטיזאַנען פון דער גאַנצער געגנט זאָלן זיך פאַראייניקן צוזאַמען און זאָלן אַרויסטרייבן די דייטשן פון יאַראָווסקע רודי.

ס׳איז געווען קאַלט, נאַס, רעגנדיק. מ׳האָט אָפּגע־קליבן די בעסטע 70 מאַן, דאָס בעסטע געווער, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער באַזיץ און מיר זענען אַוועק אויף אַ פּלאַץ, פון וועלכן מיר וועלן מאָרגן אינדערפרי אָנגרייפן יאַראָווסקע רודי. 8 אַזייגער אינ־דערפרי האָט זיך גערדאַרפט אָנהויבן דער קאַמף. די גאַנצע פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג האָט שוין געציילט 2.000 מאַן. מיר, בלויז יידן, האָבן געהאַט אַן אַטריאַד פון 150 מאַן באַוואָפנט מיט גוט געווער.

8 אַזייגער אינדערפרי, ווען עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער שאָס, האָבן זיך אַלע געלאָזן מיט אַ גרויסן כוח, מיט אַ „הוראַ" אויפן דאָרף. מיר האָבן פאַרנומען דאָס דאָרף, מיר האָבן גענומען פיל געפאַנגענע, און פיל געהרגעט. דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס די דייטשן האָבן צוגעגרייט פאַר זיך אויף אַ לאַנגער צייט האָבן מיר צו־גענומען. דאָס גאַנצע געווער און די זאַכן האָבן מיר פאַרנומען.

דאָס איז געווען סוף 1942.

מיר זענען געקומען מיט גרויס פרייד צו זיך אַהיים. אָבער ווען מיר זענען געקומען צוריק אין אַטריאַד, האָט זיך די גרויסע פרייד פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן טרויער. אונדזערע צוויי חברים, וועלכע זענען געבליבן אויפן פּלאַץ אַלס אומפּעאיקע צום קאַמף, האָט זיך פאַר־גלוסט פאַרברענגען אויף אַ כוטאָר. זיי האָבן אַלזאָ איינ־געשפּאַנט דאָס פערד און אַוועקגעפאָרן אויף דעם כוטאָר. די דייטשן און וולאַסאָווצעס, וועלכע זענען אַנטלאָפן האָבן זיי געכאַפּט אויפן וועג, לעבעדיקערהייט זיי גע־בראַכט קיין זשעטל, ווו מען האָט זיי געפירט דריי טעג אויף אַ קייט, און נאָכדעם האָבן זיי זיי געהאַנגען.

מיר האָבן געמוזט בייטן דעם פּלאַץ. נאָך אַזאַ מיי זאַך האָבן מיר שוין דאָרט נישט געטאָרט בלייבן. מיר זענען אַוועק. מיר האָבן זיך שטענדיק געאיבט. מיר האָבן געזאָגט, אַז ווען עס גייט אַוועק דער קעמפער, דאַרף דער נישט־קעמפער ווערן אַ קעמפער.

משפחות אין וואַלד

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס 43־סטע יאָר. ווינטער, שניי, פרעסט. מיר האָבן זיך צוגעגרייט צום ווינטער מיט עסנוואַרג, מיט קליידער, סיי פאַר אונדז, סיי פאַר די משפחות־גרופּן. עס איז געקומען אַ רוסישער פּאַר־טיזאַן און געזאָגט, אַז ער האָט געטראָפןביים טייך שטשאַרע עטלעכע יונגעלייט, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פיעסקער געטאָ. איך בין שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. איך האָב געבעטן ביי מיין אָפיציר, ער זאָל מיר געבן אַ פערד מיט אַ נאָך אַ פּאַרטיזאַן, מיר זאָלן פאָרן זיי אויפזוכן. איך בין פון מיין שטעטעלע פיעסק איינער אין דער געגנט. כ׳בין אַרויסגעפאָרן פרי, איך קום צופאָרן אין דעם דאָרף, זאָגט מען מיר, אַז זיי האָבן דאָ גענעכ־טיקט, אָבער זיי זענען אַוועק ווייטער. איך קום צו גיין אויפן צווייטן כוטאָר, זאָגן זיי: „נישט לאַנג זענען זיי אַרויס פון שטוב, אפשר זענען זיי אַוועק אין דער ריכ־טונג". איך בין געלאָפן ווייטער נאָך זיי און איך האָב זיי געטראָפן אין אַ שטוב. זיי זענען מיר געפאַלן אויפן האַלדז קושן און וויינען. ווער איז דאָס געווען?

דאָס איז געווען מיינער אַ קוזין, רפאלס אַ זון, מענדל סופר צוויי פלעמעניצעס, שעפסל יעניקעס אַן אייניקל דער יינגסטער. דעם נאָמען געדענק איך שוין נישט. איך האָב זי צוגענומען צו זיך וואָס שנעלער און איך האָב זיי געבראַכט צו פירן אין וואַלד. ווען זיי זענען געקומען אין וואַלד, האָבן זיי זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי

לעבט מען דאָ. זיי האָבן מיר דערציילט ווי אַזוי זיי זענען אַנטלאָפן די נאַכט, ווען מען האָט זיי געפירט פון פיעסק קיין וואָלקאָוויסק. דער פיעסקער פּאָליציאַנט, וועלכער איז געשטאַנען אין דער זייט פון בית־עולם האָט געזאָגט: „לויפט, ווען איר וועט אַנטלויפן, וועל איך אויסשיסן אַ פּאָר מאָל, עס זאָל הייסן, אַז איך האָב אייך געיאָגט".

אַ גרויסע אָבלאַווע

איך האָב זיי צוגענומען צו זיך, איינגעאָרדנט זיי ביז דעם 43־סטן יאָר. אין 43־סטן יאָר האָט דער דייטש אַראָפּגעפירט פון פראָנט 60.000 מיליטערלייט מיטן בעסטן געווער צו פירן אַן אָבלאַווע אויף דער פּושטשע, אין וועלכער מיר זענען געווען, די פּעטשאָרסקע פּושטשע. מען האָט אַרומגערינגלט פון סלאָנים ביז דער ביאַליס־טאָקער געגנט, ביז שטשוטשין. די אָבלאַווע האָט גע־דויערט צוויי מאָנאַטן. מיר, דער ייִדישער אָטריאַד, האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אויפן וועג פון קאָזלאָווטשינע, 70 מאַן די בעסטע קעמפער, אויסגעשולט מיט גוט געווער.

דאָס איז געווען ווינטער. מיר ליגן אינדערפרי, דער זייגער איז געווען 7—7.30. מיר זעען קעגנאיבער אונדז גייען דריי פרויען, אָנגעטון אין פרויען־זאַכן, מיט קויש־לעך אין די הענט. זאָג איך: „דאָ גייען פרויען, באַלד וועלן מיר וויסן וואָס הערט זיך דאָרט אין קאָזלאָוו־טשינע". אַזוי ווי זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז אַ 300—400 מעטער, זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט, אין דער ריכטונג, וווּ מיר זענען געלעגן באַהאַלטן. און פּלוצלונג זעט מען קיינעם נישט.

אונדזערע פּאַרטיזאַנען זענען אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט, האָבן פונאַנדערגעלייגט אַ פייער און האָבן זיך געוואָ־רעמט. דאָס זענען נישט געווען קיין פרויען, דאָס זענען געווען דייטשן איבערגעטון אין פרויען־קליידער מיט באַהאַלטענע אויטאָמאַן. זיי האָבן אונדז געוואָלט אַרומ־רינגלען און זיי זענען אַרויפגעפאַלן אויף דער גרו־פּע, וועלכע איז געזעסן ביים פייער און זיך געוואָרעמט. מיר הערן פּלוצלונג אויטאָמאַטן, איינער, אַ צווייטער און אַ דריטער. מיר האָבן געעפנט אַ פייער צוריק. אַלע זענען מיר געבליבן לעבן, ס'האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן אונדז און די דייטשן.

מען האָט אונדז צעקלאַפּט און צעוואָרפן. נישט ווייט איז געווען נאָך אַ ייִדישע גרופּע, אַ דערעטשינער, וווּ עס איז געווען דער ד"ר מעסניק, אַ וואָלקאָווויסקער ייִדי־שער דאָקטאָר, וועלכער האָט מיט איר אָנגעפירט, ער איז געפאַלן ביי דער שטשאַרע. אויף מאָרגן זענען מיר געוואָרן שטאַרק צעקלאַפּט. מען האָט אונדז אַזוי צע־קלאַפּט, אַז מיר זאָלן זיך קיינמאָל נישט אויפקלייבן צוזאַמען. אונדזער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד קאַפּלינסקי איז אומגעקומען אויפן וועג, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט די דייטשן.

אַנטיסעמיטיזם מצד רוסישע פּאַרטיזאַנען

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנטוויקלען מצד די רוסן צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנען. אויף יעדן טריט האָט מען שוין געדאַרפט מורא האָבן פאַר די אייגענע רוסישע פּאַרטיזאַנער. די לאַגע איז גע־וואָרן גאָר שלעכט. די אָבלאַווע איז אָנגעגאַנגען אין פולן גאַנג — נישט אַרויס פון וואַלד און נישט זיין אין וואַלד. דער לאַגער איז געוואָרן פאַרברענט און אויפגעריסן. די משפחות־גרופּן האָט מען געטראָפן אין די זעמלאַנ־קעס, און מען האָט זיי אויפגעריסן מיט גראַנאַטן און זיי געלאָזט ליגן אין די פעלדער און וועלדער.

מיר, ייִדישע פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך צעקלאַפּט אויף קליינע גרופּן. מיר זענען געקומען ביים ניעמאַן נישט ווייט פון בעליצע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ משפחה־גרופּע פון פינף מענטשן. מיר זענען געווען צען מאַן. מיר האָבן אויסגעבויט אַ זעמלאַנקע אין דער ערד און באַדעקט מיט בוימער, מיט מאָך, מיט ליים און מיר האָבן זיך דאָרט באַזעצט, כדי איבערלעבן די אָבלאַווע, וועלכע גייט נאָך אָן. דאָס הייסט — מענטשן, צען מאַן, זענען אַריין לעבעדיק אין דער ערד. ווען עס פלעגט פאַלן דער גרויסער שניי, פלעגן מיר גיין 30—40 קי־לאָמעטער זיך שאַפן עפּעס עסן איבער דעם ניעמאַן, און אַריינגיין עס זאָלן נישט זיין קיין שפּורן נאָך זיך. פירן נאָך זיך אַ בוים, פאַרמאַסקירן זיך און לעבן אַזוי ביי־טאָג און ביינאַכט. מען פלעגט קומען איבער אונדז און פירן האָלץ און זעגן קלעצער און מען האָט נישט גע־וווּסט, אַז דאָרט לעבן מענטשן.

מיר זענען געווען אַ גרופּע פון 10 מאַן מיט אַ פרוי. מיר זענען אין דער זעמלאַנקע אָפּגעווען אַ מאָנאַט צייט. מיר האָבן מצליח געווען, און מיר זענען געבליבן לעבן. די פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג האָט זיך גענומען שאַפן צוריק, די אַבלאַווע איז אָפּגעצויגן געוואָרן. דער אַנטיסעמיטיזם איז ווייטער געוואַקסן. יידישע פרויען און יידישע קינדער פלעגן די אייגענע פּאַרטיזאַנען אומברענגען, הרגענען, ברענגען צו שאַנד, מיר האָבן געזען, אַז די לאַגע איז געפערלעך. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט אַ גרופּע פון 10 מאַן, מיר האָבן פאַרלאָזן די פּעטשאַרסקע פּושטשע און מיר זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון וואָסילישאָק, ראַדין, אייּשישאָק. דאָרט האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און זיך פאַרשאַפן געווער.

זיי האָבן אונדז דערזען ווי מלאכים. שיין געווער, שיינע, יונגע פּאַרטיזאַנען, איינע ווי איינע. זיי זענען פון ערשטן טאָג אָן געגאַנגען אויספירן פאַרשידענע אַרבעטן, אויפרייסן אייזנבאַנען, אויפרייסן אַלע פלעצער, ווו די דייטשן פאַרשאַפן זיך עסנוואַרג. דאָס זענען געווען פלעצער, ווו עס האָבן געלעבט פריער די פריצים און דייטשן האָבן זיי פאַרנומען, געהאָדעוועט דאָרט קי און פערד. מען האָט אומגעבראַכט אַלע קליינע גאַרניזאָנען, ווו דייטשן האָבן זיך געפונען. זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען פאַר זייערע אויגן אַזאַ אַרבעט ווי די, וועלכע מיר האָבן זיי פון ערשטן טאָג אָן באַוויזן.

מיר זענען געווען מיט זיי צוזאַמען. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַמף. עס אַרבעט אַ יידישער אַטריטד אין דער געגנט, וואָס הייסט „רוסקאַיאַ פּושטשאַ”. דאָרטן גייט אַדורך אַ טייך, די קאַדרע. דאָרט איז ראַדון, ווו דער „חפץ־חיים” האָט אַמאָל געלעבט. מיר פלעגן גיין קיין אייּשישאָק, אַרום ווילנע, אין ווילנער געטאָ זענען מיר געגאַנגען און אַרויסגענומען מעדיקאַמענטן. דאָס אַלץ האָט געדויערט ביז דעם אָנהויב 1944.

גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין

אָנפאַנג 1944 יאָר זענען אַרויסגעקומען צו אונדז רוסן, גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף און די דייטשן זענען געגאַנגען אים אַנטקעגן. ווען די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז קאַפּוסטין גייט פאַרנעמען די ביאַליסטאָקער געגנט, זענען זיי אַרויס אַנטקעגן מיט אַ זייער גרויסן כוח, מיט 15,000 מאַן און 5 עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיי באַגלייט די גאַנצע צייט. קאַפּוסטין האָט זיך באַגעגנט מיט אונדז פאַרנאַכט אין אַ דאָרף, און האָט אונדז געפרעגט ווער מיר זענען. מיר האָבן אים דערקלערט ווער מיר זענען, וואָס פאַראַ פּאַרטיזאַנען. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז איצט קעמפן מיר שוין מער נישט זעלבשטענדיק, נאָר מיר מוזן גיין מיט אים צוזאַמען, כדי צו ווייזן ווו עס איז די „רוסישע פּושטשע”.

די דייטשן האָבן אונדז באַגעגנט מיט אַ גרויסן כוח. זיי האָבן איבערגעשניטן אַלע וועגן, שאָסייען און בריקן. קאַפּוסטין איז געגאַנגען מיט טויזנט מאַן, צווישן זיי איז געווען אַ יידישער קאָמאַנדיר־אַטריאַד פון 300 מאַן, אַ ראַזוויעדקע, אַלע זענען געווען שטאַרק באַוואָפנט. און אַזוי ווי עס איז געוואָרן נאַכט, האָט ער געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אָנגרייפן די דייטשע זאַסאַדעס.

דער יידישער אַטריאַד־קאָמאַנדיר האָט געהאַט אַ פערזענלעכע מתנה פון סטאַלינען — אַ פּיסטאַלעט מיטן נאָמען און פאַמיליע. די יידישע זאַסאַדעס זענען געווען באַוואָפנט מיט טאַנקען און מיט געפּאַנצערטע מאַשינען. מיט אונדז איז געווען אַ דרוקעריי פון ביאַליסטאָק מיט אַ רעדאַקטאָר, אַן עלטערע יידישע פרוי, ביי 60 יאָר. זי איז אויך געגאַנגען מיט אַלעמען צופוס. אַזוי ווי מיר זענען געקומען נענטער האָבן מיר געעפנט אַ פייער, מיר האָבן באַפרייט דעם וועג און מיר זענען אַלע דורכגעגאַנגען פון איין וואַלד אין צווייטן וואַלד.

אויף מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף. אַ גאַנצן טאָג זענען געקומען פון ווילנע פינף עראָפּלאַנען און פינף זענען צוריק געפלויגן. מען האָט באָמבאַרדירט דעם וואַלד. די דייטשן האָבן גערופן: „נידער מיטן יידן און דו רוס גיב זיך אונטער!” דער קאַמף האָט געדויערט צוויי טעג. אין משך פון דעם קאַמף זענען געווען געהרגעטע דייטשן 2,500 מאַן חוץ פאַרווונדעטע און געפאַנגענע אין געפאַנגענשאַפט. זייערע הענט און פיס זענען געהאָנגען אויף די ביימער. מען האָט גענומען נקמה, מען האָט געטונקט די הענט אין בלוט

וויפל מען האָט געקאָנט. מען האָט געשריגן איינס: „פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס!“, „פאַר אונדזערע שוועסטער און ברידער!“, „פאַר די קליינע קינדער, וועלכע מען האָט געוואָרפן און אָוועקגעריסן פון די הענט פון די עלטערן!“

מיר האָבן פאַרלאָזן די פושטשע, מיר זענען אַוועק אין נאַטשער וואַלד. דאָס איז נעבן ראַדון. קאַפּוסטין איז געגאַנגען צוריק, ער האָט מיט דעם כוח נישט געקאָנט גיין גלייך אין ביאַליסטאָקער געגנט און ער איז געגאַנגען צוריק אין דער פעטשאַרסקע פושטשע. מיר זענען דאָן איבערגעגאַנגען נענטער צו ווילנע. מיר זענען געבליבן אַליין, אָנגעוויזן אויף די אייגענע כוחות.

אַן אַרמיי ממש

דאָס איז געווען ווי אַן אַרמיי מיט איין געזעץ פאַר אַלע. אויך די אָפיצירן זענען געווען בלויז יידן. די גאַנצע דרוקעריי, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע און צוואַנציק מאַן זענען געווען בלויז יידן. מיר זענען פאַרבליבן אַליין און מיר האָבן געאַרבעט. טאָג־טעגלעך געגאַנגען אין קאַמף, געמאַכט זאַסאַדעס, אָנגעגריפן אייזנבאַן־ליניעס. דאָרט וווּ מיר זענען געווען, פלעגן פאַרן טאָג־טעגלעך, ווי מען פלעגט זיי רופן, „קוקושקאַ“. אַ קליינע באַן, וואָס פירט קלעצער. די באַן האָבן די דייטשן שטאַרק באַפעסטיקט, פאַרלייגט מיט קלעצער, אָנגעשאָטן זאַמד. מיר פלעגן גיין טאָג־טעגלעך זיך באַגעגענען מיט זיי. דריי מאָל האָבן מיר זיי אַראָפּגעוואָרפן פון די רעלסן, אַ סך אומגעבראַכט, געכאַפּט לעבעדיקע און געבראַכט צו זיך אין אָטריאַד.

מיר יידישע פאַרטיזאַנען פון דער געגנט, מיר האָבן געקעמפט אין דער געגנט בלויז מיט יידישע כוחות, ביזן 44־סטן יאָר. אין 44־סטן יאָר, ווען דער רוס האָט זיך גענומען דערנענטערן, האָבן מיר פאַרכאַפּט אין נאַווידוואָר די גאַנצע פּאָליציי. 130 מאַן האָבן מיר געכאַפּט לעבעדיקע, איידער עס איז געקומען די רויטע אַרמיי. מיר זענען אַרויס באַגעגענען די רויטע אַרמיי ביי שניפּישאָק און מיר זענען צוזאַמען מיט זיי אַריינגעקומען אויף די טאַנקען. אין אָסטריין, נאָכן אַרויסקומען פון וואַלד, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט דער רויטער אַרמיי, האָט מען געמאַכט פאַר אונדז אַ מיליטערישן פאַראַד. מיר אַלע זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער טריבונע, אויף וועלכער די רוסישע העכערע אָפיצירן האָבן אונדז אָפּגעגעבן כבוד. צווישן זיי האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ זשורנאַליסט אַ פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אונדז אָפּגערופן ספּעציעל אין אַ זייט און אונדז געזאָגט: „איך בין אַ ייד. איך וויל אייך פאָטאָגראַפירן. איך וועל אייך פאַרעפנטלעכן אין זשורנאַל אַלס העלדן פון דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג“.

צוריק אין פיעסק

נאָכן אַרויסקומען פון וואַלד האָט מען אונדז אַלע פאַרטיזאַנען איבערגעשיקט אין פּלעצער וווּ מען האָט געדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט די ווייסע פּאָלאַקן. די ווייסע פּאָלאַקן פלעגן אָנפאַלן אויף אונדז ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט. דאָס זענען געווען די אָרגאַניזירטע פאַרטיזאַנען פון מיקאָלייטשיק, וועלכער איז געזעסן אין ענגלאַנד. איך האָב זיך אומגעקערט אין מיין שטעטעלע גלייך נאָך דער באַפרייאונג. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל טרעפן מיין משפחה אין שטעטעלע, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן, ווו איך בין געגאַנגען ביינאַכט און ביי טאָג, ווו די חלוצישע געזאַנגען פלעגן זיך הערן גאַנצע נעכט אויפן טייך און אויף די פעלדער, ווו די „האָראַס“, די טענץ פלעגן אָפּהילכן אין לאָקאַל פון בית״ר אָדער אין לאָקאַל פון „החלוץ“.

מען האָט מיר געגעבן אַ דערלויבעניש, איך בין געקומען קיין שטשוטשין, דאָרט האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף אַ מאַשין און געקומען קיין פיעסק. כ׳בין אַריין אין שטעטל, איך האָב עס נישט דערקענט. דער גאַנצער צענטער, איצקאָוויטשעס שטוב מיט דער גאַנצער שורה ביז דוד־לייבקען, איז געווען אַראָפּגעטראָגן, פאַרברענט, חרוב. אַז מען איז געשטאַנען נעבן קלויסטער, האָט מען געזען דעם בית־עולם. די גאַנצע שורה איז נישט געווען. די שול איז נישט געווען, די בתי־מדרשים האָב איך נישט באַגעגנט. ס׳איז נישט געווען קענטיק, אַז ס׳איז אַמאָל יאָ געווען און היינט איז נישטאָ. כ׳בין געגאַנגען אין דער ריכטונג ווו איך האָב געלעבט. כ׳בין געקומען, דאָס שטיבעלע שטייט. שפּורן פון די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געטראָטן, האָב איך נישט באַגעגנט.

כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, איך בין אַריין אין שטוב. עס לעבט דאָרט אַ קריסטלעכע משפחה. איך גיב איר אָפּ אַ גוט־מאָרגן, דערשרעקט זי זיך פאַר מיר. איך האַלט דעם אויטאָמאַט אין האַנט. איך פרעג: „ווער לעבט דאָ?" בלייבט זי שווייגן, פאַלט אויף די קני און וויל קושן מיינע פיס. זי האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן. זי האָט געזען, אַז איך בין פון דער משפחה, און איך בין געבליבן דער איינציקער. איר האָט זיך דאָס נישט געחלומט.

איך בין אַוועק פון שטוב. איך האָב גענומען זוכן באַקאַנטע. קריסטן, וועלכע קענען מיך, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט צוזאַמען. איך האָב געטראָפן אַ סך. יעדער איינער האָט פאַר מיר געהאַט מורא. מען האָט געמיינט, אַז איך בין געקומען נעמען נקמה פון זיי, ווייל יעדער איינער פון זיי האָט איינגעטונקט די הענט אין בלוט, יעדער איינער פון זיי האָט גענאָסן פון יעדער זאַך, וואָס איז געווען אין שטוב. איך בין אַריין צו יאַנעק ראַינע. אים האָב איך גוט געקענט פון אַמאָל. ווען די רוסן זענען אַריין, איז ער געווען אַ מיטגליד אין דעם סעל־סאָוויעט. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אויך דערשראָקן. ער איז אויך דער זעלבער שולדיקער מיט אַלעמען גלייך. אויב זיי האָבן גענאָסן אַ סך, האָט ער גענאָסן ווייניק. ער האָט מורא מיט מיר צו רעדן. זאָג איך: „אָבער דו דערקענסט מיך?" זאָגט ער: „עפּעס אַ ביסל דערקען איך דיך". און עס זענען אַדורך אינגאַנצן פיר יאָר. ער איז געזעסן שוין נישט אין זיין אַמאָליקן שטיבעלע, נאָר אין אַ יידישער שטוב. ביי דער משפחה רוז׳נסקי. דאָרט האָט געלעבט אברהמקע אורלין, און ער זאָגט ווייטער: אָבער דו ווייסט ווער איך בין? איך אַרבעט אין דער אָפּטיילונג פאַר וווינונגען. אַלע הייזער זענען קאָנפיסקירט און זיי געהערן צו דער רעגירונג". זאָג איך: „אָבער דו אָנערקענסט, אַז איך האָב דאָ אויך אַ שטוב?" זאָגט ער: „יאָ, אָבער דו ביסט שוין אויף איר נישט קיין בעל־הבית. דו דאַרפסט איצט פירן משפטים, כדי מען זאָל אָנערקענען, אַז דו ביסט דער יורש". „יאָ", זאָג איך, „איך האָב נישט מיט דיר מער וואָס צו פאַרברענגען, איך בין נישט געקומען זוכן די וווינונג, איך בין געקומען זוכן די משפחה. טאַטע, מאַמע און ברידער. די טריט, וואָס זענען געגאַנגען דאָ".

איך בין ווידער אַוועק, איך בין אַוועק אויף זאַרעטשע. דאָרט האָב איך איבערגענעכטיקט. אויף מאָרגן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין זעלעוויאַן. אין זעלעוויאַן איז געווען דער ראַיאָן, וווהין מען האָט זיך באַדאַרפט ווענדן אין אַלע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן.

קודם־כל האָב איך געפרעגט: אפשר איז פאַרבליבן עמעצער פון מיין משפחה? זאָגן זיי: „ניין". זאָג איך: „איך בין אַליין אַ געבוירענער פון פּיעסק, כ׳האָב זיך איצט אומגעקערט, איך האָב דאָ אַ וווינונג. זאָגן זיי: „אַ וווינונג ביטע, מיר גיבן דיר אָפּ. דו דאַרפסט נעמען 25 אונטערשריפטן פון מענטשן, וואָס קענען דיך און ווייסן, אַז דאָס איז דיינס".

צוריק אין דער אָפּטיילונג

איך האָב פאַרלאָזן פּיעסק. איך האָב זיך אומגעקערט אין מיין אָפּטיילונג אין אַסטרין. דאָרט זענען מיר געווען מיט אַ גרופּע גראָדנער חברים. מיר האָבן דאָן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אַסטרין, נישטאָ דאָ וואָס צו זיצן, היטן דאָ די רוסן, פאַרזיכערן די רוסן, וועלכע מאַכן דאָ אַ לעבן. מיר וועלן אַוועק אין שטאָט. מיר איז שוין געווען קלאָר, אַז איך האָב שוין קיינעם נישט, אַז איך האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין גראָדנע. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אין לאָסאָסנע איז פאַראַן אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, ווו דער אָנפירער איז אַ יידישער אָפיציר.

אַ סך יידישע יונגעלייט זענען אַוועקגעגאַנגען פרייוויליק אין דער אָפּטיילונג. איך בין אויך אַוועק אַהין. איך בין געקומען צו גיין, איך האָב אָנגעקלאַפּט, מען האָט מיך אויפגענומען. זיצט פאַר מיר אַ הויכער אָפיציר, אַ פּאָלקאָווניק און פרעגט: „ ווער ביסטו?" זאָג איך אים: „איך בין אַ פּאַרטיזאַן, באַפרייט געוואָרן. איך האָב פון מיין משפחה קיינעם נישט געטראָפן, איך בין איצט אַליין". זאָגט ער: „דערצייל מיר אין קורצן ווער ביסטו, פון וואַנען ביסטו". דערצייל איך אים. זאָגט ער: „איך וועל דיר העלפן. דו ביסט עלנט. אַזעלכע קינדער האָב איך געהאָלפן אַ סך. און איך אַלס אַ ייד, דאַרף דיר ווייטער העלפן. „די מלחמה", זאָגט ער, „גייט אָן. קיינער איז נאָך נישט זיכער מיטן לעבן". ער האָט מיך אַוועקגעשיקט אין אַ דאָרף מאַלאַכאָוויטש,

צוויי קלאָמעטער הינטער גראַנדע, אויפן וועג פון אַמ־דור. איך קום צוגיין דאָרטן, זיצט דאָרט אַ ידישער מאַיאָר. איך גיב אים אַ צעטל, ער לייענט איבער, זאָגט ער: „זעץ זיך. ווער ביסטו, וואָס ביסטו?" און ער גיט צו: „איך בין אויך אַ ייד, אַ מאָסקווער ייד. איך האָב דאָ אין דער אָפּטיילונג נאָך אַזעלכע ווי דו. אונדזער פליכט איז זאָרגן, מען זאָל בלייבן לעבן, אַ זכר זאָל זיין פון אונדזער פאָלק. וואָס ביסטו פון פאַך?" זאָג איך: „איך בין אַ שוסטער". זאָגט ער: „גיי אין דער און דער שטוב, עס זיצט דאָרט אַן אַלטער קריסט, ער וועט דיך אויפנעמען. וועסטו באַקומען אַלץ, וואָס דו באַ־דאַרפסט, זאַכן, קליידונג און דו וועסט זיין ביי אונדז".

ווי אַ פּאַטער

ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַ פּאַטער און איך בין געווען פון 44־סטן ביזן 46־סטן יאָר ביי אים אין דער אָפּטיילונג. עס זענען דאָרט געווען נאָך יידן, ס'זענען געווען שניידער, וואַרשטאַטן, עס זענען אויך געווען אָפּי־צירן. אַלע זענען געווען געבונדן ווי איין משפחה, נישט קוקנדיק ווער און פון וואַנען ער איז. די מלחמה איז אַוועק פאָרויס. אויך מיר זענען געגאַנגען. מיר זענען געקומען קיין קאָמאָוו, פּולטוסק. דאָרט איז געווען דער פראָנט. איך האָב באַקומען אַ באַפעל, אַז איך זאָל נע־מען מיינע זאַכן און זיך צושטעלן אין אַ געוויסן פּלאַץ. איך און נאָך איינער, גרישע קויפמאַן, אַ וואַרשעווער. וואָס איז געווען די סיבה, ווייס איך נישט. זאָגט צו מיר דער קריסט: „גיי, בעט אים, אַז ער זאָל דיך לאָזן דאָ". זאָג איך: „ניין. מסתמא, אַז ער שיקט, ווייסט ער וואָס ער טוט".

מען האָט אונדז אַרויפגעזעצט 70 מאַן אויף אַ מאַ־שין און מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט, ווו ווייס איך נישט. אָפּגעפאָרן אַ 70 קילאָמעטער פון פראָנט צוריק און מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין הייזער מיט עסן און שלאָפן. דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן צוויי וואָכן צייט. זיין כוונה האָב איך דאַן נישט פאַרשטאַנען, בלויז שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט.



מחנה רכוז



שמעיה וואַרשאַווסקי

די גורלדיקע יאָרן

יעדער איינער קאָן מאַכן פאַרצייכענונגען פון גוטע צייטן און פון שלעכטע צייטן. וואָס איך וויל דערציילן און שילדערן, איז פון שלעכטע צייטן.

אייגנטלעך, די שלעכטע צייטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַר דעם פויליש־דייטשן קריג, ווען די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעהויבן בושעווען איבער גאַנץ פוילן. איך דערמאָן זיך אַפילו, ווען איך האָב געדינט אין ווילנע אין מיליטער, ווען פילסודסקי איז געשטאָרבן, האָט זיך צו מיר אָנגערופן אַ פּלוטאָנאָווער: „נו, וואַרשאַווסקי, אייער „דזיאַדעק" איז געשטאָרבן".

פאַקטיש איז ער געווען גערעכט, און שפּעטער האָבן מיר ייִדן דאָס גענומען פילן. די ייִדן, וואָס זענען געווען אין דער פוילישער אַרמיי, האָבן זיך געפונען באַעוולט און באַליידיקט אין דער פאַרמאַציע, ווו איך האָב געדינט, זענען געווען ווייניק ייִדן, דאָך האָבן אויך דאָרט די פּאָליאַקן געפונען זייער קרבן. צוויי פון די ייִדן, וועלכע האָבן פון דעם געליטן, פלעגן נישט ענטפערן אויף די באַליידיקונגען. צום סוף האָט דער שייגעץ, וואָס פלעגט זיי באַליידיקן, זיך גענומען צו מיר און אַ שטופּ געטון פון די טרעפּ. דאָס איז געווען פאַר מיר גענוג. דער שייגעץ איז געווען פעסט געבויט, איך בין אָבער אויך נישט געווען פון די שוואַכע, און איך האָב אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט דעם טאָוול אויף וועלכן מען פלעגט אויפהענגען די באַפעלן. איך האָב אים נאָך געשלאָגן אָן רחמנות, ביז מען האָט מיך אַוועקגעריסן פון אים. איך האָב דערפאַר באַקומען דריי טעג שווערן אַרעסט, אָבער דאָס איז געווען כדאי. די שקצים האָבן פון דאַן אָן געוווסט, אַז עס איז פאַראַן אַ ייִד, וועלכער גיט צוריק.

אין יענער צייט, אָבער, פלעגן די צייטונגען ברענגען יעדן טאָג ידיעות וועגן איבערפאַלן אויף ייִדן. ווען עס איז מיר אויסגעקומען איין מאָל צו זיין אין באַראַנאָוויטש ביי מיין ברודער שמואל, און מיר האָבן שפּאַצירט אין גאַס, האָט ער מיר דערציילט, אַז נעבן דעם שטאָט־גאָרטן שלאָגט מען ייִדן. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז זיי ווייסן וועמען צו שלאָגן. ער אַליין גייט יעדן טאָג און זיי וואָגן נישט אים איבערצופאַלן.

ביי אונדז אין פּיעסק האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט פּאַסירן, ווייל דער פּיעסקער קריסט האָט געוווסט, אַז אין פּיעסק זענען פאַראַן אַרבעטער — ייִדן מיט שטאַרקע מוסקולן, וועלכע קאָנען געבן צוריק מיט פּראָצענט. עס האָט געטראָפן אַמאָל, ווען דער פּריץ ביספּינג האָט געבראַכט אַ גרופּע פּאָליאַקן פון וואַרשע צו גראָבן סטאַוועס אויף פיש. האָבן זיי געזוכט מזל אין פּיעסק און זיי האָבן אים געפונען. מיט צעקלאַפּטע קעפּ זענען זיי אַוועק. דאָס אַלץ — אַדאַנק דער אייניקייט, וואָס האָט געהערשט ביי די פּיעסקער ייִדן. ווען ס'איז אויסגעקומען אַזאַ מאָמענט, איז נישט געווען קיין איין ייִד, וואָס זאָל זיך באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב, נישט דער קצב מיט דער האַק, נישט דער שניידער מיט דער שער און נישט דער שוסטער מיטן האַמער. פּיעסק איז געווען אַן אָרעם אַרבעטער־שטעטל, אָבער הויך געהאַלטן דעם כבוד פון ייִדישן פאָלק.

1939

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1939. היטלער פלעגט רעדן דורכן ראַדיאָ, אַז ענגלאַנד, אַ לאַנד פון 44 מיליאָן נפשות האָט אַזוי פיל קאָלאָניעס, אַז דייטשלאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון 88 מיליאָן האָט גאַרנישט, אַז פוילן מיט אירע 33 מיליאָן מענטשן האָט נישט קיין צוגאַנג צום ים. און די פּאָליאַקן האָבן זיך געפרייט מיט די רייד פון זייער פאַרזאָרגער. אַ ביסל שפּעטער

האָט דער ווינט גענומען בלאָזן פאַרקערט און פיל זענען גענומען געוואָרן אין מיליטער. דריי מאָנאַטן פאַר דעם קריג האָט מען מיך מאָביליזירט און מען האָט מיך איבערגעשיקט אין דער געגנט פון פּולטוסק — טשעכאַנאָוו — פּלאָנסק, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. איך בין געווען אין די סאַפּיאָרן און געהאָלפן בויען פאַרפעסטיקונגען פון אייזן און בעטאָן.

די צייטונגען האָבן יעדן טאָג געבראַכט שלעכטע נייעס, ביז איינמאָל אויף דער נאַכט איז געקומען דער קאָמענדאַנט פון מיין קאָמפּאַניע און באַפוילן אונדז גלייך אַרויסגיין אין פעלד. מען האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז ריבענטראָפּ און מאָלאָטאָוו האָבן היינט אונטערגעשריבן אין מאָסקווע אַן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, אַ נישט־אַנגריפס־פּאַקט, און דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג פּוילן. דעם זעלבן אינדערפרי זענען שוין געווען פּלאַקאַטן מיט גרויסע ווערטער מ ל ח מ ה. דעם זעלבן טאָג האָט מען שוין געקאָנט זען הונדערטער מענטשן, באַגלייט פון פרויען און קינדער, חתנים און כלות, זיך געזעגענען און וויינען.

דער הימל איז שוין געווען פול מיט דייטשע עראָפּלאַנען, אויפן גאַנצן האָריזאָנט האָט מען שוין געזען זיילן רויך. מענטשן זענען שוין געלאָפן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. אויפן האַרצן איז געווען זייער שווער. דאָך בין איך געווען צופרידן, וואָס איך בין שוין אַריינגעצויגן אין מיליטער.

גלייך דעם ערשטן טאָג פון קריג האָבן מיר אַראָפּגעשאָסן דעם ערשטן דייטשן אַעראָפּלאַן און די פליער גענומען אין געפאַנגענשאַפט. די גאַנצע געגנט האָט שוין געברענט פון דייטשע באָמבעס. די מענטשן זענען געווען פאַרצווייפלט, נישט וויסנדיק וואָס צו טון.

די מלחמה מיט פּוילן האָט לאַנג נישט געדויערט — 20 טעג איז געווען נאָך דער מלחמה. איך וועל נישט שילדערן די פּוילישע מלחמה, נאָר אין דער שטאָטווישקאָוו, ווו מיר האָבן געדאַרפט אויפרייסן צוויי בריקן, האָט אונדז דער דייטש באַגעגנט מיט באָמבעס. אַ סך פון דער ציווילער באַפעלקערונג זענען אומגעקומען, אויפן גאַס האָבן זיך געוואָלגערט פיס און הענט, קעפּ מיט בערד. מען האָט געקאָנט זען פאַרשידענע האַרצרייסנדיקע בילדער: אַ טויטע מוטער, פאַרגאָסן מיט בלוט, און אַ לעבעדיק צוויי־יאָריק קינד, וואָס האָט זיך געטוליעט צו איר. אַ מוטער מיט צוויי מיידעלעך איז צוגעלאָפן צו מיר, דערקענענדיק, אַז איך בין אַ ייד, מיט אַ געוויין, איך זאָל איר ראַטן, ווו זיי קאָנען זיך באַהאַלטן פון די דייטשע באָמבעס. אָבער מער ווי פאַרלאָזן די שטאָט האָב איך איר נישט געקאָנט ראַטן.

עס זענען געווען פאַלן, ווען נאָכן אויפרייסן דעם בריק זענען גרופּן פון מיליטער פאַרבליבן אויף יענער זייט טייך, און די זעלנער פלעגן נאָכדעם שפּרינגען אין וואַסער און דערטרונקען ווערן. אַזאַ פאַל איז אויך געווען אין זעגזשע ביי סעראָצק. אַז מיר פלעגן אָפּטרעטן, האָבן מיר שוין געטראָטן איבער טויטע קערפּערס און פאַרניכטעטע שטעט און שטעטלעך.

אין צוויי געפאַנגענשאַפטן

מיין אָפּטיילונג האָט מען צעקלאַפּט ביי כעלעם, פון 170 מאַן זענען מיר פאַרבליבן 53 און די דייטשן האָבן אונדז גענומען אין געפאַנגענשאַפט. דאָרט בין איך געווען צוויי טעג. מיט מיר — נאָך צוויי יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן.

די לעצטע טעג פון קריג האָב איך מיך דערוווּסט, אַז רוסלאַנד האָט פאַרנומען מיין היים. אָן אַ מאַפּע און נישט קענענדיק דעם וועג, האָבן מיר אַזוי דורכגעמאַכט 200 קילאָמעטער ביז בריסק. בייטאָג פלעגן מיר זיצן אין וואַלד און ביינאַכט גיין, הונגעריקע מיט געשוואָלענע פיס. די רוסן האָבן אונדז גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אונדז אַוועקגעפירט ביזן שטעטל אוסטאַשקאָוו אויף די אָזיערעס.

אויף דעם אינדזל האָב איך געטראָפן שמואל קאַראַלין און שמואל צין, און זיי האָבן מיר שוין דערציילט נייעס פון פּיעסק. שמואל קאַראַלין איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט ביי גראָדנע נאָך אַ שווערן קאַמף, וואָס האָט געדויערט צוויי טעג, בשעת וועלכן עס זענען אויך געפאַלן פיל רוסן. שמואל קאַראַלין האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אים שוין געפירט שיסן, נאָר אויפן וועג האָט ער דערקענט אין אַ רוסישן אונטעראָפיציר, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט זיך ביי אים גענומען בעטן אויף זיין לעבן, און אַזוי אַרום איז ער געבליבן לעבן.

אונדזערע באַדינגונגען אויפֿן אינדזל זענען געווען זייער שלעכטע. יעדן טאָג פֿלעגן שטאַרבן 40 ביז 50 מענטשן פֿון הונגער און קעלט. איך בין דאָרט אָפּגעווען צוויי מאָנאַטן. יעדע נאַכט פֿלעגט מען מיך נעמען אויף אַן אויספֿאָרשונג: ווו איך האָב געדינט, פֿון וואַנען איך בין און צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי איך געהער. אין משך פֿון דער צייט האָבן זיי שוין נאָכגעפֿרעגט אין פּיעסק ווער איך בין, און קענטיק, אַז זיי האָבן באַקומען אַ גינסטיקן ענטפֿער, ווייל זיי האָבן מיך באַפֿרייט צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע.

ווען איך בין געקומען קיין פּיעסק, האָב איך געטראָפֿן אַ גאָר אַנדער לעבן. פּיעסק איז געווען פֿול מיט מיליטער. אין יעדן הויז האָט געוווינט אַן אָפֿיציר. ביי אונדז אין הויז איז דאָן איינגעשטאַנען דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק. ווען איך בין אָנגעקומען, איז די פֿרייד אין מיין פֿאַמיליע געווען אומבאַשרייבלעך גרויס. ווייל אַ סך פּיעסקער האָבן זיך נישט צוריקגעקערט פֿון פֿראָנט.

ווען די וואָרעמע אויפֿנאַמע האָט זיך געענדיקט, האָט דער קאָמאַנדיר, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז געבעטן איך זאָל אַריינגיין צו אים און אים דערציילן וועגן דער מלחמה און וועגן דער רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט. אַזוי ווי ס'איז מיר געווען אויפֿן האַרצן, אַזוי האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב געליטן הונגער און קעלט. אין מיטן דערציילן האָב איך דערפֿילט, אַז מיין שוועסטער דריקט מיר אויפֿן פֿוס. דאָס הייסט, אַז מען טאָר נישט דערציילן וואָס מען וויל. דער קאָמאַנדיר האָט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר מיר, אַז מסתמא זענען געווען סיבות, וואָס אונדז איז געווען אַזוי שלעכט.

דער דאָקטאָר איז ביי מיר געווען אַ גאַנץ אָפֿטער גאַסט. אַ לעפֿל וואַסער איז מיר געווען שווער אַראָפּצושלינגען. אָבער גאַנץ גיך בין איך צוריקגעקומען צו די כוחות. דערווייל האָט מען מיר דערציילט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין פּיעסק בשעת דער קורצער מלחמה.

די קורצע מלחמה

די פּוילישע אַרמיי האָט זיך געפֿונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. די זעלנער זענען געלאָפֿן אַהין און צוריק און נישט געוווּסט וווּהין צו לויפֿן. זיי האָבן אַלזאָ זייער פֿאַרצווייפֿלונג אויסגעלאָזט צו די יידן. אין וואָלקאָוויסק האָבן זיי געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן, און אין סקידעל האָבן זיי געהרגעט אַ סך יידן. אין פּיעסק איז נישט געווען קיין מאַכט די לעצטע טעג פֿון קריג, האָבן די יידן מיט די ווייס־רוסן געשאַפֿן אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע אין דער שפּיץ מיט גרשון אָסטרינסקי מיט דעם קריסט טשובריק. אויך חיים גלעמבאָצקי איז געגאַנגען מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. די פּאָסט האָט איבערגענומען לייבע מענדעלעוויטש.

איין טאָג האָט לייבע מענדעלעוויטש באַקומען אַ טעלעפֿאָן, אַז פֿון מאָסט קיין פּיעסק דערנענטערט זיך אַ גרופּע פֿון 70 פּוילישע זעלנער. די פּאַרטיזאַנען האָבן זיי שוין אָפּגעוואַרט, און ווען די פּאָליאַקן זענען אָנגעקומען, איז צו זיי צוגעגאַנגען אָסטרינסקי מיט טשובריקן און זיי געמאָלדן, אַז אויב זיי ווילן נישט פֿאַרגיסן קיין בלוט ,זאָלן זיי לייגן דאָס געווער. די פּאָליאַקן האָבן געזען, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פֿון באַוואָפֿנטע מענטשן, האָבן זיי געלייגט דאָס געווער.

אין יענע טעג איז אין וואָלקאָוויסק דערהרגעט געוואָרן משה ווינאָקור. די פּאָליאַקן האָבן אים געהרגעט און אויסגעשניטן די צונג. אין גראָדנע איז געהרגעט געוואָרן דאָדזיע אורלין. אין פּיעסק זענען די יידן געווען גרייט, אַז ביי זיי זאָל נישט פֿאָרקומען דאָס וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין וואָלקאָוויסק אָדער סקידעל.

סאָוויעטישע אָרדענונגען

אויפֿן ערשטן סאָוויעטישן טאַנק, וועלכער איז אַריין קיין פּיעסק איז געזעסן פֿרומקע שליפּיצקי. די יידן האָבן באַגעגנט מיט בלומען די סאָוויעטן. די ערשטע מאָנאַטן איז נאָך דאָס לעבן אין שטעטל געווען נאָרמאַל. די יידן האָבן נאָך געהאַט די געשעפֿטן. די פּרייזן זענען אַ סך געשטיגן און די רוסן האָבן געכאַפּט וואָס זיי האָבן נאָר געזען. די קליינע געשעפֿטן האָבן זיך ליקווידירט, ווייל קיין נייע סחורה האָבן זיי נישט געקאָנט באַקומען. אויף די גרויסע געשעפֿטן האָט מען אַרויפֿגעלייגט גרויסע שטייערן. אַזוי צום ביישפּיל האָבן זיי אַרויפֿגעלייגט אויף מרדכי־געצל יוגעל 90 טויזנט רובל. ער האָט אָנגעגעבן אין געריכט, און דאָס געריכט האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז באַצאָלן דאָס געלט אָדער מען וועט אים צונעמען אויף שווערע אַרבעט. ער האָט זיך געווענדט צו

אַ העכערער אינסטאַנץ, אָבער אין משך פון דער צייט האָט ער זיך געמוזט אויפהאַלטן ביי זיין פרויס משפּחה אין קלעצק.

דערווייל האָבן זיך אַ סך יידן איינגעאָרדנט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. די מיל איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, ווי אויך אַ ריי אַנדערע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס. אין צווישנצייט האָבן אַלע געדאַרפט אַרויסנעמען פּאַספּאָרטן און באַקומען די רוסישע בירגערשאַפט. די רייכע האָבן אויף זייער פּאַספּאָרט באַקומען דעם באַרימטן פּאַראַגראַף 11. אַזאַ מענטש האָט נישט געקאָנט קריגן קיין פּאָסטן, נאָר שוואַרצע אַרבעט. די באַציאונג פון די יידישע קאָמוניסטן צו די געוועזענע ציוניסטן איז געווען אין אַלגעמיין נישט קיין שלעכטע. בלויז צוויי יידן זענען אַרעסטירט געוואָרן: שמואל־שלמה וואַנד און ראובן שבח.

שמואל־שלמה וואַנד איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר און איז דאָרט געשטאָרבן, און ראובן שבח איז געזעסן אין דער לידער טורמע. מען האָט אים באַשולדיקט אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער פּאָליציי. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען אונדזער געגנט איז שבח באַפרייט געוואָרן.

אין מאַטעריעלער הינזיכט האָבן די יידן געלעבט נישט שלעכט. שניידער, שוסטער האָבן גוט פאַרדינט. מען פלעגט אַרבעטן 5 טעג, און דער 6טער טאָג איז געווען אָפּרו.

די סאָוויעטן זענען געווען קעגן רעליגיע, זיי האָבן אָבער נישט געשטערט. זיי האָבן איינגעלאַדן צו זיך דעם קאַטוילישן און פּראַוואָסלאַווישן גלח, ווי אויך דעם רב און און געגוי אויסגעפרעגט וועגן זייערע פאַרדינסטן. דעם רב האָבן זיי געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן צופיל שולן, און ער דאַרף פאַרמאַכן צוויי פון זיי. דער רב איז נישט מסכים געווען, און דאַן האָבן זיי צונויפגערופן אַלע יידן און זיי דערקלערט, אַז זיי ברויכן די צוויי שולן פאַרן מיליטער. ווען זיי האָבן געפרעגט ווער איז קעגן, האָט קיינער זיך נישט אָפּגערופן.

עס איז אַלזאָ צוגענומען געוואָרן דער מויער און די גרויסע שול. אין מויער זענען איינגעשטאַנען זעלנער, און די גרויסע שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סקלאַד פון אַמוניציע. דער רב קוויאַט האָט זיך געמוזט אַרויסציען פון מויער און איז אַריין אין חסידים־שטיבל. אויך דער רב דאַנול האָט געמוזט אוועקגעבן זיין דירה.

די סאָוויעטן האָבן אויך איינגעאָרדנט קינאָ־פאָרשטעלונגען אייניקע מאָל אין וואָך אונטערן פרייען הימל. יעדער איינער האָט שוין געוווּסט, אַז ער מוז קומען מיט אַן אייגענעם בענקל. עס איז אויך געעפנט געוואָרן אַ קלוב, ווו די יוגנט פלעגט קומען טאַנצן.

די יידן האָבן זיך אין אַלגעמיין געפילט גוט אין פאַרגלייך מיט דער צייט פון דער פּוילישער הערשאַפט. די יוגנט האָט אָנגעהויבן לערנען רוסיש. אַ געוויסע צאָל מיידלעך האָבן דורכגעמאַכט שנעל־קורסן פון לערערינס, און זיי האָבן באַקומען פּאָסטנס אין די אַרומיקע דערפער.

פּליטים אין פּיעסק

די פּיעסקער יידן האָבן אַ סך אויפגעטון ווען טויזנטער יידן זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן. אין פּיעסק אַליין זענען געווען 90 פּליטים און די פּיעסקער יידן האָבן זיי אויסגעהאַלטן מיט אַלעמען. ביי אונדז זענען געווען צוויי יידן, אַ פאָטער מיט אַ זון. עס זענען געווען פרויען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דאָזיקן ענין. אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען חייטשע גלעמבאָצקי און גיטע איצקאָוויטש (שבח). די פּליטים האָבן זיך געפונען ביי אונדז זעקס מאָנאַטן, ביז די רוסן האָבן אָנגעהויבן זיי פאַרפאָלגן צוזאַמען מיט זייער אַקציע קעגן די פּוילישע אָסאַדניקעס.

פריער האָבן די רוסן פאַרבאָטן פּליטים צו וווינען נעענטער ווי 100 קילאָמעטער פון דער דייטשער גרענעץ. שפּעטער האָבן זיי פאַראָרדנט, אַז די פּליטים זאָלן זיך פאַרשרייבן צו אַרבעט אין רוסלאַנד אָדער צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. די פּליטים זענען אַרומגעגאַנגען צעטומלט און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון. אַ סך האָבן זיך פאַרשריבן צוריק קיין דייטשלאַנד, און געוויסע פון זיי — כדי צו פאָרן קיין רוסלאַנד. די, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן קיין דייטשלאַנד זענען אין איין נאַכט צונויפגענומען און אוועקגעשיקט געוואָרן קיין סיביר, און די, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט אין רוסלאַנד, זענען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געפאָרן אַהין.

קיינער האָט נישט געוווּסט קיין זיכערעס ווי אַזוי עס וועלן אויסזען די באַציאונגען מיט דייטשלאַנד. עפּעס

האָט אויסגעזען אַז רוסלאַנד האָט זיך געגרייט. מען האָט געבויט אין אַ סך פּלעצער אַעראָדראָמען. אומגעריכט האָבן מיר געהערט דעם 18טן יוני אַ פּוילישע אוידיציע פון ענגלאַנד, אַז די דייטשן שטייען מיט 170 דיוויזיעס ביי די גרענעצן פון רוסלאַנד. אין דער זענדונג איז געווען געזאָגט גענוי וויפל פוסגייער, וויפל טאַנקען און וויפל אַרטילעריע. אויפצומאָרגנס האָבן מיר געלייענט אין „פּראַוודאַ״, אַז דאָס איז אַ ליגן: ענגלאַנד וויל מיט פרעמדע הענט שאַרן פייער.

22טער יוני 1941

דעם 22־טן יוני, זונטיק אין דער פרי, ווען אוך בין אַרויס אויף דער גאַס, האָב איך דערהערט טעמפּע קלעפּ. איך האָב געמיינט, אַז עס דונערט. איך האָב זיך אָנגעטון ווי געוויינלעך. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז דייטשלאַנד האָט אָנגעגריפן. טראָץ אַלעם האָב איך מיר פאַרגעשטעלט, אַז דאָס מאָל וועט נישט געלינגען די דייטשן אַזוי ווי מיט פּוילן, ווייל מיר האָבן דאָך אַלע געזען די ריזיקע צאָל טאַנקען, מיט וועלכע די רוסן זענען אַריין אין אונדזער געביט.

3 אַזייגער נאָכמיטאָג האָב איך שוין באַקומען אַ באַפעל זיך צוצושטעלן אין מיליטער, און נאָך אַ צוואַנציק מענטשן צו מיר. מאָנטיק פרי האָט מען שוין באַפוילן מיט דער הילף פון פּלאַקאַטן אַלע מיליטער־פליכטיקע זיך צוצושטעלן. עס איז שווער צו שילדערן די טראַגישע סצענעס פון געזעגענען זיך פון הונדערטער. עס זענען שוין אויך פאָרגעקומען די ערשטע באָמבאַרדירונגען פון די דייטשע אַעראָפּלאַנען. מיר, וועלכע זענען געווען פאַרזאַמלט אין מאָסטי האָבן זיך פאַרבונדן מיט פּיעסק, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באָמבעס זענען געפאַלן אויך דאָרט און גורם געווען די ערשטע קרבנות.

דערווייל איז געקומען צו אונדז אַן אָפיציר און אונדז באַפוילן מיר זאָלן גיין קיין זשאָלודאָק, ווייל דאָ איז שוין שפּעט און מען קאָן אונדז נישט אויפנעמען. אויפן וועג האָט מיר געזאָגט אַ בעקאַנטער, אַז איך האָב נישט נאָך וואָס צו גיין, ווייל מען זעט דאָך, אַז עס איז שוין נאָך דער סאָוויעטישער מלוכה. בעסער איך זאָל צוריקגיין קיין פּיעסק און זען די משפחה. איך האָב אַלזאָ געביטן די ריכטונג אויף פּיעסק. אַ סך אַנדערע האָבן נאָכגעטון מיין ביישפּיל.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּיעסק, האָב איך דאָרט קיין לעבעדיקן מענטשן נישט געטראָפן אויסער מיין פאַמיליע, ווייל מיין פאָטער איז געווען אַן פּיס און ער האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן. איך האָב גלייך באַמערקט אַ פערד און וואָגן און האָב אַרויסגעפירט מיין פאַמיליע אין דעם דאָרף נאַראַטע. שפּעטער בין איך צוריקגעקומען קיין פּיעסק נעמען אַ ביסל זאַכן. די נאַכט האָב איך גענעכטיקט אין פּיעסק. נאָך אַ ביסל יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען און מיר האָבן געהערט ראַדיאָ, וואָס האָט איבערגעגעבן, אַז די דייטשן זענען אַריין קיין גראָדנע, אָבער מען האָט זיי צוריקגעשטויסן.

ווען איך בין געקומען דינסטיק קיין נאַראַטע, האָב איך שוין געטראָפן דעם קריסט, ביי וועלכן עס איז געווען מיין פאַמיליע, אין אַן אַנדערער שטימונג. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז עס איז געקומען צו אים אַ צווייטער קריסט מיט אַ פלוג־בלעטל קעגן די יידן. איך אַליין האָב אויך געפונען אויפן וועג אַזאַ פלוג־בלעטל, געווענדט צו די זעלנער: לאָזט זיך נישט פירן פון די יידישע קאָמוניסטן און פון די יידישע נאַטשאַלניקעס. פאַרשטייט זיך, אַז די קריסטן האָבן גענומען טרייבן די יידן פון זייערע הייזער.

מיטוואָך, דער פערטער טאָג פון דער מלחמה, איז געווען אַ זייער שטורמישער. קליינע רעשטלעך פון רוסישע זעלנער זענען נאָך געווען אין דער געגנט פון פּיעסק. דערווייל האָבן שוין די פּיעסקער קריסטן אויפגעהויבן די קעפּ. זיי האָבן שוין געמאַכט אַ פּלאַן ווי צו ראַבעווען, טראָץ דעם וואָס אין פּיעסק איז געשטאַנען אַ קליינע מיליטערישע וואַך, וואָס האָט געהיט די מאַגאַזינען. זיי האָבן אַלזאָ געוואָרפן גראַנאַטן אין פאַרשידענע פּלעצער, און פון שרעק זענען זיך די זעלנער צעלאָפן. שפּעטער זענען די זעלנער צוריקגעקומען, ווען זיי האָבן געזען, אַז די גראַנאַטן זענען געוואָרפן געוואָרן דורך מענטשן פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

דערווייל האָבן דייטשן ווידער און ווידער באָמבאַרדירט די שטאָט און גורם געווען גרויסע שאָדנס אין די הייזער. גלייכצייטיק האָט מען דערציילט, אַז וואָלקאָוויסק איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד און אַ

סך יידן זענען געהרגעט געוואָרן. אויך דאָנערשטיק זענען פאָרגעקומען קאַמפן מיט רוסישע שווערע האַרמאַטן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן קאָנען אָפּהאַלטן דעם שונא.

פרייטיק האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין משפחה אין דאָרף נאַראָטע, איך האָב אָבער קיינעם דאָרט נישט געטראָפן. אויך נישט דעם קריסט מיט זיין פאַמיליע. צוזאַמען מיט מאיר סעגאַלאָוויטש בין איך געקומען אין קרושינער וואַלד און האָב דאָרט געזען אַ סך רוסישע זעלנער, וועלכע זענען אַרומגעלאָפן פול מיט שרעק. פלוצלינג האָט מען דאָרט גענומען שיסן פון פולעמיאָטן. ווען עס האָט זיך באַרואיקט, איז צו אונדז צוגעלאָפן אַ רוסישער אָפיציר מיט צוויי זעלנער און געוואָלט אונדז דערשיסן. מיר האָבן זיך גענומען בעטן ביי אים, דערקלערט, אַז מיר זוכן אונדזערע פאַמיליעס, און נאָכדעם ווי ער האָט אונדז באַזוכט, האָט ער אונדז געלאָזט גיין.

די ערשטע טעג ביי די דייטשן

אין די בלאָטעס האָבן מיר געטראָפן אַ סך יידן און קריסטן. שבת האָב איך שוין געפונען מיין פאַמיליע. ווען איך בין צוריק אַוועק זונטיק קיין פיעסק, כדי צו באַזאָרגן עסן פאַר מיין משפחה, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן, נישט קיין יידן און נישט קיין קריסטן. קורץ נאָכדעם האָב איך שוין באַוויזן צו זען אָנקומען די ערשטע דייטשע ראַזוויעדקע.

גלייך מיטן אָנקומען פון די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע רדיפות. מען האָט געכאַפּט יידן אויף אַרבעט. אויף יעדע פאַר יידן איז געשטאַנען אַ דייטש מיט אַ שטעקן און געשלאָגן, מען זאָל אַרבעטן גיכער. צוויי יידן האָבן זיי אוועקגעפירט אויפן בית־עולם און זיי געהייסן גראָבן קברים. מען האָט געמיינט, אַז זיי גייען זיי דאָ דערשיסן. זיי האָבן אָבער דערקלערט אַז זיי ווילן אויסגעפינען אויב די יידן האָבן נישט באַהאַלטן קיין געווער אויפן בית־עולם.

דערוויל האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז די יידן זאָלן אויסוויילן אַ יידן־ראַט. אין יידן־ראַט זענען אַריין: מענדל בערווין — פרעזעס, בנימין־דוד גאָלדבערג, חיים גלעמבאָצקי, שייע נאָוואָגראָדזקי, זעליג וואָלעשטשאַנסקי, ישראל אינדיק, אייזיק יעלין, ראַבינאָוויטש, קוריטניאַנסקי און לייבע מענדעלעוויטש. זיי האָבן אויך איינגעפירט געלע לאַטעס פון פאָרנט און פון הינטן, פאַרבאָטן יידן צו גיין אויפן טראָטואַר, זיך צו ווייזן אויף דער גאַס פאַר 7 פרי און נאָך 5 פאַרנאַכט. זיי האָבן אויך באַפוילן אָנצושרייבן אויף דער טיר פון יעדן יידישן הויז פון וויפל פערזאָן עס באַשטייט די פאַמיליע. אַ ייד טאָר זיך נישט דערווייטערן פון שטאָט אויף מער ווי הונדערט מעטער, אַ ייד טאָר נישט פאַרמאָגן אַ קו אָדער אַ פערד, יידן טאָרן נישט האַנדלען, אַ ייד טאָר נישט רעדן מיט אַ קריסט א.ד.ג.

פאַר יעדער עבירה האָט געדראָט טויט־שטראָף, און ווירקלעך האָבן זיי אָן אַ שום סיבה גלייך אין די ערשטע טעג דערשאָסן יידן פאַר כלומרשטע פאַרברעכנס, צווישן זיי דוד־לייבקע דעם קצב, אברהמל רוזשאַנסקי, כלומרשט פאַר קאָמוניזם.

מען האָט צוגענומען ביי די יידן קי און פערד און אוועקגעגעבן די קריסטן. מען האָט אָבער אויך אוועקגענומען קישנס און פוטערוואַרג. מען האָט באַפוילן דעם יידן־ראַט ער זאָל צושטעלן שטיוול און לעדערנע מאַנטלען, און דאָס האָט ער געמוזט אויספילן. זיין אין יידן־ראַט איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. דער שעף פון דער פאָליציי פלעגט קומען אין יידן־ראַט מיט אַ גרויסן הונט און פלעגט אים אָנרייצן אויף די מיטגלידער. ווען ער פלעגט זיי גוט צובייסן, פלעגט דער שעף שטיין און לאַכן.

דער יידן־ראַט האָט געמוזט צונעמען פון די יידן דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. אין פיעסק זענען איצט געווען מער יידן ווי פאַר דער מלחמה, ווייל אַ סך יידן זענען געקומען פון וואָלקאָוויסק, זעלווע און זשאָלודאָק. די יידן האָבן געאַרבעט ביים לאַדעוואַן שטיינער און ציגל און אַנדערע שווערע אַרבעטן. ווען זיי פלעגן אַרבעטן צוזאַמען מיט קריסטן, פלעגן די קריסטן זיך זעצן אויף די וועגענער און די יידן האָבן געמוזט זיי פירן צוזאַמען מיט די שטיינער. אַלץ איז אָנגעגאַנגען מיט קלעפּ. נישט איינער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פוילישע פאָליציאַנטן ביי דער אַרבעט.

אַ געטאָ

טראָץ אַלעמען האָבן מיר געהאַלטן, אַז ביי אונדז אין פּיעסק איז נישט ערגער ווי אין אַנדערע שטעטלעך. אין ראָזשאַנקע, צום ביישפּיל, האָבן זיי אויסגעהרגעט אַלע מענער. אין אַן אַנדער אָרט האָבן זיי פאַרברענט אַלע ספרי־תורהס און די ייִדן האָבן געמוזט טאַנצן אַרום דעם פייער און זינגען. אין פּיעסק האָבן די ייִדן געמוזט פונאַנדערנעמען די גרויסע שול. יעדער טאָג האָט מיט זיך געבראַכט נייע צרות. אַזוי האָט עס אַנגעהאַלטן ביזן מאָנאַט אַפּריל 1942 יאָר. דאַן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען מאַכט אַ געטאָ.

די דאָזיקע ידיעה האָט שוין דאַן נישט געמאַכט קיין איינדרוק, ווייל פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען געקומען אַ סך ערגערע ידיעות. פון זשאַלודאָק איז געווען אַ ידיעה וועגן אַ טאָטאַלער שחיטה, אויך אין שטוטשין איז געווען אַ שחיטה. אַלע שחיטות זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן מיט אַפּנאַרעריי. געהייסן האָט דאָס, אַז יענע מקומות זענען אין ווייסרוסלאַנד און די ווייסרוסן און ליטווינער מאַכן די שחיטות, פּיעסק אָבער האָט זיך געפונען אין דריטן רייך.

ווען דאָס געטאָ איז פאַרטיק געוואָרן האָבן די ייִדן זיך געמוזט איבערציִען אין פאַרלויף פון צוויי שעה, אויסער דעם דאָקטאָר עפּשטיין און אהרן קאַפּלאַן דער אַפּטייקער. די דאָזיקע צוויי ייִדן האָבן זיי דערלויבט צו בלייבן אויסערן געטאָ, ווייל עס איז נישט געווען קיין קריסטלעכער דאָקטאָר און קיין קריסטלעכער אַפּטייקער. אין געטאָ האָבן זיך די ייִדן איינגעאָרדנט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ווער אין אַ שטאַל און ווער אין אַ סטאָדאָלע.

אין אַנדערע הינזיכטן איז אין געטאָ געווען לייכטער ווי אויסער דעם געטאָ. דאָ פלעגן לכל הפּחות די דייטשן זיך נישט אַריינכאַפּן יעדן מאָמענט, כדי צו שלאָגן און ראַבעווען. אַהער האָבן קיין צופעליקע דייטשן נישט געטאָרט אַריינקומען, אויסער דער געסטאַפּאָ. דאָס געטאָ האָבן געהיט פּוילישע פּאָליציאַנטן. מיטן עסן איז אָבער געווען פיל ערגער ווי פריער, ווייל די פּאָליציאַנטן האָבן אויך געהיט מען זאָל נישט אַריינגנבענען קיין שפּייז.

דער צוים אַרום געטאָ איז געווען דריי מעטער הויך, און אַרום אים זענען געהאַנגען שילדן אין דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און רוסיש: „היט זיך פאַר דער זאָראָזע". אַרויסגיין פון געטאָ איז געווען פאַרבאָטן, אויסער די, וואָס זענען געגאַנגען אויף אַרבעט. דאַן האָט יעדער איינער באַקומען אַ נומער, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער דעם נומער געמוזט צוריק אָפּגעבן. אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַט אַ קאָנטראָל אויף יעדן איינוווינער.

זונטיק איז געווען דאָס געטאָ אינגאַנצן געשלאָסן, אויסער צוויי ייִדן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים קאָמענדאַנט און ביים שעף פון מיל. דאָס זענען געווען שמעון דימאָווסקי און ראובן שבח: ס'איז זיי אַפילו דערלויבט געווען צו גיין אָן לאַטעס.

דער ייִדן־ראַט האָט טראָץ אַלעמען געזאָרגט מען זאָל נישט הונגערן, ווייל מער ווי 250 גראַם מעל אויף אַ מענטשן האָט דער אַמטס־קאָמיסאַר נישט דערלויבט. פאַרן פרייז פון מתנות, שטיוול און אַנצוגן פלעגט מען באַקומען פון שעף פון דער מיל די דערלויבעניש אַריינצופירן צוזאַמען מיט דער אָפיציעלער מעל אויך מעל, וואָס מען האָט געקויפט ביי באַקאַנטע קריסטן. אויסער דעם פלעגט געלינגען איבערצוקויפן די פּאָליציי.

צום באַדויערן זענען געווען אַ פּאָר ייִדן, וואָס פלעגן איבערגעבן די דייטשן וואָס עס טוט זיך אין געטאָ.

די ערשטע פּאַרטיזאַנען

די מפּלה פון סטאַלינגראַד האָט אַ ביסל אויפגעמונטערט די ייִדן, דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. דערווייל האָט מען גענומען הערן וועגן קליינע גרופּעס פון פּאַרטיזאַנען. אַזאַ גרופּע פון פינף מאַן האָט אין שכנות פון פּיעסק צוגענומען ביי אַ קריסט די זאַכן. עס איז געווען גענוג, אַז דער קריסט זאָל זאָגן אַז צווישן די פינף מאַן איז געווען אַ ייִד און דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן דעם ייִדן־ראַט ער זאָל אָפּגעבן דעם קריסט אַלץ וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען ווען נישט, וועט ער דערשיסן אַ געוויסע צאָל ייִדן.

עס איז ממילא נישט געקומען אין באַטראַכט, אַז די יוגנט זאָל אַוועק אין וואַלד, ראשית כל האָט אַזאַ איינער געמוזט שטעלן אין געפאַר זיין פאַמיליע און אויסער דעם אַנדערע 50 ייִדן. קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען אַזאַ זאַך אויף זיין געוויסן. עס איז געווען איין פּיעסקער, וועלכער האָט געהערט צו די פּאַרטיזאַ־

נען, אברהם־יצחק זיקאָווסקי. וועגן אים האָט אָבער קיינער נישט געוווסט, ווייל ער איז נישט געווען פאַרשריבן אויף דער ליסטע.

עס איז אַמאָל געווען אַ פאַל ווען דריי דייטשן האָבן אים געכאַפּט ביים טייך, ווען ער איז געגאַנגען פון איין דאָרף צום צווייטן. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער האָט איינעם פון די דייטשן דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ, און ער אַליין איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך. די דייטשן האָבן געשאָסן אויף אים און אים פאַרוווּנדעט, אָבער נישט שווער. ס'איז אים געלונגען איבערצושווימען דעם טייך און ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון געטאָ.

די דייטשן זענען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך אין אַ צווייטן פּלאַץ און זענען געלאָפן נאָך זיינע שפּורן אין געטאָ. פאַרנאַכט זענען אַריין אין געטאָ אַ 20 דייטשן מיטן קאָמענדאַנט און פאַרלאַנגט דעם פּאַרטיזאַן, אויב נישט וועלן זיי שיסן אַנדערע. ס'איז אָבער געלונגען דעם יידן־ראַט איבערצוצייגן דעם קאָמענדאַנט, אַז אַזאַ איז נישט פאַראַן אין געטאָ. צום גליק האָט ער אַנטלויפנדיק פאַרלוירן זיינע זאַכן און די קריסטן האָבן באַשטעטיקט, אַז דאָס זענען זאַכן, וואָס געהערן צו אַ רוס.

די זעלבע נאַכט האָט אָבער דער יידן־ראַט באַפוילן זיקאָווסקין ער זאָל פאַרלאָזן דאָס געטאָ. ער איז נישט געווען איינשטימיק, סיידן מען וועט אים געבן מעדיצינישע הילף. און ווירקלעך האָט מען אים געגעבן די דאָזיקע הילף.

יעדער טאָג פלעגט ברענגען נייע צרות. אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין חודש אויגוסט זענען אָנגעקומען אין געטאָ אַ סך דייטשן מיט פּאָליציי און מען האָט אַלע יידן אַרויסגעטריבן אויפן אַלטן בית־עולם. מען האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט פרויען מיט קינדער באַזונדער און מענער באַזונדער. יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז שוין דער סוף. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָנגערופן וועלוול סאָקאָטש: „ברידער, לאָמיר זיך נישט לאָזן שעכטן ווי שעפּסן. יעדער איינער זאָל צוגרייטן אַ שטיין אין האַנט".

דעם טאָג איז אָבער גאָרנישט פאַרגעקומען. מען האָט אונדז איבערגעציילט און געשיקט צוריק אין די הייזער.

דערווייל האָבן זיך די יידן גענומען גרייטן צום ווינטער. דער אַמטס־קאָמיסאַר האָט דערלויבט דעם יידן־ראַט אַריבערפירן עטלעכע אַלטע הייזער אין געטאָ. איך האָב אויך באַוויזן אויסצובויען אַ קליין הייזל פאַר מיין משפּחה. די יידן האָבן גענומען מאַכן גריבלעך אויף קאַרטאָפל, וואָס דער אַמטס־קאָמיסאַר האָט באַשטעטיקט. דער קאָמענדאַנט האָט דערלויבט צו דאַווענען ראש־השנה די אַלטע, וועלכע גייען צו דער אַרבעט. די שטימונג איז געוואָרן בעסער. עטלעכע מאָל האָבן זיך באַוויזן רוסישע אַעראָפּלאַנען און אַראָפּגעוואָרפן פלוגבלעטלעך צו דער ציווילער באַפעלקערונג, אין וועלכע מען האָט זי אויפגעפאָדערט צו שטערן דעם דייטש, ווייל אינגיכן וועט מען אונדז באַפרייען. אָבער די פרייד האָט לאַנג נישט געדויערט.

אַרומגערינגלט דאָס געטאָ

איין פרימאָרגן איז אַריינגעקומען צו אונדז באַניע ווינאַקור. ס'איז נאָך געווען פינצטער אויפן גאַס. ער האָט אונדז מודיע געווען מיט טרערן אין די אויגן, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט פון דייטשן מיט טאַנקען. די פרויען האָבן גענומען וויינען. איך בין גלייך אַרויס אין גאַס און באַמערקט פיל דייטשן אַרום צוים פון געטאָ, מיט יונגע קריסטן פון פּיעסק באַוואָפנט מיט געווער. איך בין גלייך אַוועק צום הויז פון יידן־ראַט. אויף דער וואַנט איז שוין געווען אַ צעטל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך צוגרייטן אין וועג אַריין און מער ווי צוויי קילאָ שפּייז טאָרן זיי נישט נעמען.

די פּאַניק אין געטאָ איז געווען שווער צו באַשרייבן. עס זענען געווען יונגטלעכע, וועלכע האָבן געוואָלט פּרוּוון אַנטלויפן, אָבער אין די לעצטע מינוטן איז זיי שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט זייערע פאַמיליעס. מיר האָט געראַטן אַ פּוילישער שייגעץ צו אַנטלויפן און האָט געוואָלט מיך אַריינלאָזן אין קאַבאַק ביים געטאָ. איך האָב אָבער נישט געקאָנט לאָזן מיין פאַמיליע, בפרט אַז מיין פאָטער איז געווען אָן פיס. אַזוי זענען מיר געווען צוויי טעג, ביז מען האָט געבראַכט מאָסטער און זעלווער יידן, הונגעריקע און צעקלאַפּטע.

דעם צווייטן טאָג האָט מען אונדז גענומען טרייבן צום טויער פון געטאָ. ביים טויער איז שוין געשטאַנען

דער קאָמענדאַנט פון געסטאַפּאָ, און ביי וועמען ס'איז געווען אַ גרעסער פּעקל, האָט ער אים געשלאָגן און צוגענומען דאָס פּעקל. פאַר פרויען און קינדער זענען געווען צוגעגרייט פורן.

איך האָב גענומען דעם פאָטער אויף די פּלייצעס און בין געגאַנגען צום טויער. דער קאָמענדאַנט פון געסטאַפּאָ איז דאַן צו מיר צוגעלאָפן און מיך גענומען שלאָגן: לאָז דאָ דעם קריפּל, עס וועט קומען אַ סאַניטאַר־וואָגן און וועט אים נעמען. דאַן איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געוויינט. דער פאָטער האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „זון מיינער, וויין נישט, לאָז מיר איבער דאָס ראַזירמעסער". עס איז דאַן צוגעגאַנגען אַ פּוילישער באַקאַנטער פּאָליציאַנט און האָט מיר געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט וועט באַלד אַוועקגיין עסן, וועט מען דעם פאָטער אַרויפזעצן אויף אַ פור. און אַזוי האָט ער טאַקע געטון.

נעבן אברהם דעם טשעשלערס הויז זענען געשטאַנען ידן, וועלכע מען האָט נישט אַרויסגעלאָזט. שפּעטער האָבן מיר קריסטן דערציילט, אַז זייער צאָל איז געווען 16. זיי האָט מען פאַרברענט. אַרויסגייענדיק פון געטאָ, האָבן נאָך די ידן געפּרוווט אונטערצינדן דאָס געטאָ, אָבער די דייטשן האָבן פאַרלאָשן די שריפה.

מען האָט אונדז געפירט אין דער ריכטונג פון וואָלקאָוויסק, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. נעבן דער מיל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט קריסטן, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט מיט אַ שפּאָטיש געלעכער. אויפן וועג האָט מען אונדז געטריבן ווי קי. דייטשן האָבן געקלאַפּט מיט שטעקנס וועמען זיי האָבן געקאָנט. טאַנקען זענען געפאָרן פון די זייטן און געהיט מען זאָל נישט אַנטלויפן. אַזוי האָט מען אונדז געבראַכט קיין וואָלקאָוויסק.

אין וואָלקאָוויסקער לאַגער

די שטאָט איז שוין געווען ריין פון ידן. די דאָזיקע האָבן זיך שוין געפונען אין די קאַשאַרן פון דריטן פּאָלק אולאַנער און אַהין האָט מען אונדז אויך געבראַכט. דער לאַגער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטאַכל־דראָט. אין אַלע עקן זענען געווען פּראָזשעקטאָרן, וועלכע האָבן באַלויכטן דעם שטח. אַרום זענען געשטאַנען דייטשן און האָבן געהיט מען זאָל זיך נישט דערנענטערן צום צוים.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער, איז שוין געווען טונקל. אַ נאַסער שניי איז געפאַלן. צעקלאַפּטע און מידע האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אין לאַגער. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט געשרייען: ווו זענען מיינע קינדער, ווו איז מיין מאַן, ווו איז מיין פּעקל...

דער באַראַק, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אונדז איז געווען צו קליין פאַר דער צאָל מענטשן, און אַזוי האָט אַ גרויסע צאָל מענטשן געמוזט בלייבן אויפן גאַס. ווען עס איז געוואָרן קעלטער האָבן זיך אַלע געמוזט אַריינשטופּן אין באַראַק און שטיין אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט, אָדער אַ טייל פלעגט זיצן און אַ טייל שטיין, און נאָכדעם זיך בייטן.

אויפן דריטן טאָג האָבן שוין אַלע גלייך געהונגערט. דאָס געוויין פון די קינדער איז געווען שרעקלעך. דאָס עלטערע קינד פון מאיר דעם קצב האָט געוויינט: טאַטע, גיב מיר אָפּ דאָס שטיקל ברויט, איך וויל נישט שטאַרבן. דאָס איז געווען, ווייל ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס שטיקל ברויט דער קלענערער. דאָס האָט מען געקאָנט זען אויך ביי אַנדערע. אַזוי זענען מענטשן אַרומגעגאַנגען און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד מיט איינגעגראָבענע אויגן און מיט פאַרשוואָלענע פּנימער.

די דייטשן האָבן נאָכדעם געגעבן 250 גראַם ברויט רויע און אַ האַלבן ליטער זופּ פון קאַרטאָפל. אָבער זעלטן האָט מען דאָרט געקאָנט געפינען אַ קאַרטאָפל, און אויב יאָ, האָט מען זיי נישט געקאָנט עסן, ווייל די ידן האָבן, פאַרלאָזנדיק דאָס געטאָ, באַגאָסן די קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט נאַפט, און די, וואָס האָבן זיי געגעסן האָבן פאַרדאָרבן די מאָגנס.

יעדער באַראַק האָט געהאַט אַ בית־כיסא מיט זעקס פּלעצער. אין אָנפאַנג זענען געגאַנגען אַהין מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. עס האָבן שטענדיק געוואַרט אַ סך מענטשן, האָט מען שוין שפּעטער אָנגעוווירן די חרפּה און מען איז געגאַנגען צוזאַמען. די מענטשן זענען פאַרלייזיקט געוואָרן, פלעגט מען זיך אויסטון און ביי אַ פייער קלייבן די לייז.

דער לאַגער איז געווען אַ פאַרמאַכטער, אויסער אַ קליינער צאָל וואָלקאָוויסקער ידן, וועלכע זענען געגאַנגען אויף אַרבעט, צום ביישפּיל אין אַ בעקערייַ און ביי דער באַן. אָבער נאָכדעם האָט מען אינגאַנצן גע־

שלאָסן דעם לאַגער, ווייל עס איז אויסגעבראָכן טיפוס און אַ סך מענטשן האָבן גענומען שטאַרבן.

די לאַגע פון די פּראָווינצער ייִדן איז געווען אַ סך ערגער ווי פון די וואָלקאָוויסקער, ווייל מיט דעם לאַגער האָט אָנגעפירט דער וואָלקאָוויסקער ייִדן־ראָט. אויך די הויפּט־אַרויסגייער פון לאַגער זענען געווען וואָלקאָוויסקער ייִדן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט טרעפן מיט אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט זיי אונטערגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט צו קאָנען שטילן דעם הונגער. די פּיעסקער, וואָס האָבן געהאַט משפחה אין וואָלקאָוויסקער לאַגער זענען דערפאַר אַריבער אַהין.

פלענער וועגן אַנטלויפן

די ייִדן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע געדאַנקען, וואָס וועט מען טון מיט אונדז. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז מען וועט אונדז שיקן אויף אַרבעט, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די יונגע וועט מען שיקן טרוקענען די פּינסקער בלאָטעס און די אַלטע און קראַנקע וועט מען אומברענגען. יעדן טאָג זענען געווען אַנדערע נייעס. דערווייל האָט די יוגנט גענומען מאַכן פּלענער צו אַנטלויפן, אָבער אַנטלויפן פון לאַגער איז געווען אוממעגלעך עס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן גרופּעס, מען האָט מיר אויך פאָרגעלעגט זיך אַנצושליסן. אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, נישט ווילנדיק איבערלאָזן די עלטערן און אַ פרוי מיט אַ קינד, אָבער שפּעטער האָט זיך מיין מיינונג געביטן, ווען דער פאָטער איז מיר געשטאָרבן אין לאַגער.

דאָס איז געווען ווען אַ גרופּע ס.ס.־לייט זענען געקומען אין לאַגער באַטראַכטן די ייִדן. מיין פאָטער האָט אַלץ געזוכט אַ פּלאַץ מען זאָל אים נישט זען, ווייל ער איז געווען אָן פּיס. מען האָט גערעדט, אַז די אַלטע און די קראַנקע וועט מען די ערשטע אומברענגען, און דאָס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט. אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט מיין פאָטער גערעדט מיט מיר און זיך באַקלאָגט, אַז עס פעלט אים אויס לופט. גלייך נאָכדעם איז ער מיר אַ פאַל געטון אויף די הענט און געשטאָרבן.

מיין שוועסטער אסתר האָט פון מיר דאַן פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך ראַטעווען, כדי נקמה צו נעמען פאַר אַלע ייִדן. אַ סך האָבן דאַן מיטגעוויינט. אויך מיין פרוי, גיטל, די טאָכטער פון מרדכי־געצל יוגעל, האָט מיר געראָטן איך זאָל גיין קיין ביאַליסטאָק, ווייל מען האָט גערעדט, אַז דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ וועט בלייבן, און איך זאָל מיטנעמען מיט זיך דעם שוואָגער אברהמל יוגעל.

די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן זענען געווען אַ דאַנק די חברא קדישא־לייט, וועלכע פלעגן צונויפנעמען די טויטע איבערן גאַנצן לאַגער, אַן ערך 40 אַ טאָג, און זיי אַרויספירן. דערווייל האָט מען זיך אויך דערוווסט, אַז די טראַנספּאָרטן פון ייִדן, וועלכע די דייטשן פירן אַרויס פון לאַגער, גייען אויף מאַלקין, אַרויספירן פלעגט מען זיי ביינאַכט. אַזוי האָט מען שוין געהאַט אַרויסגעפירט די ראַזשינויער און זעלווער ייִדן.

12 אַזייגער ביינאַכט האָט מען אַרויסגעטריבן די ראַשער און וואָלפּער ייִדן. עס זענען אָנגעקומען אַ סך דייטשן און פּוילישע פּאָליציי מיט טאַנקען און פּראָזשעקטאָרן. די ייִדן האָט מען צעשטעלט אין רייען און געטריבן צו דער נייער סטאַציע. די אַלטע און קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין, האָט מען דערהרגעט אָדער צעטראָטן מיט די טאַנקען. אויף צו מאָרגנס איז געקומען איינער פון די חברים פון וואָלקאָוויסקער ייִדן־ראָט און פאַרלאַנגט געזונטע מענטשן, כדי אויפצורוימען די טויטע קערפּערס, וואָס זענען געלעגן אויפן וועג.

דאַן האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס זענען די לעצטע מינוטן, און אַז אויב אַ טויט — קאָן איך אויסקלייבן אַ בעסערן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין פאַמיליע, פרוי און קינד און שוויגער־עלטערן. איך האָב גענומען מיט זיך אברהמל יוגעל. מיר זענען געווען אין דעם אויטאָ צוזאַמען 10 מאַן, און איין דייטש מיט אַ פּוילישן שאָפער. אויף דער גאַס איז געפאַלן אַ דראַבנער שניי. מיר האָבן דעם ערשטן אויטאָ מיט דערהרגעטע אַוועקגעפירט אויפן פעלד הינטערן לאַגער, דאָרט זענען שוין געווען בערג פון טויטע קערפּערס.

אויפן וועג האָבן מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך מיטן פּוילישן שאָפער. איך האָב נישט געוואָלט מיט מיין אַנטלויפן צונישט מאַכן דעם פּלאַן פון די איבעריקע חברים. איך האָב אַלזאָ גענומען רעדן צו זיין געוויסן. ער איז מסכים געווען צו מיין פּלאַן, נאָר פאַרלאַנגט מען זאָל אים באַצאָלן פון מענטשן. מיטן פרייז זענען מיר דורכ־

געקומען, און דאַן האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט איינ־רעדן דעם דייטש, אַז ער וועט אונדז היטן, און אַז דער דייטש קאָן אַריינגיין אין קאַפּע טרינקען.

מיר זענען אַנטלאָפן

אַזוי אַרום איז אונדז געלונגען אַרויסצופירן פון לאַגער אַ היפּשע צאָל מענטשן. מיר זענען זיך צונויפ־געקומען יענעם טאָג אויפן בית־עולם ביי אַ 30 מענטשן. דאָרט איז געווען אַ שטיבל און דאָ זענען מיר געזעסן. די שעהן האָבן זיך געצויגן און מיר האָבן יעדע ווילע געמיינט, אַז אָט קומט מען אונדז זוכן. פאַרנאַכט האָבן מיר באַמערקט, ווי עס דערנענטערן זיך דריי דייטשן מיט אַ הונט. איינער פון אונדז האָט דאַן געראָטן, אַז מיר זאָלן נעמען אין די הענט רידלעס, און אַזוי ווי אין דעם שטיבל איז געלעגן אַ טויטער, זאָלן מיר אים נע־מען און אים באַגראָבן. ווען די דייטשן זענען צוגעקו־מען און געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ, האָבן מיר זיי געענטפערט, אַז דער יידן־ראַט האָט אונדז אַהער גע־שיקט באַגראָבן די טויטע. זיי זענען אַוועק, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר קאָנען דאָ נישט בלייבן. אוי־סער דעם האָבן אונדז באַמערקט קליינע שקצים, און זיי האָבן גענומען שרייען: „יידן!" מיר האָבן אָבער געמוזט וואַרטן עס זאָל ווערן טונקל, ווייל אויף אַלע וועגן האָבן מיר באַמערקט דייטשע אויטאָס.

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען עטלעכע פון אונדז אַרויס אין וועג. די וועגן זענען אונדז געווען גוט באַקאַנט. מיר האָבן געזאָלט אָנקומען אין וואַלד אויף אונדזער אָפּגערעדטן פּונקט מיט נאָך חברים פון לאַגער. מיר זענען געגאַנגען פאַרזיכטיק, מייסטנטייל מיטן וואַלד. אויפן וועג האָט אונדז פאַרשמעקט פריש ברויט פון אַ הויז און מיר האָבן באַשלאָסן צו בעטן אָדער נעמען דאָס ברויט. פון דרויסן האָבן מיר באַמערקט ,אַז אין הויז גע־פינען זיך נישט קיין פרעמדע, און מיר זענען אַריין און צוגענומען פיר ברויטן. די קריסטן זענען געווען דער־שראָקן פון די אומגעבעטענע געסט און זיי האָבן גע־שוויגן. גייענדיק האָבן מיר אויפגעגעסן דאָס ברויט. מיר זענען דאַן געוואָרן מונטערער און די פיס האָבן זיך ווייטער געהויבן צום גיין.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין זעלווער וואַלד, האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען. ווען מיר זענען צוריק אָפּגע־גאַנגען ביי אַ צוויי הונדערט מעטער, האָבן מיר באַ־מערקט, אַז עס פעלט אונדז איינער פון די חברים: בערל סטאָלערס זון. מיר האָבן אים גענומען זוכן, אָבער אָן דערפאָלג און מיר האָבן בלית ברירה באַשלאָסן צו גיין ווייטער. נאָך דעם קריג האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן צוויי יאָר ביי אַ מאַסטער קריסט מיטן נאָמען פּיסאַרעוויטש.

אויפן אָפּגערעדטן פּונקט זענען מיר אָנגעקומען פאַרטאָג. מיך האָט מען אויסגעוויילט אַלס פירער פון דער גרופּע. איך האָב אויסגעשטעלט אַ וואַך. קיין גע־ווער האָבן מיר נישט געהאַט און מיר האָבן גענומען באַטראַכטן וואָס מיר האָבן צו טון. די קעלט האָט אונדז שוין אַ שפּאָר ביסל געמוטשעט. די ערשטע נאַכט האָבן מיר געמאַכט אַ שטיקל פייער, כדי זיך צו דערוואָרעמען, אָבער דאָס איז געווען געפערלעך. די צווייטע פראַגע איז געווען דאָס עסן. מיר האָבן דאָך געמוזט זיין פאַר־זיכטיק מען זאָל אונדז נישט באַמערקן און קיין געווער, ווי געזאָגט, האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן דערי־בער באַשלאָסן זיך צו שאַפן דערווייל דאָס עסן אַזוי, אַז קיינער זאָל אונדז נישט באַמערקן. די דאָזיקע אַרבעט האָט גענומען אויף זיך לייב ווינאָקור.

מיר פאַרשאַפן זיך עסן

די צווייטע נאַכט איז ער אַוועק מיט נאָך דריי מענטשן אין דעם נאָענטן דאָרף און איז צוריקגעקומען מיט אַ האַלבן זאַק קאַרענע מעל, אַ זעג, אַ האַק, אַ רידעל און אַ בלעכענעם עמער, וועלכן זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אַ ברונעם. זיי האָבן דאָס אַלץ געמאַכט אַזוי, אַז קיינער אין דאָרף האָט דאָס נישט געהערט. מיר האָבן זיך אַלזאָ געמאַכט אַ זעמליאַנקע, ווו מיר האָבן גע־קאָנט פונאַנדערברענען אַ פייער און זיך אָנוואָרעמען און גלייכצייטיק עפּעס קאָכן. די ערשטע טעג פלעגן מיר פונאַנדערלאָזן דעם שניי, מאַכן וואַסער און אַריינ־שיטן אַ ביסל קאַרענע מעל אָן זאַלץ און דאָס עסן.

אויפן דריטן טאָג האָב איך באַשלאָסן מיט אברהמל יוגעל צו גיין צו אַ באַקאַנטן קריסט אין פּיעסק מיטן נאָמען טשערניעווי. מיר זענען געגאַנגען מיטן טייך זעל־וויאַנקע און מיר זענען צוגעקומען צו דעם הויז, וועל־

כעס איז געלעגן נעבן פוילישן בית־הקברות. ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיינער זעט נישט, האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אין טיר. די טיר האָט אונדז געעפנט אַן עלטערע פרוי און פון שרעק האָט זי נישט געקאָנט רעדן. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין שטוב און מען האָט אונדז גלייך געגעבן צו עסן.

די נייעס, וועלכע זיי האָבן אונדז דערציילט, זענען אונדז שוין געווען באַקאַנט. די יידישע זאַכן פון געטאָ זענען פאַרקויפט געוואָרן צו די קריסטן און די בעסערע זאַכן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. לאַנג האָבן מיר נישט געקאָנט פאַרבלייבן ביי זיי, די קריסטן זענען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. די גאַנצע צייט איז איינער פון דער משפחה געשטאַנען אויפן גאַס און געהיט, אַז קיין זייטיקע מענטשן זאָלן נישט אַריינגיין אין שטוב. זיי האָבן אונדז געגעבן צוויי ברויטן און מיר זענען אַוועק. זיי האָבן אונדז געבעטן, אַז אַ צווייט מאָל זאָלן מיר נישט אַריינגיין אין שטוב און זיי וועלן אונדז צו־גרייטן ברויט אין אַ באַשטימטן פלאַץ.

עס זענען אַריבער צוויי טעג און מיר האָבן זיך איינגעבירגערט אין וואַלד. וואָסער האָבן מיר שוין גע־נומען פון טייך. אין אַ געוויסן פאַל ווען עטלעכע פון אונדז זענען געגאַנגען נעמען וואַסער, האָט זיי דערזען דער קריסט פּוצעלאָווסקי (דער חזירניק) און ער האָט זיך זייער דערשראָקן. ווען אונדזערע מענטשן האָבן אים געפרעגט וואָס ער טוט דאָ, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער זוכט אַ קו, וועלכע איז אַוועק. די חברים האָבן אים געוואָרנט, אויב ער וועט זיי פאַראַטן. דער קריסט האָט זיך געשטעלט אויף די קני, זיך געצלמט און גע־זאָגט, אַז ער וועט קיינעם נישט דערציילן.

די דאָזיקע נאַכט בין איך מיט אברהמל יוגעל גע־גאַנגען אויפן אָפּגערעדטן פלאַץ, מיר האָבן אָבער נישט געפונען קיין ברויט און מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצו־גיין צום קריסט אין הויז. דאָס מאָל איז אונדזער קומען נישט געווען פאַר זיי אַזאַ איבערראַשונג. דאָ האָב איך זיך דערוווסט, אַז יאַנעק פּוצעלאָווסקי האָט געטראָפן יידן אין וואַלד און מאָרגן גייט מען דאָ מאַכן אַן אָבלאַווע.

מיר זענען גלייך אַוועק און מיר האָבן איבערגעגעבן די נייעס די חברים. עס איז געווען קלאָר פאַר אונדז, אַז מיר מוזן פאַרלאָזן דעם פלאַץ. מיר האָבן אַלזאָ גע־וואָלט אַריבערגיין פון דעם דאָזיקן, האָראָדישטשער וואַלד, אין קרושינער, אָבער צוליבן טייך האָבן מיר דאָס נישט געקאָנט דורכפירן. מיר האָבן אַלזאָ באַשלאָסן צו מאַכן אַ קלאָדקע איבערן טייך. אַ דאַנק דער זעג מיט דער האַק וועלכע מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר דאָס געקאָנט דורכ־פירן. אין דער זעלבער נאַכט, זענען מיר אָנגעקומען אין קרושינער וואַלד, נאָכדעם ווי מיר האָבן די קלאָדקע געלאָזט אַוועקשווימען מיטן וואַסער.

מיר באַגעגענען יידן אין וואַלד

פאַרבייגייענדיק האָבן מיר דערזען ליכט אין אַ כו־טאָר און איינער פון אונדזערע חברים האָט געזאָגט, אַז דאָ געפינט זיך זיינער אַ באַקאַנטער קריסט. מיר זענען אַלזאָ אַריינגעגאַנגען. ער האָט אונדז גוט אויפ־גענומען און אונדז דערציילט, אַז נאָר וואָס זענען ביי אים געווען אייניקע באַקאַנטע יידן. מיר האָבן זיי גלייך אויפגעזוכט און די פרייד איז געווען אַ קעגנזייטיקע. איינער פון זיי, איטשע ציפּין, איז שוין געגאַנגען מיט אַ ביקס און ער האָט אונדז פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען.

ער האָט שוין באַוויזן צו מאַכן אַ גוטע פאַרמאַס־קירטע זעמליאַנקע אין וואַלד. זיין איינהייט איז באַ־שטאַנען פון אַ היפּשער גרופּע, וועלכע האָט זיך געראַ־טעוועט פון וואַלקאַווויסק אייניקע טעג פאַר אונדז. זיי האָבן אויך געהאַט צוגעגרייט אַ ביסל עסן. ביי דער אָפּשטימונג זענען איטשע און איך אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס די אָנפירער פון דער גרופּע. איצט איז גע־בליבן די פראַגע ווי צו שאַפן געווער. אַדאַנק אַן אַלטן קריסט, וואָס האָט געלעבט אין וואַלד, וועלכער האָט מיט אונדז זייער גוט געלעבט, האָבן מיר זיך דערוווסט פון אַן אַנדערן קריסט, וועלכער האָט באַהאַלטן געווער.

אין אַ שיינער נאַכט זענען מיר אַלע אַוועק אַהין. דאָרט האָבן געלעבט זעקס קריסטלעכע משפחות. דורכן פענצטער האָבן מיר געזען פיר קריסטן שפּילן אין קאָרטן. איך האָב אויסגעאַרבעט דעם גענויעם פּלאַן. פיר מענטשן האָבן געדאַרפט אַריינגיין אין שטוב און די איבעריקע האָבן געדאַרפט איז זעלבן מאָמענט אָנקלאַפּן אין אַלע פענצטער. די, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן גאַס, האָבן געהאַט שטעקנס מיט שטריקלעך. זיי האָבן זיך געדאַרפט

באַווייזן אין די פענצטער און די קריסטן האָבן געזאָלט מיינען, אַז זיי האָבן געוועד. פון די פיר, וואָס זענען אַריין אין שטוב האָט נאָר איטשע פאַרמאָגט אַ ביקס און די איבעריקע דריי האָבן געהאַט צוגעגרייט פון פריער רימענע שיידלעך אַזוי ווי פון רעוואָלווערן.

מיר זענען אַריין אין שטוב מיט אַ געשריי און די קריסטן האָבן זיך גלייך פאַרלוירן. מיר האָבן גענומען שרייען פאַרוואָס זיי שפּילן אין קאָרטן און זיי האָבן זיך גענומען בעטן, אַז זיי זענען שכנים און שפּילן אַן געלט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז מען טאָר נישט שפּילן אין קאָרטן און יעדער איינער זאָל גיין אַהיים. די קריסטן האָבן גלייך געפאָלגט. זיי האָבן געוואָלט אַרויסגיין, אָבער איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וויל זיי אַרויספירן, ווייל עס ליגן דאָ אונדזערע פּולעמיאָטשיקעס און זיי קאָנען נאָך שיסן. זיי זענען געווען גאָר צופרידן מיט דעם. איך האָב זיי אויך געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט אומקוקן, אַריינגיין אין זייערע הייזער, אַריינעמען די הינט און נישט אָנצינדן קיין ליכט.

די איבעריקע האָבן זיך דערווייל גענומען צום קריסט און אָן ווידערשטאַנד האָט ער זיי אָוועקגעגעבן פינף ביקסן מיט קוילן. אַז דיר האָבן שוין געהאַט זעקס ביקסן, זענען מיר שוין געוואָרן ריכטיקע פּאַרטיזאַנען. מיר האָבן שוין נישט געבעטלט, נאָר גענומען.

אמתדיקע פּאַרטיזאַנען

די צווייטע פראַגע, וועלכע איז געשטאַנען פאַר אונדז איז געווען דאָס אָנזאַמלען פון עסן אויף אַ פּאָר מאָנאַטן. אַזוי ווי דער שניי פלעגט פאַרראַטן אונדזערע שפּורן, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ זאַפּאַס פון עסן, כדי מיר זאָלן נישט דאַרפן אַרויסגיין יעדן טאָג שאַפן עסן. אין משך פון דער צייט האָבן מיר זיך געשאַפן אַ גוטן באַקאַנטן, אַ קריסט מיטן נאָמען אַנטאָליק, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער פּאָליציי און דורך אים פלעגן מיר וויסן די נייעס וועגן פּיעסק. ער האָט געוווסט, אַז מיר געפינען זיך אין וואַלד, אָבער דער גענויער פּלאַץ איז אים נישט געווען באַקאַנט. זיין אויסרעכענונג ווייס איך נישט, צי איז דאָס געווען מורא פאַר אונדז, אָדער צוליב זיין גוט האַרץ, אָדער אפשר די גליקן, וואָס מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער האָט אונדז אַ ביסל געהאָלפן מיט עסנוואַרג.

אין אַ געוויסער נאַכט איז אַרויס אַ גרופּע פון פינף מאַן שאַפן עסן. איך מיט אברהם יוגעל זענען אַוועק אין אַן אַנדער דאָרף שאַפן עסן און שיכוואַרג פאַר חברים וואָס זייערע שיך זענען זיך צעפאַלן.ביידע גרופּעס האָבן זיך צוריקגעקערט מיט עסן און אַפילו מיט בראָנפן. די צווייטע נאַכט האָבן מיר זיך דערוווסט פון דעם קריסט אַנטאָליק, אַז צו דער פּאָליציי איז דערגאַנגען, אַז אַ גרופּע פון פינף יידן האָט געראַבעוועט עסן, און אַז זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען אַ קריסט מיט אַ פערד און וואָגן, וועלכער האָט זיי געבראַכט אין אַ באַשטימטן פּלאַץ. פאַר דער פּאָליציי איז אַזוי אַרום געווען פאַרשטענדלעך ווו זיי דאַרפן זוכן די דאָזיקן יידן.

דער קריסט האָט אויך געוווסט אונדז צו זאָגן, אַז די קומענדיקע נאַכט וועט פאַרקומען אַן אַבלאַווע און מיר דאַרפן וויסן וואָס צו טון. פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן גלייך אופגעוועקט די חברים. זיי האָבן בעסער פאַרמאַסקירט די זעמליאַנקע און זאַכן, וועלכע מיר האָבן געקאָנט מיטנעמען מיט זיך און מיר זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון טשעכאַנאָוועצקיס וואַלד. עס האָט שוין אָבער דאַן גענומען טאָגן. מיר האָבן שוין באַוויזן צו דערזען פון דער ווייטנס אַ סך רייטער מיט דייטשן, ווי אויך אַ סך פוסגייער. מיר האָבן אָבער באַוויזן אַרויסצוגיין פון וואַלד און נישט באַמערקט צו ווערן. ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט אַ שעה שפּעטער אין וואַלד, האָבן מיר דערהערט אַ גרויסע שיסעריי, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביזן האַלבן טאָג.

אין אָוונט, ווען ס'איז געוואָרן רואיק, זענען מיר אַוועק צום קריסט און ער האָט אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געפונען, בלויז אין איין אָרט האָבן זיי געפונען געלן פרישן זאַמד און מען האָט אים גערופן ער זאָל צעגראָבן דעם זאַמד, אָבער זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געטראָפן. ער האָט געהערט ווי דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט אין פּויליש צו דער פּוילישער פּאָליציי אַז דאָ געפינט זיך אַ גוט אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנען־גרופּע, וואָס באַשטייט נישט נאָר פון יידן, נאָר אויך פון רוסן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָ לייגן אַ זאַסאַדזקע אויף דריי טעג און דריי נעכט, ווייל עמעצער מוז דאָ נאָך קומען.

מיר וואַנדערן אין וואַלד

מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין ווייסרוסלאַנד. די וועגן האָבן מיר גוט געקענט, און די זעלבע נאַכט זענען מיר שוין געווען אין די סכעדער בלאָטעס, און דעם צווייטן פאַרנאַכט זענען מיר שוין אָנגעקומען אין דעם דאָרף, וואָס האָט געהייסן ווייסרוסלאַנד. די קריסטן האָבן אונדז זייער גוט אויפגענומען. דאָ האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז עס זענען דאָ געווען צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע האָבן באַשטעלט ברויט אין דאָרף, אָבער זענען נישט געקומען דאָס אָפּנעמען.

אין אונדזער ווייטערדיקן וועג זענען מיר אָנגעקומען אין אַ כוטאָר, צוויי קילאָמעטער פון קורילעוויטש. מיר זענען אַריין אין אַ הויז אויסצוטריקענען אונדזערע שיך און דער קריסט האָט געקאָכט פאַר אונדז קאַרטאָפל. אין דעם איז אַריינגעקומען לייב ווינאָקור, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואָך און געמאָלדן, אַז פּראָזשעקטאָרן באַלויכטן דעם וועג, וואָס פירט אין דאָרף קורילאָוויטש. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער זון פון קריסט איז געקומען צולויפן פון דאָרף און זיך גענומען בעטן מיר זאָלן פאַרלאָזן די שטוב, ווייל אין דאָרף זענען אָנגעקומען אַ סך דייטשן. ער האָט אונדז אויך אָנגעוויזן אויף דעם וואַלד ווו עס געפינט זיך אַ הויז פון אַ קריסט מיטן נאָמען סטעפּאַן, וועלכער קאָן אונדז פירן צו די רוסישע פּאַרטיזאַנען.

מיר זענען אָנגעקומען צו דעם קריסט און אָנגעקלאַפּט אין טיר, ער האָט אונדז אָבער נישט געוואָלט עפענען. ווען מיר האָבן אים אָנגערופן מיטן נאָמען איז ער אַרויס צו אונדז. מיר האָבן אים געזאָגט וואָס מיר ווילן און ער האָט אונדז גענומען פירן אין וואַלד. אין א מרחק פון אַן ערך זעקס קילאָמעטער האָבן מיר געזען עטלעכע הייזער, אין איינעם פון זיי איז געווען ליכט. ווען מיר האָבן געזען, אַז דאָרט זענען נישטאָ קיין דייטשן, האָבן מיר אים אָפּגעלאָזט און מיר זענען אַריין אין הויז.

אין הויז האָבן מיר געטראָפן אַ מוטער מיט אַ זון פון אַ יאָר דרייסיק. מיר האָבן זיך נאָר אָוועקגעזעצט אָפּרוען, אָבער דער שייגעץ איז פּלוצלונג פאַרפאַלן געוואָרן. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָבן זיך באַוויזן צען פּאַרטיזאַנען מיט אַ קאָמאַנדיר. מיר האָבן זיי געזאָגט ווער מיר זענען און אַז מיר ווילן זיך אָנשליסן אָן זיי. אויף דעם האָט אונדז דער קאָמאַנדיר געענטפערט, אַז אַזוי ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן איצט אַן אָבלאַווע, קאָן ער אונדז מיטנעמען מיט זיך נאָר ווען די אָבלאַווע וועט זיך ענדיקן. דערווייל אָבער מוזן מיר פאַרלאָזן די שטוב, ווייל מיר קאָנען נאָר אומגליקלעך מאַכן דעם קריסט, און זאָל זיך דערווייל יעדער העלפן ווי ער קאָן.

דייטשן אַרום

איז אַ שלעכטער שטימונג האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס הויז און אַריין אין וואַלד. די נאַכט איז פאַר אונדז געווען אַ לאַנגע. פאַרטאָג האָבן מיר געהערט אַ גרויסע שיסעריי און אַ גערויש פון טאַנקען. מיר זענען אַריין טיפער אין וואַלד. שקצים, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט, האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז אין אַלע דערפער געפינען זיך אַ סך דייטשן. די שיסערייען, האָבן זיי דערקלערט, זענען צווישן דייטשן און פּאַרטיזאַנען. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג.

אויף צו מאָרגנס האָבן מיר געטראָפן אַ פּאַרטיזאַנער־רייטער אין וואַלד. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז אַלע פּאַרטיזאַנען זענען אַוועק אויף מזרח, און אַז אויך מיר דאַרפן דאָס טון. געוואָר האָבן מיר געהאַט אַלע, און מיר האָבן גענומען גיין אין דער ריכטונג פון טייך שטשאַרע. צוויי קריסטן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין וואַלד, זענען צו אונדז צוגעשטאַנען. ווען מיר זענען צוגעקומען צום טייך איז בערל רוזשאַנסקי אַרויס אויף אַן אויסשפּיר. ער האָט באַוויזן אָפּצוגיין אַן ערך 50 מעטער פון אונדז, ווי עס האָבן זיך דערהערט שטימען „סטוי" און „האַלט", ביקסן־שאָסן און ער איז געפאַלן טויט. דער וואַלד איז גלייך געוואָרן ליכטיק פון ראַקעטן און עס האָט גענומען אָפּהילכן אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער. מיר האָבן זיך אויך אַרומגעזען, אַז די קריסטן, וואָס האָבן אונדז באַגלייט זענען נישטאָ.

די דאָזיקע נאַכט זענען מיר אַ סך געגאַנגען און מיר זענען אַריין אין אַ זומפּיקן אָרט, בלויז וואַסער און גראָז. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דאָ וועלן מיר זיך באַ־

האַלטן. אַן ערנסטע פראַגע איז פאַר אונדז געווען דאָס עסן, ווייל וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען בלויז אויף איין טאָג. מיר האָבן אַלזאָ גענומען שפּאָרן מיטן עסן, מער ווי איין מאָל אין טאָג האָבן מיר נישט געגעסן. אַזוי האָט געדויערט פינף טעג. די דריטע נאַכט איז ווידער געווען אַ שטורמישע. דער גאַנצער וואַלד איז געווען באַלויכטן, אַרטילעריע און מאַשין־געווער האָט נישט אויפגעהערט צו שיסן.

דער פינפטער טאָג איז געווען אַ רואיקער, אָבער אונדזער שטימונג איז געווען אַ שלעכטע צוליב מאַנגל אין עסן. מיר האָבן אַלזאָ באַשלאָסן אַרויסצוגיין זוכן עסן. מיר זענען צוגעקומען צו די הייזער ווו מיר האָבן געהאַט באַגעגנט די פּאַרטיזאַנען. דאָרט איז קיינער נישט געווען. מיר האָבן אָבער דאָרט געפונען זעק און פון די גריבער האָבן מיר אַרויסגעגראָבן די קאַרטאָפל און גענומען מיט זיך.

אַ באַגעגעניש מיט פּאַרטיזאַנען

אויפצומאָרגנס ווען מיר זענען געזעסן ביי אַ פייער און געבאַקן קאַרטאָפל, האָבן מיר באַמערקט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען פון אַ צוואַנציק מאַן גוט באַוואָפנט. זיי זענען צוגעקומען צו אונדז און דער קאָמאַנדיר האָט אונדז אויסגעפרעגט ווער מיר זענען און נאָכדעם אונדז באַפוילן גיין מיט זיי. מיר זענען מיט זיי צוזאַמען אָנגעקומען אויף זייער באַזע, ווו ס'איז געווען קענטיק, אַז די דייטשן זענען דאָרט נישט געווען. עס איז דאָרט אויך געווען אַ שפע פון פּראָדוקטן, פּעלצן, שטיוול, ביידלעך צום שלאָפן.

פאַרנאַכט זענען אָנגעקומען צוויי קריסטן פון דעם אָטריאַד, צו וועלכן די דאָזיקע גרופּע האָט געהערט און דערציילט, אַז דער גאַנצער אָטריאַד איז געוואָרן צעקלאַפּט מיט אַ סך געהרגעטע און אַז די יידן האָבן געוואָרפן דאָס געווער. איך האָב גלייך איינגעזען, אַז די דאָזיקע צוויי שקצים זענען גרויסע אַנטיסעמיטן. מיר האָבן געשפּירט, אַז די גאַנצע פריינדשאַפט צו אונדז איז פאַרשווונדן. אין אָוונט האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז די גרופּע פאַרלאָזט דעם פּלאַץ, ווייל ער איז נישט זיכער און אַז מיר גייען נישט מיט זיי.

מיר האָבן אויך באַשלאָסן נישט צו בלייבן אויף דעם פּלאַץ און מיר זענען אַוועק נעכטיקן אין אַ צווייטן אָרט. אויף צומאָרגנס האָבן מיר געטראָפן דעם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אונדז דערקלערט, אַז דער וואַלד געהערט צו זיין אָטריאַד און קיין אַנדער גרופּע טאָר זיך דאָ נישט געפינען. ער האָט געשטעלט אַ באַדינג צו אונדזער בלייבן דאָ, אַז מיינע חברים זאָלן ברענגען אַ ראַדיאָ, וואָס געפינט זיך ביים פּיעסקער אַמטס־קאָמיסאַר.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דינגען זיך מיט אים האָט נישט קיין צוועק. איך האָב גענומען מיט זיך 10 מאַן און מיר זענען אַרויס אין וועג. עס האָט זיך אָבער אין צווישנצייט געביטן די לאַגע. נאָך די פאַרלוסטן פון די פּאַרטיזאַנען האָבן די אַרומיקע איינוווינער געענדערט זייער באַציאונג. אין די אַרומיקע דערפער האָבן די קריסטן, אונטער דעם איינפלוס פון די דייטשן, געבילדעט אַ מין זעלבסט־פאַרטיידיקונג, און דאָ האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין, כדי אָנצוקומען קיין פּיעסק.

די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, מיר האָבן געזונקען אין בלאָטעס און דער וועג האָט זיך נישט געענדיקט. פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען צו אַ דאָרף. דאָס איז געווען דאָס דאָרף נאַצקעוועֹ. מיר זענען געווען צופרידן וואָס קיינער האָט אונדז נישט געזען.

די בעסטע חברים געפאַלן

אין אונדזערע וואַנדערונגען האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּצורוען, און די צווייטע נאַכט, נאָכדעם ווי מיר זענען ווייטער געגאַנגען, זענען מיר אָפּגעשלאָפן אייניקע שעה, ביז די קעלט האָט אונדז דורכגענומען. משה מאַלקעוויצקי האָט געמאַכט אַ פייער, טראָץ דעם וואָס אייניקע פון אונדז זענען געווען דאָקעגן, און דאָס פייער איז געווען אונדזער גרעסטע נאַרישקייט. דער זייגער איז געווען צוויי נאָכמיטאָג און מיר האָבן זיך שוין געגרייט אין וועג אַריין, ווען מיר האָבן פּלוצלונג דערזען ראַקעטעס פון אַלע זייטן און דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. נעבן מיר זענען געפאַלן טויט יוסף איינשטיין און שמואל קרעפּ.

דריי פון אונדז זענען געבליבן לעבן: מאיר ראַזשאַנסקי, איטשע ציפּין און איך. ציפּין איז פאַרוווּנ־

דעט געוואָרן אין האַנט. זיבן פון אונדזערע בעסטע חברים זענען געבליבן טויט אין די בלאָטעס: אברהמל יוגעל, שמואל קרעפּ, משה מאַלקעוויצקי, לייב ווינאַקור, יוסף איינשטיין, משה ציפּין און אלי ראַזען. אונדז דריי איז געלונגען זיך צו דערווייטערן פון די דייטשן אין דער ריכטונג, פון וועלכער מיר זענען געקומען. די נאַכט איז צוגעפאַלן. צעבראָכענע און מידע, האָבן מיר באַשלאָסן אַריינגיין אין אַ כוטאָר און דאָרט איבערנעכטיקן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ הויז, וווּ עס איז געווען שטיל. מיר האָבן פּאַרזיכטיק געעפנט דעם שייער און זיך דאָרט אַוועקגעלייגט. איינשלאָפן האָבן מיר נישט געקאָנט. אַ קריסטין איז אַרויס פון שטוב, און פון געשפּרעך האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זי רעדט מיט איר מאַן און אַז ער דערציילט איר ווי אַזוי ער האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט די דייטשן. דער קריסט האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און איז געגאַנגען אים געבן היי.

מיר זענען געלעגן רואיק אין דעם היי. פּלוצלונג איז דער קריסט אַרויפגעפאַלן אויף מאיר רוזשאַנסקי. פון גרויס שרעק האָט דער קריסט גענומען שרייען. מיר האָבן אים באַרואיקט, אַז מיר וועלן אים גאָרנישט טון און ער האָט אונדז גענומען בעטן און קושן די הענט מיט די פיס, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן זיין שטוב, ווייל זייער אָפט קומען צו אים די דייטשן. מיר האָבן אים דאַן צוגעזאָגט ,אַז ווען ער וועט אויפשטיין, וועט ער אונדז נישט געפינען ביי זיך.

צום אָטריאַד האָבן מיר זיך מער נישט אומגעקערט. מיר זענען אַנגעקומען אין אַן אַנדער אָטריאַד אין דער זעלבער געגנט, מיטן נאָמען „באַרבאַ", אונטער דעם קאָמאַנדיר „קאַלאַ", שפּעטער „סמירנאָוו".

די לעצטע יידן אין פּיעסק

ווי איך האָב שוין געזאָגט אויבן, וועל איך נישט באַשרייבן מיין פּאַרטיזאַנען-לעבן, נאָר וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פּיעסק. דאָרט האָבן די דייטשן נאָך געכאַפּט דריי יידן. איינעם פון זיי האָבן געכאַפּט די קריסטן, יודל שלעפּיצקיס אַ פלעמיעניק. זיי האָבן אים געבונדן און געבראַכט צו די דייטשן. די דאָזיקע האָבן אים זייער געמאַטערט און נאָכדעם דערשאָסן. די קריסטן האָבן דערפאַר באַקומען 10 קילאָ צוקער.

דער צווייטער, זיידל קוויאַט, איז אַנטלאָפן פון וואָלקאָוויסק און אָנגעקומען אין זיין זיידנס דאָרף פּאַטשעוויץ. ער איז אַריין צו אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט געהאַנדלט מיט זיין פאָטער. דער דאָזיקער האָט אים געגעבן צו עסן, און ווען דער ייד האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט דער קריסט גערופן שכנים, און די דאָזיקע האָבן אים געבונדן און געבראַכט צו די דייטשן קיין פּיעסק. די דייטשן האָבן אים געמאַטערט, ער זאָל זאָגן ווו די יידן האָבן באַהאַלטן זאַכן. אַ גוססדיקן האָט מען אים געבראַכט אויפן בית-הקברות, אים געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב און אים דערשאָסן.

יוסף וויינשטיין איז געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן אַליין. זיי האָבן אים איינגעשפּאַרט, און די ערשטע נאַכט האָט אַ באַקאַנטער שייגעץ אים געבראַכט אַ האַק. ער האָט מיט איר הילף צעהאַקט די קראַטן און אַנטלאָפן אין וואַלד, אָבער די שריט אין שניי האָבן אים פאַרראַטן און די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און דערשאָסן.

עס זענען געווען נאָך צוויי יידן פון פּיעסק, ניסל ציפּין און רפאל פעשקעס אַ זון, וועמען עס איז געלונגען זיך אַנשליסן אין די פּאַרטיזאַנען. אַן אַנדערער, מאָטל לייב, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן אין דערעטשין און מיט די דערעטשינער יידן איז ער אַנטלאָפן אין וואַלד. די דאָזיקע האָבן זיך געפּונען אין אַן אַנדער אָטריאַד. אָבער אין משך פון די צוויי און אַ האַלבן יאָר אין וואַלד איז די גרעסטע צאָל אומגעקומען.

מאָטל-לייב איז אומגעקומען אין אַ קאַמף ביי סלאָנים, רפאל פעשקעס זון איז געשטאָרבן פון טיפוס, און שמואל באַיאַרסקי איז אַריינגעפאַלן צו די ווייסע פּאָליאַקן. רוטשינסקיס זון איז פאַרווונדעט געוואָרן אין קאַמף מיט די דייטשן, און נישט ווילנדיק אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָט ער מיט אַ מעסער זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז.

מאיר רוזשאַנסקי האָט צוויי מאָנאַטן פאַר דער באַפרייאונג אָנגעטראָפן אין דאָרף לאַנצעוויטש אויף דייטשן און איז דערשאָסן געוואָרן. איטשע ציפּין איז אַ צווייט

מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט און איטשע־יענקל זיקאָווסקי איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ פוס. ביידע זענען געלעגן אַ שטיק צייט אין פאַרטיזאַנען־שפּיטאָל.

מיר נעמען נקמה

אין דער צייט האָבן מיר פאַרטיזאַנען אַ סך אויפ־געטון. אין שטעטל זשאָלודאָק האָבן מיר אויסגעהרגעט אַלע דייטשן און די פוילישע פאָליציי און דאָס שטעטל פאַרברענט. מיר האָבן צוויי מאָל אָנגעגריפן דעם נאָ־קרישקער גאַרניזאָן. מיר האָבן פאַרניכטעט דעם סטאַ־רי־הוטער גאַרניזאָן. מיר האָבן אויך אויפגעריסן אַ סך באַנען און באַן־ליניעס. די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַ צווייטער בריגאַדע אַרום לידע, וווּ איך בין געווען אַ קאָמאַנדיר זוואָדאַ.

איך טאָר זיך נישט באַרימען מיט אונדזערע אויפ־טוען, אָבער איך האָב קיין שרעק קיינמאָל נישט גע־האַט, ווייל איך האָב געדענקט די ווערטער פון מיין שוועסטער: „נעם נקמה פאַר אונדז”. איצט אָבער זאָג איך, אַז דאָס איז נאָך ווייניק פאַר אונדז יידן, און איך ווענד זיך צו די פיעסקער יידן און צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס זענען געווען די לעצטע ווער־טער פון אייערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועס־טער: „נעמט נקמה פאַר אונדז”.

אין יאָר 1943 האָט דאָס דאָרף נאַצקעווע באַקומען זיין שטראָף פאַר זיין גרויסן פאַרברעכן, וואָס עס איז באַגאַנגען קעגן מיינע זיבן חברים אין די בלאָטעס. ווי מיר האָבן אויסגעפאָרשט, זענען מיר באַמערקט גע־וואָרן פון קריסטן פון דעם דאָרף. אין יענע טעג האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ סאַמאָ־אָבראָנע מיט דער הילף פון די דייטשן קעגן פאַרטיזאַנען. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אַ קריסט האָט אונדז באַמערקט ביים דאָרף און איז גלייך געלאָפן קיין מאַלקעוויטש, וווּ ס'האָט זיך געפו־נען אַ שטאַרקער גאַרניזאָן פון דייטשן. די דייטשן זענען גלייך אַרויס אין אַ יאַגד נאָך אונדז און האָבן אונדז דאָ געזוכט אַ גאַנצן טאָג און נישט געפונען. נאָר ווען מיר האָבן געמאַכט אַ פייער, האָבן זיי באַמערקט דעם רויך און האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען דאָס.

די דייטשן האָבן זיך דאָן דערנענטערט 50 מעטער פון אונדז און האָבן געוואַרט אַ האַלבע שעה, נישט וויסנ־דיק ווי אַזוי צו האַנדלען. זיי האָבן אונדז געוואָלט כאַפּן לעבעדיקערהייט. איך בין אַפילו דאָן דורכגעגאַנגען נעבן זיי און זיי האָבן מיך דורכגעלאָזט, נישט וועלנדיק פּראָ־וואָצירן מיינע איבעריקע חברים. נאָר ווען מיר האָבן זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין, האָבן זיי געעפנט אַ פייער און דער רעזולטאַט איז שוין באַקאַנט.

דער אָטריאַד „פאָביעדאַ” אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר בולאַק האָט געשטעלט אַ פאָדערונג דעם דאָרף עס זאָל אַרויסגעבן אַלע, וואָס געהערן צו דער סאַמאָ־אָבראָנע. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון און די סאַמאָ־אָבראָנע האָט געענטפערט מיט פייער.. לויט אַ באַ־פעל פין קאָמאַנדיר איז דאָס דאָרף אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן און 60 טויטע זענען געבליבן ליגן אויף דער גאַס. דער גאַנצער אינווענטאַר איז צוגענומען געוואָרן.

דער פאַטשעוויצער קריסט, וואָס האָט אויסגעגעבן זיידל קוויאַט איז שפּעטער געהרגעט געוואָרן דורך פאַר־טיזאַנען. מיר איז נאָכדעם אויסגעקומען צו זיין דריי מאָל אין פיעסקער געגנט, אָבער אין פיעסק האָבן מיר נישט געקאָנט מאַכן קיין באַזוך צוליב דעם שטאַרקן גאַרניזאָן, וואָס איז דאָרט געווען. איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן באַגער צו זיין נאָכאַמאָל אין פיעסק, אפשר וועל איך דאָרט עמעצן טרעפן, אָבער איך האָב זיך אַנטוישט. איך בין געקומען קיין פיעסק נאָך דער מלחמה, ווען מיין בריגאַדע האָט פאַרנומען די שטאָט לידע און איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס אויפזעער פון דער לי־דער טורמע. די אַרבעט איז מיר נישט געפעלן געוואָרן און איך האָב געבעטן מען זאָל מיך איבערפירן אין מיין ראַיאָן, וווּ איך האָב געאַרבעט פאַרן קריג.

אין פיעסק נאָכן קריג

ווען איך בין געקומען קיין פיעסק האָב איך דאָרט געטראָפן פון די יידן איטשע ציפּין. ער איז געווען פאַרוווּנדעט און באַפרייט פון מיליטער. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין פיעסק איז נאָך געווען מאיר ראַכ־קין אַלס פאָליציאַנט. עס איז אָבער געשען מיט אים דער פאָלגנדיקער פאַל: ער מיט אַ רוסישן פאָליציאַנט האָבן פאַרהאַלטן אַ משפחה גלאַסאָווסקי און אַן אַ משפט זיי אָוועקגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן. איין שיקסע איז געלונגען צו אַנטלויפן, זי האָט אָנגעטראָפן אַ רוסי־

שע גרופע פון מיליטער און דערציילט, אַז אומשולדיקערהייט האָט מען דערשאָסן איר פאַמיליע. מאיר ראַכקין איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך מיליטער, און ווי קריסטן האָבן איבערגעגעבן האָט מען אים דערשאָסן.

שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז געזעסן אין דער באַראַנאַוויטשער תפיסה א ז ..אכדעם איז ער באַפרייט געוואָרן.

פּיעסק אַליין איז געווען צעשטערט, דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל איז געווען ליידיק פון איינוווינער. די איבערגעבליבענע הייזער זענען געווען אָן פענצטער און אָן טירן. פון די בלעכענע דעכער האָבן די קריסטן די בלעך אַראָפּגעריסן. ווען איך בין געקומען קיין פּיעסק, זענען אַלע קריסטן געוואָרן גוטע פריינד. יעדער איינער איז מיר געקומען זאָגן אַ גוט וואָרט אויף די יידן, אין דער צייט וואָס יעדער איינער פון זיי האָט צוגעהאָלפן צו אונדזער גרויסן אומגליק. איך האָב נישט געקאָנט לאַנג בלייבן אין פּיעסק און איך בין אַוועק.

אַמערגסטן האָבן אויף מיר געווירקט די ליידיקע הייזער. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז פאַרוויינטע געשטאַלטן בעטן זיך רחמים פון די הייזער אַרויס. איך בין אַמאָל דורכגעגאַנגען נעבן ישראל קאַפּלאַנס הויז פאַרנאַכט. פלוצלונג האָב איך דערזען אַ געשטאַלט מיט אַ באָרד פון ישראלס בוידעם־שטיבל. איך האָב געוואָלט נעמען שרייען, איך האָב זיך גענומען גוט צוקוקן און האָב דערזען, אַז אַ ציג קוקט אַרויס פון פענצטער. אין די יידישע הייזער האָבן גוישע ציגן אַרומשפּאַצירט פראַנק און פריי.

אויפן בית־עלמין

איך האָב באַזוכט דעם בית־עולם. קיין קברים און מצבות זענען נישט געווען אויסער אַלטער דעם געלנס אַ מצבה פון בעטאָן. די איבעריקע מצבות זענען געווען צעקלאַפּט און געפלאַסטערט פון זיי אַ וועג און מיט אַ סך מצבות האָבן די דייטשן פאַריכט די טאַמע. אַ קריסט האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט ביים צעקלאַפּן די מצבות. פון שרעק האָבן זיך אים די הענט געטרייסלט, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה.

אין דער צייט האָב איך באַקומען בריוו פון פּיעסקער, וועלכע עס איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד אין די טעג פון דער מלחמה. זיי אַלע רעכן איך נישט אויס. איך שטעל מיך אָבער אָפּ באַזונדער אויף איטשע ציפּין, וועלכער איז אומגעקומען וואַרשיינלעך פון די הענט פון די ווייסע פּאָליאַקן. זיין סוף איז אָבער פאַרבליבן אַ רעטעניש. ער האָט זיך געפונען אין דער דירה פון אַ געוויסער קריסטין. אין דער צייט איז דורך פּיעסק דורכגעגאַנגען רוסיש מיליטער פון מערב אויף מזרח. ציפּין האָט זיך באַקענט מיט אַ יידישן לייטענאַנט, און דער האָט אים געגעבן געלט, כדי צו ברענגען בראַנפן. ער איז אַוועק צום קריסט אַנטאָליק און מער נישט צוריקגעקומען. דער דאָזיקער אַנטאָליק האָט אונדז געדינט אין די שווערע טעג פון דער פאַרטיזאַנקע, אָבער האָט גלייכצייטיק געדינט זיינע חברים — די פּוילישע פּאָליציאַנטן. אַרום פּיעסק האָט זיך דאַן אַרומגעשלעפּט אַ באַנדע פון אַן ערך 20 ווייסע פּאָליאַקן און עטלעכע פּיעסקער שקצים האָבן אויך געהערט צו דער באַנדע.

איך האָב געמאָלדן וועגן דעם פאַל דער נ.ק.וו.ד. און זיי האָבן דאָס פאַרצייכנט. איך אַליין בין געווען זייער פאַרזיכטיק און פלעג קיינמאָל נישט פאָרן צוויי מאָל מיטן זעלבן וועג, ווייל די קריסטן, וואָס האָבן זיך געפילט שולדיק, האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון אונדז. פאַר דער געשיכטע האָט איטשע ציפּין געמאַכט אַ חשבון מיט עטלעכע פּיעסקער קריסטן. זיי אַלע זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

אין דער זעלבער צייט איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן קריסטלעכע הייזער און דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויייטיקט צו זען דאָס יידישע גוטס. אין אַלע הייזער האָט מען געזען יידישע קישנס, שאַפעס, שטולן און טישן. מער האָט מיך געשיקט מיט אַ קאָמיסיע צו דערקענען די יידישע זאַכן און זיי צוצונעמען, אָבער די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די זעלבע רויבער ווי די איבעריקע קריסטן. די דאָזיקע פלעגן טענהן, אַז זיי האָבן דאָס געקויפט ביי די יידן ווען זיי זענען געווען אין געטאָ און מען פלעגט זיי עס איבערלאָזן.

ביי איין קריסט האָב איך דערקענט יצחק שאַפּירס אַ מאַנטל. אין טאַש האָב איך נאָך געפונען שאַפּירס אַ בריוו מיט זיין אונטערשריפט. איך האָב געפרעגט דעם קריסט פון וואַנען ער האָט גענומען דעם מאַנטל, און

ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט זיך געוואַלגערט אין גאַס. איך האָב געזען, אַז איך וועל גאָרנישט קאָנען אויפטון און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער קאָמי־סיע. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך געזען ווי עס ברענט דאָס גאַנצע אָנגעראַבעוועטע יידישע גוטס, ווען; די גאַנצע פּערעקאָפּער גאַס האָט אָפּגעברענט.

איין קריסט, וואָס האָט ווייניקער געראַבעוועט פון די אַנדערע האָט געהאַט אַ פּאַרדרוס וואָס אַ צווייטער האָט מער אָנגעראַבעוועט און האָט זיך אָנגערופן צו מיר: דאָס ברענט דאָס יידישע גוטס, דאָס יידישע בלוט שוייגט נישט. און גלייכצייטיק האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף די צוויי פאַרברענטע ניי־מאַשינען: מלכה דער שניידערקעס. אַ צווייטער איז צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער האָט זיך געקליבן צו מיר צו קומען, ווייל ער האָט אויסבאַהאַלטן אַ ספר־תורה, אָבער איצט איז זי פאַרברענט געוואָרן.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט, אַז „איר וועט נאָך באַצאָלן מיט בלוט פאַר די געראַבעוועטע זאַכן".

דערווייל האָט די מאַכט דערלויבט די קריסטן צו פאַרנעמען די עטלעכע יידישע הייזער, פון וועלכע זיי האָבן פאַר דעם אַרויסגעריסן די פענצטער און די טירן. מיר איז דאָס געווען שווער צוצוקוקן, און איך האָב באַ־שלאָסן צו פאַרלאָזן מיין געבורט־שטעטל, ווו איך האָב געהאַט גוטע צייטן און שלעכטע צייטן און איך האָב זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.



מאיר ראַכקין

א שטיק לעבן פון ליידן און פיין

(ביי א שריד ופליט פון דער גרויזאמער שואה)

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1915. מיין פאָטער האָט געהייסן אַרטשיק דער פּאָטשטער, ווייל ער האָט געהאַלטן אַ פּאָטשט, זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אַזאַ ווי עס עקזיסטירט היינט. מיין פאָטער האָט געהאַלטן צוויי פאַראַבקעס מיט פיר פערד מיט בריטשקעס, וועלכע האָבן באַדינט די גמינע אין פּיעסק נאָך אין דעם צאַרס צייטן, און דאָס איז אַריבער בירושה אויך אין פּילסודסקיס צייטן: באַדינען די גמינע, פירן דעם וויט מיטן סעקרעטאַר אין די דערפער.

ווען איך מיטן ברודער הערשל זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר אויך געהאָלפן דעם פאָטער צעפירן רייטנדיק צעטלעך אין די דערפער.

מיין פאָטער איז צו קיינעם נישט אָנגעקומען אין זיין לעבן, ווי מען זאָגט: „בזיעת אפך תאכל לחם”. די לעצטע יאָרן האָט שוין מיין פאָטער נישט געהאַט די פּאָטשט, — שמואל־שלמה דער קצב האָט דאָס ביי אונדז צוגענומען, נאָר דער נאָמען איז אים איבערגעבליבן.

אונדזער מאַטעריעלע לאַגע פאַר די פּוילישע צייטן איז נישט געווען קיין גוטע, אַזוי ווי ביי אַלע יידן אין פּיעסק. אונדזער פאַמיליע האָט געציילט זעקס מענטשן, און דער איינציקער, וואָס האָט געאַרבעט איז געווען דער פאָטער. מיר, די קינדער, זענען געווען לידיקגייער, און לערנען אַ פאַך איז דאָך געווען אַ חרפּה.

מיין מוטער האָט געהייסן חיה־איטע, אברהם־משה פּאָליאַטשאַקס אַ טאָכטער. ווער האָט נישט געקענט חיה־איטען אין פּיעסק מיט איר חכמה. שטענדיק איז זי געווען פריילעך, מען האָט אויף איר נישט געקאָנט דערקענען די גוטע אָדער שלעכטע צייט.

מיר זענען געווען פיר קינדער: הערשל, מיין שוועסטער שרה־חנה, און אַ ברודער יאָסעלע. אַלע זענען חתונה געהאַט מיט לאהטשע געפנער, איך — מאיר איז אומגעקומען. מיין מוטער האָט געהאַט אַ שוועסטער, באַשע שאַכנעס, וועלכע האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן אין פּיעסק, און אַ שוועסטער שפרה, וועלכע איז יונג געשטאָרבן און געלאָזן יתומים, וואָס זענען איצט אין אַרגענטינע: לייבל, שייע און באַבטשע. און נאָך אַ שוועסטער האָט מיין מוטער געהאַט אין אַמעריקע — כאַשע.

אונדזער משפחה אין פּיעסק איז געווען לאהקע די קרעמערקע. קינדער זענען געווען: קאָפּל, יענטע און שרה.

צו זיבן יאָר בין איך אַוועק אין חדר, געלערנט ביי זיידקע דעם טערק עברי, דערנאָך געלערנט ביי אלי־הערשל דעם מגיד אין חדר. שפּעטער האָב איך געלערנט אין דער העברעאישער שול ביי קאָפּלען אין שטוב, און נאָכדעם אין דער פּאָווּשעכנע.

די לערער פון דער העברעאישער שול זענען געווען: גאָרפינקעל, בערניקער און זיידל שבח. אַזוי ווי די גאַנצע פּיעסקער יוגנט האָט געהערט צו אָרגאַניזאַציעס, האָב איך געהערט צום בית״ר. אונדזער אַפּטיילונג איז לעצטנס געווען ביי מאיר באַראָווסקי. דאָרט פלעגן מיר טאַנצן און לייענען בראָשורן. די גאַנצע יוגנט־יאָרן האָב איך געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־

ישראל, און צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אויף הכשרה קיין באַראַנאָוויטש. דער פאָטער האָט מיך נישט געלאָזט פאָרן, אָבער די מוטער האָט מיר געגעבן אויף הוצאות.

מיט מיר זענען געפאָרן אויף פריידל אָרלין, בנימין־משה, שמואל־שלמה דעם קצבס אַ זון. אויך נוימאַן דער לערער איז געפאָרן מיט אונדז. איך האָב דאָרט געאַרבעט אין אַ טאַרטאַק, ווו שמואל וואַרשאַווסקי האָט געאַרבעט אַלס אַ שאָפער. דאָס איז געווען אין יאָר 1933. נאָר צום באַדויערן האָב איך נישט געקאָנט פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל בית״ר האָט באַקומען ווייניק סערטיפיקאַטן.

אין מיליטער און אין קריג

אין יאָר 1937 האָט מען מיך גערופן אין דער פוילישער אַרמיי. געדינט האָב איך אין לידע צוזאַמען מיט נחום זלאָטניצקי. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען גרויס אין דער אַרמיי אין יענער צייט. יידישע זעלנער האָט מען נישט געלאָזט פאָרן אַהיים אויף אורלויב, טראָץ דעם וואָס די יידישע זעלנער זענען געווען די פּעאיקסטע. עס זענען לעצטנס אפילו געווען אויפשריפטן אויף די טראָטואַרן: „שלאָג יידן — דער ייד איז אַ קאָמוניסט״. אין דער אַרמיי זענען געווען אַ גאַר הויכער פּראָצענט אָפיצירן פאָלקסדייטשן. גראַד ווען איך האָב זיך געזאָלט באַפרייען אין יאָר 1939 איז אויסגעבראָכן די פויליש־דייטשע מלחמה. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע זעלנער.

נאָך אויפן וועג, נאָכדעם ווי מיר זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע שעה, זענען פּלוצלונג אָנגעקומען אַעראָפּלאַנען און האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן פון אַלע זייטן. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק און אַלע זענען זיך צעלאָפן. עס זענען דערהרגעט געוואָרן אַ סך זעלנער. מיר, די איבעריקע זעלנער, זענען אַוועק אין וואַלד. איין אָפיציר האָט דערקלערט, אַז ווער עס וויל גיין אַהיים קאָן גיין. איך האָב אויך גענומען ביי אים אַזאַ באַשטעטיקונג און איך בין אַוועק. וויהין — האָב איך אַליין נישט געוווּסט, קיין באַנען זענען דאָך נישט געגאַנגען און אַלץ איז געווען צעקלאַפּט.

דאָס איז געווען נישט ווייט פון גראָדנע. עס איז געווען צו ווייט צו גיין צו פוס, און אויסער דעם האָב איך מורא געהאַט צו גיין, טאָמער פאַרהאַלט מען מיך אַלס דעזערטיר. איך בין אַריין אין אַ דאָרף צו אַ גוי און געבעטן, ער זאָל מיר בייטן מיינע זאַכן. איך האָב אים אָפּגעגעבן מיינע גוטע זאַכן און ער האָט מיר געגעבן אַ פּאָר טראַנטעס. אויף די וועגן האָבן זיך געוואַלגערט נייע ראָווערן, מאָטאָציקלען און אפילו אויטאָס. איך האָב גענומען אַ ראָווער און איך בין אַוועק.

איך בין געפאָרן דריי טעג ביז איך בין אָנגעקומען קיין זעלוויאַן. אויפן אייזערנעם בריק האָבן מיך פאַרהאַלטן צוויי אָפיצירן. איינער פון זיי איז געווען קאָטשקאָווסקי דער פריץ פון זעלוויאַנער הויף. „קום״, זאָגט ער צו מיר, „מיר וועלן גיין פאַרטיידיקן ביאַליסטאָק״. ווען איך האָב אים געוויזן די באַשטעטיקונג האָט ער גאַרנישט געזאָגט און איך בין אַוועק אין דער ריכטונג פון פּיעסק. אויפן וועג איז געווען פול מיט פוילישע זעלנער. איך האָב זיי אַלעמען אויסגעמיטן און מיט הינטערוועגן בין איך פאַרטאָג אָנגעקומען קיין פּיעסק. ווען איך בין אַריין אין שטוב איז די פרייד געווען זייער גרויס מיט מיר. דער פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז די פוילישע מאַכט איז נאָך פאַראַן אין פּיעסק, און איך מוז זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל מען קאָן מיך נאָך אַנעמען פאַר אַ דעזערטיר. איך בין אַלזאָ אַוועק אין סמאַלאַרנע און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם דריי טעג, ביז עס איז אָנגעקומען די רוסישע אַרמיי. דאַן בין איך צוריק אָנגעקומען אַהיים.

די רוסישע אָקופּאַציע

די באַפעלקערונג האָט אויפגענומען די רוסן פאַרשידנאַרטיק. דאַקעגן די אַקטיוויסטן, די וועלכע זענען אין די פוילישע צייטן געזעסן אין די תפיסות, האָבן זיי אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם און אָנגעהויבן מאַכן אָרדענונג אין פּיעסק און אַרום פּיעסק. מען האָט גלייך נאַציאָנאַליזירט די גרויסע מיל און דאָס קליינע מילכל. ביי אסתר יאַגלין האָט מען צוגענומען די גאַנצע סחורה. אַלע קראָמען האָט מען צוגענומען ביי די יידן און מען האָט געמאַכט אַ קאָאָפּעראַטיוו. מיט פּראָדוקטן איז געווען זייער שווער, מענטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן אַר־

בעט. פאַר יעדן טעות אין דער אַרבעט האָט מען באַ־שטראָפט מיט טורמע. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס האָבן פאַרכאַפּט די אַקטיוויסטן. גדליהו סאַראַפין, אַ שניי־דער פון פאַך, איז געוואָרן באַנק־דירעקטאָר; חיים וואָ־לינטשיק איז געוואָרן דירעקטאָר פון דער גרויסער מיל און זיין ברודער — דירעקטאָר פון דער קליינער מיל; רבקה ציפּין איז געוואָרן די לייטערין פון אַ שניידעריי־קאָאָפּעראַטיוו; יענקל דעם קוקס זון איז געוואָרן ביר־גערמייסטער און אַזוי ווייטער. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען די רוסן האָבן געזען, אַז עס קלאַפּט נישט, האָבן זיי אַלע געשיקט צו זייערע פאַכן.

די בתי־כנסת האָט מען פאַרוואַנדלט אין קלובן, די גוישע קלויסטערס האָט מען נישט געטשעפּעט. די יידן האָבן זיך שנעל צוגעפּאַסט צו דער נייער אָרדענונג. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די רייניקונגען און אַרעסטן. דאָך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען וועט קאָ־נען אַזוי אויסהאַלטן ווי לאַנג עס וועט דויערן די מלחמה.

דער דייטשער אָנגריף

דעם 24טן יוני 1941 יאָר איז פּלוצלונג פּיעסק באָמ־באַרדירט געוואָרן דורך די דייטשע אַעראָפּלאַנען. די ערשטע באָמבע האָט געטראָפן דאָס הויז פון העניאָך קאַפּלאַן, און דער ערשטער קרבן אין פּיעסק איז געווען העניאָך. די רוסישע זעלנער, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין פּיעסק האָבן געגומען אַנטלויפן, ווער אויף פערד, ווער אויף אויטאָס און ווער צופוס. זיי זענען געלאָפן אין דער ריכטונג פון מינסק. אויפן וועג האָבן זיי איי־בערגעלאָזן די טאַנקען און די אויטאָס אין די בלאָטעס, ווייל אַלע בריקן זענען געווען צעקלאַפּט. זייער אַ קליינע צאָל יידן פון פּיעסק איז אַוועק צוזאַמען מיט זיי.

ביי דער ידישער באַפעלקערונג איז געוואָרן זייער אַ גרויסע פּאַניק. מען האָט איבערגעלאָזט אַלץ און גע־לאָפן אין די פעלדער און אין די וועלדער. ווען עס האָט אויפגעהערט די באָמבאַרדירונג, האָבן זיך די יידן אומ־געקערט קיין פּיעסק. די דייטשן זענען נאָך דאָרט נישט געווען. דערשראָקענע, מיט בלאַסע פּנימער, זענען די יידן געזעסן אין די הייזער, געקוקט דורך די פענצטער און געוואַרט אויף די „געסט".

אין דער פרי זענען אָנגעקומען דייטשן אויף מאָ־טאָציקלען. זייער שטאַב איז געווען אין דער גמינע. מענטשן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויפן גאַס. די דייטשן האָבן גלייך אָרגאַניזירט אַ מיליציע פון דער באַפעלקערונג, און באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט טשעש זאַבלאָצקי. סאָלטיס איז געווען ווינושקע. טשעש האָט גלייך אָנגעהויבן רויבן. די ערשטע טעג האָט ער צוגע־נומען די פערד מיט די בהמות ביי אַלעמען. ווען ער איז אַריין צו אונדז, האָט אים דער פאָטער אָנגעהויבן בעטן: „וויפל טובות האָב איך דיר געטון און איצט נעמסטו צו ביי מיר די בהמה". אַלס ענטפער האָט אים טשעש דערלאַנגט מיטן פוס אין בויך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַרויס אַ באַפעל אַנצוטון געלע לאַטעס. פאַר נישט טראָגן די געלע לאַטע וועט מען ווערן דערשאָסן. עס איז געוואָרן אַ בהלה נאָך גע־לער סחורה, מען האָט צעריסן געלע קליידער, מאַנטלען און טיכער. יידן האָבן נישט געטאָרט גיין אויפן טראָ־טואַר, האָבן נישט געטאָרט באַגריסן אַ דייטש. אויף אַלע געוועלבער און אַמטן זענען געווען אויפשריפטן „פאַר יידן פאַרבאָטן".

אַ געטאָ אין פּיעסק

צוויי חדשים האָבן די דייטשן נישט געטשעפּעט קיין ייד. ספּעציאַליסטן האָבן געאַרבעט ביי זיי אין די וואַרשטאַטן. אין נאָוועמבער 1940 האָט מען פאַראָרדנט אַלע יידן זאָלן זיך געפינען אין געטאָ. מען האָט דער־לויבט נעמען אַלץ פון שטוב. עס איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. מען האָט אָנגעהויבן פּאַקן פּעק. פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ גרויסער כוח פון דייטשן מיט הינט און מען האָט געהייסן נעמען די פּעק און גיין. אַלטע, יונגע, קראַנקע און קליינע קינדער האָבן געטראָגן פּעקלעך. מען האָט אונדז געטריבן ביזן שול־הויף. מענטשן האָבן פאַרנומען אַלע בתי־מדרשים, אין יעדער שטוב זענען געווען צו דריי־פיר משפּחות. מיר זענען געווען ביי לאַהטשען אין דעם קליינעם שטיבעלע. די ענגשאַפט איז געווען גרויס און מען איז געשלאָפן אויף דער ערד.

דאָן איז געקומען אַ באַפעל, מען זאָל אויסוויילן אַ יודנראַט מיט אַ ידישער פּאָליציי. בראש פון יודנראַט איז געשטאַנען מענדל בערווין (דער סטאָלער), וועל־

כער האָט גערעדט אַ גוטן דייטש. די קאָמענדאַנטור איז געווען ביי חיה־לאהן אין מויער. יידן האָבן געלעבט אַ שטיקל צייט פון זאַכן און סחורות, וואָס מען האָט פאַרקויפט גויים ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס געטאָ געוואָרן אַרומגעצוימט מיט שטאַכל־דראָט און מען האָט מער נישט געקאָנט אַרויסגיין אָן אַ דערלויבעניש. אַזאַ אויסווייז פלעגט אַרויסגעבן דער קאָמיסאַר די יידן, וואָס פלעגן גיין צו דער אַרבעט. אַז מען האָט געכאַפּט אַ ייד אין שטאָט אָן אַן אויסווייז, האָט מען אים געבראַכט אין יודנראָט, און דאָרט האָט מען געצאָלט פאַר אים אַ שטראָף פון 2,000 זלאָטעס.

דער גרעסטער טייל פון געטאָ האָט געליטן הונגער. פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן שטרענגער. איצט איז שוין אַ ייד, וועלכן מען האָט געכאַפּט אָן אַן אויסווייז נישט אָפּגעקומען מיט אַ געלט־שטראָף, נאָר מען פלעגט אים דערשיסן. דער דייטשער זשאַנדאַרם פלעגט מעלדן דעם יודנראָט, אַז ער האָט געשאָסן אַ ייד, אָדער עטלעכע יידן און פאַרלאַנגט אַ געוויסע וואָג גאָלד.

די דייטשן האָבן געפאָדערט ביים יודענראָט אַרבייטער אויף פאַרשידענע שווערע אַרבעטן, ווי אין זעלוויאַן אין דער דיקט־פאַבריק, אָדער אין וואָלקאָוויסק ביי דער סטאַציע אויסצולאָדן וואַגאָנעס קוילן. קיין וואָלקאָוויסק האָט מען געשיקט 30 מאָן יעדע 14 טעג. צו דער אַרבעט האָט מען געטריבן צופוס, און ווער עס איז אָפּגעשטאַנען איז גלייך דערשאָסן געוואָרן.

איין מאָל איז געקומען מיין ריי צו אַרבעטן אין וואָלקאָוויסק. דער אַרבעטס־טאָג איז געווען 12 שעה אָן רוען און די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. נאָך 10 טעג אַרבעט האָב איך באַקומען אַ הויכע היץ. איך בין אַוועק צום דייטש און געבעטן, ער זאָל מיך פירן צום דאָקטאָר. אַנשטאָט דעם האָט ער מיר געהייסן זיך לייגן אויף די קוילן, און געשריען: „פאַרפלוכטער יודע!" און מיר געגעבן 25 שמיץ מיטן קאַנטשיק. איך בין אַזוי אָפּגעלעגן ביז דער טאָג האָט זיך געענדיקט.

אויף צו מאָרגנס בין איך ווידער אַוועק צו דער אַרבעט, אַ צעבראָכענער און האַלב טויטער. דער אויפזעער איז געווען אַ צווייטער דייטש, וועלכער האָט געהאַט אין זיך מענטשלעכע געפילן. ווען ער האָט געזען, אַז איך בין קראַנק און קאָן נישט שטיין אויף די פיס, האָט ער מיר געזאָגט: „אַרבעט לאַנגזאַם, אַזוי ווי דו קאָנסט". אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט די צוויי וואָכן און זיך אומגעקערט אין געטאָ. איך בין געלעגן קראַנק אַ חודש צייט, קיין דאָקטאָר איז אין געטאָ נישט געווען.

די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. די פּראָדוקטן זענען אויסגעגאַנגען. מענטשן זענען געוואָרן אַזוי ווי חיות, מען האָט זיך אַרומגעריסן איינער מיטן צווייטן; אויב מען האָט געוווּסט, אַז עמעצער פאַרמאָגט עפּעס צום עסן, האָט מען עס פון אים אַרויסגעגנבעט. פון צייט צו צייט האָט מען אַריינגעבראַכט אין געטאָ אַ דייטשע צייטונג. דאָס איז געווען אַן אוצר ממש. די צייטונג איז דאָן געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, יעדער איינער האָט געפּרוּווט לייענען צווישן די שורות. מען האָט געהאַלטן, אַז דער דייטש מוז קאַפּיטולירן און דאָס האָט אויפגעהאַלטן אַ ביסל דעם מאָראַל.

אַ ריח פון טויט

איין שיינעם טאָג האָט דער יודנראָט באַקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, זאָלן זיך צונויפקלייבן נעבן בית־עולם און נישט נעמען מיט זיך קיין זאַך, מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער און קינדער באַזונדער. אַלע דאַרפן זיך שטעלן צו פיר אין אַ שורה. דאָס איז געווען אַ זונטיק 10 אין דער פרי, דעם 7טן מאַי. עס האָט געשמעקט מיט אַ ריח פון טויט, מען האָט אָבער נישט געוווּסט פון וועלכער זייט ער וועט אָנקומען.

עס איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק, קינדער האָבן געוויינט און אַלע האָבן געציטערט פון שרעק. עס איז אָנגעקומען די געסטאַפּאָ און מען האָט אָנגעהויבן אונדז איבערציילן. ווען זיי האָבן געענדיקט ציילן, האָבן זיי געהייסן אַלע לויפן צוריק אין געטאָ. מיט אַ צייט שפּעטער, דאָס איז געווען דעצעמבער 1941, האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן באַשטעלט 300 פורן פון די דערפער, זיי זאָלן זיך צושטעלן צום געטאָ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען וויל אונדז ערגעץ פירן. אין געטאָ איז ווידער געוואָרן אַ פּאַניק. מאַנכע האָבן אַפילו געזאָגט, אַז מען פירט אונדז ערגעץ, כדי צו מאַכן אַ

יידישע רעפובליק. דעם אמת האָט אָבער קיינער נישט געוווסט.

ביינאַכט איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן זיך פּאַקן און מיטנעמען וואָס זיי ווילן. דערנאָך איז געקומען נאָך אַ באַפעל, אַז אין פאַרלויף פון צוויי שעה זאָלן אַלע קומען מיט די פּעק צום טויער פון געטאָ און זיך שטעלן אין רייען. די אַלטע לייט זענען געווען איבערציגט, אַז זיי וועט מען אומברענגען. אַ סך פון זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּראַזירן די בערד. אַפילו ביידע רבנים האָבן אַראָפּגענומען די בערד. יעדער איינער האָט געוואָלט אויסזען יונג.

5 אַזייגער פאַרטאָג זענען אַלע געשטאַנען גרייט מיט די פּעק נעבן טויער. ביים אַרויסגיין פון טויער האָט מען אַלע געהייסן אַוועקלייגן די פּעק אין איין אָרט. די אַלטע לייט און קליינע קינדער האָט מען באַפוילן זיך זעצן צו זעקס מענטשן אויף אַ פור. די אַלע זענען אָפּגעפאָרן פון פּלאַץ, באַגלייט פון אַ גרויסן כוח פון דייטשן אויף מאָטאָציקלען. דערנאָך האָט מען אַלע איבעריקע אַרויסגעטריבן צופוס אויפן וועג קיין וואָלקאָוויסק, אויך באַגלייט פון דייטשן.

אין געטאָ איז געבליבן אַ קליינע צאָל מענטשן, קראַנקע און קאַליקעס. איך בין אויך געגאַנגען צופוס. די שטרעקע איז געווען אַ לאַנגע — 25 קילאָמעטער, די מענטשן — הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע. די דייטשן האָבן נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן אַפילו אויף איין מינוט, און ווער עס איז אָפּגעשטאַנען, דעם האָבן זיי דערשאָסן.

פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין וואָלקאָוויסק. האַלב טויטע האָט מען אונדז פאַרטריבן אין די פערדשטאַלן, ווי עס איז געשטאַנען פריער דער דריטער פּולק קאַוואַלעריע פון דער פּוילישער אַרמיי. די שטאַלן זענען געווען געבויט פון גרויסע שטיינער, אויך די פּאָדלאָגע איז געווען פון שטיינער. עס איז געווען קאַלט, עס איז נישט געווען מיט וואָס זיך צוצודעקן. און געווען איז דאָס אין אָנהויב פון ווינטער. אין די קאַזאַרמעס האָבן זיך געפונען מענטשן פון ראַשער, זעלווער און וואָלקאָוויסקער געטאָ און נאָך געטאָס פון אַרום וואָלקאָוויסק. צענדליקער מענטשן זענען געשטאָרבן יעדן טאָג פון הונגער און קעלט. עטלעכע געדענק איך פון די, וועלכע זענען געשטאָרבן אין די ערשטע טעג: שמעון־בנימין דער רב, דוד־איטשקע דער קצב, ירחמיאל־משהקע דעם גלעזערס אַ זון, פּעשע בנימין־שמואלס פון זאַרעץ.

לאַהטשע געפנער, הערשלס ווייב, האָט געבוירן אַ מיידעלע אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס לעבעדיקע קינד האָבן די דייטשן געהייסן אַרויסוואַרפן. אַרום און אַרום האָט מען געהערט קרעכצן, קליינע קינדער האָבן געוויינט, מען האָט געגעסן גראָז, בלעטער פון ביימער. איין מאָל אין טאָג האָט מען געטריבן עסן אין קיך. מען האָט אויסגעשטעלט אין אַ שורה צו פיר מאַן. די שורה האָט געדאַרפט זיין גלייך ווי אַ סטרונע. אויב ווער עס איז, האָט אַרויסגעשטעקט אויף אַ האַלבן מילימעטער, איז ער דערשאָסן געוואָרן. די זופּ איז געווען געקאָכט פון שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, און יעדער איינער פלעגט באַקומען אַ קאָך־לעפל זופּ.

גויים פון די דערפער פלעגן פירן קאַרטאָפל צו דער קיך, דערביי פלעגן זיי אַריינוואַרפן איינצלנע קאַרטאָפל איבערן פּלויט, און הונדערטער זענען געלאָפן כאַפּן דעם קאַרטאָפל. די דייטשן, וואָס זענען געשטאַנען דערביי האָבן דאַן געשאָסן אויף די מענטשן, און עס זענען געווען פאַרווונדעטע און געהרגעטע. מען האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף דעם און ווייטער געכאַפּט.

די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. איינצלנע זענען אַנטלאָפן, האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר טעג אַרום די פּיעסקער דערפער און אַ טייל פון זיי איז צוריקגעקומען. זיי האָבן דערציילט, אַז אין די דערפער זענען געווען אויסגעהאַנגען באַקאַנטמאַכונגען, אַז ווער עס וועט כאַפּן אַ ייד, וועט באַקומען אַ זעקל צוקער פון 70 קילאָ אַלס באַלוינונג. גויים פלעגן איבערגעבן ייִדן צו די דייטשן. צווישן די דאָזיקע יידן זענען געווען ציידל דעם חסידס און יודל דעם טשעשלערס אַ זון פון פּעריקאָפּ. פּאַצעוויטשער גויים האָבן זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן די דייטשן. יודלען האָבן די דייטשן פאַרשפּאַרט אין שרה־הינדעס געמויערטן קרעמל, ווו עס איז געווען דער אַרעסט. ביינאַכט האָט ער אויפגעבראָכן דעם אויוון און אַרויסגעקראָכן דורכן קוימען און אַנטלאָפן. אַזוי האָבן דערציילט גויים פון פּיעסק.

די חברה־קדישא

די לאַגע איז געווען אומדערטרעגלעך. עס האָט זיך געשאַפן אַ חברה־קדישא פון אַלטע לייט, וועלכע פלעגן אַרויספירן טויטע קערפּערס מיט וועגעלעך מחוץ פון לאַגער. שבת האָט די דאָזיקע חברה־קדישה נישט געאַרבעט. עס האָט זיך דאַן געשאַפן אַ גרופּע פון 15 מאַן, צווישן זיי: שמעיה וואַרשאַווסקי, אברהם יאַגעל, משה ווינאַקור, ניאָמע קיזשעס אַ זון, יצחק כענטשינסקי, חיים ווינאַקור, באַשקעס אַ זון, בערל און מאיר רושזאַנסקי, יצחק ציפּין, משה מאַלקאָוויצקי, שמואל באַיאַרסקי, בערל דעם סטאָליאַרס אַ זון און נאָך אַנדערע. זיי האָבן געשאַפן אַ חברה־קדישא נאָר אויף שבת. דער פאַקטישער ציל איז געווען אַרויסצופירן טויטע קערפּערס אויפן פעלד און צוריק זיך נישט אומקערן.

עס איז מיר געווען זייער שווער צו באַשליסן. איבערלאָזן די עלטערן איז מיר געווען אַ שאָד און פרעגן ביי זיי אַן עצה האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב אויך געוווּסט, אַז אַן מיר וועלן זיי שטאַרבן פון הונגער. מיט אַ צעבראָכן האַרץ בין איך אַוועק צו דער אַרבעט. שבת נאָכמיטאָג האָבן מיר גענומען אַ וועגעלע, אַרויפגעלייגט זעקס טויטע קערפּערס. אונטן האָבן מיר אַוועקגעלייגט צוויי לעבעדיקע פון אונדז. דריי פון אונדז האָבן געשטופּט דאָס וועגעלע. ביים טויער זענען געשטאַנען צוויי דייטשן, וועלכע האָבן איבערגעציילט די פיס און געהייסן פאָרן ווייטער.

דער פּלאַץ פון די טויטע. איז געווען צוויי קילאָמעטער פון לאַגער. קומענדיק אויפן פּלאַץ האָבן מיר געזען הונדערטער טויטע קערפּערס אויף דער ערד נישט באַגראָבן. דאָס איז געווען ווינטער. מיר האָבן אַראָפּגענומען די טויטע קערפּערס צוזאַמען מיט די צוויי לעבעדיקע אויף דער ערד. די לעבעדיקע האָבן מיר געלייגט מיט די פּנימער אַראָפּ. די דריי מענטשן האָבן צוריק אַוועקגעפירט דאָס וועגעלע און געבראַכט נאָך אַ וועגעלע טויטע מיט לעבעדיקע. אַזוי איז מען געפאָרן עטלעכע מאָל, ביז מען האָט אַלעמען אַריבערגעפירט.

מיר וואַנדערן אין וואַלד

מיר זענען געלעגן אויף דער פאַרפרוירענער ערד בערך צוויי שעה מיט די פּנימער אַראָפּ. דאָס איז געווען נישט ווייט פון ראַשער שאָסיי, בערך צוויי הונדערט מעטער. מיר האָבן געהערט ווי דייטשן פאָרן אויף אויטאָס נעבן אונדז. ווען עס איז געוואָרן עטוואָס טונקל האָבן מיר זיך געגעבן אַ הויב אויף און געלאָפן מיט די גאַנצע כוחות צום זאַמקאָוון וואַלד. ווען די וועכטער פון לאַגער האָבן באַמערקט ווי מענטשן לויפן צום וואַלד, האָבן זיי געעפנט אַ פייער אויף אונדז. מיר זענען אַריין אין וואַלד, אַראָפּגעוואָרפן די לאַטעס פון זיך און מיר האָבן זיך דערפילט פריי. אַ ביסל זיך אָפּגערוט און אַוועק ווייטער. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן ביי אַ כנטאָר, ד. ה. אַן איינציק הויז. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געבעטן עסן. דער גוי האָט זיך דערשראָקן פאַר אונדז און אונדז דערלאַנגט דריי לאַבנס ברויט מיט אַן עמער מילך. מיר האָבן אָפּגעגעסן און זיך אָפּגערוט.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען גיין אין דער ריכטונג פון פּיעסק און באַקומען געווער. מיר האָבן אויסגעקליבן שמעיהן פאַר דעם עלטסטן איבער אונדז. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטע אָריענטאַציע אין די וועגן. די זעלבע נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין זעלוויאַנער וואַלד. דעם גאַנצן טאָג זענען מיר פאַרבליבן אין וואַלד, און ווען עס איז געוואָרן פינצטער זענען מיר ווייטער אַרויס אין וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ געדיכט וועלדל נעבן די אַלינקעס, נישט ווייט פון טייך. דאָס איז געווען אַ פינף קילאָמעטער פון פּיעסק.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען גיין אין דער ריכטונג פון פּיעסק און באַקומען געווער. מיר האָבן אויסגעקליבן שמעיהן פאַר דעם עלטסטן איבער אונדז. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטע אָריענטאַציע אין די וועגן. די זעלבע נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין זעלוויאַנער וואַלד. דעם גאַנצן טאָג זענען מיר פאַרבליבן אין וואַלד, און ווען עס איז געוואָרן פינצטער זענען מיר ווייטער אַרויס אין וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ געדיכט וועלדל נעבן די אַלינקעס, נישט ווייט פון טייך. דאָס איז געווען אַ פינף קילאָמעטער פון פּיעסק.

מיר האָבן דאָרט געפונען אַן אַלטע זעמליאַנקע אין דער ערד. מיר האָבן זי אַ ביסל פאַריכט און דאָרט געבליבן זיצן. דאָ וועלן מיר בלייבן אַ פּאָר וואָכן, אפשר וועלן מיר באַקומען עטוואָס געווער ביי באַקאַנטע גוים.

אזוי אַרום האָט יעדער פון אונדז גענומען אַן אויפגאַבע צו גיין קיין פּיעסק און אַרום פּיעסק צו זיינע באַקאַנטע. איך האָב גענומען משה מאַלקעוויצקי און מיר זענען אַוועק ביינאַכט צום טקאַטש אויף זאַרעץ. בראַניע, דעם טקאַטשס טאָכטער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מיר אין דער פּאָושעכנע שול און איר ברודער וואַצעק האָב איך אויך גוט געקענט.

מיר זענען אַריבער דעם טייך נעבן באָד, וואָס איז דאָן געווען פּאַרפרוירן, געקומען נעבן דער קריניצע און אַרויף אויפן באַרג צום טקאַטשס שטוב. דאָס איז געווען זונטיק 10 אַזייגער ביינאַכט. מיר האָבן געהערט מוזיק מיט געזאַנג נעבן שטוב און מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. איך האָב דערקענט דעם טקאַטשס פּאַסטוך נעבן הויז. איך האָב אים צוגערופן און געבעטן, אַז ער זאָל אַרויסרופן וואַצעקן. אין הויז זענען געזעסן פּאָליציי־לייט און דייטשן, געטרונקען און געטאַנצט. דער פּאַסטוך איז אַריין אין שטוב און געזאָגט וואַצעקן: „ידן זענען געקומען”. וואַצעק איז גלייך אַרויסגעלאָפן, זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. „וואָס טוט איר דאָ?” האָט ער געפרעגט. ער האָט אונדז גלייך אַריינגעלאָזט אין קיך און האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך היטן, ווייל עס געפינען זיך ביי אים דייטשן און אין גמינע שטייט דער גאַנצער שטאָב. ער האָט אונדז געגעבן פּראָדוקטן, ווי ברויט, ווורשט און צוויי פלעשער בראַנפן. ווענן געווער האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט נישט, ער האָט מיר אויך געגעבן אַ פּאָר שטיוול, ווייל איך האָב געטראָגן צעריסענע שיך. דאָן האָט ער אונדז אַרויסגעלאָזט דורכן פענצטער און מיר זענען אַוועק.

מיר זענען אָנגעקומען צודיק אין וואַלד, און יעדער איינער האָט געבראַכט אַ ביסל פּראָדוקטן, אָבער קיין געווער האָט קיינער נישט באַקומען. מיר זענען געזעסן אין דער זעמליאַנקע 10 טעג, ביז אַ גוי האָט אונדז באַמערקט, ווען מיר האָבן געטראָגן אַן עמער וואַסער פון טייך. דאָס איז געווען אַ געוויסן פּאַרטאָג. דער גוי איז געווען יאַנעק פּאַצילאָווסקי פון הינטערן מיל. עס איז געווען פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר מוזן אַוועק פון דאַנען.

פאַרפאָלגט פון דייטשן

פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען באַשאָסן דעם וואַלד מיט לייכט געווער. ווען עס האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט זענען מיר אַוועק אין דער ריכטונג פון פּאַצעוויטש. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין צום טייך שטשאַרע, ווייל אין יענע וועלדער האָבן זיך געפונען פּאַרטיזאַנען. אין משך פון דער נאַכט זענען מיר דערגאַנגען ביז די לאַנצעווישער בלאָטעס. די בלאָטעס זענען געווען פאַרפרוירן און עס זענען דאָרט געווען גרויסע סטאָגעס מיט היי. מיר האָבן זיך דאָרט אַריינגעלייגט און געלעגן אַ גאַנצן טאָג. ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל פינצטער, זענען מיר אַוועק ווייטער, ביז מיר זענען געקומען צום טייך שטשאַרע.

אין די וועלדער האָבן מיר געפונען איינצלנע גויים פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט אַ גרויסער כוח פון דייטשן און אוקראַינער אַרומגערינגלט דעם וואַלד און באַשאָסן אים מיט אַרטילעריע און טאַנקען און די פּאַרטיזאַנען זענען אָפּגעטראָטן פון דאַנען אויף דער צווייטער זייט שטשאַרע. מיר האָבן אַלזאָ באַשלאָסן אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט.

ווען עס איז געוואָרן נאַכט האָבן מיר אַרויסגעשיקט בערל רוזשאַנסקי אויסצושפּירן, צי מען קאָן דורכגיין דעם טייך. ווען ער איז נאָר אַרויף אויפן טייך, האָט זיך דערהערט אַ געשריי „האַלט!” און מען האָט אויסגעשאָסן אויף אים. ער איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. מיר זענען דאָן גלייך אַנטלאָפן טיפער אין וואַלד.

אויף צו מאָרגנס האָט שמעיה וואַרשאַווסקי פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך צוריק אומקערן קיין פּיעסק, אַריינגיין אין געטאָ, דאָרט געפינען זיך אין אַ גרוב פאַרגראָבן וואַרשאַווסקיס זאַכן, ווי אַ ראַדיאָ, לעדער, און נאָך אַנדערע ווערטפולע זאַכן. דאָס אַלץ וועלן מיר קאָנען אויסבייטן ביי גויים אויף געווער. איך איינער בין נישט מסכים געווען מיט דעם פאָרשלאָג. איך האָב געהאַלטן, אַז סוף־כל־סוף וועלן מיר טרעפן פּאַרטיזאַנען און זיי וועלן אונדז געבן געווער.

שמעיה, אברהם יאַגעל, משה ווינאַקור, איטשע ציפּין און משה מאַלקאָוויצקי זענען דאָן אַוועק צוריק קיין פּיעסק דורך די זעלבע וועגן. זייער שנעל איז אויף זיי געעפנט געוואָרן אַ פייער, און אַלע, אויסער איטשע ציפּין און שמעיה וואַרשאַווסקי זענען אומגעקומען. איך

בין געבליבן מיט יצחק כענטשינסקי און חיים ווינאַקור אין וואַלד. מיר האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ וואָך צייט און סוף־סוף געטראָפן אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנען. מיר האָבן זיי געבעטן אונדז אויפצונעמען, זיי האָבן אָבער געענטפערט, אַז אַן געווער קאָנען זיי אונדז נישט נעמען.

דערנאָך האָבן זיי געפרעגט ווער פון אונדז האָט אַ פאַך. יצחק כענטשינסקי איז געווען אַ שערער, און חיים ווינאַקור — אַ שוסטער. זיי האָבן זיי גענומען מיט זיך און מיך האָבן זיי איבערגעלאָזן. ביי מיר איז געוואָרן די לאַגע גאָר שלעכט. איך האָב גענומען גיין טיפער אין וואַלד, ביז איך בין אָנגעקומען צו אַ סטעזשקע און מיט איר צו אַ זעמליאַנקע, וואָס איז געווען פאַרמאַסקירט מיט שניי און ביימער. איך האָב אויך דערזען אַ קליינעם רויך. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און אויסגעשריען: „יידן, ווו זענט איר". אַ ייד האָט דאַן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און מיך אַריינגערופן אין דער זעמליאַנקע.

עס זענען דאָרט געווען יידן פון שטעטל. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עס זענען דאָרט פאַראַן 10 זעמליאַנקעס מיט אַן ערך 30 פאַמיליעס, צווישן זיי אויך קינדער.

אין דער זעמליאַנקע האָב איך נישט געקאָנט זיין. איך האָב נישט געקאָנט צוזען די צרות. עס האָבן געלעבט אויף אַ נאַרע אַ מאַן מיט אַ ווייב און אַ קינד מיט אָפּגעפרוירענע פיס. זיי האָבן געוויינט און געשריגן, און קיינער האָט זיי נישט געקאָנט העלפן. איך האָב דאָרט געטראָפן שמעיה וואַרשאַווסקי און איטשע ציפּין. עסן איז נישט געווען וואָס. מען פלעגט גיין ביינאַכט 10 קילאָמעטער צו די אָפּגעברענטע דערפער און אויסגראָבן פון די גריבער קאַרטאָפל. איך האָב געלעבט צוויי מאָנאַטן אויף די געבאַקענע קאַרטאָפל. קיין זאַלץ איז נישט געווען. די פיס זענען מיר געשוואָלן געוואָרן, עס זענען מיך באַקראָכן לייז. איך האָב געזען, אַז לאַנג קאָן מען דאָ נישט עקזיסטירן, און אויב שטאַרבן, זאָל איך שטאַרבן ווי אַ העלד.

געוואָרן אַ פּאַרטיזאַן

אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך פאַרלאָזן דעם משפחה־לאַגער און אַוועק זוכן פּאַרטיזאַנען. דאָס איז געווען אין יאָר 1942 ווינטער־צייט. נאָך צוויי טעג גיין, האָב איך געטראָפן צוויי פּאַרטיזאַנען מיט אויטאָמאַטן אין די הענט, איינער אַן עלטערער און דער צווייטער אַ יונגער. איך האָב זיי דערציילט מיין גאַנצע געשיכטע און געבעטן, אַז זיי זאָלן מיך נעמען מיט זיך. דער עלטערער פּאַרטיזאַן האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער און מיר געזאָגט: גיי פון דאַנען בערך צוויי קילאָמעטער און דאָרט וועסטו טרעפן אַן אָטריאַד און גיב זיי איבער דאָס צעטל. ער אַליין איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד.

איך בין אָנגעקומען, געוויזן דאָס צעטל. מען האָט מיך גלייך צוגענומען און געגעבן אַ ביקס מיט קוילן און איך בין געוואָרן אַ פּאַרטיזאַן. דאָרט האָב איך געטראָפן צוויי פּיעסקער: ניסל ציפּין און שמואל באַיאַרסקי. אין מיין אָפּטיילונג בין איך געווען איין ייד. איך בין געגאַנגען אויף אַלערליי אַקציעס, אויפגעריסן באַנען, געשניטן סטאָלבעס פון טעלעפאָנען. איך בין געווען איינער פון די בעסטע פּאַרטיזאַנען. אויף מיין חשבון זענען געווען פאַרשריבן 18 אָראָפּגעלאָזענע באַנען. אין יאָר 1943 בין איך געוואָרן אויסגעצייכנט מיטן אָרדער קראַסנאַיע־זנאַמיאַ.

אין 1943 האָט זיך אָרגאַניזירט אַ נייער אָטריאַד מיטן נאָמען קראַנסנאָגוואַרדייסקי און אַלס גוטער פּאַרטיזאַן האָט מען מיך איבערגעשיקט אין נייעם אָטריאַד. דאָרט האָט זיך אויך געפונען שמואל באַיאַרסקי. איין מאָל איז ער אַוועק צוזאַמען מיט 12 פּאָליאַקן אויף אַן אַקציע אויף דער צווייטער זייט פון טייך ניעמאַן. דאָרט האָבן זיך געפונען ווייסע פּאָליאַקן, און זיינע אייגענע חברים, די פּוילישע פּאַרטיזאַנען, האָבן אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די ווייסע פּאָליאַקן און זיי אַליין האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

אין האַרבסט פון דעם יאָר האָב איך מיט נאָך 10 חברים באַקומען אַן אויפגאַבע אָראָפּלאָזן אַ באַן נעבן ראַש. מיר האָבן גענומען אויפרייס־מאַטעריאַל, און מיר זענען איבערגעגאַנגען בשלום די גרענעץ אין נאַוואָסיאָלקי. דאָס איז געווען אַ גרענעץ־דאָרף, פון איין זייט דער דריטער רייך, און פון דער צווייטער זייט — מלחמה־געביט. מיר זענען אָנגעקומען פאַרטאָג אין אַלינקער וואַלד און דאָרט האָבן מיר געטאָגט. דער לעשניק

פון וואַלד האָט געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנען. ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין ראַשער וואַלד, נעבן וועלכן עס איז דורכגעגאַנגען די באַן. מיר האָבן אונטערגעלייגט דינאַמיט און זיך דערווייטערט. נאָך אַ האַלבער שעה האָבן מיר דערהערט אַ גרויסן אויפרייס. מיר זענען אַפּגעגאַנגען אַן ערך 15 קילאָמעטער און מיר האָבן זיך געזעצט אָפּרוען. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערניש און עס איז געפאַלן אַ דראַבנער רעגן.

אַליין אין וואַלד

איך בין גוט איינגעשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג. איך האָב דערזען, אַז איך בין געבליבן אַליין. אויף מיינע רופן האָט קיינער נישט געענטפערט. איך בין אַריין טיפער אין וואַלד, געפונען אַ גריבל און זיך אַריינגעלייגט, צוגעדעקט מיט צווייגן און דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז געווען אַן ערך 200 מעטער פון שאָסיי, וואָס פירט פון ראַש קיין פּיעסק. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהערט אויטאָס מיט דייטשן פאָרן אויפן שאָסיי. איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי גיין צוריק אין אָטריאַד.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן גיין אין זאַמקאָוון וואַלד ביי וואָלקאָוויסק און טרעפן דאָרט פּאַרטיזאַנען. אַהין האָב איך געוווּסט דעם וועג. איך בין אַוועק קיין בעלאַוויטש, פון דאָרט קיין קאָלעדזיטש. ווען איך בין אַריין אַהין, האָב איך דערהערט אַ געשריי פון אַ וועכטער: „סטאַי, קטאָ אידיאָט". איך האָב געענטפערט: „סוואָי!". איך האָב דאַן געטראָגן אַ לאַנגן רוסישן שינעל מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע. איך האָב געשטעלט גרויסע טריט און אַוועק ווייטער.

ווען איך בין אָנגעקומען אין וואַלד בין איך געווען זייער מיד. איך האָב זיך געלייגט אונטער אַ בוים און אַנשלאָפן געוואָרן. איך בין געשלאָפן ביז אַרום 2 אַזייגער בייטאָג. ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך דערזען פון דער ווייטנס גויים זעגן האָלץ. זיי האָבן מיך נישט באַמערקט און איך בין גלייך אַוועק פון דעם פּלאַץ און אַריין טיפער אין וואַלד, ביז עס איז געוואָרן פינצטער. ביינאַכט בין איך אַרומגעלאָפן אין וואַלד און געשריגן: „פּאַרטיזאַנען!" אָבער קיינער האָט מיר נישט געענטפערט. איך האָב דאַן באַשלאָסן גיין אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ און פּרוּוון זי איבערגיין.

די דאָזיקע נאַכט בין איך דערגאַנגען ביזן פּעריקאָפּער טייך. איך בין אַריבער דעם טייך אין די זאַכן און געלאָפן אַ נאַסער ביז צום יעדלינקער וואַלד. דאָרט האָב איך געמאַכט אַ קליין פייערל, כדי זיך אַ ביסל אויסצוטריקענען און איך בין אַוועק צום לעשניק, וועלכער האָט מיר געגעבן אָפּצועסן און מיר דערציילט, אַז מיט דריי טעג צוריק איז דאָ דורכגעגאַנגען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען. איך האָב זיך אָפּגערוט אַ פּאָר טעג אח אַוועק.

איך האָב דורכגעשריטן דעם מאָסטער שאָסיי אח געקומען קיין אָסאָוולאַן, און פון דאַנען בין איך אַוועק קיין נאָוואָסיאָלקי ווי איך האָב געוואָלט שאַפן פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנען. פּלוצלונג זענען אַרויס צוויי דייטשן פון נעבן־הויז, וווּ זיי האָבן זיך וואַרשיינלעך באַהאַלטן פאַרן רעגן. אין זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן ביקסן און זענען געגאַנגען דירעקט צו מיר. זיי זענען געווען אפשר אַ 100 מעטער פון מיר.

אין יידישן וואַלד

איך האָב זיך גלייך אויסגעדרייט, זיי האָבן אָבער אויף מיר נישט געשאָסן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין אַן אויסשפּירער, און הינטער מיר שטייט אַ כוח פון פּאַרטיזאַנען. איך האָב באַשלאָסן גיין צוריק אין זאַמקאָוון וואַלד. די דאָזיקע נאַכט בין איך דערגאַנגען ביזן יידישן וואַלד — שעכנאָוועצקיס וואַלד. פּיעסקער יידן האָבן אַמאָל אָפּגעקויפט דעם וואַלד, כדי צו האָבן פּאַשע פאַר אַלע יידישע בהמות. די גויים האָבן אַמאָל נישט געלאָזט יידישע בהמות זיך פּאַשען אויף זייערע פעלדער, און מיט דער הילף פון דזשאָינט האָט מען אָפּגעקויפט דעם וואַלד. פון דאַנען שטאַמט זיין נאָמען „יידישער".

דער וואַלד איז געווען כמעט אויסגעהאַקט, עס זענען פֿאַרבליבן בלויז קשאַקעס. איך בין דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג, און ביינאַכט בין איך אַוועק אין זאַמקאָוון וואַלד. איך האָב זיך דאָרט אַרומגעדרייט פינף טעג און אין די נעכט פלעג איך גיין צו די כוטאָרן עסן. איך האָב אָבער נישט געקאָנט בלייבן אַליין אין וואַלד

און איך האָב ווידער באַשלאָסן צו גיין צו דער גרענעץ. איך בין אַוועק מיטן שאָסיי וואָלקאָוויסק — פּיעסק און בין געקומען קיין קאַשטשילקע. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער און געפרעגט ווי אַזוי גייט מען צום דאָרף ניעוורעוויטש און איך האָב באַקומען די נויטיקע אינפאָרמאַציע.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און איך האָב פאַרלוירן דעם וועג. איך בין געקומען צו אַ דאָרף און האָב דערזען, אַז דאָס איז נישט דאָס דאָרף. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געשריי: „שטיי, ווער גייט?" אויף רוסיש און האָב דערהערט אַ קלאַפּ פון די שלעסער פון די ביקסן. „מיר זענען פּאַרטיזאַנער פון זאַמקאָוון וואַלד", אַזוי האָבן זיי געזאָגט, איך האָב זיי אָבער נישט געגלויבט, ווייל עס קאָן זיין, אַז דאָס זענען ווייסע פּאַליאַקן און זיי ווילן מיך כאַפּן אַ לעבעדיקן.

ווידער אַמאָל צווישן פּאַרטיזאַנער

איך בין געלאָפן צוריק אַ פּאָר הונדערט מעטער און זיך באַהאַלטן ביי דער זייט פון שאָסיי. דאָן האָב איך געהערט ווי אַ פערד מיט אַ וואָגן פאָרט פון שטוב צו שטוב. איך האָב אויך געהערט קולות פון מענער און פרויען אויף רוסיש. איך בין אָבער נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, צי דאָס זענען פּאַרטיזאַנער.

ווען זיי זענען אַוועק בין איך אַריין אין דאָרף, אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער און געפרעגט ווער זענען זיי געווען. מען האָט מיר דאָן געענטפערט, אַז דאָס זענען פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געזאַמלט פּראָדוקטן. איך האָב דאָן גענומען נאָכלויפן נאָך זיי און שרייען: „פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנער!" ווען זיי האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי צוגעלאָפן צו מיר מיט די ביקסן אין די הענט. איך האָב דאָן אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. דאָס זענען געווען פּאַרטיזאַנער פון זאַמקאָוון וואַלד.

מיט זיי זענען געווען צוויי יידישע מיידלעך פון וואָלקאָוויסק, וועמענס מוטער איך האָב געקענט. איך האָב זיי דערציילט מיין געשיכטע, און זיי האָבן מיך מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד. דאָרט בין איך געווען פינף טעג. אויפן זעקסטן טאָג איז אָנגעקומען צו זיי מיין גרופּע יועלכע האָט מיך געהאַט איבערגעלאָזט. זיי זענען געקומען דורכפירן אַן אַקציע ביי וואָלקאָוויסק.

איך בין דאָן אַוועק מיט זיי און זיך באַטייליקט אין אַראָפּלאָזן אַ באַן אויף דער ליניע ראָש — וואָלקאָוויסק.

אין 1944 יאָר, בערך אין דעצעמבער, בין איך געגאַנגען אויף אַן אַקציע און זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשן און בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אין לינקן פוס. איך בין געלעגן אין פּאַרטיזאַנען־שפּיטאָל ביז דער באַפרייאונג אין יוני 1945.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, אָבער נישט מיינע צרות. איך בין קראַנק און האָב נישט וווּהין צו גיין. איך האָב באַשלאָסן גיין קיין פּיעסק. די דייטשן זענען נאָר־וואָס אָפּגעטראָטן, אַרום וואָלקאָוויסק זענען נאָך אָנגעגאַנגען שלאַכטן. איך בין אַריין קיין פּיעסק און דאָרט געטראָפן חורבות. אין צענטער פון שטאָט — אַ ליידיק פעלד, ווו עס פּאַשען זיך בהמות מיט חזירים. איך בין געקומען קיין זאַרעץ, און האָב געזען, אַז שאַכנעס גרויס הויז איז נישטאָ. אויף דעם פּלאַץ שטייט אַ קליין שטיבעלע מיט אַ דאַך פון שטרוי. איך בין געקומען צו אונדזער הויז. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך זיך איינגעקוקט אין גאַנעק, ווו מיר פלעגן זיצן זומער פאַרנאַכט, אויף די קאַרשן־בוימער און די שיינע ליפּעס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי שטייען און וויינען צוזאַמען מיט מיר.

אַרעסטירט דורך די רוסן

פּלוצלונג האָב איך דערזען מיין קאָמיסאַר מיט נאָך אַ פּאַרטיזאַן, וואָס פירן מיט זיך אַ דייטש, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט אין פּיעסק. ער איז געווען אַ געסטאַפּאָמאַן, וועלכער האָט געפּייניקט יידן אין געטאָ. קיין מאַכט איז נישט געווען אים איבערצוגעבן, און דער קאָמיסאַר האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אים שיסן. גלייך איז אָנגעלאָפן אַ רוסישע ראַזוויעדקע און מען האָט אונדז דריי אַרעסטירט. עס האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע אויפקלערונגען. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דעם דאָרף מיזיווע, ווייל דאָרט איז געשטאַנען די ראַזוויעדקע, מען האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ גרויסן שפּייכלער, ווו מיר זענען געזעסן צוויי טעג הונגעריקע און מען האָט אונדז אַפילו נישט אויסגעלאָזט צו מענטשלעכע באַדערפעניש.

איך האָב דעמאָלט געקלערט, אַז אַזוי פיל בלוט האָב

איך פארגאסן און אזוי פיל געליטן און אלעמען פארלוירן און צום סוף האט מען מיך איינגעזעצט צוזאמען מיט דייטשן. אויף צומארגנס האט מען אונדז געהייסן אויסטון די זאכן און ארויפגיין אויף א לאסט־אויטא. איך האב גלייך אויסגערופן צום רוסישן אפיציר: „ווו פירט איר אונדז, שיסן?" אין א פאר מינוט ארום איז געקומען א באפעל, מען זאל אונדז אראפנעמען פון אויטא און מיר זאלן צוריק אנטון די זאכן. אונטער א וואך האט מען אונדז אוועקגעפירט קיין זעלווע, ווו עס איז שוין געווען א רוסישע מאכט. מען האט אונדז איבערגעגעבן אין רשות פון דער פאליציי און מען האט אונדז ווידער פארשפארט אין א שפייכלער... קיין גרויסע וואך איז אויף אונדז נישט געשטעלט געווארן, ווייל די פאליציילייט זענען געווען אונדזערע באקאנטע פארטיזאנען. בייטאג פלעגן מיר ארומגיין פריי אין שטאט און אויף ביינאכט פלעגט מען אונדז פארשפארן. מיר האבן לייכט געקאנט אנטלויפן פון דארטן, מען האט אונדז אבער יעדן טאג צוגעזאגט, אז מען וועט אונדז ארויסלאזן. אזוי זענען מיר אפגעווען אין זעלווע א וואך צייט, און דערנאך האט מען אונדז אוועקגעפירט קיין סלאנים.

דארט האט מען אונדז איינגעזעצט אין א תפיסה ממש. עס זענען געזעסן מיט אונדז טויזנטער מענטשן, דייטשן, רוסישע אפיצירן און פיל אנדערע. מיר זענען דארט געזעסן א חודש צייט און דאן האט מען אונדז איבערגעפירט קיין ארשא אין ווייסרוסלאנד, ווו מען האט אודנז פארשפארט צו 250 מאן אין א צימער. די ענגשאפט איז געווען אזוי גרויס, אז עס איז נישט געווען מיט וואס צו אטעמען. די באדערפענישן האט מען דערלידיקט אין אן עמער אין זעלבן צימער. נאך א וואך האט מען אונדז אוועקגעפירט אין אויטאס צו א פארט, ווו עס זענען געשטאנען שיפן. מען האט אין זיי איינגעלאדן צענדליקער טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען, און מיר האבן אנגעהויבן אונדזער רייזע.

פארשיקט קיין קאלימא

די באדינגונגען אין שיף זענען געווען מוראדיקע. קיין זיס וואסער איז נישט געווען. מיר זענען געפארן דריי וואכן, פארבייגעפארן דעם אינדזל סאכאלין, קאמטשאטקא, ביז מיר זענען אנגעקומען אויפן אינדזל לימא. די פארט־שטאט איז געווען מאגאדאן. דארט האט מען אונדז אויסגעלאדן און אוועקגעפירט אויף פארשידענע פונקטן. די באשעפטיקונג איז געווען גראבן גאלד. די קעלט איז דארט דערגאנגען ביז 65 און 70 גראד אונטער נול. קיין זאך איז דארט נישט געוואקסן, פראדוקטן פלעגט מען ברענגען פון רוסלאנד, און אז דער עראפלאן פלעגט פארשפעטיקן אויף א פאר טעג, איז נישט געווען וואס צו עסן.

מיך האט מען אריינגעזעצט אין אן אינוואלידן־לאגער. דאס עסן איז געווען 300 גראם ברויט א טאג מיט א ביסל זופ. אין א קורצער צייט ארום איז מיר דער פוס געווארן ערגער פון די גרויסע קעלטן און איך בין געווארן קראנק. מען האט מיך אריינגעלייגט אין א שפיטאל פאר ארעסטאנטן צווישן קראנקע אויף דיזענטעריע, און אלע טאג פלעגן דארט שטארבן מענטשן... מיר איז גראד געווען גוט, ווייל די מענטשן פלעגן אין מיין אפטיילונג גארנישט עסן. איך געדענק, אז איין מאל האט מען געבראכט אויף מיטאג קאשע פון פערל־גרויפן. איך האב גענומען אלע 30 פארציעס, אריינגעלייגט אין איין גרויסער שיסל און דאס אלץ אויפגעגעסן. דאס איז געווען ביי מיר דער איינציקער טאג אין משך פון פינף יאר, ווען איך האב זיך אנגעגעסן.

איך בין אפגעלעגן אין שפיטאל פינף חדשים, און דאן האט מען מיך איבערגעפירט אין אן אפטיילונג פון אינוואלידן. דארט האבן געהערשט שלעכטע באדינגונגען. מיר זענען געווען אין איין זאל 300 אינוואלידן. קיין אויוון איז נישט געווען און מיר זענען געשלאפן אויף בלויזע נארעס. עס איז נישט געווען מיט וואס זיך צוצודעקן און דער פראסט איז געווען 60 גראד. דאס קישעלע אונטערן קאפ איז געווען געמאכט פון די שיך אריינגעלייגט אין דעם ווינטערדיקן היטל און אויף דעם בין איך געשלאפן.

באשטימט אלס קוכער

איך האב געזען, אז דא קאן מען שטארבן פון הונגער און קעלט.. איך האב אלזא אנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אזוי צו עקזיסטירן, ווייל איך האב געוווסט, אז איך דארף נאך דא זיצן 7 יאר. איין מאל איז אריין צו אונדז

אין אָפּטיילונג אַ רוסישער אָפיציר און געפרעגט וועד פון אונדז איז אַ קוכער, זאָל אויפהויבן די האַנט. כמעט אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבן אויספרעגן יעדן איינעם ווי אַזוי מען קאָכט אַ מיטאָג. יעדער איינער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ גרויסער ספּעציאַליסט, וואָס קאָן מאַכן אָן אַ שיעור מטעמים. דעם לעצטן האָט ער מיך אַרויסגערופן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיטאָגן מיט מטעמים זענען נישט פאַר אַרעסטאַנטן און איך האָב אים געזאָגט: מען נעמט די קאַרטאָפל און מען שיילט זיי אָפּ, און דערנאָך וואַשט מען זיי אויס גוט. מען צעשניידט די קאַרטאָפל אויף קליינע שטיקלעך און מען וואַרפט זיי אַריין אין אַ קעסל וואַסער און ווען עס הויבט אָן צו קאָכן שיט מען אַריין זאַלץ און פון צייט צו צייט מישט מען אויס.

דער אָפיציר האָט געטון אַ שמייכל, געגעבן מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע און געזאָגט צו מיר: „דו ראַכקין, ביסט דער בעסטער קוכער פון די אַלע". איך בין געווען צופרידן מיט דער אַרבעט, ווייל עסן וועל איך האָבן איבערגענוג. איך בין אַוועק אין קיך, וווּ מען האָט מיר געגעבן אויך הילף, אָבער די אַרבעט איז געווען אַ זייער שווערע. קיין וואַסער איז נישט געווען, ווייל אַלץ איז געווען פאַרפרוירן און מען פלעגט דאַרפן ברענגען זעקלעך שניי. אייך די קאַרטאָפל זענען געווען געפרוירן און נאַס און די הענט פלעגן אָפּפרירן שיילנדיק.

איך האָב אָפּגעאַרבעט אין קיך דריי חדשים. קיין הונגער האָב איך נישט געליטן. איך האָב אָבער צוגעקילט דעם פוס פון דער קעלט, וואָס האָט געהערשט אין קיך און באַקומען אַן אָנצינדונג, און מען האָט מיך אַוועקגענומען אין שפּיטאָל, 200 קילאָמעטער ווייט אויף אַ לאַסט־אויטאָ. דער אויטאָ האָט געוואָרפן דעם גאַנצן וועג, ווייל עס איז נישט געווען קיין שאָסיי און איך האָב געליגן פון ווייטיק און קעלט, ביז מען האָט מיך געבראַכט אין שפּיטאָל האַלב טויט. איך בין דאָרט געלעגן זעקס חדשים און נאָכדעם האָב איך געמוזט גיין אויף קוליעס, אָבער איך האָב געמוזט צוריקגיין אין לאַגער, ווו איך האָב געליטן קעלט און הונגער.

איך בין שוין אָפּגעזעסן דריי און אַ האַלב יאָר און האָב נאָך געדאַרפט זיצן זעקס און אַ האַלב יאָר. איך האָב שוין וועגן קיין זאַך נישט געקלערט אויסער וועגן הונגער. איינמאָל איז אַריין צו אונדז אין לאַגער אַ זעלנער און האָט אויסגערופן פון אַ צעטל: ווער פון אייך איז ראַכבערג? קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. זאָג איך: אפשר ראַכקין? זאָגט ער: ניין, ראַכבערג. גיי אַריין אין ביוראָ און קאָנטראָליר. .איך בין אַריין נישט ווילנדיק אין ביוראָ. עס זענען דאָרט געזעסן צוויי אָפיצירן, אַ קאַפּיטאַן און אַ לייטנאַנט... דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ ייד.

דער קאַפּיטאַן פרעגט מיך ווי איז מיין פאַמיליענאָמען זאָג איך: „ראַכקין". „ווי איז דער נאָמען?" ענטפער איך: „מאיר". דערנאָך פרעגט ער מיך פון וואַנען איך בין. „פון באַראַנאַוויטשער אָבלאַסט", האָב איך געענטפערט. „ווילסטו פאָרן אַהיים?" פרעגט דער קאַפּיטאַן. „יאָ", ענטפער איך. „גוט", זאָגט דער קאַפּיטאַן, „וועט זיין מיט אַ ייד ווייניקער דאָ".

איך ווער באַפרייט

מען האָט מיך אַוועקגעשיקט צוריק קיין רוסלאַנד. דריי וואָכן בין איך געפאָרן אויפן ים, ביז איך בין געקומען אין דער שטאָט קאָמסאָמאָלסק אין אַ גרויסן לאַגער. דאָס איז געווען אין סיביר, אָבער דער קלימאַט איז געווען פיל וואַרעמער. איך בין דאָרט געווען דריי חדשים. דאַן האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער אַרויסגערופן און מיר געגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין אָפּגעזעסן פיר און אַ האַלב יאָר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט מיך געדאַרפט באַפרייען פריער, נאָר מען האָט מיך נישט געפונען.

איך בין געווען צופרידן און אומצופרידן, ווייל איך בין דאַן געווען אַ קאַליקע און קראַנק און די פרעסט זענען געווען גרויס. איך האָב זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק און אים געבעטן, ער זאָל מיך לאָזן דאָ בלייבן ביז זומער. איך האָב אים דערציילט, אַז קיין היים האָב איך נישט. ער איז אָבער נישט מסכים געווען און מיר געזאָגט, אַז אין פאַרלויף פון 24 שעה מוז איך פאַרלאָזן דעם לאַגער. ער האָט מיר געגעבן אַ בילעט ביז מאָסקווע, וווהין די רייזע דאַרף דויערן 21 טעג. ער האָט מיר אויך געגעבן פּראָדוקטן פאַר דער צייט, 5 לעבלעך ברויט, 1 קילאָ הערינג און 1 קילאָ צוקער.

נאָך דריי טעג פאַרן האָב איך געענדיקט די גאַנצע פּראָדוקטן. די באַן איז דאַן געקומען אין דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן, די אַזוי גערופענע ידישע רעפּובליק. דאָס איז געווען זייער אַ שיינע סטאַנציע מיט ידישע אויפשריפטן אומעטום. איך האָב באַשלאָסן דאָ אַראָפּצוגיין און באַקומען עטוואָס פּראָדוקטן. מען האָט מיך זייער שיין אויפגענומען. געגעסן האָב איך אין אַ רעסטאָראַן אויף דער סטאַנציע אָן געלט. דער לייטער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ ייד. אַ וואָך צייט בין איך דאָרט געווען און אַ ביסל געקומען צו זיך. מען האָט מיר אויך געגעבן עטוואָס געלט, איך זאָל קאָנען קויפן פּראָדוקטן אויפן וועג. איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע, פון דאָרטן קיין מאָסטי און פון דאָרט קיין זעלוויאַן. דאָרט האָב איך געטראָפן דוד פאָזנאַנסקי, וועלכער איז געקומען פון פּיעסק פאַרקויפן זייו הויז.

צוריק אין פּיעסק

פון זעלעוויאַן בין איך געקומען קיין פּיעסק. דאָס איז געווען אין יאָר 1949. איך בין געקומען צו מיין שטוב. איך האָב דאָרט אַלץ דערקענט, יעדעס שטיינדעלע, יעדעס בוימעלע. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָב איך אָנגעקלאָפּט אין טיר. דאָס איז געווען פאַרנאַכט. איך בין אַריין אין שטוב אויף צוויי קוליעס, אָן אָפּגעריסענער. די איינוווינער האָבן זיך דערשראָקן פאַר מיר. איך האָב זיי גלייך דערקענט, דאָס איז געווען אַ משפחה פון אַ פּאָליציימאַן. איך האָב זיך געזעצט אויף מיין שטול.

איין יונגע פרוי האָט מיר געזאָגט: גיי אַרויס פון דאַנען, וואָס ביסטו געקומען אַהער? איך האָב איר געענטפערט, אַז איך וועל דאָ נעכטיקן. זי איז דאַן אַרויס פון שטוב און גערופן די מוטער. איך האָב זי גוט געקענט, זי איז געווען אַ שונא־ישראל. זי האָט אָנגעהויבן שרייען: גיי אַרויס פון דאַנען, אויב נישט, רוף איך פּאָליציי. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין דער בעל־הבית פון דעם הויז, איך בין ראַכקין.

מיינע ווערטער האָבן איר דערלאַנגט ווי מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַנטשולדיקן און מיר דערלאַנגט עסן און טרינקען, און איך בין דאָרט אויך געשלאָפן. אויף צומאָרגנס אין דער פרי בין איך אַוועק צום טקאַטש. זיי האָבן מיך זייער גוט אויפגענומען און איך בין געווען ביי זיי אַ פּאָר טעג. ווען איך בין געקומען צוריק אין מיין הויז, האָט מיר די אַלטע קריסטין געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וויל אָפּקויפן מיין שטוב. זי האָט מיר געגעבן זייער אַ קליינעם פּרייז, און זי האָט איינגערעדט אַלע גויים, אַז קיינער זאָל ביי מיר די שטוב נישט קויפן.

אין דער צייט האָבן זיך וועגן מיר דערוווּסט פּיעסקער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין סטוטשין. עס איז געקומען צו מיר יאַנקל מאָטע דאַניעלעוויטש חיים־תנחומס אַ זון און איטשקע זשוקאָווסקי. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך דערשראָקן. זיי האָבן מיר געהייסן אַוועקפאָרן פון דאַנען, ווייל מען קאָן מיך הרגענען. איטשקע ציפין איז אַמאָל געקומען קיין פּיעסק און ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. איך האָב פאַרקויפט מיין הויז און אַוועק קיין סטוטשין. דאָרט האָב איך געטראָפן פּיעסקער: דעם מגידס צוויי זין, מענדל און אַברהמל סופר און ליבע ציפין, ווי אויך צוויי געוועזענע פאַרטיזאַנען, איטשע און דאָרע זשוקאָווסקי. זיי האָבן מיך פיין אויפגענומען, אָבער בלייבן לאַנג האָב איך נישט געקאָנט ביי זיי, ווייל אַ קאַליקע דאַרף מען דאָך באַדינען.

אַ דאַנק אַ רוסישער פאַמיליע

איך האָב אויך געטראָפן אין פּיעסק חאַצקל ווינאַקור, ציפּעס אַ זון. ער האָט געהאַט אין סטוטשין אַ צעבראָכן שטיבל, אין וועלכן עס האָט געוווינט אַ רוסישע פּריי מיט דריי זין. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן סטוטשין, האָט ער געזאָגט דער פרוי, אַז איך בין זיינער אַ ברודער און זיי זאָלן מיך האַלטן ביי זיך אין שטוב. זיי האָבן מיך באַדינט און אַפילו געגעבן עסן. איך מיין, אַז איך פאַרדאַנק זיי אַפילו מיין לעבן, ווייל איך בין דאַן געווען זייער קראַנק און נישט געקאָנט אַרומגיין.

עטוואָס שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. איך האָב באַקומען אַ פּאָסטן אַלס נאַכט־וועכטער אין אַ טאַרטאַק. די אַרבעט איז געווען צו שווער פאַר מיר. איך האָב געמוזט אין רעגנס און שנייען שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויפן גאַס מיט אַ קראַנקן פוס. איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט זעקס חדשים. ביי דער רוסישער פאַמיליע האָב איך נישט געקאָנט זיין, ווייל עס איז געווען ווייט פון

דער אַרבעט. איך האָב ווידער אַמאָל באַקומען אַן אָנ־צינדונג אין פוס און מען האָט מיך אַוועקגענומען אין שפיטאָל. דאָרט בין איך אָפּגעלעגן דריי חדשים. איך בין ווידער געשטאַנען פאַרן פראָבלעם וווּהין צו גיין. איך האָב געבעטן ביי די דאָקטוירים זיי זאָלן מיר דער־לויבן זיין לכל הפחות נאָך איין חודש אין שפיטאָל. זיי האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט און איך בין דאָרט פאַרבליבן נאָך אַ חודש. אין דער צייט איז געקומען צו מיר די רוסישע פרוי און מיר געזאָגט, אַז ווען מען וועט מיך אויסשרייבן, קאָן איך קומען צו זיי. איך בין געווען ביי דער משפחה כמעט צוויי יאָר, געגעסן און געשלאָפן און געקומען אַ ביסל צו זיך.

ביסלעכוויַיז האָב איך אַוועקגעוואָרפן די קוליעס און איך האָב זיך איינגעאָרדנט אויף אַ צווייטער אַר־בעט. די משפחה איז אַוועקגעפאָרן און מיר איבערגע־לאָזט דאָס שטיבל. אויב אַזוי, האָב איך געקלערט, דאַרף מען שוין חתונה האָבן. מען האָט מיר גערעדט אַ שי־דוך, אַ מיידל פון סיביר, און איך האָב חתונה געהאַט אין יאָר 1953. איך האָב צוויי טעכטער, איינע 16 יאָר און איינע 14. ווען עס איז געווען די רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד קיין פוילן, האָב איך זיך באַמיט מען זאָל זי לאָזן פאָרן קיין פוילן.

געקומען קיין ישראל

אין יאָר 1957 בין איך געקומען קיין פוילן מיט דער פאַמיליע, אָפּגעווען אין פוילן אַכט חדשים און גע־קומען קיין ישראל. איך האָב זיך געטראָפן אין ישראל מיט מיינע לאַנדסלייט און מיט מיינע אַמאָליקע שכנים. איך האָב זיך געטראָפן מיט חברטעס פון די שול־יאָרן, פון דער העברעאישער און פאַווּשעכנער שול. איך האָב זיך אויך געטראָפן מיט פאַרטיזאַנען און פאַטיזאַנקעס.

די ערשטע צייט איז מיר געווען זייער שווער אין ישראל. די קינדער זענען געווען קליין. צוויי יאָר בין איך אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און דערצו בין איך גע־ווען אַן אינוואַליד. די פיעסקער לאַנדסלייט האָבן מיר אַ סך געהאָלפן און אַדאַנק זיי האָב איך זיך אַ ביסל געשטעלט אויף די פיס. היינט אַרבעט איך, אַמאָל בע־סער, אַמאָל ערגער. איך דערציִ מיינע טעכטער, אַז זיי זאָלן זיין צווישן די בויער פון אונדזער לאַנד.

איך בין צופרידן וואָס מיין חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אויך אין ישראל האָב איך שוין דורכגעמאַכט צוויי שווערע אָפּעראַציעס, אָבער איך האָף, אַז איך וועל שטעלן אַ ווידערשטאַנד אַלע קראַנקהייטן, אַזוי ווי עס פּאַסט אַ פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געקעמפט פאַרן יידישן כבוד.

✡

צום שלוס — נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין באַ־זוך אין פיעסק פאַר מיין קומען קיין ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 1957. איך בין אַריין אין מיין שטע־טעלע פיעסק, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן. קיין פאַרגעניגן האָט מיר מיין באַזוך נישט פאַר־שאַפט. קיין איין ייד האָב איך דאָרט נישט געטראָפן. דער צענטער איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן. פי־לעצקיס הויז איז נישטאָ, דער קאַבאַק איז נישטאָ, ישראל קאַפּלאַנס הויז איז נישטאָ.

גייענדיק פון טייך שטייט רחל לאהס מויער און די אַפּטייק, און אַ ביסל ווייטער — אַרלינס רחל לאהקעס הויז. אין דער זייט זענען נאָך געווען דריי הייזער פון טייך ביז פעריקאָפּ. פון דער צווייטער זייט גאַס שטייט מענדל־יאָסל שבחס מויער אַ צעבראָכענער, און דאָס איז די גאַנצע גאַס פון טייך ביז פעריקאָפּ.

אויפן צענטער וואַקסט ווילד גראָז, און עס פּאַשען זיך בהמות, חזירים און ציגן. דאָס פריילעכע שטעטל, ווו יידן זענען געגאַנגען שבת אין שול, ווו די יידישע יוגנט האָט געשפּילט פוטבאָל אין צענטער פון שטאָט, ווו עס זענען געווען גרויסע ירידים, ווו יידן האָבן גע־שעפּט פרנסה — אַנשטאָט דעם האָב איך געפונען אַ מדבר מיט ווילד גראָז.

דאָס פריילעכע שטעטל האָט אויסגעזען ווי אַ פינצ־טער דערפל. איך בין געגאַנגען אַ קוק טון צום בית־הקברות און איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב עס געזוכט כמעט צוויי שעה, ביז איך האָב געטראָפן אַ גוי. און ביי אים געפרעגט. דאָן האָט ער מיך צוגעפירט צום אָרט. דער גאַנצער בית־הקברות איז צעאַקערט און מען זייט דאָרט קאָרן. די מצבות, האָט ער מיר דער־ציילט, האָבן די דייטשן אַרויסגענומען און געמאַכט אַ טאַמע אויפן טייך. מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן האָב איך זיך אומגעקערט צוריק.

קרן קימת לישראל



חיה ויהודה בורובסקי, קרית-חיים
נטעו עצים
בחורשת קדושי הקהילות פיעסק ומוסט

לזכר כל בני משפחתם
שנספו בשואה מידי הנאצים

קקל

הועד הארצי לקרן הקימת לישראל בארץ-ישראל

תְּפִלָּה

לְזֵכֶר קְדוֹשֵׁי הַשּׁוֹאָה

הַנֶּאֱמֶרֶת בְּסִיּוּם פֶּרֶק אוֹ מַסֶּכְתָּא וּבְאַזְכָּרוֹת

אָנָּא ד׳ מָלֵא רַחֲמִים

אֲשֶׁר בְּיָדְךָ נֶפֶשׁ כָּל חַי וְרוּחַ כָּל בְּשַׂר אִישׁ, יְהִי נָא לְרָצוֹן לְפָנֶיךָ תּוֹרָתֵנוּ וּתְפִלָּתֵנוּ בַּעֲבוּר נִשְׁמוֹתֵיהֶם שֶׁל מֵאוֹת רִבּוֹא מִיִּשְׂרָאֵל, זָקֵן וָנַעַר, אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף שֶׁנֶּהֶרְגוּ עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, נִשְׁחֲטוּ וְנֶחְנְקוּ וְנִשְׂרְפוּ לְאֵפֶר עַל־יְדֵי הַצּוֹרְרִים הַגֶּרְמָנִים יִמַּ״שְׁ, בֵּינֵיהֶם אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן, אַדִּירֵי הַתּוֹרָה, קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת וְתַלְמִידֵיהֶן, תִּינוֹקוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא וְצַדִּיקֵי עוֹלָם – רַבָּנֵי יִשְׂרָאֵל עִם קְהִלָּתָם קְהִלּוֹת הַקֹּדֶשׁ, שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם עַל קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם וְכֵן בְּעַד קְרוֹבֵינוּ שֶׁנִּסְפּוּ בְּתוֹכָם –

יִזְכְּרֵם אֱלֹהֵינוּ לְטוֹבָה

עִם שְׁאָר צַדִּיקֵי עוֹלָם וְיִנְקֹם נִקְמַת דַּם עֲבָדָיו הַשָּׁפוּךְ. כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים: הַרְנִינוּ גוֹיִם עַמּוֹ כִּי דַם עֲבָדָיו יִקּוֹם וְנָקָם יָשִׁיב לְצָרָיו וְכִפֶּר אַדְמָתוֹ עַמּוֹ. וְעַל־יְדֵי עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים כָּתוּב לֵאמֹר: וְנִקֵּיתִי דָּמָם לֹא נִקֵּיתִי וַד׳ שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן. וּבְכִתְבֵי הַקֹּדֶשׁ נֶאֱמַר: לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה אֱלֹהֵיהֶם, יִוָּדַע בַּגּוֹיִם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ.

תְּהִי נַפְשָׁם צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים

לְהַחֲיוֹתָם בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים עִם כָּל מֵתֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, וּשְׁלַח לָנוּ אֶת מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ לִפְדּוֹת אוֹתָנוּ מִגָּלוּתֵנוּ וְקַבְּצֵנוּ יַחַד מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ לְאַרְצֵנוּ וְנִזְכֶּה לִגְאֻלָּה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

היה היו

היה היו שתי עיירות שכנות קטנות ושלוות. אחת שמה פיעסק והשניה-מוסט. שתיהן שכנו על גדות הנהר נימן במערב רוסיה הלבנה. בין גרודנו לוולקוביסק. שתיהן נוסדו בעזרתו הנדיבה של הברון הירש. כל משפחה קבלה חלקת אדמה עליה הקימה את ביתה ועל השאר נטעו עצים, שתלו ירקות - משק עזר לקיום המשפחה. במרכז כל אחת מהעיירות השתרעה ככר רחבת ידים - שוק לאכרי הסביבה, שהתקיים פעם בשבוע (השוק והנהר היו מקורות הפרנסה העיקריים של העיירות) תושבי העיירות היו אנשים פשוטים וצנועים, יראי שמים, שהסתפקו במועט שבמועט. עמלים כל ימות השבוע על לחמם הדל, כדי לקדש את השבת והחג. האמידים הבודדים הושיטו עזרה לקופות הצדקה בהן נעזרו חולים, עניים, אלמנות ויתומים. אנשי הרוח שבעיירות חנכו את התושבים לחיי מוסר, לאהבת ישראל ולאחדות לאומית. פנה קטנה בעיירות, פנת קודש, מקום בתי הכנסת. בפנה זו ינק העם את חנוכו הלאומי. שם גם שאב העם תנחומים ותקוה לגאולה שלמה.

אביב 1917 בשר לעולם היהודי גאולה. הדי הצהרת בלפור נשאו על כנפי הרוח ובשרו תחיה לעמנו. בעירתנו נפתח בית ספר עברי מיסודו של „תרבות". הוא קלט את כל ילדי העיירות. המורים הראשונים עבדו בהתנדבות. בין כתלי בית הספר נוסד „החלוץ". צעירים וצעירות אלה התכוננו להגשמת הרעיון הציוני. פעמי משיח אמרו הזקנים. בשנת 1923 עלו ראשוני החלוצים מעירתנו. הם עזבו אב ואם ושמו פניהם מזרחה. ראשונים אלה סללו את הדרך והיתר עמד בשער וצפה להיתרי כניסה. לצערנו רק מעטים עלו. הרב לא זכה. הקדים אותם הצורר הנאצי. בקיץ 1941 פרצו חיות טרף אלה לעולם השקט הזה והרסו את הכל. הרגו העבידו בפרך ושרפו חיים. את היתר עקרו מבתיהם והובילום לגיטו וולקוביסק.

בשנת 1942 נתק פתיל חייהם. בחדש טבת ביום חרף קר עמדה כל העדה בשלג עמוק בתור ליד קרונות המות שהובילום לטרבלינקי ושם הושמדו. העירות נשרפו כליל גל אפר מכסה את השטח עליו חיו ושאפו 3000 נפשות טהורות. על פי נס נשארו אודים בודדים נצולי המחנות והפרטיזנים. הם באו אלינו כדי להחיות את זכרם של הקדושים, כדי שנזיל דמעה על שבר אחינו ואחיותינו ועל שבר עמנו.

ואנו עושים זאת. אספנו את מעט השמות של יקירינו ורשמנו אותם על דפים מתים אלה. ואם מרב צער ומגודל האסון והשבר נשכחו אי אלה שמות מלבנו, נעלה אותם בספר זה כאלמונים.

הקורא בספר הזכרון. הרכן ראשך לאות אבל והוקרה לנשמות הטהורות האלה שנספו בשואה יחד עם כל בית ישראל.

זכר ואל תשכח את אשר עשה לנו העמלק הנאצי.

יזכר

יזכר עם ישראל את קהלות הקדש פיעסק ומוסט שנעקרו, שנחרבו ושנמרחקו באכזריות. זכר את בניו המומתים, קרבנות ממלכת הרשע שעונו עינויי גוף ונפש במחנות המות. זכר את אלה שגורשו לארץ גזירה ולא נודעו עקבותיהם שנרצחו בהמון בשוקים וברחובות, שהובלו לטבח בקרונות המות, שנקברו חיים ונשרפו בהיכל הקדש על גוילי התורה, שנשרטו, שנטבעו, שנחנקו, שחולל כבודם ונשפך דמם בידים טמאות על קדוש השם.

יזכר עם ישראל את ילדיו מחמדיו, טהורים בני טהורים שנגזלו מחיק הוריהם בידי חיתו אדם והובלו בצאן לטבח, שנערפו והומתו במיתות משונות ונערמו ערימות ערימות בראש חוצות עוללים ויונקים, שנופצו אל אבני קיר ששומטו מחומות, שהושלכו חיים בשקים למצולות ימים ונהרות, שחייהם נקטפו באבם בידים אכזריות.

יזכר עם ישראל את טוהר הילדות וזיו הנעורים ואל ישכח את הרשע וארח הזועות כל זמן היותו חי עלי אדמות.

אל מלא רחמים

בורא ארץ ומרומים, אל נא תחשה לדם עמך ישראל השפוך כמים. המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה. במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע לאלפי נשמותיהם של ישראל, קדושים אנשים, נשים, ילדים וילדות, עוללים וטף, שנהרגו, נשחטו, ונשרפו חיים בידי הנאצים הצוררים והעריצים
בעירות מולדתנו

פיעסק ומוסט

כולם קדושים וטהורים.

יזכרם אלהים לטובה ובגן עדן תהא מנוחתם.
בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים ויצרור בצרור החיים את נשמותיהם – ה׳ הוא נחלתם והוא ינקום את נקמתם ויזכור לנו את עקדתם ויעמוד לנו ולכל ישראל זכותם.
ארץ אל תכסי דמם! בזכותם ישובו נדחי ישראל לנחלתם.

הרבנים

הרב הגאון והעלוי ר' צבי הירש קוויאט
הרבנית מרת קיילה
הבנים: יצחק, אשתו ובנם אשר
מאיר, אשתו נחמה ובניהם
משה, ברל, מוטל
וועלוול,
שמואל, אשתו רחל
הבנות: מרים ובעלה הירש ובנותיהם
אסתר שרה-לה.
ד"ר רבקה ובעלה ד"ר הרב אליעזר
ובנם מנחם
אסתר

הרב הגאון ר' יהושע בנימין דניאל
ואשתו הרבנית פעסל
הבנים: אברהם
שלמה
שלום ומשפחתו
הבת: חנה ובעלה הרב ובנם.

הרב הגאון

דבונקין

מת מות קדושים
לאחר התעוללות בו נזרק לתוך הנימן
לעיני בני הקהילה

ריבה אשתו

ושני ילדיהם

איזנמן

שמחה
טעמקע האם
פייבל הבן

איזנמן

ישׂשכר
אסתר האם
נח הבן
חאנע "
רייזל הבת
זינה "
סוניה

איזנמן

דובקע האם
אנצל הבן
פייבל "
חנה-מערקע הבת
יהודית "
נעכע "

איזנמן

פעשׂע בת למשפחת גוטמן
קופל בן

איזנמן

דב
גיטל האם
מערקע הבת
רחל "
נעכע "

איזנמן

לייבה
חסיה האם
מתתיהו הבן
מעטע הבת

איזנמן

יעקב
חיה האם
מתתיהו הבן
מעטע הבת

איזנמן

אליהו
חנה האם ושני ילדים

איזנמן

משה
אליהו בן
שיינה מעקע בת
שמעון בן

איזנמן

יהודה
פרומה האם ושני ילדים

איינשטין

דובקע האם
יואל הבן נפל בפרטיזנים
אשתו וילדיו

איינשטין

לייבע אחיו ומשפחתו

אברמיצקי

שמואל אמו ואחיותיו
ומשפחתו

איצקוביץ

אלטע אדעסעס
לאה הבת ובנותיה

אפשטין

ירוחם האב
מלכה אשתו מבית וליניצ'יק

אבילביץ

חנה ומשפחתה

אסטרינסקי

אסנע
משה
אדעס אשתו
זימל הבן
פייבל "
שמואל-חיים הבן
רותי הבת
בתיה "

איצקוביץ

אברהם האב
שיינה אשתו
אולה, הבת, ומשפחתה
זיידל, הבן ואשתו

אילוביצקי

שלמה האב
דבורה אשתו
שרפוה חיים
אליהו הבן ומשפחתו
הינדה הבת

אפשטין

מאטל האב
איטקע אחותו
הענ'יע האם
אהרן הבן

אפשטין

שמואל האב
חיים אחיו
ציפקע אשתו
באבעלע בתם
יוסף בנם

אפשטין

פסח ומשפחתו

אסטרינסקי גרשון נהרג בצבא האדום
אשתו וילדיהם

אסטרינסקי חנה-רחל
אסתר הבת
ביילה "

אסטרינסקי הירש
חוה אשתו וילדיהם
ליבע ומשפחתה

אורלין פריידל

אפרון בערל
ציפע אשתו וילדיהם

בורר

צדוק האב
פייגל אשתו
רייזל הבת

בורר

אהרן האב
שרה אשתו
ליישקע הבן
ינטה אשתו
חיים-הלל הבן
חנה אשתו לבית שפקביץ
ו-4 ילדיהם
קיילה הבת, בעלה
ו- 7 ילדיהם
ביילע, בת אחותו לבית צין
מנדל הופמן בעלה
חנה הבת עם משפחתה

ברוין

משה האב
פרל אשתו
מנדל הבן
פראדל אשתו
רחל הבת נשואה
חנן הבן

בוירסקי

יואל האב
רבקה אשתו לבית שבח דבורסקי
וילדיהם

בוירסקי
זלמן האח
ביילקע אשתו לבית קפלן
וילדיהם
פעשע אחותם ובעלה

בוירסקי
יקותיאל האב
אסנע אשתו וילדיהם

בוירסקי
לייבע האב
פרל אשתו לבית קפלן מוסטי
שמואל בנם נפל בפרטיזנים
נחה בתם

בינקוביץ
זיידל אשתו וילדיהם

בינקוביץ
משה ומשפחתו

בורנשטין
בוריס
שיינה אשתו לבית רייטמרד
ו- 5 ילדיהם

בורובסקי

מאיר האב
שרה אשתו
משה הבן
ברכה אשתו } מרוזנה
יצחק בנם
רייזל בעלה וילדיה
יצחק הבן נפל בצבא

בורובסקי

ברוך האב
חיה-אדעס אשתו
יואל הבן אשתו ובתם

בורובסקי

יצחק האב
גיטל אשתו
שמואל הבן
נחמה אשתו וילדיהם
יואל הבן
אטקע אשתו וילדיהם
משה שוחט הבן ומשפחתו

בורובסקי

לייבע האב נשרף חיים
חיה-זלדע אשתו
משה הבן ומשפחתו אשתו רחל
דבורה אשתו מבית ילין
וילדיהם.
דוד הבן
הבנות של משה זיסל ורבקה
אשתו של מרדכי פייגה
הבנות של מרדכי לאה ושיינה

באלאנסקי

מאיר
טשרנה האם
פייגל הבת
ובן

גוטמן

אהרן חתן לשמחה איזנמן
פימה האם
וילד

גוטמן

זאב
שרה-הינדה האם
העניע הבת
ניסן הבן
לייבל הבן
חאמקע הבת
מאטל חתן למשפחת גוטמן

גלפרין

יהודה
חנה האם
רייזל הבת
חיים הבן
שרה הבת
יוסף הבן ומשפחתו

דינעס

אברהם
מערקע האם
וילד

גולדין
יוסף אשתו ובנותיו

גודעס
ישראל ממיקלעשטשינע

גורודניק
אברהמע
מריאשע הבת
זיסל "
סימע "
שמואל הבן
משה " ומשפחותיהם
ליבל "

גרלובין
זלמן
זלאטע אשתו מבית קו״ט
מאיר הבן
יצחק "
חיינקע הבת

גלפרין
איטשע ואשתו

גלפרין
ירחמיאל ומשפחתו
ישראל אחיו ומשפחתו

גולדברג
חיים-שלמה האב
שרה-ליבע אשתו
בנימין-דוד הבן
שיינע אשתו לבית לב
בצלאל הבן
רוזה הבת

גלמבוצקי
חיים האב
מרי אשתו
יעקב הבן
רחל הבת

גלמבוצקי
יקותיאל

המשפחות:
רבקה
אברהם
צ'רנע
ישראל
חיים העניך
חמקע
אלטע

דוקסן

דוד איצקע
דובה אשתו

דנילביץ

יעקב-איסר האב
איטקה אשתו
שמואל הבן
שרה הבת
משה הבן
אילקע האח
בובטשע אשתו וילדיהם

דנילביץ

אלי-חאנע
בלומה אשתו
חנה-פייגל הבת
ריבל "

דנילביץ

חיים
זלדה אשתו
יוסף הבן
טייבל הבת

דומשביצקי

יצחק

דומשביצקי

אהרן
רבקה אשתו
וולפע הבן
חנה "

וינקור

ארטשיק
שיינע אשתו
אבא הבן
שלמה "
משה "
בנימין "

וינקור

דניאל
לאה אשתו
לייבל בנם הרב
משה " נהרג ע"י הצבא הפולני
זלמן "
בנימין "
שלום "
רותי בתם

וינקור

חיינקע האם
גימפל הבן
ביילקע אשתו מבית וגד
וילדיהם

דניאל הבן
לאה אשתו מבית וגד
יעקב הבן
משה
חיה אשתו מבית פרי ובנם
לייבל הבן נפל בפרטיזנים
חייקע הבת ובעלה מרדכי

וינקור לייבע ומשפחתו

וינקור יענקל
זיסל אשתו וילדיהם

וינקור פיניע אשתו וילדיהם

ונד לייקע

וינשטין נאטע ומשפחתו

וינשטין יהודה ומשפחתו

וינשטין מאטע
מאשא אשתו
ניסל הבן
חנה הבת ומשפחתה

וינשטין ברוך
ביילקע אשתו והילדים

וינשטין זליג ומשפחתו

ונד יענקל-לייזער
לייקע אשתו
תמרה הבת
מוטע הבן

ונד ראובן
פייגל אשתו וילדיהם מבית ונד

ונד שיינע-שרה הדודה

ויינר אברהמקע ואשתו
מיכל הבן נהרג בצבא הפולני
מַשַׁה הבת

ונד ארטשיק אשתו וילדיהם

ונד אהרן-שֶׁפּי " "

ונד יונה

ונד אלי

ונד ידידיה ומשפחותיהם

וולושטש זליג
באבל אשתו וילדיהם

וולושטנסקי לייבע ומשפחתו

ונד

אשר
שמואל-שלמה בנו
חנה אשתו
וועלוול
בנימין-משה
יוסף
ברל
שיינקע הבת ומשפחתה

ונד

פייבל ומשפחתו

ונד

חיים ומשפחתו

וינשטין

אברהם
ביילע אשתו ומשפחתם
חיים-לייב
גיטל אשתו ומשפחתם
ברוך ומשפחתו
יצחק "
ירחמיאל "
מוטקע "

וולושטשנסקי

זיידל
פריידע אשתו וילדיהם

וורניק

ומשפחתו

ונד יירשל
שיינקע אשתו וילדיהם

ונד מֵשקע ומשפחתו

ורהפטיג גולדה האם
גולדה הבת ומשפחתה
דניאל
יענטע אשתו
וילדיהם מבית מורשטין

ולר יעקב ומשפחתו

וינשטין רפאל-אהרן
מלכה אשתו
לייטשע הבת ומשפחתה
סילקע הבן ומשפחתו
יצחק הבן

ורניק רֶעשקע ומשפחתה
ורניק רַאשקע "

ורשבסקי

אברהם-משה
חנה אשתו

ילדים:
שמואל
פרל אשתו
גיטל בת
פִירָה "
דוד בן
פרומה
לידסקי בערל בעלה
חיים בן
שרה בת

ורשבסקי

חיים
באשע אשתו מבית שיבובסקי
זליג נפל בחזית הצבא האדום
אסתר הבת
שפרה "

וינקור

באניע

וינקור

חיים
איטקע אשתו
וילדיהם

וינקור

שמעון
חיה-שרה אשתו מבית ונד
וילדיהם

זלוטניצקי

מאיר
אסתר-לאה אשתו
שלמקע הבן
הינדע אשתו מבית רובין
חיים-קע הבן
ישראל האח
נחום "

זוקובסקי

שמעון ואשתו

זשצ'ינסקי

יונה ומשפחתו

זלקין

צבי ולאה אשתו

דינס

אלטר
העניע האם
סוניה בת ובעלה
שיינה "
מיישל בן

זקין

משה
רחל האם
דביירה בת ומשפחה
חסיה " "
פסיה " "
חנה "
רבקה "
באשל "

זוקובסקי

אסתר
ברוך
שיינה-ריידל האם
דובקע בת
מאיר חתנם וילדיהם

זוקובסקי

שיינה-חיה האם
רבקה בת
דובקע "
שרה "
פערל "

זוקובסקי

ליבע
בערל בעל אח
בלומה אחות

זוקובסקי

באשה האם
צירל בת
משה בן
דבורה בת
ציפה "

זוקובסקי

שמעון
שרה-דבורה האם
ציפה בת
דבאשקע "

משה דוד ראש המשפחה
לאה האם ו-2 ילדיהם

יעלינוביץ

בצלאל ראש המשפחה
אסתר האם
שרה בת

יעלינוביץ

חנה ליבה האם
טעמע בת
ברל בן ומשפחתו
יוסף "

זוקובסקי חונע
מילע אשתו

חינצינסקי

הספר
הנה אשתו ומשפחתם
בנם, אחד נפל בפרטיזנים

חילר

חייה-גרונה ומשפחתה

חזנובסקי

עטקע והבנות:
לאה
דבורה
אסתר
ליבע

יוגל

מרדכי־געציל
אסתר אשתו
גיטל הבת ובנה
אברהם הבן נפל בפרטיזנים
לייזר הבן
מילה הבת

יוגל

רייזקע

יענקל דער שטעפער ומשפחתו
איטשע לייב אחיו ומשפחתו

ינטשוק

חיים
ביילע אשתו
מאשה הבת
רייזל הבת ומשפחותיהם
מיירים הבן
גדליהו

ילין

אברהם
זישקע אשתו
באשקע הבת ומשפחתה
יעקב הרב בנם הבכור
אייזיק הבן
איידלע הבת ומשפחתה

ילין

פייגה־לאה האם
אברהם הבן

ילין

ראובן
שרה אשתו
חיה הבת
ליבע "
גיטל "

יוסעלעביץ

רפאל ומשפחתו
בן אחד נפל בפרטיזנים

ילין

יצחק יעקב
סימה אשתו

ינטשוק

ישראל
חנה-פעשקע אשתו מבית דנילביץ
מאשא הבת

כגן

משה ראש המשפחה
רייזל בת מבית קפלן אברהם-יצחק
בעניע בן

כגן

טוביה ראש המשפחה
דובה האם
אברהם בן
זעלדה בת בעלה ו-3 ילדים

ליסובסקי

יעקב ראש המשפחה
מילה האם ומשפחתה

ליסובסקי

שמואל אח ומשפחתו
חנה-פייע אחות ומשפחתה
שיינה "
בונה "
דבורה "
ציפה " ומשפחתה
חייקל אח ומשפחתו
אברהם " "
לייבה " "

מדלינסקי

שרה האם
דובקע בת
מירה "

כץ

באשקע וילדיה
חיים הבן נפל בפרטיזנים

ליסובסקי

שמואל
באבל אשתו מבית וינקור
וילדיהם
ריבה אחותו ומשפחתה
מאיר ואשתו
ובנם חיימקע

לב

אהרן
איטקע
לייזר הבן
ובנותיו רחל
מלכה
זיידל הבן ומשפחתו

לב

זיידקע הרבי נשרף חי
שאשע אשתו
גענעשע גיסתו

לב

יהושע ומשפחתו

לב
יואל
רבקה אשתו
פיגה הבת
שלמה הבן
ברײנה הבת

לב
איסר
ביילע אשתו וילדיהם

לב
שעפסל
לאה
וילדיהם

לב
אברהם ומשפחתו

לב
שלמקע ואשתו
ראובן בנם ומשפחתו

לב
מנחם-מענדל
וועלע אשתו וילדיהם
דוד-ליב הבן
חיים "
ראובן "
פייבל "
ומשפחותיהם
משה
באצנקע הבת ומשפחתה

לב

יונה
מנוחה אשתו

לב

אברהם-קע

לב

מיישקע
באשקע אשתו
טוביה הבן
שרה אשתו מבית פוקסמן

לב

משה
מירל אשתו וילדיהם

לוין

ירמיהו
מאשא אשתו מבית ונטשוק
וילדיהם

לוין

שלום ומשפחתו

לוש

טודל ומשפחתו

לוש

אברמל ומשפחתו

לב

יעקב-אהרן
לאה אשתו
שלמקע בנם ומשפחתו

ליב

אברהם
בלהה אשתו מבית ונד
וילדיהם

ליב

מוטל
באבטשע אשתו מבית שבח
ובנם

נרדובסקי

זליג
מרי הבת
בצלאל הבן
פרומה אשתו מבית קפלן

ויתר בני המשפחה

נוביק

גדליהו ומשפחתו

מורשטין
יוסף
באשקע אשתו מבית ציכיבסקי
דוד בן

חאשקע ובעלה איטשע מאיר
ובנם יעקב מבית ציכובסקי

מורשטין
ביילקע אחות יוסף מורשטין
אהרן בעלה
אסתר בת
דינה "
יצחק בן

מורשטין
שפרה בת ר' לייבע-בער
והילדים

מורשטין
לייקע
קופל הבן ומשפחתו

מורשטין
זליג ואשתו
שלום
לוטי
מולע
מאיר
יודל
אברהם מישקע
ומשפחותיהם

מרמינסקי

שרה-רבקה וילדיהם
פיגל ובעלה חיים השוחט
וילדיהם
שרה ומשפחתה

מלקביצקי

הענק-וועלוול
ריבה-מירל אשתו
דבורה בת
שרה "
רחל "
ישראל בן
באבל אשתו מבית וינקיר
ובנם
משה בן נפל בפרטיזנים
מוטקה חיים גרשנס ואשתו

מנדילביץ

יהושע
גניעשע אשתו
לייבע הבן
אשתו
מלכה הבת
נחמה "

סטולוביצקי
ניסן ומשפחתו

סדברובסקי
אליהו-מיכל
לייקע אשתו
פרץ הבן
באבטשע אשתו
וילדיהם

סרפין
מאיר
עטקע אשתו
פיגל הבת
